STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10577

ALE VERK

David Bergelson

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד בערגעלסאָן

אַלע ווערק

פארלאג
איקוף
בוענאס איירעס

David Berguelson

OBRAS COMPLETAS

TOMO II

Copyright 1961 by Editorial ICUF, Buenos Aires
Queda hecho el depósito
que previene la ley 11723

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

דוד בערגעלסאָן

אַלע ווערק

באַנד 2

* דער טויבער א״א דערציילונגען
* אָפּגאַנג



ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן

דער טויבער

אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט

יוסף שור

דרויב

דער לעצטער ראש-השנה

יורדים

דער טויבער

I

אין אָנהייב האַרבסט איז עפּעס ווידער פאַרגעקומען צווישן מענדלען, וואָווע ביקס ווּקסיקן און שייגעם בחור, און צווישן אסתרן, דעם טויבנס צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקער מיידל, וואָס איז אַ קעכן ביים ביק געווען. מען האָט וועגן דעם גערעדט אין שטאָט ביי די מאַרק־קלייטן און ביי וואָווע ביק אין דער גרויסער בייטל־מיל, ווו דער טויבער האָט אומעטום געשטופּט זיינע אָנגעשטרענגטע פאַרשטאָפּטע אויערן און געקוקט מיט חשד אויף יעדן מענטשן, וואָס האָט נישט וויים פון אים אַ שמייכל געטאָן, און דאָך איז אים אַ שטיק צייט נישט געראָטן אַ וואָרט כאַפּן.

מענדל האָט זיך נאָך אַלץ פריילעך געווערטלט מיט יונגעלייטלעך מוכרי־תבואהניקעס, וואָס האָבן אין מיל ווייץ געבראַכט, און זיי מיט אַן עלנבויגן אין דער זייט געקיצלט:

— הער נאַר, דו, ווייסט, וואָס מאַקס נאַרדוי זאָגט?

און געמיינט האָט ער דערמיט, ווי אַלעמאָל:

— דו ווייסט, וויפיל איז אין אַ רובל פאַראַן קאָפּיקעס?

ס'איז אויף אים גאָרניט קענטיק געווען.

אַליין איז ער ניט לאַנג מיט נייע גלאַנצעדיקע שטיוול פון דער קרייז־שטאָט געקומען און, אַרומדרייענדיק זיך אין מיל־הויף, זיך אין זיי געשפּיגלט. אַלעמאָל האָט ער דאָרטן אָפּגעשטעלט דעם יונגן מילנער, שולצן, און צו אים געוונקען:

— ווי געפעלן זיי דיר, מײַנע שטיוול, אַ?

און שולצן, דעם ערנסטן דײַטש, איז נישט נמאָס געוואָרן אַלע מאָל כורעים פאַלן און די נײַע שטיוול אויף מענדלס פוס גלעטן.

אַזאַ גרויסן געפיל האָט שוין שולץ אָט אין די גלאַנצעדיקע שטיוול געהאַט, און אַזאַ אײַזערנער יצר־הרע איז שוין אין אים פון טאָג צו טאָג צו זיי געוואַקסן.

ער האָט זיך אַפילו נישט געפוילט אָט דאָ אויפן אָרט בײַ מענדלען אַ שטיוול אַראָפּשלעפּן און אים אויף זײַנעם אַ פוס אָנמעסטן.

דאָס אַלץ האָט דער טויבער געזען דורכן פענצטער פונעם העכסטן מיל־שטאָק, ווו ער האָט דעמאָלסט בײַ דער הייב־מאַשין געאַרבעט, געזען בגנבה און זיך אַלעמאָל אַרומגעקוקט, צי עמעצער אַן אַרבעטער קוקט אים נישט נאָך.

אסתר האָט אַלע טאָג מענדלען עסן פון שטאָט געבראַכט. נאָכדעם האָבן זי שולץ מיט מענדלען מיט די אויגן פון מיל־הויף אַרויסבאַגלייט; מענדל האָט געשוויגן און פאַרקלערטערהייט צוגעשמייכלט און שולץ, דער מילנער, האָט אויף אסתרס פּלייצעס געוווּנקען און מענדלען דווקא אויף אַ מיאוסן מקום געקיצלט. און האָבן דאָס ערגעץ־ווו אַרבעטער פון מיל דערזען, אַזוי האָבן זיי באַלד שוין אַלע די מיל־פענצטער באַקלעפּט:

— אַנו לאָז, לאָז נאָר.

אים, דעם ברייט־בייניקן טויבן מיטן איבערגעשראָקענעם, אָנגע־שטרענגטן פּנים, האָט דאָס אַזוי געשטאָכן און אַזוי שטאַרק האָט זיך אים געוואָלט וויסן וועגן וואָס די אַרבעטער לאַכן. איז ער אָבער מוראָדיק טויב געווען און געשעמט האָט ער זיך שוין פאַר יעדער מענטשן און פאַר זיך אַליין, קיינעם אין די אויגן נישט געקאָנט קוקן און אַלץ געטראַכט וועגן מענדלס און שולצעס בשותפותדיקער עבירה, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט מיט אַ טראָגעדיקער פּויערשער מיידל פונעם נאָענטן דאָרף ריצגיצע.

זיי האָבן דאָך טאַקע דעמאָלט דאָס פּויעריש מיידל ערגעץ אויף אַ צײַט משלח געווען.

נאָכדעם האָט אים איינמאָל אין אַ ווינקל געטראָפן יוסעלע באַבצים, דער אויסגעדאַרטער כפול־שמונהדיקער מיל־נאַמן, און צו אים עפּעס לאַנג אין אַ טויבן אויער אַרײַנגעשריען. ער האָט געהערט אַ וואָרט איבער ציינער און דאָך האָט ער צו יוסעלען אַלעמאָל מיטן קאָפּ געשאָקלט.

— יאָ, יאָ, ער הערט.

אַזאַ שעמעוודיקע טבע האָט ער, דער טויבער, שוין געהאַט, געשאָקלט צו מענטשן מיטן קאָפּ און זיי פאַרזיכערט.

— יאָ, וואָס־זשע דען, ער הערט נישט?

צוויי וואָכן כסדר האָט ער יוסעלעס אָפּגעריסענע ווערטער ביי זיך אין טויבן קאָפּ געהאַלטן און ערשט נאָכדעם די מעשה אָקאָרשט אָנגעהויבן פאַרשטיין:

אַ מעשה מיט צוויי אָפּגעזאָגטע מיל־אַרבעטער, וואָס האָבן מענדלען געוואָלט אויספּאַטשן און אין די פינצטערע אָוונטן אַרומגעשנאָרעט דאָרטן, לעבן ביקס שטוב. האָבן, הייסט עס, אַט די צוויי אַרבעטער עפּעס באַ־מערקט... ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווסט, וואָס די אַרבעטער האָבן באַמערקט, אָפּגעשטעלט יוסעלען לעבן מיל און צו אים מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן:

— וואָס זאָל דאָס טאַקע באַדײַטן, אַט די מעשה מיט מענדלען און מיט אסתרן?

דאָס האַרץ האָט דעמאָלט אונטער זײַן ברייט־ביינערדיקער ברוסט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, און געאָטעמט האָט ער מיט לאַנגע, שווערע אָטעמס, ס׳איז אים געווען אַ בזיון פאַר יוסעלען.

— זי האָט אים ליב, האָט צו אים יוסעלע אויפן טויבן אויער גע־שריען, זי אסתר, האָט אים, דעם ביקס בחור, ליב.

— זי האָט אים ליב? האָט ער ביי יוסעלען שטיל איבערגעפרעגט.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער אויסגעדאַרטער כפול־שמונהדיקער יוסעלע שטיפט, האָט ער דאָס מויל געעפנט און געלאַכט:

— הע, הע, הע...

קיין קול האָט מען פון אים נישט געהערט, נאָר אַ מאָדנע ווילדן ברום, וואָס האָט זיך געריסן פון זײַן פאַנאַנדערגעצויגענעם מויל. זײַנע בלײַ־קאָ־לירטע אויגן האָבן געקוקט אַזוי שפּאָטיש און משוגה. ערשט נאָכדעם, ווען ער האָט באַמערקט, אַז יוסעלע רעדט ערנסט, האָט ער גענומען ריידן אויף זײַן טויבן אָפּגעריסענעם שטייגער, מאַכנדיק נישט קיין אויסנעאָר־בעטע האַוואַיעס מיט איינער אַ קײַלעכדיק אײַנגעבויגענער האַנט און רײַסנדיק מיט גוואַלד איינציקע ווערטער פון זײַן ברייט־ביינערדיקער און קרעפּטיקער ברוסט:

— אַט זאָל זי ביי אים, דעם טויבן, אַ פרעג טאָן... ער קאָן זיי דאָך אויסגעבונדן, דעם ביק מיט זײַן בן... אַ שפּילכל?! צוואַנציק יאָר אַרבעט ער שוין ביי זיי אין מיל.

— און זאָל שוין יוסל זאָגן, ער ווייסט דאָך, אַ?

יוסעלע האָט מיט זײַן באַזאַפּטיק קעפּל געשאָקלט:

— ער ווייסט. פאַרוואָס דען זאָל ער נישט וויסן?

און אים, דעם טויבן, האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט געוואָרע ווערן, וואָס זאָגן דערויף מענטשן, געזונטע, נישט קיין טויבע מענטשן. ער איז געגאַנגען אויפן וועג פון מיל און צו זיך אַליין מיט די הענט געמאַכט.

— אָט, ווען אין ביידע זײַטן פון זײַן גרויסן קאָפּ הענגען נישט, ווי צוויי שמאַטעס, קיין צוויי גרויסע און טויבע אויערן, וואָלט ער כאַפּן דאָ אַ וואָרט און דאָרטן אַ וואָרט.

אין זינען האָט ער געהאַט אַרײַנגיין אַמאָל צו איר אַהין, צום ביק אין קיך, און איר דאָרטן אַ נויטיק וואָרט זאָגן, נאָר פּונקט אין יענער צײַט האָט זיך מיט אים אַליין דער וויסטער אומגליק געטראָפן. ס'איז אים שוין, אַפּנים, אַזוי געווען באַשערט.

II

געשטאַנען זײַנען דעמאָלט קורצע און וויינענדיקע חשון־טעג.

נאַריש פּאַרמרה־שחורהטע הימלען האָבן געמאַכט פּיסקעס און גע־וויינט, אויף דער נאַסער און שוואַרצער ערד קוקנדיק, כביכול אַ גוסס באַקלאָגט:

— ווי איז אונדז... וואָס איז פון דיר געוואָרן...

און דאָרטן, אין איינזאַמען טאָל, וואָס אַרום דער שטאָט, האָבן שוין בײַם ביק אין מיל אַ קײַלעכדיקן מעת־לעת די עלעקטרישע לאַמטערנעס געברענט, זיך טאָג און נאַכט געלויכטן אין טיפּעניש פונעם גרויען נעפּל און ווי אויסגעמאַטערטע געלע אויגן געוווּנקען צו דער נאָענטער חשונדיק־געפאַלענער שטאָט:

— מיר מאָלן מעל... מיר מאָלן מעל...

אין פײַכטן נעפּל איז די פּירשטאָקיקע מיל אײַנגעהילט געווען. רויִק, ווי פאַרקלערט, האָט זי געברומט איר אורעלטן מאָנאָטאָנישן ברום און זיך געטרייסלט צוזאַמען מיט אירע פערציק מענטשן אַרבעטער. צווישן גערויש און טומל האָבן מענטשן געאַרבעט מעכאַניש און ערנסט שטום, ווי די מאַשינעס און רעדער, וואָס האָבן זיך אַרום זיי געדרייט, נישט גערעדט און נישט געקלערט, גלײַך ווי בײַ זיי אין מוח וואָלטן געלעגן די גרויסע גענאַקטע מיט ווייץ מיל־שאָפּן און בײַ זיי דעם שכל אָפּגענומען:

— די שאָפּן זײַנען אַזוי ענג מיט ווייץ געפּאַקט... אַ ברירה האָבן זיי? מען מוז מאָלן!

נאָר זעלטן־ווען האָט דער מיל־גערויש אַ פּלוצלינגען ציטער געטאָן און זיך מיט אַ טרויעריקן בת־קול דורכגעשניטן:

— סטאָפּ!... סטאָפּ!...

נאָר קיינער האָט זיך אויף דעם נישט אָפּגערופן, און געדאַכט האָט זיך שוין, אַז דאָס בת־קול איז אַ ווײַטס און פאַרלוירנס, פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַהער, אין אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט, זוכט עמעצן און קען נישט געפינען.

אַ באַרוועסער מיט אַ גלײַכגילטיקן שטויביקן פּנים איז דער טויבער געזעסן אין דער אָנגעלאָדענער הייב־מאַשין און זיך אַראָפּגעלאָזן פונעם פערטן שטאָק. עמעצער האָט פאַרבײַלויפנדיק עפּעס אויף דער הייב־מאַשין באַמערקט און געגומען שרײַען מיט שרעקלעכע און ווילדע קולות:

— שטעלט אָפּ! שטעלט אָפּ!

בײַם טויבן אין הארצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, געשווינט אַרײַנגעגאָסן זיך אין מוח און דאָרטן אַ בליץ געטאָן מיט אַן איבערגעשראָקענעם געדאַנק:

— די שטריק... די שטריק האָט געפּלאַצט.

מיט אַ נערוועזער שנעלקייט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דער איבערגעבליבענער גאַנצער שטריק. ער האָט זיך אַזש אָנגעהויבן וווּנדערן:

— צי דען וועט ער אין אמתן פון אַזאַ הויכקייט אַראָפּפאַלן?!

נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט אים שוין מיט כוח אַ שלײַדער געטאָן אין אַ זײַט. ער האָט געפילט, אַז ער פאַלט, און דאַך האָט זיך אים געדאַכט, דאָס עמעצער באַדויערט אים און שעפּטשעט אין איינעם פון זײַנע טויבע אויערן:

— צו שפּעט... צו שפּעט...

קיינמאָל האָט ער, דער טויבער, אַזאַ שטיל קול נישט געהערט, זיך איבערגעשראָקן און צוגעשלאָסן די גרויסע בלײַ־קאָלירענע אויגן.

שפּעטער, ווען ער האָט די אויגן צוריק געעפנט, זײַנען שוין אַרום אים געשטאַנען פיל שטויביקע אַרבעטער, זיך אָנגעבויגן צו אים און געשריען אין זײַנע טויבע אויערן.

— ווו, ווו טוט וויי?

מיט אַ בלאַסן, כמעט טויטן פּנים איז ער אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן און אַפילו קיין כוח נישט געהאַט אָנצווײַזן אויף דער פאַרווונדעטער לאָפּעטקע און העכער, אויף דער זײַט.

נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעטראָגן אין זײַן קליין שטיבל, וואָס אין שמאָלן קלויז־געסל. דער טאַנדעטניק מיט דער טאַנדעטניטשקע, וואָס האָבן בײַ אים אין די צוויי חדרים געוווינט, האָבן נישט געלאָזט מען זאָל אים

בײַ זײ ליגן, האָט מען אים געלײגט אין אַלטן הילצערנעם בעט, וואָס אין קיך.

דער צוויי־פּנימדיקער יוסעלע באַבציס האָט בײַ זיך אין באַזאָפּטיקן קעפּל נאָך אַלץ חנופהדיקע המצאהלעך געהאַט:

זיך פּאָר מענדלען אין די אויגן אַ מבטלדיקן קראַץ געטאָן און די מעשה מיטן טויבן צונישט געמאַכט:

— אַן אומגליק אַ גרויסער... דער רוח וועט אים נישט נעמען, דעם טויבן.

און נאָכדעם געקומען צום טויבן אין קיך און אין זײַנע אויערן געשריען:

— וואָס־זשע? געזונטערהייט האָט ער געקלערט פון ביקס ידים אַרויס?

און צוליב וואָס האָט אים אָט דער צווייענדיקער חנופה־גאַנג גענוצט?

אים אַליין האָט דאָך שוין אַמאָל דער ביק חושד געווען אין אַ מיאוסער גנבה. איינמאָל אום ווינטער האָט ער אים אַפילו אַראָפּגעשלײַדערט מיט אַלע כוחות פון די שטיינערנע מיל־טרעפּ, אַזוי, אַז ער, דער אויסגע־דאַרטער יוסעלע, האָט זיך אויף טויט איבערגעשראָקן, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שפּיציקן בלוט־פליסנדיקן נעזל און געכליפּעט ווי אַ ייִדענע:

— אוי!... מײַן קאָפּ!... ער האָט מיר דערהרגעט, מײַן קאָפּ...

אפשר האָט זיך אים אַליין שוין אויך אײַנגעגעסן דאָס חנופהדיקע לעבן, און געוואָלט האָט ער שוין זײַן לײַטישער און אמתער, נאָר נישט געקאָנט און כאַטש געפונען פאַר נויטיק דעם טויבן אַ גוט וואָרט זאָגן:

— ס׳וועט אים גאָרנישט זײַן, לחלוטין גאָרנישט. ער דאַרף זיך נאָר איבערליגן, די לאַפּעטקע מיט דער ריפּ אויסוואַרעמען.

האָט אָבער דער טויבער קיין חכמות נישט פאַרשטאַנען און מרה־שחורהדיק נאָכגעשאָקלט:

— גוט, גוט. ער וועט זיך איבערליגן.

אַליין האָט ער שוין, דוכט זיך, נישט געקלערט, נישט וועגן לעבן און נישט וועגן טויט, געלעגן אין בעט מיט אַ גלײַכגילטיקן און בלאַסן פּנים און זיך אַלץ נישט געקאָנט מסיח־דעת־זײַן פונעם אומעטיקן געדאַנק:

— אַראָפּגעפאַלן... פונעם פערטן שטאָק אַראָפּגעפאַלן.

ס׳איז אים שוין, דוכט זיך, אַלצאיינס געווען, צי ער וועט אַמאָל פונעם בעט אויפשטיין, צי ניין.

נאָכדעם איז איינמאָל צו אים געקומען אסתר, געקומען אַ שלאַנקע און פרישע מיט אַ נײַעם און שוואַרצן האַרבסט־רעקל און נאָך מיט נײַערע

און שוואַרצערע ערנסטע אויגן. אַ ווײַלע איז זי לעבן זײַן בעט ערשטוינט און פאַרחלומט געשטאַנען, זיך אַפילו געהאַלטן מיט אַ פינגער פאַר דער געמבע און אים פאַרקלערטערהייט באַדויערט.

— אַ תכלית, אַ שיינער תכלית איז פון דיר געוואָרן.

זי האָט זיך אײַנגעבויגן צו אים, אַפּנים געוואָלט עפּעס אַרײַנשרײַען אין זײַן טויבן אויער, נאָר זיך נישט אײַנגעהאַלטן און זיך פאַנאַנדערגע־וויינט אויפן קול. דעם קאָפּ האָט זי אַלץ טיפער און טיפער אײַנגעגראָבן אין די שמאַטעס, וואָס לעבן זײַן ברוסט, געכליפּעט און געוויינט. אוממעג־לעך איז געווען צו וויסן וועמענס אומגליק זי באַוויינט: זײַנעם, דעם צו־בעט געפאַלענעם טויבנס, אָדער גאָר איר אייגענעם, דעם געהיימען און אומבאַקאַנטן, ווי יענע פינצטערע האַרבסט־נאַכט, וואָס אין איר האָבן די צוויי אַפּגעזאָגטע אַרבעטער לעבן ביקס שטוב אַרומגעשנאָרעט און עפּעס באַמערקט.

דער טויבער האָט געקוקט אויף איר מיט זײַנע גרויסע בלײַ־קאָלירענע אויגן און געוואָלט זאָגן עפּעס אַ נויטיק, זייער נויטיק וואָרט. אַ מטוש־טשדיקס און פאַרמלאָזעס האָט דאָס וואָרט לאַנג אַרומגעשוועבט אין זײַן קאָפּ:

— יאָ, דער עיקר: זאָל איר דער קאָפּ אין דער לופט נישט פליען, אָ!

ער האָט שוין אַפילו געהאַט דאָס מויל געעפנט און אַ האַנט אויסגעבויגן. נאָר אסתר איז שוין פונעם בעט אויפגעשטאַנען און גענומען דאָס האַרבסט־רעקל פאַרקנעפּלען. זי האָט פּאַמעלעך און טרויעריק מיטן קאָפּ געשאָקלט, מרה־שחורהדיק אָפּגעזיפצט און אַפילו אַ ייאושדיקן טשמאָקע געטאָן מיטן מויל, גלײַך ווי זי וואָלט מיטן טשמאָקע וועלן זאָגן:

— אויך אַ טאַטע... משטיינס געזאָגט... וועמענס עצות זי וועט דאָ אויסהערן.

טאָג און נאַכט האָט שוין נאָכדעם געגאָסן דער רעגן, געגאָסן אַ רעגלמעסיקער און סתם פאַרעקשנטער, גלײַך ווי עמעצער וואָלט אים בעטן, ער זאָל אויפהערן און ער וואָלט נישט פאָלגן און אויף צו להכעיס זיך חזרן:

— וויל איך אַזוי... וויל איך אַזוי... וויל איך אַזוי...

ברודיקע האַרבסט־טרערן זײַנען גערונען איבער די נאַסע פאַרבלאָזע שויבן, זיך געשלענגלט פּאַמעלעך און פויל און ענדלעך אײַנגעזונקען אין די אײַנגעהויקערטע און נאַסע קיך־ווענט.

ווער האָט די טרערן באַדאַרפט?

אַלץ איז אַרום געווען אַזוי ברוגז און בייז, אַפילו דער אײַנגעהויר־קערטער און אָפּגעקראַכצנער באַק־אויוון, וואָס האָט דעם טויבן טאָג און נאַכט גלײַך אין פּנים געקוקט.

אַזוי שטום איז אַרום געווען. דעם טויבן איז אַזש אַ חידוש געווען:

— פלעגט ער דאָך אַמאָל דערהערן, ווי בײַם טאַנדעטניק קלאַפּט די נײַ־מאַשין.

גאַנצע שעהן איז ער געזעסן אויפן בעט מיט אַראָפּגעהאַנגענע פּיס, אַ מרה־שחורהדיקער און שווײַגנדיקער און געוואָרפן בקשה־אויגן אויף דער טאַנדעטניטשקע, וואָס איז אַלעמאָל אין קיך אַרײַנגעקומען און זיך אין באַק־אויוון מיטן נאָסן האָלץ געפּאָרעט.

אַזאַ קלייניקייט האָט ער זי געהאַט צו בעטן, און דאָך האָט זיך זײַן בלאַס אויסגעמאַטערט פּנים, ווי בײַ אַ בעטלער פאַרקרימט:

— אַט ווען זי וויל נאָר אַ פּאָר ווערטער צו אים אין טויבן אויער אַרײַנשרײַען, וואָלט ער הערן אויף וויפיל ער איז טויבער געוואָרן.

איז אָבער די טאַנדעטניטשקע אַזאַ פאַרשאָלטענע שלאַנג געווען. אַלעמאָל איז זי לעבן זײַן בעט דורכגעגאַנגען, זיך אַפילו אָנגערירט אָן זײַנע אַראָפּגעהאַנגענע פּיס און אַפילו איינמאָל אים נישט מזכּה געווען מיט קיין בליק. אַזאַ שלעכטע איז זי שוין געווען, אָט די אײַנגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע, און איר אויפמערקזאַמקייט האָט ער שוין נישט געקענט צו זיך צוציען אַפילו מיט זײַן בעטלערשן פאַרקרומטן פּנים.

אָט, ווען ער שטעלט איר אַ פיסל אונטער און פאַרהאַלט זי לעבן זיך, וואָלט זי אַזש אַ ציטער געטאָן פאַר שרעק און וואָלט זיך געחידושט:

— זע נאָר, ער לעבט נאָך, דער טויבער?!

ס'האָט אים פאַרדראָסן אויף דער טאַנדעטניטשקע, האָט ער שוין אויף איר מיט בייזע אויגן געקוקט און פאַר כעס עפּעס אונטערגעברומט. אַזוי פלעגט ער אַמאָל בייז קוקן און אונטערברומען אויף זײַן ווײַב לאה. זי פלעגט זיך דעמאָלט אויף צו להכעיס אין די קליידער שלאָפן לייגן, און ער פלעגט דערפאַר די שיסל געקעכץ פונעם טיש אַ כאַפּ טאָן און זי מיט אַמאָל אויף דער ערד אַ שלײַדער טאָן.

אסתּר איז איינמאָל אַרײַנגעקומען און זיך לאַנג געקריגט פאַר אים מיט דער טאַנדעטניטשקע, און ער איז געלעגן אין בעט, גאָרנישט געהערט און שוין ווידער געטראַכט וועגן יענעם ערנסטן און וויכטיקן וואָרט, וואָס ער האָט זײַן אסתּרן באַדאַרפט זאָגן, דאָס וואָרט האָט זיך לאַנג בײַ אים אין טויבן קאָפּ געדרייט און ענדלעך אַרויס אַ ווייכס און נאַרישס, נישט דאָס, וואָס ער האָט געקלערט:

— אָ, זעסטו, ווען זי, דײַן מאַמע לשלום, לעבט...

ארויסגעזאָגט האָט ער דאָס אַזוי הארט און שווער, און דאָך האָבן זיך שוין זײַנע אויגן באַלד אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין און פאַר איר, דער שלאַנקער און אויפגערעגטער, וואָס האָט שוין נישט געדענקט ס׳אַר׳אַ פּנים איר יאָרנלאַנג געשטאָרבענע מוטער האָט געהאַט. זי האָט אויף אים מיט אַזאַ וואונדער געקוקט, גלײַך ווי זי וואָלט בײַ אים ווע‌לן פרעגן:

— צו וואָס נוצט זי איר איצט, אַט די געשטאָרבענע מאַמע, וואָס אויפן אַלטן בית־עולם?

זי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיקל פּוטער־געבעקס און אים געגעבן. האָט ער דאָס פאַרזוכט, דערפילט דעם געשמאַקן טעם און גענו־מען דאָס אַרומקוקן:

— דער ביק ווייסט, וואָס גוט איז.

און פּלוצים איז דער געדאַנק, מיט וועלכן ער האָט זיך לאַנג אַרומ־געטראָגן, אויסגעפּורעמט געוואָרן אין די נויטיקע ווערטער:

— ס׳איז קרום... אַט דאָס, וואָס די אַרבעטער האָבן דעמאָלסט בײַנאַכט געזען...

— און וואָס נאָך? ער גלויבט זיי נישט, נישט דעם ביק און נישט דעם בן זײַנעם. ער גלויבט זיי לחלוטין נישט.

III

מיט די ערשטע פרעסט האָט אים דער ווייטיק אין דער זײַט און אין דער לאָפּעטקע אָפּגעלאָזן. די קיך־פענצטער זײַנען שוין געווען פאַרבלאָזן מיט שניי, און בײַ דער טאַנדעטניטשקע אין אויוון איז דאָס האָלץ נאָך נאַסער געווען. ס׳איז אים געווען קאַלט, האָט ער אַרויפגע־שלעפּט אויף זיך די שטיוול, אָנגעטאָן דאָס וואַטענע לײַבל, זיך הארט צוגע־גאַרטלט מיטן רויטן גאַרטל און אַפילו אָנגערוקט דאָס אויסגעפּליקטע שמויסענע היטל איבער די טויבע אויערן. דער טאַנדעטניטשקע איז אַזש אַ חידוש געווען:

— וואוהין? וואוהין גייט ער דאָס, דער טויבער?

— אין קלויז, האָט ער איר מרה־שחורהדיק און שטיל אָנגעוויזן, ער גייט זיך אָנוואַרעמען... אין קלויז.

די טאַנדעטניטשקע האָט עפּעס אויף גיך מיטן מויל געמאַכט. אפשר האָט זי אים געשאָלטן. ער האָט נישט געוווּסט און זיך געגאַנגען זײַן וועג.

אין קלויז האָט אים איינמאָל בײַ דער הייסער הרובע געפונען יוסעלע דער נאָמן און גענומען צו אים שרײַען:

— דער ביק!... ביק!

עפּעס האָט ער צו אים געשריען וועגן דעם, וואָס דער ביק האָט אים, יוסעלע דעם נאָמן, אומזיסט אָפּגעזאָגט פון מיל און נאָכדעם אויסגעלאָזן עפּעס וועגן אים, דעם טויבן.

— יאָ, יאָ. ער, דער טויבער, דאַרף דעם ביק לאָדן...

— לאָדן? האָט דער טויבער זיך געוווּנדערט.

ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, אויפגעהויבן די האַנט גאַנץ הויך און אויף דעם ביק אָנגעוויזן, אַראָפּגעלאָזן די האַנט גאָר נאָענט צו דער קלויז פּאָדלאָגע און אויף זיך, דעם טויבן, מרמז געווען:

— דער ביק, האָט עס געהייסן, איז אַזוי גרויס, אַזוי גרויס און ער, דער טויבער איז אַזוי קליין... גאָר קליין. געוויס וועט דער גרויסער דעם קליינעם מנצח זײַן.

יוסעלע האָט זײַן שטערן פאַרקנייטשט, זיך פאַרקלערט און אַזש גענומען דאָס בערדל אין האַנט. און דעם טויבן האָט זיך שוין געדאַכט, אַז ער האָט אַ קלוג און אַ טיף וואָרט געזאָגט. ער האָט זיך דערפאַר אויך פאַרקלערט און צוגעגעבן:

— זאָל כאָטש דער ביק אים, דעם טויבן, צורו לאָזן...

געמיינט האָט ער דערמיט נישט זיך מיטן ביק, נאָר אסתר מיטן ביקס ברוינעם און וווקסיקן בחור, געקלערט עפּעס פרעגן וועגן דעם בײַ אים, יוסעלע דעם נאָמן, און נישט געוווּסט ווי אַזוי.

נאָכדעם איז אַ קאַלטער און שנייעדיקער אָוונט געווען, אַ פאַרקלער־טער איז ער צו אסתרן געגאַנגען און אין זינען געהאַט פרעגן בײַ איר אַ נויטיקע זאַך, אין זינען געהאַט דעם גאַנצן וועג און זיך אפילו געחזרט ווי אַזוי אָנהייבן:

— אַ מענטש באַדאַרף וויסן... אַ מענטש באַדאַרף פאַרשטיין...

אָבער, ווען ער האָט די דרויסן־טיר פונעם ביקס קיך געעפנט, האָט ער דערזען, ווי דער וווקסיקער און רירעוודיקער מענדל האָט זיך מיט אַמאָל פון איינעם אַ קיך־ווינקל אַ לאָז געטאָן און געשווינדט אַ פּראַל געטאָן אין דער צווייטער ווײַסער טיר, וואָס האָט צום ביק אין די חדרים געפירט. ער האָט זיך דערשראָקן, דערפילט אַ משונהדיק האַרצקלאַפּעניש און ווידער דאָס נויטיקע וואָרט פאַרלוירן. אין זײַן טויבן קאָפּ האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ חשד:

— מענדל איז אַ מיאוסער בחור... גאָר אַ מיאוסער בחור.

נאָר אסתר איז שוין געזעסן לעבן אים, געשטופּט אים אַ געבאַקטע קאַרטאָפל אין האַנט און צו אים געשריען:

— געווען דאָ ער, נטע דער שדכן.

און דעם טויבנס פּנים איז שוין אויסגעבעסערט געווען, און די בלײַ־קאָלירענע אויגן זײַנע האָבן שוין עטוואָס שמייכלענדיק געפרעגט:

— טאַקע באמת?... דו נאַרסט מיך נישט אָפּ?

עפּעס האָט זי צו אים געשריען:

— פּיני דעם פאַרבערס בחור יואַלקען.

דער טויבער האָט אָפּגעביסן אַ שטיקל פון דער הייסער קאַרטאָפל און דאָס אין מויל געהאַלטן. דאָס ברייט־באַקעדיק פּנים זײַנס האָט זיך ווי פאַרקרימט און בײַ עמעצן געבעטן רחמים:

— ס'איז דאָך אָבער זייער אַ מיאוסער שדוך...

זי האָט צו אים אין טויבן אויער געשריען:

— יואַלקע איז אַ זשוליק... אַן אָדעסער זשוליק.

האָט ער קײַענדיק די קאַרטאָפל איר נאָכגעשאָקלט:

— יאָ, יאָ, אַ זשוליק... געווים אַ זשוליק.

VI

ס'איז דעמאָלסט אַ פראָסטיקע נאַכט געווען.

דעם טויבן האָט זיך געחלומט, אַז ער קוקט אַרויס פונעם העכסטן מיל־פענצטער און זעט ווי אין מיל־הויף יאָגט זיך מענדל נאָך דער גויע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר. די גויע אַנטלויפט מיט שרעק, גליטשט זיך אויפן אויסגעגאָסענעם אײַז און האָט מורא: אָט, אָט וועט זי מענדל כאַפּן. און דאָרטן בײַ אַ זײַט שטייט שולץ, דער מילנער, האַלט זיך פאַרן בויך און שרײַט לאַכנדיק: כאַפּ זי!... כאַפּ, כאַפּ!...

און פּלוצים דערזעט ער, דער טויבער, אַז מענדל יאָגט זיך נישט נאָך דער גויע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר, נאָר נאָך זײַן אסתרן. ס'כאַפּט אים אַזש אַ שווידער. אסתר אַנטלויפט, שטרעקט אויס די הענט און שרײַט פאַר פּחד. ווען ער איז נישט טויב, וואָלט ער הערן אַ האַרצרײַסנדיקן קוויטש.

די אויסגעדאַרטע און שלעכטע טאַנדעטניטשקע האָט אים שוין נאָכדעם אַ גאַנצן פרימאָרגן געהאַלטן אין איין שילטן:

— אַ כאָלערע זאָל אויף אים קומען... ביזט אַ מבין, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסל צערעוועט בײַנאַכט?

זי איז אפילו צו אים צוגעגאַנגען און פאַר זײַן אַרבל אַ שלעפּ געטאָן:

— וואָס, וואָס האָט ער אַזוי געדעוועט בײַנאַכט?

ער האָט זיך געחידושט און מיט די אַקסלען געקנייטשט:

— ער האָט געדעוועט? ער האָט נישט געדעוועט.

אליין האָט ער שוין נישט געדענקט נישט דעם חלום, נישט מענדלען און נישט די גויע. אַרויפציענדיק אויף די פיס די אַלטע שטיוול האָט ער זיי פון אַלע זײַטן באַטראַכט, אַ קלער געטאָן, אַז מען דאַרף זיי מיט עפּעס אַ פּעטער זאַך אויסשמירן און איז אַוועקגעגאַנגען אין קלויז. דאָרטן איז ער לאַנג בײַ דער הייסער הרובע געזעסן און געטראַכט, אַז ער, דער טויבער, האָט ליב וואַרעמקייט, אויך האָט ער ליב אַ קאָפּ פון אַ פיש, הייסע און פרישע חלה און אַ שטיקל פעט פליש, דאָס זעלבע פעט פלייש, וואָס דער ביק האָט אַמאָל פאַר אים אין די אויגן געגעסן.

— דער ביק ווייסט, וואָס גוט איז.

די קלויז האָט זיך ביסלעכווײַז מיט מענטשן אָנגעפולט. ייִדן גייען אַרום און שמועסן. אַ וווּנדער, וואָס מען דאַוונט נישט. מיט יעדער מינוט קומען אָן נײַע מענטשן; זיי לויפן אַרײַן מאָדנע געשווינדט און מישן זיך אויס מיטן עולם, און דער עולם שלינגט זיי אײַן און ווערט גרעסער, מערער. דער טויבער קוקט מיט זײַנע בלײַ־קאָלירענע אויגן און באַמערקט: בײַ די, וואָס לויפן פון דאָס נײַ אַרײַן אין קלויז, זײַנען די פּנימער דערשראָקן, די מײַלער אָפן און די אויגן מוראדיק גרויס. זיי פרעגן, דוכט זיך, בײַ די, וואָס געפינען זיך אין קלויז: טאַקע? אמת? יענע שאָקלען צו זיי מיטן קאָפּ, בלײַבן זיי שטיין, ווי פאַרגליווערטע און דערשלאָגענע און טשמאָקען מיט די ליפּן.

— סאַ'ר אַ רחמנות...

מען קוקט, דאַכט זיך, אויף אים. מענטשן סודען זיך ביגטלעכווײַז און וואַרפן אויף אים משונהדיקע אויגן, און ער דרייט זיך לעבן זיי און רוקט אומעטום זײַן טויבן קאָפּ. מען לאָזט זיך נעענטער צו אים. עמעצער ווײַזט אויף אים מיט אַ פינגער, קוקט ער זיך אַרום און באַטראַכט זײַנע בגדים: אַ קשיא, אפשר האָט ער די הויזן נישט ריכטיק פאַרשפּילעט. מען גייט צו אים צו און מען שרײַט אים אויפן אויער, ער זאָל גיין אַהין, צו וואָווע ביקן, קוקט ער מיט אַזאַ וווּנדער און פאַרשטייט נישט: וואָס וועט דעם עולם אַרויסקומען, אויב ער וועט גיין צו וואָווע ביקן? ס'גייט צו אים צו אַ חשובער ייִד און שרײַט אים אויפן אויער, ער זאָל גיין צום ביק. באַווײַזט ער מיט אַ פינגער צו זיך אויף דער ברוסט:

— איך? איך זאָל גיין?

ער פֿאַרשטייט גאָרנישט און גייט דאָך אַהין, צום ביס, קנייטשט מיט די אַקסלען און גייט.

נאָר דאָ, פֿאַרן ביקס שטוב שטייען אויך פֿיל מענטשן. ס'דאַכט זיך אים, אַז דאָס זײַנען די זעלבע, וואָס ער האָט אין קלויז געלאָזן. זיי שטופּן זיך צום ביק אין די חדרים, פֿון די חדרים אין קיך און צוזאַמען מיט זיי שטופּט זיך ער, דער טויבער. ער וויל זיך ניט שטופּן, ווייסט נישט צוליב וואָס ער שטופּט זיך און שטופּט זיך פֿאָרט. די קיך איז שוין פֿול מיט מענטשן, ס'איז אַזש דאָרטן פֿינצטער, ס'שווינדלט אים אין די אויגן, אַלץ ציטערט און שאָקלט זיך געשווינדט, ווי די זיפּן, וואָס בײַם ביק אין מיל. ס'ציטערן און שאָקלען זיך די קיך, די מענטשן, און אַפֿילו דער טאַפּטשאַן מיטן אײַנגעצווינגענעם, פֿאַרבלויטן מת, וואָס צו אים שטופּט ער זיך ענדלעך צו. אין איין רגע דערקענט ער דעם מת:

— יאָ, ס'איז אסתר, געווים אסתר.

ער הייבט זיך אַפֿילו נישט אָן צו וווּנדערן. אדרבא, ס'דוכט זיך אים: ער איז שוין דאַ אַמאָל בײַ אַט דעם זעלבן טאַפּטשאַן מיט דעם זעלבן טויטן געשטאַנען. שוין לאַנג איז דאָס געווען, זייער לאַנג, נאָר ס'איז דאָך געווען. אַפֿילו די זעלבע פֿיל מענטשן זײַנען דאָרטן אַרום געשטאַנען און אַ מרה־שחורהדיקער ווינטערדיקער פֿרימאָרגן איז דער־מאָלט, ווי איצט, אין דרויסן געווען.

עמעץ טוט אים פֿאַרן אַרבל אַ שלעפּ און ווײַזט אים אויף דעם סטעליע. ער קוקט: אַ שטריק הענגט נאָך דאָרטן אַראָפּ פֿונעם קרוק. ער פֿאַרשטייט שוין, אַז זי האָט זיך געהאָנגען, וויל פֿרעגן, פֿאַרוואָס? פֿרעגט נישט, און כאַפּט אַ קוק אויף דער אַלטיטשקער ייִדענע, וואָס שטייט צוקאָפּנס פֿונעם מת, זי האָט זיך פֿאַרקרימט, אָט די אַלטיטשקע ייִדענע, זיך אײַנגעהויקערט, געעפֿנט דאָס ציינלאָזע מויל, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ מיט די געשלאָסענע אויגן און זיך פֿאַרקרימט. זי וויינט, אַפֿנים, מיט אַ האַרצרײַסנדיקן קול, נאָר ער איז טויב און הערט נישט. ער פֿאַרקרימט זיך אויך, וויל אויך וויינען און קאָן נישט. ס'ווערט אַ גערודער, מען טרײַבט פֿאַנאַנדער דעם עולם, דער אַלטער חברא־קדישא־שמש שרײַט דאָרטן בײַ דער טיר:

— נו, גענוג, גענוג. גייט אײַך געזונטערהייט.

די קיך ווערט ליידיק. מען טרײַבט אים אויך, וויל ער נישט גיין. מען שלעפּט אים פֿאַר די פּלייצעס, וואַרפֿט ער אַרום זיך אַזעלכע שלעכטע אויגן און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פֿאַרן טאַפּטשאַן מיטן טויטן. מען רײַסט אים מיט כּוח, שלעפּט ער נאָך זיך דעם טאַפּטשאַן מיטן טויטן.

מענטשן ווערן מיד און לאָזן אים צורו. נאָר ער דערזעט עמעצן אויפֿן טיר פֿון קיך און דערמאָנט זיך אָן חלום, אָן מיל־חויף, אָן מענדלען, אָן דער גויע און אָן אסתרן. ער לאָזט אָפּ דעם טאַפּטשאַן און לאָזט זיך ערגעץ לויפֿן. נאָר באַלד פֿאַרגעסט ער וווּהין ער דענקט לויפֿן, רײַסט זיך דאָך אַרויס אויפֿן גאַס און לויפֿט גיך, מיט אַלע כּוחות. די שטיוול פֿאַרקריכן טיף, טיף אינעם אויפֿגעבלאָזענעם שניי און ער אָטעמט שווער, פּילט, ווי ס'לאָזט זיך אוים דאָס חיות און לויפֿט.

V

דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע און ווילד.

בײַם ביק האָט מען פֿאַרגעסן אויף נאַכט די בהמה אין שטאַל פֿאַרטרײַבן, האָט מען זי נאָכדעם גאַנץ פֿרי מיט אַן אָפּגעשניטענעם עק אין דרויסן לעבן הויף־טיר געפֿונען. פֿון שטוב זײַנען אַלע מענטשן מיטן ביק בראָש אַרויס. מען האָט די בהמה אין הויף אַרײַנגעלאָזן, זיך אַרומגעשטעלט, זי באַטראַכט און זיך מיט דערשטוינטע פּנימער אין די אויגן געקוקט:

— וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?

דער עק איז מיט אַ שאַרפֿער זאַך געווען אָפּגעהאַקט הויך בײַם רוקן. פֿונעם פֿאַרווונדעטן אָרט האָבן נאָך געטריפֿט טראָפּנס בלוט. אַ מרה־שחורהדיקע און אומגליקלעכע איז די בהמה געשטאַנען צווישן היימישן עולם, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, טרויעריק מיט די גרויסע בהמהשע אויגן געפֿינקלט און דאַכט זיך געטראַכט:

— אָט קוקט: אייביק, אייביק וועל איך שוין קיין עק נישט האָבן... אַז אַך־און־וויי איז צו מיר...

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען זיך בײַם ביק אין שטוב די קעפּ געבראָכן:

— וועמענס אַרבעט זאָל דאָס זײַן?

מען האָט פֿון אַ זײַט בליקן אויף יוסעלען, דעם אָפּגעזאָגטן נאַמן, געוואָרפֿן, חושד געווען די צוויי אַרבעטער, וואָס האָבן מענדלען אויסגעפּאַטשן געוואָלט, זיי אַפֿילו צום אוראַדניק גערופֿן און זיי דאָרטן אויסגעפֿאָרשט. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז מען אָקאָרשט אויף אַ סבֿרא געפֿאַלן.

— כ'בעט אײַך, אפֿשר איז דאָס גאָר דעם טויבנס אַרבעט?

עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, און אַלע האָבן זיך שוין נאָכדעם אָן דעם אָנגעכאַפּט. ס'איז געווען אַזוי משונה און נישט צו גלייבן אויף אים, דעם וווקסיקן און ברייט־ביינערדיקן טויבן מיטן צוגעגאָרטעלטן לײַבל, אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און מרה־שחורהדיק גלײַכגילטיקן פּנים, און דאָך האָט מען געגלויבט, זיך געוווּנ־דערט, נישט פאַרשטאַנען און געגלויבט:

— אַ קשיא אויפֿן טויבן? ס'איז דאָך מיט אים עפּעס נישט אינגאַנצן גלאַט.

אַט האָט אים איינמאָל די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע דערצאָרנט, האָט ער איר אַן אויסגעטאָנענעם שטיוול אין קאָפּ געוואָרפֿן, געכאַפּט אירע בעטן, טישן און בענקלעך און זיי מיט כעס אין דרויסן אַרויסגע־שלײַדערט.

מען איז דעמאָלט פֿונעם גאַנצן שטעטל זיך צוזאַמענגעלאָפֿן, געקוקט פֿון ווײַטנס און מורא געהאַט צוגיין. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן:

— דעם טויבן זײַנען די „געבלוטן" אַרײַן אין קאָפּ.

די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט, זיך געקלאַפּט מיט צוויי פֿויסטן אין קאָפּ און געריסן איר שמאָלן און הייזעריקן האַלדז:

— יידן קוקט: אַ פּאָגראָם מאַכט ער מיר... אַ פּאָגראָם!

און יידן זײַנען געשטאַנען און האָבן געקוקט. ס'האָבן זיך שוין געפֿונען גוטהאַרציקע קרעפּטיקע קינדער, וואָס זײַנען גרייט געווען אויף דעם טויבן זיך אַרויפֿוואַרפֿן, האָט אָבער די טאַנדעטניטשקע שונאים געהאַט, זיי האָבן געבליצט אויף איר מיט בייזע אויגן און געשעפּטשעט אונטער אירע פּלייצעס:

— נישקשה, נישקשה, זי איז זיך אינעם טויבן געגוג נוקם.

און דאָרטן, בײַ דער שטוב, האָט נאָך דער טויבער עפּעס אין דרויסן אַרויסגעשלײַדערט און געשאָלטן מיט אַ דערשטיקטן קרעכץ:

— אַ ר ־ ר ־ רוח!...

מען האָט אים טאַקע צום אוראַדניק גערופֿן און זיך בײַ אים דער־פֿרעגן אָנגעהויבן:

— דו קענסט זי, דעם ביקס בהמה?

האָט ער זיך אָבער אָנגעכאַפּט אינעם וואָרט „ביק" און דאָס נישט געקאָנט פֿאַרגעסן:

— יאָ, יאָ, וואָווע ביק.

דעם „אוראַדניק" איז באַלד נמאס געוואָרן און געוואָלט האָט ער שוין וואָס גיכער פּטור ווערן פון אָט דער וווקסיקער און ברייט־ביינער־דיקער בריאה, וואָס קוקט אויף אים מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן און בעבעט מיט שווערקייט אַלץ איין און איינציק וואָרט. האָט אָבער דער טויבער פון אים נישט געוואָלט אָפּטרעטן, געקראָכן צו אים אַלץ נעענטער און אפילו געמאַכט צו אים מיט דער האַנט:

— וואָווע ביק... אָ...

עפּעס האָט ער אים געוואָלט דערציילן וועגן אַ בייטל־מיל, וואָס האַלט זיך אין איין טרייסלען, וועגן אַ טאַפּטשאַן מיט אַ מת און וועגן אַ קרוק מיט אַ שטריק; געוואָלט דערציילן און נישט געקאָנט. ווי אין אַ נעץ איז ער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין דער ערשטער מחשבה וועגן ביק און זיך פון איר אַרויסרייסן קיין כוח נישט געהאַט.

דער „אוראַדניק" האָט אים ענדלעך אַרויסגעשטופּט און פאַרשלאָסן די טיר, און ער איז נאָך דאָרטן לאַנג געשטאַנען און געגומען, גאַט ווייסט נאָך וואָס, די הויזן, איבערבינדן. אַ ייִד פון שטאָט איז פאַרביי דורכגעגאַנגען האָט ער אין די הויזן פאַרגעסן, זיך געלאָזט גיין צו אים, שוין אפילו אויסגעשטרעקט אַ האַנט פאָרויס און אים אָנגעהויבן דערציילן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט נאָר וואָס געוואָלט דערציילן דעם אוראַדניק:

— אָ!... דער ביק!...

דער ייִד האָט זיך איבערגעשראָקן און מיט אַ מוראדיק הארצקלאַ־פּעניש אַנטלאָפן אָן אַ זייט, און ער איז געגאַנגען ווייטער צו דער שטאָט צו און אויסגעשטרעקט די האַנט צו יעדן מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט. יידן האָבן פּחד באַקומען און אים דעם וועג אָפּגעטראָטן, און ער איז אַלע מאָל שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט נישט קיין געענדיקטן וואָרט:

— אָ!... דער ביק!...

יעדער מחשבה האָט זיך, אַפּנים, מיט אָט דעם וואָרט אין זיין געפּרעסטן מוח אָנגעהויבן, נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט הערן אָט די מחשבה, איז ער דערפאַר ביים ערשטן וואָרט געבליבן, גלייך ווי ער מיט אָט דער מחשבה וואָלטן אויף עמעצן געהאַפּט און געוואַרט, אָט וועט ער סוף־כל־סוף קומען, יענער מענטש, וואָס וועט אים וועלן אויסהערן, וועט ער דאָס ערשטע וואָרט אָפּלאָזן און וועט אים אַנטדעקן אַלע מחשבות, וואָס אין זיין טויבן און געפּרעסטן קאָפּ.

פּאַמעלעך איז ער אַזוי פאַרגאַנגען אין קלויז, געעפנט די טיר און אַריינגערוקט זיין טויבן קאָפּ. קיינער איז אין קלויז נישט געווען, האָט

ער זיך ביי דער הייסער הרובע געזעצט. ארום אים איז אזוי שטיל און רויק געווען. די קלויז־שויבן, מאט פארפרוירן, די סטענדערס פארלאזן, ווי מצבות פון קדושים, וואס שטייען מיטן פנים צו מזרח זייט און כאפן א קוק אהין, צו גאט־ברוך־הוא.

כראפעט זיך ערגעץ קעגנאיבער דער הייסער הרובע א ייד אן ארע־מאן, וואס איז פון די ווייטע מקומות צו־פוס געקומען, כראפעט פון א געשמאקן בייטאגעדיקן דרימל און חלומט וועגן א סך, א סך איינציקע קאפיקעס.

און דער טויבער זיצט דא מרה־שחורהדיק ביי דער הרובע און הערט נישט, ווייסט נישט אפילו צי דארטן, קעגנאיבער דער הרובע, ליגט א מענטש. זיין מוח איז איינגעפרעסט, קאלט, און געדענקט שוואך און נעפלדיק א טרויעריק געשעעניש מיט זיינער א פארוואונדעטער לאפעטקע, מיט א טאפטשאן, מיט א מת, און מיט אן אייזערנעם קרוק, וואס צו אים איז א שטריק צוגעבונדן. און ארום אלעם דרייט זיך אן אנגעהויבענע מחשבה מיט נישט קיין געענדיקטן ווארט:

— דער ביק!... א!...

ס׳קומט אריין יוסעלע דער נאמן, טוט אויס דאס שמויסענע פוטער און זעצט זיך לעבן אים ביי דער הרובע. פאמעלעך און פארחלומט גלעט ער זיך זיין שפיציק בערדל. און דאכטן דאכט זיך שוין, אז ער קלערט זיינע תמיד בייזלעכע מחשבות, מחשבות פון א יידן א מטופל, וואס זיצט אן פרנסה. האט אבער יוסעלע א נשמה, וואס עס באריר ן זי צייטנווייז ווילד־פרעמדע ענינים. ער שרייט עפעס אינעם טויבנס פארשטאפטן אויער, און דער טויבער בויגט צו אים זיין געפרעסטן קאפ און שאקלט אים נאך:

— געשטארבן?... וואס זשע דען? אוודאי געשטארבן.

ער וויל עפעס זאגן, נאר יוסעלע לאכט. ס׳פארקנייטשן זיך יוסעלעס צעגעשווירענע וואנצעס מיט דער אויבערשטער ליפ און ס׳באווייזן זיך געלע, פאררויכערטע ציינער. יוסעלע שרייט ווידער, און ער קוקט אים אין די אויגן. זיין פנים איז מרה־שחורהדיק, די בלייענע אויגן זיינען פאר־גליווערט און אויסגעגלאנצט, דאך כאפן זיי ביי יוסעלען איבערגעריסענע ווערטער און גיבן איבער דעם געפרעסטן מוח:

— דער ביק איז א חזיר... א רייכער חזיר, נישקשה.

ס׳דוכט זיך אים, אז יוסעלע רייצט זיך מיט אים, און ס׳פארדריסט אים. נאר באלד פארגעסט ער, אז ס׳פארדריסט אים און וואס ס׳פארדריסט אים, און געדענקט נאר דעם ביקס הויכע און ווייס אפגעקאלכטע שטוב

מיט אירע פּאַנאַנדערגעוואַקסענע אַקאַציע־ביימער, וואָס פאַר די פענצטער, און מיט איר ריין בלויען, ווי נאָר וואָס אָפּגעוואַשענעם פּאַרקאַן.

עס ווערן טונקל די געקווייטלט פּאַרפּרוירענע שויבן. מענטשן קומען אַרײַן אין קלויז, רוקט ער זיך פּאַמעלעך אַרויס אין דרויסן, פאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און לאָזט זיך ערגעץ גיין. ער שפּאַנט פּאַמעלעך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאָר באַלד פאַרגעסט ער, וווהין ער גייט, פילט אפילו נישט צי ער גייט, ווייסט נישט צי אין דרויסן איז זומער, צי ווינטער. ייִנגלעך פּאַרלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם גליטש און לויפן אים נאָך. עפּעס שרײַען זיי צו אים, נאָר ער הערט נישט, גייט צווישן צוויי שורות הילצערנע קלייטן און קוקט זיך אויף זיי נישט אום, מענטשן קערן אים אָפּ דעם וועג, און ער באַמערקט זיי נישט. פון אונטן פאַרט אָן אַ שליטן. דעם פויער איז קאַלט, ער פוילט זיך נעמען די לייצעס אין די הענט און אָפּקערן, שרײַט ער אים: „בערעגיס!" *) און ער הערט נישט. דער דישל טוט אים אַ קלאַפּ אין די אײַנגעהויקערטע ברייטע פּלייצעס, כאַפּט ער זיך מיט דער האַנט פאַרן פאַרוווּנדעטן אָרט, קוקט זיך נישט אום און גייט ווײַטער.

ער שטעלט זיך אָפּ בײַם ביק אין פינצטערן קאָרידאָר און ווייסט נישט, וווהין זאָל ער ווײַטער גיין. די רעכטע טיר, וואָס פירט אין עס־צימער, איז צוגעמאַכט שטײַף און פעסט, גלײַך ווי זי איז געשלאָסן פון אינעווייניק. די לינקע טיר, וואָס צו דער קיך, איז עטוואָס אָפן. אַ לאַנגע און שמאָלע שײַן ציט זיך דורך איר פון דער קיך, צעשפּרייט זיך אויף ער פּאָדלאָגע פונעם פינצטערן קאָרידאָר און רירט זיך נישט, ער שטעלט יך אין ווינקל, וואָס קעגנאיבער אָט דער טיר, און רירט זיך אויך נישט, ען גייט מיט אַ לאָמפּ גיך אַדורך און מען באַמערקט מיט שרעק אַ פּאָר פּגעריבענע שטיוול־נעזער. ס'ווערט אַ גערודער, און ס'שטייען שוין לעבן ים אַלע שטוב־מענטשן. דער ביק אַליין שרײַט עפּעס אין זײַן טויבן ויער, נאָר ער הערט נישט און טראַכט:

— דער ביק איז אַ חזיר... אַ רײַכער חזיר... נישקשה.

און בשעת ער קומט צוריק צו זיך אין שטיבל און שטעלט זיך לעבן זאַנדעטניק בײַ דער הרובע, טראַכט ער נאָך אַלץ וועגן דעם.

איצט געדענקט ער שוין, אַז ער איז געווען בײַם ביק אין שטוב און אָט אים געזען גאָר נאָענט לעבן זיך.

*) היט זיך!

און נאָך געדענקט ער: ער איז אַ טויבער, אַ ייִד אַ טרעגער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ ווײַב לאה מיט אַ מיידל — אסתר.

ער פאַרקרימט זיך אַפילו און באַווײַזט דעם טאַנדעטניק צו זיך אויף דער ברוסט:

— עסן... ס׳קלעמט אים אָט דאָ, בײַם האַרץ־לעפּעלע.

און דער טאַנדעטניק זיצט רויִק לעבן אים, האַלט אַ קליין פאַרשמוצט קינד אין שויס און גלעט מיט אַ האַנט זײַן אומרײן קעפּל, זײַן קול איז צעקראָכן און מאָנאָטאָניש, ווי דאָס קול פון אַ ייִדענע. ער האָט נישט קיין באָרד. עטלעכע איינציקע האָר שטעקן אין זײַן געמבע און אין דער אויבערשטער ליפּ און שאָקלען זיך, בשעת ער רעדט. ער גענעצט זיך פאַנאַנדער, הייבט זיך אויף און שרײַט צום טויבן אין אויער:

— ער איז נישט קראַנק באַצאָלן, דער ביק...

דאָס ברודיקע קינד פאַרקרימט זיך, עפנט אַ קליין מײַלכל אָן ציינער און פאַרגייט זיך, און דער טאַנדעטניק הערט נישט און שרײַט נאָך אַלץ צום טויבן:

— אַ רוח׳ן ביקס טאַטן!

די טאַנדעטניטשקע לויפט אָן ערגעץ פון גאַס, כאַפּט דאָס וויינענדיק קינד אויף אירע קאַלטע אויסגעדאַרטע הענט און רײַסט איר שמאָלן האַלדז:

— פאַר אַזאַ מעשה מעג ער גוט באַצאָלן, דער ביק... ער האָט אָבער געוווסט אויף וועמען אָנצוטרעפן.

זי שלעפּט אים פאַר דער האַנט און שרײַט:

— טויבער גולם!... וואָס שווײַגסטו?

נאָר בײַם טויבן זײַנען שוין די געדאַנקען ווידער פאַרפּלאָנטערט. ער קוקט גלײַך אין דער טאַנדעטניטשקעס פּנים און רירט זיך נישט.

אַ שכן, אַ שנײַדער מיט אַ ווייכער און ליכטיקער באָרד, קומט צום טאַנדעטניק אין שטוב אַרײַן, באַטראַכט לאַנג דעם טויבן און שלעפּט פאַר זײַנעם אַ אַרבל:

— טויבער, ס׳אַר׳אַ טאָג איז הײַנט?

ער איז אַזאַ ווייכער און גוטמוטשקער, אָט דער יונגער שנײַדער מיט דער לאַנגער ווייכער באָרד. ער וויל אויספאָרשן אויף וויפל דער טויבער איז צעמישט, און בײַ אים אַליין קלאַפּט שוין אַזוי שנעל דאָס האַרץ, און דאָס פּנים זײַנס, דאָס איידעלע, איז שוין רויט, און די אויגן זײַנען שעמען זיך שוין, פינקלען און שעמען זיך: ער ווייסט? אפשר האָט ער אַ נאַרעשקייט געטאָן...

נאָר דער טויבער ווייסט נישט, ווער ס׳שלעפּט אים פאַר זײַן אַרבל,

ווייסט נישט נאָך וואָס מען שלעפּט אים, ווייסט נישט צי ביַי דעם, וואָס שלעפּט אים, איז היַינט שבת, צי וואָך. אַן איַינגעהויקערטער מיט פאַר־באַהאַלטענע הענט פאַרלאָזט ער די שטוב, גייט ערגעץ און ווייסט נישט וווּהין, דרייט זיך לעבן דער קלויז און אין מאַרק ביַי די קליטן און דערזעט פּלוצים, אַז ער שטייט ווידער ביַים ביק אין שטוב. דער ביק שטייט אים אנטקעגן און שריַיט אין זיַינעם אַן אויער, אַ שמאַטע:

— וואָס ווילסטו, טויבער?

מען עפנט די טיר און מען וויַיזט אים, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג, פאַרלייגט ער ווידער די הענט אין די אַרבל און פּאָלגט שוויַיגנדיק און שטיל.

VI

און ווינטערש נעפּלדיקע מעת־לעתן האָבן געגענעצט און געבוירן קורצע און פּראַקטיקע טעג. דאָס זיַינען נישט געווען קיין טעג, נאָר טונקעלע און מסוכנדיק קאַלטע בין־השמשותן.

ס׳האָט געשאָטן שניי.

גאַנץ פרי האָט זיך דער טאַנדעטניק מיט דער וויַיבס שאַל אויפן גרויסן שמויסענעם פוטער איַינגעהילט, זיך אין מאַרק אַרויסגעכאַפּט און באַלד צוריק אַ פאַרשאָטענער מיט שניי און מיט אַ פאַרבלויטער נאָז צו לויפן געקומען. ער האָט געריבן די פאַרפרוירענע אויערן מיט די פאַרשטיינערטע שפּיץ פינגער און דערציילט דעם וויַיב וועגן דריַי פאַר־פרוירענע, וואָס מען האָט ערגעץ נאָענט אונטער אַ פאַרשאָטענעם דאָרף געפונען.

— יאָ און וואָס נאָך? ייִדן האָבן זיך אויף אַ יאַריד געלאָזן פאָרן און זיך קוים לעבעדיקע פון אונטער דער שטאָט צוריק פאַרשלעפּט.

אַזוי צופרידן איז ער שוין געווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך מיט אַ סך הייצונג פאַרגרייט, געהאַלטן אַ שטיקל אַרבעט ביַי דער הייסער הרובע, געקוקט אויף די פאַרבלאָזענע שויבן און זיך פאַר שמחה אַזש מיטן טויבן געוואָרטלט:

— זיץ אין שטוב, טויבער... דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?

האָט אָבער דער טויבער נישט געהערט און זיך דאָס זיַיניקע געטאָן: דאָס קורצע און גראָבע ליַיבל האָט ער אויף זיך אַרויפגעוואָרפן, די לענדן זיך שטיַיף אונטערגעגאַרטלט, דאָס היטל איבער די אויערן אַנגערוקט

און אפילו די טאנדעטניטשקע פון אונטן פאר איר קאפטל א שלעפ געטאן:

— אט זאל זי זען: ער גייט... און מיל גייט ער... צום ביק אין מיל...

די טאנדעטניטשקע האט אויף אים אזא בייזן בליק געטאן::

— גיי... אין דער ערד גיי... דערלעב נישט קומען...

און ער האט צו איר נאך אלץ מיטן קאפ געשאקלט:

— יא, יא, צום ביק אין מיל.

פאמעלעך איז ער די שטאט דורכגעגאנגען, זיך גענומען לינקס און אוועקגעשפאנט אהין, אין איינזאמען טאל, ווו דער שנייענדיקער שטורעם האט זיך מיט רויך אויסגעמישט און ארום מיל א קנילעכדיקס געכאפט.

דער אנגעפעלצטער מיל־סטרוזש האט אים דערזען, זיך אויפן טויער געשטעלט און אים אין מיל נישט געוואלט אריינלאזן, האט ער זיך גענומען מיט אים ראנגלען; ער האט צעהרגעט דעם סטרוזש, דער סטרוזש האט אים צעהרגעט. מ׳האט ענדלעך דעם אורארניק געבראכט, וואס האט אים צו צוויי גוים אין די הענט איבערגעגעבן..

נאכדעם איז א פראסטיק שטילע און אויסגעשטערנטע נאכט געווען.

פארטאג פארט זיך אזוי שטיל אן אנגעפאקטער שליטן מיט דרימלענדיקע יידן, פארט ערגעץ אויף א יריד, וואס אין נאענטן שטעטל. ארום איז אזוי שטיל. דרימלט זיך אין דער רעכטער האנט דער פויערשער בית־עלמין; שלאפט זיך לינקס וואווע ביקס ווייסע שטוב מיט איר לאנגן סאד, און איבער אלץ א פארטאגיקער ריינער הימל מיט אויסגעלאשענע שטערנדלעך, וואס ווינקען זיך נאך ערגעץ ווו דורך ווען א געהיים נאכט־מעשהלע.

יידן פארלירן אלעמאל די פארשלאפענע קעפ און דרימלען איין מיט א פרומען בטחון־געדאנק:

— אי״ה א גוטער יריד...

פלוצים: א שנארך פון אן איבערגעשראקענעם פערד, א טראג דעם שליטן אין א זייט מיט אן איבערגעשראקענעם געשריי פונעם פויער, דעם אנטרייבער:

— טפררו!!

יידן דערוואכן פונעם דרימל מיט אזא מוראדיקער שרעק; ביי יעדן פון זיי קלאפט שנעל דאס הארץ:

— וואס איז געשען?

דער פויער שטייט שוין פאַר די פערד און שילט זיך מיט נבול־פּהדיקע קללות:

—*) א טשאָב טאָבי... טשוט, טשוט טשילאָוויקאַ ני פּערעאיכאַלי!...

ייִדן לויפן געשווינדט צום פויער, בויגן זיך אָן און דערקענען דעם טויבן:

ער ליגט זיך אַזוי אַן אײַנגעהויקערטער אינעם צוגעגאַרטלטן וואַטע־נעם לײַבל מיטן אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און האַלט אַ האַק אין דער האַרט געשלאָסענער רעכטער האַנט.

ער איז נאָך וואַרעם, ליגט מען אים אויפן שליטל און מען פירט אים אָפּ אַ היים. אַ ברירה האָט מען?

ייִדן ירידניקעס זײַנען אַזוי אומצופרידן, קוקן אויפן בלאַסן מזרח און קלאָגן זיך:

— פאַרשפּעטיקט דעם יריד, ווי איך בין אַ ייִד.

און אין שטאָט האָט מען שוין באַלד פּשט לערנען אָנגעהויבן:

— וואָס זשע, ס'איז אַ נײַעס? דער טויבער האָט פאַרטראַכט דעם ביק הרגענען.

ערגעץ האָט זיך שוין געפונען אַן עדות־זאָגער, וואָס האָט דעם ביקס פּחד גרעסער געמאַכט.

אָט ווען איז דאָס געווען? שפּעט בײַנאַכט איז ער אונטערן ביקס שטוב דורכגעגאַנגען און געזען: איינער אַ מענטש דראַפּעט זיך אויפן הויכן פּאַרקאַן, קלעטערט און דראַפּעט זיך; ס'איז אויף אים אַ פּחד אָנ־געפאַלן, איז ער אַנטלאָפן.

— און וואָס נאָך: ווער ווייסט ניט, אַז דער טאַנדעטניק געפינט אַלע גאַנצפרי זײַן טיר אָפּגעשלאָסן?

בײַם ביק האָט מען טאַקע באַלד אַ געזונטן גוי, אַ מטרוזש גע־דונגען, וואָס האָט גאַנצע נעכט געקלאַפּט אינעם הויכן פּאַרקאַן; און דער האַלב־דערפרוירענער טויבער איז צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד שלאָף געווען, און ווי אַ גולם, זיך געוואַלגערט אין בעט, וואָס אין זײַן נאַסער קיך.

עמעצער האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און דעם דאָקטער אַרײַנגע־רופן, אַ יונגן אויסגערוטן און גוטיטשקן דאָקטער, וואָס האָט געהאַט קליינע וואָנצעס מיט שוואַרצע קלוגע אויגן. ער איז לאַנג געזעסן לעבן אים, אָט דער גוטיטשקער און אויסגערוטער דאָקטער, לאַנג אַרײַנגעקוקט אין טויבנס

*) האָ, זאָל דיר... שיער, שיער קיין מענטשן ניט איבערגעפאָרן!

גלײַכגילטיקן פּנים און לאַנג אויסגעהערט די מעשה, וואָס די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע האָט אים, רײַסנדיק דעם שמאָלן און הייזעריקן האַלדז, דערציילט. אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט, האָט זיך אים, אַפּנים, אויסגעוויזן שרעקלעך וויכטיק און אינטערעסאַנט. דערפאַר איז ער געזעסן שטיל, פאַרטראַכט און מיט גרויס דרך־ארץ.

און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג איז ער ווידער געקומען, אָט דער זעלבער יונגעטשקער און אויסגערוטער דאָקטער מיט די זעלבע קליינע וואָנצעס און שוואַרץ קלוגע אויגן, און ווידער לאַנג לעבן טויבנס בעט געזעסן.

ער האָט אין טויבנס פּנים געקוקט און געטראַכט.

דער טויבער האָט אין זײַן פּנים געקוקט און אויך געטראַכט.

און דאָך האָט איינער דעם צווייטן נישט פאַרשטאַנען. אַזוי ווײַט און פאַרשיידן זײַנען זיי שוין געווען, אָט די צוויי ברואים, וואָס האָבן זיך גלײַך אין די אויגן געקוקט.

דער טויבער האָט זיך טאַקע צום סוף מישב געווען און זעלבשטענדיק געזונט געוואָרן, אָן אַ שום הילף פון אַ מענטשן, ווען וועלכן ער האָט שוין קלערן נישט געקאָנט.

ס'איז אַזוי מערקווירדיק געווען.

אַליין איז ער אפשר נאָך קרעפּטיקער און געזונטער ווי פּאָר דער שלאַפקייט געוואָרן און דאָך איז אים אַ מיאוסער פעלער פאַרבליבן:

ער האָט אויפגעהערט שלאָפן בײַנאַכט.

אַ הויכער, ברייטביינערדיקער און גלײַכגילטיקער האָט ער אין שטוב אַרומגעבלאָנדזשעט און געשוויגן צוזאַמען מיט די שטילע און פינצטערע נעכט.

אַזוי לאַנג און פינצטער זײַנען די נעכט געווען, און אײַנגעהילט האָבן זיי אין זייערע טונקעלע טיפקייטן די גאַנצע פאַרחלומטע וועלט, און פאַרשלעפּערט האָבן זיי אַלץ, וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, חוץ אים, דעם איינציקן וועלט־דופּק, וואָס האָט נישט געטאָרט רוען, נישט געטאָרט אפילו טראַכטן וועגן רו.

היין און צוריק האָט ער איבערן קליינעם שטיבל אַרומגעשפּאַנט, געקלאַפּט ווי אַן אומרו, און געטראָגן אויף זיך די יסורים מיט דער מרה־שחורה פון די שלאָפנדיקע. ער איז נישט געווען מיד און האָט נישט געטראַכט וועגן רו. אָט ווען עמעצער זאָל אים געווען בײַ דער האַנט אָנכאַפּן און אים אָפּשטעלן, וואָלט ער זיך, נישט אַרומקוקנדיק, אויסגעריסן פון אים און וואָלט ווידער געשפּאַנט.

וואַרפט זיך אַמאָל אינמיטן דער נאַכט דער טאַנדעטניטשקעס

קליין קינד דורך, לאָזט אַרויס פריער עטלעכע קרעכצן און נאָכדעם אַ געוויין.

די טאַנדעטניטשקע כאַפּט זיך מיט אַ שטאַרק פאַרשלאָפענעם פּנים פונעם בעט אויף, הייבט עטוואָס אויף דעם שווערן דרימלדיקן קאָפּ און שטילט דאָס קינד איין:

— נו שלאָף, נו שלאָף.

זי רעדט מיט אַזאַ פאַרלעגערטן קול, דערהערט, ווי דער טויבער שפּאַנט דאָרטן אין צווייטן חדר און שילט אים:

— אַ קרענק אים... עס נעמט אים קיין קויל ניט.

נאָר דער טויבער הערט נישט און שפּאַנט ווידער, אַזוי האַרט און פעסט זיינען זיינע טריט, און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט זיי איין שטיל און פאַמעלעך, אַט די האַרטע און פעסטע טריט, און וואַרט אויף נייע. און באַלד קומען זיי, אַט די נייע שווערע טריט און קלאַפּן, ווי מיט אַ האַמער, אין פאַרשלאָפענעם מוח. אפשר דערפאַר, וואָס די נאַכט איז שטיל און קיינער אַחוץ דעם טויבן שפּאַנט נישט, ווייזט זיך שוין אויס, אַז דער טויבער וועט זיך אייביק, אייביק אַרומדרייען און אַז די נאַכט וועט זיך אייביק, אייביק ציען. די טאַנדעטניטשקע דערשרעקט זיך פאַר דער מחשבה, דעקט איבער דעם קאָפּ און שלאָפט איין מיט אַן אַלט באַקאַנטן קינדערשן פּחד. אַלץ שלאָפט שוין אין איר, נאָר אינעם דרימלדיקן מוח דרייט זיך נאָך אַרום אַן אָפּגעריסענע פאַרלעגערטע קללה:

— אַ קרענק!... אַ כאָלערע!...

דער טאַנדעטניק האָט זיך איינמאָל אין אַ בלאַסער נאַכט פון שלאָף דורכגעוואָרפן, דעם טויבן שפּאַנען ניט געהערט און גלאַט אַזוי אַ טראַכט געטאָן:

— אפשר האָט אים שוין דער רוח גענומען?

און דער טויבער איז דעמאָלט ביי זיך אין בעט געלעגן און שטיל און אָן אויפהער געקלאַפּט מיט די פיס אין דעם ווענטל פונעם בעט. ער איז ניט שלעפערדיק געווען, נישט געוווּסט, צי פאַר דער נאַכט איז אַ טאָג געווען און צי נאָך דער נאַכט וועט נאָך עפּעס זיין.

עפּעס האָט פון דרויסן דורכן פענצטער אַריינגעקוקט, האָט זיך דער טויבער אויף די קני אַוועקגעשטעלט און גענומען קוקן אין פענצטער, אַ בהמה איז דאָרטן געשטאַנען אַ מרה־שחורהדיקע און אַן אומגליקלעכע און אינעווייניק אַריינגעקוקט. באַלד האָט ער די בהמה דערקענט.

— וואָווע ביקס בהמל...

געשווינדט האָט ער די האַק געכאַפּט און איז אין דרויסן אַרויס. אַ

בהמה איז דאָרטן געשטאַנען, געשלעפּט נאַסע שטרוי פונעם נידעריקן דאַך און זי פּאַמעלעך געקייעט מיט גלײַכע, שטומפּיקע ציינער. זי האָט אים דערזען, די בהמה, און פון דער סטריכע אוועקגעגאַנגען, איז ער איר נאָכגעגאַנגען פּאַמעלעך, גישט געאײַלט. ארום איז שטיל און פּוסט געווען, א נאַסער ווינט האָט זיך אין דער בלאַסער נאַכט אַרומגעטראָגן און גלאַט אַזוי קונצן געמאַכט; פון א נאָענטן אײַנגעהויקערטן שטיבל האָט ער איינציקע שטרוי פון דאַך אַרויסגעריסן און זיי איבערן אָפּגעלאָזטן ברודיקן שניי פאַנאַנדערגעבלאָזן; און אויף די ביימער, וואָס בײַ א רײַכן בעל־הבית א שטוב, האָט זיך אָט דער נאַסער ווינט אַרויפגעכאַפּט און מיט זייערע שפּיצן אינעם אײַזערנעם דאַך געקלאַפּט. ערגעץ אין צווייטן געסל איז א ייִד א סוחר שפּעט פונעם וועג אָנגעקומען און געשמאַק געקלאַפּט אין א פענצטער פון זײַן דרימלענדיקער שטוב. א מחנה הינט האָבן זיך אונטער א נאָענטער שטוב פרײַנטלעך אין די פּנימער געקוקט און זיך מיט די עקן חנופעלעך געמאַכט. איינער א הונט האָט זיך פון צווישן זיי אַרויסגעריסן און זיך אויף דער בהמה מיטן טויבן א לאָז געטאָן, האָבן זיי אַלע נאָכלויפן גענומען. די בהמה האָט לויפן אָנגעהויבן, האָט דער טויבער די האַק אויפן אַקסל פאַרוואָרפן און זיך געלאָזט נאָך איר. דער ווינט האָט אָן די שפּיצן פון די ביימער פאַרגעסן און זיך נאָכן הינטל געלאָזט. באַלד האָט זיך דאָס הינטל אין בלאַסן נאַכט־חשכות אויסגעמישט און זיך שוין געשווינט געטראָגן איבער שטאָט גריבער, קליינע טאָלן און מיסט־בערגלעך.

און גאַנץ פרי האָבן ייִדן דעם טויבן א טויטן געפונען און לעבן אים — פּעסי דער מילכיקערס געהרגעטע בהמה.

זי האָט אַזוי געוויינט, אָט די פּעסי:

— אדרבה, זאָלן ייִדן זאָגן, וואָס איז זי דאָ שולדיק?...

זי האָט נישט געקאָנט ענדיקן און זיך פאַר האַרצווייטיק פאַנאַנדערגעכליפּעט. און ייִדן זײַנען דאָ פאַרקלערטע געשטאַנען און געשוויגן.

אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט

I

דער דרײַסיקיאָריקער בורמאַן, אַ געוועזענער סטודענט, געגאָלט, ווי אַן אַקטיאָר, איז צופֿעליק פֿאַרזונקען אין פּוסטן, צו דער גרענעץ פֿאַררוקטן דובראָוויטש. ער האָט זיך דאָרטן אין אַ שפּאַס געלאָזט אויסקלײַבן פֿאַר ראַבינער, געוואָרן צו פֿאַרשלאָפֿן און צו פֿויל, אויפֿגעהערט שרײַבן בריוו זײַן איינציקער שוועסטער, דער האָרבאַטער מאַסאַזשיסטן, זיך פֿאַרלאָזט גרויסע בלאָנדע וואָנצעס און האָט אויף אייביק פֿאַרשפּעטיקט דעם אוניווערסיטעט.

דעם לעצטן זומער האָט ער אין איינעם מיט „נאַטשאַלסטוואָ״ זיך נעבאָדן אַקוראַט צוויי מאָל אַ טאָג אינעם אָרטיקן שלענגלענדיקן און תמיד קאַלטן טײַכל, געמאַכט פֿאַלשע „פּריזיוועס״ בשותּפֿות מיטן וואָלאָסט־שרײַבער, דעם שיכור, און האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט זײַן געוועזענער תּלמידה מאַני רימער. זי איז געווען די איינציקע אָרטיקע קורסיסטקע און האָט שבת נאָך שבֿועות חתונה געהאַט מיטן געקרײַזלטן פּרויקע טשערקים. שפּאַצירנדיק האָט אים די ציגיינערש ברוינע מאַני דערציילט בסוד, אַז דעם מאַן אירן האָט זי ניט איבעריק ליב, אַז די קליינע טיפּאָגראַפֿיע, וואָס ער האָט דאָ פֿאַר אירע דרײַ טויזנט רובל געעפֿנט, געפֿעלט איר ניט, און אַז זי וועט אים מן הסתּם ניט הערן און וועט צו ווינטער צו אַוועקפֿאָרן צוריק אויף אירע קורסן.

— ניין, זי מיינט עס טאַקע ערנסט: וואָס וועט זי דאָ זיצן?

און בורמאַן האָט אַלץ אויסגעהערט און האָט געטראַכט, אַז אָט דאָס יונגע ווײַבל, וואָס רעדט צו אים, איז אָקאָרשט צוריק מיט אַ יאָר נאָך געווען אַ פּרײַס, אַ בשותּפותדיקס און האָט געקערט צו זיי ביידן, צו אים און צו פּרויקען; אַז דענסטמאָל פּלעגט יעדערער פֿון זיי באַזונדער און בסוד קנײַפּן אירע פּוכקע הענט העכער די עלנבויגנס, נאָר איצט האָט זי שוין חתונה געהאַט מיט פּרויקען, און ס'איז עפּעס מאָדנע: פּרויקע וווינט מיט איר באַזונדער אין דרײַ געדרונגענע שטיבלעך, און ער, בורמאַן, איז געבליבן איינער אַליין און וווינט, ווי פֿריער, אין זײַן בחורשער קוואַרטיר.

נאָר צום קילן אלול צו האָט מאַני רימער אָנגעהויבן זעלטן זיך באַווײַזן אין גאַס. אין שטאָט האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זי לעבט שלעכט מיטן מאַן, און בורמאַנען איז שוין לחלוטין ניט געבליבן וואָס צו טאָן. ער איז דערפֿאַר געוואָרן נאָך אָפּגעלאָזענער, פֿאַרשלאָפֿענער און פֿוילער און האָט ווידער אָנגעהויבן אַרײַנצוגיין צו דער פֿאַרמעגלעכער אלמנה פּערלים און צו איר ציטעריקן רויט־האָריקן מיידל, וואָס האָט געהאַט אַכט טויזנט נדן מיט אַן אונטערגעקויפּטן גימנאַזיע אַטעסטאַט. אין שטאָט האָט מען שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז בורמאַן וועט זי נעמען.

יעדן טאָג נאָכן עסן, ווען די באַיאָרטע, יאָרנלאַנגע אלמנה איז שוין לאַנג געשלאָפֿן אין שטילן חדר, ווו ס'שטייען נאָך עד היום צוויי בעטן און ס'שמעקט נאָך אַלץ מיט אַלט פֿאַר־פּאַלק, איז בורמאַן אַהין אַרײַנגע־קומען דורכן גאָרטן און דורך דער קיך. ער האָט דאָרטן ניט דערקענט דאָס דינסט־מיידל, וואָס האָט צעוואַשן פֿון נאָך מיטיק דאָס געפֿעס, און האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אַף דער געפֿלאָכטענער וויג־שטול, וואָס אין זאַל. שעהנלאַנג איז מיט אים דאָרטן דאָס רויט־האָריקע מיידל געזעסן צווישן וויכן מעבל מיט די פּיל וואַזאָנעס, וואָס האָבן אַמאָל געקערט צו אַן אַלטן גענעראַל, אַן אָנזעצער; זי האָט געלייענט פֿאַר אים עפּעס אַ נײַ נאָך ניט קיין אײַנגעבונדן און זייער נודנע בוך. זי האָט געלייענט זייער שלעכט, מיט אַ ציטעריק און ניט קיין זיכער קול און מיט שעמעוודיק טעמפּע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס בורמאַן איז איר געוועזענער לערער און וועט זי נעמען. איר קול האָט געציטערט די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט געהערט, און האָט איר פֿאַרריכט די גרײַזן. איר קול האָט געציטערט נאָך דעם, ווען פֿאַרלירנדיק דעם קאָפּ אַף דער ברוסט, האָט בורמאַן אײַנגעדרימלט מיט אַ נעפּלדיקן אָנדענק וועגן דעם, וואָס אין דרויסן הייבט זיך אָן דער זעל־בער האַרבסט, וואָס באַ אים אין דער ראַבינערשער נשמה, און וועגן דעם, וואָס ערגעץ ווו אַרום דעם פּוסטן, צו דער גרענעץ פֿאַרוואָרפֿענעם

שטעטל, זײַנען געווים פאַראַן גרויסע רעשיקע שטעט, און מענטשן פיל־דערן דאָרטן און לעבן; נאָר אים איז דאָס שוין אַלץ איינס, און קיין הנאה וועט ער שוין קיין מאָל דערפון ניט האָבן. ער האָט געדרימלט.

און איין מאָל בײַ אַ שלעכט וועטער, ווען ער האָט נאָך אָט דעם דרימל צוריק די אויגן געעפנט, זײַנען דער אַלמנהס פענצטער, וואָס צום גאָרטן, שוין געווען פיל טונקעלער, ווי תמיד, און געקלאַפּט האָבן אין די שויבן פרישע רעגנטראָפּנס טרערן. ער האָט צום אַלעם ערשט דערזען דעם מיידלס אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט ניט געקענט טרעפן, ווו ער געפינט זיך. אין נאָענטן עס־צימער האָט שוין געברענט אַ לאָמפּ. בײַם טיש מיטן זודיקן סאַמאָוואַר איז דאָרטן געזעסן די נאָר וואָס אויפגע־שטאַנענע אַלמנה. זי האָט געקוקט דורכן פענצטער צום חשונדיק וויינענ־דיקן גאָרטן, און געטראַכט וועגן בורמאַנען, וואָס איז דאָ אין שטאָט ראַבינער, וועגן איר מיידל, וואָס האָט אַכט טויזנט נדן, און וועגן דעם, וואָס אַז מען מאַכט אַ קנס־מאָל, רופט מען צונויף דעם רב, דעם שוחט מיטן חזן און מיט אַלע קרובים, און בײַ דער שײַן פון פיל אָנגעצונדענע ליכט ברעכט מען טעלער. צונויפבינדן אָבער אָט די דרײַ באַזונדערע געדאַנקען האָט זי זיך געפּוילט און האָט ניט געקענט. פון צופיל רו און נאָרמאַל פרושדיק לעבן האָט זי שוין לאַנג פאַרלוירן דעם חשק צו טראַכטן מיט אַ סדר, צו ריידן הויך, צו באַגעגענען זיך מיט שטאָט־ווײַבער און צו טראָגן אויף זיך וועמענס עס ניט איז יסורים.

— שבעלע טאָכטער, האָט זי צעקראָכן און אויסגעצויגן אַ זאָג גע־טאָן אין זאַל אַרײַן, רוף בורמאַנען טרינקען טיי.

דענסטמאָל האָט זיך בורמאַן באַגעגנט מיטן מיידלס אויגן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פינצטער, ווי רויטע פײַערלעך, און האָבן מיט גלוסטיקייט געקוקט אין זײַן פּנים.

— בורמאַן, האָט זי שטיל פון אָט דער גלוסטיקייט אַרויסגעציטערט, איר זײַט, דאַכט זיך, געשלאָפן, בורמאַן...

אים האָט געערגערט אַ פאַרשלאָפענער עקל צו איר קול, צו אירע רויטע האָר און צו אירע הענט, וואָס האַלטן דאָס בוך. און אין דער זעלבער צײַט האָט ער געפילט, ווי זי גלעט אין דער פינצטער זײַן האַנט, פאַרלירט זי, געפינט זי נאָך אַמאָל און גלעט זי ווידער.

פון דענסטמאָל אָן האָט ער אויף אַ צײַט אויפגעהערט גיין צו דער אַלמנה אין שטוב. ער איז געזעסן בײַ זיך אין דער בהורשער קוואַרטיר. דאָרטן איז אַלץ געווען פאַרשטויבט און גרוי; גרוי זײַנען געווען די ווענט, דער באַלקן; גרוי זײַנען געווען די הויפנס פאַרשטויבטע קאַזיאָנע ביכער,

וואָס האָבן צו אים אַראָפּגעקוקט פון טיש אַזוי אומעטיק, גלײַך זיי וואָלטן אים וועלן אומקערן צום ריכטיקן וועג און וואָלטן אים געזאָגט מוסר:

— בורמאַן, גייסט אַרום פּוסט און פּאַס, בורמאַן?... וועסט האָבן אַ מיאוסן סוף.

און ער האָט דאָס אַלץ באַמערקט און האָט אַלץ געוואָלט בײַ זיך באַשליסן, צי קאָן ער חתונה האָבן מיט דער אַלמנהס מיידל, צי ניין. שמייכלענדיק צו זיך אין דער נאָז און אין די היפּשע בלאָנדע וואָנצעס, האָט ער געטראַכט, ווי אַזוי וועט ער וועגן דעם אין אַ ווערטלדיקן טאָן פרעגן אַן עצה בײַ זײַן שוועסטער, דער האַרבאַטער מאַסאַזשיסטן:

— ליבע שוועסטער, וועט ער זיך צו איר אין אַ בריוו ווערטלען, איך קוק זיך אַרום אַף מײַן גאַנץ לעבן... וועט ער זיך צו איר ווערטלען.

II

צו יענער צײַט איז אין שטאָט געשטאָרבן דער אָנגעשטאָפּט רײַכער מ ל ך ג ו י, און פון ניקאָלאַיעוו האָט זיך אומגעקערט זײַן אייניקל אלישע, אַ קרעפּטיק און דאַר־גופיק בחורל פון אַ יאָר נײַן־און־צוואַנציק. ער האָט געטראָגן אַ נײַעם גרויען אָנצוג מיט אַ שווערן גילדענעם זייגער אין קאַמזויל־טאַש. ער האָט דאָ גערשנט אַ פּאַרוואַקסענע שטוב, וואָס גייט אַרויס מיט די פענצטער צום עקסטן גרינעם שטאָט־פּלאַץ, אַ גויִשע סודנע קאַסע, אַ טאַקסע און מער ווי צען טויזנט רובל מזומן געלט. ער האָט זיך באַלד צעקריגט מיט גאַנץ קהל, ווײַל די שטאָט האָט ניט געוואָלט מקבר זײַן זײַן זיידן, סײַדן ער וועט פריער געבן פיר טויזנט רובל אַף עולמות. דער אַלטער האָט געפוילט דרײַ מעת־לעת און איז צו קבורה ניט געקומען; דעמאָלט האָט אלישע אַראָפּגעבראַכט דעם סטאַנאָוואָי און האָט אַליין מיט דער הילף פון אַ פּאָר צוגעשטעלטע סטראַזשניקעס דעם אַלטן זײַן רעכט געטאָן.

האָבן די קרעמער באַלד גענומען אָנרייצן אַף אים די קצבים און האָבן אויסגעפירט, אַז זיי זאָלן אויפהערן קויפן, כּדי ער זאָל דערלייגן צוויי הונדערט רובל אַ וואָך. חשובע בעלי־בתים האָבן זיך געטרייסט:

— וואַרט, אַז אַ גאַנצע שטאָט וויל, אַז מלך גוים אייניקל זאָל אַרומגיין אין די הײַזער, וועט עס איה״ש מקוים ווערן.

און ער איז בײַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט געסטראַשעט, אַז אַף צו־להכעיס די קרעמער וועט ער עפענען אַ קלייט פון מאַנופאַקטור מיט

אַ צווייטער טיפּאָגראַפיע, און אַליין איז ער אָפּט מאָל געשטאַנען אין פענצטער פון זײַן געירשנטער שטוב און האָט געוווּנקען אַף די פיל ייִדישע הײַזער, וואָס שפּרייטן זיך אַראָפּ, צום קײַלעכדיקן מאַרק צו:

— ס'וועט איר נמאָס ווערן, דער פאַרדריפּעטער שטאָט... ס'וועט איר נמאָס ווערן.

ער איז, אַפּנים, פון תמיד אָן געווען אַ גאַנץ פריילעכער נפש אָט דער אלישע אסנת. און אין שטאָט האָט מען נאָך דערצו געוווּסט, אַז ער האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט מיט אַ מעזשביזשער מיידל, אַ באַרימטע פאַרשוין, אַז ער האָט בא איר קיין פּרוטה נדן ניט גענומען און גרייט זיך זי אַראָפּצוברענגען, ווי באַלד ס'וועט אים אָנקומען דאָס נײַ אויסגעשריבענע ווייכע מעבל.

באַגעגענענדיק איין מאָל בורמאַנען אין גאַס, האָט ער זיך צו אים לײַטיש פאַרנייגט, געטאָן אַף אים געשווינדט אַ בלאָנדזשע מיט די אויגן, און האָט אויך אַזוי געשווינדט אויסגעשריגן:

— גאָט העלף אײַך, פאַני ראַבינער, וואָס הערט זיך עפּעס מיט די וויבאָרעס?

בורמאַנען איז דענסטמאָל אַרײַן אין איין אויג דער רויך פון זײַן פּאַפּיראָס, און דאָס צווייטע אויג האָט געקוקט אַף אַלישען עטוואָס פאַרחידושט און איראָניש־שמייכלדיק. וועגן זײַנע נײַע ראַבינער־וואַלן האָבן זיך ווירקלעך צו יענער צײַט פאַרשפּרייט פאַרשיידענע אומאָנגענעמע קלאַנגען. נאָר מיט אָט דעם נײַעם בעל־טאַקסע איז ער לחלוטין ניט געווען באַקאַנט, ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, און האָט זיך געפילט שלעכט. נאָר אלישע האָט שוין געהאַט דערזען דעם שוואַרץ־געקרײַזלטן פּרויקע משערקיסן, וואָס קערט זיך אום פון זײַן טיפּאָגראַפיע, און האָט אַף אים אָנגעשטעלט זײַן פלאַך מאַט־געלבלעך פּנים, מיט די גרויע, פּלוידערדיקע אויגן:

— פּרויקע לעמעשקע! האָט ער אים דערמאָנט זײַן צונעמעניש פון צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציק, בשעת זיי ביידע האָבן דאָ אין שטאָט געלערנט אין איין חדר, קוק אים נאָר אָן!... אַ גאַנצער לײַט געוואָרן... ס'שטייט אים שוין אַפילו ניט אָן זיך אומצוקוקן.

פּרויקע, דער קל־געטשקער און תמיד אויסגערעכנטער האַלבער קמצן, האָט זיך איצט לחלוטין מיט קיינעם אין שטאָט ניט אָנגעקערט. אָקאָרשט מיט אַ צוויי־דריי חדשים פאַר זײַן חתונה איז ער נאָך עטלעכע מאָל אין טאָג פריילעך געלאָפן צום ראַבינער אַף זײַן קוואַרטיר און האָט געהאַט

א טבע צו קנײַפּן אים בײַ דער פעטער ברוסט און צו שרײַען בשעת מעשה אפן קול, כדי ס'זאָלן דערהערן די אַרומיקע שכנים:

— טוט נאָר אַ קוק: ווי בײַ אַ מיידל!... ווי איך בין אַ ייִד, ווי בײַ אַ מיידל.

און איצט האָט ער שוין געהאַט באַקומען אַן אויסגעצויגן פאַרהאָרע־וועט און ניט קיין געגאָלט פּנים און איז גאַנצע טעג געווען שטאַרק פאַרטאָן בײַ זיך אין טיפּאָגראַפיע. נאָר זעלטן ווען פאַרנאַכט האָט מען אים אַמאָל געקאָנט זען צוזאַמען מיט זײַן ווײַבל די גאַס דורכגיין, און אויך דענסטמאָל, אויב אימעצ האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט ער באַלד דאָס ווײַבל זײַנס, ווי אַ ציטערדיק הייליקטום, אונטער דער האַנט אָנגענומען; ער האָט זיך געמאַכט גלײַך, ווי ס'איז גאַרניט, אָט וואָס אַלע ווייסן, אַז זי האָט אים ניט ליב, און האָט זיך געאײַלט מיט איר אהיים; זײַן פאַרהאָרע־וועט פּנים האָט דערבײַ אויסגעזען אַזוי ברוגז און פאַרעקשנט, גלײַך ער, דער ניט לאַנג חתונה געהאַטער, האָט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרגענומען אָנצויאָגן אין געשעפט און אין דער היים דאָס, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט אין די זיבן־און־צוואַנציק יאָר פון זײַן פוסטן עקס־טערנישן לעבן.

אַף אַלישן איז ער געווען אין כעס פאַר דער צווייטער טיפּאָגראַפיע, וואָס ער האָט געסטראַשעט עפענען. ער האָט אים געענטפערט גלײַכגילטיק און קאַלט, ווי בטלענדיק חלומות:

— ווער שטייט נישט אָן? ווער איז בײַ זיך אַ גאַנצער לײַט געוואָרן?

און באַלד איז צווישן זיי דאָ אין מיטן גאָס אויסגעבראָכן עפּעס אין זין פון אַ קריג. נײַגעריקע דורכגייער האָבן זיי אַרומגעשטעלט אין אַ קליין רעדל און האָבן געהערט:

אַלישע האָט פרויקען אויסגעוואָרפן:

— מיינסט, איך ווייס נישט, אַז דו ביסט מיר דער זעלביקער שונא, וואָס די גאַנצע שטאָט? מיינסט, איך ווייס ניט, אַז דו רייצסט אַף מיר הינטן אַרום די קצבים?

און פרויקע האָט אים געענטפערט ,אַז ער האָט אין דער ערד אים מיט דער גאַנצער שטאָט; אַז סך־הכל דאַרף ער אים, אַלישען, פון תמיד אָן אַף כפּרות, נאָר ווי באַלד ער האָט אים שוין אָפּגעשטעלט, וועט ער אים טאַקע זאָגן, אַז ס'איז אַף אים אַ גרויסע מצווה...

— האָט ער ניט געזאָלט אָנהייבן מיט אַ גאַנצער שטאָט... האָט זיך אים ניט געזאָלט גלוסטן אַליין צו באַגראָבן דעם זיידן.

יאָ, ער איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט שונאים, אָט דער פרייליכער אלישע און האָט ניט געהאַט צו וועמען אַ לעבעדיק וואָרט אויסצורײדן. עטלעכע טעג האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אין גאַס, ווי אַ שאָטן, און נאָך דעם האָט ער זיך ווידער מישב געווען, אַז ער הערט אָט די גאַנצע שטאָט, ווי דעם פאַראיאָריקן שניי. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ געדונגענעם פּאַטעאָן קיין מעזשביזש און האָט זיך פון דאָרטן אין איינעם אַ פאַרטאָג אומגעקערט אין איינעם מיט זײַן יונגער ווײַב, דער פאַרשוין.

אין יענעם טאָג איז ער שוין ווידער געווען שטאַרק אויפגעלייגט און צופרידן. און אַז ער האָט די ווײַב זײַנע צום ערשטן מאָל אַרויסגעפירט אַפן עקסטן לײדיק גרינעם שטאָט־פּלאַץ, האָט ער געהאַט אַף כפּרות די גאַנצע שטאָט, די קצבים וואָס קוילן ניט, און די צוויי הונדערט רובל, וואָס ער דערלייגט יעדער וואָך. אַף צו להכעיס שונאים האָט ער גערעדט צו איר צו הילכיק און צו גיך:

— זעסטו, פּראַדאָטשקע: אָט דאָרטן אין עק, באַ די טאָפּאָלן, וווינט דער קסיאָנדז. ער האַלט אויף באַ זיך צוויי מיידלעך... וואָס, נאַרעלע, גלויבסט מיר ניט? ווי איך בין אַ ייִד... ער זאָגט, אַז זיי קערן אים אָן געשוועסטער־קינדער.

אַרום און אַרום איז מען געשטאַנען באַ די טירן און מ׳האָט אַף איר געקוקט. זי איז געווען מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון אלישען און פון פּרויקעם געפּאַקטן און שוואַרצחנעוודיקן ווײַבל, און אַז זי האָט אין שוואַרצן שמאָלן קליידל אָנגעשטעלט אַ פּוס אַף אַ שפּאַן צו טאָן, האָבן זיך צו אים ניט ווילנדיק אַראָפּגעלאָזן אַלע אַרומיקע מאַנסבילשע אויגן; גלײַך אין אָט דעם היפּשן און שלאַנקן פּוס ליגט עפּעס אַ גאַנצער מעזשביזשער קוניץ, און ס׳איז כדאי צו זען, וואָס וועט פאַרקומען מיט אים און מיט איר גאַנצער וווקסיקער פיגור, בשעת זי וועט דעם פּוס נאָך אַמאָל אַ הייב טאָן און וועט אים נאָך אַמאָל אַף דער ערד אַראָפּ־שטעלן.

איר פּנים איז געווען אַ מאַט־טונקלס, אַ לענגלעכס מיט קוים אָנזעענדיקן פּוך אַפן אָרט פון קליינע ווײַבערשע וואָנצעלעך, מיט שוואַרצע, גרויסע אויגן און מיט נאָך מער שוואַרצע געקירצטע און געקרײַזלטע האָר.

צוויי שנײַדער־יונגען, וואָס זײַנען מבינים אַף געטאָקטע גלײַכע ווײַבערשע פּלייצעס, האָבן זיך באַלד געוועט, צי אונטער דעם גרינעם קורצאַרבלדיקן קאַפּטל, וואָס לאָזט פרײַ דעם היפּשן און פולן האַלדז, טראָגט זי אַ העמד, צי ניין. איינער האָט דאָרטן בכיון אויסגעשריען אַף אַ קול:

— נאָר איינער, ס'איז היינט אזא מאָדע, ווי איך בין א ייִד... ווייבער טראָגן ניט קיין העמדער.

נאָר אלישע האָט זיך צו אים ניט אומגעקוקט. ער האָט דערזען בורמאַנען שטיין לעבן די פענצטער פון זיין קוואַרטיר, איז ער צו אים צוגעגאַנגען ווי צו אַן אַלטן גוטן פריינט, אים באַקאַנט געמאַכט מיטן ווייב און האָט בא אים לייטיש א פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט אייך, פאַני ראַבינער, דער וואַרעמער דרויסן מיט אָט דעם גאַנצן אַרום און אַרום? איאַ, שיין בא אונדז אין שטאָט?

און זי איז געשטאַנען אין זיין לינקער זייט מיט איר גאַנצער היפשער און גלייכער וווּקס און האָט באַטראַכט מיט די אויגן דעם גאַנצן אַרום און אַרום. ער איז באַשטאַנען פון אַראָפּגעלאָזטע, צו דער שטאָט גריבל-דיקע בערג און פון גערונצלטע שנורן וואַלד, וואָס גרענעצן אין דער הויך מיט בלויער לופט אין מיטן ווייטן הימל.

— יאָ, האָט זי קוקנדיק אהין, שטיל און זיכער איבערגעחזרט, מען קען זיך דאָ אויסטרויען.

דערביי האָט איר פּנים אויסגעזען אזוי ערנסט און געשטעלט, גלייך זי שלעפּט זיך שוין יאָרנלאַנג אַרום פון ישוב צו ישוב, כדי צו געפינען אַן אָרט, אַף זיך צו „אויסטרויען", איצט האָט זי אים סוף־כל־סוף געפונען צווישן אָט די אַראָפּגעלאָזטע געגריבלטע בערג; ער איז איר אַפילו שווער אָנגעקומען נאָר סוף־כל־סוף האָט זי אים געפונען.

בורמאַן איז נאָך דעם אָפּגעשלאָפן מער פון צוויי שעה בא זיך אין דער בחורשער קוואַרטיר, און נאָכן שלאָף איז ער דורכגעגאַנגען פאַרביי די פענצטער פון אלישעס שטוב און האָט געזען די לאַנגע בכבודיקע פאָרהאַנגען, וואָס זי האָט שוין באַוויזן אַף זיי פאַנאַנדערצוהענגען. פון הינטער איינעם פון זיי, אַן אונטערגעהויבענעם און א פאַרוואָרפענעם א ביסל אָן א זייט, האָבן זיך געהערט די קלעפּ פון א קליינעם האַנט-העמערל; ס'האָט זיך געמאָלט די קילקייט, וואָס אינעווייניק, אין חדר, די הויכע שטולן, וואָס אין די פריש אָנגעצויגענע טשעכאָלן, און זי, אלישעס ווייב אַליין. זי איז דאָרטן געשטאַנען לעבן דינסט-מיידל, וועלכע איז אַרויפגעקראָכן אַף א קליין צוגעשטעלט טישל, און האָט איר באַוויזן:

— שלאָגט אים, זייט מוחל, א ביסל העכער, דעם צוואָק... נאָך העכער.

דענסטמאָל האָט דער ראַבינער געטאָן א שמייכל צו זיך אין דער נאָז און אין די היפשע בלאָנדע וואָנצעס און האָט זיך אוועקגעדרייט צו יענעם ווייטן פלאַץ־ווינקל, פון וואַנען ס'האָט זיך אהער קוים אָנגעזען די שילד פון טשערקיסעס טיפּאָגראַפיע. איצט האָט דער שמייכל זיינער געהייסן:

— מענטש איינער, קענסט נאָך אָפּלעבן אַ שיינעם טאָג; אַהער אין שטאָט איז אַראָפּגעקומען אַ שיין און טשעקאַווע ווײַבל.

III

אויף מאָרגן, אַרום עלף אַזייגער אין דער פרי, איז דער ראַבינער שוין געזעסן מיט אַלישעס ווײַבל אין יענעם זעלבן חדר, ווו נעכטן איז איינער פון די פאַרהאַנגען געווען אונטערגעהויבן, און האָט מיט איר לײַטיש שמעוודיק פאַרבראַכט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געניט וועלטלעך און קלוג. די מעזשביזשער אָפּיצירן, וואָס האָבן זיך מיט איר פון פריער יאָר אָן אַרומגעדרייט, האָבן, אַפּנים, מיט איר גענוג אויסגעשטודירט, און איצט האָט זי זיך שוין בא קיינעם ניט באַדאַרפט לערנען, ווי אַזוי צו ריידן מיט אַ מענטשן. איטלעכס מאָל, וואָס ער, דער ראַבינער, האָט איר דאָ אין חדר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, האָט זי זיך פריילעך צעלאַכט, צורעכט געמאַכט אויף זיך די האָר און האָט אויף אַ ווערטל געשריען צו אַלישען אין קאַבינעט:

— אַלישע, דו הערסט, ווי דער הער ראַבינער געפינט מיך?

דערצו איז איר קול בשעתן לאַכן געווען אַזאַ זאַפטיקס, ס'האָט זיך געוויגט אין איינעם מיט איר גאַנצן שלאַנקן קערפּער און דערציילט האָט עס, פאַר וואָס זי האָט אַ געפיל אין אַ שיינעם מאַנסביל און פאַר וואָס זי האָט ליב אַלע מאָל אַרײַנצוּוואַרפן אין שמועס:

— האָב איך אין מעזשביזש איינעם אַ באַקאַנטן, אַן אָפּיציר...

באַם צווייטן וויזיט בורמאַנס האָט זי זיך שוין מיט אים פאַרמאָסטן, ווער איז העכער און ווער וועמען וועט טאָן אַ בעסערן קוועטש אין דער האַנט. באַם דריטן וויזיט איז זי אויף זײַן פאַרלאַנג שוין געזעסן בא דער גלאַנציק־שוואַרצער פּיאַנאָ, וואָס זי האָט פון דער היים מיטגעבראַכט, און האָט אים אויסגערעכנט אַ גאַנצן צעטל פון פּיעסעס:

זי קאָן אים שפּילן „בוריא נאָ וואָלגיע", „דעדוינגאַ" און „אווע מאַ־ריאַ", נאָר אויב „אווע מאַריאַ", קען זי עס אויסווייניק, און דאַרף דערצו די נאָטן ניט האָבן; ס'הייבט זיך אָן אָט אַזוי...

נעמענדיק גרויסע געשווינטע פּאַסאַזשן, זײַנען אירע פינגער פלינק און פרײַ אַרומגעלאָפן איבער דער גאַנצער לענג פון דער קלאַוויאַטור און האָבן געוואָרפן אין דער חדר־לופט איין כוואַליע טענער נאָך דער צווייטער. לויט בורמאַנס מיינונג, האָט זי געשפּילט קונציק, אויסגע־

צייכנט. נאָר זי אַליין האָט דערויף קיין מינדסטע אָנשטרענגונג ניט געמאַכט און האָט נאָך אין דער זעלבער צײַט גערעדט צום דינסט־מיידל, וואָס האָט זיך באַוויזן רעכטס פון פּיאַנאָ, אין דער טיר; איבעררײַסנדיק דאָס שפּילן, האָט זי דעם דינסט־מיידל געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי שוין אַליין גיין מיט איר אין מאַרק, און אַז די ווײַסע חלה איז גוט צו באַשיטן ניט מיט קימל, נאָר מיט מאָן.

באַם פערטן וויזיט האָט זי אים שוין נאָך איר אייגענעם געשמאַק איבערגעבונדן דעם פּאַווער און אים צורעכט געמאַכט פון הינטן דעם קאָלנער פון רעקל אַזוי, אַז דער קראַגן זאָל ניט אַרויסשטעקן. בורמאַן אַליין האָט זי שוין געפּאָלגט, ווי אַן אָקס, געשמייכלט צו זיך אין דער נאַז און אין די בלאָנדע וואָנצעס און געטאָן אַליץ, וואָס זי האָט געהייסן. דער מוח מיט די אויגן זײַנען אים שוין געוואָרן שיכור איטלעכס מאָל, וואָס זײַן האַנט האָט זיך אָנגערירט אָן אירער, דער וואַרעמער און ווייכער. און אַף וויפל ס'האָט אים געקלעקט זכרון פון זײַן אַמאָליקער פּראַקטיק, האָט ער געדענקט, אַז צו אַזעלכע פרויען דאַרף מען צוטרעטן פון אָנהויב אָן מיט אַמאָל.

און אין יענעם זעלבן פרימאָרגן האָט זיך מיט אים געטראָפן דאָס אומאָנגענעמע געשעעניש:

ס'איז אויסגעקומען אַזוי, אַז צוליב אַ דורכפאָרנדיקער פּריצישער פור זײַנען זיי ביידע געשטאַנען אַרײַנגערוקט מיט די קעפּ אין איינעם אָן אָפענעם פענצטער, און ער האָט דענסטמאָל געפילט די וואַרעמקייט פון אירער אַ גאַנצער שטײַף צוגעטוליעטער זײַט און האָט זיך פּאַרזיכטיק און פּאַמעלעך אַרומגעקוקט, צי קיינער, חוץ זיי איז אין חדר ניטאָ. ער האָט שוין אַפילו געהאַט אויסגעצויגן זײַן האַנט אַרונטער, כדי זי אַרומ־צוכאַפּן פאַר דער טאַליע און זי מיט אַמאָל טאָן אַ דריק צו צו זיך. נאָר פּלוצעם האָט זי זיך מיט איר גאַנצן קערפּער געטאָן אַ דריי אַרוים אַזוי פלינק, אַז די געקירצטע שוואַרצע האָר זײַנען איר אַריבער איבערן פּנים, און האָט אים פאַר אָט דער האַנט אָנגעכאַפּט.

— בורמאַן, האָט זי געזאָגט גלײַכגילטיק און קאַלט, באַפרײַענדיק די האָר פון פּנים און צושפּילענדיק הינטן אַ קנעפּל פון קאָפּטל, אַזוי טוט מען ניט...

בורמאַנען האָט זיך דענסטמאָל אַרײַנגעגאָסן דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים, און אים אַליין איז שוין געווען שטאַרק מאָדנע, וואָס אָט דאָס מיט בלוט פאַרגאָסן פּנים שמייכלט נאָך. נאָר זי איז שוין לעבן אים ניט געווען. האַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט גרינג פאַר דער טאַליע, האָט

זי פּאַמעלעך אַוועקגעשפּאַנט אין צווייטן חדר, דעם עס־צימער, און פון דאָרטן ווײַטער, אין קאָרידאָר אַרײַן. ס׳האָט זיך געהערט, ווי זי זאָגט דאָרטן הילכיק צו אַלישען אין קאַבינעט אַרײַן:

— אַלישע, וואָלסט געמעגט הייסן אַפּוואַשן דײַנע קאַלאָשן; זיי שטייען בלאָטיקערהייט באַלד באַם אַרײַנקומען בא דער טיר.

בורמאַן האָט נאָכדעם געדונגען אַ בעל־עגלה און איז אַוועקגעפאָרן אַף נאַכט קיין קאַמענעץ, ער האָט אַהין שוין לאַנג באַדאַרפט האָבן. די גאַנצע מעשה מיט אַלישעם ווײַבל האָט זיך געדוכט ניט מער, ווי אַ נאַרישקייט. זי, די מעזשביזשער פּאַרשוין, איז סײַ ווי סײַ געווען שלעכט פאַרשמט אין דער געגנט און האָט זיך פון פערצן יאָר אָן מיט אָפיצירן אַרומגעשלעפּט...

אין קאַמענעץ איז ער געוויר געוואָרן, אַז זײַן פאַרגרעבטע שטאָט שטעלט טאַקע אַרויס צו ווינטער צו אַ נײַעם קאַנדידאַט אַף ראַבינער, עפּעס איינעם פון אירע קרעמערס אַ זון, וואָס איז אין אָדעס אַ הויז־לערער; ער האָט זיך אויך דערוווסט, אַז אין „גראַנד־האָטעל" קוקט זיך שוין די צווייטע וואָך אָן מיט אַ חתן דער אַלמנה פּערליסעס רויט־האָריק מיידל. דער היימישער אַלטער שיכור, דער שדכן, האָט אים דאָרטן אָפּגעשטעלט אַפן טראָטואַר, געהאָכקעט אויך אים מיטן ריח פון אויס־געטרונקענעם בראָנפן און אים דערציילט, אַז דער שידוך גייט צו, אַז דערפאַר איז שוין אַהין אַרויסגעפאָרן אויך די אַלמנה אַליין און מאַכט זיך און דעם מיידל נײַע קליידער צום קנס־מאָל; ער האָט אים דערציילט, אַז אַלישעם ווײַב איז ניט קיין לײַט, און אַז איינער אַ מעזשביזשער שדכן האָט אים נעכטן דאָ אין גאַס אָנגעוויזן דעם מעזשביזשער אָפיציר, דעם דראַגון, מיט וועמען זי האָט אַ יאָר צײַט געלעבט.

— טאַקע באמת? — האָט ער באַם אַלטן שיכור איבערגעפרעגט און האָט דערבײַ לצנותדיק אַ שמייכל געטאָן צו זיך אין די וואָנצעס.

און אַליין האָט ער נאָכדעם אָן שום באַדערפעניש אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער רוישיקער גאַס און האָט געזען, ווי אַזוי די אַלמנה מיט איר מיידל שפּאַנען דאָרטן אַרום פון איין מאַנופאַקטור־קלייט אין דער צוויי־טער, ווי אַזוי ס׳באַפאַלן זיי פאַר יעדער קלייט מיט גרויס שמחה די משרתים, און ווי אַזוי ס׳שלעפּט זיך זיי נאָך אַ ווײַבערשער שנײַדער, אַ פוטער־אונטערקלײַבער און אַ קאַמענעצער מיידל, אַ מאָדיסטן.

אים אַליין איז שוין געווען אַ חידוש, וואָס עס אַרט אים ניט קיין זאַך, אַפילו זײַן צוגעטראָגן אָנטאָן, וואָס איז שוין אַ ביסל אָפּגעריבן און פּאַסט שוין לחלוטין ניט פאַר אָט דער צוגעפּוצטער שטאָט. אים

האָט נאָר געצויגן צוריק אַהיים, צו אַלישעס שטוב, און דער עיקר, צו דעם שלאַנקוואַקסיקן קורצהאָריקן ווײַבל, וואָס האָט אים, בורמאַנען, קיין סקאַנדאַל ניט געמאַכט, און וואָס קיינער וויים ניט אױף געוויס, פֿאַרוואָס זי האָט פּלוצים גענומען און חתונה געהאַט פֿאַר אַלישן. איצט האָט זיך קלאָרער, ווי פֿריער, געמאָלט איר קול, וואָס ער האָט נעכטן פֿאַרן אוועקפֿאָרן דערהערט צו זיך אין צימער, און פֿאַרגעשטעלט האָט ער זיך, ווי אַזוי ער איז דענסטמאָל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געשטאַנען אַרײַנגערוקט אינעם ווינקל, וואָס באַם אָפֿענעם פֿענצטער, און האָט געהערט, ווי אין צווייטן נאָענטן הויף רעדט זי מיט דער שליאַכטן, דער וועשערן, און זאָגט איר:

— אויב די שליאַכטן וועט איר וואַשן אָרנטלעך, וועט זי בײַ איר תמיד האָבן אַרבעט אױף צוויי טעג אין וואָך.

איבערמאָרגן אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג, ווען בורמאַן האָט זיך בײַ זיך אין דער היים געהאַט אויסגעשלאָפֿן פֿונעם וועג און האָט זיך נאָר וואָס אַרויסגעוויזן אױפֿן עקסטן שטאָט־פּלאַץ, האָט אים אַלישעס ווײַב באַלד דערזען פֿון דער ווײַט; זי איז געשטאַנען אין אָפֿענעם פֿענצטער פֿון איר שלאָף־צימער און האָט אים אַהין צוגערופֿן.

— בורמאַן, האָט זי אים געזאָגט צו גיך, און האָט זיך פֿאַרזיכטיק אַרומגעקוקט אין די זײַטן, וואָס זײַט איר משוגע געוואָרן און זײַט פֿאַרשוווּנדן?... איך בין נעכטן געווען דרײַ מאָל בײַ אײַך אין קוואַרטיר.

און בעת מעשה האָט זיך איר אײַנגעגעבן אים אַ גלעט צו טאָן איבער די האָר אַזוי קונציק און אַזוי שנעל, אַז דער קרעמער, וואָס איז געשטאַנען אַקעגן אין טיר פֿון זײַן מעל־קלייטל, האָט עס אַפֿילו ניט אָנגעהויבן צו באַמערקן.

זי איז געווען אָנגעטאָן אינעם גרינעם קורץ־אַרבלדיקן קאָפֿטל, און די אויגן זײַנען בײַ איר געווען פֿאַרשיכורט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס זי קוקט זיך איצט אַרום פֿאַרזיכטיק אין די זײַטן און נאָך וואָס זי רופֿט אים אינעווייניק אין שטוב. איז ער אַהין געגאַנגען מיט אַ שמייכל צו זיך אין דער נאָז און מיט פֿאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען; ער האָט געוווּסט אויף קלאָר, אַז אַלישע איז איצט ניטאָ אין דער היים, און אַז ער, בורמאַן, איז איצט מפקיר זײַן לעבן: סײַ ווי סײַ האָט ער דאָך שוין ניט וווהין אוועקצוגיין פֿון אָט דער שטאָט, וואָס שטעלט אַרויס צו ווינטער צו אַ נײַעם קאַנדידאַט אױף ראַבינער. אַריבערטרעטנדיק מיט איר די שוועל צו איר אין שלאָף־צימער, איז ער דענסטמאָל מיט זײַן אייגענעם שׂכל געקומען צו אַ שפּאָגל־נײַעם געדאַנק, אַ חקירה:

— נאָר איינער, די וועלט איז בלאָטע... ווי איך בין אַ ייִד.
און ער האָט אַליין מיט אַ רוּיקייט פון אַ בעל־הבית פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

IV

די קורסיסטן מאַני רימער האָט זיך געוואָלט גטן מיט פּרויקע טשערקיס, איר מאַן. וועגן דעם האָבן געוווּסט אַלע אין שטאָט און באַ אַלישען אין שטוב.

אַלישע אַליין האָט זיך איינמאָל אין דער פרי אומגעקערט פון מאַרק און האָט פריילעך דערציילט פּראַדאָטשקען און בורמאַנען, וואָס זײַנען געזעסן איינער אַקעגן אַנדערן אין זאַל:

—— הערט אַ מעשה: זי וואַרפט דאָך אים טאַקע אַוועק, פּרויקען.

כדי מ׳זאָל אים מער גלייבן, האָט ער זיך באַלד געשווירן אַפן קול:

— ווי איך בין אַ ייִד, נאַרעשע מענטשן, וואָס איר זײַט! ס׳איז דאָרטן איצט אַ פולע שטוב מיט קולות. מאַני מאָנט באַ אים אַרויס אירע דרײַ טויזנט רובל ירושה און וויל אַוועקפאָרן צוריק אויף די קורסן.

פּראַדאָטשקע האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ. ניט אומזיסט האָט זיך אַלישע באַרימט, אַז אין איין רגע קאָן זי צונויפרעכענען אַפן קאָפּ וויפל גילדן מ׳וויל. און כאָטש ס׳איז נאָך קיין צען מינוט ניט געווען אַריבער, זינט צווישן איר מיט בורמאַנען זײַנען דאָ אין זאָל פאָרגעקומען גאָרניט קיין אָנשטענדיקע זאַכן, האָט זי זיך דאָך ניט פאַרלוירן און האָט גלײַך אָפּגעפרעגט סוחריש און קלוג:

— אַ משל, ווו וועט איר פּרויקע נעמען אָפּצוגעבן, אַז ער האָט אירע דרײַ טויזנט רובל אַרײַנגעבראָכט אין טיפּאָגראַפיע?

און דער ראַבינער בורמאַן האָט דערויף גאָרנישט ניט געזאָגט. לײַטיש מיט איין פוס אַריבערגוואָרפן איבערן צווייטן און מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס שטייט העכער פון אָט דעם גאַנצן שמועס, איז ער געזעסן אַקעגן פּראַדאָטשקען אין דעם ווייכן שטול און האָט געשוויגן, ווי אַ געזעצטער ענגלישמען. אַליין האָט ער זיך לויט פּראַדאָטשקעס פאַר־לאַנג געהאַט אָפּגעגאָלט די וואָנצעס און איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שפּאָגלנײַעם שוואַרצן האַרבסטראָק. דאָס רעקל איז געווען פאַרשפּילעט ביזן סאַמע האַלדז, און פּראַדאָטשקע האָט עס אויף אים פריער אַ ביסל אַרומגעטאַפּט פון אַלע זײַטן און האָט זיך געשווירן, אַז איבער זײַן

וווקסיקער פיגור זעט ער אין דעם אויס, ווי אַ יונגער דאָקטאָר. איצט האָט ער זיך דערפילט שלעכט, וואָס אלישע איז פּלוצים אָנגעקומען פון גאַס, און האָט אים אין די אויגן ניט געקענט קוקן. נאָר פּראַדאָטשקע האָט אַפילו דאָס אויך באַמערקט. זי האָט אים הינטן אַרום געגעבן אַ קניפּ און האָט אָנגעוויזן אין דרויסן אַרויס:

— זע נאָר, אָט גייט ער, דורכט זיך, פּרויקע.

און אַלע האָבן באַלאַגערט דאָס פענצטער און האָבן גענומען קוקן, ווי פּרויקע שפּאַנט צו זיך אין טיפּאָגראַפיע. ניין, אַף אָט דעם שוואַרץ געקרײַזלטן קמצן איז לחלוטין גאָרנישט ניט געווען צו דערקענען. ער איז, ווי פריער, געווען שטאַרק פאַרהאָרעוועט בא זיך אין געשעפט און האָט, דוכט זיך, נאָך מיט מער עקשנות געקליבן אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע.

דער ראַבינער איז טאַקע דענסטמאָל פון אלישען אַוועקגעגאַנגען גלײַך צו פּרויקען אין טיפּאָגראַפיע. ער האָט דעם גאַנצן וועג אַהין געשמייכלט צו זיך אין דער נאָז און האָט זיך דאָרטן באַלד באַם אַרײַנקומען אַראָפּ־געלאָזט אַף עפּעס אַ שווערן און אומריינעם טיפּאָגראַפיע־קאַסטן.

— נאָר איינער, האָט ער דערבײַ צו פּרויקען אַ זאָג געטאָן, די וועלט איז בלאָטע, ווי איך בין אַ ייִד...

געמיינט האָט ער דערמיט זיך, זײַן הילפּסלאָזע לאַגע אין אָט דער שטאָט, וואָס איז שוין צו אים שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן און שטעלט אַרויס אַ נײַעם ראַבינער־קאַנדידאַט; געמיינט האָט ער אויך די געשעע־נישן, וואָס קומען איצט פאָר צווישן אים מיט אלישעס ווײַב, און טאַקע אים, פּרויקען אַליין,, וואָס מאַני וויל אים אַוועקוואַרפן. אַף פּרויקען אָבער האָט זײַן נײַער געדאַנק קיין שום אײַנדרוק ניט געמאַכט. זײַן טיפּאָגראַפיע איז געווען פאַרוואַלגערט מיט צוויי עקסטרע באַשטעלונגען פון דער זעמסטוואָ, האָט ער אַליין מיט שטאַרק שוואַרצע הענט געהאַלטן אין איין זוכן עפּעס אַ נײַעם מין שריפט, זיך געבויגן אונטער אַ טיש אַרונטער און האָט פון דאָרטן געענטפערט גלײַכגילטיק און קאַלט, ווי אַף אַ זאַך, וואָס ער ווייס עס שוין פון לאַנג:

— אוודאי בלאָטע... מענטש איינער, וואָס־זשע? ס'איז אַ נײַס בא דיר?

און באַלד איז ער אַרײַן אין צווייטן חדר, וווּ ס'האָבן געאַרבעט צוויי זעצערס, און האָט דאָרטן אַ קאָמאַנדעווע געטאָן אַפן קול.

— פּאַרטיק, אַ? וואָס־זשע שווײַגסטו, חכם מײַנער? וועק אויף דעם

גוי!... נו דו! לאָז די מאַשין, אויסציען וועסטו זיך באַם ווײַב אין פאַדעליק.

נאָר אין גיכן איז שוין געווען אַ פרימאָרגן, ווען בורמאַן איז נאָכאַמאָל געזעסן באַ אלישען אין שטוב. אלישע אַליין האָט אים דענסט־מאָל פון גאַס אַרײַנגעשלעפּט און דערבײַ פריילעך אויסגעשריען צום ווײַב אין שלאָף־צימער.

— נאַ, פּראַדאַטשקע, כ׳האָב דיר געבראַכט דעם ראַבינער, קום אַהער גיכער... שפּיל אים אַ ביסל אָף דער פּיאַנאָ.

באַלד איז ער צו אים צוגעשטאַנען מיט טינט און פעדער און מיט אַ ליידיקן בויגן פּאַפּיר:

— אַנו, פאַני ראַבינער, ציקלט מיר נאָר אויס אַ פּראָשעניעלע צום מיראָוואָי. נאָר עפּעס אַזוי קונציק, ס׳זאָל נעמען די לעבער.

און כדי דער ראַבינער זאָל זיך ניט באַליידיקן, האָט ער גלײַך פּראַדאַטשקען צוגעגעבן:

— נאַרעלע, ער קען, ער קען; ס׳וואָלטן זיך ווינטשן אַזוי קענען דײַנע מעזשבעזשער אַדוואָקאַטן.

פּראַדאַטשקע איז אַרויסגעקומען אין שטוב־כאַלאַט פון שלאָף־צימער און האָט געפונען, אַז בורמאַן איז אַראָפּ פון פּנים, מ׳דאַרף אים דעריבער ניט מיד מאַכן מיט פּראָשעניעס שרײַבן.

— זאָל בעסער אלישע אַזוי גוט זײַן און זאָל הייסן אַרײַנטראָגן פאַרן ראַבינער אַ הייסע גלאָז מילך.

אלישע האָט זיך נאָר אָף איין רגע אָוועקגעדרייט, איז זי שוין געזעסן גאָר נאָענט לעבן בורמאַנען, און איינע פון אירע וואַרעמע קני האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זײַנער. זי האָט שוין אַפילו געהאַט אָנגעהויבן באַ אים פרעגן, צי ער האָט נאָך איר געבענקט. נאָר פּונקט אין יענער צײַט האָבן זיך פון פאַדער־שטיבל דערהערט אַ פּאָר אָפּגעריסענע אויסגעשרייען, און אלישע מיטן דינסט־מיידל זײַנען פון דאָרטן אַרויס אין דרויסן אַזוי געשווינט, ווי צו אַ שרפה. ווען פּראַדאַטשקע מיט בורמאַנען זײַנען נאָך זיי פון שטוב אַרויס, האָבן זיי שוין נאָר געזען, ווי פון אַלע עקן שטאָט לויפט מען אַרויף צו פּרויקעס טיפּאָגראַפיע. דאָס דינסט־מיידל האָט אָפּ־געשטעלט איינעם אַ בחור, וואָס איז פון דאָרטן צוריק אין מאַרק געגאַנגען, און האָט באַ אים געפרעגט, וואָס ס׳איז געשען; איז בורמאַן אויך צוגעגאַנגען און האָט געהערט, ווי דער בחור דערציילט:

— גאָרנישט... מאַני רימערס אַ פעטער, וואָס איז פון אָנהייב אָן ניט געווען צופרידן מיט איר חתונה, האָט אַרויסגעקריגן באַ איר אַ

„דאָוועריעגאַסט" און האָט פּרויקען פאַרחתמעט די טיפּאָגראַפיע. און מאַני אַליין איז שוין דאָ נישטאָ: זי איז נאָך נעכטן באַטאָג אַוועקגעפאָרן אַף די קורסן.

דענסטמאָל איז בורמאַן צוגעגאַנגען צו דער טיפּאָגראַפיע און האָט צווישן אַ געדיכט בינטל מענטשן דערזען דעם צעקנייטשטן פּרויקען. דרײַ מענטשן האָבן אים שטײַף געהאַלטן פון אַלע זײַטן, און ער האָט זיך נאָך אַלץ געריסן שלאָגן מאַניעס פעטער און אַראָפּרײַסן דעם סודעבנעמס חתימה פון דער טיפּאָגראַפיע; ער האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן, ווי אַ רוצח, און אַז מ'האָט אים געהאַלטן פאַר די הענט, איז מען ניט געווען זיכער, אַז ער וועט זיך ניט אָנהייבן שלאָגן מיט די פיס, צי מיטן קאָפּ, ווען מ'האָט אים אָפּגעלאָזט, האָט ער זיך אַ ביסל באַרויִקט, לײַכטער אָפּגעעטעמט און זיך צו ערשט אַרומגעקוקט אַפן אָנגעזאַמלטן עולם מיט אַזאַ שנאה און אַזוי פאַרחידושט, גלײַך ער וואָלט זיי דאָ נאָר וואָס דערזען:

— וואָס האָט מען זיך דאָ אָנגעשטעלט? האָט ער געפרעגט, אַף וואָס פאַר־אַ בייז וווּנדער איז מען זיך אַהער צונויפגעלאָפן?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף די טרעפּלעך פון דער פאַרחתמטער טיפּאָגראַפיע און האָט זיך פאַרטראַכט. אפשר האָט ער זיך פאַרקלערט וועגן מאַניען, וואָס אין שטאָט זאָגט מען, אַז זי האָט אין קיעוו עפּעס אַ סטודענט.

און אפשר גאָר וועגן זיך אַליין, וועגן זײַן שווערער פּראַצע, וואָס ער האָט בא דער טיפּאָגראַפיע אַוועקגעלייגט, און וועגן זײַן עקשנות, וואָס האָט אים צו גאָרנישט ניט געבראַכט.

דענסטמאָל זײַנען פּראַדאָטשקע מיט אַלישען צוגעגאַנגען צום פאַר־טראַכטן ראַבינער, און פּראַדאָטשקע האָט צו אים געזאָגט:

— קומט, וואָס ווערן מיר דאָ שטיין?

V

פּרויקע טשערקים איז צוויי טעג ניט אַרויסגעגאַנגען פון זײַן שטוב. ער איז דאָרטן געלעגן איינער אַליין און האָט געטראַכט וועגן מאַניען:

— גאָט וועט ער איר געבן?... אַ מכה...

אַרום אים אין די דרײַ פּריש אויסגעפאַרבטע געדונגענע חדרימלעך איז אַלץ געווען איבערגעקערט און אָנגעוואָרפן, ווי אינעם טאָג פון מאַניעס אַוועקפאָרן. די בעטן זײַנען געשטאַנען פּונקט אַזוי צעוואָרפן,

ווי בשעת מאַני האָט פֿון אונטער זייערע איבערבעטן אַרויסגעשלעפּט אירע צוויי קישנס; אינעם פּיצעלע עס־צימערל אַפֿן טיש צווישן פֿאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט איז געשטאַנען אַ טעלער מיט אַ חוט־השדרה פֿון אַ ניט דערגעסענעם הערינג, און אַרום אים האָבן שטאַרק געזשומעט אומרײַנע פֿליגן. דערצו איז נאָך די גאַנצע צײַט געגאַנגען רעגן, און די דרײַ פּיצעלעך חדרימלעך איז די טונקעלע לופֿט געווען אַזוי דושנע און היים, ווי אין אַ פֿריש אויסגעפּאַרבטן וואַגאָן דריטע קלאַס, און פּרויקע האָט אַפֿילו פֿאַר גוויטיק ניט געפֿונען די פֿענצטער עפֿענען אָדער אַרײַנרופֿן אימעצן פֿון דרויסן, מ׳זאָל די שטוב אויסקערן.

נאָר איין מאָל פֿאַרנאַכט, ווען אין דרויסן איז דער רעגן שוין מער ניט געגאַנגען, איז ער געוואָרן שטאַרק ברוגז אַף זיך, וואָס ער זיצט באַהאַלטן אין שטוב. ער האָט אָפּגעגאָלט די צוויי־וואָכנדיקע באָרד, זיך אָפּגעוואַשן און האָט אויף צו להכעיס אַרויסגענומען פֿון שראַנק זײַן נײַעם, כמעט ניט געטראָגענעם אָנצוג. אָנטוענדיק דעם אָנצוג, האָט ער געטראַכט, אַז ער האָט נאָך בא זיך טויזנט רובל מזומן געלט און וועט שוין מן הסתם ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן:

— ער הערט מאַניען, ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי...

נאָר ווען ער איז אַרויס פֿון שטוב, האָט ער דאָך אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פֿאָרויס און האָט זיך פֿאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, צי די בעל־הביתטע פֿון הויז זיצט דאָרטן ניט אַף די טרעפּלעך.

ס׳איז געווען שפּעט אין בין־השמשות, און אַ סאַמעטן בלאָטקעלע, אַ שיטערס און אָנהייב־אַלולדיקס, האָט זיך שטיל געגלענצלט אין די אויגן און זיך געצויגן אונטער די פֿיס, פֿונעם קײַלעכדיקן שלעכט ברוקירטן מאַרק ביז די עקסטע הײַזער פֿון שטאָט. דורך אַ פֿענצטער, וואָס אין איינעם פֿון די עקסטע הײַזער, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קאָפּ פֿון אַ בעל־הבתיש מיידל, און אַ פּאָר אויגן שוואַרצע און שעמעוודיק פֿינקלדיקע, האָבן נײַגעריק אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער פּרויקעס פּנים און האָבן אים נאָך דעם לאַנג נאָכגעקוקט אין די פּלייצעס. דאָס מיידל איז מיט אים ניט געווען באַקאַנט, זי האָט נאָר געוואָלט זען, ווי אַזוי ער זעט איצט אויס, פּרויקע.

אַ ביסל ווײַטער, אין עק פֿון אַ הילצערנעם פּלויט, זײַנען געשטאַנען צוויי ייִדן און האָבן באַטראַכט דאָס האָלץ פֿונעם אָפּגעקויפֿטן גוייִשן בודינגעק, וואָס מ׳האָט זיי אָקאָרשט באַטאָג דאָ אַראָפּגעוואָרפֿן. איינער איז געווען דער בעל־הבית פֿון דער נאָענטער שטוב, דער צווייטער זײַנער אַ שותּף. ביידע האָבן געפֿונען, אַז דאָס האָלץ איז אַ מציאה, און ביידע

האָבן זיי אַ ווײַלע אָן דעם פֿאַרגעסן און האָבן גענומען באַגלייטן פּרויקען מיט די אויגן. איינער האָט געזאָגט אָפֿן קול און מיט כּיוון, אַז פּרויקע זאָל הערן:

— וואָס זאָגסטו עפּעס? שוין, דאַנקען גאָט, צוריק אַ בחור, אַ?

אַלע האָבן אים פֿײַנט געהאַט דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך, ווי אַלישע, צו שפּעט און מיט צופֿיל גדלות אומגעקערט פֿון זײַן עקסטערנישן לעבן, וואָס אין די גרויסע שטעט, און האָט דאָ, ווי יענער, ניט באַדאַרפֿט אָנקומען ניט צום שוחט, ניט צו קהל און ניט צום רב. די גאַנצע שטאָט האָט געהאַט אָן אים אַ נקמה, און ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער אירע גאַסן און האָט ניט געהאַט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן.

אױף מאָרגן אין דער פֿרי האָט ער דערזען אַלישעס ווײַב, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט איר דינסט־מיידל פֿון מאַרק אומגעקערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זי לאַנג באַגלייט מיט די אויגן. און נאָך דעם האָט ער זיך אַ גאַנצן פֿרימאָרגן אין ערגעץ קיין אָרט ניט געפֿונען. עטלעכע מאָל האָט ער אָן שום באַדערפֿעניש זיך געלאָזט גיין צו זײַן פֿאַרחתמע־טער טיפּאָגראַפֿיע. ער האָט זי באַטראַכט פֿון דער ווײַטנס, געמאַן אַ זיפֿץ און האָט זיך פֿון דאָרטן אומגעקערט צוריק אַהיים. נאָר באַ אים אין דער היים איז, ווי נעכטן, געווען היים, אָנגעוואָרפֿן און ניט אויפֿגעראַמט. ער האָט זײַן וווינונג פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן מיט אַ שלעסל און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין מאַרק. דאָרטן האָט ער געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער צווישן די רעדלעך, וואָס האָבן געשמועסט וועגן אַלישען און וועגן די יד־אחתדיקע קצבים, און האָט זיך סוף־כּל־סוף אַוועקגעלאָזן אַרויף, צו אַלישעם גערירשנטער שטוב, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט זי פֿײַנט. גייענדיק אַהין, האָט ער געטראַכט ווי אַזוי אַלע וועלן דאָרטן קוקן אויף אים מיט רחמנות, און ווי אַזוי ער וועט דאָרטן ענטפֿערן אַלישען.

— נאָר איינער, וואָס איז מיר דען אַזוי שלעכט? וויל איך, ווער איך מיר צוריק אַ פֿאַרמאַצעווט.

אָבער ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אַהין אין פֿאָדער־שטיבל, האָט ער פֿון הינטערן פֿאַרוואָרפֿענעם פֿאָרטיער דערזען אַז אין דריטן חדר, אין זאַל אַפּנים, זײַנען איינער איבערן צווייטן אַריבערגעוואָרפֿן דעם ראַבינערס פּיס, און פֿאַרגלוסט האָט זיך אים מיט אַמאָל געפֿעלן ווערן אַלישעס ווײַב. ממזרש, ווי די פּאַראָבקעס, איידער זיי שטעלן זיך טאַנצן, האָט ער זיך באַלד געגעבן אַ פּאַטש איבער שטרויענעם הוט, וואָס מיט די צוויי דאַשיקעס, אַזוי אַז דער הוט איז אים אַריבערגעפּאַלן איבער די אויערן. ער האָט אונטערגעהויבן די אַקסלען, געמאַכט אַ שמייכלדיק

פּנים פון אַן אידיאָט, אַ פּויער, און אויסגעשריגן האָט ער שוין אַפן גאַנצן קול, און אַזוי פּריילעך ווי בחורוויז, בשעת ער איז נאָך געווען שטאַרק צופרידן מיט זיין אייגענער גליקלעכער פּערזאָן.

— בודטע זדראָווע סערע — דאָ — יו!...

אַז אלישע איז אַף זיין קול אַרויסגעלאָפן פון קאַבינעט, האָט ער שוין געהאַט אַ גלאַטן און פרישן תירוץ:

— איך בין אומישנע אַריינגעקומען זאָגן: איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס זאָל זיך אימעצ ניט אַריינלייגן אין שלום? ס׳איז דאָך פּשוט אַ רחמנות אַף אלישען און אַ רחמנות אַף די קצבים...

אלישע האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אים געשווינט דורכגענומען מיט שלעכטע, ווי באַ אַ שאָף אומעטיקע אויגן:

— קוק אים נאָר אָן אָט דעם ווייכהאַרציקן... געוואָרן אַ גאַנצער בעל־רחמים אַף די קצבים...

און פּרויקע איז רויט געוואָרן אַף צו באַליידיקן זיך און האָט זיך דאָך באַלד אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— מענטש איינער, איך זאָג דען, אַז נאָר אַף די קצבים איז אַ רחמנות?... איך זאָג דאָך, אַז ס׳איז אַ רחמנות אַף דיר אויך. וואָס הייסט? אומזיסט און אומנישט דערלייגסטו, נעבעך, מער, ווי צוויי הונדערט רובל אַ וואָך... .

פון דעמאָלט אָן האָט שוין אויך פּרויקע אָנגעהויבן אָפּט אַריינצוקומען צו אלישען אין שטוב. זיין אייגענע היים האָט אים סיי ווי סיי דערמאָנט אָן אַ גיהנם, און געשטאַנען איז דאָרטן נאָך אַלץ אַפן טיש דער טעלער מיטן חוט־השדרה פונעם ניט דערגעסענעם הערינג. איז ער נאָר געגאַנגען אהין שלאָפן און האָט די גאַנצע פריַע צייַט פאַרבראַכט דאָ, באַ אלישען. ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ שלום מיט דער שטאָט און האָט אַרויסגעטראָטן פון אלישעס צד פּאַר אַ בורר.

פון גאַנץ פרי אָן איז ער געשטאַנען אין מאַרק און האָט געהאַקט האַלץ מיט צוויי מנינים טעמפּ־קעפּיקע קצבים. הינטער זיינע פּלייצעס האָבן פון אים לצנות געמאַכט די קרעמער; זיי האָבן אים פיינט געהאַט און האָבן אים ניט געגלויבט. און ער האָט זיך צו זיי ניט אומגעקוקט און האָט מיט כלעריי ראיות אויסגעבריַיעט די קצבים, אַז פּאַר זיי לוינט מער נישט זיך אָפּהאַלטן פון צו קוילן:

— וואָרעם אָט, זאָלן זיי נאָר צולייגן קאָפּ: וואָס קאָנען זיי דען דערמיט פּוילן, אַז סיי ווי סיי קוילן די שוחטים הינער מיט גענז?

באַטאָג האָט ער אָוועקגעלייגט דאָס האַרץ באַם אָרטיקן רב אין

שטוב, געשוויצט צווישן אַ גאַנצער עדה פאַרזאַמלטע בעלי־בתים, וואָס האָבן ניט געקאָנט מוחל זײַן אלישען זײַן זיידנס קבורה און האָבן אַלע מאָל אָנגעהויבן צו טענהן פון ס׳נײַ:

— הערט אַ מעשה! אַזאַ געשיכטע איז דאָך ניט געהערט געוואָרן אין קיין שטאָט אין דער וועלט...

ער האָט זיך ליגנעריש געקרימט, געקנייטשט מיט די אַקסלען און געמאַכט אומגעדולדיקע העוויות מיטן פּנים און מיט די הענט.

— נו גוט, נו וויל, נו גוואַלד געשריגן... טענה איך דאָך אויך דאָס אייגענע; אָבער וואָס־זשע האָט שטאָט אויפגעטאָן?!

מיד און אויסגעמאַטערט, מיט אַן אויסגעשריגענעם האַלדז און מיט אַ נעפּלדיקער חרטה אױף אָט דער גאַנצער אַרבעט, וואָס ער טוט צוליב אַ פרעמדן, האָט ער זיך אָקאָרשט שפּעט אין בין־השמשות אומגעקערט צו אלישען אין שטוב, ווו מ׳האָט אים באַלד געגעבן טיי טרינקען און צו־בײַסן. און ווי מ׳האָט זיך אַרום אים אַוועקגעשטעלט, גרייט צו הערן, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצוטאָן פאַרן טאָג. קײַענדיק גיך, מיט בענקשאַפט, ווי נאָך אַ לאַנגן קוים דערצויגענעם תענית, האָט ער איבערגעגעבן די שטאָטישע נײַעס און האָט זיך דערבײַ אַלע מאָל גע־עדותט מיטן ראַבינער בורמאַנען:

— בורמאַן, דו הערסט, וואָס אלישע זאָגט? אויב איך וועל אים מאַכן דעם שלום, זאָגט ער, האָב איך בא אים פאַר מײַן בוררות אַ גאַנצן, הונדערטער...

פּראַדאָטשקע האָט ערנסט אויסגעהערט און געאַרבעט געשעפּט. אַלע מאָל האָט זי גערופן אלישען אױף אַ סוד אין קאַבינעט:

— אלישע, קום נאָר אַהער... איך האָב דיר פאַרגעסן עפּעס צו זאָגן.

און נאָך דעם איז אָנגעפאַלן די קילע נאַכט, און אַלע האָבן זיך אין זאַל אַוועקגעזעצט צום פּרעפעראַנס, צו דער עיקר־אַרבעט, וואָס אױף איר האָט מען געוואַרט אַ גאַנצן טאָג.

מ׳איז זיך דאָרטן ס׳רוב פאַרזעסן ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

אַרום און אַרום האָט אין זיכערן און פעסטן שלאָף געשוויגן דאָס אויסגעלאָשענע שטעטל, און פונעם מעזשביזשער וועג איז מיט אַ ווילד פוילן באַנאַכטיקן טרײַב אָנגעקומען אַ פול־געפּאַקטע בעל־עגלהשע פור.

דעמאָלט האָבן זיך די פאַרשווינענס פּנימער פון זיך אַליין געדרייט צו אָט דער אײנציקער וואַכנדיקער שטוב, און זייערע הערצער האָבן געגאַרט צו אירע באַלויכטענע פענצטער, ווי צו גליק.

אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז צו די אויערן פון די, וואָס שפּילן, האָט דערגרייכט פון פאָדער־שטיבל אַ שטילער סקריפּ פון דער געעפנ־טער טיר. אַלע פלעגן אַף אַ ווײַלע אָן די קאָרטן פאַרגעסן און אָנשטרענגען די אויגן אַהין, פון וואַנען דער סקריפּ איז געקומען. נאָר געווען איז דאָס אַלע מאָל ניט מער ווי יאַן דער סטרוזש, וואָס האָט פון דרויסן געהיט אלישעם שטוב מיטן גאָרטן:

— יאַן, האָט מען באַ אים בכיון געפרעגט אַף ייִדיש, וואָס הערט זיך עפּעס אין דרויסן?

און יאַן האָט געוווּסט, וואָס מ'מיינט.

— „פינצטער פּאַני", האָט ער געענטפערט אינעם זעלבן טאָן און אַף אַ געבראָכענעם ייִדיש.

דעמאָלט האָבן אַלע פריילעך געלאַכט און אַרויסגעשיקט יאַנען אין קיך אַרײַן אַ גאַנץ צענדליק פּאַפּיראָסן.

אלישע האָט די גאַנצע צײַט געשפּילט מיט קאָפּ. ער האָט זיך קיינ־מאָל ניט טועה געווען מיט קיין קאָרט און האָט אַרײַנגעפירט אַלעמען אין גרויסע רעמיזן, אָזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט ניט צו טראַכטן בשעתן שפּילן וועגן זײַנע געשעפטן מיט דער שטאָט, וואָס האָבן אים טייל מאָל געמאַכט נערוועז און אין כעס. ער האָט טאַקע קיין מאָל ניט באַמערקט, וואָס אַרום אים טוט זיך, און נאָר פרויקע האָט געוווּסט, אַז צווישן אלישעם ווײַב, וואָס האָט אים פריער אַ ביסל געוואָרפן אַף סודות, און צווישן בורמאַנען, וואָס זיצט איר אַקעגן, קומט די גאַנצע צײַט פאָר אונטערן טיש עפּעס אַ גאַנץ ערנסטער שמועס אויף פּיס לשון. אים האָט אָנגעכאַפּט אַ קנאה, האָט ער איין מאָל געפּרוּווט צווישן אָט די שמועסנדיקע פיס אויך זײַנעם אַרײַנרוקן, ווי איינער וואָלט זאָגן:

— נעמט מיך אויך אַרײַן אין קאָן... וואָס אַרט אײַך?

נאָר באַלד האָט ער באַקומען אין אָט דעם פוס זײַנעם אַ שטויס, אַן ענטפער, וואָס איז געווען די טײַטש:

— מיש זיך ניט... ס'איז ניט דײַן זאַך!

געדוכט האָט זיך אים, אַז אָט דעם שטויס האָט ער באַקומען ניט פון בורמאַנען, נאָר דווקא פון איר, פראַדאַטשקען, וואָס האָט אין דער זעלבער צײַט געפרעגט באַ אלישען:

— וואַרט, וואַרט, ווי האָסטו געקאָנט אַרײַננעמען מיטן מלך פּיק?

און נאָכדעם האָט ער צוגעזען, ווי זי באַגלייט אַרויס בורמאַנען אין פאָדער־שטיבל, ווי זי גיט אים דאָרטן אלישעם ראָק, כדי ער זאָל זיך ניט צוקילן, און זאָגט אים אָן:

— בורמאַן, איר זאָלט אַן אַ תירוץ קומען מאָרגן אַף ווארעמעס. איר הערט, וואָס מ'רעדט צו אײַך, בורמאַן?

אַרויסגייענדיק דעמאָלט צוזאַמען מיט בורמאַנען פון אלישעס שטוב, האָט פרויקע טאַקע אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך און וועגן זײַן פּוסטער שטוב, וווהין ער גייט איצט נעכטיקן, און האָט נאָך אַ ווײַלע שווײַגן צו בורמאַנען אַ זאָג געטאָן:

— נאַר איינער, ביסט דאָך אַ גליקלעכער מענטש!... מיינסט אַלע־מען גילט אַזוי אָפּ, ווי דיר?

אים האָט זיך געדוכט, אַז בורמאַן ווייסט ניט, אַקעגן וואָס ער זאָגט עס. האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס הייסט? אלישע האַלט דאָך דיך אויס מיט אַ ווײַב, מיט אַ שטוב און מיט אַ קיך אַפילו.

נאָר דער ראַבינער בורמאַן האָט צו יענער צײַט שוין אָנגעהויבן שטאַרק פעט ווערן, און האָט זיך געפוילט ענטפערן. ער האָט נאָר מערקזאַמער, ווי תמיד, אַ שמייכל געטאָן צו זיך אין דער נאָז און האָט זיך אַוועקגעדרייט שלאָפן צו זיך אַהיים.

VI

פרויקען האָט זיך טאַקע סוף־כל־סוף אײַנגעגעבן, אַז די שטאָט זאָל נעמען בא אלישען אַף עולמות ניט מער, ווי פינף הונדערט רובל. דאָס איז געווען אַ קונץ, וואָס נאָר פרויקע האָט אים געקאָנט באַווײַזן. ער איז דעריבער געווען אַזוי לעבעדיק און צופרידן און אַלע ווײַלע געשפּרונגען פראַדאָטשקען אין פּנים אַרײַן.

— וואָס זאָגט איר עפּעס, אַ?... אפשר האָט איר צו מיר אַ טענה?

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די קצבים פון זייער זײַט פאָדערן אַ באַזונדערן לוין, דערפאַר וואָס זיי האָבן אַ חודש צײַט ניט געקוילעט, מ'האָט זיך געמוזט מיט זיי באַזונדער פאַרלאָזן און פאָלגן דעם נײַעם פּסק, וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן דער אָרטיקער טפש, טפש דער רב.

לויט אָט דעם נײַעם פּסק האָט אלישעס פוס ניט געטאָרט קומען אין בוינע אַרײַן, און רעכענען האָבן זיך די קצבים באַדאַרפט ניט מיט אים, נאָר מיט זייער אייגענעם נאָמען, פאַר וועלכן דער רב האָט זיך געערבט.

אלישע איז שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער הויט און האָט בא זיך אין דער היים געריסן אַף זיך די האָר:

— גוואַלד געשריען: וואָס פֿאַר אַ שלום איז דאָס?! ס'איז דאָך מער ניט, ווי שונאים אַף געלעכטער.

דעמאָלט האָט פּרויקע פֿון ס'נײַ גענומען אַרבעטן אַף אַלע כלים און האָט אויך דאָ באַוויזן וווּנדער; ער האָט דערוויזן אלישען, אַז ס'גייט צו די ייִדישע ימים טובים, און אַז פֿאַר דרײַ וואָכן צײַט קאָן ער אָפּ־פֿאַרדינען אין דער טאַקסע אַלץ, וואָס ער האָט דערלייגט צו איר אין משך פֿון גאַנצע אָנדערהאַלבן חדשים. אלישע האָט געוווּסט, אַז פּרויקע איז פֿאַרביסן און קלוג, ער איז אים אין האַרצן אַ שונא און מיינט נאָר צו באַקומען דעם הונדערטער פֿאַרן בוררות.

אָפּפֿאַרדינען, אָפּפֿאַרדינען... האָט ער זיך אים נאָכגעקרימט און האָט אים בייזער, ווי תּמיד, דורכגענומען מיט זײַנע שלעכטע אויגן.

פֿונדעסטוועגן האָט זיך אים פֿון אָט דעם חשבון פֿאַרדרייט דער קאָפּ; ער האָט געלאָזן די קצבים זיך רעכענען מיט זייער אייגענעם נאָמען, און אַליין האָט ער זיך אײַנגעקעשנט צו וואַרטן צוויי טאָג צײַט בא זיך אין קאַבינעט אַפֿן „שטשאָט" און האָט באַרעכנט ביז אין דער קאָפּיקע, וויפֿל ס'קאָן אים בלײַבן נאָר איין ערב יום־כּפּור פֿון כּפּרות. דער חשבון האָט געטראָגן נאָך מער, ווי מ'האָט געמיינט. און פּרויקע האָט ווידער געטאַנצט:

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

אָבער נאָך אין יענער זעלבער וואָך איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז די שטאָט איז ניט צופֿרידן מיטן שלום, און אַז די קצבים וועלן ווידער אַמאָל אויפֿהערן צו קוילן; לײַטישע בעלי־בתּים, וואָס האָבן קיין מאָל ניט אָנגערירט קיין פֿליג אַף דער וואַנט, זײַנען רעדלעכווײַז געשטאַנען אין מאַרק, אַרום די קצבים, און האָבן זיי אויפֿגעקלערט די מוחות:

— משוגעים! ווּעמען פֿון אײַך איז נוגע, וואָס די שטאָט האָט מיט אים משלים געווען? ער וואָלט דאָך אײַך סוף־כּל־סוף געמוזט געווען צוּוואַרפֿן די טאַקסע און אַנטלויפֿן.

און ניט ווײַט פֿון זיי איז אַרומגעגאַנגען דער אָרטיקער ברודיקער שיכור, דער שדכן, וועמען די קרעמער האָבן אונטערגעקויפֿט פֿאַר אַ ביסל בראָנפֿן; ער האָט געווישט די נאָז מיט אַ גרויסן שטיק בובולע־פּאַ־פּיר, וועלכן ער האָט נאָך עם באַהאַלטן צוריק אין טאַש, און האָט גערעדט אַף אלישעס מעזשביזשער ווײַב, דער פֿאַרשוין.

— ווער, דער אָפיציר, וואָס האָט מיט איר געלעבט? ער שיקט נאָך איצט אויך איר מוטער הונדערט רובל אַ חודש...

ייִדן האָבן זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן.

— ווער? האָבן זיי בײַ אים איבערגעפרעגט, ווער, זאָגט ער, שיקט צו איר מוטער הונדערט רובל אַ חודש?

און ער האָט זיך געמאַכט, גלײַך די קרעמערס פרעגן עס בתמימות, און האָט געענטפערט מיט אַ שבועה:

— דער דראַגון, וואָס האָט מיט איר געלעבט, ווי איך בין אַ ייִד...

אלישען האָט געזאָדן. פון אין דער פרי אָן האָט ער זיך געריסן אין מאַרק, כדי צו פּלעטן דעם אַלטן שיכור דעם קאָפּ; פרויקען איז אויס־געקומען אים אָפּצוהאַלטן פּשוט פאַר די הענט.

— טפּש איינער! האָט ער געשריגן, זייַ אין שטוב, ס'וועט איבער־גיין; אַ שטאָט קאָן ניט זיצן יום־טובים־צײַט אָן פלייש.

און אין אָוונט האָט אלישע דאָך געפּאַקט דעם ברודיקן שדכן איינעם אַליין אָפּן לײדיק גרינעם שטאָט־פּלאַץ און האָט אים צעבלוטיקט.

פראַדאָטשקע איז דעמאָלט ניט געווען אין דער היים, זי איז אַוועק־געגאַנגען מיט בורמאַנען שפּאַצירן.

אין מיטן שטאַרק פינצטערן און שטילן אָוונט האָבן זיך פּלוצעם דערהערט האַרצרײַסנדיקע קולות פון אַן אַלטיטשקן, וואָס ווערט שרעקלעך געפּײַניקט, און האָבן זיך געוויקלט, ווי שוידער, אַרום מענטשנס לײַבער. בחורים, וואָס האָבן קראַפּט אין די הענט, זײַנען אַהין געלאָפן פון אַלע עקן שטאָט, איבערשרײַענדיק זיך, ווי בלינדע אין דער פינצטער, און ניט דערקענענדיק איינער דעם צווייטן. דעמאָלט איז אין דער לופט הענגען געבליבן אַ שרעק, וואָס פאַר אַן אומברחמנותדיק געשלעגן; קינדער האָבן ערגעץ אויפגעהויבן אַ קלאָג, ווי אַף אַ געהרגעטן, און אין דער זעלבער צײַט האָט די שײַן פון אימעצנס אַן עלעקטריש לאַמטערנדל, זוכנדיק, אַ בלאָנזשע געטאָן איבער דער פינצטערער גאַס און האָט געפונען די פּיס פון איינעם אַ צולעצט אַוועקגעפאַלענעם טאַטן.

אָבער ווען דער עולם איז צוגעקומען אַהין, צום לײדיק גרינעם פּלאַץ, האָט מען דאָרטן שוין ניט געטראָפן קיינעם, אַחוץ אַלטן, וועל־כער איז איינער אַליין געזעסן אַף דער ערד. אײַנגעהויקערט און דערשראָקן האָט ער געהאַלטן די האַנט אונטערגעשטעלט אונטער די טראָפּנס בלוט, וואָס זײַנען אים גערונען פון נאָז, און האָט אַרויסגעבליפּעט פון גרויס ציטערניש:

— אוי, האָט ער מיך דערשלאָגן, אָט דער הולטײַ, אָט דער ממזר... אוי, האָט ער מיך צעבײַלט...

— קינדער, האָט עמעץ אויסגעשריען אויפן קול, ס'זאָל אים ניט זײַן געשענקט!

און אין דער זעלבער צײַט האָט זיך דערהערט אַ צווייענדיקער דונער, אַ קנאַל, אַ קנאַל, און זיך געגומען קוליען איבער דער לופט.

— טראַך! טרערעראַך!

דאָס האָט אלישע בא זיך אין סאַד אויסגעשאָסן צוויי מאָל פון זײַן רעוואָלווער. איין מאָל פון הימלעבקייט־וועגן, דאָס צווייטע מאָל, כדי צו דערוויַזן דער שטאָט, אַז ער האָט פאַר איר קיין מורא ניט.

דעם צעבלוטיקטן שדכן האָט מען נאָך דעם אַרומגעפירט פון איין חשובן בעל־הבית צום צווייטן:

— אָט, זאָלן יידן זען, וואָס דער רוצח האָט אים געטאָן.

דער אַלטער אליין האָט געקרעכצט און געבראָכן פיסקעס, כאָטש אים האָט שוין גאָרניט ווי געטאָן. אים האָט מען איַינגערעדט, אַז ער קאָן דערפאַר נעמען בא אלישען געלט. און די קצבים זײַנען אים נאָכ־געגאַנגען און האָבן געזאָגט, אַז מאָרגן וועלן זיי שוין ווידער ניט אַרויסגיין קוילן.

פרויקע איז געקומען צו לויפן צו אלישען אין שטוב. ער איז געווען מלא רציחה, וואָס דער הונדערטער פאַר זײַן בוררות האָט זיך אים פון האַנט אַרויסגעגליטשט, ער איז אַרומגעלאָפן איבערן עס־צימער, ווי אַ וויכער.

— וואָס־זשע דען? כ'האָב ניט געוווסט פריער? אלישע וועט מאַכן אומגליקלעך זיך אַליין, די גאַנצע שטאָט און אַלע מענטשן, וואָס רירן זיך צו אים צו...

און פראַדאָטשקע, איבער וועמען דער גאַנצער אומגליק איז געשען, איז שוין געזעסן בא דער זײַט. איר פּנים איז נאָך געווען רויט פונעם שפּאַציר מיט בורמאַנען, און געפילט האָט זי זיך שלעכט...

— איך ווייס, וואָס? האָט זי עטלעכע מאָל איבער־געחזרט, אַז עפּעס אַן אַלטער שיכור בעבעט דאָרטן, דאַרף ער זיך גיין מיט אים אויסשטעלן.

דעמאָלט האָט זיך צו איר אלישע צום ערשטן מאָל פון נאָך דער חתונה מיט גרויס כעס אויסגעדרייט.

— בעבעט, האָט ער זיך איר נאָכגעקרימט און איר מיט דעם אַף עפּעס מרמז געווען, בע־בע־ט...

און נאָך דעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו פּרויקען, וואָס האָט פּאַרלאָזט מיט גרוים רוגז די שטוב; ער האָט דערפילט צו אים די זעלבע שנאה, וואָס ער פילט צו דער גאַנצער שטאָט, און האָט אַף אים געשווינט אַ וואָרף געטאָן מיט קאָפּ:

— זאָל ער גיין, נישקשה... קיינער האָט נאָך אים ניט געשיקט.

VII

פּראַדאָטשקע האָט זיך געפילט באַליידיקט אַף אַלישען און האָט צוויי טעג ניט געוואָלט מיט אים ריידן. איטלעכס מאָל, וואָס ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זי געוואָלט אַ קוש טאָן, האָט זי אים פון זיך אָפּגעשטופּט ניט מיט די הענט, נאָר מיט די אַקסלען און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

— זאָל ער פון מיר אַוועקגיין, האָט זי אים דערביי געררייצט מיט איר עכט ווייבעריש קול, איך קאָן אַף אים ניט קוקן.

אַלישען איז אַלע מאָל אויסגעקומען אָפּצוטרעטן פון איר מיט אַ ליידנשאַפטלעך פאַרביסענער אונטערשטעטער ליפּ און מיט די הענט, טיף פאַררוקט אין די הויזן־טאַשן.

„פּכע!" האָט ער אַף איר מיטן קאָפּ אַ וואָרף געטאָן, און אָט דער „פּכע" האָט געהאַט פאַרשיידענע טייטשן, ער האָט געהייסן:

— אַ גאַנצע אדונית באַ זיך געוואָרן, איך זאָג דיר דאָס אמת!...

און נאָך אַ זין האָט עס געהאַט:

— נישקשה, ס'וועט איבערגיין... זי וועט בעסער ווערן.

פּראַדאָטשקע האָט זיך אָבער ווייטער געטאָן דאָס איריקע און איז אין איינעם אַ פרימאָרגן אַוועקגעפאָרן מיט אַ בעל־עגלהשער פור צו איר מאַמען קיין מעזשביזש. דער בעל־עגלה איז געווען טאַקע אַ דאָרטיקער, אַ מעזשביזשער. פּראַדאָטשקע האָט אים מיט זיין פור דערזען דורכן פענצטער און איז אַרויסגעגאַנגען צו אים אין דרויסן. אפּנים, דער געדאַנק וועגן אַוועקפאָרן איז איר צופעליק אַפן זינען אַרויף.

— הערט, זאַנוול, האָט זי באַ אים געפרעגט, איר וועט מיך נעמען קיין מעזשביזש?

און זאַנוול האָט צורעכט געמאַכט אַף די פערד די לאַבידרעקעס און האָט געענטפערט פּאַמעלעך מיט אַ שמייכל:

— פאַרוואָס ניט? אַ מיאוס ווייבל וועל איך ברענגען קיין מעזשביזש?

ווען אלישע האָט זיך אומגעקערט פונעם נאָענטן דאָרף, ווו ער האָט דערמאָנט א פּאָר גויִים, זיי זאָלן קומען אויסלייזן זייערע ווינטערדיקע פּעלצן, איז שוין פּראַדאָטשקע געווען אוועקגעפאָרן.

זע?! האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באלד באם אריינקומען אין זאל אריין און האָט באקומען אזא דערשטוינט פּנים, גלייך ער וואָלט בשום אופן ניט גלייבן, אז פּראַדאָטשקע קאָן אים אזא זאך אָפּטאָן.

אין שטוב איז דורכויס געווען מאָדנע שטיל און ניט אויפגעראַמט. די ווייכע שטולן זיינען געווען אָפּגערוקט פון זייערע שטענדיקע ערטער און האָבן געבענקט נאָך דער אוועקגעפאָרענער, און דאָס דינסט־מיידל האָט זיך געפּאָרקעט אין קיך באם פאַרשפּעטיקטן אָנבייסן און האָט עפּעס געפּרעגלט. דער גאַנצער פרימאָרגן איז בא איר אוועק אָפּ ארויסבאַגלייטן פּראַדאָטשקען אהיים.

אלישע איז צום אלעם ערשט אריינגעקומען אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך איבערצייגט, אז פּראַדאָטשקע האָט איבערגעלאָזט אין די שראַנקען אלע אירע זאכן און האָט זיך בארויִקט.

— זי וועט בעסער ווערן, גישקשה... דעם שעלאָטן־שמש וועל איך נאָך איר ניט שיקן.

און נאָך דעם איז ער שוין א גאַנצן טאָג ארומגעגאַנגען איינער אליין בא זיך אין שטוב און האָט ניט געוווסט וואָס אין שטאָט טוט זיך; פריִקע איז געווען ברוגז און האָט מער ניט געוואָלט גיין צו אים אין שטוב. אָקאָרשט פאַרנאַכט האָט ער דערהערט א קלונג פונעם פּאַראַד־גלעקל און האָט זיך געלאָזט אהין לויפן, אים האָט זיך געדוכט, אז פּראַדאָטשקע האָט זיך אהיים אומגעקערט. נאָר געווען איז דאָס ניט מער. ווי דער ראַבינער בורמאַן, וואָס איז געקומען רופן פּראַדאָטשקען שפּאַצירן.

— ניטאָ, האָט אים אלישע קלוגערהייט א זאָג געטאָן און האָט דערביי פאַנאַנדערגענומען ביידע הענט, ווי פליגלען, אוועקגעפאָרן.

— ניטאָ? האָט דער ראַבינער שמייכלענדיק איבערגעפרעגט און דער־פילט האָט ער זיך אזוי מאָדנע, גלייך ער איז נאָך גאָר א קליינטשיקער, ער איז איצט געקומען זיך שפּילן מיט פּראַדאָטשקען, זיין חברטע, און אלישע, דער גרויסער, באַדויערט זיין מזל:

— ניטאָ, נאַרעלע איינער... מוזט זיך נעבעך אומקערן איינער אליין אהיים.

דער שעמעוודיקער שמייכל איז ניט אראָפּ פון זיין פּנים אפילו נאָך דעם, ווען ער איז איינער אליין געגאַנגען צוריק צו זיך אהיים, און אלישע

האָט שוין הינטער אים געהאַט צוריק די טיר פאַרשלאָסן. זײַנע אַלע מאַנסבילשע באַציִונגען צו איר, דער אוועקגעפאָרענער, האָבן זיך אים געדוכט קינדעריש און נאַריש, ניט פאַר אַזאַ ערנסטן מענטשן, ווי ער, האָבן זיי געפּאַסט. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגע־קוקט. אַרום אים אָפן ליידיקן גרינעם פּלאַץ איז קיינער ניט געווען. ער האָט מיטן פריִערדיקן שמייכל צוגעשטעלט אַ פינגער זיך צום האַרצן און האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אָנגעהויבן ריידן צו זיך אַליין.

— בורמאַן!... האָט ער צו זיך געזאָגט, ביסט אַ נאַר, בורמאַן... ווי איך בין אַ ייִד...

אלישע, אַז ער האָט זיך יעדן אָוונט געלייגט שלאָפן, האָט ער פון גרויס עלנטקייט לאַנג ניט געקאָנט אײַנדרימלען און האָט בײַ זיך באַשלאָסן:

— מאָרגן פאָרט ער נאָך פראָדאָטשקען... באַלד ווי ער שטייט אויף, דינגט ער אַ פור און פאָרט נאָך איר אַוועק.

נאָר באַנאַכט האָט ער ס'רוב געהאַט שלעכטע חלומות וועגן געלט, וואָס ער דערלייגט, און אין דער פרי, בײַם אויפשטיין, איז ער שוין ווידער געווען אַף איר אויפגעטראָגן און האָט זיך אָנגעטאָן מיט כעס.

— אָט וועט ער אוועקוואַרפן אַלע געשעפטן און וועט לויפן נאָך איר!... ער האָט מער ניט וואָס צו טאָן!

און אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנצע וואָך, ביז אין שטאָט האָט זיך קעגן אים דער נײַער טומל פאַרשטאַרקט, און ער האָט דערפילט, אַז ער גייט אונטער מיט זײַן גאַנץ פאַרמעגן און לעבן; וועגן פראָדאָטשקעס רוגז האָט ער שוין אַפילו קיין צײַט ניט געהאַט צו קלערן.

אינעם נײַעם טומל זײַנען ווידער אַמאָל שולדיק געווען די קרעמערס, מיטן אַלטן שיכור, וועמען ער האָט צעבלוטיקט, זיי האָבן געבראַכט דערצו, אַז די שטאָט האָט שבתצונאַכט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע אסיפה ערגעץ אין איינער פון אירע קלויזן און האָט באַשלאָסן:

— אויב אַ גאַנצע שטאָט וויל ניט אלישען פאַר אַ בעל־טאַקסע, קאָן זי קיינער דערצו ניט נייטן.

צו דעם באַשלוס זײַנען באַלד צוגעשטאַנען אַלע אָרטיקע ייד־אחתדיקע קצבים; זיי האָבן צעהרגעט צוויי קצבים שותפיש, וואָס זײַנען פּלוצים איבערגעגאַנגען אַף אלישעס צד, און האָבן מיט אַמאָל אויפגעהערט צו קוילן. דער נאמן, פאַר וועמען דער רב האָט זיך געערבט, האָט שוין מער ניט געבראַכט צו אלישען אין שטוב קיין פולע טאַשן מיט זילבערנע רובלען און מיט מינץ, פון וועלכע ס'פלעגט שמעקן מיט

רויען חלב און מיט יאַטקע פֿלייש. ער האָט זיך לײַדיקערהייט אַרומגע־דרייט אין מאַרק און פֿון לאַנגווײַליקייט געקנאַקט יאָדערן. און די קרע־מערס זײַנען שוין געווען בא זיך שטאַרקער און פֿרייליכער. זיי האָבן אין מאַרק אָפּגערעדט די גויִים, וואָס טראָגן משכנות צו אַלישען אין „סודנע קאַסע", און האָבן זיך מיט מער זיכערהייט געטרייסט:

— האָט קיין יסורים ניט... ער וועט בלײַבן אַ קבצן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די קצבים אָפּגעהאַלטן בסוד אַ באַזונדערע אסיפֿה און האָבן באַשלאָסן געבן אַלישען פּעטש. זיי האָבן געהאַט פֿולע מײַלער מיט שווער באַוועגלעכער צונג און האָבן געשריגן אַלע צוזאַמען:

— די קישקעס וועט מען אים אַרויסלאָזן!

— ער איז דאָ אַ פֿרעמדער...

באַנאַכט זײַנען מיט אַמאָל בא אַלע אָרטיקע שוחטים אויסגעשלאָגן געוואָרן די פֿענצטער, כּדי זיי זאָלן אויפֿהערן קוילן הינער מיט גענדז, און אין שטאָט איז געוואָרן גרעסער דער טומל. מ'האָט ניט געוווּסט, וועמענס אַרבעט דאָס איז: די קצבים האָבן אומישנע אויסגעשלאָגן די פֿענצטער בא איינעם אַ זייעריקן, כּדי דער חשד זאָל פֿאַלן אױף אימעצן אַנדערש. און אַליין זײַנען זיי, ווי אַלע פֿרימאָרגן, געשטאַנען אַלע אין איינעם אין מאַרק און האָבן כּלומרשט לצנות געמאַכט פֿון זיך אַליין און פֿונעם נצחון, וואָס זיי פֿירן.

— וואַרט, אַלישע האָט ניט קיין קינדער, וואָס ווילן עסן.

— נאָר איינער, בא אים קאָכט מען אום שבת, גאָט אין האַרצן האָט ער ניט.

ס'האָט זיך צוגערוקט אַ נײַער מיטליאָריקער קצב, מיט אַ נאַריש לאַנגער באָרד און מיט ברודיק קאַליע אויגן, און האָט צוגעגעבן:

— פֿון די צען מויזנטער, וואָס ער האָט פֿון זײַן געפֿגרטן זיידן אָפּגעשוינדן האָט ער דערווײַל צעטרענצלט ניט מער, ווי פֿינף, ווי איך בין אַ ייִד.

האָט מען אים אָנגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן און אים גענומען רייצן.

— יצחק וואַראַטוטע, משוגענער גולם דו!... גיי שלאָג אויס אַלישען די פֿענצטער.

יצחק וואַראַטוטע, איז געווען אַזוי טעמפּ, אַזוי קרעפּטיק און שווער באַוועגלעך. אַף דער קצבישער אסיפֿה האָט ער דער ערשטער זיך אַרויס־געזאָגט פֿאַר פּעטש, ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז מ'דאַרף עס האַלטן

בסוד, און אַז באַטאַג איז דערויף קיין צײַט ניט. אײַנגעהויקערטערהייט האָט ער אָפּגעשטופּט פון זיך די היימישע גוטע ברידער, געשמייכלט נאַריש, ווי אַן אידיאָט, און האָט געזעדט מיט אַ קול פון אַ פאַרגרעבטן ענלה:

גיי אַליין!... ווער פאַרברענט!

באַטאָג האָט חברה קצבים דערזען בורמאַנען מיט פּרויקען אין עק מאַרק אַדורכגיין און געמאַכט אַף זיי אַ „טיוהאָ", ווי אַף האָזן.

— ס'איז איין קאָמפּאַניע מיט אַלישען, נאָר איינער.

— געענדיקט די קלאַסן.

— וואָס פרעגסטו? מ'רייכערט אין איינעם די שבתדיקע פּאַפּיראָסן.

מען האָט באַמערקט אַלישעס דינסט־מיידל, וואָס קערט זיך אום פון דער רוסישער קלייט, און איר גענומען נאָכשרײַען אַפן קול:

— וואַרט, ס'וועט אים אָקאָרשט די נשמה אַרויס. מלך גוים אייניקל!... ער מיינט, מ'ווייס ניט, אַז ער גייט אַרום מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע?

דעמאָלט איז אַלישע פּלוצעם אַרויסגעשפּרונגען פון שמאָלן געסל, וואָס צווישן דער פּאָסט און גויִישן הקדש. דער סטראַזשניק, וואָס האָט אים באַגלייט, איז געבליבן שטיין וואַרטן, און ער איז גלײַך צו צום בינטל קצבים און האָט גענומען אָנטרעטן אַף יצחק וואַראַטוטע.

— נו, האָב איך מורא פאַר דיר?! האָט ער צו אים געשריגן, נו וועסטו מיך גיין מסרן?

אים איז שוין אַזוי אויך געווען גענוג אָנגעזאָלצן אַפן האַרצן. פון גאַנץ פרי אָן איז ער געשטאַנען מיטן סטראַזשניק בא דער בוינע אַרוים דער שטאָט און האָט געוואַרט, אפשר וועט פאַרט אימעצער קומען קוילן. און איצט איז ער ענדלעך מיט גרוים האַרצוויטיק אַרוים אַהער צו די קצבים, ס'האָט געהאַלטן אַף אַ האָר ווײַט פון פּעטש.

VIII

יאַן דער סטרוזש, וואָס בא אַלישעס שטוב, איז געווען צעקריגט מיטן דינסט־מיידל, דער קעכן. די סיבה פון דער קריג איז געווען אַ פולער קיכצעבער, וואָס יאַן האָט צוריק מיט אַ פּאָר טעג זיך אָפּגעזאָגט אַרויס־צוטראָגן. דאָס דינסט־מיידל האָט פון גרוים אויפגערעגטקייט אויפגעהערט אָפּצוהיטן פון זײַנעט וועגן די געקאָכטע און פּעטע יויכציבלקעס און האָט מער ניט געוואָלט זײַן פּנים אָנקוקן.

— ווי לאנג קרענקט ער, האט זי געזאגט, בשעת ער האט פון דרויסן די צוגעשלאסענע קיך־טיר א שלעפ געטאן, ער וועט שוין בא מיר ליגן א גאנצע נאכט אין דרויסן, ווי א הונט.

יאנען איז געווען לאנגווייליק, ער האט געדארשט נאך א לעבעדיק ווארט. א גאנצע שטאק־פינצטערע נאכט האט זיין פייפל בענקענדיק גע־בויערט די שטילע לופט, וואס אין פארשיידענע ווייטע סאדווינקלען. מיטן טאגליכט האט ער זיך געשטעלט ריידן מיט א גוי, וואס האט אין א פארבלוטיקטן פאפיר געטראגן פון מארק דריי פונט פלייש, און נאך דעם האט ער זיך שוין מער ניט איינגעהאלטן און האט אנגעקלאפט אין פענצטער פון אלישעס שלאף־צימער:

— באריך!... א, באריך... אין שטאט פארקויפט מען פלייש, באריך!...

אלישע האט זיך אויפגעכאפט מיט שרעק, גלייך אף אט דעם נייעם אומגליק וואלט ער ווארטן גאך פון נעכטן און א גאנצע נאכט אין חלום.

— אהא! די קצבים...

באלד איז ער אין אונטערשטע וועש אראפ פון בעט און געשווינט פאנאנדערגעעפנט דאס פענצטער:

— ווער האט געטראגן?...

זיין האריקע צעכראסטעטע ברוסט האט זיך אין שרעק געוויגט די גאנצע צייט, וואס יאן האט איבערדערציילט; ער האט ניט געפילט די פייכטע, האלב־פראסטיקע נאכט־קעלט, געטעמט קורץ און שווער און האט פארשטאנען נאר איין זאך:

— בשר־חוץ...

איצט נאכן צעשטערטן שלאף האט עס געווירקט מאדנע שארף און קרענקלעך. די גאנצע שטאט, די קצבים, קרעמערס און חשובע בעלי־בתים האט ער געפילט, ווי איין מעכטיק אכזריותדיק געשטאלט, ס'איז אויסגעגאסן פון איין שטיק, ס'איז שווער, ווי אייזן, און ס'דריקט שטומערהייט אים, דעם פונעם שלאף אויפגעריסענעם. צעשראקן און גיך, גיך האט ער אף זיך געשלעפט דאס אנטאן, און אין א ווײַלע ארום האט ער זיך שוין געיאגט צווישן די שלאפנדיקע, האלבטונקעלע, הינ־טערהגעסלעך, וואס נידעריקער פון מארק.

— כאפן... ער מוז כאפן!

ער האט זיך געווארפן פון אונטער איין געשלאסענער שטוב צו דער צווייטער, גלייך ניט אט די שטוב דארף ער, נאר אט יענע... יענע, וואס א פלעק פון אן אויסגעגאסענעם עמער וואסער שווארצט זיך פון נעכטן אוונט אן לעבן איר געשלאסענער הינטערטיר און טוקט זיך, ווי

דאָס גאַנצע געסל, אין פּיַכטן גאַנץ פריִענדיקן אַדעל און אין קילן מאָרגן־שלאָף. פון מאַרק האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער אומענדלעכער סקריפּ פון די שווער אָנגעלאָדענע וועגענער; דאָרטן אַרום האָט זיך קוים גערוקט די וויאָרסטנדיק לאַנגע שורה פורן, וואָס שטעלן צו בוריקעס צו דער וויַטלעכער טאָרהאָוויצער צוקער־פאַבריק. נאָר אָט האָט אַ ציטער געטאָן אויף פּיַכט קילער ערד איינער פון די לאַנגע נאַכט־שאָטנס, און זיך גע־נומען רוקן, רוקן; דאָס האָט די זון אָנגעצונדן דעם גאָלדענעם קלויסטער־שפּיץ, נאָך איידער זי אַליין האָט זיך באַוויזן. און פּלוצעם, אַ יאָג זיך, ווי אַ וויכער, אין אַ זיַט צו אַ סקריפּ פון אַ הינטער־טיר און צו אַ פאַרשלאָפן דינסט־מיידל, וואָס האָט זיך פון דאָרטן אַרויסגערוקט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און מיט אַ קאָשעק אין האַנט. נאָך איין רגע פון פאַרכאַפּטן אָטעם, און ער האָט געפּאַקט.

— אהאָ!... פליישׁ!... וואָס פאַר פליישׁ? פון וואַנען טראָגסטו פליישׁ?!

מיט פינף מינוט שפּעטער איז ער שוין מיט אָט דעם אויסגעריסענעם קאָשעק פלייש געווען באַם רב אין שטוב און האָט דאָרטן האַסטיק גע־קלאַפּט אין טיש:

— אַן ערלעכער ייִד הייסט דאָס? אין דער גאַנצער שטאָט עסט מען בשר־חוץ, און איר ווייסט עס און שוויַיגט?...

דער רב איז נאָר וואָס געווען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, ער האָט געהאַלטן פּונקט באַ „אלהי נשמה שנתת בי טהורה", און האָט ניט גע־ווּסט פון עפּעס צו זאָגן. ער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— כ'ווייס, וואָס ער וויל פון מיר, אָט דער אָ... ער וועט דאָס מיך לערנען זיַין אַן ערלעכער ייִד!...

אלישע איז פון דאָרטן אַוועק צום סטאַנאָוואָי און האָט טעלעגראַ־פירט צום איספּראַווניק נאָך הילף. אין אָנדערהאַלבן שעה אַרום האָט ער זיך שוין אין איינעם מיט פיר סטראַזשניקעס געיאָגט פון איין קצבישער שטוב צו דער צווייטער, געזוכט אומעטום, אויף די בוידעמער, אין די קעלערס, און האָט אין ערגעץ גאָרנישט געפונען. און נאָך דעם האָט ער זיך לאַנג געוואַלגערט באַ זיך אין פינצטערן שלאָף־צימער און האָט פון גרויס הארצווייטיק ניט געקאָנט איַינשלאָפן. און נאָכדעם איז ער ווידער אָן אַ היטל און אָן אַ קראַגן געשטאַנען אין פענצטער פון זיַין שטוב און האָט געזען:

איבער דער שטאָט שטייט ווי שטענדיק די עלף־אזייגערדיקע זון, און פון אַלע קוימענס גייט רויך. אין יעדן טעפּל קאָכט זיך בשר־חוץ, זיַין פליישׁ קאָכט זיך דאָרטן, און ער ווייס עס, ער געדענקט, אַז ער ווערט

איבער דעם פון טאָג צו טאָג מער קבצן, נאָר סײַ ווי סײַ איז שוין אַלץ פאַרפאַלן, און ער קאָן דערצו מיט גאָרנישט ניט העלפן.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָך אָנגעקומען אַ פּאַפּיר פון איספּראַווניק, מ'זאָל אַרעסטירן דאָס פלייש, וואָס די קצבים וועלן אַרײַנפירן פון דער פרעמד.

אלישע האָט עס געהאַלטן בסוד; ער האָט אָפּגעלייגט דעם אַרעסט אויף דער נאַכט, וואָס פאַר ערב־ראש־השנה, און אַליין האָט ער זיך שוין ווידער אַרומגעדרייט בא זיך אין שטוב מיט קריצנדיקע ציין און מיט גרוים שטאַרקייט קעגן דער שטאָט.

— היצלעס! אַ רוח'ן זייערע ביינער... זיי וועלן אָקאָרשט געוויר ווערן, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן.

דערצו איז נאָך דאָס וועטער קאַליע געוואָרן. די שטאָט האָט גענומען זינקען אין וויסטן האַרבסט חשבות און אין דריבנעם רעגן, וואָס ווערט געשמיסן צי פונעם ווינט צי פון פחד, וואָס פאַר די נאָענטע ימים־נוראים. און די קצבים האָבן געהאַט איבערצוקומען גרויסע שוועריקייטן באַם צושטעלן דאָס פלייש פון דער פרעמד.

— ס'קומט אָן מיט די גרינע ווערעם, האָבן זיי זיך בסוד פאַר די קרעמערס געקלאָגט, די גויִם ווילן ניט פאָרן, כאָטש גיב זיי אַ קרענק.

און יאָן דער סטרוזש, וועמען אלישע האָט שטילערהייט אַוועקגע־שיקט אַרומבלאָנקען אינעם נאָענטן דאָרף, האָט זיך סוף־כּל־סוף איין מאָל פאַרנאַכט אומגעקערט און האָט געבראַכט די נויטיקע ידיעה:

— די קצבים האָבן באַשטעלט סידאָר דעם קליינעם און פּעטראָ פון דער מלינע. ביידע וועלן אַרויספאָרן מיט זייערע פורן תחילת נאַכט און ערב־ראש־השנה פאַרטאָג וועלן זיי שוין זײַן צוריק אין שטאָט.

דער רעגן איז סוף־כּל־סוף העננען געבליבן אין דער לופט, ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פײַכטן און וואַרעמען דאַמף, וואָס האָט אַרויס־געזעצט דורכויס, ווי פון אונטער וואַרעמע דורכגענעצטע הויפנס מיסט. אין דער נאַכט, וואָס פאַר ערב ראש־השנה, איז שוין אָט דער דאַמף געווען איבערגעגאַנגען אין אַ געדיכטן ברוינעם נעפּל. ער האָט די שטאָט געמעקט און געשלונגען פון אַלע זײַטן. און אַז אַ גוי פון דאָרף איז צו איר געגאַנגען אײַנקויפן, האָט ער די ערשטע הײַזער ניט דערקענט, אַזוי מאָדנע נײַ און פרעמד האָבן זיי אים אויסגעזען. ס'האָט זיך געדוכט: די שטאָט איז אָפּגערוקט געוואָרן אפשר אויף אַ גאַנצן וויאָרסט פונעם אָרט, וווּ זי איז פריער געשטאַנען.

אין שטאָט האָט מען זיך געלייגט שלאָפֿן פרי, כדי אויפצושטיין פאַרטאָג צו די סליחות פון זכור־ברית, און נאָר קעגן איבער דעם גרויסן לײדיקן פּלאַץ, מיטן נעפּל, וואָס הויערט איבער אים, האָט זיך צו שפּעט און צו שוואַך געלויכטן אין אַ פענצטער בײַ אלישען אין שטוב. דאָרטן איז שוין אַלץ געווען אויסגערעכנט און צוגעגרייט צו דער פאַרטאָגיקער אַרבעט. פיר באַוואָפנטע סטראַזשניקעס זײַנען געווען פאַרזעצט לעבן די פיר פאַרשיידענע וועגן, וואָס פירן אַרײַן אין שטאָט, און אין שטוב זײַנען געבליבן וואַרטן אלישע, דער אוראַדניק און יאַן דער סטרוזש, וואָס האָט אַ גאַנצן פאַרנאַכט נאָך אַמאָל אַרומגעבלאָנדזשעט אין נאָענטן דאָרף און האָט איצט געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל ערגעץ ווו אין פינצטערן קאָרידאָר, לעבן דער קיך. אין היפּשן עס־צימער איז די פּאָדלאָגע געווען שטאַרק בלאָטיק און אומריין, און געלויכטן האָט דאָרטן ניט מער, ווי דאָס אַרײַנגעדרייטע קיך־לעמפּל, כדי די שײַן זאָל זיך קיינעם ניט וואַרפן אין די אויגן. אויסגעצויגן אַף פיר צונויפגעשטעלטע בענקלעך, האָט דאָרטן געשמאַק געשנאָרכעט דער פולבייכיקער און שטאַרק קורצער אוריאַדניק, ניט געדענקט, וויפל ביסלעך בראָנפן ער האָט אין זיך אַרײַנגעגאָסן, און געבלאָזן פון שלאָף די באַקן מיט די ליפּן. אלישע איז געווען אָנגעטאָן אין פּאַלטאָ. אין אַ וואַרטנדיקער פּאָזע איז ער געזעסן אַקעגן אַף דער קאַנאַפּע, ווי מ׳זיצט בײַנאַכט אין דריט־קלאַסיקן וואַגאָן, און האָט פאַר־טראַכט געקוקט אַפן אוריאַדניקס ברייטע גרינע הויזן און אַף זײַנע ניט אָפּגערייניקטע בלאָטיקע שטיוול. פריער אַ ביסל, ווען ער איז אַרויסגע־גאַנגען אַפן גאַניק און זיך גענומען אײַנקוקן אינעם בײַנאַכטיקן שווערן נעפּל, איז אים אַרײַן אין געדאַנק, אַז בײַם איצטיקן בײַגעגעניש מיט די קצבים קען טרעפן אַן אומגליק. און אין דער זעלבער רגע איז אים אַרײַן צווישן קראַגן און האַלדז איינע פון די טראָפּנס, וואָס האָבן געטריפט פון דאַך, און איבערן גאַנצן לײַב איז אים אַדורכגעלאָפן אַ געשווינטער און קאַלטער שוידער. אַז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין עס־צימער צו דער קאַנאַפּע, איז באַלד אָט דער געדאַנק פאַרשוווּנדן, און דער פאַרגאַנגענער טאָג מיט דער איצטיקער נאַכט האָבן זיך געדוכט אַזוי ווײַט און פרעמד, גלײַך זיי וואָלטן פאָרגעקומען ניט איצט, נאָר טיף־טיף אין די קינדער־יאָרן. פון גרויס גלײַכגילטיקייט צו אַלעם אַרום און צום אומגליק, וואָס קאָן געשען, האָט ער זיך אָפּגעגעבן דעם נאָגנדיקן דרימל און האָט באַלד פאַרלוירן דעם קאָפּ אַף דער ברוסט. אים האָט זיך שוין אפילו אָנגעהויבן באָמבלען, ווי אַזוי דער זיידע זײַנער, מלך גוי, זיצט אין דרויסן אַף די טרעפּלעך פון גאַניק און חקירהט מיט אַ באַקאַנטן גוי אַ בעל־גוף וועגן

אים, זיין אייניקל אלישע, און וועגן אלע אנדערע הײנטיקע יונגעלײט, וואָס ווייסן גיט, ווי אַזוי אָפּצוהיטן אַ קאָפּיקע.

— „טאַק טאַ, טאַק־טאַ", זאָגט דער אַלטער און לאָזט אַף זיין שטייגער גאַרניט נידעריק אַראָפּ דעם קאָפּ.

נאָר פּלוצעם איז אָקעגן מיט גרויס רעש לעבעדיק געוואָרן איינע אַ שוואַרצע שויב, און אין אים האָט ווידער, ווי באַטאָג, געגומען זידן דאָס בלוט. ער האָט קוים אויסגעהערט, ווי דער אַרײנגעקומענער סטראַזשניק דערציילט, אַז איין פור פליש האָט ער געכאַפּט, און אַז די צווייטע איז אים, ווי אונטער דער נאָז, פאַרשוווּנדן.

— אומגליקלעך, האָט ער זיך צעשריגן אַפן אוריאַדניק, די היגע פּאָליציי מאַכט מיך אומגליקלעך!

און ניט הערנדיק מער, וואָס דער פאַרשלאָפענער אוריאַדניק שטאַמלט, איז ער געשווינט אַרויס אין דרויסן.

אין יענער זעלבער נאַכט האָבן די קצבים געפּאַקט אלישען איינעם אליין אונטערן שטאָט און האָבן אים אָפּגעשלאָגן די לונגען.

געשען איז דאָס אינעם בלאָטיקן, מיט מאָך פאַרוואַקסענעם טאָל, צווישן בעראָזעוון וועלדל און פאַרלאָזטן טאַרהאָוויצער בריקל. דאָס איז געווען פּונקט אין יענער רגע, ווען אלישע האָט זיך דאָרטן, אין דער פינצטער, אָנגעשלאָגן אַף דער צווייטער אויסגעבאַהאַלטענער פור פליש און האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן צוריק נאָכן אוריאַדניק און נאָך די סטראַזשניקעס. דעם ערשטן פּאַטש האָט אים געגעבן איינער אַ רויט־באַקי־קער קצבישער בחור, וואָס זיין פאָטער האָט מען אין שטאָט גערופן „דער ליטוואַק".

— נאַ! האָט דערבײַ דער בחור אַ געשריי געטאָן פון צווישן שטײַף צונויפגעדריקטע ציין, קריך ניט אַהין, וווּ מ'דאַרף דיך נישט.

אלישען האָט זיך באַלד פון אָט דעם פּאַטש געלאָזט דאָס בלוט פונעם אויער און פון די ציין; די באַק האָט אים אַ שטאַרקן שמאַרץ געטאָן. נאָר דער פאַרשטאַנד איז בײַ אים געבליבן ווי פריער, מאָדנע רויִק און לויטער. זײַנע אויגן האָבן פון זיך אַליין געמאַכט אַ באַוועגונג לינקס, כדי צו זען, ווער ס'האָט אים אָט דעם פּאַטש געגעבן. נאָר פּונקט אין יענער רגע האָט זיך דער זעלבער פּאַטש איבערגעחזרט פון דער רעכטער זײַט, גלײַך ער, דער פּאַטש, וואָלט שוין זײַן אַ זעלבשטענדיקער, אַ לעבעדיקער פאַר זיך. אימעצער האָט אים פון הינטן געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין די פּיס, גאָר נאָענט צו די טריט, האָט ער מיט אַמאָל אַ פאַל געטאָן אַף דער ערד, און אַפן זינען זײַנען אים געשווינט אַרויפגעקומען פּראָדאָטשקע,

דער ראַבינער, פּרויקע טשערקים און אַלע אַנדערע, וואָס וואָלטן אים איצט געקאָנט העלפן און זײַנען דאָ ניטאָ. די פֿאַרגאָסענע אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן, נאָר איידער זיי האָבן זיך אין גאַנצן פֿאַרמאַכט, האָט נאָך פֿאַר זיי אַ בלאָנדזשע געטאָן אַ לאַנגע נאַרישע באָרד, מיט אַ פּאָר ברודיק קאַליע אויגן און אַ קרעפּטיקער פּוס אין אַ שטיוול האָט מיט גרויס כעס זיך פֿאַרוואָרפֿן אַף צוריק, און אימעצער האָט אַ זאָג געטאָן:

— יצחק וואַראַטוטע, גיב אים טרוקענע... און מיט שכל, פֿערד איינער!

און דער פּוס, וואָס אין שטיוול, האָט באַלד אַ קנאַק געטאָן צו אים אין דער זײַט און האָט אים מיט אַמאָל איבערגעקערט מיטן פּנים אַראָפּ. דענסטמאָל האָט זיך אימעצער אַראָפּגעבויגן איבער אים און גענומען ריידן, ווי איבער אַ מת, באַ וועלכן מ'בעט מחילה:

— און דעם שדכן האָסטו געמעגט שלאָגן?... אַ בראַנד אין דײַנע ביינער.

און דער שטיוול האָט שוין געהאַקט דעם קאָפּ, אונטערן האַרצן און אין בײדע זײַטן, איבער זײַן קערפּער איז מען ווי איבערגעפֿאָרן מיט די רעדער און מיט דער גאַנצער שווערקייט פֿון דער פֿאַרלאָזטער פֿור פֿלייש, און נאָך דעם האָט מען אים איבערגעלאָזט ליגן איינעם אַליין און מ'איז אַנטלאָפֿן פֿאַרן פֿײַפֿערײַ פֿון די אָנלויפֿנדיקע סטראַזשניקעס.

ווען מ'האָט אים מיט דער ערשטער בלאַסקייט פֿון נעפּל געבראַכט צו טראָגן אַהיים, איז ער נאָך אַלץ געלעגן אין חלשות. לעבן אים אין שטוב האָט זיך קיינער ניט געפֿונען, אַחוץ דינסט־מיידל און אַחוצן אוריאַדניק, וואָס האָט אים געמינטערט מיט פֿאַרשיידענע פֿראַגן, זיך אַלע מאָל פֿון ס'נײַ אָנגעבויגן איבער אים און קיין ענטפֿער ניט געקראָגן. און אַזוי האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג, ביז אַרום נײַן אַזייגער אין דער פֿרי.

דעמאָלט האָט די זון געפֿינקלט אונטער אַ פֿאַרבלענדעניש פֿון אָנגעוואַרעמטן נעפּל און אויסגעזונען קרענקלעך און חרוב, און פֿאַר דער שטוב זײַנען געשטאַנען אַ גאַנצע מענגע צוזאַמענגעלאָפֿענע ווײַבער און קינדער און האָבן געוואַרט אַפֿן זעמסקי דאָקטער, וואָס האָט זיך שוין אַ האַלבע שעה צײַט געפֿונען אינעווייניק, אויסגעהערט אַלישעס האַרץ און אים פֿאַרנייט די לעכער אַפֿן קאָפּ און אַפֿן נאַקן.

דער ייִדישער פֿעלדשער איז פֿון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען צום ערשטן. ער האָט גלײַכגילטיק אויסגעשפּיגן און האָט זיך געלאָזט אויספֿרעגן. האָבן שוין אין אַ ווײַלע אַרום אַלע געוווּסט, אַז אַלישע האַלט שלעכט, און אַז דער דאָקטער האָט דאָרטן געזאָגט:

— די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט אין קאָפּ איז אַ קלייניקייט; דער עיקר איז דער שטילער הוסט זײַנער. מיט אַזאַ הוסט, זאָגט דער דאָקטאָר, קאָן מען מער ווי אַ וואָך ניט לעבן.

איינע אַ ייִדענע איז באַלד געפֿאַלן אַף אַ שׂכל און האָט אָפּגעשטעלט דעם בעל־עגלה, וואָס האָט זיך ארומגעדרייט לײדיקערהייט אַפֿן פּלאַץ, און האָט געזוכט פֿאַרשווינען אין נאָענטן שטעטל טאַרהאָוויצע.

— טפּש איינער, האָט זי אים געזאָגט, דו פֿלי בעסער אוועק נאָך אַלישעם ווײַב קיין מעזשביזש. מ׳וועט דאָך דיר דאָרטן באַצאָלן צוויי מאָל שׂכירות.

דער בעל־עגלה האָט זיך לאַנג געקווענקלט, געקוקט בעלי־בתּים אין די אויגן און האָט ענדלעך געשמאַק אוועקגעשמיסן מיטן מעזשביזשער וועג; אים האָט מען אויסגערעכנט, אַז אויב ער וועט צושמײַסן די פֿערד, קאָן ער הײַנט, אום ערבֿ ראָש־השנה, פֿאַרדינען אַ גאַנצן פֿינפֿערל און צוריקקומענדיק נאָך פֿאַרכאַפּן אַ „שטיקל באָד".

נאָר פֿאַר זון־זעצן האָט ער זיך אומגעקערט איינער אַליין אַף זײַן מידער פֿור. ער האָט ניט געוווּסט, צו וועמען ער זאָל האָבן אַ טענה, זיך געאײַלט צו פֿאַרכאַפּן אַף יום־טובֿ היי און האָבער פֿאַר די פֿערד און האָט מיט גרויס חרטה דערציילט, וואָס מיט אים איז אין מעזשביזש געשען:

— פֿריער שמייכלט זי אַזוי צו מיר, די ווײַב זײַנע, און זאָגט: „וואַרט, זאָגט זי, איך וועל פֿאָרן". און נאָך דעם גייט צו מיר ארויס די מאַמע אירע, אָט די קליפּה, אַ רוח אין אירע ביינער! און מאַכט צו מיר: פֿאָרט געזונטערהייט, מאַכט זי צו מיר, פּראַדאָטשקע וועט ניט פֿאָרן. זאָגט איר דאָרטן, אַלישען, אַז ס׳איז אַ ליגן, ער איז ניט שלאָף; פּראַדאָטשקע וועט ניט קומען, סײַדן ער וועט זי איבערבעטן.

IX

אין דער נאַכט, וואָס נאָך ראָש־השנה, האָט דער ראַבינער בורמאַן געפּאַקט זײַנע זאַכן. אַז ער האָט זיך נאָך דעם שפּעטער, ווי אַלע מאָל, געלייגט שלאָפֿן, האָט זיך אים געחלומט, ווי זײַן שוועסטער, די האָרבאַטע מאַסאַזשיסטן, באַגלייט אים ארויס אין וועג אַרײַן. זי באַגלייט אים מאָדנע איבערגעגעבן, ווי אַ מאַמע.

— לייבל, מאַכט זי צו אים מיט גרויס געטרײַשאַפֿט, ס׳פֿעלט דאָך אַ קנעפּל אין דײַן סטודענטישער טוזשורקע.

און בשעת זי האָט אָנגעבויגן איר לענגלעך, ראָזפּאַרביק פּנים צו איר פּערלמוטערנעם קנעפּל־קעסטעלע, האָט ער זיך דאָ בײַ זיך אין בעט פון שלאָף אויפגעכאַפּט און האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אַזוי גערדריקט און קרענקלעך שולדיק, גלײַך גאַנץ קאָמעניצער נאַטשאַלסטווע איז פּלוצעם געוווּיר געוואָרן וועגן די אַלע פאַלשע פּריזיוווניקעס, וואָס ער האָט געמאַכט.

— בורמאַן! האָט ער, ניט עפענענדיק די אויגן, צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, ביסט ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט דיך, בורמאַן...

ער האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן אין גרויס חרטה אַרומגעשפּאַנט בײַ זיך אין חדר און האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט לעבן טיש, ווו דער שוועסטערס בריוו זײַנען פון זומער אָן געלעגן ניט קיין געענטפערטע. אַזוי פיל מוסר האָבן אים אָט די שטומע בריוו געזאָגט און אַזוי פיל רחמנות האָבן זיי געוועקט אין אים צו איר, דער פאַרלאָזטער. זינט זי האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט איר הסרון, האָט זי אַריבערגעטראָגן איר גאַנצע געטרײַשאַפט אַף אים און האָט אים עטלעכע מאָל געוואָרנט אין אירע בריוו:

— לייבל, זינקסט אין אַ בלאָטע; לייבל, קענסט זיך נאָך ראַטעווען, לייבל...

איצט האָט זי אים שוין אַפילו אויפגעהערט צו שרײַבן. מעגלעך, אַז זי האָט דאָרטן ניט פון וואַנען צו לעבן, נאָר אים שרײַבט זי מער ניט.

פון גרויס עגמת־נפש האָט ער זיך נאָך אַמאָל צוגעלייגט אַפן בעט און האָט זיך אין אָנהייב נײַעם דרימל פאַרטראַכט וועגן בריוו, וואָס ער וועט זיך באַלד זעצן שרײַבן דער שוועסטער.

— ליבע שוועסטער... וועט ער איר שרײַבן, איך קוק זיך אַרום אַף מײַן גאַנץ לעבן... וועט ער איר שרײַבן.

ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז גוט פאַרן בריוו אָט דאָס, וואָס ער הייבט איצט אָן צו דרימלען, ס'איז גוט פאַר די איצטיקע געפילן, וואָס ער פילט צו דער שוועסטער. אים האָבן זיך שוין אַפילו אָנגעהויבן חלומען זײַנע לאַנג געשטאָרבענע פאָטער און מוטער. ביידע זײַנען זיי מיט אים געזעסן אַרום אַ טישל מיט אַ זודיקן סאַמאָוואַר, און זײַן פאָטער, דער שרײַבער פון שטאָט אופּראַווע, האָט צו אים געזאָגט:

— אַז אַ מענטש איז שוין אַלט דרײַסיק יאָר, האָט ער צו אים געזאָגט, אַז אַ מענטש האָט אין ערגעץ קיין היים ניט און באַטראַכט ניט, וואָס מיט אים וועט זײַן מאָרגן...

נאָך אויסגעקומען איז שוין אַזוי, אַז דער בריוו צו דער שוועסטער איז סוף־כל־סוף געבליבן אַפן טיש ניט קיין געענדיקטער, און ער איז נאָך

אָפּגעשלאָפן איבעריקע עטלעכע שעה דאָ, בא זיך אַפן בעט, ער איז אין ערגעץ ניט געפאָרן. זײַן שווערער, זעקס־פודיקער קערפּער האָט מער ניט געקאָנט איבערטראָגן די גרויסע יסורים, זיך געלאָזט אַף הפקר און געזונקען אין שווערער שנאָרכנדיקער רו.

ווען ער האָט זיך איין מאָל אויפגעכאַפּט פון אָט דעם צושטאַנד און זיך גענומען אַרומוואַשן מיט דער גויעס אַ פרישן עמער וואַסער, האָט ער נאָר געדענקט, אַז ער איז יענער בורמאַן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ סטודענט און וואָס איצט וויל מען אים דאָ אין שטאָט מאַכן אויס ראַבי־נער; אַז אלישע איז שטאַרק שלאַף און גייט פון שטוב ניט אַרויס, און אַז בא אים, בורמאַנען, איז איצט אַן איבערגאַנג־צײַט; איז ער ניט שולדיק, וואָס ער דרייט זיך דערווײַל אַרום ליידיק און האָט די לעצטע טעג אָנגע־הויבן שטאַרק נאָכקוקן דעם אָרטיקן שוואַרצחנעוודיקן מיידל, דער מאָדיסטן. ער מוז זיך איצט גוט מישב זײַן וועגן זיך מיט פּראַדאָטשקען, און דאָס וואַרט ער אַף איר, זי מוז דאָך סוף־כל־סוף צוריקקומען פון מעזשביזש.

ס'איז געווען נאָענט צו זון־זעצן־זיך, און דער מאַנסביל וואָס אין אים, האָט זיך, ווי אַלע מאָל אין דער צײַט, געשטאַרקט אין אים, אַרויסגע־שלעפּט אין דרויסן צום עקסטן, ליידיקן שטאָט־פּלאַץ. דאָרטן האָט אים באַגעגנט דער זעמסקי דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן זומער צוזאַמען מיט אים געבאָדן אין אָרטיקן שלענגלענדיקן טײַכל. ער האָט אים באַטראַכט מיט קלוגיטשקע, צוזאַמענגעצויגענע אויגן, אָט דער דאָקטאָר, און האָט אים פרײַנטלעך אַ פּליעסקע געטאָן פון הינטן, איבער די פעטע קנייטשן פון זײַן געגאָלטן קאָפּ.

— בורמאַן, האָט ער אַף אים שמייכלענדיק צוגעשאָקלט, איר זײַט אַ גאַנץ שיינער יונג, אַפן ערנוואָרט, נאָר איר טוט גאָרנישט און ווערט צופיל פעט... ס'איז שעדלעך, קומט וועט איר בא מיר אין דער היים צעהאַקן אַ פור האָלץ.

בורמאַן האָט, ניט עפענענדיק דאָס מויל, געענטפערט מיט אַ שמייכל.

דער דאָקטאָר, האָט דאָס געהייסן, איז געווים אַ קלוגער. נאָר מיר זײַנען אויך ניט קיין נאַר. מיר האַלטן, אַז וועגן אַזעלכע זאַכן איז ניט כדאי אַרײַנצולאָזן זיך אין אַ שמועס ,און ענטפערן ניט מער, ווי מיט אַ שמייכל.

דענסטמאָל האָט אים דער דאָקטאָר, ווי זײַנעם אַ גלײַכן, אָנגענומען אונטער דער האַנט און האָט מיט אים אַוועקגעשפּאַנט צום ווײַטן קאָס־ציאָל־ווינקל, וווּ ער האָט נאָך באַדאַרפט אַרײַנגיין צו איינעם אַ חולה.

— אלישע, האָט ער אים אָפּן וועג דערציילט, האלט שלעכט, אַ גרויסער ספק, צי ער וועט נאָך די וואָך אויסלעבן.

— אַזוי?! — דער ראַבינער האָט זיך דערשראָקן, גלײַך ער וואָלט שולדיק זײַן אין אלישעס טויט.

דער צווייטער געדאַנק זײַנער איז שוין אָבער געווען ניט וועגן אלישען, נאָר וועגן פּראַדאָטשקען. דווקא וועגן איר. ער האָט געקלערט, אַז ס'איז נויטיק, ער זאָל זיך אומקערן און זאָל איצט אומישנע אַרײַנגיין אַ קוק טאָן אַהין צו אלישען אין שטוב. נאָר פּונקט אין דער צײַט, וואָס ער האָט זיך מיטן דאָקטאָר אָפּגעזעגנט, האָט זיך אָקעגן, פונעם שמאָלן פּאַרוואַקסענעם געסל אַרויסגעוויזן דאָס שוואַרצהנעוודיקע שלאַנק־וווקסיקע מיידל, די אָרטיקע מאָדיסטן, און האָט אַף אים אַ ווייע געטאָן מיטן ריח פון אירע פּאַרפומען. זי איז דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פאַרבײַ אים און אַף אים ניט געקוקט. אין די אויערן האָט אים נאָר אַ שאָרך געטאָן דער גערויש פון איר אונטערשטן זײַדענעם קליידל, און אין דער זעלבער צײַט האָט זיך מיט אַמאָל אַזוי געשטאַרקט דער מאַנסביל וואָס אין אים, אַז ער האָט זי שיער באַם נאָמען ניט אָנגערופן און האָט זי שיער לעבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט שמייכלדיקע אויגן. איצט, בשעת די זון איז דאָ, קענען איבער דעם לײַדיק גרינעם פּלאַץ, פאַרגאַנגען אַזוי גרוים און רויט, ווי אַ גרויסער דורכזיכטיקער מאַראַנץ, און פון נאָענט און פון ווײַט האָבן הײַזער און זייערע פענצטער אָט די רויטקייט אָפּגעשפּיגלט, האָט אָט דאָס אָוועקשפּאַנענדיקע מיידל אויסגעזען אַזוי נײַ און פריש. עפּעס האָט ער געטראַכט וועגן איר, נאָר אַליין האָט ער ניט געוווסט אַף קלאָר, וואָס ער טראַכט. ער האָט נאָר געשמייכלט צו זיך אין דער נאָז, און האָט אַזוי פּאַמעלעך ווײַט־ווײַט אָוועקגעשפּאַנט נאָך איר אין שטאָט אַרײַן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, שפּעט אין בין השמשות, האָט אים פּרויקע טשערקיס באַגעגנט אין שמאָלן הינטערגעסל, וווּ דאָס מיידל, די מאָדיסטן, וווינט. בורמאַן האָט זיך דאָרטן איינער אַליין אַרומגעדרייט אַרום דער שטוב פונעם מיידלס מוטער, דער אלמנה, און האָט געהערט, ווי קענגן איבער די פאַרמאַכטע טיר און פענצטער שטעפּט מען אַף אַ מאַשין.

פּרויקע איז געווען שטאַרק צופרידן פונעם הונדערטער, וואָס ער האָט אָקאָרשט הײַנט אין דער פרי פאַרדינט באַם אָרטיקן גלח. ער האָט אָפּן ראַבינער פריילעך אויסגעגלאָצט די אויגן:

— זע נאָר!... גזלן, וואָס טוסטו דאָ?

און באַלד האָט ער געכאַפּט אַ קוק צו דער שטוב, פון וואַנען עס

הערט זיך דאָס שטעפּן פון מאַשין. ער האָט קלוגיטשקערהייט עפּעס תופס געווען און האָט אים אַהין, צו די פענצטער, אַ וווּנק געטאָן:

— נאָר איינער, זי ווערט דאָך גאָר אַ כלה, די שוואַרצע, ווי איך בין אַ ייִד... זי נעמט יאָסל דעם רימערס זון, נעמט זי.

ער האָט איצט אויסגעזען מאָדנע נײַ און פריש, אָט דער שוואַרצ־געקרײַזלטער פּרויקע, וואָס האָט די לעצטע צײַט געהאַלטן אין איין אַרומ־יאָגן אין דער געגנט מיט אַ גאַנצן פּאַק פּרײַז־קוראַנטן און האָט פאַר־קויפט פּריצים אַקערס מיט דרעש־מאַשינעס. אין זײַן קליינעם טאַשן־ביכעלע, וואָס ער האָט דאָ אויפן אָרט דעם ראַבינער באַוויזן, זײַנען געווען אונטערגעצויגן פרישע אַכצן־הונדערט רובל ריוח. און אַליין איז ער שוין איצט אין מיטן דער וואָך געווען אָנגעטאָן אין אַ נײַעם גרינלעכן אָנצוג און בלאַנקענדיק ווײַסע אויבערשטע וועש און אין אויך אַזאַ נײַעם גרויס־שטעטיקן האַלדזשטיק.

— דו פאַרשטייסט, האָט ער דעם ראַבינער פריילעך גענומען טײַטן אַף זיך, דער עיקר איז, אַז מ'בלײַבט באַם שכל און מ'הייבט אָן פאַרדינען געלט... שאַ! און וואָס מאַכט עפּעס אַלישע? אַ רחמנות... ביסט בא אים ניט געווען?

ער האָט געוואָלט קלאָר מאַכן דעם ראַבינער, פון וואַנען צו אים נעמט זיך די גוטמוטיקע שטימונג, האָט ער אים אונטער דער האַנט אוועקגענומען:

— מענטש איינער, ווי באַלד איך האָב מיר אָנגעהויבן פאַרדינען און לעב מיר, ווי אַ מענטש, וואָס־זשע האָב איך חלילה עפּעס צו דיר, צו מאַניען, צי אַפילו צו אַלישען למשל? וואָס, ניט אַזוי? קום, וועלן מיר אַרײַנגיין צו אים געוויר ווערן.

אָבער ווי נאָר זיי זײַנען אַרײַנגעקומען צו אַלישען אין פאָדער־שטיבל, האָבן זיי גלײַך דערפילט, אַז די שטוב איז פול מיט שטימונג פון מסוכנעם קראַנקן, וואָס לעבט שוין נאָר, כדי זיך צו מאַטערן און אַרויסצונעמען דאָס חיות בא די, וואָס דרייען זיך אַרום אים. דאָס שלעקל, דאָס דינסט־מיידל מיטן פאַרבונדענעם קאָפּ און אומגעוואַשענעם פּנים האָט זיי דאָרטן גלײַך אָפּגעשטעלט און גענומען דערציילן, ווי אַזוי זי איז דאָרטן מיט „אים" איינע אַליין אין שטוב, און ווי אַזוי „ער" האָט זי שוין פאַרמאַטערט; זי האָט אים שוין אַפילו ניט גערופן באַם נאָמען.

— זי איז דאָ איין מענטש און האָט שוין פּשוט ניט קיין כוח פון אים אויסצושטיין.

אַרום און אַרום האָט די לופט געשמעקט מיט מײַזנקויט און מיט

לאַנג ניט געלופטערטער קיך. אין עס־צימער אַפן טיש, לעבן רויכערנדיקן קיך־לעמפּעלע, איז געשטאַנען אַ פולער עמער מיט בלאָטיקע שטיקער אײַז, און אַרום אים האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע פאַרטריקנטע ביינדלעך פון אָן אָפּגעגריזעט עוף. אַט די פאַרטריקנטע ביינדלעך, אַז מ׳האָט אַף זיי לאַנג געקוקט, האָבן זיי אָן אָן אויפהער דערמאָנט אָן דער מרה־שחורהדיקער פּוסטקייט, וואָס ציט זיך פונדאַנען איבער דער גאַנצער לענג פון באַלויכטענעם זאַל ביז די אָפענע טירן פון פינצטערן שלאָף־צימער. און בא דער זײַט איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס פאַראיבלדיקע דינסט־מיידל און האָט גענודעט:

— אַז עסן עסט „ער" שוין גאָרניט; עס גלוסט זיך אים נאָר. האַלט „ער" מיך אין איין אַרומיאָגן איבער דער שטאָט, איך זאָל אים קריגן און קאָכן פאַרשיידענע פּאַטראַוועס. אַט זאָלן זיי אַזוי גוט זײַן און אַ קוק טאָן, ווי בא איר איז אַ קײַלעכדיקן מעת־לעת די קיך צעלייגט.

און זי האָט דערציילט, ווי אַזוי נעכטן אין אָוונט האָט זיך אים פאַרגלוסט מילכיקע קנישעס, און זי האָט געמוזט די גאַנצע שטאָט אויס־לויפן נאָך פּוטער און קעז און אים באַקן קנישעס. און באַנאַכט, זי איז נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן לעבן זײַן טיר אַף דער פּאָדלאָגע, אַזוי וועקט ער זי שוין: ס׳דוכט זיך אים, אַז ער וואָלט איצט עפּעס געגעסן... אַ פּסחדיק קעזל וואָלט ער איצט געגעסן.

— זאָלן זיי מוחל זײַן אַ קוק טאָן, ווי אַט די קנישעס מיטן קעזל שטייען נאָך איצט אויך אין קיך, „ער" האָט זיך אַפילו צו זיי ניט צו־גערירט.

זי איז געווען גענוג פאַרביטערט, אַט דאָס פאַריאָגטע דינסט־מיידל, און האָט וועגן אים, דעם שלאָפן, שוין ניט אָן גיפט גערעדט.

זי האָט באַמערקט, ווי זיי קנייטשן זיך אַף איר הויך ריידן, האָט זי מאָדנע שלעכט אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס, איר מיינט: ער שלאָפט?... ער שלאָפט ניט, גאַנצע געכט שלאָפט ער ניט... אַזוי ליגט ער דאָרטן אַ גאַנצן מעת־לעת און לאָזט מיך ניט עפענען די לאָדנס... ניט ער שלאָפט אַליין, ניט ער לאָזט יענעם שלאָפן.

פרויקע מיט בורמאַנען זײַנען דאָך אַרײַן אין זאַל מאָדנע שטיל, ווי מורא האָבנדיק אימעצן אויפצוועקן, צוגעקומען ביז די שטולן אַף די שפּיץ־פינגער און זיך דאָרטן ביידע אין איין שורה אַוועקגעזעצט. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. בורמאַן האָט לעבן זיך אַף דער פּאָדלאָגע דערזען אַ פאַרטריקנט שטיקל בלאָטע, וואָס דעם אוריאַדניקס שטיוול האָבן עס,

אפּנים, נאָך צוריק מיט עטלעכע טעג אהער פֿאַרטראָגן. ער האָט זיך זיצנדיקערהייט איינגעבויגן צו דעם, ווי אַף צו פֿאַרווייַלן זיך, און האָט אַף דעם געקוקט לאַנג־לאַנג, ווי וואַרטנדיק, אַז אָט־אָט וועט עס זיך אָנהייבן רירן און וועט אַוועקקריכן איבער דער גאַנצער לענג פֿון זאַל. און פֿרויקען איז שוין געווען מאָדנע לאַנגווייַליק, און חרטה האָט ער געהאַט אַף אָט דעם גאַנצן וויזיט. ער האָט מיט איין האַנט זיך געגעבן אַן אומצופֿרידענעם קראַץ הינטערן קאָלנער און מיט דער צווייטער האָט ער אַ קיצל געטאָן בורמאַנען אונטער דער פּאַכווע:

— האָסט דאָ אַמאָל אָפּגעלעבט אַ גוטן טאָג, אַ?

ער האָט געוואָלט עפּעס צוגעבן וועגן פּראַדאָטשקען. זי וויים ניט, אַז אַלישע איז שלאָף. זייַן שכן האָט אים דערציילט, אַז ער האָט זי אָקאָרשט אַ טאָג פֿאַר ראש־השנה געזען אין מעזשביזש אַרומשפּאַצירן מיט אָפֿיצירן. נאָר דאָס דינסט־מיידל, וואָס איז פֿון זייערטוועגן אַרייַנגע־גאַנגען אין שלאָף־צימער געוויר ווערן, האָט זיך פּלוצעם צו זיי אומגעקערט אַזוי מאָדנע פֿאַרוונדערט און דערשטוינט:

— זע נאָר! האָט זי געזאָגט אַזוי פֿאַרטראַכט און מיט אַזאַ טאָן, גלייַך ס'איז נאָר וואָס געשען עפּעס אַן אומגעהערטער נס, ער איז דאָך טאַקע אַנטשלאָפֿן געוואָרן, אַלישע.

X

פֿרויקע טשערקיס איז אַפּגעשלאָפֿן אַ גליקלעך אויפֿגערעגטע נאַכט איבערן היפּשן ריוח, וואָס ער האָט נעכטן פֿאַרדינט באַם אָרטיקן גלח, און האָט זיך אויפֿגעכאַפּט חתנדיק געשטימט און מיט אַ נייַעם פֿריילעכן געדאַנק:

— איצט, אַז אים האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן גיין אַזוי גוט, איז שוין גאָרניט אַזאַ אומגליק, וואָס מאַניע האָט אים אַוועקגעוואָרפֿן... ער מיינט עס באמת: ווען ער גט זיך מיט מאַניען, וואָלט ער איצט ניט געקענט חתונה האָבן אַפֿילו מיט אַזאַ מין פּראַדאָטשקען, למשל?

און נאָך דעם פּוצט ער זיך אויס אין אַלץ נייַעס, וואָס ער פֿאַרמאָגט, לאָזט זיך אַרויס שפּאַצירן אין מאַרק אַרייַן און פֿילט זיך דאָרטן אַזוי יום־טובדיק און נייַ, ווי אָט דער פֿריש זונענדיקער און ווייכער פֿרימאָרגן, וואָס האָט פֿון ס'נייַ גענומען וואַרעמען צווישן די בערג דאָס טיף באַגראָבענע דובראָוויטש.

— בכלל יאָגט ער זיך שוין גאָרניט אַזוי נאָך געלט. ער איז דאָך נאָך, חוץ אַלע פאַרדינסטן זײַנע, אַ פאַרמאַצעווט; וויל ער, וואַרפט ער גאָר אַוועק אָט די אַלע מסחרים און שטעלט זיך אַרבעטן אין אַן אַפּטייק, אין אַ דאָרף.

און אים הייבט אָן הנאה טאָן, וואָס ער קאָן אַרומגיין אַ ביסל לײדיק און זואָס, ווען ער וויל, קאָן ער אַוועקוואַרפן אָט די אַלע מסחרים און זיך שטעלן אַרבעטן אין אַן אַפּטייק אין דאָרף...

— ער מיינט עס באמת: געלט איז טאַקע אַ זאַך, אָבער ניט אַלץ; ער איז דאָך ניט געגליכן צו אָט די אַלע אַרומיקע דובראָוויטשער בהמות.

לעבן טונקלשטיינס געמויערטער און גרויסער מאַנופאַקטור־קלייט דערזעט ער טונקלשטיינס יינגערן זונס ווײַבל, אָט די, וואָס האָט קיין קינדער ניט.

— אַ רחמנות, טוט ער ווענן איר אַ טראַכט, אַ יונג ווײַבל וויל נעבעך האָבן קינדער.

אים איז געפעלן, ווי אַזוי זי שטייט אַקעגן דער זון אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן בײַשטידל פון קלייט־טיר, און דער שאַרף העגגט איר אַראָפּ ביז איבערן מויל, כדי זי זאָל ניט אָפּגעברענט ווערן. שטייט ער אַ ווײַלע פונוויַיטנס, קוקט אױף איר און פילט, ווי דער רחמנות נאָגט שטיל באַם האַרצן.

— אַ מענטש, למשל, קערט ער זיך אום צום פריערדיקן געדאַנק, אַז ער פאַרדינט זיך, וויפל ער דאַרף, און איז אָנגעטאָן און איז זאַט, הייבט ער זיך אָקאָרשט אָן צוצוקוקן און רחמנות האָבן אױף זיך און אױף דער אַרומיקער פרעמדער וועלט... אַ מענטש איז שוין גאָרניט אַזוי שלעכט...

— און אָט איז טאַקע ער, פרוּיקע אַליין: וואָס קער ער זיך, אַ שטייגער, אָן מיט אָט דעם ווײַבל?

— פּאַני ראַבקין! מאַכט ער עטלעכע טריט צום אָרטיקן מיטליאַריקן דראָגיסט, וואָס די גילדענע ברילן רײַטן אים פון תמיד מאָדנע גרינג אױף דער פאַרריסענער נאָז, און ער זעט דעריבער אין זיי אויס אַ ביסל צעטראָגן, ווי אַ געבילדעטער, פּאַני ראַבקין, חזרט ער איבער, בשעת ער דערנענטערט זיך צו אים, איך גיי אַרום און קלער: אױף מיר, למשל, זאָגט מען דאָ אין שטאָט, אַז איך בין אַ שלעכטער... אַ? גוט אַזוי?...

נאָר ראַבקין דער דראָגיסט איז שטאַרק צעטראָגן איבערן קאָמעניצער קאָמיסיאָנער, וואָס פּאָרט ניט צו נאָך דער פאַרזאָגטער באַשטעלונג. ער קוקט אױף אים אַרוים מיט גרוים אומגעדולד, שטייענדיק לעבן דער גלעזערנער טיר פון זײַן אויסגעפּוצטן מאַגאַזין און מורא האָבנדיק, אַז ער

וועט שוין גיט צוקומען. און הינטער אים שטייט זיין רויט־האָריק, פון תמיד אָן, שטאַרק אויסגעדאַרט ווייב און עסט אים מיט אַ שטילן קוויטש, ווי אַ וואָרעם.

— ביסט אַ מבין?! ער איז ביז האַלבן טאָג געווען צעטראָגן מיט זיינע ציוניסטישע בריוולעך, איז ער געווען צעטראָגן... ער האָט ניט געקאָנט באַשטעלן דעם קאָמיסיאָנער גאַנץ פרי, האָט ער אים ניט געקאָנט באַשטעלן.

פּרויקען איז געפעלן אָט דאָס קאָמישע פּאָרל. ער, אַ פּעמפּיקעוואַטע און קאַרג ייִדל מיט אַ צוגעשוירן בערדל, וואָס פאַרקויפט באַהאַלטן פונעם ווייב ציוניסטישע מאַרקעס, און זי, אַן אויסגעבויגענע, ווי אַ צו פאַרטיקע, איינגעטריקנטע זאַנג און ווערגט זיך, בשעת זי רעדט אויף איר קוויטשיק קולכל, גלייך דער שלאַק אין איר איז צו גרויס, ער זאָל זיך דורך איר שמאָלן האַלדז אַרויסרייסן.

דאָך גייט ער פון דאָרטן אַוועק אין אומבאַפרידיקטער, מיט אַ ניט דערזאָגט וואָרעם וואָרט און מיט אַ תרעומותדיקן שמייכל אין די אויגן.

— אַ פאַרגרעבטע שטאָט דובראָוויטש...

און אים פאַרבענקט זיך שטאַרק נאָך אַן אויסגעאיידלטן לייטישן מענטשן, וואָס וואָלט איצט הנאה געהאַט פון אַרומגיין אַ ביסל ליידיק, אָט אַזוי ווי ער, און וואָס וואָלט אים איצט געקאָנט אויסהערן.

— אָך, אַ גוטן ברודער צו האָבן...

אָט וואָלט ער, דוכט זיך, איצט אַוועקגעגאַנגען צום ראַבינער און וואָלט אים גענומען מיט זיך שפּאַצירן אַהין, אַרויס שטאָט, וווּ פעלדער זיינען, ווי נאָך פּסח, פאַרגאָסן מיט וואַרעמער זונענשיין, און וואָלט אים דאָרטן געזאָגט:

— ברודערקע, וואָלט ער אים דאָרטן געזאָגט, אַז דו האָרעוועסט אויף פּרנסה און ביסט פאַרטראָגן, איז דיר גוט, נאָר איינער. נאָר אַז דו באַקומסט, וואָס דו דאַרפסט, און טראַכטסט זיך איין אין אָט דעם אַרום און אַרום, זעסטו, אַז ס'איז פאַראַן אַ שיינע וועלט, און דו האָסט אויף איר עפּעס רחמנות, אויף אָט דער וועלט, און ס'ווערט דיר עפּעס אַזוי טומלדיק, ווערט דיר.

איז אָבער דער ראַבינער געוואָרן די לעצטע צייט אַזאַ שווערער קלאָץ. אַמאָל, ווען ער האָט אין זיין סטודענטישער מוזשורקע אוראָקן געגעבן, איז ער נאָך געווען אַ שטיקל מענטש און ריידן האָט מען מיט אים געקאָנט. און איצט שמייכלט ער אויף אַלץ, וואָס מ'זאָגט אים, צו זיך אין דער נאָז און שטומט, ווי אַ קלאָץ שטומט ער.

— עט; אַ פאַרגרעבטע שטאָט דובראָוויטש...

ער דרייט זיך דאָך נאָך לאַנג אַרום אויסגעפּוצטערהייט אין מאַרק און שטעלט זיך ענדלעך ריידן מיט אלישעס דינסט־מיידל, וואָס קערט זיך אום פון מאַרק מיט אַ קאָשעק אין האַנט:

— נו וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט ער עפּעס, אלישע?

— וואָס זאָל זיך הערן, וואָס?...

דאָס דינסט־מיידל האָט נאָך אַלץ אַן אומגליקלעך פאַרמאַטערט און אומגעוואַשן פּנים.

— פון נעכטן אָן האַלט ער דווקא אין איין שלאָפן. זי וויים, וואָס פאַר אַ שלאָף דאָס איז?... אין מיטן גאַנץ פרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גלוסטעניש נאָך פרישע שבתדיקע פיש. אָט דאָס האָט זי זיך דרייַ שעה כסדר אַרומגעדרייט אַפן דאָרף און האָט קוים געקראָגן אָט די צוויי פונט קאַרעסן. נאָר נאָך פראַדאָטשקען איז נאָך פאַרטאָג אַוועקגעפאָרן אַ פור מיטן דאָקטאָרס אַ קאַרטאָטשקע. אפשר איז זי שוין דאָרטן געקומען און וועט מאַכן אַן עק צו אירע, דעם דינסט־מיידלס, צרות.

— אַזוי? פרעגט פרויקע איבער, קאָן זייַן, אַז זי איז שוין דאָרטן געקומען, פראַדאָטשקע?

אים טוט אַ מאָדנעם ציִ אַהין, צו אלישעס שטוב, וווהין ס'איז שוין, אפשר, געקומען פראַדאָטשקע. דאָך גייט ער אַוועק צו זיך אַהיים און עסט אָפּ מיטאָק, און נאָך דעם לייגט ער זיך צו אַף אַ פּאָר שעה שלאָפן, כדי אויסצוהאַלטן אין זיך די לייטישקייט און ניט צו לויפן אַהין באַלד, ווי זי איז געקומען. איין מאָל האָט זי צו אים געזאָגט אָט די פראַדאָטשקע:

— פרויקע, האָט זי אים איין מאָל געזאָגט, שווערט זיך ניט אַזוי פיל מאָל, ווי איך בין אַ ייִד, ס'ניט שיין, פרויקע.

אַרום דרייַ אַזייגער באַטאָג, ווען פרויקע איז נאָך אָט דעם יום־טוב־דיקן שלאָף אַרייַנגעקומען צו אלישען אין פאָדער־שטיבל און האָט דאָרטן פון פראַדאָטשקעס כבוד וועגן אויסגעשריגן זייַן בחורשן און פרייַלעכן „בודטע זדאָראָווע סערעדאָיו”. איז שוין אלישע געווען אַ מינוט צען טויט און איבערגעדעקט מיט אַ לייַלעך. ניט ווייַט פונעם מת אַפן קאָמאָד האָבן געדעמפּט די פרישע, נאָר וואָס אָפּגעקאָכטע שבתדיקע פיש, און די פור פון מעזשביזש האָט זיך, אַפּנים, נאָך אַלץ ניט געהאַט אומגעקערט, מ'האָט ניט געוווּסט, צי פראַדאָטשקע קומט, צי ניין.

אַ ווייַלע איז פרויקע לייַטיש דאָרטן אין שלאָף־צימער געשטאַנען און האָט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, געטראַכט:

— וואָס־זשע, איך בין אים, חלילה, געווען אַ שונא, אלישען?...

און נאָך דעם האָט ער דערהערט דאָס גרילצנדיק פרעמדע געוויין פונעם דינסט־מיידל, וואָס לויפט אָן פון דרויסן מיט אַ פריש געבאַקטן פונט ליכט. אים האָט געאַרט, וואָס אָט דאָס מיידל איז נאַריש, האָט ער באַ איר פון די הענט די ליכט צוגענומען און האָט זיך אויף איר לײַטיש פאַרקרימט.

— שאַ! ביסט אַ מבין, ווי זי האָט זיך צעקוויטשעט, האָט זי זיך! דעם געשטאָרבענעם טאַטן אירן באַוויינט זי.

דאָס מיידל איז אַוועק ערגעץ וווהין אין קיך אַרײַן און גענומען וואָיען דאָרטן מיט אַ דערשטיקט און דערוואָרגן קול. און אַרום דער שטוב, וואָס מיט די אָפענע פענצטער, איז געווען מאָדנע שטיל און לאַנגווײַליק. דאָרטן האָט זיך נאָר פאַמעלעך געצויגן די דרײַ אַזייגער באַטאָגידיקע שעה; יאָן דער סטרוזש האָט זיצנדיק אויף די טרעפּלעך פון גאַניק, דערציילט דער שליאַכעטן דער וועשערן, ווי אַזוי די קצבים האָבן אלישען צעשלאָגן, און די גויע איז געשטאַנען אַקעגן אים מיט איבער־געפלאָכטענע הענט אויף דער ברוסט און געשאָלטן אויף גויִיש אַראָפּ צו דער פאַרגרעבטער שטאָט צו:

— אַ כאָליערע אויף זיי!... אָ, די הענט זאָלן זיי אָפּגעדאַרט ווערן... אָ, דאָס לײַב און לעבן זאָל זיי אָפּנעמען...

פרויקע האָט דערזען דעם ראַבינער איינעם אַליין ניט ווײַט פון שטוב שטיין, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו, אַ שיינער תכלית?...

אים איז, קוקנדיק אויפן ראַבינער באַלד אַ געדאַנק אײַנגעפאַלן, האָט ער אים אָן אַ זײַט אָפּגערופן.

— נאַר איינער, אַ שלעכטע ירושה מיט אַ שלעכט ווײַב האָט דיר אלישע צוגעגרייט?

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. דער ראַבינער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרטראַכט ,מיט ביידע הענט אין די טאַשן פון זײַן שוואַרצן האַרבסט־רעקל און מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, באַ וועמען מ'דאַרף זיך לערנען דרך ארץ האָבן פאַר אַ שטוב, וווּ ס'ליגט נאָך דער מת. נאָר פּלוצעם האָבן זיך באַ אים דער שטערן צוזאַמען מיט די אויגן גענומען קנייטשן אַרויף און געדאַכט האָט זיך, אַז ער מיינט מיט דעם צו טאָן אַ שעמעוודיקן שמייכל.

— נאַר איינער, די וועלט איז בלאָטע, ווי איך בין אַ ייִד.

יוסף שור

I

אָנהייב פּרילינג האָט דער גרויס סעטרעניצער גמרא־מלמד יעקב־נתן ווידערפּאָליער, אָנגעשריבן אַ לשון־קודש־בריוו צו מחר־טובן קיין בראַשעק.

אין בריוו איז געשטאַנען:

— צי קאָן מיר ניט מײַן פרײַנט און באַקאַנטער אַרויסשרײַבן באַריכות, ווער איז דאָס געווען יהושע־העשל ראַפּאָפּאָרט אײדעם משהלע לעווין, יענער משהלע לעווין, וואָס האָט צוזאַמען מיט יהושע־העשלס רײַכן זון געירשנט די גרויסע בראַשעקער צוקער־פאַבריק און איז פאַר־אַ־יאָרן געשטאָרבן?

און ווײַטער איז אין בריוו געשטאַנען:

— פון מיר איז ניט פאַרהוילן, אַז מײַן האַר מחר־טוב איז געווען אַ גרויסער מקורב צו משהלע לעווינס הויז, דאָך בין איך זיך סומך אױפן לײַטישקייט פון מײַן האַר און פרײַנט און גלייב, אַז ער וועט מיך, חלילה, ניט פאַרפירן און וועט מיר אַרויסזאָגן דעם גאַנצן אמת פון אונטער זײַן האַרץ.

אױף דעם דאָזיקן בריוו איז יעקב־נתנען אָקאָרשט אין צוויי וואָכן אַרום אָנגעקומען אַ דריבנע אָנגעפילט לשון־קודשדיק קאַרטל. אַ טייל פונעם קאַרטל האָט פאַרנומען דער לאַנגער בכבודיקער טיטל, און אין גאַנצן איז דאָס געווען געשריבן כמעט אינעם זעלבן מליצה־טאָן, וואָס

רבשקה, דער שר פון אשור, האָט צוריק מיט א פּאָר טויזנט יאָר ארויס־געדעדט צו די ייִדן אַף די מויערן פון ירושלים.

—— פאַרוואָס דען זאָל איך ניט קאָנען אַרויסריידן דעם גאַנצן אמת פון אונטער מײַן האַרץ, צי קאָן איך דען פאַרדעקן פון מײַן ליבהאָבער א זאַך? און צי איז דען פאַראַן עפּעס צו פאַרלייקענען ווענן א באַליבטן און גלוסטיקן מאַן, וואָס אַלע זײַנע ווענן זײַנען געווען אמת און גערעכטיקייט?

דאָך איז מחר־טוב פון תמיד אָן געווען ניט קיין גענאַרניק א משכּיל און האָט געקאָנט אַף לשון־קודש שיין באַמאָלן א זאַך. פון דער צווייטער העלפט קאַרטל האָט שוין טאַקע אַרויסגעקוקט ניט נאָר משהלע לעווינס לעבן, נאָר אפילו זײַן היפּש בלאָנד פּנים מיטן ליכטיקן בערדל, וואָס איז אים געוואַקסן ניט אַף די באַקן, נאָר פּונקט אפן שמאָלן פּאַסיק, ווי דאָס פּנים גרענעצט מיטן פּולן, קלאָרן האַלדז, אין קאַרטל האָט זיך געמאָלט, ווי אַזוי משהלע לעווין האָט אויסגעזען נאָך אַמאָל, בשעת יהושע־העשל האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד פאַר אַן איידעם.

— דעמאָלט האָט מיט אים געקלונגען. „אַ צאַצקע" האָט מען געזאָגט, „און ראוי להוראה", נאָר ער אַליין האָט פון דעם אַלעם גע־שמייכלט, ווײַל ער האָט געגלויבט אַף אַ מאָדנע פרײַען אויפן אין „השגחה פּרטית" און האָט געקאָנט אויסווייניק אַ סך פון די דײַטשע פּאָעטן.

— און דאָס, האָט זיך ווײַטער אין קאַרטל דערציילט, איז טאַקע אמת, אַז ער האָט זער גיך צעטרענצלט זײַן פאַרמעגן, און זײַן ווײַב האָט דאַן אָנגעהויבן לעבן מיט אים אין קריג, פּשוט צוליבן געלט, וואָס ער האָט צעטרענצלט און ניט, חלילה, ווי די וועלט זאָגט, אַז זי האָט נאָך מיידלווײַז כלומרשט ליב געהאַט איינעם אַ ריגער. נו. האָט דאָך נאָך דאַן געלעבט יהושע־העשל בריסקער, אַ געזונטער טאַטע מיט אַן אָפענער ווּתרנישער האַנט, און טאַן האָט ער ליב געהאַט אַלץ ברייט און אַף גיך. האָט ער אים דאַן פון ס'נײַ געגעבן נדן און האָט אים אויסגעבויט אין בראַשעק לעבן דער צוקער־פאַבריק דעם שיינעם הויף און האָט אים דאָרטן באַזעצט מיט אַ תנאי, אַז זײַן געלט זאָל ליגן אין צוקער־פאַבריק און אַף צו לעבן זאָל מען אים אַרויסגעבן פון קאַנטאָר.

דאָס דאָזיקע קאַרטל האָט שוין יעקב־נתן געקראָגן אָקאָרשט שפּעט צו פּסח צו.

יעקב־נתן האָט דעמאָלט געהאַט אַ סך פרײַע צײַט. ער האָט אָנגע־שריבן מחר־טובן אַ צווייטן גרעסערן בריוו און האָט אַרויסגעזאָגט אָן אַ שיער ווונדער.

— מיר איז אַ גרויסער חידוש אַף מײַן האַר און פרײַנט מחר־טובן,

וועמען די גאַנצע וועלט האַלט פאַר אַ תלמיד־חכם. אונדזערע חז״ל האָבן דאָך געזאָגט: „געגנוג צו אַ קלוגן אַ ווינק טאָן״. הײַנט, ווי קומט עס, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען וווהין די זאַך נויגט און האָט מיר גאָרניט נישט געשריבן וועגן משהלע לעווינס בת־יחידה, וואָס איך האָב פאַר איר גאָר אַ לײַטישן ענין?

און אַף אָט דעם בריוו איז שוין יעקב־נתנען מער קיין ענטפער ניט אָנגעקומען. געהייסן האָט עס, אַז מהר־טוב, דער משכיל, איז אויך ניט קיין פּריץ. יעקב־נתנען, וואָס אַלע גרויס סעטרעניצער גבירים חנפענען זיך צו אים אונטער, קאָן ער מכבד זײַן מיט אַ מליצהדיק קאַרטל אַף לשון־קודש, נאָר אין זײַנע וויכטיקע ענינים גלייבט ער ניט, און פּלאַפּלען איבעריקס וועגן אַ שטוב, וואָס ער איז אַלע יאָרן געווען צו איר אַ מקורב, איז ער ניט מחוייב.

יעקב־נתן, ווידער, מאַכט אויך וועגן דעם אַ שווײַג. אָקאָרשט חול־המועד־פּסח, ווען טעג שטייען שוין טרוקענע, וואַרעמע, פאַרגלוסט זיך אים מיט אַמאָל אַ פאָר טאָן קיין סקווירע צום רבין.

— צוליב אַ פּאָר ענינים, זאָגט ער, מוז ער אַ פאָר טאָן קיין סקווירע צום רבין.

און דרינגען דרינגט ער פאַרן אוועקפאָרן, אַז ס׳לוינט בשום אופן ניט צו פאָרן אַהין מיט דער באַן.

— ווער ס׳פאָרט ניט, זאָגט ער, פון גרויס סעטרעניץ קיין סקווירע מיט דער אַקס, איז ער פּשוט משוגע, וואָרעם מיט דער באַן לייגט מען אָן אָן אַ שיער וועג, און מ׳פאָרט אַרום און אַרום.

און דער סקווירער וועג, וואָס שלענגלט זיך אַרויס אין דרום־זײַט פון דער היפּשער באַרגיקער שטאָט גרויס־סעטרעניץ איז שוין לאַנג שמאָל און פאַרוואַקסן. איינזאַם און געפאַלן שנײַדט ער איבער דער באַנס פּריי־לעכע רעלסן־שנורן און ציט זיך דאָרטן אַ ווײַלע צווישן די דרײַ ברוקירטע טראַקטן, וואָס צעטראָגן אין אַלע זײַטן דער שטאָטס פריילעכן געמורמל. פאַרשמאַכט, ווי אַ יורד, וואָס גייט צו פוס, לאָזט ער זיך פון דאָרטן אַראָפּ אין פּוסטן טאָל, וווּ אַן אַלטע ציגל־פאַבריק, אַ חורבה, איז פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט מיט אַלערליי ביינער פון געפּגרטע און דערשאָסענע הינט. און נאָך דעם באַגלייטן אים שוין דורכויס די גלײַכע פעלדער פון סטעפּ, ברייטע צוגעטריקנטע פעלדער, וואָס שפּרייטן אין דער ווײַט זייערע גרויליך־גרינע פאַרבן און זײַנען תמיד גרייט צו שווערן.

— באַ אַט דעם איינציקן בוים, וואָס שטייט דאָרטן אין האָריזאָנט אָנגעבויגן איבער אַ ברונעם, פֿאַראַן שטילקייט אױף דער וועלט.

די ערשטע דרײַסיק וויאָרסט פֿאָרט אָפּ יעקבֿ־נתן אױף אַט דעם וועג מיט אַ גרויס־סעטרעניצער בעל־עגלה און קומט אָן קיין קאָזלאָווע, איז אַט דעם קליינעם אומעטיק פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטעלע, וואָס שטייט שוין אַזוי יאָרנלאַנג מיט די פּלייצעס צום אונטערגעגראָבענעם ליימיקן באַרג און וואַרט נאָך אַלץ אױף שבת מאַכן, אױף מאַנטיק־יריד און אױף אַ בשורה, אַז משיח קומט.

פֿון קאָזלאָווע פֿאָרט ער ווײַטער אינעם היפּשן און מער פֿאַרמעגלעכן שטעטל בראַשעק, וואָס האָט לעבן זיך אַ צוקער־פֿאַבריק, אַ גרויסע וואַסער־מיל און אַ פּוילישן קלויסטער. נאָר אַזוי ווי קיין בראַשעק קומט ער אָן אָקאָרשט אױף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג און טרעפֿט שוין ניט קיין איין סקווירער בעל־עגלה, דערצו איז נאָך מחר־טוב גראָד אין דעם פֿרי־מאָרגן אָפּגעפֿאָרן פֿון דער היים, פֿאַרפֿאָרט ער דאָרטן אינעם איינציקן רעכטן אײַנפֿאָר־הויז, וואָס געהער טאַקע צו מחר־טובן און וואָס אין געגנט רופֿט מען עס „מחר־טובס אײַנפֿאָר״. ער הייסט זיך צוגרייטן אַ גוטן מיטאָג, נעמט נאָך באַם עסן אַ שטאַרק פּסחדיק ביסל ווײַן און גרייט זיך נאָך דעם שלאָפֿן באַטאָג מיט אַזאַ הרחבה, גלײַך פֿאַר אַט דעם אַלעם וועט ער צאָלן ניט מיט די גמילות־חסדימדיקע פֿינף־און־צוואַנציקערס, וואָס ער האָט פֿאַרן אוועקפֿאָרן „אָנגעכאַפּט״ באַ גרויס־סעטרעניצער גבירים, נאָר מיט די קופּאָנעס, וואָס ער וואָלט שנײַדן פֿון זײַנע אייגענע ריש־אַלפֿים.

בשעתן בענטשן קומט שוין אַפּילו עפּעס פֿאָר אױף שטום־לשון צווישן אים, דעם מיטליאָריקן ברייטפּלייצעדיקן ייִדן און צווישן מחר־טובס שנור, וואָס קלײַבט צו באַ אים אין חדר פֿונעם טיש. איטלעכס מאָל, וואָס ער טוט זי אַ נעם דורך מיט זײַנע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, טוט איר מאָדנע אַ קיל אין ברוסט; זי איז שוין אַפּילו גרייט צו זאָגן, אַז ער געפֿעלט איר עפּעס ניט, אַט דער ייִד מיט דער שטאַרק שוואַרצער אויסגעקעמטער באָרד און מיט די חסידיש אויסגעפּוצטע בגדים. דאָך גייט זי צופֿיל אַהין אין חדר, גייט פֿיל איבעריקע מאָל, ביז איר ווערט קלאָר, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות... און אַז ס׳האָט זיך נאָר אויסגעוויזן.

ליגט ער אַזוי, אַט דער יעקבֿ־נתן, פֿאַרן שלאָף אָפּן באַנק־בעטל, מיט אַ שטאַרקן פּאַפּיראָס אין מויל און טראַכט, אַז דער וואַרעמער טאָג אין דרויסן איז שוין אַ שיינער, ממש אַ זומערדיקער, און אַז קאָזלאָווע מיט בראַשעק זײַנען די לעצטע צײַט בײַדע געוואָרן די אמתע פּאָסטעקעס.

ניטאָ שוין אין זיי קיין איינציקער סקווירער חסיד, צו וועמען מ'וואָלט איצט קאָנען אַרייַנגיין. פון קאָזלאָווע, למשל, האָט זיך שוין חיימל ווייַנטרויב נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר אַרויסגעצויגן קיין פּאַלעסטינע. זייַן נגידישע וויַיס־געקאַלכטע שטוב האָט אַוועקגעקויפט עפּעס איינער אַ פּאַרמעגלעכער קרעמער, און זייַן בלאָנד און דאַר גופיק יינגל, אָט דער, וואָס איז אַמאָל אַנטלאָפן פון דער היים, איז שוין איצט, זאָגט מען, אַ באַרימטער מאָלער ערגעץ ווו אין פּאַריז, צי אין בערלין. און דאָ אין בראַשעק האָבן יהושע־העשלס קינדער איבערגעבויט די גרויסע גערירשנטע צוקער־פאַבריק און האָבן זי אָנגעפילט מיט אַלערליי בוכהאַלטערס און אינזשעניערן־גלוחים.

און אַז ער דערדרייכערט אָט דעם געדאַנקען־פּאַפּיראָס ביז דער שפּיג־טע, קערט ער זיך באַלד איבער אַף אַ זייַט; דאָס שטאַרקע גלעזל ווייַן מיט דער נעכטיקער ניט־דערשלאָפענער נאַכט פאָדערן אַ געשמאַקן שלאָף און דער גוף פאָלגט. אין טיפן שלאָף דערפילט ער שוין אַפילו, אַז אין דרויסן, קעגן־איבער די אַראָפּגעלאָזענע פאָרהענגלעך און די דינע ווענט פון אייַנ־פאָר, טוען זיך אָפּ מעשים; מ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז גאַנץ בראַשעק פּראַוועט עפּעס אַ גוואַלטיק אָנגעלייגטע חתונה און אַז די חתונה אַליין איז שוין אויך עפּעס אַ מאָדנע ברייטע, אַ גבירישע. נאָר אין אַ פּאָר שעה אַרום כאַפּט ער זיך אויף און באַמערקט: בראַשעק איז רויק, ווי געווען, און אין דעם איז גאָרנישט ניט געשען. ס'איז מער ניט, בשעת ער איז געשלאָפן האָט זיך מחר־טוב, דער בעל־הבית פון אייַנפאָר, אומ־געקערט מיט זייַן זונס פערד און וועגל פון אַ פּריץ, וועמען ער מעקלערט אַ קונה אַף וואַלד. אַרייַנפאָרנדיק אין הויז פון אכסניה, האָבן די רעדער שטאַרק געקלאַפּט אָן די אויסגעריבענע ברעטער. און נאָך דעם האָט מחר־טוב אַ פּאָר מאָל אָנגעקלאַפּט אהער אין טיר, האָט זיך אים אין שלאָף געדאַכט, אַז דאָס קלאַפּט מען ערגעץ מאָדנע יום־טובדיק אַף אַ פּויק.

מחר־טוב, אַז ער קומט אַרייַן צו זיך אין שטוב און הערט אויס, ווער ס'שטייט אייַן באַ אים אין חדר נומער 3, שטייט ער אַ ווייַלע אַנטקעגן זייַן ווייַב און גלעט שמייכלדיק די טונקלגרויע באָרד, זי וואַקסט באַ אים מערסטנטייל פונעם האַלדז, אָט די באָרד זייַנע, און איז תמיד אַרונטערגעבויגן, כדי זי זאָל אויסזען אַ ביסל קלענער. ער בלאָזט אָפּ דעם שטויב פון זייַן אכטעקיקן משכילישן היטל, וואָס זעט אויס, ווי אַ חזנישע יאַרמלקע מיט אַ דאַשעק, און חזרט גוטמוטיק איבער:

— אַזוי, אַזוי? יעקב־נתן ווידערפּאָליער...

און נאָך דעם פאַרשפּילעט ער אַף זיך די קנעפּלעך און שמייכלט צו זיך אַליין. ער איז בכלל אַ גוטמוטיקער ייִד, אָט דער מחר־טוב. איין מאָל, ווען אַ בראַשעקער ייִנגל מיט אַ בראַשעקער מיידל האָבן זיך פאַרליבט און האָבן אים אָנגעבעטן, איז ער געגאַנגען צו זייערע עלטערן און האָט לאַנג גערעדט איבער זיי מיט אײַנגענומענע שמועסן און מיט פיל ראיות פון אבן־עזרא און פון „ויאהב יעקב את רחל".

יעקב־נתנען קאָן ער נאָך פון גרויס־סעטרעניץ, ווו ער, מחר־טוב אַליין, האָט אַמאָל געהאַלטן אַ קליט פון אײַזן און האָט געהאַט אָן אַרײַנגאַנג צו גבירים. דאָרטן האָבן אַלע געוווּסט, אַז ערגעץ אין אַ קליין שטעטל האָט יעקב־נתן נאָך צוריק מיט אַ יאָר אַכט אָוועקגעוואָרפן זײַן אָרעם ווײַב און שיקט איר ניט די גאַנצע צײַט קיין פּרוטה אַף צום לעבן, און דאָך... „אָט גייט ער יעקב־נתן" אַזוי פלעגט מען אַף אים אָנווײַזן איטלעכס מאָל, וואָס מ'האָט אים דערזען אַרויסגיין פון אַ גביריש הויז, ווו ער גיט גמרא־שעהן. כדי צו פאַרענטפערן, פאַרוואָס די גבירים שטופּן אין אים גמילות־חסדימדיקע פינף־און־צוואַנציקערס, פאַרוואָס זיי פאַרגעסן ניט צו ברענגען אים פון אויסלאַנד, ווער אַ סאַקוואַיאַזש אָן אַנטיקל און ווער אַפילו אַ זילבערנע פּושקע אַף פּאַפּיראָסן, האָט מען נאָר תמיד צוגעגעבן, אַז איינער אַ געלערנטער, וואָס האָט איבערגעזעצט תלמוד אַף רוסיש, האָט זיך אָן אים ניט געקאָנט באַגיין און האָט בריוולעך אָנגעפרעגט בײַ אים וועגן אַלע שווערע ערטער.

מחר־טוב לאַכט פון זײַן ווײַב, וואָס ווייס ניט, אַז דאָס, וואָס יעקב־נתן איז עד היום פאַרבליבן אַ סקווירער חסיד, איז שוין מער ניט ווי דער וועלט אַף צו־להכעיס. זי, די ייִדענע, מײַנט, אַז יעקב־נתן פאָרט טאַקע באמת קײַן סקווירע צום רבן, מחר־טוב אָבער דוכט זיך, אַז ער ווייס צוליב וואָס פאָר אַן ענין יעקב־נתן פאָרט איצט און אַפילו צוליב וואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָ, בײַ זיי אין אײַנפאָר. פון דעסטוועגן פאַרשפּילעט ער אַף זיך לײַטיש די קנעפּלעך און איז גרייט אָפּגעבן יעקב־נתנען דעם זעלבן כבוד, וואָס ער גיט אָפּ אַלע זײַנע אורחים גבירים.

ווען מחר־טוב קלאַפּט סוף־כל־סוף נאָך אַמאָל אָן צו יעקב־נתנען אין טיר, זיצט שוין יענער מיט אַ פרישן אָפּגעוואַשן פּנים באַם זודיקן סאַמאָוואַר, וואָס אַפן קײַלעכדיקן, איינפוסיקן טיש, און די זײַדענע פּעסע איז אים פאַררוקט טיף צום נאַקן. ער גיסט זיך אָן טיי, און טוט מיט די שוואַרצע אויגן אַ וואָרף צו דער טיר אַזוי געשווינט, גלײַך אַף קיין גאַסט האָט ער זיך איצט שוין לחלוטין ניט געריכט:

— א־א־א! רבי מחר־טוב...

מחר־טוב האָט זיך דערנענטערט מיט א פריינטלעכן שמייכל און מיט אַ נויג, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט באַם שלום־עליכם און בשעת דער גאַסט האָט אים געבעטן זיצן.

— נישקשה... נישקשה...

זיין גאַנצע אויפפירונג, די איינגעבויגענע פיגור, דער שמייכל מיטן זעצן זיך זיינען שוין אַלע אַזוי לייטיש און איידל, גלייך יעקב־נתן איז שוין פון תמיד אָן דער אמתער און באַוווסטער בעל־הבית פון אָט דעם חדר, און ער, מחר־טוב, שוין מער ניט ווי אַ צופעליקער גאַסט. ער איז דאָך איבערראַשט פון אָט דעם ייִדן, צו וועמען ס'חנפענען זיך אונטער אַלע גרעסטע גרויס־סעטרעניצער גבירים, און אין דער ערשטער רגע הערט ער דעריבער ניט זיינע ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיטן וואָרט „יאָך" און דערמאָנען, אַז ער האָט פיינט, מ'זאָל אים איבערשלאָגן.

— יאָך האָב באַלד דערקענט איַיער בראַשעק. יאָך האָב שוין גע־זאָגט: בראַשעק מיט די נייַע טשערעפּענע דעכער, בראַשעק זעט שטענדיק אויס, ווי ס'האָט ערשט נעכטן געהאַט אַ גוטן מאַרק־טאָג, און אַלע האָבן פאַרדינט, און אַלע זיינען פריילעך.

מחר־טובן שטערן אויך צו הערן די פּאָר צעלעכצטע ברעטער, וואָס ער האָט אָקאָרשט נעכטן געפונען אַפן איינפוסיקן טיש, כאָטש דער טיש איז איצט פאַרדעקט מיט אַ ווייסן סערוועט, און דער שפּאַלט זעט זיך לחלוטין ניט אַרויס. באַלד אָבער כאַפּט ער יעקב־נתנס לעצטע ווערטער און שמייכלט שוין ווידער און שאָקלט שוין נאָך אַמאָל מיטן קאָפּ. ער דערמאָנט זיך נאָר אינעם „מתן־בסתר", וואָס ער אַליין זאַמלט דאָ אין שטאָט צוליב אַ פאַראָרעמטן שוסטער און צוליב אַ ייִדן, אַ יורד, און דרינגט זיך אויס זיין געדאַנק אַזוי איידל, גלייך ער וואָלט מיט אים וועלן פאַרענטפערן זיין שטאָט:

— פון דעסטוועגן פאַראַן... פאַראַן קבצנים אין בראַשעק.

— קבצנים?!... כע־כע־כע, יעקב־נתן שעמט זיך ניט אויסצוזאָגן, אַז ער האָט פיינט דאָס וואָרט „קבצן". מחר־טוב געפינט ניט, אַז אָט דאָס וואָרט איז צוזאַמענגעשטעלט פון די דריי „מיאוסטע" אותיות, וואָס עס קאָן נאָר געבן? ער, יעקב־נתן, רעדט מכוח גבירים: ווער זיינען עס די גבירים אין בראַשעק?

און דאָ פאַרציט ער זיך מיטן שטאַרקן רויך פונעם ניי־פאַררייכערטן פאַפּיראָס און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַרונטער צום געבעטן שטול־ווענטל. ער לאַכט זיך פאַנאַנדער אַפן קול פון דעם, וואָס אין בראַשעק זיינען

פאַראַן קנאַפּע גבירים, און דערוויַיזט דערבײַ, אַז ער קאָן שוין זיצן אַף אַ שטול. אַז ער טוט אַ צי אויס די האַנט, אין וועלכער ער האַלט דעם פּאַ־פּיראָס, זעט זיך, אַז זי איז האַריק און אָן אַ מאַנזשעט, און דעמאָלט ווערט זי ענדלעך צו דער האַנט פון אַ שוחט, אָדער צו דער האַנט פון אַ דיַין, וואָס נעמט אָן די געבראַכטע שאלה. נאָר אים גייט עס ווינציק אָן. ער רעדט שוין וועגן גבירים בכלל און געפינט, אַז בײַ קיינעם ווילן זיי ניט זײַן אַזוי „עפּעס״ און בײַ קיינעם בלײַבן זיי דאָך ניט אַזעלכע „גאָרנישט״, ווי בײַ אונדז יידן. כע־כע־כע... ער זעט שוין, אַז מחר־טוב וויל עס ניט לײַדן.

מחר־טוב לאָזט שעמעוודיק אַראָפּ די אויגן און טוט אַ מסופּקדיקן צי מיט די אַקסלען:

— שײַך זאָגן, ער וויל ניט לײַדן?... ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן: יידישע גבירים, האָט ער געוואָלט זאָגן, זײַנען פון תמיד אָן גרויסע בעלי־צדקות... אָט אַפילו די גרויס־סעטרעניצער שורן, למשל.

— בעל־צדקות?!... ניין. אין דעם פּרט קריגט זיך שוין יעקב־נתן פון תמיד אָן מיט דער גאַנצער וועלט. ער שפּרינגט שיער ניט אונטער פון אָרט און לאָזט מחר־טובן ניט אויסריידן. יאָך קען אויסגעצייכנט יידישע גבירים. יאָך האָב נאָך געקענט דעם זיידן פון די גרויס־סעטרעני־צער שורן.

נאָך זײַן מיינונג איז שוין אויך דער זיידע פון די שורן געווען ניט מער, ווי אָן אַלטער גאוהניק אַ שוטה און דערצו נאָך אָן עם־הארץ אַ גרויסער, און האָט אַלע זײַנע יאָרן געוואָלט נאָכמאַכן דעם בריסקער יהושע־העשל ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט פאַרפירט גרויסע צוקער־פאַבריקן דאָ אין געגנט. אַפילו מיט די איידעמס, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון אויס־לאַנד, און מיט די גרויסע צדקות, און מיט די דײַטשקעס, וואָס ער האָט געהאַלטן צו די אייניקלעך, האָט ער אים געוואָלט נאָכמאַכן. נאָר ווער איז שוין דאָרטן אַזוינס געווען, יהושע־העשל ראַפּאָפּאָרט אַליין? ער קאָן דאָס אים דערציילן, אויב מחר־טוב איז דאָס אַ בעלן צו וויסן.

מחר־טוב שאָקלט מיטן קאָפּ אַף „ניין״. אָט דאָ איז ער שוין מיט אים בשום אופן נישט מסכים. ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר יעקב־נתן לאָזט ניט און גייט אַרויס פון די כלים.

יעקב־נתן שיט לאַנג אַלדאָס בייז אַף אַלע גבירים, וואָס האָבן ווען ס'ניט איז געהאַט אַ נאָמען דאָ אין געגנט. ער האַלט זיך אין איין היצן, און, דער עיקר, מישט ער צופיל אויס די ראַפּאָפּאָרטן מיט די שורן.

— אלע, שרײַט ער, זײַנען זיי באַ אים גלײַך... אלע גלײַך.

מחר־טוב שמייכלט און קוקט אים ניט אין פּנים. אים איז שוין קלאָר, אַז יעקב־נתן טוט אָט דאָס אַלץ מיט אַ „מיין". אים דאַכט זיך, אַז ער ווייס שוין אַפילו, וואָס אָט דער „מיין" זײַנער באַדײַט. נאָר אויב יענער האָט טאַקע דערבײַ אַ כּיוון, וואָס־זשע איז שוין דאָ שײַך צו קריגן זיך מיט אים און צו אויסברײַען אים פאַרקערט?

און סוף־כּל־סוף, ווען מחר־טוב הייבט זיך אויף, געזעגנט זיך לײַטיש און לאָזט זיך אַוועקגיין, מוז יעקב־נתן אים טאַקע נאָך אַ ביסל פאַרהאַלטן און אים מודה זײַן, אַז ער איז נישט געפאָרן אומזיסט דורך בראשעק.

— ער האָט דאָ אַנומעלטן אָנגעפרעגט באַ אים אין אַ בריוו... ער מוז דאָך סוף־כּל־סוף עפּעס וויסן באַ אים וועגן משהלע לעווינס מיידל.

און דאָ ווערט אים מאָדנע אַף אָט דעם ייִדן דעם תּם, וואָס חידושט זיך ניט און ענטפערט אים אין אַזאַ טאָן, גלײַך ער וואַרט שוין לאַנג אַף אָט דער פראַגע:

— אָט־אָט־אָט... וועגן מיידל...

מחר־טוב אָבער שאַרט פאַרטראַכט מיט אַ פינגער אַפן טישטעך. פאַר די אַראָפּגעלאָזטע אויגן דרייען זיך אום שוין, אַפּנים, געשטאַלטן פונעם מיידל און פון איר הויז. ס'זעט אויס, ווי ער שלאָגט זיך מיט זײַן דעה: צי זאָל ער דערציילן, צי ניין; שלאָגט זיך לאַנג און הייבט דאָך אָן:

— דאָס מיידל איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט, און מיט איר איז אַ גאַנצער ראָמאַן...

מחר־טוב שמייכלט צו: ער מיינט עס ניט אין פּשוטן זין. ער האָט נישט לאַנג געלייענט אין אַ לשון־קודש בוך, אַז אַ ראָמאַן הייסט ניט דווקא, אַז אַ מיידל מיט אַ ייִנגל זאָלן זיך פאַרליבן. און ווײַטער ווערט שוין זײַן קול אַזוי פאַרענגדערט און אַזוי איידל, גלײַך ער וואָלט דערציילן וועגן אַמאָליקע, שוין לאַנג געוועזענע גוטע ייִדן.

— כּידוע, האָט דאָך די מוטער אירע, ר' יהושע־העשלס טאָכטער, הײַנטיקן ל"ג־בעומר געשטעלט אַ חופּה טאַקע מיט אים, מיטן „ריגער", און וויינט שוין מיט אים טאַקע דאָרטן. גאַנץ משפּחה ראַפּאָפּאָרט איז אַף איר מאָדנע אויפגעטראָגן, וואָס זי האָט צוליבן קינד ניט צוגעוואַרט כאָטש ביז נאָכן ערשטן יאָרצײַט. און די וועלט האָט שוין ווידער אָנגעהויבן ריידן וועגן אַ ליבע־מעשה, און אַ קשיא איז דאָך טאַקע, נאָר ער, מחר־טוב, זאָגט זײַנס: די זאַך איז אַ פּשוטע. יענער, דער ריגער הייסט עס, האָט איצט, זאָגט מען, באַ דרײַ מיליאָן געלט און איז גראָד פאַרבליבן אַ בחור. זי אַליין, דאָס גלײַכן, איז נאָך ניט אַלט קיין גאַנצע נײַן־און־

דרײַסיק יאָר; און אָפּן מיידל... אָפּן מיידל האָט עס מאָדנע געווירקט... מאָדנע געווירקט.

מחר־טוב פאַרטראַכט זיך און גיט צו:

— דהיינו, אַז זי האָט געמוזט אַפּפאָרן קיין אויסלאַנד.

ווענן עפּעס דערציילט נאָך מחר־טוב נאָך דעם, נאָך אַ היפּשער פאַרטראַכטער ווײַלע, ווענן גאַנץ משפּחה ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט דאָס מיידל ליב, און ווענן איר פעטער דעם אָפּעקון, יהושע־העשלס עלטערן זון, אַבראַמען, וואָס וווינט אין קיעוו און איז איצט, זאָגט מען, שטאַרק רײַך; ווענן דעם, וואָס דאָס מיידל האָט זיך פאַר פּסח אומגעקערט פון אויסלאַנד און וווינט איצט ניט אין בראָשעק, נאָר טאַקע בײַ אים, בײַ אָט דעם אַבראַמען.

און אַז ער גייט סוף־כּל־סוף פון דאַנען אַוועק, הויבט שוין אָן אין חדר שטאַרק טונקל ווערן, און אין דער לופט, וואָס איז פול מיט רויך פון פיל אויסגערייכערטע פּאַפּיראָסן, שוועבן שוין אַרום טויטע און לעבעדיקע שאָטנס...

פּלוצעם טוט זיך נאָך אַמאָל אָן עפן די טיר, און ס׳ווערט מאָדנע: ס׳שטעלט זיך אַרײַן ניט קיין מענטש מיט אַ לאָמפּ, נאָר מחר־טוב אַליין. אין דער שטאַרק טונקעלער לופט איז ער שוין אויך געגליכן צו אַ שאָטן. ער בעט איצט בײַ יעקב־נתנען הונדערט מאָל מחילה, נאָר ער מוז אים עפּעס דערציילן, איין זאַך מוז ער אים דערציילן. און ווידער פאַרענטפערט ער זיך און איז זיך פיל מאָל מתנצל, ביז ער קומט צו דער עיקר זאַך:

— אָט דאָ ניט לאַנג איז געקומען צו אים אַ שדכן, אַפילו ניט קיין שדכן, אַ דרדקי־מלמד איז ער, און האָט אים דערציילט, אַז ער וויל ריידן, פאַר משהלע לעווינס מיידל איציק־מאיר שורס בן־יחיד פון גרויס־סעטרעניץ, אָט דעם, וואָס דער פאָטער זײַנער האָט געשטאַמט פון אַ זײַטיקער, מ׳זאָגט, ניט קיין שיינער זײַט שורן, און האָט אים ניט לאַנג געלאָזט ירושה די גרויס־סעטרעניצער גרויסע בייטל־מיל מיט אַלע הײַזער.

און נאָך אַמאָל בעט ער בײַ יעקב־נתנען, ער זאָל אים הונדערט מאָל מוחל זײַן. ער מיינט, חלילה, ניט צו מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן, ער איז נאָר פון תמיד אָן געווען אַ מקורב צו משהלעס שטוב און ווייס, אַז אָט דעם איציק־מאיר שורס בן־יחיד איז זײַנער, יעקב־נתנס, אַ תּלמיד. וויל ער אים דעריבער זאָגן, אַז אויב ער, יעקב־נתן, איז אויך געפאַלן אויף יענעם שדכנס געדאַנק, איז דאָס קרום, מאָדנע קרום...

יעקב־נתן קוקט אויף אים צעטומלט (איצט איז שוין צו גלויבן, אַז אָט דער ייִד ווייס נאָך עפּעס ווענן מיידל, ער ווייס שוין, אפשר, צו וועמען

פּאַרט דאָס מיידל אַזוי אַפּט קיין אויסלאַנד, נאָר ער וועט בשום אופן ניט דערציילן). עפּעס קאָן יעקב־נתן ניט פאַרשטיין. נאָר באַלד צינדט זיך אין אים אָן דער „ווידערפּאַליער". ער לאַכט זיך שלעכט אויס פון אַ בראַשעקער מלמד, אַ שדכן, וואָס האָט קיין שכל ניט, ווי אַזוי פאַרצושטעלן אַן ענין. און נאָך דעם שטעלט ער זיך אָפּ אַנטקעגן מחר־טובן און קלאַפּט מיט אַ פינגער צו זיך אין ברוסט:

— יאָך פאַר איצט פון בראַשעק גלייך קיין קיעוו. יאָך וועל פאַרשטעלן די זאַך... יאָך, יעקב־נתן ווידערפּאַליער.

II

אַפן קליינעם הילצערנעם וואָקזאַלכל, אַכט ווערסט פון בראַשעק, האָט זיך נאָך דעם יעקב־נתן אַרומגעדרייט דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג חול־המועד־פּסח און האָט אַרויסגעקוקט אַפן צוג, וואָס וועט אים אָפּפירן קיין קיעוו. ער איז שיער ניט פאַרנודעט געוואָרן וואַרטנדיק. באַם וואָקזאַלכל איז ניט געווען אַף וואָס צו קוקן. אַף דער היפּשער ציכטיק ריינער און פוסטער פּלאַטפאָרם האָט זיך אַרומגעדרייט ניט מער, ווי נאָך איינער אַ וואַרטנדיקער פּאַסאַזשיר, אַ גלח, און יעקב־נתן האָט אים געגענעצט גלייך אין פּנים אַריין, און האָט אים לײדיק־גייעריש באַקוקט פון אַלע זייטן: עפּעס אַ פּאַרוואַקסענע, ציכטיקע און שוואַרצע בריאה מיט צוויי ברייטע בונדעס איינע אַף דער אַנדערער און מוז זיך שוין, אַפּנים, אַלע טאָג היפּש אָפּגעבן מיט צוואָגן און קעמען די לאַנגע האָר, און דאָס הייסט באַ זיי אַ הייליקער, מ'שטיינס־געזאָגט, אַ מין רב להבדיל. יעקב־נתן האָט געקנייטשט מיט די אַקסלען און האָט באַדויערט די אומות העולם.

אַז דער שווערער פּאַסאַזשיר־צוג איז סוף־כל־סוף צוגעגאַנגען, האָט ער געטראָפן אין אַ לאַנגן ווײַס אויסגעפּאַרבטן וואַגאָן, אַן אָנגעפּילטן מיט יונגע און עלטערע ייִדן־גלוחים, וואָס פאָרן פון איין גרויסער שטאָט אין דער צווייטער. ער האָט זיך גלייך דערפילט צווישן זיי עלנט. די ייִדן זײַנען ס'רוב געזעסן אין די ווײַסע אַרבל, זיך ברייט פאַנאַנדערגעלייגט מיט די טשײַניקלעך און מיטן עסנוואַרג און האָבן דערבײַ געפירט פריילעכע שמועסן מיט עפּעס אַזעלכע נקבות, וואָס האָבן אַ פּנים ווי וועג־פּלגשים. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע זײַנען זיי איין קאָמפּאַניע און פאָרן פאָרן זיי תמיד אָן אויפהער פון איין גרויסן יאַר־יריד אַפן צווייטן. יעקב־נתן האָט אַף זיי געקוקט פאַרזיכטיק און מיט וווּנדער. צווישן זיי, די גלוחים, וואָס עסן חמץ אום חול־המועד־פּסח, איז ער געווען דער אײנציקער ייִד

אין דער שווארצער קאַפּאָטע און אינעם זײַדענעם היטל, וואָס ער קאָן לערנען. פּאָרזיכטיק האָט ער זיך צו זיי צוגעזעצט, געמאַכט מיט זיי אַ שמועס און בשעת מעשה זיך אַלץ ארומגעקוקט אין די זײַטן מיט אַזאַ וווּנדער, גלײַך ער וואָלט זיך חידושן:

— זע נאָר: ס'האָט אַ מויל?!... ס'רעדט ייִדיש, ווי אַלע מענטשן...

נאָר ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז אייניקע פון זיי זײַנען קיעווער און קאָנען שוין אַפילו דעם, צוליב וועמען ער, יעקב־נתן, האָט איצט אום חול־המועד־פּסח פּאָרגענומען זײַן נסיעה. זיי ווייסן, ווער איז אַזוינס אבראַם ראַפּאָפּאָרט. ער איז אַ ציוניסט, ווייסן זיי, און האָט אָנגעקויפט אַ סך ערדן אין פּאַלעסטינע. ער האָט אייגענע צוקער־פאַבריקן, וואָס באַטרעפן מיליאָנען, און זײַן איינציק מיידל איז אַ סקולפּטאָרן און לערנט אין פּעטערבורגער אקאַדעמיע.

— זי איז אַ האָרבאַטע איז זי.

— אַזוי? אַ האָרבאַטע?

יעקב־נתן איז געוואָרן אומעטיק. פּאַרטראַכטערהייט האָט ער זיך גענומען קראַצן אין פּאה.

דאָס, וואָס אבראַם ראַפּאָפּאָרט איז אַ ציוניסט און מ'שאַצט אים אין מיליאָנען, צוזאַמען מיט דעם, וואָס זײַן מיידל איז אַ סקולפּטאָרן און לערנט אין פּעטערבורגער אקאַדעמיע, האָט אים גלײַך ארײַנגעוואָרפן אין ספק, צי פון זײַן ענין וועט בכלל עפּעס ארויס. לעבן אַזעלכע גוואַלטיק רײַכע און פרײַע ייִדן האָט ער זיך פון תמיד אָן געפילט אַ סך ערגער, ווי לעבן געבוירענע גוים. אין קיעוו איז ער דערום אַ פּאָר טעג ארומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. ער איז אײַנגעשטאַנען בײַ זײַנעם אַ באַקאַנטן, אַ פאַרמעגלעכן חסיד, און האָט זיך פאַר אים געקלאָגט:

— ער האָט אָפּ זיך איצט אַ פּעקל, דאָס אמתע פּעקל. ער האָט פאַרטראַכט עפּעס אַן ענין, געקומען צוליב דעם קיין קיעוו און האָט מורא, אַז ס'איז אַ נעכטיקער טאָג, ס'וועט פון דעם גאָרנישט ניט ארויס.

נאָר אָפּן דריטן טאָג, ווען ער איז גראָד צוליב יום-טוב געגאַנגען אין דער אָרטיקער חסידישער שול דאַוונען, האָט ער דאָרטן אין „מזרח" לעבן ארון־קודש דערזען אַ ניקל בלעטל מיט אַן אויפשריפט: „ר' אברהם ב"ר יהושע־העשל ראַפּאָפּאָרט". ער איז אַ היפּשע ווײַלע אָפּגעשטאַנען לעבן אָט דעם בלעטל, איבערגעלייענט אָפּ דעם די אויפשריפט עטלעכע מאָל און האָט זיך דערפרעגט בײַ אַ ייִדן אַ פּוסטנפּאַסניק, צי דאָס איז טאַקע „דער גרויסער" אבראַם ראַפּאָפּאָרט. און נאָך דעם איז אים שוין געוועז פיל גרינגער, גרינגער דערפאַר, וואָס אבראַם ראַפּאָפּאָרט קומט

געווים אמאָל אהער אין שול דאַווגען און זײַן טלית ליגט געווים פאַרשלאָסן ערגעץ באַ אָט דעם אַלטן שמש, וואָס שטייט אין טלית אויבן־אָן לעבן אַלמעמאָר. דער ייִד דער פּוסטנפּאַסניק האָט אים נאָך דערצו דערציילט, אַז באַ אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז פּירט זיך אַ ייִדישע קיך; אַז דער פאָטער זײַנער יהושע־העשל האָט באַ אים, זאָגט מען, פאַרן טויט גענומען די האַנט, ער זאָל ניט אויפהערן צו געבן זײַנע צדקות און זאָל אַלע טאָג אָנטאָן טלית און תפילין; אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אַליין גייט טאַקע דאָ אין שול אַלע הושענא־רבה מיט די געגועים און אַז ווער ווייס:

— מעגלעך, אַז ער געדענקט נאָך אַ בלעטל גמרא.

ס'איז אויסגעקומען, אַז צוליב אַ רײַכן און איידעלן ייִדן, וואָס האָט געהאַט יאָרצײַט און האָט נאָכן דאַווגען געמאַכט אַ סיום אויף משניות, איז יעקב־נתן שוין געשטאַנען צווישן דעם מנין ייִדן, וואָס מאַכן אָט דעם סיום, און האָט דערוויזן, אַז אין תוספות־יום־טוב איז פאַראַן אַ גרײַז און אַז קיינער פון די ייִדן, וואָס רינגלען אים אַרום, ווייסן דערום ניט קיין פשוטן פשט און קאָן ניט קיין שייטל „עברי". ייִדן האָבן מיט אַמאָל באַקומען דרך־ארץ און זיך גענומען דערפרעגן:

— ווער איז ער, אָט דער ייִד? און נאָך דעם, אַז מ'האָט געטרונקען לחיים פאַרן גרויס־סעטרעניצער רבין, וואָס איז איצט, זאָגט מען, מסובן שלאָף, איז ער, יעקב־נתן, שוין געשטאַנען אין מיטן רעדל און איז געווען אין דעם דער עיקר. האַלטנדיק דעם קעלעשאָק ווײַן אין האַנט, האָט ער געגעבן אַ שלעכטן קוק אויף איינעם אַ ייִדן, וואָס שלאָגט אים איבער די רייד, און גערעדט האָט ער שוין מיט אַזאַ קול, גלײַך ס'מוזן זיך אין דעם אײַנהערן די גרעסטע מאַגנאַטן פון גאָר דער וועלט.

— יאָך, האָט ער געזאָגט, יאָך זאָג עדות, אַז דער גרויס־סעטרעניצער איז אַ גרויסער למדן און אַ ירא־שמים.

אין יענעם זעלבן טאָג איז ער נאָך אַמאָל געווען באַ אַבראַם ראַפּאָ־פּאָרט אין הויז און איז געוווּיר געוואָרן, אַז ראַפּאָפּאָרט איז שוין אין רוסלאַנד, ס'איז פאַראַן פון אים אַ דעפּעש ,אַז באַנאַכט קומט ער, ער האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אין זײַנע אַ צוקער־פאַבריק, וואָס צווישן ראָוונע און בריסק. יעקב־נתן האָט לײַכטער אָפּגעטעמט, איצט האָט ער שוין ווידער אָנגעהויבן גלויבן, אַז פון זײַן ענין וועט עפּעס אַרויס. אַרויסגייענ־דיק פון אַבראַם ראַפּאָפּאָרטס הויז, האָט ער באַטראַכט די רײַכע און שטאַרק שטילע גאַס, ווו ס'באַווײַזן זיך שוין גאָר גרינגע אויטאָמאָבילן מיט אייגענע גרינגע עקיפּאַזשן, און האָט ניט ווײַט פון ראַפּאָפּאָרטס פאַראַד־טיר דערזען שטיין עפּעס איינעם אַ לאַנגוואָקסיקן ייִדן מיט אַ קרומען,

מאַלפּעשן שטערן, מיט אַ ברייטער טיף איַינגעפאַלענער נאָז און מיט עטלעכע שפּיציקע רויטלעכע האָר אַפן אָרט פון באָרד און וואָנצעס. דער ייִד האָט בײַ אים געפרעגט מיט זײַן עכט ליטווישן אומעטיקן קול:

— איר זײַנט אויך אַ מטיף ציוני?

ס'איז געווען קלאָר, אַז ער דאַרף אויך צו ראַפּאַפּאָרטן, ער גייט שוין צו אים אין הויז אַ היפּשע צײַט און קאָן אים ניט טרעפן.. יעקב־נתן איז צוגעגאַנגען צו אים אַזוי נאָענט, אַז ער האָט דערפילט דעם שלעכטן ריח, וואָס טראָגט זיך פון ייִדנס בעל־דרשנדיק מויל. נאָר דערווייסן זיך עפּעס פון אים איז שוין געווען שווער. דער ייִד האָט נאָר פונאַנדערגעשפּילעט זײַן קורץ אָפּגעטראָגן פּאַלטאָכל, פון אונטער וועלכן ס'האָט אַרויסגעקוקט נאָך אַ מער אָפּגעטראָגן פאַרשמאַלצעוועט סורדוטל; ער האָט אַרויסגעשלעפּט די בלעכענע פּושקע מיט טאַבאַק און געענטפערט מיט אַלץ איינע ווערטער, קוקנדיק ניט צו יעקב־נתנען, נאָר צום ציגאַר, וואָס ער פאַרדרייט:

— נו, יאָ, האָט ער געזאָגט, נו, שווער צו טרעפן... נו, געוויס...

מוצאי־יום־טוב האָט אַף יעקב־נתנס אכסניה, בײַם פאַרמעגלעכן סקווירער חסיד אין שטוב, פאַרבראַכט דעם בעל־הביתס אַ קרוב, אַ פרײַער קלוגעטשקער יונגערמאַן, וואָס דינט אין דער אָרטיקער גרויסער באַנק; אַ יונגערמאַן, וואָס איז פאַרבליבן אַ בחור און האָט ניט אַמאָל ווהין אַן איבעריקן אָוונט אַהינצוטאָן, קומט ער אים פּטרן מיט קלוגע וויצן דאָ בײַם פרומען פעטער אין הויז. דער יונגערמאַן האָט באַמערקט, אַז יעקב־נתן האַלט זיך אין איין דערפרעגן, ווי אַרום ער וואָלט גרינגער געקאָנט טרעפן אבראַם ראַפּאַפּאָרטן, האָט ער דערציילט, אַז ראַפּאַפּאָרט האָט מאָרגן צוועלף באַטאָג אַ זיצונג בײַ אים אין באַנק; אינעם דירעקטאָרס קאַבינעט האָט ער אָט די זיצונג, און אַז גרינגער ווי אַלץ איז טרעפן אים טאַקע דאָרטן, בשעת ער גייט דורך די גאַנצע לענג פון באַנק. דער יונגערמאַן האָט צוגעזאָגט, אַז ראַפּאַפּאָרטן איז דאָרטן גרינג צו דערקענען.

— ער איז אַ מיטלוווקסיקער, אַ ביסל אַן אײַנגעהויקערטער און האָט אַ שוואַרץ געשוירן בערדל, אַ בלאָנזשע.

יעקב־נתן האָט מיט אַמאָל אָנגעשטעלט אַפן שמייכלדיקן יונגנמאַן די שוואַרצע פלינקע אויגן.

— אַ שוואַרץ געשוירן בערדל?

— יאָ, מיט אַ יונגן פליך, לעבן בלאַסן שטערן.

דער שמייכלדיקער יונגערמאַן האָט נאָך אַלץ געהאַט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, נאָר אַז דער פאַרמעגלעכער פרומער פעטער זײַנער איז אַף אַ ווײַלע

ארויסגעגאַנגען פֿונעם עס־צימער, האָט ער זיך קלוגעטשקערהייט אויפֿגעהויבן פֿון בענקל און האָט פֿאַרן געבליבענעם יונגוואַרג באַוויזן ווי אַזוי אַבראַם ראַפּאָפּאָרט גייט דורך איבער דער גאַנצער לענג פֿון באַנק. ער האָט זיך גערוקט פּאַמעלעך, אַ ביסל אײַנגעהויקערט און דערשראָקן מיד, ווי איינער, וואָס גנבעט זיך און האָט מורא, אַז מ׳וועט אים באַמערקן. ער האָט געהאַלטן אײַנגעבויגן די רעכטע האַנט און האָט געמאַכט מיטן גראָבן פֿינגער אַזעלכע באַוועגונגען, גלײַך ער קנעט אַ שטיקל וואַקס. און דער עולם האָט געלאַכט.

יעקב־נתן איז נאָך אַלץ געזעסן אויבן־אָן באַם טיש און האָט געקוקט מיט בייזן אױף אָט דעם יונגנמאַן דעם גלות, וואָס וויצלט זיך. פֿון דעסטוועגן האָט ער זיך שפּעט אין אָוונט נאָך אַמאָל מיַישב געווען מיטן בעל־הבית, דעם סקווירער חסיד, און האָט באַשלאָסן אויפֿצושטיין מאָרגן גאַנץ פֿרי, נאָך מיטן טאָג־ליכט.

III

אין יענעם מאָרגן האָט אויך אַבראַם ראַפּאָפּאָרט פֿריער ווי אַלע מאָל אָן עפֿן געטאָן די אויגן אַנטקעגן דעם שווערן מעבל, וואָס אין האַלב־פֿינצטערן געמיטלעכן שלאָף־צימער און האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אַ גלאַנץ פֿון אַ שפּיגל־טיר און פֿאַר דער פֿרוי, וואָס שלאָפֿט אין צווייטן בעט. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען מאָדנע. שווערע שראַנקען האָבן ברוגז געקוקט איינער צום צווייטן. אַ גאַנצע היים האָט אויסגעזען בייז און ניט געוואָלט דערקענען איר בעל־הבית, וואָס איז אין איר צוויי חדשים צײַט ניט געווען.

מיד און צעבראָכן פֿון נאָכן באַנאַכטיקן קומען, האָט זיך אַבראַם ראַפּאָפּאָרט דאָך גענומען אָנטאָן, אַרויסגעגאַנגען אין קאַבינעט און האָט פֿאַרהויבן די שטאָרן. ס׳איז געווען אַ נאַסלעך קילער זומער פֿרימאָרגן, אַ פֿרימאָרגן אָן זון און אָן הימל, וואָס זאָגט צו אויך אַזאַ נאַסלעך קילן בין־השמשותדיקן טאָג, און אין אָט דעם טאָג איז אים, אַבראַם ראַפּאָפּאָרטן, פֿאָרגעשטאַנען אויסצופֿירן איינציקע אָנגעהויבענע שווערע געשעפֿטן. פֿון געוווינהייט האָט ער ניט באַלד אַרויפֿגעוואָרפֿן אױף זיך טלית און תפֿילין, און פֿון געוווינהייט האָט ער געעפֿנט דאָס מויל, כּדי אָפּצוזאָגן אַפֿילו די קורצע קריאת־שמע. ער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן קאַבינעט און האָט געדענקט די פֿיל אָנגעקויפֿטע אַקציעס פֿון פֿאַרשיידענע צוקער־פֿאַבריקן. איצט האָבן די אַלע האַלב־פֿאַרגעסענע אַקציעס געדריקט און געשראָקן. דאָס שטוב־מיידל איז אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט און

האָט צו אים עפּעס אַ בעבע געטאָן, האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען וואָס זי רעדט צו אים, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און באַם מיידל איבערגעפֿרעגט:

— אַ?...

אַזוי איבערגעפֿולט איז אים שוין געווען זײַן מוח מיט די געשעפֿטן, צו וועלכע ער דאַרף איצט, צוריקקומענדיק, זיך נעמען, און אַזוי שווער איז אים שוין געווען אַרײַנצורוקן צו זיך אין קאָפּ נאָך איינעם אַ געדאַנק. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געזעסן אינעם עלעקטריש באַלויכטענעם וואַנע-צימער, וווּהין דאָס שטוב־מיידל האָט אים גערופֿן, און ווו אַף אים האָט שוין לאַנג געוואַרט דער שערער. דערפֿאַר, וואָס אַרום און אַרום האָט דאָס הויז געדרימלט; דערפֿאַר, וואָס צימערן האָבן דורך ברייט געעפֿנטע טירן פֿון אומעטום געקוקט מיט פֿרימאָרגן־שטימונג און מיט באַנײַטער שטילער ריינקייט, האָבן זיך דאָ אין צופֿיל וואַרעמען וואַנע־צימער די קלאַנגען פֿון ראַזירערס שער געדאַכט אַזוי לײַטיש און געהייליקט, גלײַך דער ראַזירער וויל מיט זיי דערציילן אַף וויפֿיל אָט דער קאָפּ, וואָס ער שערט, איז טײַער באַ דער שטאָט און באַ פֿיל מענטשן, וואָס קומען אָן צו אים נאָך טובֿות. ראַפּאָפּאָרט איז אונטער אָט די קלאַנגען געזעסן שווער, אַ ביסל אײַנגעבויגן. ער האָט האַלב געדרימלט און האָט געדענקט, אַז מיטן דירעקטאָר פֿון דער גרויסער באַנק האָט ער הײַנט אַ זיצונג; אַז אַף דער פֿאַר־פּסחדיקער ציוניסטישער קאָנפֿערענץ, בשעת ער, אַבֿרהם ראַפּאָ־פּאָרט, האָט אויבן־אָן לעבן דער טריבונע געלייענט זײַן פֿאָרטראַג, איז איינער אַן אויסלענדישער פּראָפֿעסאָר מיט אַן אַשוריש לאַנגער באָרד געזעסן פּונקט אַנטקעגן און האָט די גאַנצע צײַט צוגעשאָקלט מיט אַזאַ מינע, גלײַך ער וויל זאָגן:

— גערעכט, גערעכט.. אָט דער רעדט צו דער זאַך.

אים האָט זיך איצט מאָדנע דײַטלעך פֿאָרגעשטעלט אָט־דעם פּראָפֿע־סאָרס פּנים, נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט ער האַלב־געדרעמלט און האָט געטראַכט וועגן דער בראַשעקער צוקער־פֿאַבריק, ווו ס'וועט קיין מאָל קיין אָרדענונג ניט זײַן, דערפֿאַר, וואָס זי איז אַ ירושה־זאַך, וועגן דער גרויס־סעטרעניצער פֿאַבריק, וועלכע ער וואָלט דערום וועלן האָבן אַליין, אָן שום שותּפֿים, און וועגן דעם, וואָס די פֿרוי זײַנע לעבט מיט אים פֿון תּמיד אָן גוט. נעכטן באַנאַכט אַפֿן וואָקזאַל, בשעת זי האָט אים שטײַף אַרומגענו־מען, האָט ער דערפֿילט, אַז זי דריקט זיך צו אים ליבער, ווי אַלע מאָל, און האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער ריח, וואָס טראָגט זיך פֿון איר, איז שוין, אַפּנים, דער ריח פֿון דער נײַער פּודרע, וואָס זי האָט דעם לעצטן זומער געבראַכט פֿון אויסלאַנד. ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן צוליבן שאַרפֿן

אָדעקאָלאָן, מיט וועלכן מ'האָט אים געפּרישט דאָס פּנים, און בײַ אים אויף די באַקן האָבן זיך שוין געררויטלט די שטענדיקע העליש־רויטע צוויקלען.

אַרויסגייענדיק צוריק פון וואַנע־צימער, האָט ער געדענקט, אַז אין דער לינקער זײַט פון אײנעם אַ באַק־צוויקל, האָט דער שערער, דאַכט זיך, פאַרכאַפּט בײַ אים אַ שטיקל באָרד און אין דער זעלבער צײַט האָט ער געטראַכט, אַז די צוויי נדבות, וואָס ער האָט געגעבן פאַר זײַן אַוועקפאָרן פון פאַלעסטינע, זײַנען שוין אפשר ביידע צו גרויס. ער האָט באַלד באַדאַרפט אַרײַנגיין אין קאַבינעט און אַ קוק טאָן, צי ער האָט אָט די צוויי נדבות פאַרשריבן. נאָר אין עס־צימער באַם טיש איז שוין געזעסן זײַן פרוי, אַ וווקסיקע בלאָנדינע מיט אַן אָפּגעטראָגענעם לענגלעכן פּנים. ער האָט געקוקט. אַמאָל איז אָט דאָס פּנים געווען שיין און איצט האָט זיך עס שוין שטאַרק געגוויטיקט אין פּודרע און האָט געהאַט רויטע פלעקן אויפן שטערן און אין די ווינקלען פון די ליפּן. צוליבן קומען פונעם מאַן האָט זי זיך איצט אויפגעכאַפּט, אפשר, מיט אַ גאַנצער שעה פריער, ווי געווינטלעך און איז געווען צופרידן. איר פּנים אונטער דער פּודרע האָט דערום נאָך אויסגעזען פאַרשלאָפן, און דער גאַנצער קערפּער אירער האָט זיך מיט פאַרגעניגן געהילט אין דער וואַרעמער שאַל.

— אַבראַם, האָט זי געפרעגט, ביזט געקומען?...

און ווי מיט אָנגענעמענעם וווּנדער האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— אַזוי גוט, וואָס דו ביזט געקומען.

לאַשטשענדיק זיך אין וואַרעמען שאַל אַרײַן, האָט זי אונטערגעשפּאַרט איר פּנים אויף ביידע עלנבויגנס און האָט צו אים אַזוי אַ ווײַלע שמייכלדיק אַרויפגעקוקט. ס'איז געווען אַ רגע, ווען אירע אויגן האָבן צו אים אַ גלאַנץ געטאָן מאָדנע ליבלעך און ממש ווי יונגע. זי האָט זיך געפונען פּונקט אין יענעם עלטער, ווען פרויען הערן לחלוטין אויף צו אינטערעסירן אַרומיקע מאַנסבילן און הייבן אָן שטאַרקער צובינדן צו זיך דעם טרײַגעבליבענעם מאַן. זי האָט אים איצט געקאָנט דערציילן, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט אָן אים אויסגעזען פּוסט, אַז שרהלע לעווין, זייער פלימעניצע, פאַרברענגט שוין דאָ פון פאַר פּסח אָן, אַז פון נעסיען, פונעם מיידל זייערן, וואָס לערנט אין פּעטערבורגער אַקאַדעמיע, איז ניט לאַנג אָנגעקומען אַ בריוו, אַז זי האָט אַ סך אַרבעט און דערפאַר קאָן זי פריער ווי הײַנטיקע וואָך אַהיים ניט קומען, און אַז אויב ער, אַבראַם, וועט אין גיכן פאָרן נאָך אַמאָל קיין אויסלאַנד, וועט זי דאָ שוין אַליין ניט בלײַבן, זי וועט פאָרן מיט אים. דערציילנדיק האָט זי זיך און אים טיי אָנגעגאָסן

און האָט דערבײַ אַלע מאָל אַרויסגערוקט פֿון אונטערן שאַל אַ שלאַנקן נאַקעטן עלנבויגן. זי האָט זיי געמוזט דרייסט באַווײַזן, אָט די נאַקעטע עלנבויגנס, יעדנפֿאַלס זײַנען זיי געווען דאָס איינציקע, וואָס איז בײַ איר געבליבן יונג און פֿריש, ווי מיידלווײַז. און ראַפּאָפּאָרט איז געטרײַ און שווײַגנדיק געשטאַנען דאָ לעבן איר, ער האָט געהאַלטן די הענט טיף אין די טאַשן פֿון זײַן רעקל און האָט געדענקט, אַז ער דאַרף אַרײַנגיין צו זיך אין קאַבינעט און דאָרטן עפּעס פֿאַרשרײַבן. איטלעכס מאָל, ווען זײַן געזעצטער בליק איז געפֿאַלן אויף אירן אָן אָנטפּלעקן עלנבויגן, האָט ער געדענקט, אַז ער האָט זי אַמאָל ליב געהאַט. און איטלעכס מאָל, ווען זײַן בליק איז געפֿאַלן אויף איר פּנים, האָט ער שוין נאָר געדענקט, אַז ער האָט פֿאַר איר דרך־ארץ; ער דאַרף איצט האָבן צו זיך אין קאַבינעט, נאָר דער דרך־ארץ פֿאָדערט, אַז כּל־זמן זי רעדט צו אים, זאָל ער דאָ שטיין און זאָל זי אויסהערן. און דרך־ארץ האָט ער פֿאַר איר דערפֿאַר, וואָס שטאַמענדיק פֿון אַ גרויסן יחוס, מיט וועלכן זי מעג זיך איבערנעמען, באַמיט זי זיך תּמיד צו דערווײַזן, אַז ער, דער מאַן אירער, שטאַמט יעדנפֿאַלס, ניט פֿון קיין קלענערן. איצט זיצט זי דאָ לעבן אים, גיסט אים אָן טיי און רעדט וועגן גרינגע זאַכן, נאָר מיידלווײַז האָט מען איר, דער רײַכער יתומה, לאַנג געדעדט שידוכים מיט די רײַכסטע רוסישע און אויסלענדישע מיוחסים. זי האָט נאָך עד־היום ליב אויסצורעכענען דעם געקניפּטן שטאַם פֿון אַלע גרעסטע ייִדישע פֿאַמיליעס ביז די פֿראַנקפֿורטער ראָטשילדן און ביז די צוויי ייִדישע באַראָנען, און דאָך איז זי שטאַרק צופֿרידן, וואָס ער, דער מאַן אירער, איז איצט געקומען אַהיים און נעמט זיך איבער, וואָס זי האָט מיט אים חתונה געהאַט.

פֿון אויסערן עס־צימער האָבן שוין דערווײַל דערגרייכט אָפּטע קלאַנגען פֿון פֿאַראַד־טיר און פֿון טעלעפֿאָן. פֿון קאַנטאָר האָט מען זיך אָנגעפֿרעגט, צי „אַבראַם סאָלאָוויטש" וועט אין גיכן אַהין קומען. פֿון יענער זײַט שמאָלן, כּמעט קינדערשן טירל, וואָס פֿירט פֿון קאַבינעט אין קליינעם צימערל, איז שוין געזעסן דער הויז־בוכהאַלטער, אַ יונגער בחור אַ ציוניסט, און האָט איבערגעשריבן פֿון איין בוך אין צווייטן. אים איז געווען געפֿעלן די פֿראַגע, מיט וועלכער ער וועט זיך באַלד ווענדן צו ראַפּאָפּאָרטן אויף העברעיִש, האָט ער זי עטלעכע מאָל איבערגעלייגט בײַ זיך אין מוח.

— אויב דער האַר האָט אויסגענוצט אויפֿן קאָנגרעס זײַן אָרטיקן מאַנדאַט, דאַרפֿן דאָך די הוצאות־בערלין אַרײַנגעטראָגן ווערן אין דער ציוניסטישער קאַנטע?

אין עס־צימער האָט אים ראַפּאָפּאָרט אויסגעהערט שווער, אַ ביסל איַינגעבויגן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער טראַכט וועגן דעם. נאָר אָפּגעשטעלט האָט ער זיך סוף־כּל־סוף ניט לעבן בוכהאַלטער, נאָר לעבן זיַין פרוי, זיך פאַרקרימט און געבעטן, מ'זאָל הייסן שפּאַנען דעם פאַעטאָן און וואַרטן אַף אים לעבן דער צווייטער פּאַראַד־טיר. איצט האָט ער שוין ווידער געדענקט זיַין זיצונג באַם דירעקטאָר פון באַנק, די פיל אָנגעקויפטע אַקציעס מיט דער שלעכטער אָרדענונג, וואָס קאָן ברענגען אין בראַשעקער צוקער־פאַבריק צו אַן אומגליק. די פרוי זיַינע האָט געוואָלט, ער זאָל אויסזען יינגער און האָט אים אין שלאָף־צימער געגעבן אָנטאָן אַ סמאָקינג. נאָר ער האָט ניט געדענקט, ווען ער האָט דעם סמאָקינג אָנגעטאָן און ניט געהערט, וואָס די פרוי האָט צו אים גערעדט. פּאַמעלעך און שווער האָט ער זיך שוין אין פּאַלטאָ געלאָזט אַראָפּגיין פון די טרעפּ, וואָס פּירן דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר צו דער צווייטער פּאַראַד־טיר. נאָר אַף איינער אַ טרעפּ איז ער פאַרטראַכט געבליבן שטיין און האָט זיך דערמאַנט, אַז פריער, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון וואַנע־צימער, האָט ער עפּעס באַדאַרפט האָבן צו זיך אין קאַבינעט. וואָס אַזוינס ער האָט אַהין באַדאַרפט, האָט ער ניט געדענקט, און דאָך האָט ער זיך אַהין אומגעקערט, אַרויפגעגאַנגען אַף די טרעפּ נאָך מער פּאַמעלעך, ווי ער האָט זיך פון זיי אַראָפּגעלאָזן, באַגעגנט אַפן וועג דעם בוכהאַלטער, געגעבן אַף אים אַ קוק, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט. אין קאַבינעט אָבער האָט ער זיך דער־מאָנט ניט אָן דעם, וואָס ער האָט באַדאַרפט, נאָר אין אַ צווייטער פאַרגעסענער זאַך: ער האָט פון שרײַב־טיש אַרויסגענומען אַ קליין טאַשן־ביכעלע, צוגעגאַנגען מיט דעם צום טעלעפאָן און האָט אַרויסגערופן דעם פאַרוואַלטער פון קאָנטאָר.

— יאָ, געקומען... אַ דאַנק.

פּאַמעלעך האָט ער צעעפנט דאָס ביכעלע, געזוכט אין דעם מיט דער נאָז, ווי אַ קורצזיכטיקער, און גענומען דיקטירן די נײַע געשעפטן, וואָס ער האָט מיטן וועג געמאַכט.

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס רערל פון טעלעפאָן. איצט איז אים שוין דער גאַנצער מוח פול געווען מיט געפּל. ער האָט כמעט ניט געדענקט קיין איין זאַך פון זײַן וויַיטערדיקן לעבן און האָט דאָך ערגעץ טיף אין זיך געהאַט דערפון הנאה. זײַענדיק אַ מענטש כמעט אין גאַנצן אַ פריַיער, האָט ער דאָך געהאַט פאַרשיידענע איבערגלויביקע סמנים פון באַגליקן, און אָט דער געפּל איז געווען איינער פון זיי. ניט אומזיסט האָט מען שוין

אין שטאָט אונטערגערעדט, אַז ער שיקט עד־היום דעם גרויס־סעטרעניצער די טויזנט רובל, וואָס זײַן פֿאָטער יהושע־העשל בריסקער פֿלעגט אים יערלעך געבן. אומקערנדיק זיך צוריק צו דער פּאַראַד־טיר מיטן נעפּל, וואָס באַ אים אין מוח, האָט ער אין קאָרידאָר דערזען עטלעכע וואַרטנדיקע מענטשן, וואָס זיצן אין איין שורה אַף דער הילצערנער רויט־געפאַרבטער סאָפקע, זײַנע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן פֿון איינעם אַ גוי, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ שכן, וואָס וווינט באַ אים אין פֿליגל. דער גוי האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געזאָגט זײַן ביטע:

— ער וויל, מ׳זאָל אים איבערוואַרפֿן אַ וואַנט פֿון קעלער.

נאָר ראַפּאָפּאָרט האָט אים גאָרנישט ניט געענטפֿערט און זיך גענומען אַראָפּלאָזן פֿון די טרעפּ. אָט דעם גויס ביטע האָט געהאַט אַ שייכות ניט צו אים, נאָר צו זײַן פֿרוי, און די איבעריקע, די ייִדן, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, האָט אַף אַלץ געקאָנט ענטפֿערן דער בוכהאַלטער.

אין דרויסן לעבן דער ערשטער פּאַראַד־טיר, איז געשטאַנען דער ליטוואַק, דער ציוניסטישער מגיד, און האָט געדרייט אַ ציגאַר. מעגלעך, אַז ווען ער גייט צו צו ראַפּאָפּאָרטן, וואָלט אים יענער אויסגעהערט. נאָר ווען ער האָט דערזען דעם אויסגעפּוצטן שפּאַן, וואָס לעבן דער צווייטער פּאַראַד־טיר, און האָט געגעבן אַ צי אויס די האַנט, כדי אים אָפּצושטעלן, איז שוין אַבראַם ראַפּאָפּאָרט געזעסן אין פֿאַעטאָן צו אים מיט די פּלייצעס, און דער אויסגעפּוצטער פֿורמאַן האָט שוין געהאַט שטײַפער אָנגעצויגן די לייצעס. ביידע שטאַרק שוואַרצע אויסגעשטאַנענע פֿערד האָבן מיט אַמאָל געגעבן אַ דערשראָקענעם ציטער, געטאָן אַ ריס דעם פֿאַעטאָן און אַוועק מיט אים צו די אויסגעפּוצטע עקיפּאַזשן און שטילע אויטאָמאָבילן, וואָס שנאָרן הין און צוריק אינעם ווײַטן עק גאַס.

לעבן דער גרויסער באַנק, ווו אַבראַם ראַפּאָפּאָרט איז אַראָפּ פֿון פֿאַעטאָן, האָט ער דערקאָנט דער אַלטער מאַדאַם בערנשטיינס אויטאָמאָ־ביל. אין קאָפּ האָט אים מיט אַמאָל אַ שלאָג געטאָן זי מיט איר רײַכקייט און מיט די הונדערט טויזנט רובל, וואָס זי האָט אים מיט זיי אונטערגע־האַלטן צוריק מיט אַ יאָר פֿינף, ווען ער, אַבראַם, איז נאָך לחלוטין ניט געווען אַזוי רײַך, ווי איצט. די הונדערט טויזנט רובל האָט זי דעמאָלט געהאַלטן באַ אים בסוד מער ווי אַ יאָר צײַט און קוקט נאָך אַף אים עד היום, ווי אַף אירן אַ פּראָטעזשע. איצט האָט זי עפּעס גאָר אַ נאָענטע שייכות צום אָרטיקן ייִדישן שפּיטאָל, אַף וועלכן זי גיט יערלעך אַ סך געלט. דער גאַנצער פּערסאָנאַל פֿון שפּיטאָל איז קעגן איר, און אים

ראַפּאָפּאָרטן, וועט זי געוויס באַלד דאָ אין באַנק נעמען גודען און אים אויסדערציילן וועגן אַט די אַלע סיכסוכים אירע. אין באַנק האָט ער זי דערזען אין די פּלייצעס לעבן איינעם אַ טישל. פון אונטער איר אַלטמאָדישן שוואַרצן היטעלע האָבן אַרויסגעקוקט די זקנהדיק אַרויפגעקעמטע טונקל־גרויע האָר, אונטער דער האַנט האָט זי געהאַלטן איר שטענדיקע באַגלייטערן, אַ יונג און פּשוט ווײַבל מיט אַ פּנים פון אַ נייטאָרן, און אַליין האָט זי אַרויפגעקוקט דורכן לאָרנעט צו איינעם אַ וווקסיקן מאַנסביל, וואָס האָט צו איר מיט גרויס דרך־ארץ גערעדט.

ראַפּאָפּאָרט האָט זיך גערוקט צו איר מיט אַ זײַט, כדי זי זאָל אים ניט באַמערקן. ס'איז געווען אָן עטלעכע מינוט צוועלף, און ער האָט נאָך צײַט געהאַט אויסצוהערן אַ באַקאַנטן ייִדן, וואָס האָט אים אין מיטן אָפּגעשטעלט. נאָר ווען ער האָט זיך פון דאָרטן גענומען רוקן ווײַטער, האָט אים האַרט לעבן דער טיר פון דירעקטאָרס קאַבינעט אָפּגעשטעלט אַ צווייטער ייִד אין חסידיש אויסגעפּוצטע בגדים, וואָס האָט זיך אָנגערופן מיטן נאָמען „יעקב־נתן ווידערפּאָליער”. אין דער ערשטער רגע האָט ער דערפילט, אַז דעם ייִדנס שוואַרצע אויגן זײַנען שטאַרק שאַרפע און עזותדיקע. ער האָט גלײַך אָװעקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ אין דער קעגנ־איבערדיקער זײַט. אין דער צווייטער רגע האָט ער זיך אַ ביסל פאַרקרימט, כדי אַרײַנצורוקן צו זיך אין מוח דעם ייִדנס ווערטער און כדי צו פאַרשטיין, צוליב וואָס דערמאנט יענער פּלוצעם שרהלע לעווין, דעם נאָמען פון זײַן שוועסטערס בת־יחידה, וואָס פאַרברענגט איצט באַ אים אין הויז. נאָר געטראַכט האָט ער שוין בשעת־מעשה ניט וועגן שידוך, וואָס דער ייִד לייגט פאַר איר פאָר, נאָר וועגן דעם, וואָס דער ייִד זעט אויס מאָדנע אָן דעם היטל מיטן שטאַרק אָפּגעשווירענעם קאָפּ און מיט די היפּשע פּאות, אַפּנים אָפּגעשוירן האָט זיך אָט דער ייִד גאָרניט לאַנג און שוין דאָ, אין קיעוו. דער ייִד האָט נאָך אַלץ גערעדט, נאָר איצט האָט שוין ראַפּאָפּאָרט גאָר־נישט ניט געהערט און גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געדענקט, אַז ער איז יהושע־העשל ראַפּאָפּאָרטס עלטערער זון, גיט זײַנע צדקות און האַלט שטאַרק זײַנע טראַדיציעס. דער פאָטער זײַנער פלעגט קיין מאָל קיין שידוך ניט אָפּזאָגן. פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז צוריק מיט אַ יאָר פינף, ווען ער איז נאָך לחולטין אַזוי רײַך ניט געווען, האָט אים אַ געלט־מעקלער געקראָגן באַ אָט דעם יוסף שורס פאָטער אַ היפּשע הלוואה. ער האָט אַרויסגענומען זײַנס אַ וויזיט־קאַרטל און האָט עס אָפּגעגעבן אָט דעם ייִדן, און נאָך דעם האָט ער זיך אָנגענומען פאַרן הענטל פון טיר און האָט געטאָן אַ קנייטש מיט די אַקסלען:

— וואָס קאָן ער דערויף זאָגן? ער ווייס?... זאָל ער אַרײַנקומען דער יונגערמאַן... שבת־צו־נאַכטס זאָל ער אַרײַנקומען.

ארום צוועלף אַזייגער אין אָוונט איז בײַ ראַפּאָפּאָרטן אין הויז שוין געווען דורכוים פינצטער, און נאָר אין שלאָף־צימער האָט זיך נאָך געלויכטן. עטל ראַפּאָפּאָרט איז שוין געלעגן אויסגעטאָן, און אַנטקעגן אַפן צווייטן בעט איז געזעסן אַבראַם און האָט אויסגעטאָן די שיך. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ זײַט, די אויסגעטועטע שיך. זיך פאַרטראַכט און, ניט קוקנדיק צו דער פרוי, אַ שמייכל געטאָן.

— שרהלען, האָט ער שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן, האָט מען פאָרגעגעבן אַ שידוך.

— שרהלען!?...

די פרוי האָט זיך מיט אַמאָל אַ הייב געטאָן פונעם געלעגער און האָט דערהערט, וועמען מ'האָט שרהלען פאָרגעגעבן. זי האָט אָנגעשטרענגט די אויגן מיטן געקנייטשטן שטערן, איר גאַנצער קערפּער האָט זיך מיט אַמאָל געגעבן אַ ציִ־אויס צו אים, דעם מאַן אירן.

— וועמען!?... וואָס רעדסטו... ס'איז דאָך שרעקלעך...

ראַפּאָפּאָרט האָט זיך באַלד איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און זי האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אין איר בעט און איז געבליבן ליגן איינע אַליין מיט איר אויפרעגונג און מיט איר צער. ווער זײַנען אַזוינס געווען אָט די גרויס־סעטרעניצער שורן? קליינע, כמעט אויפגעקומענע מענטשעלעך, וואָס שטאַמען פון ניט קיין איבעריק שיינעם אָרט און לעבן ערגעץ פון תמיד אָן מיט אַ קאַרג אָפּגעבאַזונדערטן לעבן. די ראַפּאָפּאָרטס האָבן תמיד געשמייכלט דערפון, וואָס די רײַכסטע פון אָט די שורן ווילן זיי נאָכמאַכן מיט די גרויסע צדקות און מיט די איידעמס, וואָס זיי ברענגען אַראָפּ פון אויסלאַנד, און איצט רעדט מען שוין איינעם פון זיי פאַר שרהלען... אַז אָך און ווי איז צו איר, צו שרהלען. עטל ראַפּאָפּאָרט האָט געפילט, ווי ס'ציטערט בײַ איר נערוועז דאָס לינקע אויג און האָט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. זי האָט געזעסן פאַר זיך איר שוועגערן, חנהלען, זי געזעסן פאַר זיך אַזוי נאָענט, גלײַך זי געפינט זיך איצט אין ריגע און זעט, ווי יענע וווינט דאָרטן מיט איר צווייטן מאַן. יענע האָט אָפּגעטאָן איר אַרבעט: זי האָט ניט אויסגעוואַרט אַפילו ביזן מאַנס ערשטן יאָרצײַט און האָט חתונה געהאַט פאַרן רײַכן ריגער בחור, וועלכן זי האָט נאָך ליב געהאַט מיידלווײַז. איצט רעדט די גאַנצע וועלט

ווען איר ליבע-מעשה, און די רעכטע שידוכים רעדט מען שוין דער טאָכטער אירער, שרהלען.

— אז אָך און ווי איז צו איר, צו שרהלען.

און ערום אכט אזייגער אין דער פרי, ווען אבראם ראַפּאָפּאָרט האָט, ווי שטענדיק אין דער צײַט, אָן עפן געטאָן די אויגן, האָט זי עס, ליגנדיק באַ זיך אין בעט, גלײַך דערפילט און האָט געגעבן צו אים א הייב דעם קאָפּ.

— אבראם, האָט זי געזאָגט, דו ביזט געשלאָפן? און איך האָב א גאַנצע נאכט אפילו מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט. האָסט אים גאָרניט אויסגעזידלט, אָט דעם מיאוסן יידן, דעם שדכן?... האָסט אים נאָך געגעבן א וויזיט־קארטל, אַז דער בחור זאָל אהער קומען? עטאָ וואָזמוטיטעלנאָ!

IV

דערווײַל האָט יוסף שור פון גרוים־סעטרעניץ שוין געהאט באַקומען יעקב־נתנס ערשטן בריוו, און דאָרטן איז געשטאַנען, אַז ער זאָל זײַן גרייט און אַז מיט גאָטס הילף:

— דער שידוך מיט משהלע לעווינס מיידל וועט איה״ש זײַן א שידוך.

אין שטאָט האָט מען שוין אויך ווען דעם געוווסט. דעם לעצטן טאָג פּסח אין דער פרי האָט מען אין שול גערעדט וועגן דעם אף דער שפּיגל־באַנק. מ׳האָט געקוקט, ווי יוסף שור זיצט אויבן־אָן אף דער „שטאָט" פון זײַן ניט לאַנג געשטאַרבענעם פאָטער; מ׳האָט איבער א נײַם באמערקט דעם נײַעם שווארצן סורדוט אף זײַן געזעצטער שטאַלטנער פיגור מיטן גבירישן חתן־בערדל, וואָס רונצלט זיך פרײַ ארום זײַן יונג־בחורישן מאַט־חנעוודיקן פּנים און מ׳האָט געשמועסט, אַז ער וואַקסט, ווי אף הייוון, אָט דער יוסף שור, זוער ווייס?

— מעגלעך, אַז ער דערגרייכט טאַקע איצט א שידוך, וואָס גאַנץ משפּחה שור האָט זיך אַלע יאָרן צו אים געצויגן.

באַ יוספן אַליין האָבן זיך דעמאָלט קוים־קוים געשאָקלט די דינע האַלב־פרומע ליפּן און איטלעכס מאָל, וואָס ער האָט זיך פאַרטראַכט, האָבן זײַנע היפּשע שווארצע אויגן גענומען קוקן פאַר זיך מיט א שפּאָגל נײַעם סאַמעטענעם גלענצל. דאָס איז געווען א גלענצל פון לאַנג אָפּגעהיטער בחורשאַפט, וואָס איז שוין נאָענט צו א תכלית און פון גרויסן אומגעריכטן גליק, וואָס קומט פּלוצעם און באַהערשט אַלע געפילן. ארום אים איז מיט

אַמאָל געוואָרן אַלץ ענלעך צו אַ מאָדנע אָנגעלייגטן עולם התוהו. דערצו איז נאָך גראָד צו יענער צײַט געשען נאָך איינע אַ מעשה.

קיין גרויס־סעטערניץ האָט זיך דעמאָלט אומגעקערט מינע מוריינים, אַ געראָטן גבירישע מיידל, וואָס האָט אַ היפּשע צײַט געלעבט אין אויסלאַנד און האָט דאָרטן פֿאַרדרייט די קעפּ בײַ אַלערליי גבירישע יונגעלײַט און גרויסע מענטשן. אַפֿן צווייטן טאָג נאָך איר קומען, האָט זי באַגעגנט אין גאַס יוסף שורן און האָט גלײַך באַמערקט דאָס סאַמעטענע גלענצל, וואָס אין זײַנע שוואַרצע אויגן. זי האָט שוין דערבײַ אַפֿילו באַקומען אַן אומעטיק פּנים און האָט זיך גלײַך גענומען דערפֿרעגן, ווער איז ער. דאָס איבעריקע האָט שוין דאָרטן אין שפּיגל־באַנק דערציילט דער אָרטיקער בנעימותדיקער שדכן, וועמען דער אַלטער מוריינים האָט דעם ערשטן טאָג פּסח גערופֿן צו זיך אױף קידוש.

— מינע מוריינים, האָט ער דערציילט, איז דאָרטן געזעסן אין עס־צימער לחלוטין ניט פֿײַן געקליידט, מיט צעפּאַטלטע ציגײַנער האָר איז זי געזעסן און מיט באָרוועסע פֿיס אין די שטוב טופֿלעס.

פֿון פֿוילקייט, צי פֿון גלײַכגילטיקייט איז זי אַזוי געזעסן, סײַ ווי סײַ איז זי דאָך שוין אַ היפּשע צײַט געווען אין אויסלאַנד און האָט זיך דאָרטן אויפֿגעפֿירט פֿרײַ, און קיינער פֿון די גבירישע יונגעלײַט און גרויסע מענטשן, וועמען זי האָט די קעפּ פֿאַרדרייט, איז איר ניט געפֿעלן. איצט האָט זי גערעדט מיטן שדכן אין אַ ליצנותדיקן טאָן; זי האָט געשמייכלט, זיך צוליב געהילט אין דער שאַל און האָט געשריגן צום שדכן ווי צו אַ טויבן:

— „רעדט מיר יוסף שור!“. האָט זי צו אים געשריגן.

צוריקריידנדיק איז שוין אפֿשר אויך משהלה לעווינס מיידל געווען פֿאַר יוסף שורן אַ גאַנץ געווינלעכער שידוך, דערױף איז ער געווען דער ייִנגערער און גראָטנסטער צווישן אַלע אָרטיקע גאוהדיקע און זער רײַכע שורן; זײַן גרויסע גערירשנטע בייטלמיל האָט פֿרײלעך געמאָלן אַפֿן סאַמע הויכן ברעג פֿון שמאָלן טיף־פֿליסיקן טײַך, אַ האַלב וועדסט פֿון שטאָט, און פֿון אַלע פֿאַרבײַגייענדיקע שיפֿן האָט מען געמוזט קוקן, ווי זי מיילט זיך אויס פֿון די אַרומיקע קלענערע און גרעסערע פֿאַבריקן, זי לאָזט אָן אויפֿהער חוצפּהדיק שוואַרצן רויך צום קלאָרן בלויען הימל, און פֿון גרויס גבירי־שאַפֿט באַלויכט זי זיך אין מיטן העלן טאָג מיט אייגענער יום־טוב־דיקער עלעקטריע. חוץ דעם האָט ער דאָ, אין היפּשן בערגיקן גרויס־סעטערניץ, געהאַט צוויי אַלטע שטאַרק רײַכע מומעס, וואָס האָבן זיך שוין ניט אָנגע־

קערט מיט קיינעם פון די אָרטיקע אויפגעקומענע גבירים און זײַנען נישט געגאַנגען צו זיי אַף חתונות. זייערע קינדער האָבן זיי דורך אַזעלכע מינים באַזונדערע אויסלענדישע שדכנים חתונה געמאַכט קיין אויסלאַנד, און אַליין האָבן זיי שוין געווינט ווײַט פון ווימלדיקן שטאָט־צענטער, אין צוויי גרויסע פאַרוואַקסענע ירושה־הײַזער, וואָס האָבן אַפּן זעלטענעם דורכגייער תמיד אַ בלאָז געטאָן מיט לײַטישער מרה־שחורה און מיט אַלטער אומעטיקלעכער גבירישאַפט. זיי זײַנען געווען די „פּני" פון דער שטאָט, אָט די צוויי מומעס אסתרל און האדל, און האָבן קיין מאָל נישט געטאָן קיין שידוך מיט קלענערס פון זיך. נאָר ערשטנס האָט יוסף שור שוין לחלוטין ניט געקאָנט אַף זיך זאָגן, אַז אויך ער שטאַמט פון גאָר דער גע־הויבענער זײַט שורן. זײַן פֿאָטער איציק־מאיר שור איז געווען אַ חסידיש פאַנאַטישער און קאַרגער ייִד, אַ כעסן אַ באַרימער און אַ בעל־גאווה, וואָס אַלע מילמענטשן האָבן אים געחנפעט אין די אויגן און האָבן זיך אים נאָכגעקרימט אונטער די פּלייצעס. נאָך אין דער יוגנט האָט ער זיך צוליב ירושה־זאַכן צעקריגט מיט בײדע שוועסטערס, אסתר און האָדעלע, און האָט שוין נאָך דעם אַלע יאָרן געשריגן, אַז זיי מיט די מאַנען און מיט זייערע קינדער רודפן אים און זײַנען אים שונאים אַפּן לעבן. מיטן ערשטן ווײַב, דער עקרה, האָט ער געלעבט שלעכט, נאָר נאָך איר טויט האָט ער געכאַפּט און אויף צו להכעיס אײגענער משפּחה שוין אַף די עלטערע יאָרן חתונה געהאַט מיט אַ יונג ווײַבל אַ גרושה, וואָס איז בײַ אים אויסן געווען ניט מער, ווי „פּאַפּראַווען זיך" און זיך אויסקלײדן, און פונעם דאָזיקן צו להכעים שידוך איז אַרויסגעקומען ער, דער לײַטיש געזעצטער יוסף שור מיט די לײַטיש געזעצטע מידות און מיט די געראָטענע ייִדיש־וועלטלעכע קענטענישן, וואָס ער האָט אין זיך ביז דרײַ און צוואַנציק יאָר אַרײַנגע־שטאָפּט. פון אַ טאַטן אַ תקיף און אַ בעל־גוואה איז ער אַרויסגעקומען, פון אַ טאַטן, וואָס האָט דרײַסיק יאָר כסדר אייגענע שוועסטערס צו זיך אין הויז ניט אַרײַנגעלאָזט און איז פּלוצעם עטלעכע שעה פאַרן טויט געוואָרן שטאַרק ווייכהאַרציק, זיך אויפגעזעצט אַפּן בעט און זיך פאַנאַנדערגעבלי־פּעט, אַלמאי ער האָט אָפּגעלעבט אַ מיאוס לעבן, און פון אַ מאַמע, אַ יונג ווײַבל אַ גרושה, וואָס איז אויסן געווען ניט מער, ווי „פּאַפּראַווען זיך" און זיך אויסקלײדן.

דאָס אַלץ האָט דער שווײַגנדיק שטײַפער יוסף שור ערגעץ טיף אין זיך געקאָנט האָבן אין זינען. חוץ דעם האָט ער זיך שוין איין מאָל געהאַט מיט משהלע לעווינס מיידל באַגעגנט און האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט ,אַז ס'איז פאַראַן חתן־שטימונג אַף דער וועלט. דערצו איז נאָך

דאָס באַגעגעניש אַליין פֿאַרגעקומען מאָדנע און לחלוטין ניט אָפּן געוויינלעכן בעל־הבתישן שטייגער. דאָס איז געווען אַ פּאָר וואָכן פֿאַר פּסח, ווען יוסף שור האָט זיך אומגעקערט פֿון וואַרשעווער פּוילן פֿון זײַן יונגער מומע רייזל, פֿון יענער זעלבער מומע רייזל, וואָס האָט פֿון תמיד אָן ניט געקאָנט אויסקומען מיט זײַן חסידיש פֿאַנאַטישן פֿאָטער, דעם ברודער אירן, און איז אַמאָל מיידלווײַז אַנטלאָפֿן פֿון אים קיין פּאַריז.

דער מומע רייזל האָט קיינער ניט געגלויבט, אַז זי האָט אַ סך צרות, נאָר דערפֿאַר, וואָס זי אַליין האָט פֿון תמיד אָן צופֿיל געפּלאַפּלט וועגן זיך, וועגן די צרות אירע און וועגן איר גרויסער קאַנטשאַפֿט מיט די גרעסטע מענטשן פֿון גאָר דער וועלט. אין דער יוגנט האָט זי געהאַט אַ סך געפֿלוידערטע מיידלשע ראָמאַנען, נאָר סוף־כּל־סוף האָט זי מיט איר יונגן רײַכן מאַן חתונה געהאַט פּשוט דורך אַ שדכן. דערפֿאַר איז איר מאַן געווען נאָך אַ גרעסערער פֿלוידערזאַק פֿון איר און קיין זאַך אין דער וועלט האָט אים ניט געקאָנט באַוווּנדערן. ער האָט פּערזענלעך געקאָנט אַלץ און יעדערן. ער איז אַליין געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ האַלבע וועלט, אַ שטיק גאָט, און די מומע רייזל האָט געליטן. שווײַגנדיק האָט זי געמוזט צוזען, ווי ער פֿאַרשיט יוספֿן, דעם גאַסט אירן, מיט נײַן־מאָס רייד און איז צופֿיל מגזם וועגן זיך.

אַך יאָ, גאָר גליקלעך, איז שוין די מומע רייזל ניט געווען. אין דעם האָט זיך יוסף שור איבערצײַגט פֿאַר די קורצע עטלעכע טעג, וואָס ער האָט בײַ איר פֿאַרבראַכט. אַז די מומע רייזל באַגלייט אים צוריק־וועגס צום וואָקזאַל, פֿילט ער זיך גערירט. זוען ניט דאָס, וואָס ער איז אויפֿגעצויגן בײַ איציק־מאיר שור אין דער שטײַפֿער, שווײַגנדיקער שטוב, וואָלט ער זי איצט אָנגענומען פֿאַר די הענט און וואָלט איר געזאָגט, אַז דער עיקר איז: לײַדן שטיל און שיין, אַזוי, אַז קיין בן־אָדם זאָל דערפֿון ניט וויסן. די מומע רייזל איז אויך גערירט און פֿול, אַזוי צו זאָגן, מיט הייליקע שוועסטער געפֿילן. אַז זי קושט אים, ווי קינדווײַז „אין די כּשרע אויגן“, וואַרגן זי טרערן אין האַלדז, סוף־כּל־סוף האָט זי דאָך געפֿונען אין אים אַ פֿרײַנטל, וואָס קאָן זי אויסהערן.

— זי האָט אַלע אירע יאָרן, זאָגט זי, געזוכט ניט מער ווי אַ פֿרײַנט.

נאָר אַז דער צוג קומט אונטער, באַמערקט זי עפּעס געשווינט אין איינעם פֿון די וואַגאָן־פֿענצטער און באַקומט מיט אַמאָל אַ שדכניש נײַגעריק פּנים מיט לײַכטזיניק־ווײַבערשע פֿלוידער־אויגן. זי שמייכלט

דערביי צופיל און צו נאַריש און ראַמט איין יוסף שורן, אַז ער איז גליקלעך.

— ער פאָרט אַהיים אין איין קופּע מיט אַ שיין און רייך מיידל, מיט משהלע לעווינס מיידל.

— מיט משהלע לעווינס מיידל?

יוסף שור ווייס נאָך ניט קלאָר, ווער איז זי אַזוינס. אין גרויס־סעטערניץ שמועסט מען, אַז זי האָט געוווּס אימעצן אין אויסלאַנד...

— אַנדערש וואָלט זי אַהין אַזוי אָפּט ניט געפאָרן.

און נאָך דעם פילט ער זיך שוין די גאַנצע צייט צעטראָגענער און אַנדערש ווי אַלע מאָל און קוקט מיט צופיל אויסגעגלאַנצטע אויגן אָפּן אונגן בלאָנדן מיידל, וואָס פאַרנעמט אַנטקעגן אים אין קופּע דעם צווייטן פריַיען פּלאַץ.

— משהלע לעווינס מיידל...

דאָס מיידל ליגט דעם גאַנצן אָוונט מיט פאַרמאַכטע אויגן און דריקט שטיל די איבערגעפלאָכטענע הענט צו דער ברוסט, און ער קוקט אָף איר און גדענקט, אַז זי האָט מסתמא אימעצן אין אויסלאַנד. איצט דאַכט זיך שוין, אַז איר איז געבליבן ניט מער, ווי צו דריקן אַזוי אין האַלבן דרימל די איבערגעפלאָכטענע הענט צו דער ברוסט און זיך אויסמאָלן, אַז איר איינציקער, וועמען זי האָט געלאָזט איצט אין אויסלאַנד, שפּאַרט נאָך אַלץ דעם קאָפּ צו איר אָפּן אַקסל...

איין מאָל טרעפט זיך:

דאָס מיידל טוט אָף אים אַן עפן די אויגן, בלויע פאַרשלאָפענע אויגן, וואָס קוקן זיך אַ רגע איין אין זיין יונג־בחורשן פּנים און ווילן זיך אָן עפּעס דערמאָנען, און ווערן באַלד צוריק גלייכגילטיק און אַנטוישט. און בא אים ווערט דערפון ווי אונטערגעבראָכן דאָס האַרץ, און אַ וואַרעמע חתן־שטימונג, אַ כוואַליע טוט זיך מיט אַמאָל איבער דעם אַ לאַז און פאַרטרינקט עס.

— זי איז אַ שיין מיידל...

בא דער שיין פונעם שטייענדיקן עלעקטרישן לעמפּל, וואָס פּאַלט פון אונטערן געל זיידענעם אַבאַזשורל, עפנט ער זיין העברעיִש בוך און נעמט אין דעם אַריינקוקן. נאָר סוף־כל־סוף פאַרמאַכט ער עס און גייט אַרויס פון קופּע אין קאָרידאָר אַריין. אים פאַרדריסט, אַלמאַי ער האָט אַ היפּשע צייט אַריינגעקוקט אין בוך און האָט אין דעם גאָרנישט ניט איבערגעלייענט. מאַכן זיך גלייך ער לייענט, האָט ער פיינט. אדרבא, אים אַליין איז שוין איצט מינוטנווייז געוועזן שווער די מומע רייזל, נאָר

דערפֿאַר, וואָס באַ איר זײַנען, נאָך זײַן מיינונג, פֿיל זאַכן געווען „גע־מאַכטע", און נאָך דעם קעמפֿט ער שוין מיט דער געירשנטער משפּחה־דיקער גאווה, וואָס זידט אים אויף דאָס בלוט. ער וויל מער ניט קוקן אָפֿן מיידל, דאָך קאָן ער זיך לאַנג אין קאָרידאָר ניט אײַנהאַלטן, ער קערט זיך אום צוריק אין קופּע און באַמערקט פּלוצעם, אַז די שײַן פֿונעם עלעקטרישן לעמפּל ברענט צו העל. ער דערנענטערט זיך צו דעם אויף די שפּיץ פֿינגער און פֿאַרלעשט עס. ניט צוליב זיך טוט ער עס, נאָר צוליב איר און צוליב איר שלאָף. אָפֿן אָרט פֿונעם אויסגעלאָשענעם לעמפּל צינדט זיך גלײַך אָן אין ווינקל אַן אַנדערס, אַ הויכס און אַ בלויס, און דעמאָלט ווערט מיט אַמאָל קלאָר, אַז דער שטיל דערוואָרגענער מורמל פֿונעם שווערן לויפֿנדיקן וואַגאָן איז שוין אַ גאַנצער אַ באַנאַכטיקער. אין וואַגאָן שלאָפֿט מען, נאָר ער, יוסף שור, האָט נאָך מיט שלאָפֿן צײַט. ער זיצט איינער אַליין טיף פֿאַררוקט אין זײַן פֿאַרטונקלט ווינקל, ער טרייסלט זיך גרינג צוזאַמען מיט אַלץ אין וואַגאָן און קוקט:

דאָס מיידל ליגט ווי פֿריער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, נאָר די הענט זײַנען איר שוין איצט אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ מיט געקריצטע בלאָנדע האָר. דאָס קליידל דעקט צו די אונטערגעקליבענע פֿיס ביז די שפּיצן פֿון קינדערש קליינע לאַקירטע טופֿלעס, און דער שוואַרץ־פּאַסיקער שאַל האָט אײַנגעהילט איר טאַליע מיט די יונג־מיידלשע תמימותדיקע פּלייצעס. זי איז געווען שיין. און ער האָט פֿאַרשלאָפֿענערהייט אויף איר געקוקט.

— משהלע לעווינס מיידל.

איז אָט, נאָך אָט דעם באַגעגעניש מיט משהלע לעווינס מיידל, האָט זיך יוסף שור אומגעקערט אהיים אין גאַנצן אַ באַנײַטער און איז אָפּגע־שלאָפֿן עטלעכע נעכט נאָך אַנאַנד, ווי אַ כּלי־זמר נאָך אַ חתונה. אָפּגעשלאָפֿן און מיט אַזאַ גרינגן שלאָף, גלײַך אין יעדע רגע קאָן געמאָלט זײַן, אַז דאָס מיוחסדיקע מיידל זאָל קומען אָנקלאַפּן אָן זײַן טיר און אים זאָגן:

— ס'איז ליגן... כ'האָב קיינעם ניט אין אויסלאַנד...

דערצו איז נאָך די צײַט אַליין געווען אַ צײַט פֿון פֿרילינג, און אינעם טײַך, וואָס פֿליסט פֿאַרבײַ בערגיקן גרויס־סעטרעניץ האָט פֿרי גערירט דאָס אײַז...

טעג זײַנען פֿאַרגאַנגען אין גרינגן פֿראָסט, אין טיפֿער אײַנהערעניש, צי די אָרומיקע ווײַט דערשטווינטע געגנט פֿאַרטראַכט ניט עפּעס נײַעס. דעמאָלט האָבן זיך פֿרי געלאָשן קליינע ציטערדיקע פֿײַערלעך, מיד פֿון

מצות־באקן און פון פאר־פסחדיקער איילעניש, האבן תחילת־נאכט איינ־געדרעמלט די פיל פארדרייטע גרויס־סעטרעניצער אונטערגעסלעך. און פריער אוונט, ווי לאנג פארכאפטער אטעם, האט שטיל געגאפט און שטיל געציילט די קלעפ פון שנעל־צוג, וואס טראגט זיך דורך איבערן ווייטן אייזערנעם בריק. ער טוט דארטן א שרעק אונטער זיך א תהום, אט דער צוג; ער צעברעקלט שטילקייט אף פיצלעך און אליין איז ער שוין ווייט־ווייט, ער איילט צו יענעם ארט, וווהין ער האט צוריק מיט עטלעכע טעג אוועקגעטראגן דאס יונגע בלאנדע מיידל.

אין יענע טעג האט די זוניקע לופט געשמעקט מיט כלה־טרייזשאפט, מיט יונגן מיידל, מיט זיך, מיט יונגן בחור אליין און מיט נאך, מיט גאנצע פסוקים פון שיר־השירים... יוסף שור איז דעמאלט געגאנגען צו זיך אין דער גרויסער גערישנטער מיל, ווו ס'האבן נאך פון פאר זיין פאטערס טויט געמאלן א צענדליק יידן „פראמאלשטשי־קעס". איטלעכס מאל, וואס ער האט צוריקוועגס איבערגעשריטן אין אלכסון דעם גרויסן אויסערשטאטיקן פלאץ, האט ער תמיד באגעגנט די צוויי איינע און די זעלבע מיידלעך חברטעס, וואס האבן דארטן ארומגעשפאצירט הין און צוריק. זיי האבן געפרווט מיט די קאלאשן די שטייפקייט פון שניי און געהאלטן דערביי אין איין גוטמוטיק קוקן אף אים, דעם פארבייגייענדיקן יוסף שורן. אלטע גוטע פריינט זיינען אים אפנים די מיידלעך געווען און ער האט וועגן דעם גארניט געוווסט. איינע פון זיי איז געווען מינע מוריינים, דעם אלטן מורייניסעס געראטענע טאכטער. קוקנדיק אף אים, האט זי דא געהאט צו דערציילן איר חברטע א סוד, אלע טאג א נייעם סוד. דער סוד איז געווען אין די שווארצע אויגן, מיט וועלכע זי האט לאנג באגלייט אים, דעם גבירישן יוסף שור, דעם געראטענעם פיר און צוואנציק־יאריקן בחור. נאר יוסף שור האט אויך אין זיינע אויגן געהאט א סוד; ער האט פארבייגייענדיק געקוקט אף ביידע מיידלעך און האט בשום אופן ניט געקאנט באשליסן, ווער פון זיי דערמאנט אים מער אן יענער, אן משהלה לעווינס מיידל...

ער האט ניט געהאט קיין חברים, וועמען ער זאל איצט קאנען וועגן זיך דערציילן; געבוירן און אויסגעוואקסן אין א הויז א בייזלעך אפגע־שלאסענעם און ניט איבעריק באליבטן אף דער גאנצער שטאט און אף אלע ארומיקע שכנישע הייזער, איז ער סוף־כל־סוף ארויס פון דעם, ער, דער שווייגנדיקער יוסף שור, דער בייזלעכער און שטייפער ערגעץ טיף אין זיך. דא אין שטאט איז ער זעלטן געגאנגען אפילו צו זיינע צוויי אלטע געהייליקט־רייכע מומעס. יענע האבן אים שטארק ליב געהאט

דערפאַר, וואָס ער דאַרף צו זיי ניט אָנקומען און דערפאַר, וואָס ער איז לײַטישער פון זײַן טאַטן. זיי האָבן בײַ יעדער געלעגנהייט געלויבט זײַן געראָטנקייט, און ער איז צו זיי ניט געגאַנגען.

נאָר איין מאָל פאַרנאַכט דאָ אין גרויס־סעטערניץ אויף דער מיטל־סטער רעשדיקער גאַס... איין מאָל פאַרנאַכט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט דאָ דורכגיין זי, משהלע לעווינס מיידל. ער איז געגאַנגען אויף איין טראָטואַר און האָט זי די גאַנצע צײַט געזען אין די פּלייצעס אָפּן צווייטן. זי האָט אים געגאַרט און שטום געוופן; זיך אַלע מאָל אָפּגע־שטעלט און זיך צו אים אומגעקוקט. נאָר סוף־כל־סוף האָט זי פאַרקערע־וועט לעבן איינעם אַ פינצטער געוואָרענעם ראָג און איז דאָרטן פאַרשוווּנדן צווישן געדיכטן שפּאַצירנדיקן עולם. דעמאָלט איז יוסף שור שטיין געבליבן און האָט זיך אַרומגעקוקט. אין דער געפּרעסטער בין־השמשות־דיק שפּעטער לופט האָבן פּנימער דורכגעאײַלט מיט אַ מאָדנער פאַרפרעמד־קייט ווי צו ליקוי־חמה, און אין די אויערן האָט גערעשט דאָס וואַסער, וואָס פאַלט פון אונטער אַ גרויסן הויך אויפגעהויבענעם שלויז, כאָטש אַרום און אַרום גרויס־סעטערניץ איז גאָר אין ערגעץ קיין שלויז ניט געווען. וואָס האָט דאָס געקאָנט באַדײַטן? פּאַמעלעך האָט ער זיך אַהיים אומגעקערט און האָט דעם גאַנצן אָוונט געדענקט, אַז זי, משהלע לעווינס מיידל, איז שוין מסתמא לאַנג געקומען אַהין, וווּהין זי איז געפאָרן פון אויסלאַנד אויף פּסח. מעגלעך, אַז איצט אין אָוונט איז זי אין ערגעץ ניט געגאַנגען און געפינט זיך בײַ זיך אין דער היים, מעגלעך, אַז זי פּרעסט זיך איצט אויס אַ ווײַס קאָפּטל אויף פּסח...

און אויף מאָרגן האָט ער שוין מער ניט געקאָנט איבער זיך געוועלטיקן און איז אַוועק מיט אַלע זײַנע איבערלעבונגען צו זײַן איינציקן חבר, צום גרויס־סעטעניצער רבינס בן־יחיד איציקלען, מיט וועמען ער האָט קינד־ווײַז אין רבינס הויף געלערנט בײַ יעקב־נתנען „חושן־משפט" און „יורה־דעה".

V

דעם רבינס גרויסער גוט־יִדישער הויף האָט שוין זינט עטלעכע יאָר געהאַלטן אין איין וועלקן. יעדער צימער איז געווען פול מיט צרותדיקע סודות, מיט צו־להכעיסן און מיט קריג. דער אַלטער רבי, דער גרויסער למדן איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן פרומער, ניט געוווּסט, אַז ער איז מסוכן קראַנק און האָט ווי אַמאָל געפּאַסט גרויסע תעניתים בײַ זיך אין

די אָפּגעשלאָסענע צימערן. צוריק מיט א פּאָר יאָר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון „נעמען קוויטלעך" און פון פּראַווען טישן און האָט געגלויבט, אז ער לעבט אויסשליסלעך פון די דרײַ טויזנט רובל, וואָס ער באַקומט פאַר גרויס־סעטרעניצער רבנות. שונאים, וואָס זײַנען פון תמיד אָן געווען זיכער, אז ער איז ניט אַזא תם, ווי ער מאַכט זיך, האָבן אים חושד געווען, אז פון „קוויטלעך נעמען" האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פּשוט דערפאַר, ווײַל „דאָס געשעפט גייט אונטער". און די רביצן האָט אָן זײַן וויסן געוואָלט אונטערהאַלטן די גרויסקייט פון הויף און האָט שטילערהייט געשלעפּט גרויסע געלטן בײַ אַלע זײַנע אַמאָליקע גלויביקע און אומגלויבי־קע חסידים.

יוסף שור האָט זיך דאָרטן געגנבעט איבער פיל האַלב-ליידיקע ניט באַוווינטע חדרים, מורא האָבנדיק, אַז די רביצן וועט אים דאָרטן אויפ־נעמען, ווי אַ קינד פון אַן אַלטן חסיד און גוטן פרײַנט און וועט אים דאָרטן אויסדערציילן אַלע משפחה־אומגליקן.

שווײַגנדיק און גאַוווהדיק שטײַף איז ער נאָך דעם געזעסן אַנטקעגן איציקלען אינעם נזיריש אָפּגעזונדערטן צימער, ווו זיי האָבן אַמאָל צוזאַמען געלערנט. אין יענעם זעלביקן צימער האָט אים דאָך איציקל אַמאָל שטײַף געהאַלטן פאַר ביידע עלנבויגנס און אים געצוווּנגען אויס־הערן אַן ענלעכע געשיכטע צו דער, וואָס ער, יוסף שור, לעבט איצט איבער, אַ געשיכטע מיט אַ חופה מיט כלי־זמר, וואָס איז נאָר דעמאָלט נאָר וואָס אין אַנהויב .ווינטערדיקן אָוונט פאָרגעקומען בײַם רבין אין הויף און מיט אַ שטײַפער פאַרפומען שמעקנדיקער מיידלשער האַנט, וואָס האָט זיך דאָרטן אין דער פינצטער שטײַף צו אים, איציקלען, צוגעטוליעט.

נאָר סוף־כל־סוף איז פונעם דאָזיקן וויזיט זײַנעם גאָרנישט ניט אַרויס. איציקל האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ קלאָר־ווײַסן כשרן האַלדז מיט אויך אַזאַ כשר לײַב, וואָס בענקט אַ גאַנצע וואָך נאָך די גוט־ייִדיש זײַדענע קליידער, אין וועלכן מ'טוט עס אָן שבת, און האָט נאָך אַלץ געשטראַלט, ווי צוריק מיט פיר יאָר, בשעת ער האָט בגנבה געלייענט היינען, אחד־העמען און נאַדסאָנען. ניט לאַנג האָט ער זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד צוזאַמען מיטן אַלטן רבין, וועמען דאָקטוירים האָבן דאָרטן מיאש געווען. נאָר ניט דאָס איז געווען דער עיקר, און ניט וועגן דעם האָט איצט גערעדט איציקל. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פאָרנדיק צוריק פון אויסלאַנד געזען. שטײַף און קרעפטיק האָט ער געהאַלטן יוספן העכער די עלנבויגנס פאַר ביידע הענט און האָט אים געצוווּנגען אויסהערן, ווי אַזוי דער שנעלצוג, מיט וועלכן ער מיטן פאָטער האָבן זיך פון אויסלאַנד

אומגעקערט, איז שוין דאָ אין רוסלאַנד געלאָפן איבער ברייטע פרײַע פעלדער און האָט געשפּרייט אומעט טיף אין די באַטריבענע בין־השמשות, און ווי ער, איציקל, איז דאָרטן איינער אַליין געשטאַנען אין האַלבן וואַגאָן ערשטע קלאַס און האָט געזען דעם קליינעם ייִדישן יישוב, פאַרבײַ וועלכן דער צוג טראָגט זיך געשווינט אַדורך. אינעם קליינעם ישוב איז אַזוי פּוסט, גלײַך ס'איז שבת און אין אַלע הײַזער שלאָפט מען באַטאָג. אַ בלאַטקעלע גלענצלט זיך דאָרטן פאַר די הײַזער, וואָס שטייען מיטן פּנים צו די רעלסן; אַ הערטל געגנדז גריבלט דאָרטן מיט די שנאָבלען אין אַן אויפגערודערט בלאָטיקן הויף, און אַ מיידל... אַ מיידל אין ווײַסן לויפט דאָרטן מיט אַמאָל אַרויס פון דער לעצטער פאַרמעגלעכער שטוב און בלײַבט מיט אַמאָל שטיין אפן גאַניק, אַ מיידל אין ווײַסן...

איז אָט, אין אָט דעם מיידל איז איצט, אַפּנים, געווען פאַרליבט איציקל. ער האָט געהאַט שוואַרצע גריבער אונטער די אויגן און האָט געזאָגט, אַז ער מוז אַלע ווײַלע פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס, ווײַל דער קאָפּ „דער קאָפּ טראָגט אים אין דער לופטן"...

יוסף שור האָט דעמאָלט טאַקע קיין וואָרט וועגן זיך ניט אויסגע־רעדט, געזעסן שווײַגנדיק אַנטקעגן איציקלען, אים געקוקט אין פּנים אַרײַן און געטראַכט וועגן דעם, וואָס איציקל זיצט איבער באַם פענצטער גאַנצע טעג און קוקט אַף די ווײַסע געגנדז, וואָס פּאַשען זיך דאָ ניט ווײַט אפן גראָז לעבן רבינס הויף. די ווײַסע געגנדז דערמאָנען אים, זאָגט ער, אָן יענעם ישוב, אָן „יענע געגנדז" און איבערהויפּט, אָן דעם מיידל, אָנעם מיידל, אין ווײַסן...

ער איז נאָך זײַן מיינונג געווען אַ פאַרפאַלענער ,אָט דער איציקל; ער האָט שוין גאָרנישט ניט געטאָן אפילו צוליבן גרויס־סעטרעניצער רבנות, וואָס ער וועט נאָך זײַן פאָטערס פּטירה מוזן איבערנעמען. נאָר מיט וואָס האָט אים דען געקאָנט העלפן ער, יוסף שור? ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיט זײַנע אייגענע נײַע איבערלעבונגען; ער איז געזעסן באַ זיך אין דער היים און האָט געוואַרט.

אײן מאָל באַטאָג איז צו אים אַהיים אַרײַנגעקומען זײַן געוועזענער גמרא־מלמד יעקב־נתן ווידערפאַליער, אַרײַנגעקומען גלאַט אַזוי, ווי גע־וויר וועדן, נאָר געזעסן באַם טיש אין די חסידיש אויסגעפּוצטע בגדים, לאַנג און עזותדיק, בריט זיך דערפרעגט וועגן זײַנע, יוסף שורס ירושה־ענינים.

סוף־כל־סוף האָט ער זיך מאָדנע קאַטעגאָריש אויסגערעדט, אַז ער האָט פאַר אים אַ שידוך.

— מיט משהלע לעווינס מיידל אַ שידוך.

— מיט משהלע לעווינס מיידל?

יוסף שור האָט ניט געוווסט, פון וואַנען שטאַמט אָט דער אײַנפאַל: פון אים, יעקב־נתנען אַליין, צי פון אַ בריוו, וואָס אים האָט געקאָנט צושיקן פון וואַרשעווער פוילן די פלוידערדיקע מומע רייזל. ער האָט ניט איבעריק געגלויבט יעקב־נתנען. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט דער חסידיש אויסגעפּוצטער ייִד געלאָזט ערגעץ אין אַ קליין שטעטל זײַן אָרעם ווײַב און שיקט איר ניט די גאַנצע צײַט קיין פּרוטה צום לעבן. ער איז געזעסן אַנטקעגן גאַוהדיק און שווײַגנדיק שטײַף, געקוקט ווי יעקב־נתן שפּילט ווי מיט אַ פּשוט שטיקל פּאַפּיר מיטן הונדערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס בײַ אים גענומען אויף הוצאות און האָט געהערט, ווי ער חזרט שוין דאָס צווייטע מאָל איבער:

— „אַזוי, אַזוי.. דאָס מיידל פּאַרט שוין אפשר צו אַפּט קיין אויס־לאַנד.” און נאָך:

„ס'איז כדאי געוווּיר ווערן, פאַר וואָס פּאַרט דאָס מיידל אַזוי אָפט קיין אויסלאַנד”. אַז יעקב־נתן איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער נאָך אַלץ געדענקט וועגן דעם. מ'האָט זיך באַדאַרפט נאָך אַמאָל אַראָפּכאַפּן אין רבינס הויף צו איציקלען און זיך דערפרעגן וועגן דעם בײַ דער רביצן, וואָס האָט זיך פון איינעם אַ צד גאָר נאָענט אָנגעקערט מיט די ראַפּאָ־פּאָרטס און האָט אַלץ באַדאַרפט וויסן.

נאָר אָט איז יעקב־נתן אום חול־המועד פּסח אַוועקגעפאָרן קיין בראַשעק און האָט אים פון דאָרטן צוגעשיקט אַ בריוו, אַז ער זאָל זײַן גרייט און אַז מיט גאָטס הילף, דער שידוך מיט משהלע לעווינס מיידל וועט זײַן אַ שידוך.

— הייסט עס, אַז ס'איז גאָרנישט אָט דאָס, וואָס דאָס מיידל פּאָרט צו אָפט קיין אויסלאַנד?...

אויב אַזוי, וועט ער דאָ אין גרויס־סעטרעניץ איבערבויען דעם פּאָטערס הויז. ער טראַכט שוין לאַנג וועגן דעם. ער וועט זאָגן דעם ייִדן, וואָס פאַרנעמט אין הינטערשטן גאָרן די לינקע צוויי קליימן, אַז ער זאָל זיך זוכן אַ נײַעם פּלאַץ. ער פאַרפילט דעם גאַנצן אַרײַנגאַנג מיטן ריח פון שוסטער און פון פרישן לעדער און אַלץ אַרום דערמאָנט אַזוי שטאַרק אָן אַלטן קאַרגן טאַטן.

דער צווייטער בריוו יעקבֿ־נתנס איז אים שוין אָנגעקומען פֿון קיעוו, פֿון דאָרטן, ווו דאָס מיידל האָט איצט פֿאַרבראַכט בײַ איר פֿעטער אַבֿרהם ראַפּאָפּאָרט און וווהין יעקבֿ־נתן האָט אים, יוספֿן, אין גיכן באַדאַרפֿט אַרויסרופֿן דורך אַ דעפּעש. הייסט עס, אַז מ'האָט שוין גערעדט וועגן דעם בײַ אַבֿרהם ראַפּאָפּאָרטן אין הויז און, אַז דאָס מיידל איז אויך דערבײַ געווען און האָט דערויף מסכּים געווען. מעגלעך, אַז זי געדענקט אים שוין אַפֿילו פֿון דעם קופּע, אין וועלכן זיי זײַנען צוזאַמען געפֿאָרן.

יוספֿ שור האָט נאָך אָט דעם צווייטן בריוו זיך באַנײַעם געלאָזט מאַכן נאָך אַ פּאָר נײַע אָנצוגן און האָט לחלוטין אויפֿגעהערט צו באַווײַזן זיך אין גאַס; ער איז פּלוצעם געוואָרן אַ היילֵיקער, ער האָט געוואַרט אויף יעקבֿ־נתנס דעפּעש. כּדי צו מקצר זײַן די צײַט האָט ער בײַ זיך אין דער היים געהאַלטן אין איין לייענען ביכער, און אַ געפּיל איז בײַ אים געווען אַזאַ, גלײַך משהלע לעווינס טאַכטער שטייט אים די גאַנצע צײַט אונטער די פּלייצעס; אַז ער ענדיקט לייענען אַ זײַטל און פֿאַרטראַכט זיך, קאָן זי אים פּלוצעם אַ זאָג טאָן:

— מיש איבער, טײַערער!

ער האָט געדענקט דעם איבערגעגעבענעם בליק פֿון אירע בלויע אומעטיקלעכע אויגן, גלײַך ער פֿאָרט נאָך מיט איר אין איין קופּע און זעט: בלויע פֿאַרשלאָפֿענע אויגן הייבן זיך אויף פֿונעם קישן און קוקן זיך אַזוי אַ רגע אײַן אין זײַן יונג־בחורשן חנעוודיקן פּנים און ווילן זיך אָן עפּעס דערמאָנען... ער האָט ניט אויף אַ רגע אויפֿגעהערט צו שלינגען די זײַטלעך פֿונעם בוך, וואָס ער לייענט, און האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן איר. ס'איז געווען קרום, זער קרום, אָט דאָס, וואָס ער האָט הנאה געהאַט פֿון רײַכן פֿאַרמעגן, וואָס זי קאָן אים אַרײַנטראָגן.

און נאָך איין זאַך:

— ער, יוספֿ שור, איז יעדנפֿאַלס גענוג רײַך אָן איר; ער האָט גענוג זײַן אייגנס.

איין מאָל אין אָוונט האָט ער זיך בײַ זיך אין דער היים צוגערייט אַ וואַנע און האָט זיך מיט איר באַשעפֿטיקט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט זיך לאַנג געוואַשן, געהייליקט און האָט נאָך דעם אָנגעטאָן שפּאָגל־נײַע נאָך ניט קיין געטראָגענע וועש. אין יענער זעלביקער נאַכט האָט מען אים אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף און אים אָפּגעגעבן יעקבֿ־נתנס דעפּעש.

— אַלץ גייט צו אויפֿן בעסטן אופֿן, יעקבֿ־נתן וואַרט אויף אים איבער־מאָרגן אין אָוונט אין קיעוו אויפֿן וואָקזאַל.

ער איז כּמעט געבליבן רויִק נאָך אָט דער ידיעה. שטייענדיק בײַם

לאָמפּ אין אונטערשטע וועש מיט דער דעפּעש אין האַנט, האָט ער נאָר געהאַט בלאַסע נאָז־לעפּלעך, געאָטעמט אַ ביסל שווערער, ווי געוויינטלעך, און האָט געדענקט: דער איבערמאָרגנדיקער טאָג איז דינסטיק.

„אַ מזלדיקער טאָג".

VI

באַם אַרויספאָרן האָט געשמעקט מיט אַ דינעם זילבערנעם רעגנדל, מיט מזלדיקן חתן־מאָרגן, וואָס נאָך אַ רעגנדיקער נאַכט אַ מבול.

אַ לייטיש־שווייַגנדיקער שטאָט־איזוואָזטשיק איז מיט דרך־ארץ געזעסן צו אים מיט די פּלייצעס, פלינק אויסגעפּעלט אַ גאַנצע שורה פאַעטאָנעס מיט יום־טובדיק געשטימטע מענטשן, וואָס אײַלן, ווי צו אַ חתונה, צום פריען ניינאַזייגערדיקן צוג, און האָט שמיידיק אוועקגעשמיסן, אַרויף אַ באַרג צום וואָקזאַל. פאַרבײַ די אויגן האָבן אַדורכגעשווינדלט אַ פּאָר באַקאַנטע ערגעץ געזעענע פּנימער, מיט אַ היטלפּודלע, וואָס האַלט זיך קוים אַף דער קעלניע און איז אין יעדער רגע גרייט אַראָפּצופאַלן. אַ פּאָר פרויען אויגן פון אונטער אַ וואָל האָבן זיך נײַגעריק אַ גליטש געטאָן איבער זײַן פּנים און זײַנען באַלד געבליבן אונטער זײַן פּריש אָפּגעשוירענעם חתנדיקן האַלדז און נאַקן. ווער האָט דאָס געקאָנט זײַן? ער איז געווען אויפגערעגט מיט דער נאַכט, מיט זיך אַליין, מיטן גליק, וואָס שטייט אים פאָר און האָט גלײַך אָן דעם פאַרגעסן. אָקאָרשט שפּעטער אין וואַגאָן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט דעם זעלבן צוג פאָרט קיין קיעוו דער אַלטער גרויס־סעטרעניצער מוריינים מיט זײַן געראָטענעם בת־זקונים־מיידל, זיי געפינען זיך אין דעם צווייטן קופּע, און דער אַלטער מוריינים באַווײַזט דאָרטן קונצן און גייט אַרום זײַן מיידל, ווי אַן אמתער קאַוואַליער.

— וואָס? פרעגט ער זי, איר איז באַקוועם?

אַך, יאָ. אָט דער אַלטער וועלטלעכער מוריינים, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך אַ גאַנצע קייט פון געשטאָרבענע זיידעס גבירים, אין זײַנע ברייטע געהויקערטע פּלייצעס איז שוין לחלוטין ניט געווען צו דערקענען, אַז זײַן גרויס־סעטרעניצער גיס־פאַבריק האָט דרײַ יאָר נאָכאַנאַנד געמאַכט אומגליקלעכע געשעפטן און אַז איצט שטייט זי שוין אין גאַנצן און אין איר גוואַלדיק הויכן רויז־קוימען מאַכן זיך פייגלען נעסטן. אין צוג מיט זײַן יונגער טאָכטער איז ער נאָך געפאָרן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט צוויי גרויסע אויסלענדישע סאַקוואָיאַזשן מיט אַ גרויס קעסטל שאָקאָ־

לאַד אַף צובײַסן און אַפּילו מיט אַ ספּעציעלן רײַזן־טאַש אַף פּאַפּיראָסן. ער האָט זיי געריכערט איינס נאָך איינס, אָט די גראָבע פּאַפּיראָסן, און די גרויע וואָנצעס מיטאָנהייב פֿון דער בריטלעכער גרויער באָרד זײַנען אים שוין געווען אַזוי געל, ווי דאָס היפּשע פֿאַררויכערטע בורשטינדל, וואָס באַ אים צווישן די ליפּן. ווי נאָר ער איז אַרויסגעקומען פֿון קופּע אין לאַנגן קאָרידאָר פֿון וואַגאָן, האָט ער גלײַך פֿון ס׳נײַ פֿאַררייכערט; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער רייכערט אָפּן זייגער, ווי צוליב אַ רפֿואה.

— דינסטיק, האָט ער געזאָגט, איז שטענדיק אַ מזלדיקער טאָג, עס פֿאָרן אַ סך גרויס־סעטרעניצער.

פֿון גרויסער גבירישער לײַטישקייט האָט ער זיך געמאַכט גלײַך ער ווייס ניט, צוליב וואָס יוסף שור פֿאָרט איצט קיין קיעוו.

יוסף שור איז דעמאָלט געשטאַנען אין קאָרידאָר באַם פֿענצטער און האָט געקוקט, ווי דער צוג שטייט מינוטנווײַז אַף פּרעמדע מיט פֿרישער זון באַלויכטענע סטאַנציעס. ער האָט דעם אַלטן מורייניסן אָפּגעטרעטן אַ שטיקל פּלאַץ באַם פֿענצטער, און דער שמועס זייערער איז באַלד געוואָרן אַ היימישער, אַ גרויס־סעטרעניצער. דער אַלטער מורייניס געדענקט נאָך יוסף שורס ביידע זיידעס, פֿון פֿאָטערס צד פֿון דער מוטערס צד; ער געדענקט נאָך, ווען גרויס־סעטרעניץ איז געווען קליין און ניט ברוקירט.

— ניט ברוקירט אַפּילו?

יוסף שורן דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען שוין זער לאַנג; ער לאַכט:

— פֿיר מלכים האָבן, דאַכט זיך, נאָך דעמאָלט מלחמה געהאַט מיט פֿינף, און איינער פֿון זיי האָט געהייסן כּדרלעומר.

טיף אין אים טוט זיך מיט הנאה אַ ריר די שורעדיקע גאווה: „מ׳האָט געקאָנט זײַנע זיידעס״. פּלוצעם אָבער הערט מען אויף צו ריידן און צו לאַכן אין דעם אַנטקעגנדיקן קופּע, וואָס אונטערן אַלטן מורייניסעס פּלייצעס, און ס׳גייט פֿון דאָרטן אַרויס זײַן יונג געראָטן מיידל, מינע מורייניס. זי בלײַבט שטיין אין דער אָפֿענער קופּע־טיר, אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט אָן די בײַשטידלעך. זי שטייט אַזוי אַ ווײַלע אַ גרינגע, אַ לופּטיקע, אַ גרייטע אַף אַ שפּרונג טאָן. זי קוקט זיך אַזוי אײַן אין יוסף שורן און אינעם פֿאָטער און ס׳דאַכט זיך, אַז זי באַטראַכט זיי פֿון ווײַטן, צי זיי פּאַסן זיך פֿאַר שווער און איידעם...

און פּלוצעם לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ און דערנענטערט זיך צו זיי מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און מיט אַזעלכע פֿאַמעלעכע יורדיש אונטער־טעניקע טריט.

„מינע מוריינים" שעפּטשעט זי קוים אַרויס, בשעת זי שטרעקט אויס יוסף שורן די האַנט און טוט אַף אים גאָר פון דער נאָענט אַ קוק.

ס'איז שוין אַפילו מאָדנע אַף איר צו קוקן. אין אויסלאַנד האָט זי דאָך פאַרדרייט די קעפּ די גרעסטע גבירישע יונגעלײַט, און נאָכגעפאָרן, דערציילט מען, זײַנען איר פון דײַטשלאַנד אין דער שווייץ אַ פּאָר פון אירע באַקאַנטע גרויסע מענטשן. נאָר דער אַלטער מוריינים מאַכט זיך, גלײַך ער באַמערקט עס ניט און וויל בכיוון דעם שמועס ניט איבעררײַסן. אַדרבא, ער קוקט דער טאָכטער טאַטעדיק אין פּנים אַרײַן און דערציילט איר, אַז ער רעדט דאָ מכוח יוסף שורס זיידן פון דער מוטערס צד, מכוח שמואל רב־רבין, וואָס איז אַמאָל אַראָפּגעקומען קיין גרויס־סעטרעניץ פון טיף פּוילן, זיך געקויפט אַ הויז אין פראָנט און האָט פאַרפירט גרויסע קאַלכאויוונס אין געגנט. אים געפעלט אָט דער דאָזיקער זיידע יוספס, וויל ער, אַז די טאָכטער זאָל אויך וויסן, אַז דאָס איז געווען אַ זעלטן קלוגער ייִד, אָט דער שמואל רב-רבי.

— אַ שמייכלדיקער מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד און מיט אַ קלוגן קאָפּ אַף זיך.

און שטאַרק פאַרנומען מיט זײַנע געשעפטן איז ער ניט געווען.

— פלעגט ער אין די לאַנגע זומערדיקע באַטאָגן אַרומשפּאַצירן באַ זיך אין הויז אין אַ לאַנגער רעזעוואָלקע, אַ געוועבטענע מיט סאַמעטענע קוויטן, פּיפּקען פון דער לאַנגער פּוילישער פּייקע־ציביק און לייענען בשעת מעשה דעם „חובת הלבבות". לייענען, אַרומשפּאַצירנדיק מיט אַ קלוגן שמייכל אַרום די בלויע אויגן, אַזוי אַז מ'האָט ניט געקאָנט וויסן, צי לייענט ער מחמת פרומקייט, צי מחמת נײַגעריקייט, פּשוט, ווי מען לייענט אַ ראָמאַן.

— ווי מ'לייענט אַ ראָמאַן?

דאָס געפעלט שוין אַלץ איינס, סײַ דער געראָטענער טאָכטער, סײַ יוסף שורן;ביידע לאַכן.

און דער אַלטער מוריינים קוקט זיי גלײַך אין די פּנימער און לאַכט מיט. ער פאַרציט זיך מיטן רויך פונעם גראָבן פּאַפּיראָס און שטיקט זיך פון געלעכטער טיף אין זיך. ס'זעט אויס, ווי ער האָט הנאה: ער האָט לאַכנדיק געמאַכט „זײַנע קינדער"; נאָר באַלד פאַרכאַפּט ער זיך און טוט ערנסט אַ גלײַך אויס דאָס פּנים.

— אין גרויס־סעטרעניץ, דערציילט ער ווײַטער, האָט מען פון אָט דעם שמואל רב־רבין סכנות געהאַלטן. אַ קלוגער ייִד, האָט מען געזאָגט, אַ למדן, וואָס רעדט קיין מאָל ניט וועגן זײַן למדנות. און אַ פאַמיליע איז

באַ אים אויך געווען אַ מאָדנע: געקומען אַהער פון טיף פּוילן אָן אַ ווײַב, סך־הכל מיט אַ יונגער טאָכטער, אַ גרושה, וואָס האָט דאָ גאָר אין גיכן חתונה געהאַט טאַקע מיט יוסף־שורס פֿאָטער און מיט אַ נײַן צי צען יאָריק געקרײַזלט ייִנגל יונה, אַ צעטראָגענער אַ ביסל, נאָר אַ גוטער קאָפּ, נאָך אַ טיפערער פונעם פֿאָטערס.

איז אָט וועגן אָט דעם נײַן־יאָריקן שנעק קאָן דער אַלטער מורייניס ביז הײַנט ניט פאַרגעסן.

אים, דעם אַלטן מורייניסן האָט מען געדעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע גרויס־סעטרעניצער שאָכשפּילערס, און דער קליינער יונה פלעגט אָפט קומען צו אים אַהיים און דאָרטן אָפּשטעקן אַ מאַט.

ער האָט גאָר יונג פאַרלאָזן גרויס־סעטרעניץ, יונה, נאָר דער אַלטער מורייניס באַווײַזט דאָך אַ קונץ און רעכנט צונויף אָפּן קאָפּ, אַז ער דאַרף איצט אַלט זײַן ניט מער און ניט ווייניקער, אַ יאָר צוויי־דרײַ־און־דרײַסיק.

„אַ?" פרעגט ער באַ יוסף שורן.

ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז די געראָטענע מינע מורייניס האָט אויך עפּעס וועגן דעם צו זאָגן: אין בערן האָט זי אַ קורצע צײַט געוווינט ניט ווײַט פון אַ קליינער ייִדישער קאָלאָניע; מ'האָט געזאָגט, אַז דאָס זײַנען אָנפּי־רערס פון אַ געוועזענער פּאַרטיי, איז אָט: איין מאָל איז צו דער קאָלאָניע אַראָפּגעפאָרן אַ יונגערמאַן מיט אַ יונגן פּנים און מיט אַ גרויען קאָפּ. מ'האָט אים גערופן יונה, און די קאָלאָניע האָט געמאַכט אַ יום־טוב. איינע אַ קריסטן איז געווען אַזוי גליקלעך, וואָס זי האָט אים אָפּגעטרעטן איר צימער.

מינע מורייניס קוקט נאָך אַלץ אַף יוסף שורן מיט אַזעלכע שמייכל־דיקע פרײַנטלעכע אויגן, ווי מ'קוקט אַף אַ געוווּנטשענעם חתן. זי ווייס נאָך ניט, צי אָט דער בערנער יונה איז דער זעלביקער, וועגן וועלכן מ'רעדט דאָ, נאָר זי איז ווי גליקלעך. זי האָט אויך געקאָנט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, בשעת מ'האָט גערעדט וועגן זײַנעם אַ פֿאָטער.

פּלוצעם אָבער באַמערקט מען, אַז יוסף שור האָט אַ פאַרשטיינערט פּנים, און מ'ווערט מיט חרטה אַנטשוויגן; יוסף שור שווײַגט, דערויף איז ער אַ שטײַפער, אַן עקשן, ווי אַלע שורן, נאָר מעגלעך, אַז אים איז שוין ניט אָנגענעם צו ריידן וועגן זײַנעם אַ פעטער, וואָס האָט זיך פון קליינערהייט אָן דערווײַטערט פון זײַן גאַנצער משפּחה און האָט זיך נאָך דעם אין גאַנצן פון איר ווי אָפּגעשאָקלט.

קיין קיעוו איז מען אָנגעקומען תחילת אָוונט, דערזען דורכן פענצטער א נאַסלעכן פּריש אָפּגעשווענקטן וואָקזאַל, א קאַלטלעכן מיט אויך אַזא קאַלטלעכער און פרעמדער מענגע מענטשן אַף דער פּלאַטפאָרם, און מ׳איז אַליין אויך מיט אַמאָל געוואָרן קאַלטלעך און פרעמד איינער צום צווייטן, מ׳האָט זיך געזעגנט אין וואַגאָן.

יוסף שור איז שוין ווידער געווען אויפגערעגט.

ער איז געשטאַנען מיטן טרעגער אַף דער פּלאַטפאָרם, און האָט לאַנג געוואַרט אַף יעקב-נתנען. נאָר יעקב-נתן איז ניט אַרויסגעקומען אַנטקעגן אים אַפן וואָקזאַל. ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן פאַרדראָסיק. פאַרבײַ זײַנען דורכגעגאַנגען דער אַלטער מוריינים מיט מיגען און האָבן זיך צו אים אומגעקוקט. ס׳זײַנען דורכגעגאַנגען נאָך אַנדערע גרויס-סעטרעניצער, און אַלע האָבן געזען, ווי ער שטייט און וואַרט און איז אָנגעטאָן אין גאַלע נײַס, ווי אַ חתן.

סוף־כל־סוף האָט ער גענומען אַ דראָזשקע און איז אוועקגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן, אין האָטעל.

נאָר אין שטאָט האָט זיך בכלל אָנגעהויבן אַרײַנגנבענען אַ חשד אַף יעקב-נתנען. בנוגע צום שידוך איז שוין באַ אים, אַפּנים, ווײַט ניט אַלץ געווען אַפן בעסטן אופן. ער איז געקומען אַף מאָרגן אין דער פרי צו יוסף שורן אין האָטעל און איז געזעסן באַ אים, ווי אַ טרויעריקער מחותן. קיין נײַס האָט ער, אַפּנים, לחלוטין ניט געהאַט צו זאָגן. סוף־כל־סוף האָט ער אָנגעהויבן צופיל רייכערן און בעטן באַ יוסף שורן אַ וויזיט-קאַרטל. ער האָט געזאָגט:

— די מעשה דערפון איז אַזוי: יאָך טראָג דאָס קאַרטל באַלד אוועק צו ראַפּאַפּאָרטן אין הויז; יאָך וועל שוין טאָן אַלץ, וואָס מען דאַרף.

יוסף שור האָט אים ניט געגלויבט און געקוקט אַף אים מיט חשד, זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער און זיך געשלאָגן מיט דער דעה. נאָר סוף־כל־סוף האָט ער אים אַ קאַרטל געגעבן. אַף מאָרגן האָט אימעצער פון ראַפּאַפּאָרטס הויזגעזינט באַדאַרפט קומען אַהער און אײַנלאַדן יוסף שורן צו זיך אַהיים. נאָר יוסף שור האָט נאָך דעם אָפּגע־וואַרט גאַנצע צוויי מעת־לעת באַ זיך אין האָטעל; ער איז געווען איינער אַליין אין יקרותדיקן צימער, זיך שיער ניט געעקטט פון טיפער געפּאַלג־קייט און פון פּוסטן וואַרטן, און צו אים איז קיינער ניט געקומען. דערצו איז נאָך יעקב־נתן אַליין אין אָט די צוויי מעת־לעת געווען צופיל

צעטראָגן, זיך אַרײַנגעכאַפּט אין האָטעל ניט מער ווי אַף געציילטע מינוטן און אַלע מאָל באַם אַרײַנקומען אַף גיך געפרעגט:

— נו? וואָס הערט זיך?

גלײַך די נויטיקע ידיעה דאַרף קומען ניט דורך אים אַליין, נאָר ער, יעקבֿ־נתן, דאַרף זי קריגן דאָ, באַ יוסף שורן אין נומער.

סוף־כּל־סוף איז ער געקומען אַהער אַ פֿאַרשוויצטער, אַ פֿאַרהאָרע־װעטער און האָט געבראַכט אַבראַם ראַפּאָפּאָרטס אַ בלויז קאַרטל, אַ היפּש איז דאָס געווען; ס'האָט געהאַט קאָסע גאָלדענע קאַנטן מיט געשטריכטע בײַכיקע רוסישע אותיות, און אַז מ'האָט עס אַוועקגעלייגט אַפן טיש, האָט פֿון דעם געבלאָזן מיט פֿרעמדער רײַכקייט, מיט דערוויַטערטקייט און מיט אַ קאַלטקייט, גלײַך ס'וואָלט זאָגן:

— ווער ווייס? אפשר האָט מען מיך שוין געגעבן ניט גאָר מיטן גאַנצן ווילן; אפשר האָט אימעצער געגנוויט דערצו.

יוסף שור האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער און זיך ווי מורא געהאַט דערצו צורירן. דאָך האָט ער נאָך דעם געענטפֿערט:

— גוט, איך וועל זײַן דאָרטן שבת־צו־נאַכטס.

און מער האָט ער ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין זאַך, וואָס קומט פֿאָר באַ אַבראַם ראַפּאָפּאָרטן אין הויז; דערויף איז ער געווען יוסף שור, דער האַרטלעבער, שטרענגער און שטײַפֿער ערגעץ טיף אין זיך. ער האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצן שבת מיט טיף רויִקע פֿאַרנעפּלטע געפֿילן פֿון אַ פֿאַרגליוווערטן מענטשן, אַן עקשן, וואָס זיך אויף צו־להכעיס וויל ער וועגן גאָרנישט ניט טראַכטן.

— ס'איז שוין אַלץ איינס.

און אַז ער האָט סוף־כּל־סוף פֿון אָט די פֿאַרנעפּלטע געפֿילן אויפֿגע־וואַכט, איז שוין געווען אַ קילער שבת־צו־נאַכטס, אַ פֿאַרכטלעכער, אַן אומעטיקלעכער און אַ פוילער. אין שטילער קילקייט, וואָס אַרום גרויסער שטאָט, איז די זון פֿאַרגאַנגען אַ רויטע, אַ קאַלטע און אַ ווײַטע און נאָך דעם האָט שוין נאָר אַ ווינט געבלאָנדזשעט אין בלאַסן חשכות, געבלאָזן און געפּאַטשט פֿון אויבן אַף די הויכע שטאָט־דעכער. צו דער לופֿט האָט זיך געטוליעט עפּעס נשמהדיקס, ס'איז דאָך אַוועק אַ וואָך.

— וווהין איז אַוועק אַ וואָך?

און פֿון אונטן אין די גאַסן האָט געפּלאָסן דאָס שטענדיקע גרויס־שטעטיקע לעבן; ס'האָט גערעשט און גענאָגט, און געוואָרגן בענקשאַפֿט, ס'איז געווען ערבֿ־זומערדיקער גרויס־חגא. קריסטן האָבן זיך אומגעקערט

אהיים מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט, און ארום און ארום האָבן געהודעט לעפּישע פּול־גלעקערדיקע קלויסטערס.

VII

יוסף שור איז געגאַנגען מיט דער מיטלסטער רעשנדיקער גאַס און האָט נאָך אַלץ ניט געוווּסט צי גייענדיק אַזוי, וועט ער פאַרגיין צו אבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז, צי ניין. ער איז געווען ווי פאַרשלאָפן און האָט נאָך אַלץ וועגן גאָרנישט ניט געוואָלט טראַכטן.

גייענדיק אַזוי פּאַמעלעך איינער אַליין און פאַרקערעווענדיק אַף א ווייטן ראָג, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אַף אַ ברייטלעכן טונקל באַלויכטענעם טעאַטער־אַרייַנגאַנג מיט צוויי גרויסע רוסישע אַפישן וועגן אַ לעקציע אַף א ייִדישער טעמע. און מיט א שטילער שעמעוודיקער היימלעכקייט, וואָס שוועבט ארום זיי, א שטילע ייִדישע באַהעלטעניש אין אָט דעם אָוונט פון פרעמדן, שווערן גלעקער־קלאַנג און פון העלן קריסטלעכן ליכט, וואָס גישטערט אָפן אין טונקעלער גאַס. אינעם אַרייַנגאַנג איז קיינער ניט גע־שטאַנען. ער איז געווען ווי פאַרלאָזן. און יוסף שור איז, נאָך א רגע שטיין, אהין אַרייַנגעגאַנגען, אַרייַנגעגאַנגען גלאַט אַזוי פון טיפער גלייַכגילטיקייט, צי פון הוילן פאַרעקשנטן ווילן צו דערווייַזן זיך אַליין, אַז ער איז רויִק און האָט צייַט, ער אייַלט ניט אין ערגעץ. אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָנהייב טונקל באַלויכטענעם זאַל באַם אַרייַנגאַנג, האָבן זיך אין די אויגן מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן א סך שורות מיט פּלייצעס פון זיצנדיקע מענטשן, אַ סך מיידלשע געניצנדיקע קאָפּטלעך מיט עפּעס א פאַרפּלאָמט ווייַבעריש פּנים, אַ צופּיל רויטס, וואָס קוקט זיך אום צו אים, דעם פּריש אַרייַנגעקומענעם, און נישטערט צופּיל מיט הייסע אויגן איבער זייַן פּנים. נאָר צוקעגן אַף דער פּוסטער העל באַלויכטענער סצענע איז לעבן עמודל געשטאַנען אַ מיטלמעסיק געפּאַקטער סטודענט, אַ רויטלעכער מיט א געעלטערטן פּנים און מיט שפּאָגל־נייַע סטודענטישע קנעפּ און האָט זיך מידערהייט געווישט דעם שטערן מיט א וויַיס טיכל. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך שטאַרק אָנגעהאָרעוועט און רוט אָפּ. נאָר אַז יוסף שור האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, האָט ער דערהערט, ווי דער סטודענט רעדט וועגן די צרות, וואָס ייִדן האָבן אויסצושטיין אין רוס־לאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער. אַלצדינג, וואָס דער סטודענט זאָגט, איז אמת. און אַלע הערן זיך אין דעם אייַן מיט אַזאַ אינטערעס, נאָר אים, יוסף שורן גייט עס אַזוי ווינציק אָן, און א פרעמדער איז

ער דאָ צווישן אַט דעם גאַנצן עולם, און קיינער קאָן אים ניט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך ארומגעקוקט און האָט דעם זאַל פאַרלאָזן.

אפן ראָג פון דער שטילער און רײַכער גאַס, ווו ס'וווינט אבראַם ראַפּאָפּאָרט, האָט ער צום ערשטן מאָל אַ קווענקל געטאָן אין דער שטײַפקייט, פון זײַן בן־יחידישער עקשנות. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און האָט זיך אײַנגעקוקט.

אנטקעגן האָט קאַלטלעך געלויכטן אַ הויך אויפגעהאַנגענער עלעקטרישער לאַמטערן; ער איז געהאַנגען גלײַך, נאָר, אַז מ'האָט זיך אײַנגעקוקט, האָט זיך געדאַכט, אַז ער שאָקלט זיך קוים קוים פונעם ווינט, ער גיסט קאַלטע רויִקייט צום דורכגייער אין הארצן, און דורכגייערס זײַנען פאַראַן ווינציק. אַקעגן איז געגאַנגען גיט מער ווי איינער אַ מענטש, אַ פּיל העכערער פון אים, יוסף שורן, אַ געגאָלטער, ווי אַן אַקטיאָר מיט היפּשע געדיכטע ברעמען און מיט בײַטעלעך, מיט געשוואָלענע פאַרשלאָפענע בײַטעלעך אונטער די אויגן. יוסף שור האָט געקוקט, ווי דער מענטש איז נאָר וואָס אַרויסגעקראָכן פון דער אַקעגנדיקער בלאַסער חשכות. ער איז דאָרטן פריער מיט אַ רגע ניט געווען, און דערפאַר דאַכט זיך שוין ,אַז די נאַכט האָט אים נאָר וואָס געבוירן, אים געבוירן מיט אמאָל, אַט אַזוי, ווי ער שטייט און גייט, מיט הענט טיף פאַררוקט אין די טאַשן פון זײַן קורצן פּאַלטאָבל און מיט גדלות פון איינזאַמקײַט אין די אונטערגעהויבענע אַקסלען. אַט דערנעמט ער זיך צו אבראַם ראַפּאָפּאָרטס פּאַראַד־טיר און קומט אָן; אַט איז ער שוין דאָ.

— פּאַרדאָן!...

צוויי מענטשן האָבן זיך באַגעגנט הארט לעבן דער מאַט־גלעזערנער פּאַראַד־טיר, וואָס פירט דורך אַ קאָרידאָר אַרויף צום ערשטן שטאָק און האָבן זיך אנטשולדיקט דערפאַר, וואָס זיי האָבן ביידע אין איין צײַט אַ הייב געטאָן די הענט, כדי אַ דריק צו טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל. איינער פון זיי איז געווען דער שבתדיק אויסגערוטער יוסף שור, וואָס געדענקט ניט, ווען האָט ער באַשלאָסן צו אַט דער טיר צוגיין, און דער צווייטער, אַ ניט גאָר יונגער העברעיִשער פּאָעט, וואָס האָט צוריק מיט צוויי יאָר אין גאַנצן אויפגעהערט שרײַבן, און איז ווי אויף צו להכעיס זיך אליין אַנגעקומען אף אַ שטעלע אינעם אָרטיקן האַלב געזעלשאַפטלעכן ,האַלב ציוניסטישן קאָמיטעט, וואָס עקזיסטירט במעט אין גאַנצן אף אבראַם ראַפּאָפּאָרטס חשבון. דאָס האָט ער זיך אַזוי פאַרוווּנדערט אומגעקוקט בשעת יוסף שור האָט אַ זאָג געטאָן:

— פּאַרדאָן!

יוסף שור איז נאָך אַלץ געווען רויִק, ווי פאַרשלאָפן, און האָט גע־הערט, אַז אַרום אים אינעם געמיטלעך באַלויכטענעם רייַכן עס־צימער, ווּהין ער קומט אַריַין, רעדט מען וועגן דעם, וואָס איצט צו גרויס־חגא צו שמועסט מען שוין אין שטאָט וועגן אַ נייַעם צוגעגרייטן פּאָגראָם, ס'איז אַ פאַקט.

— ס'איז אַ פאַקט?

באַ דער פרוי ראַפּאָפּאָרט האָט זיך דערבייַ נערוועז און מיד אַ קרים געטאָן דאָס רויטלעכע פּנים. זי האָט זיך געגעבן אַ בויג איבערן טיש, צו דעם, וואָס דערציילט, און האָט אין דער זעלביקער צייַט דערזען דורכן פענצטער דאָס אָנגעצונדענע ליכט, וואָס אַ פאַרשפּעטיקטער קריסט טראָגט נאָך אָפּגעהיט צו זיך אַהיים.

— כ'האָב געבעטן, האָט זי אַ זאָג געטאָן, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, ווי אַ קימפּעטאָרן, לאָזט אַראָפּ די שטאָרן.

און אויך דאָס האָט באַמערקט ער, יוסף שור. ער איז שוין געזעסן ניט וויַיט פון איר, דער פרוי ראַפּאָפּאָרט, און האָט זיך קאַלטבלוטיק אַרומגעקוקט. קיין סך מענטשן זייַנען דאָרטן באַם טיש ניט געווען, נאָר דאָך, ס'האָבן געקלונגען באַ אַ האַלב טוץ לעפעלעך און געבראָקט אין די שאָלן דעם טאָרט. ס'האָבן זיך גערויטלט גלעזער טיי און צווישן זיי — אימעצנס אַ פאַרפאַלמט פּנים. אַ געציקלטער פרייַלעכער געלעכטער האָט זיך דורכגעטראָגן גאָר נאָענט פאַרבייַ זייַנע אויערן און האָט אָנגעשטעקט אַלע אַרום טיש, אַחוץ אים, יוסף שורן. נאָך אַ רגע, און ער וועט, דאַכט זיך, אָנהייבן קריגן חרטה, אַלמאַי ער איז אַהער געקומען. און פּלוצעם האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט און האָט דערפילט, אַז ער האָט אַ סך אַ סאַך אויפרעגונג באַ זיך אונטער דער ברוסט אַ נייַע חתן־שטימונג טוט דאָרטן אַלע ווייַלע אַ פאַרפלייץ דאָס האַרץ, און דאָס האַרץ וואַקסט און וואַקסט, און דער מוח שלאָפט שוין מער ניט און געדענקט:

דאָ אין הויז איז פאַראַן זי —

— משהלע לעווינס מיידל

אין יעדער רגע האָט זי געקאָנט אַרויסקומען פון די אַרומיקע ברייט צעעפנטע חדרים, וואָס קוקן אַהער פון אַלע זייַטן מיט היימלעכן באַלויכ־טענעם יום־טוב; מעגלעך, אַז צוליב זייַן קומען טוט זי זיך איצט אָן ערגעץ ווו באַ זיך אין צימער.

יוסף שורן האָט מען באַ ראַפּאָפּאָרטן אין הויז אויפגענומען גוטמוטיק, ווי אַלע אַנדערע געסט; מ'האָט אים געהאַלטן אין איין באַקענען.

נאָר דאָס מיידל איז אַזוי גיך פֿון איר צימער ניט אַרויסגעקומען.

איטלעכס מאָל, וואָס פֿון קילן דרויסן איז אַרײַנגעקומען אַ נײַער, מענטש, האָט ער זיך געמוזט לײַטיש פֿאַרנויגן און לײַטיש דריקן יענעם די האַנט:

— יוסף שור.

ער איז געזעסן פּונקט אַקעגן העברעיִשן פּאָעט מיטן געגאָלטן פּנים און מיט די געשוואָלענע בײַטעלעך אונטער די אויגן און האָט אים ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. איצט איז ער שוין געווען אין גאַנצן וואַך. ער איז געווען פֿול מיט טיפֿן דרך־ארץ צו דער סיבה, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט, צו זיך אַליין, צום גאַנצן הויז און אַפֿילו צו די געסט, וואָס קומען אַלע מאָל אַרײַן מיט אַ שמייכל אַפֿן פֿרישן פּנים און מיט אַ ריח פֿון קילן דרויסן. די געסט זײַנען אָבער אַלע געווען היימישע דאָ אין הויז און האָבן זיך אַף אים צופֿעליק, צי בכיוון ניט אומגעקוקט; אַז זיי האָבן אים שוין יאָ געגעבן די האַנט, איז דאָס אויך אויסגעקומען, ווי פֿאַרבײַגייענדיק, און באַלד האָבן זיי אָן אים פֿאַרגעסן. ער האָט געקוקט, ווי זיי זײַנען אַלע פֿריילעך און קלעפּן אַרום אַבראָם ראַפּאָפּאָרטס בת־יחידה, דער סקולפּטאָרן, וואָס איז אָקאָרשט אין דער נאַכט פֿון פֿרײַטיק אַף שבת געקומען אַהיים פֿון פּעטערבורג.

— נעסי!

— ווו איז נעסי?

נעסי אַליין איז געווען אַ שמאָלע, אַ קינדעריש קליינע מיט אַ געבוירענעם שפּיצעכיקן הויקער צווישן די שאַרפֿע ביינערדיק דאַרע אַקסלען. נאָר גאָר יונג האָט זי שוין ניט אויסגעזען. לעבן די שלייפֿן האָט זי געהאַט געלע פֿאַרעלטערטע פֿלעקן. איר לערנען אין בערן און אין פּעטערבורגער אַקאַדעמיע האָבן איר אַלע מוחל געווען נאָר דערפֿאַר, וואָס זי איז נעבעך אַ הויקערן, נאָר ליב האָט מען זי דאָך געהאַט, מ'האָט זיך געשטופּט אַרום איר און געגלעט אירע קליינע בלאַסע הענטלעך, ווי מען גלעט די הענטלעך פֿון אַ קינד. און דאָך האָט זיך אין איר געפֿילט עפּעס מער דערוואַקסענעם, ווי אין אַלע אַרומיקע, און פֿון אירע שוואַרצע קרומלעכע אויגן צו אַלעם אַרויסגעקוקט עפּעס אַ געזעצטע גוטמוטיקייט מיט אַ געבעט, אַ געבעט פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין לאַנג דעם לעבן אַלץ מוחל געווען און האָט שוין לאַנג אַף אַלץ בײַ זיך געפּועלט. צו די עלטערן איז זי געווען ווי פֿאַרפֿרעמדט, און קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז זיי זאָלן צו איר ריידן. נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז ניט קוקנדיק צו איר, האַלטן זיי אין איין טראַכטן וועגן איר און וועגן די טענות, וואָס זיי האָבן

צו איר ניט־גבירישן ארט לעבן. אַט איז זי איצט, ווי אַלע מאָל, געקומען אַהיים, ווי אַ פרעמדע, געקומען שטיל, אָן אַ מינדסטן אָנזאָג, אַז זי פאָרט ארויס, און אָן אַ דעפעש אפילו. אימעצער פון די געסט האָט דאָ לעבן איר מיט צופיל פאַרגעניגן איבערדערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך נעכטן באַנאַכט, שפּעטער, ווי תמיד, אַהיים אומגעקערט, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען איינער אַליין מיט דער פּוסטער גאַס און האָט דערזען: נעסי שלעפּט זיך איינע אַליין פון וואָקזאַל מיט אַ שלעכטן באַנאַכטיקן איז־וואָזטשיק; די נאַכט איז קאַלט, דער וועג באַרג־ארויף געדויערט, און זי האָט נאָך רחמנות אַפן פערד, וואָס וואַרפט צופיל מיט די דאַרע קלובעס און בעט זיך באַם איזוואָזטשיק, דעם אַלטן גוי:

— גיטע, טײַערינקער, טרײַב ניט אַזוי.

און נעסי האָט עס צופעליק, צי בכיוון, ניט אײַנגעהערט.

יוסף שור האָט געקוקט, ווי זי שטייט די גאַנצע צײַט לעבן דער זיצנדיקער מאַדאַם קוירע, גלעט מיט אירע קליינע הענטלעך יענערס האָר און צעפרעגט זיך באַ איר וועגן דעם אוועקגעפאָרענעם מאַן.

אַך, יאָ, קיין שלעכטע איז זי שוין אַפּנים ניט געווען, אָט די סקולפּטאָרן נעסי, נאָר וואָס פאַרא שייכות האָט דאָס איצט געהאַט צו אים, יוסף שורן? פאַרקיילעכדיקט און ענג אײַנגעשפּילעט אין זײַן נײַעם שוואַרצן סורדוט, איז ער געזעסן אַף זײַן בענקל לעבן דעם צוגעקליבענעם טיש און איז געווען פול מיט לײַטישן געדולד. דער עיקר איז געווען, אַז קיינער פון די ארומיקע זאָל קיין טראַכט ניט טאָן, אַז ער, יוסף שור, באַמערקט דאָ עפּעס נײַעס, ער שטאַמט אויך פון אַ געגנט רײַך הויז און איז לחלוטין ניט געקומען אַהער זיך עפּעס לערנען. ערגעץ טיף אין זיך איז ער געווען פּונקט אַזוי גלײַך ארומגעשווירן און ריין אויסגעזייפט, ווי אין דרויסן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער טוט זיך אַ ריר, וואָלט זיך אין זײַן נײַקייט געלאָזט הערן אַ סקריפּ. און מיט אָט דער גאַנצער נײַקייט און לײַטישקייט איז ער געווען גרייט זיך איבערגעבן דעם שמועס, וואָס מ'וועט דאָ מיט אים פאַרפירן. דאָס האָט שוין זײַן באַדאַרפט זײַן אַ שמועס, וואָס האָט אַ שייכות נאָר צו אים, צו זײַן קומען אַהער, ער האָט געזוכט מיט די אויגן דעם בעל־הבית און די בעל־הביתטע, נאָר דער בעל־הבית איז דאָ ניט געווען, און די בעל־הביתטע האָט זיך צו אים, ווי מיט אַ כיוון, ניט אומגעקוקט:

— מאַדאַם קוירע!...

זי האָט געוואָלט, אַז צו איר זאָל זיך נעענטער איבערזעצן די יונגע

מאַדאַם קוירע און האָט זיך געקנייטשט, אַלעמאַי אירע ווערטער ווערן פֿאַרשווונדן אין אַרומיקן פֿריילעכן גערודער.

— מאַדאַם קוירע!...

בּאַ דער מאַדאַם קוירע האָבּן סוף־כּל־סוף אַ ציטער געטאָן די דינע נאָזלעפּלעך און איר דאַרער דורכזיכטיקער פּנים האָט זיך אָנגעהויבּן רויטלען, זי האָט זיך גענומען שמייכלען און איבּערזעצן זיך נעענטער צו דער פֿרוי ראַפּאָפּאָרט. זי איז געווען אַן אַלטן העבּרעיִשן שרײַבּערס אַ טאָכטער. אַלע האָבּן געוווּסט, אַז אין די יונגע יאָרן איז איר פֿאָטער געווען גענוג רײַך און איז קיין מאָל צו קיינעם ניט אָנגעקומען, און דער־פֿאַר זײַנען אַלע שיער ניט צעשמאָלצן געוואָרן פֿון גוואַלדיקן דרך־ארץ און פֿון ליבּע צו איר. איצט איז ער שוין דאָס צווייטע יאָר געווען קראַנק און האָט זיך געפֿונען אין דער שווייץ. אונטן אַרום האָט מען געשמועסט, אַז אבֿרהם ראַפּאָפּאָרט האַלט אים אונטער מיט אייגן צי מיט קהלש געלט, נאָר אייניקע האָבּן נאָך וועגן דעם ניט געוווּסט און האָבּן אים נאָך אַלץ געחנפֿעט אונטער די אויגן. עפּעס אַן אַלטיטשקער גאַסט אין ברילן, מיט לאַנגע האָר, מיט געהויקערטע פּלייצעס אונטערן אָפּגעטראָגענעם סורדוט און מיט אַן אויסזען פֿון אַ געוועזענעם גרויסשטעטיקן ראַבּינער, איז ריידנדיק אַף העבּרעיִש אַרויסגעקומען צוזאַמען מיט אבֿרהם ראַפּאָפּאָרט פֿון קאַבּינעט און האָט אַפֿן וועג נאָך פֿאַרענדיקט זײַן לאַנגן שמועס:

— איז אָט, דאָס רייד איך דאָך: אָן דעם קאָן דער זשורנאַל ניט עקזיסטירן.

ער האָט, אַפּנים, לאַנג געשוויצט מיט אבֿרהם ראַפּאָפּאָרט אין קאַבּי־נעט און האָט לאַנג גערעדט איבּער אים. איצט האָט ער מידלעך דאָ בּאַם טיש געטרונקען זײַן גלאָז טיי און האָט אָפּגערוט. ער האָט מלמדיש אַריבּערגעקוקט איבּער די ברילן און האָט זיך דערפֿרעגט בּאַ דער יונגער מאַדאַם קוירע, צי ס׳איז אמת, וואָס ער האָט ניט לאַנג געלייענט אין אַ העבּרעיִשער צײַטונג:

— איר פֿאָטער, האָט ער געלייענט, פֿילט זיך שוין בּעסער און קלערט אין גיכן קומען קיין רוסלאַנד.

און אין דער זעלבּיקער צײַט איז דער איבּערגעבּליבּענער אבֿרהם ראַפּאָפּאָרט, דער בּעל־הבּית פֿונעם הויז, נאָך אַלץ געשטאַנען אײנער אַליין ניט ווײַט פֿון טיש, ווי אַ פֿאַרגעסענער. אַ בּיסל אײַנגעהויקערט און פֿאַר־קלערט איז ער געשטאַנען און אוממעגלעך איז געווען צו וויסן, וועגן וואָס טראַכט ער: וועגן דעם, וואָס דער אַלטער האָט אין קאַבּינעט שעהנלאַנג אין אים אַרײַנגערעדט; וועגן דער פֿרעמדער אָפּגעטרונקענער גלאָז טיי, אין

וועלכער ער האָט זיך ווי אײַנגעגראָבן מיט די אויגן; צי אפשר גאָר וועגן זיך אַליין, וועגן זײַנע גוואַלדיק גרויסע געשעפֿטן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו קיינעם דאָ אין צימער. אימעצער האָט צו אים עפּעס א זאָג געטאָן, האָט ער זיך מיט וווּנדער אומגעקוקט, אויסגעהערט מיט א זויערער מינע וועגן דעם, וואָס אין שטאָט רעדט מען וועגן א פּאָגראָם, און אוועקגעבלאָנדזשעט איבערן צימער, ווי א מחותן א מרה־שחורהניק, א ווײַטער און אײַנזאַמער צווישן דעם גאַנצן עולם, וואָס איז אים געקומען משמח זײַן. מיט אַמאָל דערמאָנט ער זיך אָן עפּעס, דרייט זיך אום מיטן פּנים צוריק צום טיש און שטעלט זיך אָפּ:

— וואַרט... דאָס איז דאָך דער דאָזיקער, דער יונגערמאַן פון גרויס־סעטרעניץ, וואָס איז געקומען אָנקוקן שרהלען.

ער פילט זיך שולדיק:

שרהלע האָט דאָך געשמייכלט, בשעת מ׳האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט זי קומען זען. זי איז אָפּן גאַנצן אָוונט אַוועקגעגאַנגען מיט איר באַקאַנטן, וואָס ברענגט איר גרוסן פון אויסלאַנד, מיט אָט דעם יונגן בלאָנדן חברהמאַן, וואָס איז שטאַרק גליקלעך, ווײַל א סך צײַטונגען און זשורנאַלן האָבן מיט אַמאָל געגעבן צו וויסן דער וועלט, אַז ער עקזיסטירט, ער הייסט יואל ווײַנטרויב.

אבראַם ראַפּאַפּאָרט פּינטלט מיט די אויגן; ער זעצט זיך צו אָפּן לײדיקן בענקל, וואָס אונטער יוסף שורס פּלייצעס, און לעגט אונטער דעם קאָפּ מיט די הענט. איצט קוקט ער שוין אַף יוסף שורס פריש אָפּגעשוירע־נעם האַלדז און נאַקן מיט אַזאַ אינטערעס, גלײַך ער וויל דערגיין.

— ס׳אַר אַן אויסזען האָט הײַנטיקע צײַטן א יונגער, רײַכער בחור, וואָס מיידלעך ווילן שוין אפילו ניט, ער זאָל זיי זען...

פון גרויס מיטגעפיל צו אים בייגט ער זיך צו, נעמט אַרום דאָס וועגטל פון זײַן שטול און מאַכט מיט אים א שמועס:

— אַ? ער גייט ניט אַליין מיט זײַן גערשנטער בײַטל־מיל? זי איז נאָך אַלץ אין אַרענדע בא די צען ייִדן?

יוסף שור ענדערט דאָס קול. ער דערפילט מיט אַמאָל, אַז ס׳איז געקומען זײַן צײַט. פון גרויס דרך־ארץ צום געהויבענעם בעל־הבית ענטפערט ער אַף זײַנע פראַגן מיט א גאַנצן טאָן העבער, ווי געוויינטלעך. ער קלערט לחלוטין ניט אָנהייבן אַזוי גיך אַליין גיין מיט זײַן מיל. באַלד נאָך שבועות, אַז בא די ייִדן וועט די אַרענדע אויסגיין, וועט ער מאַכן א רעמאָנט.

— א גרויסן רעמאָנט.

ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רוקן מיטן בענקל, כדי ניט צו זיצן צו אַבראַם ראַפּאָפּאָרט מיט דער זײַט, און האָט זיך געפֿילט ניט איבעריק גוט, ווײַל ער האָט נאָר וואָס געזאָגט אַ נאַרעשקייט: ער האָט דערציילט, אַז חוץ אַלע רעמאַנטן קלערט ער נאָך איבערמאַכן דעם בלעכענעם מילקוימען אַף אַ געמויערטן. נאָר אָט איז עפּעס געשען, און אַבראַם ראַפּאָפּאָרט האָט אים אַף אַ רגע געלאָזט אַליין. אַלע אַרום טיש האָבן זיך מיט אַמאָל אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן דעם פֿרישן נאָר וואָס אַרײַנגעקומענעם גאַסט, און יוסף שור האָט זיך אַהין אומגעקוקט און האָט דעם גאַסט גלײַך דערקאַנט. דאָס איז געווען דער רויטלעכער סטודענט מיטן געעלטערטן פּנים און מיט די שפּאָגל-נײַע סטודענטישע קנעפּ, וואָס האָט געלייענט די לעקציע. יוסף שור האָט געקוקט, ווי מ׳שטעלט אים אַרום, מ׳דערפֿרעגט זיך בײַ אים וועגן דעם מיט גרויס אינטערעס, און ער ענטפֿערט ווי ניט־ווילנדיק און קנאַפּ. און פּלוצעם האָט ער פֿאַרגעסן אָן סטודענט מיט דער לעקציע, אָן זיך אַליין און אָן דער נאַרעשקייט, וואָס ער האָט פֿריער אַ ביסל געזאָגט; ער האָט דערזען אין אַלכסון:

באַם טיש איז מער ניט געבליבן, ווי די פֿרוי ראַפּאָפּאָרט מיט דער יונגער מאַדאַם קוירע, און ביידע האָבן זיך צוגעקוקט גאָר נאָענט איינע צו דער אַנדערער און פֿאַרשטייען זיך אַפֿן ווונק. די פֿרוי ראַפּאָפּאָרט שעפּטשעט עפּעס דער מאַדאַם קוירע אַפֿן אויער, און די מאַדאַם קוירע הערט מיט גרויס אינטערעס; זי הערט ניט אויף צו שמייכלען און אירע בלויע רויטלעכע אויגן האַלטן דערבײַ אין איין קוקן אַף אים, יוסף שורן. ס׳איז קלאָר: דאָס שעפּטשעט מען זיך וועגן אים. די געירשנטע משפּחהדיקע גאווה שטרענגט זיך אין אים אָן, און דאָס גאַנצע שורעדיקע בלוט, וואָס ער פֿאַרמאָגט, גיסט זיך אים אַרײַן אין פּנים. גאָר נאָענט אונטער זײַנע פּלייצעס דערמאָנט אימעצער דעם נאָמען פֿון משהלע לעווינס מיידל, דאָס איז דער רויטלעכער סטודענט. ער שטייט שוין ניט ווײַט פֿון אים, יוסף שורן, באַם טיש און באַמערקט אים ניט. ער איז נאָך אַלץ פֿאַרחלומט פֿון זײַן לעקציע און נעמט פֿאַרטראַכטערהייט אימעצנס אַ טיי־לעפּעלע אין האַנט.

— ווו איז שרהלע? — פֿרעגט ער שטיל, קוקנדיק אַראָפּ צום לעפּעלע טיי.

ס׳ווערט קלאָר: זי איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען אַפֿן גאַנצן אָוונט.

וואָס? פֿרעגט ער איבער אַ ביסל צעטראָגן, בשעת צו אים, יוסף שורן, קערט זיך אום אַבראַם ראַפּאָפּאָרט און הייבט נאָך אַמאָל צו אים ריידן.

ער האָט נאָך אַלץ בלאַסע נאָז־לעפֿלעך און אָטעמט שווערער, ווי געווײנטלעך, נאָר טיף אין זיך איז ער שוין צוריק געהאַרטעוועט און שטײַף. ער שפּאַנט אַרום מיט אַבראַם ראַפּאָפּאָרט איבערן צימער, און לאָזט זיך פֿון אים פֿירן אין דער נאָענטער גרויסער און ווײַסער זאַל. ער ווייס ניט: מעגלעך, אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט פֿירט אים ניט אומזיסט אַהין אין זאַל אַרײַן, מעגלעך, אַז ער וויל מיט אים בלײַבן אויג אַף אויג און אים עפּעס זאָגן.

VIII

נאָר אויך אין דעם גרויסן ווײַסן זאַל איז אים ניט געלונגען צו בלײַבן מיט ראַפּאָפּאָרטן אַליין.

דאָרטן זײַנען די שטאָרן דווקא געווען אַראָפּגעלאָזן און די ליוסטרעס אויסגעוואַשן. שטומע שאָטנס האָבן געדרימלט צווישן ווײַטע פּאַרטונקלטע שפּיגלען. שטולן אין ווײַסע טשעכאָלן האָבן זיך גלוביק געטוליעט צו די הײמישע ווענט, און דער אומעגדלעכער ווײכער קאַבריץ, דער אַלטער גוטער פרײַנט פֿון אָט דעם הויז, האָט זיך וואָכעדיק געשוואַרצט אונטער די פּיס און האָט געדולדיק געוואַרט אַף שמחות. ס'איז דאָרטן געווען האַלב טונקל, נאָר אַ ביסל ווײַטער, לעבן דער קנאַפּער העליש רויטער שײַן, וואָס אין עקסטן רויט־באַלויכטענעם ווינקל, האָט זיך דאָך עפּעס געטאָן. יוסף שור האָט דערזען: אַ מענטשן זעקס־זיבן זינקען דאָרטן טיף אין די נידעריקע גאַרניטור שטולן; זיי זעען אַלע אויס אַזוי מידלעך פֿאַרשטײנערט און פֿאַרטראַכט, גלײַך זיי פֿאָטאָגראַפֿירן זיך, און הערן זיך אײַן, ווי נעסי ראַפּאָפּאָרט לאָזט ניט ריידן קיין שלעכטס אַף איר באַקאַנטן, דעם יונגן מאַלער ווײַנטרויבן. זי רעדט ווייך, נעסי, גאָר ווייך: זי וויל קיינעם ניט באַליידיקן. זי טוט נאָר אַזאַ גוטמוטיקן שמייכל, גלײַך די אַרומיקע ריידן נאַרעשקייטן, און לאָזט שעמעוודיק אַראָפּ די לאַנגע, לאַנגע וויעס:

— ניין, זאָגט זי, טײַערינקע, איר ווייסט ניט...

נעסי האָט געהאַלטן בײַ זיך אין שויס אַ געשטיקטע געל־זײַדענע פּאַפּקע.

מיט דאַרע קינדעריש קליינע הענט האָט זי פֿון דאָרטן איינס נאָך איינס אַרויסגעצויגן די רעפּראָדוקציעס פֿון איר באַקאַנטן, דעם יונגן מאָלערס בילדער, און דער עולם האָט זיי איינס נאָך איינס באַטראַכט און זיי איינס נאָך איינס אַנידערגעלייגט.

אַף איינעם פון זיי זײַנען געווען אויסגעמאָלט פיר בלינדע פערד. דער עיקר זײַנען אָבער ניט געווען די פערד אַליין, נאָר די מעשה, וואָס האָט זיך, קוקנדיק אַף זיי, געדענקט:

ערגעץ ווו אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל האָבן זיך אַמאָל געצויגן פּוסטע זומערדיקע באַטאָגן און זייערע אומענדלעכע זוניקע שעהן האָבן באַ אַלעם אויסגענודעט די נשמה. אַ האָן קרייט דאָרטן פון תמיד אָן אומעטיקער, ווי אומעטום; אַ טאַטע, אַ פאַרמעגלעכער עקשן, אַ טאַטע איז דאָרטן אומצופרידענער פון אַלע טאַטעס, אויב ער כאַפּט זיך אויף פון זײַן באַטאָגעדיקן שלאָף און טרעפט ,אַז זײַן יינגל איז נאָך פון נאָך מיטיק אָן ניט אַוועקגעגאַנגען צוריק אין חדר. ער האָט אַ געלעגערטן צונג.

— בחור, אין חדר אַרײַן, שרײַט ער צו זײַן קליינעם פּוסט־און־פּאַסניק דעם יינגל, וואָס וועט זײַן פון דיר דער תכלית?

נאָר דעם יינגל איז שוין אַזוי לאַנג נמאס דער חדר, דער רבי און די תלמידים, וואָס חזרן אָן אויפהער די נאָך פּסחדיקע נודנע פּרשה חומש; ער שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן די געפּאַרבטע שטאַכעטן, וואָס פאַר זײַן פאָטערס הויז, און איז באַ זיך געפאַלן, „ער איז אַ פּוסט־און־פּאַסניק", געדענקט ער.

און איבער זײַן קאָפּ שעפּטשען זיך אַלטע צעוואַקסענע אַקאַציעס, וואָס פאַר די פענצטער, און האַלטן זײַן געדאַנק אונטער:

— אַ פּוסט־און־פּאַסניק? — אוודאי אַ פּוסט־און־פּאַסניק.

ער דרייט זיך אַרונטער אונטערן פאָטערס הויז און קוקט, ווי פליגן זשומען דאָרטן אַרום אומריינע ערטער. ער בלאָנדזשעט אַוועק איבערן שטעטלס אונטערגעסלעך און בלײַבט אַף לאַנג שטעקן לעבן דער אונטער טיר פונעם גרויסן קליינשטעטלדיקן טאָפּטאַק, ווו מ'רײַסט פּראָסע. ער שטייט און קוקט: פיר בלינדע פערד טופּען אָן אויפהער אַף דער גוואַלדיק גרויסער ראָד פון טאָפּטאַק און דראַפּען זיך מיט די פיס; די פערד פאַלן שיער ניט און מיינען, אַז זיי דראַפּען זיך אַרויף אַ מסוכן הויכן באַרג. צום הימל דראַפּען זיי זיך. זיי ציען שוין אַפילו אויס די העלדזער, שטרענגען אָן די נאָז־לעכער, גלאַנצן אויס די בלינדע אויגן, נאָר זיי בלײַבן דאָך אַף איין אָרט.

איז אָט, אָט דאָס יינגעלע האָט עס נאָך דעם אויסגעמאָלט אָט די פיר בלינדע פערד. איצט איז ער דאָך שוין אַ גרויסער, אַמאָל האָט ער מיט זײַן פאָטערס קליינע עטלעכע הונדערט רובל געמוזט אַנטלויפן פון דער היים. נאָר איצט האָט ער זיך שוין אומגעקערט פון אויסלאַנד אַ געקרוינטער און באַמאָלט, די בערגיקע שטאָט גרויס־סעטרעניץ באַמאָלט

ער, און צײַטונגען שרײַבן װעגן דעם, און נעסי זאָגט אויך, אַז ער איז אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער:

— פאַראַן, זאָגט זי, גליקלעכע מענטשן אױף דער װעלט.

אימעצער פון די אַרומיקע האָט מביניש אַ טײַטל געטאָן אױפֿן עקסטן פון די פיר בלינדע פערד, אױפֿן שװאַרצן, װאָס מיטן טיף אײַנגעפאַלענעם רוקן. אַ צװײטער האָט פױלבלעך אַ שאַר געטאָן מיט די קורצזיכטיקע אױגן איבער די קאָלטענעס, װאָס האָבן דעם פערד אַראָפּגעהאָנגען איבער די בלינדע אױגן און איבער די קלאָען, און האָט אױך אַזױ פױלבלעך געטאָן אַ ברײטן שמעק צו זיך אין נאָז:

— ייִדישע פערד...

דעמאָלט האָט אױך יוסף שור נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אױף דעם בילד; ער האָט פון ס'נײַ פאַרגעסן, אַז אַבראַם ראַפּאָפּאָרט איז שױן דאָ איז זאָל ניטאָ, פון ס'נײַ באַ זיך אַראָפּגעפאַלן, ער האָט געמוזט מודה זײַן זיך אַלײן:

— אין אַזעלכע זאַכן איז ער שױן לחלוטין ניט קײן בקי.

װעגן אַזעלכע זאַכן, װי מ'רעדט דאָ באַ אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הױז, האָט מען שױן קײן מאָל ניט גערעדט ניט באַ זײַן פאָטער און ניט באַ זײַנע בײדע רײַכע מומעס. כדי צו דערגײן, אין װאָס באַשטײט דער װיכוח האָט ער זיך איבערגעזעצט אױף אַ נאָענט בענקל און האָט חסידיש צוגעבױגן דעם אױער. ער האָט געהערט מיט קאָפּ, נאָר אַרױסגעװיזן האָט זיך, אַז דער שמועס איז שױן גאָרנישט אַזאַ טיפער. ס'רעדט מערסטנטײל דער רױטלעכער סטודענט מיטן געעלטערטן פּנים און מיט די שפּאָגל נײַע קנעפּ, װאָס זיצט שױן איצט דאָ אין זאָל אַנטקעגן נעסין. פריער אַ ביסל האָט מען זיך באַ אים דערפרעגט װעגן זײַנע אַ פּאָר געדרוקטע אַרטיקלען, װאָס האָבן אַ שײַכות צום ציוניזם, און איצט האָט ער דאָ ערנסטער, װי אַלע אַנדערע, טיף געזונקען אין דעם נידעריקן שטול און האָט בשום אופן ניט געװאָלט מסכים זײַן מיט נעסין, אַז איר באַקאַנטער, דער יונגער מאָלער װײַנטרױב, איז אַ גרױסער:

— נײן, זאָל אים נעסי מוחל זײַן, אַ גרױסער מענטש, האָט ער אַ כּלל, איז אַ סובסטאַנץ.

— אַ סובסטאַנץ?

דער העברעיִשער פּאָעט, דער שװײַגער מיט די געשװאָלענע בײַטעלעך אונטער די אױגן, האָט זיך אױף אַ רגע אױפגעהערט צו װיגן אין דעם הױכן װיג־שטול, װאָס דאָ באַ דער זײַט אין װינקל, און האָט אַנגעשטעלט אַ

פאַרוואונדערט פּנים פון אַ שטומען. נאָר דער סטודענט האָט זיך אַף אים ניט אומגעקוקט.

— און נאָך איין זאַך, האָט ער געזאָגט, מ׳כאַפּט אויף אַ שנעק און מ׳פּויקט וועגן אים.

דער סטודענט קאָן פּערזענלעך ווײַנטרויבן. פאַר פּסח, ווען ער האָט אין פּעטערבורג אויסגעהאַלטן איינעם פון זײַנע לעצטע שווערע עקזאַמענס און האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז ער געפאָרן אין איין קופּע מיט זײַנער אַ באַקאַנטער, אַן אינטערעסאַנט מיידל, און אין דעם זעלביקן קופּע איז אויך געפאָרן אַהיים אָט דער יונגער מאָלער ווײַנטרויב און האָט אַרויס־געוויזן אַלערליי שטיק פון אַ קליינשטעטלדיקן, כלומרשט קלוגעטשקן עם־הארץ, אַ גוש.

דער סטודענט איז אַזוי ברוגז אַף אַלע פּעטערבורגער ייִדיש אינטע־ליגענטע הײַזער, ווו מ׳האָט פאַר פּסח געהאַלטן אין איין ריידן וועגן אָט דעם ווײַנטרויבן, און אַף אַלע קורסיסטקעס, וואָס זײַנען דאָרטן געלאָפן אים אָנקוקן. נאָר פאַר וואָס רעדט ער שוין מיט אַזאַ היץ גלײַך אין דעם, וואָס נעסי מיט די צײַטונגען לויבן אָט־דעם ווײַנטרויבן, אין דעם אַליין איז שוין דאָ אַ גוואַלדיקע באַליידיקונג פאַר אים, דעם רויטלעכן ניט גאָר יונגן סטודענט?

יוסף שור קוקט אים גלײַך אין פּנים אַרײַן און פאַרשטייט עס ניט. און פּלוצעם שלאָגט אימעצער איבער דעם סטודענט די רייד און פונעם שמועס ווערן קלאָר נאָך אייניקע זאַכן:

דער יונגער מאָלער ווײַנטרויב, ווערט קלאָר, איז איצט דאָ אין שטאָט; ער קאָן זיך זער גוט מיט נעסין און קומט שוין אָפּט צוליב איר אַרײַן אַהער, צו אַבראַם ראַפּאָפּאָרט אין הויז.

און נאָך איין זאַך ווערט קלאָר:

— דאָס, אַז הײַנט, מיט אים, מיט אָט דעם ווײַנטרויבן איז אַוועק־געגאַנגען ערגעץ אַף אַ גאַנצן אָוונט זי — משהלה לעווינס מיידל.

באַ יוסף שור ווערט דערפון ווי פאַרשטאַרבן דאָס האַרץ, סך־הכל אַף איין רגע ווערט עס ווי פאַרשטאָרבן און מער גאָרניט. נאָר באַלד קומט ער צוריק צו זיך און פאַרקרימט קוים־קוים די ליפּן, אַזוי ניט צופרידן איז ער שוין מיט זיך אַליין, מיט דעם, וואָס אים אַרט:

— ער, יוסף שור, איז דאָך דאָ אין הויז ניט מער, ווי אַ גאַסט, ער פאַרברענגט דאָ דעם ערשטן מאָל אין לעבן אַן אָוונט, וואָס קער זיך אָן מיט אים משהלה לעווינס מיידל?

און כדי מער ניט צו טראַכטן וועגן איר, מאַכט ער אַן אָנשטרענגונג,

בויגט צו נאך אמאל חסידיש דעם אויער און הערט זיך איין מיט קאפ. ס'רעדט ווידער דער רויטלעכער סטודענט און דערציילט, ווי אזוי ער איז צוזאמען מיט זיין באקאנטער מיידל געפארן פון פעטערבורג אין איין קופע און ווי אזוי אט דער וויינטרויב האט דארטן דעם גאנצן וועג געגעסן דעם מיידלס מאראנצן מיטן מיידלס שאקאלאד און ווי אזוי ער האט דארטן געהאלטן אין איין דערציילן וועגן זיך.

נאר ניין, יוסף שור מוז ווידער מאכן אן אנשטרענגונג, כדי צו דערמאנען זיך ווי אזוי איז פון אנהייב אן געווען די מעשה:

דער סטודענט איז געפארן אף פסח אהיים...

דער סטודענט איז שוין דאן, אפשר, ניט גאר אן א צופאל ארויסגע־פארן פון פעטערבורג צוזאמען מיט זיין באקאנט מיידל. מעגלעך, אז פארן ארויספארן האט ער זי אפילו אפגעווארט א טאג, צי צוויי. ער זיצט גאר נאענט, היימלעך אין קופע לעבן מיידל און וויל איר קלאר מאכן אייניקע פראגן.

אך יא, אט דער רויטלעכער סטודענט, געווים קאן ער שוין תמיד עפעס קלאר מאכן. און ווער וויים אים? מעגלעך, אז די אייגענע פראגן, וואס ער וויל דעם מיידל קלאר מאכן, האבן שוין גאר א נאענטן שייכות צו זיינע א פאר געדרוקטע ארטיקלען וועגן ציוניזם. נאר דער יונגער בלאנדער בחור, דער מאלער וויינטרויב, וואס טראגט לאנגע בלאנדע האר מיט א קורץ סאמעטן רעקל און זיצט פונקט אנטקעגן, ער מישט זיך אלע ווייל אריין מיט פוסטע דיבורים און לאזט ניט פירן דעם שמועס; ער הוידעט זיך זיצנדיק הין און צוריק, שאקלט מיט די פיס און קנאקט צו מיטן צונג:

— צא, צא, צא! מאכט ער ליצנות פון דעם מיידלס פילפארביקער שאל, ס'אר א פיינע פארבן... ער הערט ניט אויף צו קוקן דעם מיידל גלייך אין פנים אריין, און דערביי האלט ער אין איין עסן דעם מיידלס שאקאלאד מיט אירע מאראנצן און פירט זיך, ווי א יונגער גליקלעכער כלי־זמר, וואס איז געווינט אויסצונעמען אף חתונות, און דערציילט דעם מיידל אן אויפהער וועגן זיך.

ער, יואל וויינטרויב, קערט זיך איצט אום נאך לאנגע יארן צוריק אהיים, אינעם קליינעם שטעטעלע קאזלאווע, וואס לעבן גרויס־סעטרעניץ, קערט ער זיך אום, און דארטן אין שטעטעלע הייסט ער יואליק, פשוט יואליק. דאס האט ער דארטן געהאט א טאטן א האלבן סקווירער חסיד, א האלבן ציוניסט, וואס האט זיך סוף־כל־סוף ארויסגעצויגן קיין פאלעסטינע און האט אין קאזלאווע פארקויפט זיין ווייס געקאלכט נגידיש הויז א

דאָרטיקן פאַרמעגלעכן קרעמער. ס'האָט געהאַט אַלטע אַקאַציע־ביימער פאַר די אַכט־שויביקע געל געפאַרבטע פענצטער, אַט דאָס הויז, און אין הויף צווישן גראָז האָבן לעבן דעם געוואַקסן דריַי גרויסע שפּיציכיקע שטיינער. איצט קאָן עס שוין ער, יואל וויַינטרויב, בשום אופן ניט פאַרגעסן. אַלטע אַקאַציע־ביימער פאַר די פענצטער, און אין הויף דריַי גרויסע שפּיציכיקע שטיינער. אַפּט מאָל כאַפּט ער זיך אויף באַנאַכט און הייבט זיי אָן מאָלן, אַט די שטיינער. ער געדענקט יעדן קאַרב זייערן, יעדן שטאָפּל. און נאָך דעם קאָן ער לאַנג ניט איַינשלאָפן און האָט געדאַנקען, ער ליגט מיט פאַר־מאַכטע אויגן און זעט זיך דאָרטן אין קאָזלאָווע. ער זיצט איינער אַליין אַף די גאַניק־טרעפּלעך פון אַט דעם הויז מיט די געשלאָסענע פענצטער לאָדנס, וואָס באַהאַלטן אונטער זיך דעם פרעמדן קרעמערס שלאָפנדיקע משפחה. אין מיטן דער נאַכט זיצט ער דאָרטן אַף די טרעפּלעך און הערט, ווי טיף־טיף אין דער נאַכט שעפּטשען די אַלטע אַקאַציעס, וואָס האָבן אַמאָל אום זומער געהערט, ווי דער פאָטער פלעגט אים שריַיען: „בחור! פּוסט און פּאַסניק...״

— ניין, שעפּטשען אים איצט די אַלטע אַקאַציע־ביימער, האָסט דאָך עפּעס אָפּגעטאָן, יואליק, ביזט ניט קיין פּוסט־און־פּאַסניק.

איצט פאָרט ער אַהין און האָט דעפּעשירט דעם קרעמער, ער וויל באַ אים צוריק אויסקויפן דעם פאָטערס הויז.

דער סטודענט האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, ער האָט צו לאַנג דערציילט, ווי אַזוי אַט דער וויַינטרויב האָט אַלעמען אין קופּע דערעסן:

— קיין מאָל, האָט ער געטענהט, האָט ער נאָך ניט געהערט, אַז אַ מענטש זאָל אַזוי פיל בעבען און זאָל זיַין אַזוי עם־ארצותדיק פאַרליבט אין זיך אַליין, אין זיַין אייגענעם אָטעם.

נאָר אַרום אים זיַינען זיך שוין כמעט אַלע געהאַט צעגאַנגען. דער סטודענט רעדט, נאָר קיינעם גייט עס שוין מער ניט אָן, קיינער הערט ניט.

יוסף שור קוקט, ווי אומעטיק און עלנט די קינדעריש גרינגע נעסי איז געבליבן זיצן דאָ באַ אָס קליינעם העליש־רויטן פיַיער, און קיינער גייט צו איר ניט צו. ס'איז שוין אפילו אַ רחמנות אַף איר צו קוקן.

ס'געדענקט זיך:

אָקאָרשט נעכטן באַנאַכט האָט זי זיך, ווי אַ פרעמדע, אַהער אַהיים אומגעקערט.

— ניטע, טיַיערינקע! האָט זי זיך באַם איזוואָזטשיק געבעטן, טריַיב ניט אַזוי גיך.

און איצט זעט זי שוין אויס אַזוי אומגליקלעך דאָ, באַם פּאַטער אין הויז, און שווער איז צו וויסן, וועגן וואָס טראַכט זי: אפשר געדענקט זי נאָך אַלץ דעם יונגן מאָלער ווײַנטרויבן, זי אַליין האָט דאָך הײַנטיקן אָוונט אַזוי פיל וועגן אים גערעדט. און, אפשר, געדענקט זי שוין ניט מער, ווי איינע אַ טרויעריקע מעשה וועגן זיך, דער געהויקערטער סקולפּטאָרן אַליין, אַ מעשה מיט אַן אומגליק, וואָס איז זיך שטיל, שטיל פאַרלאָפן:

— באַ אַ גוואַלדיק רײַכן אדיר, אַ טאַטן, איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ פּשוט ייִדיש קבצניש קינד...

כדי אַרויסצווײַזן איר זײַן וואַרעם געפיל, טוט זיך יוסף שור צו איר אַ בייג און פאַרפירט מיט איר אַ שמועס:

— ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסן: וויפיל איז ער אַלט, אָט דער מאָלער ווײַנטרויב?

— וויפיל איז ער אַלט?

איבער זײַן קול טוען באַ דער פאַרטראַכטער נעסין אַ ציטער די לאַנגע, וויעס, און אין אירע קרומלעכע אויגן פאַרשטאַרקט זיך די שטענדיקע גוטמוטיקייט מיטן געבעט.

— וויפל איז ווײַנטרויב אַלט? איך ווייס ניט, זאָגט זי, טײַערינקער, ער איז נאָך אַ יונגער, גאָר אַ יונגער.

און ווידער זינקט זי אין עפּעס אײַן, אָט די נעסי, און פאַרטראַכט זיך. איצט איז איר שוין יוסף שור אַזוי דאַנקבאַר, וואָס זי האָט אים געזאָגט „טײַערינקער".

— נו, און זי? פרעגט ער באַ איר, זי איז דאָך אויך אַ סקולפּטאָרן; פאַר וואָס־זשע דערציילט זי גאָרניט וועגן איר אייגענער אַרבעט?

נעסי האַלט שוין, אַפּנים, פון זיך אפילו קיין פּיצל ניט.

— אָך? זאָגט זי, ניין, טײַערינקער. איך בין דאָך ניט מער, ווי אַ פּשוטער בעל־מלאכה, איך ווייס עס זער גוט.

זי באַליידיקט זיך ניט אָפּ זײַנע פראַגן, זי רעדט מיט אים אַזוי ווייך, ווי מיט אירן אַ גלײַכן. פון דאַנקבאַרקייט וואָלט ער איצט פאַרגעסן, וואָס מיט אים איז הײַנטיקן אָוונט געשען, ער וואָלט מיט איר נאָך אַ ביסל געזעסן און וואָלט באַ איר געפרעגט:

— פאַר וואָס?... פאַר וואָס מיינט זי אַזוי?

נאָר אַרום און אַרום זײַנען זיך שוין כמעט אַלע פונאַנדערגעגאַנגען, און די שעה איז שוין אויך געווען אַ שפּעטע.

ס'האָבן זיך געזעגנט די לעצטע געסט.

אין דרויסן לעבן דער פּאַראַד־טיר זײַנען געשטאַנען דער העברעיִשער פּאָעט מיטן רויטלעכן סטודענט און האָבן גערעדט צווישן זיך אַ סך היימישער און פּראָסטער, ווי אין זאַל; זיי האָבן געקלערט ערגעץ אַרײַנגיין. אַף אים, יוסף שור האָבן זיי זיך אויך דאָ ניט אומגעקוקט און האָבן אים ניט באַמערקט, גלײַך פאַרבײַ זיי גייט דורך אַ קאַץ. וואָס האָבן זיי געקאָנט וועגן אים קלערן? וואָס האָט מען בכלל וועגן זײַן הײַנטיקן פאַרברענגען געקאָנט קלערן, באַ אַבראַם ראַפּאַפּאָרט אין הויז? דער עיקר איז געווען, וואָס מ'האָט דאָרטן וועגן אים גאָרנישט ניט געקלערט. יוסף שור האָט דערפילט אין זיך אַ טיפן קאָנוולסיוון ווייטאָק פון באַליידיגונג און איז אַוועקגעגאַנגען ווײַטער.

אַפן ראָג פון דער שטילער און רײַכער גאַס, ניט ווײַט פונעם הויך אויפגעהאַנגענעם עלעקטרישן לאַמטערן, האָט ער באַגעגנט משהלה לעווינס מיידל מיטן יונגן מאָלער ווײַנטרויבן, וואָס פירט זי אַפּ אַהיים. ס'איז געווען אַ רגע, ווען זיי האָבן זיך אויסגעגלײַכט, און זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן גאָר פון דער נאָענט, גלײַך זי וואָלט זיך מיט אַמאָל דערמאָנען, וווּ זי האָט אים געזען און וואָלט ניט פאַרשטיין, ווי קומט ער אַהער איצט אין דער צוועלפאַזייגערדיקער באַנאַכטיקער שעה.

יוסף שור האָט דעמאָלט נאָך אַמאָל דערזען אירע אויגן, בלויע קלוגע אויגן, וואָס ווילן זיך אָן עפּעס דערמאָנען, בשעת זיי קוקן זיך אין אים אײַן און אַ מויל אַ שטרענג געשלאָסנס, אַ גלײַכע ליניע, וואָס דערמאָנט שטאַרק אָן עפּעס און איז אַזוי נאָענט, אייגן. יוסף שור האָט ניט געדענקט זײַן מוטער. ער איז אַלט געווען פיר יאָר, בשעת זי איז געשטאָרבן, נאָר ווער ווייס? מעגלעך, אַז באַ זײַן מוטער איז געווען פונקט אַזאַ מויל און דערפאַר האָט צו דעם אַזוי שטאַרק געצויגן. ער האָט דערפילט, ווי באַ אים האָט זיך מיט אַמאָל ווי אונטערגעגראָבן דאָס האַרץ, נאָר ער האָט נאָך אַלץ ניט געוווסט, צי זי האָט אים דערקאָנט, צי ניין. און פּלוצעם האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט דער גאווהדיקער בן־יחיד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין גרויס־סעטרעניץ באַ איציק־מאיר שור אינעם אָפּגעשלאָסענעם מיוחסדיקן הויז. דאָרטן אין גרויס־סעטרעניץ האָט ער זיך יעדן־פאַלס ניט געפילט אַזוי געפאַלן און צונישט, ווי אין אָט דעם איצטיקן מאָמענט. דאָרטן האָט ער נאָך פאַרמאָגט צוויי אייגענע גערירשנטע הײַזער און די גרויסע גערירשנטע מיל זײַנע...

אונטער זײַנע פּלייצעס האָט נאָך געלאָכט דער יונגער מאָלער ווײַנטרויב. ער האָט עפּעס דערציילט דעם שיינעם מיידל, וועלכע ער באַגלייט אַהיים און האָט געלאָכט מיט גרויס הנאה, נאָר יוסף שורן איז עס שוין

אַזוי ווינציק אָנגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען מיט גיכע טריט און האָט געדענקט די אייגענע הײַזער, וואָס ער האָט אין גרויס־סעטרעניץ, מיט דער געירשנטער מיל:

— אָך יאָ, די גרויסע אייגענע מיל, זי איז נאָך אויך עפּעס ווערט.

ד ר ו י ב

I

איז אָט־אָ די ביילע העניע, משה דעם טאָמערס ווײַב, וואָס האָט ביז איר חתונה געדינט בײַ דער נגידישער שנור, זי איז געווען מיאוס ווי דער טויט, זי האָט געהאַט אַ קליין לענגלעך פּנים, פול מיט גרויסע טיפע שטיפּלען. דאָך האָט זי זיך פון קליינערהייט אָן אײַנגערעדט, אַז זי וועט חתונה האָבן נאָר מיט אַן איידעלן ייִדן און האָט ניט געוואָלט דעם מאַן אירן, משה דעם שמיד, וואָס האָט געהאַט אַ צונעמעניש „טאָמער".

דעם טאָמער האָט דאָס פאַרדראָסן ביז גאָר. ס'איז אים דערגאַנגען ביז די לעבער, וואָס הייסט עס:

„אַזאַ פאַרזעעניש, און דאָס זאָל אים ניט וועלן"...

ער האָט זי דערפאַר געהאַלטן אין איין שלאָגן, און זי האָט אים ניט געוואָלט.

שמחת־תורה בײַטאָג האָט ער זי געשלאָגן דעם לעצטן מאָל.

שמחת־תורה בײַטאָג האָט זיך געפילט אַ רעגן אין שטעטל, נאָר קיין רעגן איז ניט געגאַנגען. אין דרויסן איז נאָר די לופט געווען שטאַרק קיל, טונקל און הפקר, הפקר צו ווינטער צו און צו צפונדיקע קעלטן. בײַם רב אין שטוב זיצט מען בײַם טיש, די טיר איז אָפן, און אַרום און אַרום בײַ דער האַלב־קײַלעכדיקער הייזער־ראָד זיצן ווײַבער אויף די פּידאַשקעס און קוקן, ווי בעל־הבתישע פּלייצעס בויגן זיך דאָרטן אַרום דעם רב און אַרום

מאָטל דעם רויטן, דעם ניי־אויסגעקליבענעם גבאי. מ׳טרינקט דאָרטן בראָ־שוק, מ׳זינגט ניגונים און מ׳וואַרפט יונה דעם לאַנגן קאַוועגע־שאַלעכץ גלייך אין באָרד אַריין; מ׳איז אַלע איין בינטל, אַלע אַלטע קאַנטיקאַזיאָנווער. פון גרויס ליבשאַפט צו יונה דעם לאַנגן שרייט מען צו אים:

— יונה!!

— יונה דער לאַנגער, אַ רוח׳ן דיין טאַטן!

נאָר יונה דער לאַנגער מאַכט זיך ניט הערנדיק. ער שטייט מיט זיין גאַנצער לענג צווישן רעגן פון קאַוועגע־שאַלעכץ און שרייט נאָך העכער מיט זיין חזניש גרילצנדיקן קול און מיטן נוסח פון גשם:

אַף — ברי

נאָך יום־טוב אין דער פרי.

אתת,

האָט מיין ווייב דאָס משוגעת,

שם שר מטר,

איך הער זי, ווי דעם קאָטער.

און פּלוצים טוט געשווינט אַ יאָג אַ שרעק איבערן שטעטל, און שוואַליאַם, אַריין צום רב אין שטוב:

— ער שלאָגט שוין ווייטער דאָס ווייב!

— ווער? משה דער טאָטער?

— אַ רוח׳ן זיין טרפהנער קישקע.

און אַלע מיט אַמאָל אַ יאָג אין דרויסן אַרויס. ביי אימעצן זיינען די פּלייצעס שטאַרק איינגעשמירט אין ווייסן, נאָר ער ווייסט ניט דערפון, ער איז בגילופין, פאַרגייט שמייכלדיק אונטער דער שטוב, צענעמט דאָרטן שמייכלדיק די פּאָלעס און טוט אָפּ אַ מיאוסע זאַך מיט אַזאַ אויסזען, גלייך ער טוט אָפּ אימעצן אַ שפּיצל, און אַז ער קערט זיך אום, שטייט שוין דער גאַנצער עולם אין דרויסן ביי דער טיר און קוקט, ווי משה דער טאָטער יאָגט זיך איבערן פּלאַץ נאָכן ווייב ביילע העניען. ער, אַ פיר־עקי־קער ריז מיט פאַרקאַשערטע הענט, ווי אין דער וואָכן, בשעת ער שטייט ביי זיך אין קוזנע און טוט אָן אין אייזן גוישע וואָגנס, און זי, אַ קליינע אַ ביינערדיקע, ווי אַ מאָגערע הון. און אַלע ווייסן דאָך, אַז זי האַלט תמיד אַ שפּיגעלע לעבן בעט, אַ צעבראָכנס מיט אַן אָפּגעריבענער רויטער לינקער זייט. זי האָט זיך ליב צו שפּיגלען, אָט די מיאוסקייט. אַנטלויפנדיק, פאַרגעסט זי דאָך ניט אויסצובאַהאַלטן דאָס געשטיפּלטע פּאָקן־פּנים אונ־טערן ריינעם ווייסן קאָפּ־טיכל, און אירע שולדיקע קאָסע אויגן קאָנען דערביי ניט קוקן מאַנסבילן אין פּנים אַריין, זיי שעמען זיך, ווי נאָך אַ

פריש אָפּגעטאָנענער זינד. זי אַנטלויפט געשווינט אינעם אַקעגנדיקן נגי־דישן הויז, ווו זי האָט ביז דער חתונה געדינט, און אַלע שטייען און קוקן, ווי מ׳פאַרשליסט דאָרטן באַלד נאָך איר די טיר. איצט, זאָגט מען, איז אַן עק:

— פאַרטיק...

II

דאָס אַקעגנדיקע נגידישע הויז איז אַ בכבודיקס, אַ ירושהדיקס און אַן אַלטס. ס׳האָט אַ ווײַסן פלאַכן דאַך; ס׳האָט פעסטע ווײַס־געקאַלכטע ווענט מיט אַלע אַקאַציע־ביימער פאַר די גרויסע אַכט־שויבנדיקע פענצטער. שאָקלען זיך אָט די אַלטע ביימער פון יעדן מינדסטן ווינטל, שאָקלען זיך אונטערן חשוונדיק פאַרכמאַרעטן הימל, אונטער יעדער וואָלקן, וואָס טריפט יאָ און טריפט נישט, און דערעסן אַזוי אַלע אַרומיקע קבצנישע הײַזער, דערעסן מיט דער אַלטער מעשה, וואָס זיי האַלטן תמיד אין איין שעפּטשען:

— אַ מעשה מיט אַן אַמאָליקן גביר, וואָס האָט אַמאָל אָט דאָס הויז געבויט; אַ מעשה מיט זײַנעם אַ זון, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און ריידן, און גייט קיין מאָל נישט אין שול, און ס׳פאָרן צו איר אָפּט צו גאַסט ריידן, און גייט קיינמאָל נישט אין שול, און ס׳פאָרן צו איר אָפּט צו גאַסט דער ייִדישער דאָקטער, דער אַקציזניק מיטן סטאַנאָוואָי.

אַרום איז בלאָטיק און נאַס. פעלדער וויסטע, אָפּגעשניטענע און פאַר־לאָזטע ציִען זיך אַרויף אַ באַרג און טוקן זיך דאָרטן אין כמאַרע און אין אומענדלעכער ווינטער־צײַט. ס׳איז שטיל, נאָר אַמאָל טרעפט:

פון אַ קליין און פוסט לעבן, וואָס ערגעץ־ווו אין געגנט, קומט אָן אַהער אַ פור נישט מער, ווי אויף דורכצופאָרן; זי טראָגט דאָ דורך איר פוסטן גלעקער־קלאַנג און פאַרשווינדט, און פיצעלע שטעטעלע הויקערט זיך ווידער און שווײַגט נאָך מערער. קבצנישע הײַזלעך שטייען ביזן בויך אין בלאָטע און הערן זיך אײַן: ס׳גוואַדזשען שטיוול, דאָס איז משה דער טאָטער. ער בלאָנדזשעט שוין ווידער אין מיטן בײַטאָג אַרום אָרעמע קלייטן און אַרום קרעמער, וואָס האָבן מיט אים נישט וועגן וואָס צו ריידן. קוקנדיק אויף די שפּיצן פון זײַנע שטיוול, פאַרטראַכט ער זיך, עקט זיך שיער נישט פון גרויסע גרימעניש און פון צער און שפּײַט סוף־כל־סוף אויס:

— אַ רוח׳ן איר טאַטן.

און אין זינען האָט ער דערבײַ די גבירישע שנור, וואָס דאָרטן אינעם אַקעגנדיקן נגידישן הויז. זי גיט אים נישט אָפּ זײַן ווײַב. פֿון שמחת־תורה אָן האַלט זי בײַ זיך ביילע העניען און גיט זי אים נישט אָפּ, זי שיקט אים אַלע מאָל זאָגן:

— זי וועט אים געבן פּופּציק קערבלעך, ער זאָל געבן ביילע העניען אַ גט.

דער „טאַטער" האָט אַביסל מורא פֿאַר אָט־דער נגידישער שנור און פֿאַר איר הויז, אַהין קומט דאָך אַזוי אָפּט צו גאַסט דער סטאַנאָוואָי. איטלעכס מאָל, וואָס ער קומט אַהין אַרײַן, זײַן ווײַב מאָנען, שטייט ער דאָרטן אין פֿאָדער־צימער בײַ דער טיר און וואַרט לאַנג, ווי אַ קבצן, וואָס קומט בעטלען אַ נדבה. ביילע העניע איז שוין דאָן אין קיך נישטאָ. זי טוט זיך באַלד אַ יאָג איבערן גאַנצן הויז און באַהאַלט זיך בײַ דער בעל־הביתטע אין שלאָף־צימער. פֿון אָן אינעווייניקסטן פּרי געהייצטן און שטאַרק וואַרעמען צימער קומט אַרויס די „ניאַניע", אַ גראָבע גויקע מיט אַ צעפּלעטשטער אײַנגעפֿאַלענער נאָז און מיט ליפּן פֿון אַ נאַשערן. זי קוקט אויף אים מיט די שעלמישע שוואַרצע אייגעלעך און האַלט דערבײַ כלומרשט אין איין אונטערטרייסלען דאָס קליינע קינד, וואָס זיצט בײַ איר אויף די הענט. זי וויל אים גאָרנישט ניט זאָגן, זי איז נאָר געקומען אַ קוק טאָן, ס׳אַר אַ פּנים ער האָט, דער ייִד, וואָס איבער אים באַהאַלט זיך די געשטיפּלטע ביילע העניע אַזש בײַ דער בעל־הביתטע אין שלאָף־צימער. סוף־כּל־סוף קומט אַרויס צו אים די בעל־הביתטע אַליין, און הייבט אים אָן זאָגן מוסר. אַ פּיסק איז בײַ איר, ווי אויף שרײַפּלעך. דער טאָטער שווײַגט און קוקט אויף איר די גאַנצע צײַט אין אלכסון מיט אויגן פֿון אַ בייזן אומבאַהאָלפֿיקן גזל:

— אַ מכה איר אין גאָרגל...

דעם טאָטער איז שוין נמאָס די גאַנצע מעשה. ער גייט אַוועק און פּרוווט עפּענען די קוזניע, נאָר ס׳אַרבעט זיך ניט. אין דער היים איז אויך נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו ידן. אין מויל איז די גאַנצע צײַט זויערלעך, ווי נאָכן שמחת־תורה ון בראַשוק, און דערצו איז נאָך דאָס וועטער אַזאַ פּאַסקודנע. ס׳נאָגט ײַם לעפּעלע און קיין קינדער האָט זי מיט אים אויך ניט, אָט די געשטיפּלטע מויז. כאַפּט דער רוח דעם טאַטן אירן, ער וועט גיין אַהין צום לעצטן מאָל:

ער וועט איר געבן אַ גט.

צום גט קומט די גבירישע שנור אַליין, זי שטייט באַגלייך מיט ביילע העניעס ביים רב. זי איז אָנגעטאָן מיט אַ שוואַרצן גאַרסענעם שאַרף אויפן קאָפּ. און איטלעכס מאָל, וואָס דער טאַטער זאָגט נאָך דעם רב די גט־ווערטער, הערט זי זיך איין און שאָקלט צו מיטן קאָפּ מיט אַ מינע פון אַ מבין און מיט אַזאַ אויסזען, גלייך זי באַשליסט, אַז מ'נאַרט זי ניט אָפּ, און אַז דאָס אַלץ איז ווערט, ס'ווערט די פופציק רובל, וואָס זי באַצאָלט.

דער טאַטער האָט אַ שוועסטער אין שטעטל, זי וואַרפט גויעס קאָרטן און זאָגט נביאות אויף גנבות, צי זיי וועלן זיך אָפּזוכן, צי ניין. זי שטייט אין דרויסן ניט ווייט פון רבס שטוב, דער קאָפּ איז ביי איר פאַרבונדן מיט אַ פויערשן טיכל און אַרום שטייט אַ רעדל. ווייבער און קינדער הערן ווי זי שעלט ביילע־העניען מיט איר באַשיצערן, די גבירישע שנור:

— ביידע זאָלן זיי איינגעזונקען ווערן. זיי זאָלן איינגענעמען אַ מיתה משונה.

— נאָך היינטיקן טאָג, גאָט אין הימל! מכות זאָל זיך זיי זעצן אויף די גדערעם.

און די אויגן האַלטן ביי איר דערביי אין איין קוקן אַהין צום רבס שטוב, וווּ ס'גייט דער גט. און ס'דאַכט זיך, אַז זי דאַוונט.

אַלע קוקן ווי ס'עפנט זיך דעם רבס טיר, נאָר אַז דער עולם שיט זיך אַרויס פון שטוב, קומט ווידער עפּעס פאָר, און מ'נעמט געשווינט לויפן פון אַלע עקן שטאָט. די, וואָס פאַרשפּעטיקן, פרעגן, וואָס ס'איז געשען, און מ'ענטפערט זיי, אַז גאָרנישט, גאָרנישט:

דער טאַטער האָט נאָר נאָך אַמאָל איצט שוין נאָכן גט אויסגעפּאַטשט ביילע העניען... צום לעצטן מאָל.

III

דער טאַטער האָט פאַרקויפט די קוזניע און האָט געגעבן אַ שפּיי אויפן שטעטל. גיי זיי אַ נביא, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען ,איצט איז שוין זומער, און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

ביילע העניע איז פריי.

פרייטיק ביינטאָג, אַז קינדער קערן זיך אום פונעם חדר און בלאָנדזשען אונטער די הייזער צווישן באַדיקעס, און קוקן אַריין צו דער נגידישער שנור אין הויף דורך די צעלעכצטע פאַרקאַן־ברעטער, זעען זיי, ווי ביילע העניע זיצט דאָרטן מיט אַלע פיר אויף דער ערד, ניט ווייט פון קיך־טיר און בייגט זיך און רייבט, און רייבט. אַרום איר שטייען צוויי סאַמאָוואַרן,

אַ סך קופּער און מעש. די קינדער שרײַען פּלוצלינג אַרײַן:

— ביילע העניע די געשטיפּלטע!... אָט גייט דער טאַטער!

און דערשראָקן פאַר זייערע אייגענע קולות, טרעטן זיי גלײַך אָפּ און אַנטלויפן.

אין שטאָט צעקריגן זיך צוויי שוועסטערלעך. זיי הרגענען גוט אָן איינס דאָס אַנדערע און יענע, וואָס האָט געכאַפּט מער קלעפּ, שרײַט דער צווייטער:

— דו, ביילע העניע, דו!... דו געשטיפּלטע מויז!!

און ביילע העניע הערט עס פאַרבײַגייענדיק און באַהאַלט אויס דאָס פּאָקן־פּנים אונטערן ריינעם ווײַסן קאָפּ־טיכל. אין דער היים, בײַ דער נגידישער שנור, פאַררוקט זי זיך נאָכדעם אין איר ווינקל און באַטראַכט זיך דאָרטן לאַנג אין איר קליינעם שטיקל שפּיגעלע, וואָס מיט דער אָפּגעריבענער לינקער זײַט, זי זעט: שטיפּלען, שטיפּלען, אַ סך שטיפּלען, און אויגן קאַסע, וואָס קוקן אין צוויי פאַרשיידענע וועלט־זײַטן. נאָר אין עס־צימער זײַנען שוין דאָ געסט; מ'רופט זי, באַהאַלט זי דאָס שפּיגעלע געשווינט, ווי אַ גנבהשע זאַך, און לויפט.

— באַלד, ענטפערט זי, גייענדיק אַהין, און אירע אויגן שעמען זיך דאָרטן צו קוקן מאַנסבילן אין פּנים אַרײַן. אַלע ווייסן דאָך שוין, פאַרוואָס זי האָט נאָך כּלה־וויַיז ניט געוואָלט דעם טאַטער. זי האָט זיך פון קליינערהייט אָן אײַנגערעדט, אַז זי וועט חתונה האָבן פאַר אַן איידעלן ייִדן. אַז מ'איז אויפגעלייגט, לאַכט מען דאָרטן אַלע אין איינעם, מ'קנאַקט ניסלעך און מ'פאַרברענגט זיך:

— נו, וואָס הערט זיך, ווען האָט ביילע העניע חתונה פאַר אַ רב?

בײַ דער גבירישער שנור אין קיך איז פאַראַן אַ קעכן, אַ שטובמיידל און אַ שיקסע און די ניאַניע, און אַלע ווילן זיי חתונה האָבן, אַז זיי פּגרן שיער ניט. זיי ווינטשן זיך עם בײַ יעדערער געראָטן אָפּגעבאַקענער חלה און איטלעכס מאָל, וואָס מ'פּרעגלט דער נגידישער שנור שמאַלץ.

איטלעכס מאָל, וואָס, אין שטעטל טרעפט אַ חתונה, שיט מען אַלע אַרויס אין דרויסן, און וואָס מער פאַרזעסן איז די כּלה, אַלץ מער האָט מען צו איר אינטערעס. מ'הערט זיך אײַן, ווי כּלי־זמר פירן אַן אַלטע איבערגעוואַקסענע מויד צו דער חופּה, און נאָכדעם קלעפּט מען אַ גאַנצע נאַכט לעבן באַלויכטענעם הויז, ווו די חופּה קומט פאָר. מ'קערט זיך אום מיטן גרויען טאָג־ליכט, און מ'לייגט זיך אין דינסט־חדר אין די בעטן אַרײַן, נאָר אַנטשלאָפן ווערן קאָן מען ניט. מ'רעדט אַזוי לאַנג פון חתונה האָבן, ביז מ'צעקריגט זיך. די פּאָקאָיאָווע וואַרפט אויס דער קעכן, אַז

דער מאַן אירער איז געווען אַ גנב און איז געשטאָרבן אין טורמע, און די קעכן שרײַט, אַז זי ווייסט, צו וועמען די פּאָקאַיאָווע פּלעגט אַ גאַנצן ווינטער אַרויסגיין אַלע אָוונט אונטערן פּאַרקאַן. ס'מישן זיך אַרײַן די שיקסע מיט דער ניאַנע און קיינער ווייסט שוין ניט, ווער ס'האָט די קריג אָנגעהויבן. אויף מאָרגן אין דערפֿרי איז מען נאָך אַלץ ברוגז איינע מיט דער צווייטער, אַלע שרײַען; די קעכן שפּײַט ביילע העניען אין פּנים אַרײַן, זי האָט דערבײַ אַ פֿאַרפּלאָמט רציחהדיק פּנים, זי פֿאַרגעסט אינעם טאָפּ, וואָס האַלט אין אויוון אין איין אויסלויפֿן, און טוט זיך אַ לאָז צו דער בעל־הביתטע, וואָס קומט אַרײַן די קיך אײַנשטעלן און זיך פֿאַר ביילע העניען אָננעמען:

— ניין, גוואַלדעוועט זי, ס'פֿאַרדריסט דאָך; אַלעמאַי זאָל זיך אַזאַ פּאַסקודסטווע אײַנרעדן, אַז זי וועט חתונה האָבן נאָר מיט אַן איידעלן ייִדן?!

און דאָס אַלץ ציט זיך אַן אַ שיער לאַנג. ס'חזרט זיך איבער אַלעמאָל פֿון סנײַ.

ביילע העניע לײַדט.

נאָר סוף־כל־סוף דערוואַרט זי זיך אויף איר גליק. אַ קאָפּ האָט זי פֿון תמיד אָן אַ שווערן, אַ צוגעשלאָגענעם און אַביסל אַ טעמפּן. זי קאָן ניט טראַכטן אַפּילו וועגן זיך אַליין, אַפּילו וועגן איר גליק. נאָר וועבן וועבט זיך שוין עפּעס בײַ איר אין האַרצן און אין זכרון.

IV

ביילע העניע געדענקט:

אַ זון באַשײַנט מיט שטראַלן און ווי דורך אַ זיפּ: דאָס איז אַ טאָג, אַ הייסער, אַ זומערדיקער; פֿורן פֿאָרן, קולות גרילצן, מענטשן ווימלען, דאָס איז אַ יריד, אַ גרויסער מאַרק־יריד דאָ אין שטעטל. קראַנצן ציבעלעס הענגען אַראָפּ פֿון די וואָגנס, אייער, זאָגט מען, איז בזול, און פֿורן פֿאָרן, פֿורן פֿאָרן, און אויף איינער פֿון זיי טרייסלען זיך די אַלטע צעלעכצטע פּלייצעס פֿון איינעם אַן אַלטימשקן ייִדן, וואָס איז אָנגעטאָן אין זײַן שבתדיקער קאַפּאָטע און אינעם מאַמעטענעם היטל, וואָס מיטן אָפּגעריבע־נעם דאַשיק. דאָס איז דער אַלטער דוד לייזער, דער דרדקי מלמד פֿונעם נאָענטן שטעטל. ער טרייסלט זיך די גאַנצע צײַט אין גרויסן וואָגן צום גוי מיט די פּלייצעס, פּיפּקעט קלוגעטשקערהייט פֿון זײַן קורצער פּיפּקע און שמייכלט צו זיך אין די גענבלעך־גרויע וואָנצעס: ער קומט אַהער,

דוד לייזער דער מלמד, ער קומט אַהער אויפֿן יריד קויפֿן אַ צעבער מיט אַ לאָקשן־ברעט, ווײַל די אַלטע האָבן זיך אים צעבראָכן. די שכנה, וואָס באַקט אים ברויט שוין צײַט צען יאָר, זינט זײַן אַלטעטשקע איז געשטאָרבן, זאָגט, אַז מ'דאַרף נײַע; ער קומט אַהער אויך דערפֿאַר, וואָס דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סך „קאַנטיקאָזעווער" און ער, אַליין אַן אַלטער, אַן אַמאָליקער „קאַנטיקאַזעווער", האָט אַלע יאָרן געליטן בײַ זיך אין שטעטל פֿון די אָרטיקע „ראַכמעסטריווקער", זיך ניט געמישט אין קלויז צו זייערע נוסחאות און געוואָרן מיט דער צײַט אַ שטײַפֿער שווײַגער, אַ שמייכלער צו זיך אין דער קליינער גרויער באָרד און אין די געלבלעך־גרויע וואָנצעס.

איז ער אַ שווײַגער, דער אַלטער דוד לייזער, שוין לאַנג ניט גערעדט. נאָר אַרום עלף אַזייגער אין דער פֿרי, אַז ער דערנענטערט זיך צו דער אַלטער קאַנטיקאַזעווער קלויז, פֿון וואַנען ס'טראָגט זיך אַ ניגון פֿון אײַלנדיקע ירידעוודיקע „הללויהם", אַז ער קומט אַהין אַרײַן, ווערט ער שיער ניט צעשמאָלצן פֿון ווילדער הנאה, וואָס חברה דערקאָנט אים. ניט ער רעדט, בשעת מ'נעמט בײַ אים דאָרטן אָפּ שלום־עליכם, נאָר ער האַלט אין איין קוועלנדיקן שמייכלען. פֿון זײַן לאַנג־שווײַגנדיקן, מיט קאַרענצעס פֿאַררויכערטן האַלדז ציט זיך דערבײַ עפּעס אַ מאָדנער קלאַנג, ווי דער קלאַנג פֿון אַ צופֿרידענעם שטומען:

— כע־כע־כע!!...

און אַ פּנים האָט ער דערבײַ אַזאַ, גלײַך ער האָט אָפּגעטאָן דעם עולם אַ שפּיצל. מ'האָט געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג אַ שוכן־עפֿר, כע־כע־כע!... און ער האָט דערוויזן אַ קונץ: ער לעבט. „חברה" געפֿינען אַפֿילו, אַז ער איז נאָך אַ „קאָזאַק", נאָר אַז מ'טרינקט נאָכן דאַוונען לחיים, ווערט מען געוווּיר, אַז ער איז שוין צען יאָר אַן אַלמן, און מ'נעמט אים זאָגן מוסר:

— פֿע, ווי קומט עס צו אים?

יונה דער לאַנגער קנייטשט דעם שטערן און קראַצט זיך מיט די פּלייצעס אין וואַנט, ער זאָגט, אַז ער דאַרף זיך אַרויסכאַפּן נאָר אויף אַ רגע:

ער דאַרף וועגן דעם איבעררײדן מיט זײַן אַלטער.

און דאַן הייבט אָן יונה דעם לאַנגנס ווײַב צו גיין אַהער צו דער גבירישער שנור אויף דער אונטער־טיר. בײַ ביילע העניען האַלט זיך אין יענעם טאָג אין איין רויטלען דאָס לענגלעכע געשטיפּלטע פּנים, זי איז אָנגעטאָן אין דער נײַער ציצינער פּלאַטיע, וואָס זי האָט צוגעגרייט אויף ראש־השנה, און דער מוח איז בײַ איר שוין אינגאַנצן פֿאַרנעפּלט... דער

לאַנגער יריד־טאָג איז אַ זון באַשײַנט מיט שטראַלן, און דעם איבערגע־פּולטן האַרץ פעלט אַ רגע צו פּלאַצן. סך הכל נאָך איין מאָל דאַרף אַהער קומען יונה דעם לאַנגנס ווײַב און זאָגן, וואָס האָט „ער" געענטפערט:

— יאָ, צי ניין.

אין אָוונט טוט זי אַ בלאַנדזשע מיט די קאָסע אויגן דאָרטן בײַם רב אין שטוב, ווו מען שטעלט די חופּה, און טוט אויף אים צום ערשטן מאָל אַ קוק. ער געפעלט איר. אַרום אים בויגן זיך בעל־הבתטישע פּלייצעס, און „ער" פּיפּקעט אַלץ קלוגעטשקערהייט פון זײַן קורצער, מיט קאָרענצעם אָנגעפּולטער פּיפּקע און שמייכלט צו זיך אין די גרויע וואָנצעס. ס'האָט אַ פּנים ווי אַלטע גוטע־ברידער קיצלען אים, און ער לאָזט זיך.

און נאָך געדענקט ביילע העניע:

אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער חופּה האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אין שטעטל און זי געלאָזט איינע אַליין דאָ, בײַ דער נגידישער שנור. אַלע האָבן געפונען, אַז ס'איז קרום. מעגלעך, אַז מ'האָט פון איר געלאַכט, און זי האָט זיך געשעמט צו קוקן מענטשן אין פּנים אַרײַן, איר איז געווען אַ בזיון. די נגידישע שנור האָט געזאָגט:

— אַזוי טאָן קאָן מען טאַקע נאָר בײַ ייִדן.

זי האָט ניט איבעריק ליב געהאַט ייִדן. זי האָט געוואַרט אַ וואָך און צוויי, אָט די נגידישע שנור, נאָר סוף־כל־סוף האָט זי געדונגען אַ גוייִשע פור און אויפגעזעצט אויף איר ביילע העניען מיטן פּעקל:

— היידאַ! אַהיים, צום נײַעם מאַן.

V

געדענקט ביילע העניע, ווי זי זיצט אויף אָט דער גוייִשער פור: זי פאַרט אָפּ, און אונטער אירע פּלייצעס לאַכן דער גבירישער שנורס דינסטן, זיי האַלטן אין איין לאַכן.

און נאָך געדענקט ביילע העניע:

דאָס נײַע שטעטעלע איז אַ ווילד פרעמדס. ס'ליגט אַראָפּ־באַרג בײַם היימישן טײַכל און הילט זיך אין זומערדיקן פאַרנאַכט. אַזוי זעט עס אויס דעמאָלט צום ערשטן מאָל, ווען זי קומט אַהין אָן; ווײַבער, ווילד פרעמדע, באַגעגענען די טשערעדע און טרײַבן זייערע בהמות צום שטוב; מאַנען גייען דאַווענען און קוקן, ווי זי, ביילע העניע, קומט אָן מיט דער גוייִשער פור. דאָ און דאָרטן שטעלט מען זיך אָפּ און מ'וואָרט, וווהין

וועט זי צופאָרן. און דער גוי, וואָס פירט זי, איז גראָד אַ היימישער; ער פאַרפאָרט אין אַ שמאָלער סיטקע, וואָס צווישן צוויי אײַנגעהויקערטע שטיבער, און שרײַט צו אַלע באַקאַנטע ווײַבער, וואָס שטעלן זיך אָפּ קוקן:

— צע יאַ יעמו דוד לייזאָרו זשינקו פּריוויז...*)

ביילע העניע פּילט, אַז דאָרטן אין אײַנגעהויקערטן שטיבל טוט זיך עפּעס. דער אַלטער דוד לייזער זיצט דאָרטן אָרום טיש מיט דער גאַנצער קאַפּעליע קליינוואַרג, וואָס טראָגן אים גילדנס און פּערציקערס שכר־לימוד; ער דערטײַטלט זיי צו נאַכט צו די גרויסע אותיות, וואָס אין די פּיל אָפּגעפליקטע צעעפנטע סידורים. ער לאָזט זיי פרײַ אָקאָרשט, ווען זי קומט אַרײַן אין שטוב, נאָר אויף איר טוט ער נאָך אַלץ קיין קוק ניט. שמייכלענדיק צו זיך אין די געלבלעך־גרויע וואָנצעס, הייבט ער זיך נאָר אויף פונעם אײַנגעזעסענעם אָרט, שטייט מיט די פּלייצעס צו איר און צעפּיפּקעט קלוגעטשקערהייט זײַן קורצע האַלבפּאַרלאָשענע פּיפּקע; פון ווײַלטאָג טוט ער נאָר אַ מאַך, ווי צו זיך אַליין:

— פּכע!...

און ווי אַלע פאַרנאַכט, גייט ער גלייך אַוועק דאַווענען אין קלויז. נאָר אַז ער קומט צוריק טרעפט ער: דאָס שטיבל צוגעקליבן און ציכטיק־ריין, דאָס בעט צוגעגלייט, פון אונטערן טיש אויסגעקערט, און אין ברענענדיקן אויוון זידט די אַלטע שוואַרץ פאַררויכערטע טיי־באַנקע. טרינקט ער טיי בײַם ברענענדיקן קאַניץ, וואָס אויפן טונקל באַלויכטענעם טיש, און שמייכלט נאָך אַלץ מיטן פריערדיקן שווײַגער־שמייכל. אים געפעלט עס. מעגלעך, אַז ער וואָלט איר איצט געזאָגט עפּעס אַ וואָרט, נאָר ער ווייסט ניט, ווי אַזוי מ'רופט זי. דערצו איז זי נאָך, משמעות, אַ שעמעוודיקע, זי זיצט די גאַנצע צײַט איינע אַליין אין קיך אַקעגן ־עם ברענענדיקן אויוון. אַז ער לעשט אוים דעם קאַניץ און לייגט זיך שלאָפן, זיצט זי נאָך אַלץ אין קיך. זי האַלט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און קוקט אינעם האַלב־אויסגעלאָשענעם אויוון.

פון דעמלט אָן רוקט דוד לייזער דאָס שכר־לימוד־געלט מער ניט צו זיך אין דער פאַרשמאָלצעוועטער זשילעט־קעשענע, ער לייגט עס אַוועק אין קיך אויפן אויסגעקרימטן פענצטערל. און ביילע העניע גייט מיט דעם אין מאַרק און קויפט דאָרטן, וואָס אַלע ווײַבער קויפן. איצט ווייסן שוין

*) איך האָב דוד לייזערן אַ ווײַב געבראַכט..

אויך אַלע ווײַבער, אַז זי איז אַ געשטיפּלטע. מ׳ווייסט אויך, אַז זי האָט אַ מאַן אַ לײַטישן, און מ׳פּרעגט בײַ איר:

— ווי מיינט איר, זיי זײַנען פריש אָט די פּיש?

זי ענטפערט מיט אַ קנאַפּן וואָרט, זי רעדט במעט קיינמאָל ניט. נאָר קאָכן קאָן זי דווקא, דער רוח האָט זי ניט גענומען. דער אַלטער דוד לייזער חידושט זיך ממש:

— אַפּנים דאָרט, בײַ דער גבירישער שנור, זיך אויסגעלערנט.

זיי שטופּן ביידע די לעפּל אין איין שיסל און קוקן ניט איינער צום אַנדערן, און ריידן ניט איינער מיטן צווייטן. נאָר איין מאָל טרעפט זיך:

ביילע העניע פּאַקט אין מאַרק אַ מציאה אַ קאַבאַק, אַ גרויסער געלער קאַבאַק, זי פּאַרטראָגט אים קוים אַהיים, אַזוי שווער איז ער, זי קאָכט אים מיט אַ סך פּוטער, מיט הירזש און מיט אַלע תגן, ווי מ׳קאָכט בײַ דער נגידישער שנור.

דער אַלטער דוד לייזער קומט פונעם דאַווגען, דערשמעקט דעם געשמאַקן דאַמף און חידושט זיך שוין אפילו:

— זע... פון וואַנען ווייסט „זי”, אַז איך האָב ליב קאַבאַק?

דאָס ערשטע שיסעלע, וואָס זי דערלאַנגט אים, בלײַבט ממש ניט אונטער זײַנע הענט. ניט ער עסט, ער שלינגט, און כאַפּט, כאַפּט; ער לעקט די גלאַנציק נאַסע פינגער און זוכט געשווינט מיט די אויגן, ער וויל נאָך, נאָך. זי דערלאַנגט אים דאָס צווייטע שיסעלע, דאָס דריטע, און ער כאַפּט אַלץ. איצט רעדט ער אויס צו איר צום ערשטן מאָל אַ וואָרט:

— אַ טײַערער מאכל, זאָגט ער, אַ ווױלער קאַבאַק.

בײַ ביילע העניען רויטלט זיך דאָס געשטיפּלטע פּנים. זי מוז אוועקגיין אַ ווײַלע אין קיך. צום ערשטן מאָל דערפילט זי גליק, און ס׳פּאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ. נאָר אין אָוונט הייבט אים אָן שלעפּערן פריער, ווי אַלע מאָל, און ס׳וואַרפט אים אַרײַן אין אַזאַ קעלט, אַז זי מוז אים צודעקן מיט ביידע איבערבעטן. ס׳כאַפּט בײַ אים דער מאָגן. בײַנאַכט האָט ער אַזעלכע ווייטיקן, אַז ס׳לויפן זיך אָן אין שטוב אַלע אַרומיקע שכנים. מ׳לייגט אים וואַרעמע פּאַקרישקעס צום בויך און הייסע פלעשער צו די פּיס. מ׳רופט דעם פעלדשער, וואָס קלאַפּט אים מיט די קאַלטע פינגער אין הייסן בויך און קוקט אים אין פּנים אַרײַן, ווי אַ באָק. מיטן טאָגליכט זאָגט מען, אַז ס׳איז אים געוואָרן גרינגער: ער איז אַנדרימלט געוואָרן. נאָר מיט אַ שעה שפּעטער ווערט פון ס׳נײַ אַ גוואַלד; מ׳צינדט אָן אַרום אים ליכט, און פרומע יידן קומען מיט נאַסע פּיאות פון מקווה און זאָגן אַרום אים עפּעס פון גראָבע סידורים. דוד לייזערס שווענערן

קיילע מלכה ליגט אײַן די וועלט. אַז מ׳טראָגט אים אַרויס פון שטוב אויף דער קורצער שמאָלער מיטה, רײַסט זי זיך מיט אַלע כוחות און וויל נאָכלויפן מיט אַלע בעלי־בתים נאָך דער לוויה. ווײַבער רײַסן זי קוים אַרײַן צוריק און בלײַבן מיט איר דאָ אין שטוב, מ׳רעדט אַלע אין איי־נעם. און ביילע העניע בלײַבט נאָך אַלץ איינע אַליין אין קיך, און אירע שולדיקע אויגן שעמען זיך צו קוקן מענטשן אין פּנים אַרײַן.

VI

פון דעמאָלט אָן וווינען דאָ אין שטוב דוד לייזערס שוועגערן קיילע מלכה מיט איר מאַן יויזעפן, און זי, ביילע העניע, וווינט בײַ זיך אין קיך. אין ווינקל, וואָס לעבן אויוון, וווינט זי.

איטלעכס מאָל, וואָס אין צווייטן נאָענטן אַלקער שעפּטשען זיך מאַן און ווײַב, טוען בײַ איר דאָ אין קיך אַ בלאָנדזשע אויף רעכטס און אויף לינקס די שולדיקע קאָסע אויגן, און די אויערן אירע שטרענגען זיך אָן און הערן זיך אײַן. זי האָט מורא, אַז מ׳וויל זי פון דאַנען אַרויסטרײַבן. קיינער ווייסט ניט, פון וואָס זי לעבט; מ׳זאָגט, זי האָט אַ קניפּל, זי האָט עס אָנגעקליבן נאָך דאָרטן בײַ דער נגידישער שנור, ווו זי האָט פון תמיד אָן געדינט.

ס׳קומט ראש־חודש אלול אין דער פרי, מ׳דאַוונט אָפּ אין ביידע בתי־מדרשים, גייט זי, ווי אַלע ווײַבער, אַרויף אַ באַרג צום בית־עולם אויף קבר־אבות.

זי איז נאָך אַלץ אַ שווײַגערן, אַ קליינע, אַ ביינערדיקע, ווי אַ מאָ־גערע הון. זי באַהאַלט אויס דאָס געשטיפּלטע פּאָקן־פּנים אונטערן ווײַסן קאָפּ־טיכל, און אירע שולדיקע קאָסע אויגן שעמען זיך דערביי צו קוקן מאַנסבילן אין פּנים אַרײַן.

אויפן בית־עולם קומט זי איינע אַליין מיט ווײַטע אויסבאַהאַלטענע שטעגעלעך. זי זיצט לאַנג אונטערן פּאַרקאַן, קוקט זיך אַרום מיט די קאָסע אויגן פאַרזיכטיק, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער נאַכטפויגל, שטשיפּעט אַרום זיך איינציקע גרעזעלעך און הערט, ווי וויינענדיקע ווײַבער קענג־איבער דעם פּאַרקאַן לייגן איין די וועלט, זיי רײַסן דאָרטן די קברים פון זייערע געשטאָרבענע מאַנען.

אויפן בית־עולם ווערט סוף־כל־סוף שטיל. פאַרוויינטע ווײַבער גייען זיך פאַנאַנדער, און דער אוהל איז שוין אויך צוריק געשלאָסן; דער גאַנצער פרימאָרגן, די פרי אָפּגעדאַוונטע קליינשטעטלדיקע בתי־מדרשים, מיטן

ציטעריקן קול פונעם ערשטן וואַכעדיקן שופר־בלאָזן, דאָס אַלץ, דאַכט זיך, איז שוין געווען אַזוי לאַנג, לאַנג. דעמאָלט שפּאַנט זי אַריבער דעם בית־עולמדיקן פּאַרקאַן און שטייט איינע אַליין שעהנלאַנג צווישן די פּאַרלאָזטע מצבות. זי שטייט אַקעגן דוד לייזער דעם מלמדס קבר און האָט אים ניט, וואָס צו זאָגן, ער איז דאָך סך הכל דרײַ חדשים געווען איר מאַן. אַז זי דערמאָנט זיך אָן זײַן פּנים, זעט זי אים, ווי ער כאַפּט אָן אויפהער די שיסעלעך קאַבאַק, וואָס זי דערלאַנגט אים, ער שלינגט זיי הייסערהייט און האָט פעטע גלאַנציקע פינגער; ער זאָגט צו איר:

— אַ טײַערער מאַכל, אַ טײַערער קאַבאַק!...

איצט ליגט ער דאָ. צווישן די שענסטע ייִדן ליגט ער, זי קוקט לאַנג אויף זײַן מצבה און געדענקט אים שוין גוט. און פּלוצים הייבט זי אָן צו זינגען, ווי אַלע ווײַבער, מיט אַ טרויעריקן ניגון, און פּאַמעלעך אויסגעצויגן, ווי מ׳באַוויינט אַ טויטן:

— האָסט ליב געהאַט קאַבאַק... האָב איך דיר געקאָכט קאַבאַק...

אַרום רוישט שטיל דאָס יונגע בית־עולם־וועלדל. גרילן שפּרינגען אינעם הויכן, קיין מאָל ניט געשניטענעם, גראָז. אין דער לופט חלומט זיך נאָך אַלץ אַ זיפץ פון אַ וויינענדיקער ייִדענע, אַ ווידערקול פון דערווײַטערטע הייזעריקע צרות. מצבות פון קברים שטייען שורות־ווײַז, פאַרלאָזט. אַז מ׳קוקט אויף זיי, דוכט זיך, אַז זיי ווייסן עפּעס, זיי הערן. און צווישן זיי טראָגט זיך נאָך אַלץ ביילע העניעס שטיל וויינענדיק קול:

— האָסט ליב געהאַט קאַבאַק... האָב איך דיר געקאָכט קאַבאַק...

דער לעצטער ראש השנה

I

קיין שמאָל גרין באַוואַקסן דאָרף פון פאַרנט און קיין סימן ניט פון אַ געוועזענעם „קאַלוואַראַט״ בײַם אַרײַנפאָר. צווישן אַנדערהאַלבן צענדליק ייִדישע הײַזער, וואָס שטייען אין צוויי שורות אונטער אָפּגעבלאַקעוועטע טשערעפּענע דעכער, טוט זיך דאָרטן אַ נײַ געקומענע פור מיט אַמאָל אַ לאָז אַראָפּ פונעם פלאַכן נאַקעטן באַרג און שלעפּט זיך נאָכדעם פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אויף דעם לאַנגן גריבלדיקן ברוק.

אַ לאַנגע שורה ווערבעס בויגט זיך אין דער לינקער זײַט ברוק צום בלאָטיקן טײַכל צו, און אין דער רעכטער זײַט טרייסלען זיך גערולדיק דעם אַלטן גערצענשטיינס צוויי גרויסע מילן. זיי זײַנען תמיד פאַרשטויבט און דערמאָנען, אַז מיסטיפּקע איז קליין, און אַז גלײַכע ווערטלעך גייען אַרום אין דער סביבה:

— אָרעם, ווי אַ מיסטיפּקער גביר...

— פריילעך, ווי מיסטיפּקע אום שמחת־תורה...

— זיך אַביסל אַ לאָז געטאָן, ווי מיסטיפּקער בעלי־בתים קיין אַמעריקע...

יונגע סוחרים אין דער געגנט האָבן זיך די לעצטע צײַט געמאַכט אַ געוווינהײַט זיך לוסטיק צו מאַכן איבער אָט דעם קליינעם ישוב.

אין מיטן דער שטילער נאַכט, ווען נאָך אַ געלונגענעם יריד קומט זיי אוים דעם דאָזיקן מקום אַדורכצופאָרן, הייסן זיי צעשמײַסן די פערד,

שטעלן זיך אויף אַף דער בעל־עגלהשער בריטשקע און הייבן אָן צו שרײַען אַלע אינאיינעם און מיט אַלע כוחות:

— מיסטיפקע!!!

— מיסטיפקע!!!

— מיסטיפקע!!!

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז איבער די דאָזיקע בײַנאַכטיקע קולות, איז אַ ייִד אַ בעל־הבית אַרויסגעלאָפן אין די תחתונים אין גאַס, ער האָט גע־מיינט, אַז מיסטיפקע ברענט.

ס'האָט זיך אויך געטראָפן, אַז אַ האַלב נאַקעטע ייִדענע האָט גלײַכ־גילטיק ניט געקאָנט אין בעט אײַנליגן; זי איז געשווינט פון איר שטוב אַרויסגעשפּרונגען און האָט גענומען נאָכשרײַען די פרעמדע יונגעלייט אַפן קול:

— מיסטיפקע גיט אײַך אַ פּײַג!!!

שוין לאַנג איז דאָס געווען.

איצט איז מיסטיפקע שוין לאַנג געוווינט סײַ צו דער אייגענער גע־פאַלנקייט, סײַ צום בזיון, וואָס הערט זיך אין די בײַנאַכטיקע קולות. זי צאַנקט פון טאָג צו טאָג און וואַרט געדולדיק אַף גראָבע בריוו פון אַמעריקע. ס'איז מער ניט, מען האָט ניט וואָס צו טאָן, און קיין לַמדנים איז מען אויך ניט, גייט מען אַמאָל אַרום אינעם געוועזענעם מאַרק, וווּ עס נודעט זיך נאָך אין איר פּוסטן קלייטל סך הכל איין פאַראַרעמטע קרעמערן, און מען שמועסט וועגן דעם געוועזענעם רב, וועמען מ'האָט שוין פון דאַנען לאַנג אין אַ פרעמדער שטאָט צוגענומען, און וועגן דעם יונגנמאַן, דעם היגן שוחט, וועלכער קנעלט שוין דעם צווייטן זמן ערגעץ אין אַ ווײַטלעכן דאָרף.

II

באַלד נאָך שבועות האָט אין עק שטעטל ביזן גרונט אָפּגעברענט הינדע דער אַלמנהס שטוב. דאָס איז געווען אַ לאַנגע שטוב, וואָס איז ניט געשטאַנען, נאָר געלעגן אויסגעצויגן אַפן בויך און האָט געגנאַרט צו זיך די גויים, וואָס האָבן אין גערצענשטיינס מיל ווייץ געפירט; די שטוב האָט פון תמיד אָן צו זיך גערופן:

— אפשר אַ שנעפּסל, אַ?... אַ געשמאַקן פּאַרבײַס...

צום אַלטן גערצענשטיינען איז דעמאָלט פון טאָמסק געקומען צו גאַסט

זײַן ייִנגסטע שטאַרק רײַכע טאָכטער, רחל. בשעת די שטוב האָט געברענט, איז זי אַליין געשטאַנען ניט ווײַט פֿונעם פֿײַער; זי האָט געזען, ווי הינדע די אַלמנה לייגט אײַן די וועלט און שלאָגט זיך מיטביידע פֿויסטן אין קאָפּ; זי האָט די אַלמנה געטרייסט און האָט זיך נאָכדעם אײַנגעשפּאַרט שטאַרק און אײַזן:

— מען מוז דער אַלמנה צוריק אויפֿבויען די שטוב.

און עקשן איז אָט די רחל פֿון תמיד אָן געווען ניט קיין קלייניער; אַזוי, למשל, איז זי מחמת איר עקשנות זיך צעגאַנגען איבער אַ נאַרעשקייט מיטן באַוווסטן אַדוואָקאַט פֿון דער סביבה, וואָס פֿלעגט אָפֿט פֿאָרן צו זיי אין הויז, און האָט צו־להכעיסדיק געשווינט חתונה געהאַט מיט אַ יונגן טאָמסקער גביר, אַ ווילד פֿרעמדן סוחר.

זי אַליין האָט אויף דער שׂרפֿה געגעבן די ערשטע נדבה; אַליין איז זי מיטן פֿאָטערס אַלטינקן פֿאַעטאָן צוגעפֿאָרן אַכט וויאָרסט אין גרויסן וואַלד, וואָס צוויי פֿרעמדע סוחרים האָבן אים געהאַקט. זי האָט דאָרטן אַזוי לאַנג געטענהט, ביז איינער פֿון די סוחרים, אַ בחור און אַ שעמעוו־דיקער דערצו, האָט אָנגעהויבן נאַריש שמייכלען און האָט געזאָגט:

— נו, גוט, איך שענק האָלץ אויפֿן גאַנצן בנין.

זי האָט אויך אַליין בעלי־מלאכות געדונגען און האָט אַליין אַכטונג געגעבן, מען זאָל וואָס גיכער די ערשטע עקיקע פֿיר סלופּעס אין דער ערד פֿאַרגראָבן.

הינדע די אַלמנה איז נאָכגעגאַנגען פֿיס טריט די געדונגענע בעלי־מלאכות, געוויינט פֿון פֿרייד, קלויבנדיק די שפּענדלעך אין פּאָדעלעק אַרײַן, און דערבײַ געשיט אַלערליי ברכות אויפֿן אַלטן גערצענשטיינס „פֿאַרדײַטשטער" משפּחה.

אָבער סך הכּל אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, גערצענשטיינס טאָכטער איז שוין דעמאָלט געווען אוועקגעפֿאָרן צוריק קיין טאָמסק, זײַנען הינדען אָנ־געקומען פֿון אַמעריקע דרײַ שיפֿס־קאַרטעס מיט אַ גראָבן ניו־יאָרקער בריוו, וווּ איר ייִנגערע שוועסטער האָט אָנגעשריבן:

— מעגסט שוין זײַן זיכער: בײַ אונדז אין אַמעריקע וועסטו איה"ש גאָר אינגיכן אויפֿגעריכט ווערן...

דער אַלמנה האָט פֿון די ווערטער „אויפֿגעריכט ווערן" מאָדנע שאַרף פֿאַרשמעקט מיט חתונה האָבן, און די גאַנץ האָט בײַ איר פֿון זיך אַליין אָנגעהויבן פֿרום אונטערצושמאָרן, האָט זי געגנומען די בריוו מיט די שיפֿס־קאַרטעס און איז אַוועקגעגאַנגען וויינען צום אַלטן גערצענשטיינען אין הויף:

— וואָס זאָל איך טאָן, אז איך בין אַ געשטראָפּטע אַלמנה, און דער קאָפּ איז קליין?... וואָס ווייס איך? מען שרײַבט מיר: — קום צופאָרן, וועסטו איה"ש אינגיכן אויפגעריכט ווערן...

דער אַלטער גערצענשטיין, אַן אַמאָליקער אײַנגעהויקערטער „דײַטש" מיט אַ גרוי זקניש אונטערגעשוירן בערדל און מיט אַ בייזלעך פאַרקרימט געל־וואַקסן פּנים, האָט איבער עפּעס מורא געהאַט די שיפס־קאַרטעס מיטן בריוו אין די הענט צו נעמען. ער איז געשטאַנען אַקעגן דער ייִדענע אײַנגעהויקערט און פאַרקרימט, געצמאָקט די אַרײַנגעשטעלטע ציין פון נאָכן עסן און האָט הארציק באַדויערט:

— אַי, אַי, אַי, ווידער קיין אַמעריקע... אַי, אַי, אַי...

איטלעכע פרעמדע נסיעה קיין אַמעריקע האָט אים דאָ אין שטעטל איבער עפּעס געשראָקן און האָט בײַ אים אַרויסגערופן צי אַן אומצופרידנ־קייט, צי אַ פאַרדראָס:

— וואָס פליען זיי אין אַמעריקע, וואָס?

גלײַך ס'האָט ענדלעך געקאָנט קומען דערצו, אַז אויך ער זאָל דאָ אויף דער עלטער מוזן פאַרלאָזן זײַנע מילן און אַליין אויך אַהין אַוועקפאָרן.

פון עגמת־נפש האָט ער זיך נאָך דער אַלמנהס וויזיט געפּרוווט צו־ליגן, נאָר אַנטשלאָפן ווערן ניט געקאָנט, זיך סוף־כל־סוף אָנגעטאָן אײַנעם מאַנטל מיטן הענג־קאַלנער און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין די מילן. דאָרטן איז ער לאַנג געזעסן אין קאַנטאָר אַקעגן יונגן בוכהאַלטער, וואָס לאָזט לעבן זיך לאַנג קילן די גלאָז טיי, און שרײַבט איבער פון איין גראָבן בוך אין אַנדערן. פון היסח־הדעת וועגן האָט דער אַלטער עטלעכע מאָל אַרויסגענומען פון מויל די פרעמדע ציין, זיי אויסגעווישט, צוריק צום גומען צוגעקלעפּט; ער האָט אונטערגעהויבן די אַקסלען:

— אַט זאָל דער בוכהאַלטער אַזוי גוט זײַן און אים זאָגן פּשט. מען פאָרט שוין ווידער קיין אַמעריקע... ער וואָלט נאָר אַ בעלן געווען צו דערגיין דעם שכל: וועלכער כוח שלעפּט זיי אַהין אַזוי משוגענערווײַז?...

דער בוכהאַלטער, אַ יונגער בחור מיט מיידלש פאַרביקע בעקלעך, וואָס איז פאַר דער צײַט פון זײַן גרויסשטעטיק עקסטערן לעבן געוואָרן צי אַ ציוניסט, צי אַ טעריטאָריאַליסט, רוקט פאַמעלעך צו זײַן אויסגע־קילטע גלאָז טיי און רעדט שעמעוודיק, ווי ס'פּאַסט אין דער אַנוועזנהייט פונעם בעל־הבית, ער שמעלצט זיך פון גרויס נחת.

— יעדער ייִד, זאָגט ער שעמעוודיק און קוקט ניט צום אַלטן, יעדער ייִד, וואָס פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, איז בײַ מיר ווי אַן אַסיגנאַציע, ווי געלט

פּאַפּירן, וואָס מען באַהאַלט אין אַ זיכערער באַנק. דאָ אין רוסלאַנד איז מען דאָך ניט זיכער מיטן לעבן, סוף־כּל־סוף וועט מען דאָ אויסקוילן אַלע ייִדן.

ער אַליין האָט שוין איבערגעפּעקלט קיין אַמעריקע זײַן מוטער די אַלמנה, זײַנע עלטערע צוויי פאַרזעסענע שוועסטער און זײַנע צוויי קלענערע ברידערלעך; איצט האָט ער שוין בײַ זיך אַ סך עמיגראַנטן־קאַלענדאַרן מיט אַלערליי אַמעריקאַנער ידיעות און איז מיט דעם באַוווסט אויף דער גאַנצער געגנט. ייִדן פון מיסטיפּקע און פון די אַרומיקע שטעטלעך קומען צו אים אַהער אין מיל נאָך ידיעות. פאַרברענגט ער דאָ מיט זיי גאַנצע שעהן און רעדט זיי צו:

— וואָס פרעגט איר? פאָרט. אַז וויל און גוט וועט זײַן צו אײַך.

דער אַלטער גערצענשטיין שרעקט זיך פאַר זײַנע רייד. ער איז מיט אים ניט מסכּים און קרימט אים נאָך:

— אויסקוילען... אויסקוילען... מען מאַכט זיך אַליין אָן אַ פּחד. ייִדן, געפינט ער, דער אַלטער, וועט אין ערגעץ ניט גיין אַזוי גוט, ווי דאָ אין רוסלאַנד.

אָבער די וויינענדיקע אַלמנה הינדע איז צו אים אין הויף אַזוי לאַנג געגאַנגען און האָט אים דאַרטן אַזוי לאַנג דערעסן מיט די ווערטער „אויפגעריכט ווערן", ביז ער איז אין כּעס געוואָרן. ער האָט מיט זײַנע געל־וואַקסענע הענט די פּײַער־קאַסע אויפגעשלאָסן און האָט איר מיט גרויס עקל אָפּגעגעבן דעם קאַנווערט מיט די הונדערט פופציק רובל, וואָס זײַן ייִנגסטע טאָכטער האָט דאָ און אין טאָמסק פאַר איר צונויפגעזאַמלט. די ייִדענע איז טאַקע אין גיכן אין איינעם מיט אירע צוויי ייִנגלעך קיין אַמעריקע אַוועקגעפאָרן, און דאָ אין שטעטל האָט זי ניט מער ווי איינעם אָן אָנדענק וועגן זיך געלאָזט: פיר גלײַכע אַרומגעטעסעטע סלופּעס האָבן געשטעקט אין אַלע פיר ווינקלען פון איר ביז דער ערד אָפּגעברענטער שטוב, געשטעקט מאָדנע פאַריתומט און נאַריש און ניט געהאַט אויף זיך קיין בעל־הבית.

ערשט שבת־ראש־חודש, ווען מען האָט זיך, ווי תמיד, בײַם אַלטן גערצענשטיינען אין קלייזל ראש־חודש בענטשן צונויפגעקליבן, האָט מען זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט:

— ס'איז פאַראַן פּונקט אַ געציילטער מנין, און ס'פעלן פּונקט הינדע דער אַלמנהס צוויי ייִנגלעך.

III

אַף דער ריַי — פאַרן קיין אַמעריקע — איז שוין דערוויַיל אין מיסטיפקע געשטאַנען מלך סטעלמאַך, אַ יונגער, קרעפּטיקער, געראַטענער און תמיד שטרענגלעכער בעל־מלאכה, וואָס האָט אָקאָרשט צוריק מיט אַ יאָר אָפּגעקויפט ביַי זיַין שווערס יורשים די שטוב און איז געוואָרן ביַי זיך אַ מיוחס. די אַרומיקע פּריצים האָבן אים ניט אַנדערש אַהער אַהיים זייער אַרבעט געמוזט צושיקן.

נישקשה, פּרנסה האָט אָט דער מלך סטעלמאַך געהאַט, קיין גרויסער בעל־הוצאה איז ער אויך ניט געווען, שכל געהאַט דאָ אין מיסטיפקע אַ רובל אָפּצולייגן און מיטן וויַיב האָט ער דווקא אָפּן שטרענגן אופן גוט געלעבט און האָט זי שטענדיק גערופן צונעמען ביַי די קונים דאָס פאַר־דינטע געלט; ער האָט צו איר בייזלעך געשריגן אין שטוב אַריַין.

— יוכבד! גיי, נעם צו ביַים דבר־אחר די פּירערס.

ער האָט געגלויבט, אַז אינעם געלט, וואָס פאַלט אַריין גליַיך צו יוכבדן אין די הענט, קומט אַריַין די ברכה.

פאַלט אָבער אָט דעם יאָט פּלוצים אַריַין אַ משוגעת אין קאָפּ אַריַין, אַז ער איז דאָ עלנט, ווי אַ שטיין; אַז וויבאַלד זיַין פעטער איצע מיט די פיר בנים זיַינען שוין אַלע אין אַמעריקע און דעם שווערסביידע זין זיַינען שוין אויך דאָרטן, און ער האָט דאָ ניט שבת און יום־טוב צו וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן, צוליב וואָס זשע טויג אים דאָ זיַין שטוב מיטן גאַנצן פאַרמעגן און מיטן געלט, וואָס ער קלייבט אָן?

אָנגעהויבן האָט זיך מיט אים די דאָזיקע משוגעת נאָך באַלד נאָך פּסח, ווען קיין אַמעריקע איז אַוועקגעפאָרן זיַין שכן, פּיניע דער סאַרווער. דאָס איז געווען אַ הויכער, דאַרער און אַביסל איַינגעהויקערטער ווערטל־זאָגער מיט אַ כלי־זמרש אונטערגעצופּט בערדל און מיט צוויי לאַנגע הענט, אָן וועלכע קיין נגיד פון סביבה האָט זיך ניט איַינגעשטעלט אַ חתונה פּראַווען.

צוויי טעג פאַרן אַוועקפאָרן האָט פּיניע דער סאַרווער זיך געקויפט אַ האַלב טוץ שאַליאַוועקעס און האָט זיי צעשניטן מיט מלך סטעלמאַכס זעג אַף קליינע שטיקלעך. ער האָט דערביי געשיט אַלערליי קללות אַף שונאי־ישראל און האָט פאַרשלאָגן די פענצטער פון זיַין שטוב, וואָס אַף איר האָט זיך דאָ אין מיסטיפקע שוין קיין קונה ניט געפונען. אַזאַ מין גוואַלדיקער פּחדן איז שוין אָט דער פּיניע סאַרווער געווען און אַזוי

אומרויִק איז ער געווען די גאַנצע צייַט, זינט אים האָט ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט דער פּאָגראָם פאַרכאַפּט.

מלך סטעלמאַך האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט מאָדנע, געשטאַנען בייַ דער אַרבעט הינטער פּיניעס פּלייצעס און צוגעקוקט, ווי פּיניע מאָלט זיך אויס, אַז אימלעכס ברעטל איז אַ לעבעדיקער פּאָגראָמשטשיק; ער האַלט זיי אין איין שעלטן, בעת ער קלאַפּט זיי צום פענצטער:

— נאַ דיר אַ משוואָק אין קאָפּ, וואַנקע ממזר.

— האָב דיר אַ קרענק אין די ביינער, כוליגאַנטשיק... אָט אַזוי; ווער באַגראָבן.

צוויי פענצטער האָט ער אַזוי פאַרקלאַפּט פון אויבן ביז אַראָפּ, נאָר בייַ די איבעריקע האָט ער פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגערוקט דאָס היטל און פאַרטראַכטערהייט מכבד געווען זיך אַליין מיט די אמתע עטלעכע קללות:

— פּיניע סאַרווער, טיפּש דו איינער, לאַנגער סטראָץ! צוליב וועמען פאַרקלאַפּסטו די פענצטער? די כוליגאַנטשיקעס ווילסטו דאָס אַ שיינע ירושה לאָזן?

און נאָכדעם האָט ער שוין פון אַמעריקע אָנגעהויבן שיקן צו מלך סטעלמאַך אָפטע ליבע בריוולעך. צו וואָס האָבן אים די בריוולעך גע־נוצט? גלאַט אַזוי. ער האָט דאָרטן אין אַמעריקע פריילעכע און רויִקע ימים־טובים געהאַט, און גוט איז אים דאָרטן אויך געווען, ווי אַ גוי, האָט ער געוואָלט אויך אַהער, אין דער אַלטער היים, טרעפן מיט זייַנע גלייַכ־ווערטלעך:

— מלך זשאַבע, באַקום די כאַראָבע. דייַן מיסטיפּקע שטייט דאָך פּשוט אין דרויסן.

און נאָך:

— ס'לאָזט דיר פון דאַנען גריסן דייַן פעטער איצע און בעט דיך, זאָלסט פאַר אים פאַרשלאָגן אין ראָד אַ שפּיצע.

קאָן מלך סטעלמאַך אַזוי אין מיטן הייסן זומער־טאָג שטיין אין דרויסן בייַ דער אַרבעט, דרעלעווען אַ קלעצל אָדער אַרויפשלאָגן אַן אָבוד, און פּלוצים זאָל אים באַפאַלן עפּעס סתם אַ בענקשאַפט, און זייַן גאַנצע מלאכה זאָל אים מיאוס ווערן, און דעם שטערן זייַנעם זאָל באַ־שלאָגן אַ שווייס. צום אָנהייב מיינט ער, אַז שולדיק איז אין דעם זייַן עלפיאָריק מיידעלע, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום באָרוועס און זוכט עפּעס צווישן די שפּענער. ער הייבט אָן צו קוקן אָפן קינד קרום, שטעלט אַן אויף דעם מיט רציחה זייַנע בייזע טונקל־רויטלעכע אויגן און טוט אויף דעם

מיט אַמאָל אַזאַ געשריי מיט זײַן קלינגענדיקער ברוסט־שטימע, אַז דאָס קינד ווערט אַזש פאַרציטערט:

— ווי אַזוי קלייבסטו די שפּענדלעך, ווי אַזוי?

ס׳דוכט זיך, אַז קוקנדיק אַפן קינד מיט די רציחהדיקע אויגן, ווערט ער דעם באַלד וואָרפן אין קאָפּ אַרײַן די האַק, צי דעם עקבויער. ער טוט אויס דעם פאַרטעך, וואַרפט אַוועק דאָס געצײַג פון האַנט און גייט אַרײַן אין שטוב. דאָרטן האָט ער זיך ניט ווו אַהינצוטאָן. ער קוקט מיט שלעכטע אויגן אַף די צוויי נײַע הילצערנע בעטן און וויל זיך עפּעס געפינען מיטן ווײַב, וואָס קלײַבט איבער פּאַסאָליעס אַף וועטשערע:

— ווען ניט זי, דאָס ווײַב זײַנס, וואָלט ער דאָך אָט די בעטן ניט געוועהן געקויפט.

נאָר דאָס ווײַבל איז פון תמיד אָן אַ שווײַגנדיקס, אַ שטילס. זי קוקט זיך אַפילו צו אים נישט אום. נעמט ער סוף־כל־סוף אַרויס פון שופלאָד דעם פעטער איצעס צוגעשיקטע קאַרטע און באַטראַכט זי:

אַן אַלטער גרײַז־גרויער און קלוגער ייִד, און אַן אַמעריקאַנישן צילינדער־הוט טראָגט ער שוין, שמייכלט גוטהאַרציק, ווייך און וויל, דוכט זיך, זאָגן:

— טו איך שוין, הייסט עס, אַליין גאָרנישט... אַף מיר אַרבעטן שוין די קינדער...

מלך סטעלמאַך גייט אַרויס צוריק אין דרויסן און נעמט זיך ווידער צו זײַן אַרבעט. באַפאַלט אים אָבער באַלד נאָכאַמאָל די בענקשאַפט, נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן. ער ווערט זיך אַליין מאָדנע מיאוס און אין קאָפּ הערט זיך אים דערבײַ ניט אויף צו דרייען:

— ס׳לאָזט דיר גריסן דײַן פעטער איצע און בעט דיך, זאָלסט פאַרשלאָגן פאַר אים אין ראָד אַ שפּיצע.

טוט ער סוף־כל־סוף אָן אַף זיך דאָס וואָכעדיקע ליכטיקע כאַלאַט און גייט אַוועק אין מאַרק אַרײַן צו אסתר חיה דער קרעמערן. ער מאַכט מיט איר אַ שמועס וועגן איר איבערפאָרן קיין אַמעריקע:

— נו, וואָס הערט זיך? פרעגט ער בײַ איר, איר קלערט טאַקע אַמאָל פאָרן?

ענטפערט זי אים אָבער אַזוי פּאַמעלעך און קאַלט. זי איז אַ פאַרשווארצטע און גרוילעכע און פאַרשפּרייט אַרום זיך תמיד אַזאַ ריח, גלײַך זי האָט נאָרוואָס געסמאָלעט הינער.

— וואָס דען? זאָגט זי, איך וועל ניט פאָרן?

אַליין קויפט זי שוין ניט פון נאָך פּסח אָן קיין נײַע סחורה. איר

האלב־פינצטער קליטל ווערט פון טאָג צו טאָג פוסטער, און דאָס יינגל אירם, דער בן־יחיד, וואָס האָט געוואָלט עקזאמען האלטן, האָט זיך שוין צוליב אמעריקע צום פריזיוו ניט געשטעלט און קנעלט דערווייל אין א נאָענט דאָרף. נאָר איילן איילט זי נישט, און קומט צו איר אריין א גויע, וואָס האָט הינער צו פארקויפן, פארגעסט זי לחלוטין אָן אים, מלך סטעלמאך, און אָן גאנצן שמועס וועגן אמעריקע. זי פארקרימט דאָס פנים פון גרויס אינטערעס צו דער נייער קניה, קראַצט זיך אונטערן קאָפּ־טיכל און האלט די גויע אין איין גודען:

— סקילקי זשע דאַמע, נו?... וויסים הריוון דאַטע?*)

מלך סטעלמאך פאַרדריסט עס שטאַרק. ביז דער לעבער. ווען אָט די יידענע זאָל זיין זיין ווייב אָדער כאָטש א קרובה, וואָלט ער זי מכבד געווען מיטן אמתן „מי שברך”. אומצופרידן גייט ער פון דאָרטן אוועק אין מיל אריין און האָט מורא צו באַגעגענען זיך דאָרטן מיטן אלטן גערצענשטיינען. אלע ווייסן:

דער אלטער גערצענשטיין האָט ניט ליב, אז מען פאָרט קיין אמעריקע.

און אין א ווײַלע אַרום שטייט ער שוין דאָרטן פאַרן יונגן בוכהאל־טערס טיש, קוקט ווי יענער דרייט די טיי מיטן לעפעלע און הערט, ווי ער זאָגט:

— פאָרן קאָן מען דורך ברעמען און דורך ליבוי, שיפן גייען אָפּ צוויי מאָל א וואָך. און פאַר אגענטן דאַרף מען זיך היטן, ווי פאַרן מלאך המות.

IV

אין א פאָר חדשים אַרום האָט מלך סטעלמאך, פונקט ווי פיניע דער סאָרוועער, פארשלאָסן די פענצטער פון זיין שטוב און האָט זיך נאָכאַמאָל גוט אויסגערעכנט, דורך וואָסער א וועג צו פאָרן.

דער בוכהאלטער אליין האָט פאַרן פאָרן אים און דעם ווייב זיינעם אין די אויגן אריינגעקוקט און האָט אים מוט צוגעגעבן:

— מאָלאַדצע, ריין ווי גאָלד, נו, אַרויף אַפּן וואָגן און היידע, אוועק...

און אליין איז ער נאָך אין איינעם מיט עטלעכע ווייבער נאָכדעם געשטאַנען ביי דער פאַרלאָזטער שטוב און האָט מיט די אויגן די פור באַגלייט. דאָס האַרץ האָט, אפנים, אין אים געשפּרונגען פון גליק, האָט

*) וויפל זשע גיט איר? אכט גילדן גיט איר?

ער פרייליך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די אַקסלען איינעם אַ נאָענט שטייענדיקן בחור און אים טרייסלען אָנגעהויבן:

— נו, אבא, ווען פאָרסטו?

דער אַלטער גערצענשטיין האָט וועגן דעם טאַקע אַ שטיק צײַט ניט געוווּסט.

נאָר אין גיכן זײַנען אין איינעם אַ קילן שבת־צו־נאַכטס אויסגעפאַלן די ערשטע סליחות. אַרום האַלבע נאַכט האָט מען זיך צום אַלטן גערצענשטיינען צונויפגעקליבן אין קלײַזל און מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט:

— ס׳גייט אָפּ צו אַ מנין טאַקע אָט דער מלך סטעלמאַך און נאָך איינער אַן אָרטיקער ייִד אַ חזן, וואָס האָט זיך, אַלע יאָר, ערגעץ־וווּהין פאַרדונגען אויף ימים־נוראים.

ייִדן זײַנען געשטאַנען מיט שעמעוודיק־שמייכלדיקע פּנימער און האָבן זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט, ווי יום־טובניקעס:

— וווּהין קלערט מען, אַשטייגער, פאָרן אויף ימים־נוראים?

אַ פרעמדער סוחר, וועמען ס׳איז צופעליק אויסגעקומען אויף מאָרגן צו זײַן דאָ אין די מילן, האָט עס נאָכדעם אינעם היפּשן ווײַטלעכן שטעטל צעפּויקט:

— גרייט צו עליות, מיסטיפּקע פאָרט צו אײַך אויף יום־טוב.

און דער אַלטער גערצענשטיין, דער אַמאָליקער דײַטש, האָט זיך נאָך אַלץ עפּעס ווי ניט ווייסנדיק געמאַכט און האָט קיין הכנות ניט אַרויסגעוויזן.

צי האָט ער געקלערט, אַז אימעצער אין שטעטל וועט פאַלן אויפן שכל און וועט פון ערגעץ אַראָפּברענגען אויף ימים־נוראים אַ פּאָר געדונגענע ייִדן?

צי, אפשר, האָט ער זיך גלאַט אַזוי ניט געגלויבט, אַז זײַן קליין שולכל זאָל שטיין אום ימים־נוראים פּוסט, און האָט זיך סומך געווען אויף אַ נס?

אָקאָרשט ערב ראש־השנה, ווען צו זון זעצן זיך איז שוין געבליבן ניט מער, ווי אַ פּאָר שעה, האָט ער געהייסן דעם פּאַעטאָן שפּאַנען, זיך אַרײַנגעזעצט אין אים אַ ברוגזער, אײַנגעהויקערטער און וואַרעם אָנגעטאָענער און איז ערגעץ־וווּהין די מיסטיפּקער בעלי־בתים אויף יום־טוב נאָכגעפאָרן.

אין מיסטיפּקע זײַנען געבליבן ניט מער ווי אסתר חיה דער קרעמערנס ייִנגל און גערצענשטיינס בוכהאַלטער. דער ערשטער דערפאַר, וואָס

צוליב אַמעריקע האָט ער זיך צום פּריזיוו ניט געשטעלט, באַוויזן זיך אין שטעטל איז פאַר אים געווען אַ סכנה, און דער בוכהאַלטער, גלאַט אַזוי. קיין איבעריק פרומער איז ער דאָך פון תמיד אָן ניט געווען. חוץ דעם, האָט ער געהאַט נאַרעשע געדאַנקען אין קאָפּ:

— כּדאַי, האָט ער געזאָגט, צו זען, ס'אַר אָן אויסזען האָט אום ראש־השנה אַ פאַרלאָזט שטעטל מיט צוויי פוסטע געשלאָסענע בתי־מדרשים.

ס'האָט זיך גענומען זעצן די ערב־ראש־השנהדיקע אייליק פרומע זון. דער בוכהאַלטער האָט אָפּגעגעבן אַ פּאָר באַפעלן אין די מילן, וואָס האָבן באַלד אָן זיין השגחה שוין אַף גאַנץ ראש־השנה זיך גענומען טרייסלען, און אַליין האָט ער פאַרשלאָסן די קאַנטאָר און איז אַוועקגעגאַנגען איינער אַליין איבערן שטעטל. ס'איז דאָרטן דורכויס געווען שטיל און פּוסט. אַף טירן פון געשלאָסענע הייזער זיינען געהאַנגען שלעסלעך. דאָ און דאָרטן האָבן הינער אַרומשפּאַצירט, ווי אַף די שפּיץ פינגער, ניט געגלויבט דער שטילקייט, אויסגעצויגן ווי זוייט מעגלעך די קעפּלעך און געוואָרפן איבערגעשראָקענע בליקן אויף רעכטס און אויף לינקס. אין איינער אַ פאַרשלאָסענער שטוב האָט מען פאַרגעסן אַריינלאָזן די קאַץ. זי האָט זיך דאָרטן געהויקערט ביי דער טיר און אומעטיק געמיאוקעט.

דער בוכהאַלטער איז צוגעגאַנגען צו דער קרעמערנס אויסגעלאָשענער שטוב און האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער:

— ברוך, קום אַרויס אַביסל.

און די בחורים, וואָס האָבן זיך אַמאָל ביידע צו די עקזאַמענעס גע־גרייט, זיינען געגאַנגען ביידע אַרויף דעם באַרג, צווישן דעם פאַרלאָזטן מיסטיפקע, געגאַנגען פּאַמעלעך און געשמועסט מכּוח זיך, מכּוח פאַרלאָז־טע שטעט און מכּוח ייִדן:

— אָט אַזוי באַדאַרפן דאָ בלייבן אַלע שטעטלעך; מען דאַרף זיי וואַכן... פּשוט וואַכן.

און ביידע האָבן דאָך געפילט אַ נאַגנדיקע חרטה, אַ חרטה פאַרן שטעטל, אַ חרטה אַף זיך אַליין, אַלעמאַי זיי זיינען דאָ געבליבן און אין ערגעץ אַף ראש־השנה ניט געפאָרן, און געשוויגן האָט זיך מאָדנע אומע־טיק, בענקנדיק.

דאָרטן פון אויבן, אין עק באַרג, לעבן די פיר סלופּעס, וואָס האָבן געשטעקט אין הפקר געלאָזטן פּלאַץ פון הינדע דער אַלמנהס אָפּגעברענטער שטוב, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, און דער בוכהאַלטער האָט באַמערקט דאָס גראָז, וואָס הייבט אָן דעם פּלאַץ צו באַוואַקסן.

— זע נאַר, זע נאַר, האָט ער געזאָגט, גראָז, ווי אױף אַ בית־עולם, אױף אַ קבר.

און פּלוצים האָט ער זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט זיך אַװעקגעשטעלט מיטן פּנים קײן מזרח, זיך פֿאַמעלעך פֿונאַנדערגעשאָקלט און האָט פּלוצים אָנגעהױבן צו דאַװנען מיט אַ טרױעריקן נוסח פֿון ראש־השנה:

— ה׳ צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה.

— ה׳ צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה.

ס׳איז געװען שטאָק־נאַכט, און ס׳האָט ערגעץ־װוּהין אַװעקגעברענט אַ װײַטער עק הימל. װײַט װײַט, רעכטס פֿון פּוסט פֿאַרלאָזענעם מיסטיפֿקע האָבן זיך אַװעקגעצױגן די ברײטע ניט געאַקערטע שמיטה־פֿעלדער און האָבן ערגעץ־װוּ דערגרײכט אַ װײַטלעך שטעטל מיט אַן איבערפֿולט באַלױכטענעם בית־מדרש, װוּ ס׳האָבן פֿרום געדאַװנט און תּשובֿה געטאָן ראש־השנהדיקע שימערירנדיקע ייִדן. װײַט איז געװען אַהין, צו יענעם שטעטל, און פֿון אונטן, בײַם בריק, זײַנען שױן באַלױכטן געשטאַנען דעם אַלטן גערצענשטײנס בײדע מילן און האָבן װאָכעדיק זיך געטרײסלט, געטרײסלט.

יורדים

I

אַז צביהן, דער קלענערער און בייזערער פון די צוויי פאַרזעסענע שוועסטער פוזים, עסט זיך איין דאָס אַלטע אָפּגעקומענע לעבן, הערט זי אויף צו עסן, צו טרינקען און צו וואַשן דאָס פּנים. עטלעכע טעג כסדר דרייט זי זיך אַרום אין אונטערשטן קליידל מיט אַ וואַליטשקן שאַלכל אַפן צעשויבערטן קאָפּ, און ראַמט אין אַלע חדרים און איבערהויפּט אין דער גרויסער פוסטער זאַל, ווישט שמיידיק דעם שטויב פון די ווענט, פונעם באַלקן און פון יעדן פאַרגעלטן בלאַט, וואָס אַף די אַלטע הויכע פיקוסן, זי אָטעמט דערביי שווער דורך דער נאָז, ענטפערט ניט אַף קיינעמס ווערטער און ווערט שטאַרק אין כעס, אַלמאַי מ׳רופט זי אין עס־צימער אַריין עסן.

אַקעגן אַ פּאָר מעת־לעת פּאַסט זי אַזוי אָפּ אָן אַ ביסן אין מויל, אָן אַ וואַרעם גלעזל טיי אַפילו, נאָר סוף־כל־סוף וואַלגערט זי זיך איין אין בעט אַריין, ס׳שטייט די גאַנצע צייט באַ איר אין צימער ניט צוגעקליבן, און שיסט אויס מיט אַ האַרצרייסנדיקן געוויין. דער געוויין איז אַ ייאושדיקער, אַ יאָמערדיקער און קאָן זיך אַוועקציען אַ טאָג און צוויי.

— רבונו של עולם, כליפּעט זי שווער אַרויס, מ׳פּוילט דאָך דאָ אין שטוב אָן תכריכים... לעבעדיקערהייט האַלט מען דאָ אין איין פוילן...

און די דאָזיקע ווערטער אירע רירן שטאַרק אָן די עלטערע שוועסטער, רחלען, אַ קליין וווקסיק פיר־און־דרייסיקיאָריק מיידל מיט קליינע ווייבער־שע וואָנצעלעך. זי געפינט זיך די גאַנצע צייט דאָ אין צימער לעבן צביהן

און היט זי. זי שטייט מיטן פּנים צום פֿענצטער און קוקט, ווי די שכנה די באַנדערקע באַוויַיזט זיך אין הויף מיט אַ פֿאַרקאַטשעטן קליידל און מיט אַ פֿולן הויך אויפֿגעהויבענעם צעבער לעבן פֿאַרריסענעם טראָגעדיקן בויך. דער באַנדערקע פֿלאָנטערט זיך אַ קליין פֿאַרמורזשעט מיידעלע צווישן די פֿיס; זי האַלט עס אין איין שילטן. רחל קוקט דורכן געשלאָסענעם פֿענצטער, ווי באַ דער באַנדערקע שאָקלען זיך אָן אויפֿהער די גראָבע געדראָלענע ליפּן, און קיין קול הערט זי ניט. באַ רחלען אַליין שטייען אויך טרערן אין די אויגן, קוקנדיק אין פֿענצטער, בײַסט זי אַ קנעכל פֿון אַ פֿינגער און האַלט אין איין טראַכטן וועגן צביהן:

— רבונו של עולם, וואָס וויל זי פֿון מײַן לעבן האָבן, צביה?

און נאָך:

— צביה, דו ווייסט, וואָס דו טוסט איצט?... צביה...

ניט זי טראַכט אָט די ווערטער, נאָר זי געדענקט זיי.

טרעפֿן טרעפֿט זיך עס מערסטן־טייל נאָך שבועות, צו תמוז צו, ווען אין אַלטן אָפּגעקומענעם הויז הייבן אָן באַנײַס אַ קאָן צו שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וואָס שטייען אָן אַרשין אין דער ערד. זייערע ציגל לאָזן אַרויס פֿלעקן פֿון אויבן אָפּן ווײַסן קאַלך און פֿאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ פֿאַרדומפּענעם גערוך, אַ זיסלעכן און ברויזנדיקן, ווי דער ריח פֿון דער זודיקער גוראַלניע, אין וועלכער זיי זײַנען אַמאָל אײַנגעמויערט געוועזן. אין אַלע צימערן איז דעמאָלט פֿון באַטאָג שטיל און קיל. און נאָר אין עס־צימער אויף דער קאַנאַפּע ליגט אָנגעלענט דער אַלטער פֿוזים, דער טאַטע פֿונעם הויז. ער איז אַ בלינדער. ער פֿינטלט מיט די בלינדע אויגן, וואָס באַשטייען פֿון גאָרע ווײַסלעכן, הערט זיך אײַן אינעם געוויין, וואָס ציט זיך פֿון צביהס צימער, און וויל וויסן:

— וואָס וויינט זי דאָרטן, צביה?

פֿון גרויס לאַנגווײַליקייט קראַצט ער זיך אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד, גענעצט מיט גרויסע אויסגעצויגענע גענעצן און שעפּטשעט דערבײַ מיט אַ צעצויגענעם מויל און מיט אַ שטאַרק געלעגערטער צונג:

— אַך טי, רבונו של עולם! — גאַטעניו... טאַטעניו...

ער וואַרט:

יקותיאל דער אײַנבינדער, דער צעפּלאָכטענער שמש פֿון דער סאַדע־גערער קלויז, וועט זיך שפּעטער אַ ביסל אַרײַנכאַפּן אַ קוק טאָן, צי ס'איז ניטאָ אַ גלאָז טיי, וועט ער אים אַ ביסל פֿאַרהאַלטן און וועט אים דערציילן, אַז זיי זײַנען שלעק, די מיידלעך זײַנע.

— גרויסע שלעק...

ער וועט מיט אים בכלל פּאַרפירן אַ שמועס וועגן דער שטאָט, וועגן לײַטן און וועגן זיך, קלמן פּוזים אַליין, וועגן זײַנע אַמאָליקע געשעפטן: איינמאָל האָט ער געקויפט פאַר אַ שיבוש אַ וואַלד, די זאַוואַלינע, האָט מען אים גערופן; געדענקט ער עס ווי הײַנט:

— האָט מען זי געהאַקט, די זאַוואַלינע, געהאַקט און געהאַקט אפשר צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד, און דער בײַטל איז געווען פול, יקותיאל ווייס דאָך, אַז אַמאָל איז ער, קלמן פּוזים, געווען דער קלוגער... נאָר נאָכדעם, אַז דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, איז די קלוגע געוואָרן זי, לאה לשלום, די ווײַב זײַנע, ווײַל זי האָט געהאַט רײַכע קרובים. איצט האַלטן אים, קלמנען, די קינדער זײַנע פאַר אַ נאַר.

— פּכע! וואָס וועט דערויף זאָגן יקותיאל?

נאָר יקותיאל איז אַ קלוגימשקער, אַ ווערטל־זאָגער און אַ שווײַגער. ער האָט אַ היפּשע פלאַקסענע באָרד מיט אויך אַזעלכע היפּשע פלאַקסענע ברעמען, און אַז ער קומט אַרײַן, קוקט ער פון ווײַטנס אפן אַלטן פּוזימן, קוקט מיט קלוגיטשקע אויגן, און אַ שמייכל שוועבט אים אונטער די אָפּגעשוירענע וואָנצעס אַף די נאַקעטע ליפּן.

— וואָס זאָל זיך הערן? שרײַט ער צום בלינדן פּוזימן, ס'איז שלעכט, ר' קלמן! בימער אין אַזאַ לאַנגן זומער־טאָג צו זײַן אַ קבצן.

און דער אַלטער פאַרלירט מיט אַמאָל דעם האָנער; ער ווייס ניט, וועמען מיינט יקותיאל, זיך צי אים, דעם אַלטן אָפּגעקומענעם פּוזימן. אַ ווײַלע ליגט ער אַזוי אַ נישטיקער און פינטלט מיט די בלינדע נאַריש שעמעוודיקע אויגן־ווײַסלעך.

— זיץ, יקותיאל.

— אַ שיינעם דאַנק, ר' קלמן.

אַ פּויזע.

— געוועזן אַמאָל יאָרן, אַ? יקותיאל.

— געוועזן, ר' קלמן.

— און אַוועק, יקותיאל.

— אַוועק, ר' קלמן.

דער אַלטער פאַרטראַכט זיך.

— וויפיל ביסטו אַלט, יקותיאל?

קיינער ענטפערט ניט.

דער אַלטער וויל וויסן, ס'איז אַן אויסזען האָט איצט די וועלט, וועלכע ער האָט שוין צײַט צוועלף יאָר ניט געזען; ס'איז אַן אויסזען האָט איצט יקותיאל.

— יקותיאל, פרעגט ער פאַרזיכטיק, ווי איינער, וואָס טרעט אַף די שפּיץ פינגער, ביסט שוין גרוי, יקותיאל?

נאָר יקותיאל איז שוין נישטאָ. ער האָט באַמערקט, אַז אין שטוב איז עפּעס ניט, ווי אַלעמאָל, און אַז קיין טיי וועט אַזוי גיך ניט זײַן, און האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט. און דער אַלטער פּוזים ליגט שוין ווידער איינער אַליין אין היפּשן עס־צימער און הערט פון ווײַטלעכן צימער צביהס נאָגנדיקן געוויין. אים איז לאַנגווײַליק, וואַרט ער:

אין דער הייסער פינף־אַזייגערדיקער באַטאָגיקער שעה וועלן זיך שאָטנס ציען איבערן קליינעם ברוקירטן שטעטל. טויט וועט זײַן דער היציקער דרויסן, און דער אָרטיקער בריוון־טרעגער וועט דורכצאַײַלן דורכן שמאָלן געסל, וועט ער זיך, אפשר, אַרײַנכאַפּן אַהער און וועט דאָ איבערלאָזן פינקטלעך הונדערט פופציק רובל מיט אַ קופּאָן, אין וועלכן ס'וועט פינקטלעך שטיין:

— בפקודת בנכם הגביר שיק איך אײַך רצוף־פה א. אז. וו.

און דאָס וועט זײַן פונעם איינציקן זון שמואלן, וואָס האָט ערגעץ אַרום יעקאַטערינאָסלאַוו עטלעכע אייגענע גוראַלניעס און שיקט אַהער אַלע חודש אַף צו לעבן.

נאָר דער בריוון־טרעגער קומט אַזוי זעלטן, סך הכל איין מאָל אין חודש. טעג ציען זיך אַזעלכע לאַנגע, זומערדיקע, און צביה וויינט. דער אַלטער קראַצט זיך אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד און שעפּטשעט באַ יעדן לאַנגן אויסגעצויגענעם געגעץ.

— אַך טי, רבונו־של־עולם! גאָטעניו... גאָטעניו...

II

ס'טרעפט:

פון שמואלן, דער רײַכער זון, קומט אָן אַ בריוו, אַז צביה זאָל קומען. פון דער שנור איז פאַראַן אַ צושריפט:

— אַצינד וועט שוין צביה ניט חרטה האָבן.

און נאָך:

— אויב ס'פעלט איר אַ קליידל, זאָל עס קיין מניעה ניט זײַן.

ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג: ס'האַנדלט זיך וועגן אַ שידוך; דער חתן איז ניט אַבי ווער: אויב ער געפעלט שמואלן מיט ברכהן, מסתמא קוקט ער שוין ניט אָפּן שיינעם פנים, און דער עיקר איז באַ אים דער „מענטש", דער „גראַד".

דער אַלטער איז אויפגערעגט. ליגנדיק אַף דער קאַנאַפּע, האַלט ער אין איין פּינטלען מיט די בלינדע ווייַסלעך און איז צופרידן:

— וואָס זשע דען? שמואל... מ'האָט ניט געוווסט פריער, אַז ער וועט איר צוזוכן אַ חתן?

ער גייט שיער ניט אויס, אַזוי וויל ער וויסן, ווער איז דער חתן, און איבערהויפּט, דער מחותן, דער נייַער מחותן. כּדי צו דערגיין, צי אין שמואלס בריוו איז נישטאָ אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, האַלט ער אין איין חנפענען די מיידלעך:

— כ'בעט דיך, רחלע, סערדצע, וויפיל האָט שמואל אייגענע גוראַלניעס?

ער ווייסט, אַז שמואל איז באַ די מיידלעך געהויכט און געקרוינט, האַלט ער דעריבער אין איין ריידן צו זיך אַליין:

— געווען אַמאָל אַ חסידישער יונגערמאַן, שמואל... געפּאָרן נאָך דער חתונה מיטן שווער קיין אויסלאַנד צום רבין. און איצט, זאָגט מען, טראָגט ער לייקענע הענטשקעס און גיט די האַנט די פּריצות, מיט וועלכע ער האַנדלט. און אַ באָרד דאַרף ער האָבן אַ היפּשע, אַ שוואַרצע, אַ? רחלע, אַ יאָ, אַ שוואַרצע?

נאָר די מיידלעך גלויבן, אַז די חכמה איז געווען די מוטער זייערע, לאה לשלום, און איר, דעם בלינדן טאַטן, האַלטן זיי פאַר אַ נאַר. פון לייַטישקייט שווייַגן זיי, נאָר אַן אויסזען איז באַ זיי אַזאַ, גלייַך זיי טראַכטן:

— מ'שטיינס געזאָגט... פאַראַן וועמען צו ענטפערן.

אַ פּאָר טעג איז די שטוב פול מיט פאַרבאַהאַלטענעם אויפגערעגטן ליאַרעם. באַ צביהן אין צימער געפינט זיך די גאַנצע צייַט די אָרטיקע אויפגעקלערטע דינטע, אָט די, וואָס איז אַמאָל געווען רחלס אַ חברטע און האָט שוין דרייַ קינדער און איז אויפגעצויגן געוואָרן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט באַ אַ פרומען שטיף־זיידן, אַ גביר. זי נייט צביהן קליי־ניקייטן און גיט עצות. זי טראָגט און האָט פלעקן אַפן פּנים און ריידן רעדט זי מיט אַזאַ זיכערקייט, גלייַך זי איז אַ גרויסער מומחה אין די זאַכן און ווייסט אַ שפּרוך, ווי צו געפעלן אַ חתן, זי האָט קרייַטעכצער...

סוף־כּל־סוף פאָרט צביה אַוועק. פון פאָרגנס באַ דער שטוב שטייט אַ געדונגענער בעל־עגלה מיט צביהס אונטערגעבונדענעם קאָרב, און רחל שטייט דאָרטן מיט טרערן אין די קרומלעכע רחמנות־אויגן און מיט אַ פאַרבנרגענעם קנאה־ווייטיק, וועלכער וועט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט ווערן, און טאַפּט אַף דער בעל־עגלהשער בריטשקע דאָס קישעלע:

— ס'וועט איר כאָטש זײַן גוט צו זיצן, צביהן?
נאָר אין פיר וואָכן אַרום קומט צביה צוריק אָן אויסגעמאָרעטע מיט אַ פאַרברענטן פּנים, ווי פון אַ קוראָרט, מיט אַ שטילן נײַ צוגעקומענעם ייאוש אין הארצן און מיט אַ גוואַלדיקן קאָפּ־ווייטיק פון דער ניט געשלאָפענער נאַכט אין וואַגאָן.

בשעת זי קריכט אַראָפּ פון דער פור, שמייכלט זי נאָך, זי איז ווי צופרידן, וואָס זי איז אַהיים געקומען. אין שטוב איז אויך ווי יום־טובדיק. אויף טיש אין עס־צימער ליגט אַ פריש געל טישטעך, מ'טרינקט טיי. די אויפגעקלערטע דיינטע איז אויך דאָ, און צביה קרימט זיך, קלאָגט זיך אויף קאָפּ־ווייטיק און אויף דער רעשדיקער חתונה, וואָס מ'האָט אַ וואָך צײַט געפּראַוועט דאָרטן בײַ שמואלס רײַכן שווער אין דער היים.

— ווי איז מיר, קרעכצט זי, אַזוי פיל טומל, אַז ס'טוט אַ סקריפּע די טיר, ווײַזט זיך מיר נאָך אַלץ אויס, אַז ס'שפּילן כלי־זמר.

דער אַלטער ליגט דאָ בײַ דער זײַט אויף דער קאַנאַפּע און פּינטלט מיט די בלינדע ווײַסלס.

— נו, פרעגט ער, און ווי אַזוי איז עפּעס בײַם מחותן אין שטוב? דער מחותן איז רײַך, אַ? אַ ברייט פירעכץ?...

און וועגן דעם בריוו, וואָס שמואל האָט צוגעשיקט צוריק מיט אַ חודש, רעדט מער קיינער קיין וואָרט ניט. צביה שלאָפט אויף בײַ אַנדער־האַלבן מעת־לעת בײַ זיך אין צימער, און אַז זי שטייט אויף, זשומעט איר נאָך אַלץ אין די אויערן, און בײַ יעדן סקריפּ פון דער טיר, ווײַזט זיך איר אויס, אַז ס'שפּילן כלי־זמר, אָדער ס'פּײַפט דער צוג. ס'ציען זיך שוין ווידער לאַנגע זומערדיקע טעג און אין שטוב איז קיינער נישטאָ. ס'איז קיל אין שטוב, און דער אַלטער ליגט איינער אַליין אויף דער קאַנאַפּע. ער קראַצט זיך פון גרויס לאַנגווײַליקייט אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד און שעפּטשעט בײַ יעדן לאַנגן, אויסגעצויגענעם געגעניץ.

— אך טי, רבונו של עולם!... גאָטעניו!... טאַטעניו!...

איצט וועט שוין אין שטוב, דאַכט זיך, מער גאָרנישט ניט פאָר־קומען.

III

נאָר אָט מאַכט זיך:
פון שמואלן, דעם רײַכן זון, קומט איינמאָל אָן אַ דעפּעש, אַז

איבערמאַרגן פאָרט ער דורך אויף דער נאָענטער קליינער סטאַנציע, ער אײַלט קיין אויסלאַנד אויף אַ קוראָרט און בעט, מ'זאָל צופאָרן צום וואַקזאַל זיך זען.

ס'איז פאַר זון־זעצן זיך. און דער טאָג איז אַזאַ קלאָרער און גע־שענקטער, אַ שפּעט־זומערדיקער טאָג. דער אַלטער פּוזים ליגט דעמאָלט אין עס־צימער אויף דער קאַנאַפּע און וואַרט, מ'זאָל אים אָנטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און אים אַרויספירן אַ ביסל אין גאַס שפּאַצירן. ניט לאַנג איז דאָ אין שטעטל אין רײַכקייט געשטאַרבן זײַן אַמאָליקער לאַנג־יאָריקער שותף ישראל קיטיוועך. און דעם קיטיוועס אייניקל נאָטע־הירש בויט איצט איבער דעם זיידנס הויז און ציט אַרויס אַ נײַעם גאַניק אין מאַרק אַרײַן. ליגט דער אַלטער אויף דער קאַנאַפּע און מאָלט זיך אויס, ווי ער וועט באַלד בלינדערהייט שטיין דאָרטן אין מאַרק לעבן דעם הויז, וואָס בויט זיך. אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע וועט ער דאָרטן שטיין און וועט אָנווײַזן נאָטע־הירשן מיטן שטעקן:

— זעסטו, נאָטע־הירש. אָט דאָ, וווּ דו ציסט דעם גאַניק, איז אַמאָל געווען, געדענק איך, אַ טיפע קאַנאַווע, איז כדאַי אַ גראָב טאָן און זען, צי דער גרונט וועט אויסהאַלטן.

און אַרום און אַרום שטייען שטאָט־לײַט און קוקן:

— וואָס־זשע דען? שמועסט מען, קלמן פּוזים... איינמאָל אין זײַן לעבן האָט ער געבויט?

דער אַלטער גאַרט אַזש, אַזוי שטאַרק ווילט זיך אים אין מאַרק אַרײַן צום קיטיוועס הויז.

— גו, רחלע סערדצע? פרעגט ער אַלע רגע, ווו זשע איז זי, די שבתדיקע קאַפּאָטע? נאָר רחל ענטפערט ניט. אין שטוב איז עפּעס געשען, דעם דעפּעש פון שמואלן האָט מען אַפּנים דערלאַנגט צו די מיידלעך אין צימער דורכן פענצטער, און די בשורה אָנזאָגן איז אימעצער פון דאָרטן געשווינט אַוועקגעלאָפן. איצט איז דאָ שוין ווידער פאַראַן די אָרטיקע אויפגעקלערטע דיינטע. מיילער ריידן אַלע אין איינעם, און אַ יום־טוב־דיקער לאַרעם וויקלט זיך אַרום מענטשנס לײַבער. עס דאַכט זיך: אין דער לעצטער פאַרייאָושטער רגע איז די שטוב אויפגעריכט געוואָרן פלוצעם, אומגעריכט און אויף אייביק, אויף אייביק. צי האָט ניט שמואלס דעפּעש אַ שייכות צו זײַן בריוו, אין וועלכן ער האָט אָנהייב זומער געשריבן, אַז צביה זאָל קומען?... צי פירט ער איצט ניט מיט זיך די ישועה אַהער אין שטוב? מסתמא פאָרט ער ניט אַליין...

באַ רחלען שטייען טרערן אין די קרומלעכע רחמנות־אויגן. זי קוקט,

שמייכלט און קאָן ניט ריידן. און פּלוצעם טוט זי זיך אַ זעץ צו אַפן בענקל, וואָס אין אַ זײַט אין ווינקל און שיסט אוים מיט אַ געוויין:

— שמואלן!... אַכט יאָר אים ניט געזען, שמואלן!...

און עם דאַכט זיך, אַז זי רופט אים, ער איז דאָ אין צווייטן חדר.

אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג האַלטן די מיידלעך אין איין האָרעווען און טאָן.

מ'באַקט לעקעכלעך און אַנדערע זיסע זאַכן אין וועג אַרײַן. מ'שווענקט נאָז־טיכלעך, און מ'פּרעסט זיך אַליין ווײַסע קאָפּטלעך. די פענצטער זײַנען אָפן. דאָס דינסט־מיידל איז חושד רחלען, אַז זי קרויזט זיך די האָר, און דער אַלטער ליגט אין עס־צימער אַף דער קאַנאַפּע, און אים דאַכט זיך, אַז פון דריטן חדר, ווו די מיידלעך שטייען באַם טיש און טוען אַלעמאָל אַ שטעל אַוועק דאָס אָנגעהיצטע פּרעסל, דערהערט ער אָפט, ווי אימעצער טוט אַ זינג... ער פּלאַפּלט מיט יקותיאלן, דעם צעפלאָכטענעם שמש פון דער סאַדעגערער קלויז:

— געווען אַמאָל אַ חסידישער יונגערמאַן שמואל, אַ? געפאָרן נאָך דער חתונה מיטן שווער קיין אויסלאַנד צום רבין... און איצט איז ער רײַך, שמואל, שטאַרק רײַך.

אַז ער ווערט אַנטשוויגן, פינטלט ער מיט די בלינדע אויגן און מאָלט זיך, ווי אַזוי שמואל זעט איצט אוים:

— אַ באָרד דאַרף ער האָבן אַ היפּשע, אַ שוואַרצע. ער טראָגט לייקענע הענטשקעס און גיט די האַנט די פּריצות, מיט וועלכע ער האַנדלט... שמואלן!...

ער שלאָפט קוים איבער די נאַכט. און אין דער פרי, אַז ער גייט אַרוים אין פאָרכאַלאַט אין איינעם מיט די מיידלעך צום געדונגענעם בעל־עגלהשן פאַעטאָן, וואָס שטייט באַ דער שטוב און וואַרט, זעצט ער זיך אַזוי גיך ניט אויף; בלינדערהייט גייט ער אַרום דעם פאַעטאָן, ער טאַפּט, צי ס'איז פאַראַן אַ לעדערן ביידל, און אים דאַכט זיך, אַז אין שאָטן, אין ברוקירטן געסל שטייען דורכוים שטאָט לײַט און קוקן:

— קלמן פוזים פאָרט זיך זען מיטן זון.

— בײַם פאַעטאָן, פרעגט ער, איז דאָ אַ ביידל?... אַ? סע דאָ?

מ'לייגט אָן גאַנצע וויאָרסטן און מ'פאָרט אַרום און אַרום מיטן ברייטן פּאָסט־וועג. מ'זיצט אין פאַעטאָן אויסגעפּוצט, יום־טובדיק אויפגערעגט, גלײַך מ'פאָרט אַף אַ חתונה, און מ'איז ברוגז אַפן אַלטן, אַלמאַי ער מאַכט ניט צו כאָטש אַף אַ רגע דאָס מויל. נאָר אַז מ'קומט

אפֿן קליינעם וואָקזאַל, באַמערקט מען אָקאָרשט, אַז מ'איז אַרויסגעפֿאָרן צו פֿרי, און מ'נודעט זיך לאַנגע שעהן. שמואלס צוג איז אַ פּלאַץ־קאַרטנדיקער, אַ דראַטיק קרעפּטיקער און אַ שנעלער. אַז ער טוט אַ לויף צו צום קליינעם וואָקזאַלכל, גיט מען שוין מיט אַמאָל צוויי קלינג, און דער אויסגעפּוצטער „אָבער" האָט דאָ אַף דער קליינער סטאַנציע פֿאַר קיינעם קיין דרך־ארץ ניט און שיגדט די הויט, מ'זאָל געבן דעם דריטן קלונג:

— פּאַרטיק? אַ?

אַף דער פּלאַטפֿאָרם ווערט אַ געיאָגעריי, און פֿון מיטן טומל רײַסט זיך אַרויס אַ שטאַרקער זיכערער זאַפּטיקער באַריטאָן:

— טאַטע! איך בין אָט דאָ! אין פֿענצטער שטיי איך!

אין וואַגאָן־פֿענצטער שטייט אַ יונגער ברוסטיקער ייִד מיט אַ היפּשער שוואַרצער באָרד און אַביסל עזותדיקע, ווי מיט לאַק גלאַנצנדיקע אויגן. דאָס איז שמואל, דער רײַכער, גליקלעכער זון שמואל. ער שטרעקט אויס אַראָפּ די שלום־עליכם־האַנט, און דער אַלטער שטייט לעבן פֿענצטער אַ פֿאַרציטערטער, אַ דערשראָקן פֿאַרטרייסלטער. ער פֿינגלט שטאַרק מיט די בלינדע ווײַסלעכער און זוכט אָט די האַנט מיט אַלע זײַנע צען ציטעריקע פֿינגער, און די מיידלעך הייבן אים אונטער די עלנבויגנס און העלפֿן אים זי געפֿינען. אָט האָט ער זי סוף־כל־סוף געפּאַקט, די האַנט. ער נישטערט אַרום איר מיט אַלע צען ציטעריקע פֿינגער און טאַפּט זי געשווינט אַרום און פּרוווט זי אויס.

— ס'איז שמואלס האַנט, פֿרעגט ער, אַ?... שמואלס האַנט?...

נאָר דער עזותדיק אויסגעפּוצטער „אָבער" האָט זיך שוין דערשלאָגן דעם דריטן קלונג און דער צוג האָט שוין געריררט. דעם אַלטנס פֿינגער טאַפּן נאָך אַ ווײַלע אין דער לופֿט מיט אַזאַ געפֿיל, גלײַך זיי באַרירן נאָך אַלץ דעם גלאַטן סאַמעט פֿון אַ נײַער זעמישענער הענטשקע, און לאָזן זיך פּאַמעלעך אַראָפּ.

איצט ווערט מען פֿאָרן אַהיים, פֿונעם צוג איז שוין סײַ־ווי־סײַ קיין זכר ניט געבליבן. ער איז פֿאַרשווונדן ערגעץ דאָרטן ווײַט, ווײַט אינעם עקסטן שפּעלטל פֿונעם שפּעט־זומערדיקן האָריזאָנט. מ'זעצט זיך צוריק אין פֿאַעטאָן און מ'זוכט אין בויד, מ'האָט פֿאַרלוירן אַ פֿול טישטעכל מיט פֿרישע ווײַסינקע צוקער־לעקעכלעך. נאָר נאָך וואָס האָט מען זיי, אייגנטלעך, אַהער געפֿירט, אָט די צוקער־לעקעכלעך?

מ'שווײַגט. דעם בעל־עגלהס פֿערד זײַנען מיד. קוים־קוים וואָס זיי טרייסלען זיך; און די גלעקער אַף זייערע העלדזער, קוים־קוים וואָס זיי

קלינגען. נאָר אויך אָט דער שוואַכער מידער גלעקער־קלאַנג רעגט אויף צביהס נערוון און ברענגט זי אַרײַן אין כעס:

— רבונו־של־עולם, זי וועט פון אָט די גלעקער משוגע ווערן.

אין אַ ברייטן שפּועדיקן טאָל מוז זיך דער בעל־עגלה אָפּשטעלן און סוף־כל־סוף די גלעקער אַראָפּנעמען. לינקס, איבער אַ ווײַטן וואַלד אַ קאַרליק, האַלט די פאַרגרעסערטע זון בײַ זעצן זיך; זי האָט אַרום זיך אַ פּליסיק טײַכל, אַ געלס און זויבערס, ווי לויטערער בורשטין, און אַ פּאַס אַ ראָזער און אַ קורצער ציט זיך אויס בײַם האָריזאָנט און זאָגט צו איר פון ווײַטנס. נאָר דאָרטן דאַכט זיך, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט זעצן, אָט די זון, זי וועט אַזוי בלײַבן הענגען, ווי אַמאָל אין די צײַטן פון אַלטן גבעון.

דעם אַלטן האָט מען שוין אָפּגעטאָן זײַנס, מ׳האָט אַף אים אָנגעשריגן, אַלמאַי ער רעדט, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נאָר אַ פּינטל געטאָן מיט די בלינדע ווײַסלעכער און האָט געגעבן אַ שמייכל צו זיך אין דער באָרד אַרײַן:

— פּכע!... אַז זיי האַלטן אים פּאַר אַ נאַר, די מיידלעך זײַנע.

מ׳טרייסלט זיך אַהיים פּאַמעלעך, אָן גלעקער; מ׳וויל שוין וואָס גיכער אַהיימקומען און מ׳שווײַגט.

איצט וועט שוין געווים קיין שום נײַס אין אַלטן אָפּגעקומענעם הויז מער ניט פּאָרגעקומען. איבער־אַ־יאָר זומער, אַז דאָרטן וועלן בײַנײַס אַ קאָן אָנהייבן שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וועט זיך צביה ווידער אַרומדרייען אין אונטערשטן קליידל און וועט פאַרעקשנטערהייט ראַמען אין אַלע חדרים, זי וועט ניט עסן, ניט טרינקען און וועט זיך סוף־כל־סוף אַרײַנוואַרפן בײַ זיך אין צימער אין בעט מיט אַ געוויין. און דער אַלטער פּוזים וועט דעמאָלט ווידער אַמאָל ליגן אין קילן עס־צימער אַף דער קאַנאַפּע און וועט פּינטלען מיט די פאַרשמאָלטע בלינדע ווײַסלס. ער וועט ניט וועלן, אַז יקותיאל דער שמש זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס ס׳באַטײַט צביהס געוויין, וועט ער פאַרפירן מיט אים אַ שמועס:

— געוועזן אַמאָל יאָרן, אַ? יקותיאל.

— געוועזן, ר׳ קלמן.

— און אַוועק, יקותיאל, אַ? אַוועק, ווי אַ שאָטן.

— נעכטיקע טעג, ר׳ קלמן.

אָפּגאַנג

אָנגעהויבן אין יאָר 1913

ואראה והנה חר אחד בקיר...
ואחתר... והנה פתח אחד.*)
יחזקאל ח.

I

שפעט נאָך אַ האַלבן טאָג האָט מען מקבר געווען מלכן אויפן קליינ־שטעטלדיקן ראַקיטנער בית־עולם.

אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען אַרויפבאַרג מיט דער בחורשער לויה, און אין שטאָט, וואָס ליגט, ווי אין אַ נעסט, אויסגעבעט צווישן גרינע באַרבעטע בערג, איז דעמאָלט אַקעגן אַ פּאָר שעה געווען אַזוי שטיל, גלייך אין איר איז מער קיינער נישט געבליבן.

אַ פּשוטע גוישע פור איז דעמאָלט אָנגעלאָפן באַרג־אַראָפּ מיט צע־יאָגטע פערד און האָט איילנדיק דורכגעשווינדלט צווישן די צוויי שורות טאַפּאָלן, וואָס אין אָנהייב בעריזשינעצער וועג; אירע רעדער האָבן גע־שווינדט געיאָגט איבער דער הילצערנער גרעבליע, וואָס אין איין עק שטאָט, און זייער טרייסלדיקע קלאַפּעריי האָט אָפּגעהילכט ביז דער הילצערנער גרעבליע, וואָס אין צווייטן עק.

דאָרט, אין אָט דעם צווייטן נידעריקן עק, האָט אַ וואַסערל שטיל גע־מורמלט אַרום אַ שטיין; אַ גויע האָט געוואַשן גרעט, אַן עפּלבוים איז געשטאַנען און געבליט, און גאָרניט — קיינעם האָט ניט געאַרט, וואָס דער הימל איז צו שבועות צו גאַנצע טעג פאַרוואָלקנט.

*) „און איך האָב געזען ערשט, אַ לאָך איז אין דער וואַנט... און איך האָב געגראָבן... ערשט אַן אַריינגאַנג".

פּלוצים האָבן זיך דערהערט גלעקלעך קלינגען. איבער דער שטאָט האָט זיך געשווינט פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז פון וואָקזאַל איז אָנגעקו־מען מלכס שוועסטער, די פֿרעמדשטעטלדיקע פּראָוויזאָרן. מ'האָט וועגן דעם געגעבן צו ווּסן אויפן בית־עולם, מ'איז מיט מלכס שוועסטער אַהין אַרויפגעפאָרן, און די קבורה האָט זיך פאַרהאַלטן. אַלע האָבן זי דע־מאָלט געזען צום ערשטן מאָל, אָט די פרעמדשטעטלדיקע שוועסטער מלכס. זי איז געשטאַנען צווישן די יונגע קאַרשנבוימער לעבן אָפענעם קבר און האָט געוויינט. און אַלעמען איז דאָרטן באַגלייך פרעמד געווען סײַ איר פּנים, סײַ איר קול.

פון דער לויה האָט מען זיך אומגעקערט שפּעטלעך אין בין השמשות.

מ'איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איינציקווײַז און פּאָרלעכווײַז; און דער דאָקטאָר גראַביי איז געווען פאַרשוויצט און הייזעריק — ער האָט אויפן בית־עולם געכאַפּט אַ צוגלופט און האָט פאַרלוירן דאָס קול.

ס'איז געווען כמאַרנע אינדרויסן; ס'האָט געשמעקט מיט נאָענטן רעגן, און וועגן וואָס צו רעדן איז ניט געווען.

אינמיטן אײַנגעבראָכענעם האַלבקײַלעכדיקן מאַרק איז געשטאַנען אַ רעדל. אַ וווקסיקער צעפּאַטלטער ייִד האָט געשטעקט אינמיטן רעדל און האָט געשאָקלט מיט דער היפּשער שטויביק־גרוילעכער באָרד.

דאָס איז געווען יצחק־בער, דער גרויסגופּיקער קאַסיר פון ראַקיט־נער וואַלד.

ער אַליין האָט צוריק מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן ערגעץ פון זײַנע מקומות אַראָפּגעבראַכט אַהער מלכן, דעם שעמעוודיק לאַנגן בחור, און האָט אים אײַנגערעדט, ער זאָל דאָ עפענען דעם קליינעם אַפּטייק־מאַגאַ־זין. און איצט איז ער געווען דערשלאָגן מיט מלכס טויט.

אין די יונגע יאָרן איז ער געווען ערגעץ אַ שוחט צי אַ רב, אָט דער יצחק־בער. ער האָט געקאָנט גוט לערנען, נאָר ער איז געווען אַן אַפּיקורס, קיינמאָל ניט געגאַנגען אין שול און האָט שטאַרק פײַנט גע־האַט פרומע ייִדן.

אויפן בית־עולם מיט דער לויה איז ער ניט געגאַנגען, ווײַל ער האָט ניט פאַרגונען די פרומע ייִדן, וואָס זיי פאָרען זיך איצט לעבן מלכן, און האָט ניט געוואָלט הערן „די פּסוקים, וואָס זיי זאָגן דאָרטן"; איז ער גע־שטאַנען דאָ אינמיטן מאַרק צווישן אַ רעדל ייִדן און האָט דערציילט, ווי

אזוי מלך איז פאַרן טויט געבליבן דער זעלבער, וואָס אין לעבן; ווי אַזוי ער איז צוויי מעת־לעת נאָכאַנאַנד געלעגן מיט אַ פּאַכיר אייז אויפן האַרצן און האָט געשמייכלט:

איין שמייכל, האָט יצחק־בער מפרש געווען פאַר זײַן מוטער דער אַלמנה, וואָס האָלט ערגעץ אין זײַן געבורטשטעטל דעם טאַפּטאַק און לאָזט דאָרטן אַלע יאָר עפּעס אַראָפּ פונעם נחת, וואָס זי האָט געקלערט אין אים צו האָבן; איין שמייכל פאַר זיך אַליין, פאַרן אייגענעם ניט אײַנ־געגעבענעם לעבן, הייסט עס; און איין שמייכל... איין שמייכל מעג זײַן פאַר זײַן חבר חיים־משהן, וואָס פלעגט זאָגן, אַז פאַרן טויט וועט ער זיך נאָך אָפּרעכענען מיט גאָט מיט אַ „נו?", מיט אַ „נו", וואָס וועט זײַן דער טײַטש: נו, האָט מען מיך אַהער אַראָפּגעבראַכט, נו, בין איך דאָ געווען ,נו?...

דער רעגן האָט שוין אָנגעהויבן טריפן, נאָר יצחק־בער האָט נאָך אַלץ גערעדט, און דער עולם אַרום אים איז נאָך אַלץ געשטאַנען. פון דרך־ארץ צום געשטאָרבענעם איז מען דאָ אַרום אים געשטאַנען און פון דרך־ארץ צו אים אַליין, דעם גרויסגופיקן און צעפּאַטלטן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שוחט צי אַ רבֿ און האָט פײַנט פרומע ייִדן און גייט קיינמאָל ניט אין שול און איז איצט ניט געגאַנגען אויפן בית־עולם מיט דער לויה.

דער רעגן האָט שוין נאָכדעם געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט — דאָס איז געווען דער ערשטער לאַנגער און רעגלמעסיקער זומערדיקער רעגן.

מיט יעדן אומגעריכטן בליץ האָבן זיך פּלוצים, ווי אומגעריכט, אויפ־געכאַפּט דער מיל־קוימען מיט די צוויי קלויסטער־שפּיצן, וואָס אין ביידע עקן ישוב, אונטער די בערג.

מאָדנע נאַקעט, ווי ניט קיין היגע, האָבן די שפּיצן אַ שימער געטאָן מיט זייער צעשראָקן גאָלד אינדערוויַטן, נאָר ניט דערקאָנט ניט זיך אַליין און ניט די געגנט אַרום און האָבן אײַנגעדרימלט צוריק מיט אַ מינע פון אויסגעוועבטן פּחד און פון בטלען חלומות:

— טפו! טפו! צו שונאימס קעפּ.

אַ גאַנצע צווייטע האַלבע נאַכט האָט ראַקיטנע די שטאָט געהערט אין שלאָף, ווי רויִק ס'טריפן די רינוועס פון אירע דעכער. טראָפּנס פאַלן

דאָ אין אַ פעסל אַן אונטערגעשטעלטן, דאָ אויף אַ שטיין אַן אײַנגעפלאַס־טערטן, און דערמאָנען, אַז אין שטאָט האָט זיך געפּעלט אַ מענטש:

— טאַקע געוואָרן ווינציקער מיט אַ מענטש.

און גאַנץ פרי, ווען פון אונטער צעריסענע שווימענדיקע שטיקער וואָלקן האָט זיך דער רעגן ווידער אין אַלכסון געלאָזט גיסן, איז שוין אַ געדונגענע בעל־עגלהשע פור געהאַט געשטאַנען אין עק שטאָט, לעבן מלכס קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין — געשטאַנען, זיך גענעצט אויפן רעגן און געוואַרט.

אין אַ געלעגענער בעל־עגלהשער בורקע מיט אַ מענערשן שירעם אין האַנט איז פון שטיבל אַרויסגעגאַנגען מלכס שוועסטער, די פרעמד־שטעטלדיקע פּראָוויזאָרן, און שווער, ווי געפּענטעט, גענומען אַרויפקלע־טערן אויף דער הויכער בעל־עגלהשער בריטשקע.

אַז איר האָבן געוואָלט העלפן חנקע ליובער און עטל קאַדים — די קורסיסטן, וואָס האָט איניקן געזאָלט אַ כלה ווערן פאַר מלכן — האָט זי זיך פון זייער הילף אָפּגעזאָגט; געמאַכט אַ פּאָר פּאַרעקשנטע, ניט קײַן זיכערע תנועות און זיך סוף־כל־סוף אַרײַנגעוואָרפן אין בריטש־קע אַרײַן מיטן בויך, ווי איינער, וואָס זעצט זיך רײַטן אויף אַ פערד. נאָר בשעת די מיידלעך זײַנען געבליבן וואַרטן אויף איר לעצטן וואָרט, האָט זיך פּלוצים אַרויסגעגליטשט דער שירעם פון איר האַנט. אויבנאָן, אויפן אָנגענעצטן קישעלע, האָט זי מיטאַמאָל געגעבן אַ ציי־אַרײַן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, זיך אַרײַנגעהויקערט, אַזוי אַז די בורקע האָט גע־נומען אויסזען, ווי אָנגעפילט מיט אַ בינטל שמאַטעס, און זי האָט אויס־געשאָסן מיט אַ משונה יאושדיקן קוויטש:

— אוי, מלך!... מלך!...

דעמאָלט איז די פור מיטאַמאָל אָפּגעפאָרן פון שטוב און האָט גע־לאָזט נאָך זיך לאַנגע צוויי רעדער־סימנים אין דער גלאַנציק פרישער ראַקיטנער בלאָטע— דאָס האָט דער בעל־עגלה מיטאַמאָל זיך צעוויאָקעט אויף די פערד: ער האָט פיינט געהאַט ווײַבעריש געוויין.

אינמיטן מארק האָט מען די פור אָפּגעשטעלט — דאָס איז געווען יצחק־בער, דער גרויסגופיקער קאַסיר פון ראַקיטנער וואַלד. האַלטנדיק די הענט פאַררוקט אין די אַרבל און פאַרריסן העכער דער ברוסט, האָט ער געקוקט פאַר זיך מיט זײַנע גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן. ער האָט

ניט געפּילט, ווי דער רעגן נעצט אים, ווי דער ווינט בלאָזט אים זײַן לאַנג שטויביק־גרוילעכע באָרד אין אַ זײַט. צעבראָכן פון אַ נאַכט ניט שלאָפן, האָט ער זיך געהוויקערט מיט זײַן גאַנצן צעפּאַטלטן וווּקס און האָט הוסטנדיק געשריגן צו מלכּה שוועסטער אויפן קול.

— וווּ זשע איז געבליבן דער שליסל?... פון מלכּה שטיבל דער שליסל?

די פור מיט מלכּה שוועסטער איז סוף־כּל־סוף פאַרשוווּנדן אויפן וועג צום וואָקזאַל, יצחק־בער האָט אויסגעדרייט אַהער זײַנע פּראַ־אָדמ־דיקע ברייטע פּלייצעס און, מיט הענט פאַררוקט אין די אַרבל, האָט ער אַוועקגעשפּאַנט צו דער קאַסירערשער אַרבעט, וואָס אין גרויסן ראַקיטנער וואַלד.

און נאָכדעם איז שוין דער רעגן געגאַנגען שטאַרקער. און מלכּה שטיבל איז שוין געווען פאַרשלאָסן פונדרויסן, און דער שליסל — אײַנגעהילט אינם אויסגעוועבטן פאַרפומירטן טיכעלע, וואָס בײַ עטל קאַדיס אין רידיקיל. איצט זײַנען אַהיים געגאַנגען שלאָפן חנקע ליובער און עטל קאַדיס — די צוויי מיידלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען נענטער צום געשטאָרבענעם מלכן, ווי אַלע אַנדערע דאָ אין שטאָט. נעכטן בײַטאָג איז געווען פריקרע צו קוקן, ווי זיי שלעפּן זיך בײדע אײנאײנעם נאָך מלכּס בחורשער לויה, און איצט איז געווען פריקרע צו זען, ווי זיי שלעפּן זיך בײדע אַהיים שלאָפן.

אויפמאָרגן בײַטאָג האָט דער רעגן נאָך אַלץ געגאָסן.

הײַזער אין שטאָט זײַנען געשטאַנען אויסגעצוואָגן, אײַנגעהויקערט. אויף דער פאַרחושכטער גאַס האָט געשמעקט מיט נאַסן מבול און מיט געניץ.

פאַרנאַכט האָט זיך גענומען לײַטערן.

שיקסעלעך האָבן אַרויסגעטריבן די גענדז. אַ בעל־עגלה איז, נאָך צוויי מעת־לעת רוען, דורכגעלאָפן איבער דער שטאָט מיט אויסגעפּאַשעטע פערד מיט פּיס, וואָס שפּריצן בלאָטע פון אונטער פריש פאַרבונדענע עקן, און נידעריק אַרויס דער שטאָט האָט זיך פאַרן פאַרגײן די זון באַוויזן.

אין עק גאַס איז אַ ייִד זיך דורכגעגאַנגען ניט ווײַט פון זײַן שטוב און האָט דערזען: מלכּה שטיבל מיטן אַפּטייק־מאַגאַזין איז פאַרשלאָסן

פונדרויסן; דער שלאָס אויף דער טיר הענגט, און אינעווייניק לעבן איי־נעם פון די פענצטערס ברענט אַן עלית־נשמה־פלעמל. דער ייִד האָט וועגן דעם דערציילט ביַי זיך אינדערהיים און ביַי די אָרומיקע שכנים, און אַלע האָבן געפּונען, אַז וויבאַלד קיינער וווינט שוין מער ניט ביַי מלכן אין שטיבל, דאַרף מען אָט דאָס לעמפּל אויסלעשן — ס׳קאָן ווערן אַ שׂרפה.

מ׳האָט וועגן דעם געשיקט אָנזאָגן צו חנקע ליובער און צו עטל קאַדיס דער קורסיסטן. ביידע מיידלעך האָבן ניט געוווּסט פון עפּעס צו זאָגן. עטל קאַדיס האָט געענטפערט אַ ביסל ברוגז און קאַלט, ווי אַ שבֿעה־זיצערן.

— ס׳איז דאָרט ניט געבליבן קיין פלעמל.

נאָר אויפמאָרגן בייַטאָג, ווען די מיידלעך זיַינען אַהין אַריַינגעקומען, האָבן זיי געטראָפן אין צווייטן קלענערן חדרל אַ פאַרדרייט לעמפּל.

די נגידישע נייַנצניאָריקע חנקע ליובער איז געווען זייער ליַיטיש אויפגעצויגן; איר יונג געשטאָרבענע מוטער האָט זי פון תמיד אָן גע־לערנט, זיך קיינמאָל ניט צו שווערן. זי איז געווען שטאַרק בלאַס און דערשראָקן און האָט געזאָגט, אַז זי געדענקט ניט, זי זאָל דאָס לעמפּל פאַרן אַוועקגיין אָנצינדן. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ ליגן און האָט באַלד צוגעגעבן:

— יעדנפאַלס איז זי נייַנציק פּראָצענט זיכער, אַז ניט זי האָט עס געטאָן.

שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט: חוה פּויזנער — דעם רייַכן קרע־מער עזריאל פּויזנערס געראָטן מיידל, האָט אַ טאָג נאָך מלכס טויט זיך אומגעקערט אַהיים. שפּעט פאַרנאַכט האָט מען זי געזען דורכגיין אַרויף, צו מלכס שטוב, און נאָך איר איז מיט אַ גרויסן בונט שליסלען אין די הענט נאָכגעגאַנגען זייער עלטערער קלייט־משרת יוסל. ס׳איז געווען ניט צו פאַרשטיין: איינער אַ שלאָס אויף דער אייַזערנער טיר פון עזריאל פּויזנערס גרויסער כּל־בו־קלייט האָט ווירקלעך געבאַפּט עם אָנבליק פונעם שלאָס, וואָס הענגט אויף מלכס שטיבל; חוה פּויזנער אַליין אָבער איז די לעצטע צייַט פאַר עפּעס אין כּעס געווען אויף מלכן און האָט זיך מיט אים, ווי מיט כּיוון, ניט באַגעגנט.

געוואָר געוואָרן איז מען עס אָקאָרשט אין עטלעכע טעג אַרום. עטל קאַדיסעס מוטער, די פרי געבליבענע אַלמנה, איז דעמאָלט ניט געווען

אינדערהיים. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז זי איז שוין ווידער בגנבה אוועקגעפאָרן צו איר רײַכן שטאַרק קמצנישן שוועד, פון וועמען זי פאַר־לייקנט פון נאָכן מאַנס טויט ציטעריק איר קליינעם פאַרמעגן און בײַ וועמען זי רײַסט אוים מיט גרוים מאַטערניש אַלע חודש אויף צו לעבן. די בלאָנדע מיטלמעסיק געפּאַקטע חנקע ליובער איז דעמאָלט געקומען צו עטל קאַדיס אַהיים. זי איז געשטאַנען אַקעגן עטלען מיט בלאַסע אונטער־געקליבענע נאָזלעכער און האָט איר ניט געהאַט דערויף, וואָס צו זאָגן. כדי ניט צו קוקן עטלען אין פּנים אַרײַן, האָט זי זיך אוועקגעדרייט אין אַ זײַט און גענומען קוקן אין פענצטער.

און עטל קאַדיס האָט אויך דערויף גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט געהאַט אַ פאַרשטיינערט טונקלבלאַס און אויסגעצויגן פּנים, און פון אונטער אירע גרויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אומעטיק, ווי די אויגן פון אַ שאָף האָבן זיך געשוואַרצט היפּשע טיפע גריבער: זי איז פון תמיד אָן געווען אַ שווײַגעדיקע, אַ שלעכטע און ביטערע, ווי איר אייגן ניט גע־לונגען לעבן. איינמאָל — דאָס איז געווען צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר — האָט זי פּלוצים אינמיטן סעזאָן פאַרלאָזט אירע ניט דערענדיקטע קורסן און האָט אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים אַ פאַרשפּאַרטע אין איר צימער, וואָס בײַ איר מוטער אינדערהיים. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז זי שווײַגט פון שלעכטסקייט, שווײַגט זי. דעמאָלט האָט זיך אונטער־געכאַפּט מלך, אויף וועמען גאַנץ ראַקיטנע האָט איר מקנא געווען, און איצט איז שוין אַראָפּ אָט די לעצטע האָפענונג אויך, און זי אַליין איז שוין ווידער געשלאָפן שלעכט בײַנאַכט, פּונקט ווי אַמאָל, איידער זי האָט זיך באַקענט מיט מלכן. אין שטאָט האָט מען זי געהאַט אין מויל אומע־טום. מ'האָט וועגן איר גערעדט אין אַלע פאַרמעגלעכע הײַזער, ווו מ'האָט זיך בײַטאָג צונויפגעקליבן טיי טרינקען. מ'האָט געשמועסט:

— אויב אַ מענטשן גייט ניט, איז גלײַכער, ער זאָל שוין גאָר ניט לעבן אויף דער וועלט.

און נאָך האָט מען געזאָגט:

— נו גוט. זאָל זײַן, ווי פרעגער, דער פאַרוואַלטער פון תלמוד־תורה, זאָגט: — עטל קאַדיס, זאָגט ער, — גייט אַרום גאַנצע טעג און טראַכט: מיט וואָס נאָך, אַ שטייגער, וואָלט זי געקאָנט פאַרווונדערן די וועלט. אָבער איין זאַך קאָן מען דאָך פונדעסטוועגן ניט אָפּלייקענען — זי האָט

אַ גוטן קאָפּ, עטל. זי פאַרשטייט די לאַגע אירע — און גאָר גוט איז איר דאָך ניט.

און זי האָט זיך מיט קיינעם ניט אָנגעקערט און האָט ניט געוואָלט וויסן, וואָס מען רעדט וועגן איר אין שטאָט און וואָס מען טראַכט:

נאָר זעלטן זעלטן האָט מען זי געקאָנט זען אַרויסגיין איינע אַליין אַרויף דער גאַס. דאָס איז זי געגאַנגען צו עוזר ליובער אין רײַכן הויז; זי האָט דאָרטן גענומען מיט זיך חנקען און איז געגאַנגען, זיך דורכרעדן וועגן מלכן מיטן גרויסגופיקן יצחק־בערן, דעם קאַסיר פון ראַקיטנער גרויסן וואַלד.

II

יצחק־בער דער וואַלד־קאַסיר האָט געהאַט אַ קראַנקע ווײַב. קיינמאָל האָט מען זי ניט געזען אין שטאָט. און אַליין איז ער געווען אַ צעפּאַטל־טער — אַ ייִד אַ גבר. ער האָט געהאַט גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אָן פאַרנדיקע לאַמטערנס פון אַ לויפנדיקן צוג, און אין שטאָט האָט מען אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „דער באַן”.

„יצחק־בער דער באַן גייט”, אַזוי האָט מען געזאָגט אַלעמאָל, ווען מ'האָט דערזען פונווײַטן זײַן גרויסגופיקע פיגור מיט דער ברייטער צע־פּאַטלטער טונקלגראָער באָרד.

שוין פיר יאָר זינט מ'האָט אים אַראָפּגעבראַכט אַהער פון דער פרעמד און אים אַוועקגעזעצט פאַר אַ קאַסיר אין ראַקיטנער וואַלד, נאָר אין שטאָט קער ער זיך נאָך אַלץ מיט קיינעם ניט אָן; ער האָט זיי ניט איבעריק ליב, די שטאָטייִדן, און פון נאָך מלכס טויט אָן זעט ער נאָך אַלץ אויס אַ ביסל דערשלאָגן. ס'מאַכט זיך, אַז איינער פון די ייִדן, וואָס קומען צו אים אין וואַלד האָלץ קויפן, רירט אים מיט עפּעס אָן בײַם קנעפּל. יצחק־בער גלאָצט דעמאָלט אויס מיט בייזן די גרויסע אויסגעקו־ליעטע באַן־אויגן און גיט דעם ייִדן אַ התראה, אַז ער, יצחק־בער האָט פײַנט חניפה:

ער האָט זיך דערפאַר שוין צעקריגט אַזוי גרויס, ווי מיט פינף בעלי־בתים וואַלד־סוחרים, און עקיבאַסאָנען, דעם איצטיקן בעל־הבית זײַנעם

— דעם איצטיקן חנפּענען אַלע זײַנע פיר און דרײַסיק „מענטשן”, נאָר ניט ער, יצחק־בער.

ער איז בכלל אַ מענטש אַן אַנגעווייטאַגטער. אַז ער ווערט אויפגעטראָגן, קאָן ער צוגעבן, אַז ער האָט זיך שוין אַמאָל צעקריגט מיט גאָט אויך:

— יאָ, יאָ... נאָך אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָב איך זיך מיט אים צעקריגט.

נאָר אַז די מיידלעך, עטל קאַדיס און חנקע ליובער, קומען צו אים אויסגעפּוצטערהייט אַזוי אין אַ פרײַען זומערדיקן זונטיק בײַטאָג און טרעפן אים אינמיטן וואַלד אויף דער לאָנקע, וואָס איז פאַרגאָסן מיט זון און איז פאַרוואַלגערט מיט פרישע פון דער וואָך אָנגעהאַקטע שפּענער; אַז ער פאַרציט זיך דאַרטן מיטן שטאַרקן רויך פון זײַן פּשוט צונויפגעדרייטן פּאַפּיראָס און הייבט זיי אָן דערציילן, ווי אַזוי מלך מיט זײַן חבר חיים משהן האָבן אויסגעזען אַמאָל, בשעת זיי האָבן ביידע געעקסטערנעוועט אין יענער גרויסער שטאָט, וואָס נעבן איר אין אַ וואַלד איז ער, יצחק־בער, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געווען אַ קאַסיר, — דעמאָלט ווערט ער אַליין שוין אויך עפּעס ווייכער, בוימלדיקער:

— ער, יצחק־בער, זאָגט ער, איז אַ מבין אויף אַזעלכע יינגלעך.

ער פאַרלייגט די הענט טיף אין די אַרבל, פאַררײַסט זיי, ווי זײַן שטייגער איז, שטאַרק הויך, צו דער ברוסט און גיט צו:

— אַלמאי זאָל ער זאָגן? אים, יצחק־בערן, האָט גאָט מיט אַזעלכע קינדער ניט געבענטשט.

און נאָכדעם בלײַבט ער אַזוי שטיין מיט זײַן גאַנצער צעפּאַטלטער וווּקס און טוט זיך אַ שאָקל אַקעגן די מיידלעך, וואָס זיצן אין דער מיט לאָנקע אויף אַ אָפּגעטעסעטן קלאָץ; ער הייבט אונטער די גרויסע געדיכטע ברעמען, צעעפּנט די היפּשע געבענטשטע לעפצן און זוכט פאַר אָט די יינגלעך דאָס פּאַסיקע וואָרט. ער זוכט לאַנג און געפינט ניט. נאָר אַז ער רעדט נאָכדעם לאַנג וועגן זיי, שווימען דאָך סוף כל סוף אַרויס די פיגורן פון צוויי יינגלעך חברים, וואָס זײַנען זיך געקומען לערנען אין דער גרויסער שטאָט: איינער פון זיי, דער יינגערער, איז שוין דעמאָלט געווען אַ שעמעוודיק לאַנגער, אַ בלאָנדער; אַז ער האָט געשמייכלט, האָט עס געהייסן:

— ער ווייסט עפּעס, נאָר ער וויל דערפון ניט רעדן.

און, דער צווייטער — אַ רויטלעכער ברען, אַ שטיק קוועקזילבער, און דערצו אַ גוואַלדיקער מזג־טוב. דאָס ברענענדיקע מאַטעמאַטיק־קעפּל ברענגט ער מיט זיך טאַקע פונדאַנען, פון ראַקיטנע, פונוואַנען ער שטאַמט און וווּ ער האָט אַמאָל געלערנט אין חדר.

און ביידע דרייען זיי זיך אַרום דאָרטן אין דער טומלדיק גרויסער שטאָט, און ביידע געדענקען, אַז זיי טראָגן קליינע קוים מערקזאַמע הויקערלעך אויף די יִונגלישע פּלייצעס.

— די ירושה־מתנה, אַזוי רופן זיי אָט די הויקערלעך און שמייכלען איינער צום צווייטן, די ירושה־מתנה פונם קליינשטעטלדיקן ייִדן דעם טאַטן.

און ביידע דרייען זיי זיך דאָרטן אַרום פּאַרטייען, וואָס טומלען. ביידע לייגן דאָרטן צו אַן אויער און זײַנען צופרידן:

— ס׳איז גוט!

אַז איינער פון זיי באַמערקט דאָרטן אין שטאָט עפּעס אַ נײַס, קומט ער מיט דעם פרייד צו לויפן צום צווייטן:

— האָסט געהערט?

ער איז נתפּעל:

— וואָסזשע, — שמייכלט ער — אַ באַקאַליי־קלייטל, אַ?... מיט אַ גלעקל?...

דער צווייטער כאַפּט עם באַלד אונטער:

— הערסט! זאָגט ער, — די וועלט וואָלט ניט ווערט געווען אַ גראָשן, ווען זי לאָזט זיך ניט באַטראַכטן.

און דער ערשטער ענטפערט גלײַך אָפּ:

— און נאָך מיט וואָסער אַ גלעקל!...

עטל קאַדים זיצט אין איר שוואַרצן קלייד און הערט עס שווײַגנדיק און קאַלט, ווי ס׳פּאַסט פּאַר אַ מיידל, וואָס האָט שוין איין מאָל אָפּגעשווינגן מער ווי צוויי חדשים און וואָס האָט שוין באַגראָבן איר חתן — ס׳איז שווער, אַז זי זאָל פון עפּעס כאַפּן התפּעלות. חנקע אָבער זיצט די גאַנצע צײַט לײַטיש, ווי איר יונג געשטאָרבענע מוטער האָט זי פון תמיד אָן געלערנט לײַטיש צו זיצן, און פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע וועגן דעם, וואָס יצחק־בער האָט אַ סך שוואַרצן ברוד אונטער די היפּשע נעגל; יצחק־

בער איז אַזאַ ווילער, נאָר אָט... ווען ער זייפֿט זיך אויס די נעגל, אַז זי באַפרײַט זיך סוף־כּל־סוף פֿון אָט דעם געדאַנק אירן, איז איר שווין שווער צו כאַפּן, וואָס די יִנגלעך — מלך מיט חיים־משהן זײַנען דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט אויסן מיטן וואָרט — „אַ באַקאַליי־קליטל", אפשר מיינען זיי מיט דעם די גרויסע שטאָט, ווו זיי עקסטערנעווען און דרייען זיך אַרום, און אפשר רופֿן זיי גאָר אַזוי די גאַנצע ערדישע וועלט, וואָס יצחק־בער דערמאָנט זי תמיד ניט צום גוטן.

— גאָטס באַקאַליי־קליט רופֿן זיי אָט די ערדישע וועלט און דער־מאָנען זי תמיד ניט צום גוטן.

פֿון יצחק־בערס רייד איז אויך משמע, אַז עמעצער רעכנט דעם רוב מענטשן אַרום זיך פֿאַר פֿערד:

— וואָס ווייסן זיי? מ'האָט זיי אײַנגעשפּאַנט, שלעפּן זיי.

נאָר אויך דאָ איז שווער צו וויסן, ווער רעכנט אַזוי? יצחק־בער? צי אפשר גאָר זיי — די צוויי יִנגלעך חברים. קלאָר איז נאָר איין זאַך: אַרום די יִנגלעך ווימלען דאָן גרויסשטעטיקע רעשדיקע טעג; זיי שלינגען מענטשישע ווילנס, אָט די טעג, און לאָזן אַלעמאָל אַרויס אויף דער גאַס נײַע גימנאַזיסטקעס שפּאַצירן. און אַרום און אַרום קלאַפּן רעדער אָן די שטיינער — דראָשקעס פֿליען אָפּ און אויף. גרויסשטעטישע טאַטעס אַר־בעטן מיט די מוחות — זיי זאָגן זיך ניט אָפּ פֿון שיינע אײדעמס צו האָבן, נאָר אַליין זײַנען זיי דערווײַל שטאַרק באַשעפֿטיקט און באַוועגן זיך דאָרטן אַרום די יִנגלעך מיט פֿאַבריקן, וואָס לאָזן רויך, מיט צונגן, וואָס ברענגען מענטשן, מיט קליטן, וואָס זײַנען איבערגעפֿולט מיט שפּע, און מיט טײַכן, וואָס וויגן האָלצוואַרג אויף זייערע שויסן. די גוואַלדיק גרויסע שטאָט איז ווי אײַנגעהילט אין נעפּל. נאָר פֿון וואָס באַשטייט דען אַ גרויסע שטאָט, וואָס איז אײַנגעהילט אין נעפּל אויב ניט פֿון לעפּישע שאָטנס, וואָס ליאַרעמען און שרעקן און וועבן דער וועלט תהו ובֹהו?

קומט צו גיין איינמאָל חיים־משה, דער עלטערער פֿון די צוויי יִנג־לעך, און זאָגט, אַז ער וויל שווין בעסער אַ שטענדיקן ווינטערדיקן טאָג.

זאָלן אָן אויפֿהער שיטן אויף אָט דער שטאָט געדיכטע נעפּלדיקע שנייען; זאָל זײַן חושך, און אין איין צוזאַמענגאָס זאָלן דערוואָרגן ווערן אַלע ווילדע געשרייען פֿון אָט דעם לעפּישן תהו ובֹהו — מען דאַרף ניט

זאָגט ער, — קיין וועלט, וואָס טויט מענטשן, אײדער זי באַפּרידיקט זייערע פאַרלאַנגען.

בנוגע צו ביידע, — אַזוי קלערן די יינגלעך — איז זיך גאָט זייער ניט ליטיש באַגאַנגען — נאָך אין סאַמע אָנהייב, בשעת ער האָט זיי באַשאַפן, איז ער זיך ניט ליטיש באַגאַנגען. גלייך ער וואָלט דעמאָלט האָבן אַ סך שיינע וועלטן אויף אויסצוקלייבן און האָט זיי, ווי צולהכעיס, אַראָפּגעלאָזן דווקא אויף אָט דער, דער אומווערדיקער. איז אָבער קלאָגן זיך ניט שייך; מישן זיך — אויך ניט. איז גאָרניט: איז מען דאָ גרים... וועט מען זיך אַזוי אַרומדרייען, מ'וועט זען, הערן און מ'וועט שווייגן. מ'האָט אַן אייגן צוגעטראַכט וואָרט און מ'חזרט עס אַלעמאָל איבער:

— דער שטומער פּראָטעסט... דער אייביקער שטומער פּראָטעסט.

און אַמאָל באַגעגנט מען זיך מיט אים, יצחק־בערן, און ער דער־ציילט זיי, אַז זינט ער האָט ביי זיך געפּועלט, אַז די וועלט בלייבט אַזוי, ווי זי איז, ניט צום איבערמאַכן, קאָן ער זיך באַגיין אָן איר, און זי אָן אים — אים אַרט שוין לחלוטין ניט, וואָס קיינער רופט אים דאָ נישט אויף קיין חתונות און נישט אויף קיין בריתן... געפּעלט עס זיי, די יאַטן. זיי קוקן זיך פאַרוווּנדערט אַדורך און שמייכלען:

— זע נאָר, פאַראַן נאָך איינער...

און אַ נאָמען גיט מען אים באַלד אַ גרייטן:

— רב גר נומער 3.

צו אים אין וואַלד קומט מען שוין נאָכדעם אָפט — ס'איז סך הכל אַ וויאָרסט דריי פון שטאָט — מ'בייט זיך מיט די ספרים, וואָס מען לייענט.

ער, יצחק־בער אַליין, זאָגט צו זיי:

— הערט־זשע אויס, קינדערלעך! שמועסן איז נישטאָ מכוח וואָס — די וועלט איז שוין אַרומגעשמועסט. אלא וואָס דען? פאַראַן אין אָוונט אַן אויסגעשטערנטער הימל, דאַרף מען זוכן אויף אים לייטישע וועלטן: מען דאַרף לערנען.

און מ'הייבט אָן לערנען; מערסטן — אַסטראָנאָמיע. אין די פאַר־נעפּלטע ספערן האָט מען אַ ביסל אַ ידיעה נאָך פון פריער. דערצו העלפט נאָך גאָט אַ קאָמעטע צו יענער צייט. קויפן חברה — די צוויי חברים הייסט עס — אַן אַלטן טעלעסקאָפּ ערגעץ ווו אין שטאָט אויפן טאָל־

טשאַק; שוין אַ ביסל אַ קאַליע אַפּילו; מען ברענגט אים צו פירן צו אים, יצחק־בערן, אין וואַלד אַרײַן און מען שטעלט אים אַרויף אויפן שטרויע־נעם דאַך פון זײַן שטיבל, און נאָכדעם קלעטערט מען שוין אַהין אַלע אוונט: פריער זיי — מלך מיט חיים־משהן, און נאָכדעם ער, יצחק־בער מיט דער באָרד. אינעווייניק, אין שטיבל, ליגט דעמאָלט אויפן בעטל זי, די ייִדענע זײַנע. זי איז אַלע יאָרן אַ קראַנקע. זי גענעצט, שפּרעכט זיך אַליין אַ גוט אויג און שעלט זיך:

— אַלטער! אַז אָך און ווי צו דײַנע יאָרן... קריכסט אויפן דאַך!... האָסט אײַן שכל מיט ייִנגלעך.

און נאָך:

— דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, שרײַט זי, זע איך, אַז אַן עלטערער מענטש זאָל אַזוי גיט שאַנעוועץ זײַן געזונט.

אוים פרומקייט האַלט זי מיט אים קיין שלום ניט נאָך פון אַמאָל, פון די יונגע יאָרן. איר איז די צײַט לאַנג, גענעצט זי און שעלט זיך. נאָר חיים־משה מיט מלכן ברענגען איר פון שטאָט אַ נײַעם טײַטש חומש מיט אַ „קב־הישר". מלך שמייכלט און שווײַגט, און חיים־משה רעדט איר אײַן, אַז אַ ייִדענע, אַז זי איז פרום און קוקט תמיד אַרײַן אין אַ ספר, קאָן זי מנחיל זײַן דעם מאַן עולם הבא.

— אַזוי, אַזוי... אַזוי טוען אָפּ אין משך פון איינעם אַ זומער מלך מיט זײַן חבר חיים־משה.

און וואָס איז געוועזן דער סוף?

— וואָס קאָן זײַן דער סוף פון צוויי ייִנגלעך, וואָס האָבן אַ ידיעה אין די פאַרנעפּלטע ספערן?

איינער איז אַרויס אַ מושלם, אַזוי זאָגט יצחק־בער — דאָס איז דער עלטערער, חיים־משה — דער רויטלעכער ברען — יצחק־בער באַקומט פלוצים אַזאַ פרום פּנים, גלײַך ער דאַוונט מיט גרויס כוונה. ער שליסט צו די אויגן, שאָקלט אַהין און צוריק מיטן קאָפּ און זאָגט אויף אים עדות:

— ער האָט מיט וואָס צו אַרויס אויף דער וועלט. נאָר ער איז אַן עקשן — ער וויל ניט...

און דער צווייטער, דער בלאָנדער און שעמעוודיק לאַנגער מלך? איינמאָל איז אַהער, צו יצחק־בערן אין וואַלד אַרײַן, מגולגל געוואָרן אַ פרעמדער יונגערמאַן. ער איז געווען אַ וווקסיקער און זייער אַ שטילער.

ער האָט געהאַט אַ דערשלאָגן אויסזען. אפשר האָט אים אַ וואָסער ס׳ניט איז אומגליק געטראָפן. אין ראַקיטנע האָט מען געזאָגט, אַז ער איז פריער געווען פאַרשיקט. גאַנצע צוויי יאָר איז ער געווען פאַרשיקט. איטלעכס מאָל, וואָס צו יצחק־בערן אין שטוב זײַנען אַרײַנגעקומען מענטשן פון שטאָט, האָט מען דעם יונגן מאַן אַף גיך אַרײַנגעפּאַקט צו דער יצחק־בער־ריכען אין אַלקער און מ׳האָט פאַרמאַכט נאָך אים די טירן. ער האָט דאָ אָפּגעלעבט מער ווי אַנדערטהאַלבן יאָר; ער האָט דאָ געהאַט דעם קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין, ער איז געווען עטל קאַדים חתן און איז געשטאָרבן.

אַז יצחק־בער בלײַבט שטיל, בלײַבט אויך שטאַרק שטיל די גאַנצע לאַנקע לעבן אים, און פון דער לופט, וואָס אַרום, הייבט אָן ווי אַרומצו־קריכן און נאָגן דער נאָך פּסחדיקער זומערדיק פרישער טאָג פון מלכס טויט. ס׳געדענקט זיך, ווי אין גאַס פאַר מלכס שטיבל זײַנען דעמאָלט אַ גאַנצן באַטאָג געשטאַנען דער דאָקטאָר גראַביי מיט זײַן שוועגערן בראָמבערג, דער בעל־הבית פונעם גרויסן סקלאַד פון ערד־מאַשינעס מיט זײַן פרוי, וואָס טראָגט פּענסנע, חנקע ליובער, עטל קאַדים, יצחק־בער און נאָך אַ סך אַנדערע מענטשן, און איטלעכס מאָל, וואָס אַ פרעמדע פור איז אָנגעקומען קיין ראַקיטנע, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, און מענטשן האָבן זיך דערפרעגט, ווער איז דאָס געשטאָרבן. מ׳האָט זיי געענטפערט:

— מלך. מלך פונעם קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין.

נאָר זיי האָבן ניט געוווּסט, ווער מלך איז. און נאָכדעם האָט מען זיך שוין דאָרטן אויפן בית־עולם געאַמפּערט מיט חברה־קדישא צוליבן אָרט. יונגע מענטשן האָבן קעגן אַ האַלבע שעה געטענהט פון דער זײַט אוהל אויפן קול. נאָר די אַלטע האָבן זיך סוף־כל־סוף דערשלאָגן זייערס, ווײַל אויף מלכס טויט איז געווען אַ חשד, אַ גרויסער חשד... מלכן האָט מען געלייגט אין עק בית־עולם, באַם קאַרשנבוים לעבן דעם בעריזשינעצער אַפּטייקערס קלענערן ברודער, דעם דאָקטער — לעבן נאָך גאָר אַ יונגן בחור אַ דאָקטער, וואָס פון צו פּלײַסיקן לערנען האָט ער באַקומען אַ לונג־פּעלער און האָט זיך אויסגעהיילט מיט קאַרבאָל... אויף זײַן מצבה איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע רוסישע ווערטער:

„אַ קרבן פון ליבע צו הייליקער וויסנשאַפט“.

III

אַז די מיידלעך קערן זיך נאָכדעם אום צוריק אַהיים, געדענקען זיי שוין מן הסתם יעדערע פֿאַר זיך, אַז איצט באַשיצט זיך מלכּס קבר אונ־טערן שאָטן פֿון אָט דער דאָקטערשער געהייליקטער מצבֿה. זיי שווײַגן און קוקן ניט איינע צו דער צווייטער.

אַרום איז שטיל, און די שאָטנס פֿון די ביימער פֿאַלן שוין ממש טונקעלע און פֿיל גרעסער, ווי די שאָטנס פֿון האַלבן טאָג. די מיידלעך דראַפּען זיך אַרויף אַף אַן אָנגעשפּאָלטענעם ראָוו און לאָזן זיך אַרויס פֿונעם וואַלד ניט מיטן ברייטן פֿאַרשטויבטן שליאַך, נאָר מיטן שמאָלן שטעגעלע, וואָס איז באַליבט, ווי אַ פֿאַרקירצטער זומערדיקער וועג, באַ־האַלטן אינעם היפּשן וואַקסנדיקן גראָז פֿון גרינגע, באַאַרבעטע פֿעלדער. אָט לאָזט זיך דאָס שטעגעלע אַראָפּ אין אַ גרינעם טאָל, וווּ אַן איינזאַמער קוואַל, אַ ברונעם רוט תּמיד מיט אַ הייליקער כּשרער רויִקייט: באַ אָט דעם קוואַל איז תּמיד שבת. אָט הייבט זיך דאָס שטעגעלע אַרויף אַף אַ קליינעם באַרג און מיטאַמאָל, ווי אַ שמאָלע לאַנגע האַנט, טוט זיך עס אַ שטרעק אויס צו יענעם לינקן עק ראַקיטנע, וואָס מיט די צוויי קלויסטער־שפּיצן און מיט דער שול־יאַרמולקע אינמיטן — פֿון דאָרטן פֿילט זיך שוין אַהער די גאַנצע מידקייט מיטן סוף פֿונעם לאַנגן זוניקן טאָג. פֿון די פֿיל אָנגעוואָרפֿענע טשערעפּענע דעכער פֿילט זיך אַהער אָט די מידקייט, און פֿון דער לעצטער זון, וואָס אַף זיי און אַף זייערע קוימענס. ס'קלינגט דאָרט אַן איינציקער מיטעלער קלויסטער־גלאָק. מיט מידע אָפּגעריסענע קלאַנגען באַגלייט ער פֿון דאָרטן אַרויס דעם טאָג, און די קלאַנגען קומען אַהער פֿאַרדאַגהטע, אָפּגעשוואַכטע און דערציילן דאָ דעם טאָגס שבֿחים: געווען אַ שיינער טאָג, אַ ריינער טאָג.

עטל קאַדיס די קורסיסטן האָט נאָך אַלץ אַן אויסזען פֿון אַ פֿרוי, וואָס טיף אין זיך פֿילט זי מיט אַלע חושים, ווי דאָס לעבן טוט איר אַף צו להכעיס. זי קאָן דערצו מיט גאָרנישט ניט העלפֿן, שווײַגט זי. און חנקע ליובער קאָן זיך שוין מער ניט אײַנהאַלטן און וויל וויסן, צי ס'איז אמת אָט דאָס, וואָס מ'האָט איר געזאָגט באַ עזריאל פֿויזנער אין דער גרויסער כּל־בו־קליט. דאָרטן האָט מען איר דערציילט: יצחק־בער האָט אַנומעלטן געקויפֿט אין וואַלד אַרײַן אַ קעסטל טשוועקעס, האָט ער געזאָגט, אַז ער

האָט געהאַט אַ בריוו — אינגיכן דאַרף אַהער אַראָפּקומען מלכּס חבר — חיים־משה.

— ס'איז אמת? — פרעגט זי בײַ עטלען, — ער דאַרף טאַקע אַהער אַראָפּקומען, חיים־משה?

— ס'איז אמת, ענטפערט עטל.

און ווידער טראַכט זי וועגן עפּעס, עטל קאַדיש, קוקט אַף עמעצן אַרום און שווײַגט.

נאָר אָט פאַרשפּרייטן זיך איינמאָל קלאַנגען, אַז ער איז שוין אַהער אַראָפּגעקומען, מלכּס חבר חיים־משה. אין אַ פּשוטן וואָכעדיקן פאַרנאַכט פאַרשפּרייט זיך אָט דאָס נײַס און בלאָנדזשעט אַרום איבער דער שטאָט צוזאַמען מיטן מידן גלעקער־קלאַנג פון צוריקגעקומענע און אויסגעלייזיקטע וואָקזאַל־בעל־עגלהשע פאַעטאָנעס. עמעצער איז שוין אַפילו געפאָרן מיט אים פון וואָקזאַל אַף אַ בעל־עגלהשן פאַעטאָן און דערציילט נאָכדעם בײַ זיך אינדערהיים בשעת טיי טרינקען:

— ער איז געפאָרן גלײַך צו יצחק־בער דעם וואַלד־קאַסיר, חיים־משה.

דאָס דערציילט פישל ריכטמאַן, וואָס איז אַמאָל אויך געווען אַן עקסטערן, און איצט וווינט ער אין טאָל אַף דער אַלטער שטאָט און האַנדלט, ווי דער שווער זײַנער, מיט זעק. ער האַלט בײַ זיך אַ קינד אַף די הענט און דערציילט, אַז חיים־משה איז געבליבן דער זעלביקער פרייליכער, וואָס אַמאָל. אים, פישלען, באַקוקט ער אַזוי פרייליך פון אַלע זײַטן, בשעת ער זעצט זיך אַרויף מיט אים פונעם וואָקזאַל אַף איין פאַעטאָן, און פרעגט בײַ אים:

— איז וואָס־זשע זאָגסטו, פישל? די באָרד, זאָגסטו וואַקסט, און די צרות — אויך?

— יאָ, ענטפערט אים פישל: ס'איז טאַקע אַזוי: די באָרד וואַקסט, און די צרות — אויך. אָבער פונוואַנען ווייסטו, חיים־משה? כ'האָב דען געזאָגט?

דערנאָך שווײַגן זיי אַ ביסל, און חיים־משה פרעגט ווידער:

— זאָג מיר נאָר, פישל, פון וואָס איז דאָס מלך פּלוצים געשטאָרבן?

— פֿון וואָס זאָל ער שטאַרבן? ענטפֿערט פֿישל: — פֿון וואָס שטאַרבן דען אַלע מענטשן?

— אַזוי? וווּנדערט זיך חיים־משה און קוקט אױף פֿישלען מיט חשד. — פֿון דעם זאָגסטו, וואָס סע שטאַרבן אַלע מענטשן? און מער פֿון גאָרניט... אַ?

אַ צווייטן האָט אין וואַלד פֿאַרכאַפּט דער באַטאָגעדיקער גאַס רעגן, און אַז ער גייט נאָכדעם דורך פֿאַרבײַ יצחק־בער דעם וואַלד־קאַסירס שטיבל, שטעלט ער זיך אָפּ און הערט: יצחק־בער היצט זיך דאָרטן און טענהט, אַז מלכן האָט דאָ אין שטאָט קיינער, ווי ס'געהער צו זײַן, ניט געקאָנט.

— וואָס ווײַט מען אים דערציילן מעשיות? שרײַט ער: אפילו די צוויי־דרײַ מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרום אים געדרייט, האָבן אים אויך ניט געקאָנט.

און חיים־משה האָט דאָרטן דערפֿון ווילד הנאה און לאַכט גוטמוטיק אויס דעם ברוגזן יצחק־בערן.

— נו, גוט אַזוי, זאָגט ער צו יצחק־בערן: — וואָס־זשע דען האָט געוואָלט ער, יצחק־בער?

אין יענעם זעלבן אָוונט האָט זיך שוין ווידער שפּעטער ווי אַלעמאָל געלויכטן אינעם פֿענצטער פֿון עטל קאַדיסעס צימער, וואָס גייט אַרויס צום הינטערשטן ברייטן זײַט־געסל. אַרום צוועלף אַזייגער באַנאַכט שטייען דאָרטן די הײַזער אויסגעלאָשענע און פֿאַרגעסענע — זיי דרימלען צוזאַמען מיט זייערע שלאָפֿנדיקע בעלי־בתים, און נאָר אין תּלמוד־תּורה אַרײַן קערט זיך דאָרטן אַרום פֿרעגערן דער פֿאַרוואַלטער, אָט דער, וואָס חוה פֿויזנער האָט זיך אים פֿון זעכצן יאָר אָן אָפּן האַלדז געוואָרפֿן, און איצט האָט זי זיך מיט אים אויפֿגעהערט צו באַגעגענען און ווערט אינגיכן אַ כּלה פֿאַרן יונגן בעריזשינעצער דעסלערן — פֿאַר דעסלערן פֿונעם נײַעם גרויסן בעריזשינעצער בראַווער. אַ גאַנצן אָוונט איז פֿרעגער געזעסן בײַ די בראָמבערגס אין הויז און האָט געשוויצט פֿון צופֿיל טיי־טרינקען און פֿון די פֿיל געלונגענע עזותדיקע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט. ער האָט געשיט אַלדאָס בייז אױף חוה פֿויזנער און אױף איר טאַטן, און אַלע אַרום אים האָבן דאָרטן ניט געהאַט קיין זײַטן און האָבן אײַנגעפֿונען, אַז ער איז אַ ליץ און אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק:

— בשעת ער רעדט אַף חוה פּויזנער און אַף איר טאַטן, איז ער דיר ממש אַ „גנעיע" אָט דער פרעגער.

מ'האָט אים געבעטן: — אנו, פרעגער, דערציילט נאָך עפּעס.

איצט קערט ער זיך אום צו זיך אַהיים און איז צופרידן. היינט האָט ער אויסגענומען. נאָר בשעת ער גייט דורך דאָס הינטערשטע זייט־געסל און דערזעט דאָרט עטל קאַדיסעס באַלויכטן פענצטער, בלייבט ער אַ ווײַלע שטיין און טוט אַ דריק די פענסנע צו דער נאָז מיט אַזאַ מינע, גלייך פון יעדן דריק, וואָס ער טוט פון אויבן מיט די מיטלסטע דריי פינגער, ווערט ווי געבוירן אינעווייניק אין זיין פלינקן עזותדיקן מוח אַ טיפער און שפּאָגל־נײַער שפּיצל־געדאַנק.

— עטל קאַדיס... טראַכט ער.

און אים ווילט זיך שוין מער ניט גיין אַהיים שלאָפן. ווען ער באַגעגנט דאָ אַ רעכטן מענטשן, וואָלט ער אים אָנגעוויזן אַף אָט דעם באַלויכטענעם פענצטער.

— עטל קאַדיס, וואָלט ער אים געזאָגט, ווען זי וויל, אַז קיינער זאָל ניט וויסן וועגן אירע ליידן און וועגן אירע שלאָפלאָזע נעכט, וואָלט זי אַף באַנאַכט באַדאַרפט אויסלעשן דעם לאָמפּ בײַ זיך אין צימער.

נאָר ראַקיטנע רוט, און קיין רעכטן מענטשן באַגעגנט מען שוין ניט. שטייט ער נאָך אַ ווײַלע איינער אַליין דאָ אַנטקעגן עטל קאַדיס באַלויכטענעם פענצטער, דריקט שמייכלדיק די פענסנע צו דער נאָז און זעט:

עטל דרייט נאָך אַ ביסל מער דעם לאָמפּ אַרויס — זי נעמט צו דעם לאָמפּ פונעם טיש און טראָגט אים צו נאָך אַ ביסל נאָענטער צום פענצטער.

IV

מלכס חבר, חיים־משהן, איז נאָך אינעם טאָג פון זײַן קומען אויסגעקומען זען זיך מיט אייניקע ראַקיטנער אײַנוווינער. אינמיטן הייסן העלן טאָג, ווען דער בעל־עגלה, וואָס האָט אים געפירט דורך דער שטאָט פון וואָקזאַל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אײַנגעבראָכענעם האַלב־קײַלעכיקן מאַרק, כדי אַראָפּצולאָזן דעם צווייטן פּאַרשוין און אים אַרײַנצו־

טראָגן די זאַכן אין שטוב, האָבן דעם פּאַעטאָן שעמעוודיק אַרומגערינגלט א מענטשן אכט יונגע ראַקיטנער קרעמער, פון די, וואָס האָבן דאָ אַמאָל אינאיינעם מיט אים, חיים־משהן, אין איין חדר געלערנט. ווייבאַלד דער פאַעטאָן האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט פּונקט אַנטקעגן זייערע קלייטן, האָט שוין ניט געפּאַסט, זיי זאָלן בלייבן פונדערווייטנס און ניט צוגיין אים באַגריסן. חיים־משה — אַ געל־בערדלדיקער יונגערמאַן אין אַ גרוי יעגער־רעקל, וואָס האָט אים אַ ביסל געהויקערט אין די ברייטע אַקסלען און אין די פּלייצעס — האָט געמוזט אַראָפּקריכן פון פּאַעטאָן און אָפּ־נעמען באַ זיי דעם שלום־עליכם. באַ אים אויפן בלאַסן געזיכט האָבן דערביי געשמייכלט ניט מער, ווי די צוויי טונקעלע בלישטשענדיק פאַר־וווּנדערטע אויגן. די יונגע קרעמער האָט ער כמעט אַלע דערקענט און איטלעכן אָנגערופן באַ זיין אַמאָליקן חדר־נאָמען. אַלע זיינען זיי געווען טאַטעס פון קינדער, באַוואַקסענע און שוואַר־באַוועגלעכע. באַ איינעם האָט חיים־משה שמייכלדיק איבערגעמאָסטן די באָרד און אים באַוויזן, אַז זי האַלט צוויי טפחים מיט אַ שטיקל. אַ צווייטער האָט נאָך אַלץ, ווי אַמאָל, געהאַט אַ היפּשן פּליאַם אויפן שטערן און אַראָפּ נידעריקער פון לינקן אויג: ער איז שוין איצט געווען אַ קצב. בשעת די איבעריקע זיינען געשטאַנען אַרום חיים־משהן מיט נאַריש שמייכלדיקע פּנימער און האָבן ניט געהאַט, וועגן וואָס צו רעדן, האָט זיך דער רויט־פּליאַמיקער פּלוצים באַדעקט מיט אַ גאַדיכטער שעמעוודיקער פאַרב און האָט אויך אַזוי פּלוצים אָנגעהויבן רעדן צו חיים־משהן אויף „דו“, פּונקט ווי אַמאָל, בשעת זיי האָבן געלערנט אין איין חדר:

— כ'האָב געהערט זאָגן: שרייבסט שוין גאָר ביכלעך פון מאַטעמאַ־טיקע, האָב איך געהערט זאָגן...

— וואָס? — חיים־משה האָט זיך מיטאַמאָל און מיט וווּנדער צו אים אומגעקוקט: — יאָ, ביכלעך פון מאַטעמאַטיקע.

און ביידע, ער מיטן רויט־פּליאַמיקן יונגנמאַן, האָבן זיך אַזוי אַ ווײַלע געקוקט אין די אויגן און האָבן גוטמוטיק געלאַכט איינער דעם צווייטן אין פּנים אַריין.

— ביכלעך פון מאַטעמאַטיקע...

— ניין, וואַרט צו, האָט חיים־משה געזאָגט, אַרייַנזעצנדיק זיך צוריק אין פּאַעטאָן: זאָלן זיי אַזוי ניט אויסלאַכן די ביכלעך פון מאַטעמאַטיק — ס'איז אַ שכלדיקע זאַך.

דער פּאַטאָן האָט שוין אָנגעהויבן אָפּפאָרן, האָט ער זיך געמוזט א ביסל א בייג טאָן צו די, וואָס בלײַבן, און העכערן זײַן קול:

— אָט, למשל, ווי אַ דאָמינע...

נאָר בשעת ער האָט זיך אַזוי אַרונטערגעבויגן אַף צוריק, האָט ער פּלוצים דערזען הינטער זיך דאָס שיינע שלאַנק־וווּקסיקע מיידל, וואָס שטייט שוין אַ היפּשע ווײַלע אַפן געשניצטן גאַניק פון איר פּאָטערס הויז. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אירע היפּשע כמעט בולטע אויגן און האָט אין צעטראָגנקייט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, גלײַך ער האָט עפּעס פאַרגעסן מיט זיך מיטנעמען — דאָס איז געווען אַ מאָדנע, צעטראָגענע, אָפּגעריסענע און געשווינטע באַוועגונג. דעם מיידלס בליק איז געווען אַ קלוג פאַרוווּנדערטער, אַ האַלב שמייכלדיקער און אַ ביסל אַן עזותדיקער.

— ווער איז זי? — האָט ער באַם בעל־עגלה אַ פרעג געטאָן.

און בשעת ער האָט נאָך אַלץ געפילט יעדע מינדסטע באַוועגונג פונעם מיידלס מיוחסדיקע פילבאַרע פּלייצעס, און אַפילו פון אירע שטאַרק הויכע שוכקאָרקעס, אַף וועלכע איר גלײַכע פיגור איז געשטאַנען אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי אַף שטאָלצן, איז שוין דער בעל־עגלה געזעסן צו אים האַלב אויסגעדרייט, ניט געוווּסט, צי ער טרעפט מיט דער פאָכנדיקער בײַטש אין די לויפנדיקע פערד, און האָט געענטפערט, אַז דאָס איז חוה פויזנער, דאָס שענסטע מיידל אין ראַקיטנע, אַז זי האָט שוין אַמאָל ליב געהאַט פריִער דעם פאַרוואַלטער פון תלמוד־תורה, און אַז איצט ווערט זי אײַנגיכן אַ כלה פאַר דעסלערן:

— פאַרן יונגן דעסלערן פון בעריזשינעץ.

— פאַר דעסלערן?

חיים־משה האָט ניט געוווּסט, ווער דעסלער איז. אַז ער איז געקומען אין וואַלד אַרײַן, האָט ער דערזען יצחק־בערן מיטן ווײַב אינדרויסן באַם שטיבל און האָט גלײַך אָן דעם פאַרגעסן. מ׳האָט דאָרטן אַ גאַנצן אָוונט גערעדט וועגן מלכּם זײַן אין ראַקיטנע, און יצחק־בער האָט זיך געבייזערט; ער האָט געטענהט, אַז מלכן האָט דאָ אין ראַקיטנע קיינער ניט געקענט. חיים־משה האָט געלאַכט: יצחק־בער איז געוואָרן אַ סך בייזער.

— אַ־יאָ, בייזער? — האָט ער פריילעך געפרעגט באַ דער ייִדענע.

אָקאָרשט שפּעט נאָך אַ האַלבער נאַכט, ווען יצחק־בער האָט אים

אַרײַנגעפּירט שלאָפן אין דער צווייטער צוגעגרייטער האַלב פון שטיבל, איז חיים־משה געוואָר געוואָרן, אַז דעסלער איז אַן אינזשעניער, אַ פרעמ־דער. ער האָט אַ חלק אין די פיר־וויאָרסטנדיקע ריטגיצער טאָרף־זומפּן און האָט ניט לאַנג אויסגעבויט אין בעריזשינעץ דעם נײַעם גרויסן בראָווער. און אַז חוה פויזנער איז דאָס זעלבע מיידל, וואָס איז די לעצטע צײַט פאַר עפּעס אין כעס געווען אױף מלכן און האָט אים דאָך אינעם געשלאָסענעם שטיבל אָנגעצונדן דאָס לעמפּל אָפן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט.

— נו, און געשטאָרבן?... האָט חיים־משה צו יצחק־בערן פּלוצים אַ זאָג געטאָן. פון וואָס איז מלך פּלוצים געשטאָרבן?

ער האָט געוואָלט אָנהייבן וועגן עפּעס זיך דערפרעגן.

נאָר יצחק־בער האָט אױף דעם נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט; געהייסן האָט עס, אַז ער, יצחק־בער, איז שוין צו אַלט:

— ער וויל דערפון ניט רעדן.

אַפּמאָרגן, נאָך אָט דעם געשפּרעך בײַ יצחק־בערן אין וואַלד־שטיבל, איז חיים־משה אויפגעשטאַנען נאָך מיטן טאָג־ליכט — אַן אַנדערטהאַלבן שעה פאַר זון־אויפגאַנג. אים האָט ניט געלאָזט שלאָפן דער נײַער געלעגער; צי אפשר האָט אים אַזוי פרי אויפגעוועקט דער ריח פון פרישן וואַלד, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט אַרײַנגעדרונגען דורך די אָפענע פענצטער.

אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, איז נאָך דער וואַלד, ווי בײַנאַכט, געשטאַנען דרימלענדיק און שטיל. ער איז לעבן דער שטוב געווען שטאַרק הויך און געדיכט. מיט אַלע רויִקע צווײַגן און הויכע בוימשפּיצן האָט ער זיך געצויגן צום צוויי מאָל הויכן, גרוי־ווערנדיקן הימל. חיים־משה האָט געקוקט אױף אים און האָט זיך פאַרטראַכט:

— אַ נײַ אָרט.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אַזוי פריש און גרינג, ווי נײַ־געבוירן. אין דער צווייטער האַלבער שטוב וווּ ס'האָט געוווינט יצחק־בער, איז מען נאָך געשלאָפן. דער שטויב פאַר די פענצטער איז דאָרטן געווען פריש פאַרקערט, און לעבן קלעצל, וואָס ליגט פאַר דער טיר אָפן אָרט פון אַ טרעפּל, האָט זיך געוואַלגערט אַ ווײַס שטיקל פּאַפּיר, אַ באַ־שריבנס מיט יצחק־בערס קרומע ציפערן. דער טויער פון וואַלד איז נאָך אויך געווען פון אינעווייניק געשלאָסן. פײַכט און פאַררײסן, האָט זיך

דאָרטן געשוואַרצט דאָס היפּשע פאַרזשאַווערטע שלעסל און געסטאַרטשעט אַהער צום וואַלד צו. און נאָר פונעם קליינעם האַלב אָפענעם שטאַל, וואָס הינטערן שטיבל, האָט זיך געהערט, ווי דאָס פערד טרעט איבער פון איין פוס אויפן צווייטן און בראָמשטשעט האָבער מיט געזונטע און שטומפּיקע פערדישע ציין. דאָס פערד ווערט דאָרטן אַלע ווײַלע אַנטשוויגן, פאַרטראַכט זיך, אַפּנים, הערט זיך איין און קײַט ווידער.

חיים־משה איז אַריבערגעקראָכן דעם וואַלד־טויער און האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיטן וועג, וואָס פירט אין שטאָט. בדיעבד איז געווען ניט קרום, וואָס ער איז אַזוי פרי אויפגעשטאַנען. ער האָט באַדאַרפט אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט, ווי ער איז שוין קרוב זעכצן יאָר ניט געווען, און זען, צי פון דער שטוב, וואָס זײַן פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט דאָ אַמאָל פאַרקויפט, איז נאָך דער גרויסער ראַקיטנער שרפה נאָך עפּעס געבליבן.

די שטאָט האָט ער געפונען אַ פּיל פאַרגרעסערטע און שענער געוואָרענע, באַפּוצט מיט אַ סך פאַרמעגלעכע נײַ־אויסגעבויטע הײַזער, וואָס שלאָפן צוזאַמען מיט גאַנצע געסלעך און זאָגן ניט אויס, צו וועמען זיי געהערן — ראַקיטנע איז באַנײַט און באַרײַכערט געוואָרן, זינט לעבן איר האָט זיך אויסגעבויט דער וואָקזאַל. לעבן אײַנגעבראָכענעם האַלב־קײַלעכדיקן מאַרק איז ער אַ רגע געשטאַנען אַנטקעגן נײַעם הויז מיטן געשניצטן גאַניק, ווי ס'איז נעכטן געשטאַנען דאָס שלאַנקע שיינע מיידל, און איז אַוועק ווײַטער.

אינעם ווײַטסטן לינקן שטאָט־ווינקל האָט ער געטראָפן דאָס אָרט פון זײַן פאָטערס שטוב פּוסט און באַוואַקסן מיט געדיכטן ווילדן גראָז. פונעם טוי, וואָס אויף אָט דעם גראָז, זײַנען בײַ חיים־משהן שטאַרק נאַס געוואָרן די שיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי ס'איז קיינער נישטאָ, און האָט גענומען זוכן די בודיקעס, ווי ער האָט זיך קליינערהייט געשפּילט. זײַן אויג האָט דערזען אַ שטיקל צעפוילטן, אין דער ערד אײַנגעגראָבענעם סלופּ, אַן אויסגעקרישעטן און שוואַרץ געוואָרענעם, מיט אַן אויסגעהוילט לאָך אין דער מיט, ווי די לאָך פון אַן אַלטן צעפוילטן באַק־צאָן, האָט ער זיך אָנגעבויגן און האָט עס באַטראַכט: דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דאָ אין ראַקיטנע איז פון זײַן פאָטערס הויז געבליבן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק דורך דער שטאָט אין וואַלד אַרײַן. נאָר אויף דער מיטלסטער לאַנגער גאַס האָט זיך מיט אים עפּעס געטראָפן.

די זון איז נאָר וואָס געווען אויפגעגאַנגען, און ווײַבער האָבן געטריבן צו דער טשערעדע. לעבן ראָז־געפּאַרבטן הייפל, ארום וועלכן ס'האָט זיך געפונען א גרויסער סקלאַד פון ערד־מאַשינעס, האָט אים באַגעגנט אַן אַלטיטשקער ראַקיטנער ייִד, דער ערשטער גאַנץ פרי אויפגעשטאַנענער און צעקנייטשטער ראַקיטנער ייִד, און האָט גענומען אָף אים קוקן מיט גרויס נײַגעריקייט און מיט חשד. חיים־משה האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט צום ייִדן א שמייכל געטאָן:

— וואָס קוקט איר אַזוי, רב ייִד? כ'בין א היגער.

ער האָט זיך באַלד באַם ייִדן גענומען דערפרעגן, צו וועמען דאָס ראָז־געפּאַרבטע הייפל מיטן סקלאַד געהערן. דער ייִד האָט געענטפערט:

— צו וועמען זאָלן זיי געהערן? צום יונגן בראָמבערגן; אַלץ, וואָס ער זעט דאָ אָפּן ראָג, געהער צום יונגן בראָמבערגן.

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז חיים־משה ווייסט שוין אויך וואָס ס'ניט איז וועגן אָט דעם בראָמבערגן: נעכטן באַטאָג, בשעת דער בעל־עגלה האָט אים געפירט פון וואָקזאַל אין וואַלד ארײַן, האָט ער זיך צו אים האַלב אויסגעדרייט, זיך דערפרעגט, צי ער, חיים־משה, איז א „גע־ענדיקטער", און האָט אים דערציילט, אַז דאָ אין שטאָט איז אויך פאַראַן איינער א בראָמבערג:

— שוין איין מאָל א בראָמבערג — ווי איך בין א ייִד: נאָך צוריק מיט א יאָר פערצן חתונה געהאַט „פּאָ ליובווי".

ער האָט שוין אפילו געוווּסט, אַז אָט דער בראָמבערג איז א „פּאָפּע־טשיטעל" פון דער תּלמוד־תּורה. דער ייִד אָבער איז פּאָרט נײַגעריק, ער וויל וויסן: ווער איז ער אַזוינס פון ראַקיטנע. און אַז חיים־משה זאָגט עם אים, באַרויִקט ער זיך:

— ישראלס זון? זאָגט ער, — כ'האָב ניט געקאָנט ישראלן?

ער ציט צונויף די אויגן, קוקט אַזוי חיים־משהן גלײַך אין פּנים ארײַן, און טראַכט וועגן עפּעס. און פּלוצים, ווי אומגעריכט, טוט ער צו אים א זאָג:

— כ'מיין, דו דאַרפסט שוין ניט זײַן קיין יונגערמאַן, אַ?

ער בלײַבט א ווײַלע שטיין מיט די צונויפגעצויגענע אויגן און גיט צו:

— כ'מיין, א יאָר צוויי־דרײַ־אונדרײַסיק אודאי, אַ?

חיים־משה האָט געשמייכלט, בשעת ער האָט זיך צעשיידט מיטן ייִדן:

— אַט האָסטו דיר...

דאָס גאַנצע באַגעגעניש איז קיין אויסגעבלאָזן איי ניט ווערט געווען. לויטן ייִדנס חשבון איז נאָר אויסגעקומען, אַז ער, חיים־משה, איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער, ווי ער האָט גערעכנט. דאָס איז געווען אַן אַבסורד... נאָר מעגלעך — ייִדן האָבן דאָ אין ראַקיטנע געהאַט פּרײַע קעפּ; זיי האָבן גוט געדענקט, וויפל יעדער איז אַלט:

— כ'מיין, אַ יאָר צוויי־דרײַ־און־דרײַסיק אודאי, אַ?

ער האָט פאַרגיכערט די טריט. די גאַנצע מעשה מיטן באַגעגנטן ייִדן האָט צופיל באַהערשט דעם מוח; ער האָט געוואָלט קומען פאַרפרי אין וואַלד אַרײַן, טרעפן יצחק־בערן באַ טיי טרינקען און עם פאַררעדן. איז שוין אָבער די זון געווען פון לאַנג אויפגעגאַנגען, בשעת ער האָט צום טויער פון וואַלד דערגרייכט. יצחק־בער האָט זיך שוין געפונען אין צווייטן עק וואַלד לעבן קאַנטאָר, ווו מ'האָט געטעסעט קלעפּקע, און די יצחק־בעריכע איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן מיטן וואַלד־פערד־און־וועגל אין נאָענטן דאָרף, כדי צו קויפן אויבסן און פרעגלען עקיבאַסאָנען, דעם בעל־הבית פון וואַלד, אײַנגעמאַכץ. נעכטן שפּעט אין אָוונט האָט זיך יצחק־בער עטלעכע מאָל מיט איר געאַמפּערט:

— אַז איך זאָג איין וואָרט, זאָג איך: מען דאַרף זיך פאַר אים ניט זאָרגן און מען דאַרף אים ניט פרעגלען קײַן אײַנגעמאַכץ.

און זי האָט ניט געפאָלגט און האָט באַלד נאָכן אויפשטיין קראַנקערהייט געטאָן דאָס איריקע.

V

דאָס שטיבל איז געווען פּוסט.

הויכע בוימשפּיצן האָבן אַרום דעם געגאַנגט צוזאַמען מיטן בלויען זומערדיקן פרימאָרגן. צווײַגן האָבן זיך אַלע ווײַלע אויפגעכאַפּט, זיך ווי דערשראָקן און זיך ווידער איבערגעגעבן דעם שטילן גרינגן שאָקלען. אַ לאַנגאָניק בלעטער־קלאַפּעריי האָט אַרײַנגעדרונגען דורך די אָפענע פענצטער, וואָס מיט די רויטע אומרויִקע האַלבע פאָרהענגלעך, און הינטער איינעם פון די פאָרהענגלעך איז באַ זיך אין צימער אין די ווײַסע אַרבל געלעגן חיים־משה. וויבאַלד קיינער איז ניט געווען אינדערהיים, האָט

ער זיך געמעגט צווינגען אָפּשלאָפן כאָטש אַ שעה צי צוויי — אַלע זײַנע אומקלאָרע אויפרעגנדיקע געפילן האָבן דאָך איצט געקאָנט קומען פשוט דערפון וואָס ער איז אויפגעשטאַנען אַ צו גרויסן פאַרטאָג:

— מ׳האָט באַדאַרפט אַנטשלאָפן ווערן און אויפשטיין אַ פרישער.

אַז ער האָט אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם קליינעם בחורשן צוקאָפּנקישן, האָט ער גלײַך דערזען פאַר זיך אַ פּאָר אַלטע גרינלעך אויסגעלאָשענע אויגן, פייכטע און טומיק, ווי די נאַסע שטיינדלעך, געוואַשן מיט די כוואַליעס אויפן פלאַכן ברעג ים. די אויגן האָבן אַרום זיך געהאָט אַ סאַך קנייטשן פון אַ פאַרמעט־געלן פּנים, — פונעם באַגעגנטן ייִדנס פּנים. זיי האָבן פרעגנדיק אַרויסגעקוקט צו אים, חיים־משהן:

— כ׳מיין, דו דאַרפסט שוין ניט זײַן קיין יונגער מאַן, אַ?

און נאָך איין שאלה, אַ ניט דערזאָגטע:

— כ׳מיין, ביסט נאָך אַליין, הייסט עס, אַ פרײַער פויגל?... וואָס זשע ביסטו עפּעס פּלוצים אַראָפּגעקומען קיין ראַקיטנע?

אומצופרידן מיטן אַלטן ייִדן, מיט זײַן ניט דערזאָגטער שאלה, צי מיט זיך אַליין, האָט ער זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ קער איבער צום ־יק אויף די פּלייצעס און האָט געעפנט די אויגן:

— פע!... חיים־משה.

און בשעת־מעשה איז ער שוין געווען שטאַרק אומצופרידן מיט עפּעס אַ צווייטן חיים־משהן — אַ שלעכטן יונג, וואָס ליגט טיף אין אים און טרעפט דאָרט אויפצולהכעיס דעם אַלטנס צווייטע ניט דערזאָגטע שאלה.

— יעדנפאַלס דאַרף ער זיך אַליין ניט פײַניקן מער, ווי ס׳פײַניקט אים אָט דער אַלטער ייִד פון זײַן שטעטל.

ער איז אַזוי געבליבן ליגן און האָט זיך פאַרטראַכט: דעם ייִדנס גרינלעך נאַסע שטיינדלעך, די אויגן — דאָס איז די אייביקייט, וואָס זעט גלײַכגילטיק צו, ווי יונגע ווערן אַלט און בלײַבן בײַ ניט באַפרידיקטע פאַרלאַנגען. וואָס איז אַזוינס אָט דער ייִד? אַ פּײַן פון אָפּגעלעבטע דורות, אַן אַלטער גלײַכגילטיקער ווען, וואָס אָנערקענט דיך ניט. וואָס וואָלט ער דען געזאָגט וועגן דיר, ווען ער זעט, ווי דו פּלאָטערסט צווישן פּאַרטיי־חברים אונטער באַריקאַדעס? וואָרט. ס׳איז אַ געדאַנק — ער וואָלט וועגן דיר גאָרנישט ניט געזאָגט; ער וואָלט נאָר אַ פּאַטש געטאָן

איבער זײַן פּושקעלע און וואָלט געטאָן וועגן דיר אַ קלוגיטשקן שמעק טאַבאַק. — ער איז דיר פרעמד, אָט דער אַלטער, דאַרפסטו פאַרגעסן אָן זײַנע צונויפגעצויגענע אויגן און אָן זײַנע ניט דערזאָגטע שאלות...

וואָס וואָלט דען ער, חיים־משה, געטאָן מיט זײַן יוגנט, ווען ער האָט זי איצט נאָכאַמאָל? צי וואָלט ער געפאָלגט דעם ייִדן און וואָלט געעפנט דאָ אין ראַקיטנע אַ באַקאַלייקלייטל?

— נאַרישקייטן.

אים געפעלט ניט דער ענין פון אַ באַקאַליי־קלייטל, וועט ער דאָ אויפן בעט ליגן. דאָס צימער איז אַ היפּשס, אַ ריינס, מיט נײַע ווײַסע ווענט, ס'האָט אַ שטאַרק נידעריקע סטעליע, און דאָס פרישע אָטשערעט גראָז, וואָס אויף דער ליימענער פריש אָפּגעשמירטער ערד, פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שאַרפן ריח פון נאָענטן שבועות און פון גוישער דאָרפישער היימלעכקייט. דאָס רויטע האַלבע פאַרהענגל פלאַטערט פונעם גרינגן ווינטל אויפן אָפענעם פענצטער. — ס'איז אַן ענין — דער עיקר איז אומרו. בוימער־צווײַגן נאָגן מיט אַ שטילן גערויש איבער גאָר דעם וואַלד — ס'איז אויך אַן ענין: אַז מען וויל, קאָן מען זיך אויסמאָלן, ווי מען שפּאַצירט דאָ אַרום אין צווייען מיט חוה פּויזנער און מען רעדט מיט איר, ווי אַ יונגער אײַנגעלעבטער סטודענט: — סאַרא מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע, — זאָגט חוה פּויזנער און הערט זיך אײַן אינם וואַלדס שטילן גערויש. — יאָ, — ענטפערט מען איר און מ'חידושט זיך, וואָס זי האָט געזאָגט אַזאַ „שיין וואָרט”. טאַקע אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע — אַן אייביק אומעטיקע מעלאָדיע, וואָס באַגלייט דעם שטומען אומגליק פון גאָר דער וועלט. וואָס האָט זי נעכטן אַזוי געקוקט אויף אים מיט גרויסע, כמעט בולטע אויגן? און ער איז דעמאָלט געשטאַנען אינמיטן מאַרק מיט די יונגע קרעמער, מיט וועלכע ער האָט דאָ אַמאָל אין איין חדר געלערנט. אים אַרן איצט אָט די יונגע קרעמער, די טאַטעס מיט די בערד, וועט ער זיי איצט אויך אַרײַנבעטן אַהער צו זיך אין צימער און וועט זיי דערציילן אַ פּשוטע מעשה וועגן זיך, חיים־משהן. זיי ווילן שטאַרק וויסן, צי ער איז אַ „געענדיקטער”, נאָר ער וועט זיי פאַרלייגן אַ קלאָץ:

„זעקס יאָר, וועט ער זיי דערציילן, איז ער איצט געווען אַ לערער פון מאַטעמאַטיק אין יענער גרויסער שטאָט, וווּ ער האָט זיך אַמאָל באַקענט מיט יצחק־בערן. ער האָט אַ סך דאַנק בריוו פון זײַנע תלמי־

דים, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס אין פּאָליטעכניקום. מערסטנ־טייל אָבער האָט ער רעפּעטירט מיט יינגלעך גימנאַזיסטן און נאָך מער מיט יונגע מיידלעך גימנאַזיסטקעס און האָט זיך מיט זיי תמיד גע־פילט בעל־מלאכה. קיין זײַטיקע שמועסן האָט ער מיט זיי ניט געפירט. זיי, די מיידלעך, האָבן אויף אים געקוקט, ווי אויף אַן איבערגעוואַק־סענעם בחור אַ ספּעציאַליסט. פאַרוואָס איז בא אים שטענדיק אַזוי ריין אין צימער? און פאַרוואָס האָט ער אַזוי פיל בערשטלעך מיט עלעקסירן בא זיך אויפן וואַש־קאַסטן? און ער — ווי אַזוי האָט ער אויף די מיידלעך געקוקט? עט! ער, חיים־משה, זאָגט זיי, די יונגע ראַקיטנע קרעמער: ס'איז גישש כדאי וועגן דעם צו רעדן..."

און נאָך קאָן ער זיי, די ראַקיטנער קרעמער, דערציילן:

„אַלע זײַנען דאָך דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט געווען זיכער, אַז ער, חיים־משה, האָט קיינמאָל קיינעם ניט ליב געהאַט. נאָר אין אמתן האָט ער שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן זײַנעם — ער איז געווען אַ היגער, און זיי, די קרעמער, האָבן אים באַדאַרפט קאָנען. ער, חיים־משה, זאָגט זיי אויף נאמנות: קיין פּוסטן קאָפּ האָט אָט דער אויסערלעך פרומער ייד ניט געהאַט. זאָלן זיי אים מוחל זײַן, וואָס ער האָט זיך אַלע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט זײַן פּירוש אויף תהלים און מיט זײַנע חנדלעך אויף אבן־עזרא. דערפאַר אָבער האָט ער ווינציקער, ווי אַלע אַנדערע, אין זינען געהאַט פּרנסה. ער איז געווען אַ וויסן־דאַרשטיקער. אַז דאָס היגע צווייטע ווײַב זײַנס איז געשטאָרבן, האָט ער פאַרקויפט די שטוב און איז אַוועקגעפאָרן אויף צוויי חדשים אויסקוקן פּאַלעסטינע. אַלע מײַנע יאָרן, האָט ער נאָכדעם אים, חיים־משהן, געשריבן, האָב איך גע־טראַכט וועגן ארץ־ישראל. מיר טוט נאָר באַנג, וואָס איך האָב ניט גע־האַט אויף הוצאות אַראָפּצופאָרן און אַ קוק צו טאָן אויף אלכסנדריה של מצרים."

„און אַז אים, חיים־משהן, איז אײנמאָל אָנגעקומען אַ בריוו, אַז דער פאָטער זײַנער האָט זיך געפּעלט, איז דאָס געווען אין אַ הייסן זומערטאָג אַרום דרײַ אַזייגער נאָכמיטאָג, און אָט דעם באַטאָג, שווערט ער, חיים־משה, וועט ער שוין תמיד געדענקען מער, ווי אַלע באַטאָגן אין משך פון זײַן לעבן. פון גרויס שטילקייט און היץ, געדענקט ער, האָבן דאַן געגודעט הימל און ערד, און שטיל נאָגנדיקער בוים, און ווײַטער האָרי־

זאָגט. און פּוסט איז דאָן די וועלט געווען — פּוסט, זאָגט ער זיי, די קרעמער, און זיך אַליין, אין איר אומבאַגרענעצטן חלל, אין אַלע אירע ברואים און אַפילו אינם לײַדנשאַפטלעכן אומעט, וואָס פאַרציט זיך אַמאָל, ווי אַ רייכל, איבער בלויע יונגמיידלשע אויגן. און פּלוצים האָט ער, חיים־משה, דאָן דערהערט, ווי ערגעץ ווײַט, ווײַט קעגנאיבער דעם וואָקזאַל, וואָס אַרויס גרויסער שטאָט אויף אַ באַרג, פײַפט אַרײַן אין אָט דער וועלט־פּוסטקייט אַרײַן אַ רעזערוו־לאָקאָמאָטיוו. קיינמאָל האָט ער צו זיך אין צימער ניט געהערט דעם פײַף אין דער וועלט־פּוסטקייט אַרײַן פון קעגנאיבער דעם וואָקזאַל, נאָר דענסטמאָל האָט ער אים דערהערט."

— און וואָס מיינען זיי, די קרעמער, איז געווען נאָכדעם?

„בײַ אים, חיים־משהן, אין צימער איז דאָן געזעסן אַ יונגע בלאָנדע גימנאַזיסטקע און האָט געהאַלטן אין מיטן „אוראָק". און בײַ אים אַליין זײַנען שוין די הענט סײַ־ווי־סײַ געווען צונויפגעלייגט, ווי צו „לישועתך קויתי", און טיף פאַררוקט צווישן די קני, האָט ער זיך צו איר, צו דער גימנאַזיסטקע, צוגעבויגן און האָט ווײַטער געזאָגט, ווי זײַן שטייגער איז, מיטן ניגון פון פּרק:

— איטאַק... טשעמו ראַווניאַעטסיאַ *) $(a+b)^2$?

און נאָך קאָן ער זיי, די קרעמער, דערציילן:

„אַ חבר האָט דאָן ער, חיים־משה, געהאַט — אַ חבר, וואָס איז געווען יינגער פון אים מיט אַ יאָר דרײַ, און וואָס ער, חיים־משה אַליין, האָט מיט אים געלערנט און האָט אים געגרייט צו פאַרשיידענע עקזאַמענס. ער האָט געהייסן מלך. ביידע האָבן זיי געהאַט אַ ידיעה אין די פאַרנעפּלטע ספרים, אַ סך געלערנט צוזאַמען מיט יצחק־בערן און אַליין. און אין אָוונט האָבן זיי ביידע לאַנג אַרומגעשפּאַצירט אַרויס דער שטאָט, געקראָכן דאָרטן צו יצחק־בערן אויפן דאַך און געזוכט נײַע שטערן. און שטערן אויפן הימל זײַנען געווען אַ גוזמא, און מלך, דער חבר זײַנער, האָט ליב געהאַט אַ סך פון זיי און האָט תמיד וועגן דעם געשוויגן. אַך יאָ, מלך האָט געקאָנט שיין שווײַגן וועגן זיך און וועגן די שטערן, וואָס ער האָט ליב. איינמאָל איז ער, חיים־משה, שטיל אונטערגעגאַנגען צו מלכן און האָט אים געזאָגט:

*) אַלזאָ, צו וואָס איז גלײַך. $(a+b)^2$?

— שווײַג, שווײַג, האָט ער אים געזאָגט, וועסט סוף־כל־סוף אויס־שווײַגן אַ שיין לעבן.

„און אַזוי האָבן זיי געלעבט, ער מיט מלכן, אײנזאַם און אין צווייען; אין צווייען און אײנזאַם. ווײַל טיף אין זיך האָט טאַקע מלך ביזן סוף מיט אים, חיים־משהן, ניט מסכּים געווען. ווארום ער, חיים־משה, האָט געזאָגט, אַז אין דער אַרומיקער אומווערדיקייט דאַרף מען דורכגיין אייער אַליין, נע ונד, ווי אַ שאָטן. און שטאַרבן דאַרף מען אויך עלנט ערגעץ־ווו אין אַ פֿרעמדער גרויסער שטאָט, און די לויה זאָל פֿאָרקומען אין בין השמשות, און קיינער זאָל זי ניט באַגלייטן. אויפֿן שלעכטן ברוק זאָל זיך דעמאָלט טרייסלען דער אומצופֿרידענער קברן מיטן ארון, און נאָר איינער אַ דורכגייער זאָל, קוקנדיק אויפֿן ארון, זיך אָפּשטעלן און זאָל דערפֿילן, אַז ס'איז נאָך איינער אַ קרבן.

„אַ שטומער רמז אויפֿן אייביקן שטומען פּראָטעסט.

„און מלכן, דעם שעמעוודיקן לאַנגען מלכן, האָט פֿון תּמיד אָן צופֿיל געצויגן צו יעדער שיינער הויז, ווו ס'איז פֿאַראַן אַ שיין מיידל, און ווו מען וואַרט אויף אַ שׂמחה — ניט ער האָט אַהין געוואָלט און ניט ער איז אַהין געגאַנגען, נאָר אים האָט געצויגן... אַלץ, וואָס ער, חיים־משה, האָט געזאָגט, האָט ער אָנגענומען פֿאַר אמת, נאָר אַ חשד איז דאָך געווען, אַז אין דער שטיל איז מלך אַלעמען מוחל; ער האָט אויף יעדערן אַ זכות... פֿאַרט ער איינמאָל, מלך הייסט עס, צו גאַסט צו זײַן מוטער דער אלמנה, וואָס האַלט אין זײַן ווײַטלעכן געבורט־שטעטל דעם טאַפּטאַק, און קומט נאָכדעם צוריק — דערזעלבער שווײַגנדיקער מלך מיטן פֿריערדיקן שעמעוודיקן שמייכל אויפֿן פּנים:

— גאָרנישט, זאָגט ער, אינדערהיים איז גאָרנישט ניט געשען... — די מאַמע זײַנע, די אַלמנה — זי לאָזט, ווי פֿריער, אַלעמאָל אַראָפּ עפּעס פֿונם נחת, וואָס זי האָט געקלערט אין אים צו האָבן. זי שאָקלט נאָר אַ ביסל צו מיטן קאָפּ. ס'איז מער ניט: צוריקוועגס פֿון דער היים, ווען זײַן צוג האָט זיך איבעריקע צײַט פֿאַרהאַלטן אויף איינעם אַ וואָקזאַל, איז ער, מלך, דאָרטן איבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זײַט, ווו עס שטייען די בעל־עגלות, און האָט געזען: אַ היפּשע שטאָט ליגט דאָרטן צעוואָרפֿן און באַהאַלטן צווישן גרינע ביימער אויף אַ באַרג — אַ גלאָז דאָרטן אויף אַ דאַך מינעט זיך און שטראַלט אַקעגן דער זון פֿון זומער־

דיקן העלן טאָג. און בשעת ער שטייט אַזוי, גייט צו אים צו אַ בעל־עגלה און פרעגט:

— איר זענט ניט ליפּסקים חתן, דער אינזשעניער... מ'האָט מיך אַרויסגעשיקט אײַך נעמען.

מלך שמייכלט, בשעת ער דערציילט עס. נאָר פון דעמאָלט אָן הייבט ער אָן פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע זומערדיקע בין־השמשות. ער צינדט ניט אָן קיין לאָמפּ און שפּאַנט דאָן אַרום גאַנצע שעהן באַ זיך אין צימער. און ווער ווייס אים? אפשר געדענקט ער נאָך אַלץ ליפּסקים חתן, דעם אינזשעניער... ער, חיים־משה, איז איינמאָל אין אַזעלכע בין־השמשות שטיל אונטערגעגאַנגען צו מלכס אָפענעם פענצטער און האָט זיך לאַנג אײַנגעהערט אין זײַנע טריט:

— מלך, האָט ער אים סוף־כל־סוף איבערגעשלאָגן, האָסט, דוכט זיך, אַ נ יי ג ו נ ג אונטערצוהאַלטן דער וועלטס עקזיסטענץ.

און מלך האָט גענומען מיט אַ שמייכל דעם לאָמפּ אָנצינדן און האָט שעמעוודיק אַראָפּגעקוקט צום גלעזל, וואָס ער טוט אָן:

— נאָר איינער, האָט ער אים דאַן געענטפערט: — לאָך ניט; ס'איז אַן ענין.

— און סוף־כל־סוף איז מלך אַוועק צו אַ פּאַרטיי, אינגאַנצן צו אַ פּאַרטיי. ער איז נאָכדעם צוויי יאָר געווען פאַרשיקט און האָט ניט געשריבן וועגן זיך קיין בריוו. ער האָט זיך געשעמט שרײַבן וועגן זיך בריוו... ער איז נאָכדעם אַוועקגעפאָרן אַהער קיין ראַקיטנע און האָט דאָ מיט יצחק־בערס הילף געעפנט דעם קליינעם מאַגאַזין פון ווײַלשמעקנדיקע אַפּטייק־סחורות. דעמאָלט איז מען אָפט געקומען אין דער גרויסער שטאָט צו אים, חיים־משהן, און מ'האָט אים אָפּגעגעבן גרוסן:

— ער ווערט אַ חתן פאַר אַ קורסיסטין, מלך — ער האָט אײַך געלאָזט גריסן.

— מלך? האָט ער געשמייכלט, וואָס טוט ער דאָרטן, מלך?

— ער, חיים־משה, האָט זיך נאָך אַלץ געפּונען דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, און האָט געזאַמלט האָניק, ווי אַ בין; אַז ער וועט אָנזאַמלען האָניק אַ סך, אַ סך, וועט ער אַראָפּפאָרן קיין ראַקיטנע און וועט זיך דאָרטן טיילן מיט יצחק־בערן און מיטן לאַנגן מלכן. און אָט איז ער איצט קיין ראַקיטנע אַראָפּגעפאָרן און האָט געטראָפן — מלך, האָט ער

געטראָפן, רוט שוין קרוב צו דריי וואָכן אויפן קליינשטעטלדיקן ראָקיט־נער בית־עולם; פאַרוואָס האָט מען אים עפּעס געלייגט אין עק בית־עולם פּונקט לעבן אַ יונגן דאָקטער, וואָס האָט זיך געסמט?... און יצחק־בער איז אַ ביסל אַלט און צו אָפּגעלעבט — געכמן איז געווען שטאַרק ניט אָנגענעם צו הערן, ווי דאָס ווײַב קריגט זיך מיט אים פאַר דעם אײַנגעמאַכץ, וואָס זי וויל פּרעגלען. און ער, חיים־משה?... אייגנטלעך איז שוין אפשר געווען געדעכט דער באַגעגנטער ייִד מיט זײַן ניט דער־זאָגטער שאלה:

— וואָס טוט ער עפּעס דאָ אין ראָקיטנע, חיים־משה?... צי האָט ער ניט עפּעס אַ זײַטיקן מיין דערבײַ? צי איז אים באַם אָראָפּקומען אַהער ניט אַרויפגעקומען אַ הרהור, אַז ער פאָרט אַהער אויספירן אַ גע־ווינסן ענין?...

מיט אַ טאָג שפּעטער, אַרום עלף אַזייגער אין דער פרי, איז חיים־משה אַרומגעגאַנגען איבער דער מיטלסטער לאַנגער גאַס אָן אַ שטעקל אין האַנט. ער האָט געהאַט אַזאַ צעטראָגן אויסזען, גלייך ער געדענקט ניט, ווען איז ער פון וואַלד אַרויס און ווען איז ער געקומען אין שטאָט. און אַז ער האָט באַגעגנט אַ מענטשן, האָט ער אים אָפּגעשטעלט צו גיך, נאָך איידער, אפנים, ער קאָנצענטרירט זיך, נאָך איידער ער ווייס, צוליב וואָס ער דאַרף אים.

— הערט, האָט ער זיך דערפרעגט, צי ווייסט איר ניט ווו עס וווינט דאָ ליובער — עוזר ליובער?

נאָך דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער, און מענטשן האָבן זיך באַגעגנט זעלטן; אונטער דער צעגליטער זון האָבן דעכער געשימערט מיט אַ פאַלשן יום־טובדיקן גלאַנץ, און די גאַנצע שטאָט האָט ווי גע־דרימלט מיט אַ לאַנגן זומערדיקן דרימל. לעבן אײַנגעבראָכענעם האַלב־קײַלעכיקן מאַרק האָט זיך חיים־משה אָפּגעשטעלט און האָט זיך אַרומ־געקוקט. אַרום און אַרום איז שוין ניט געווען צו זען קיין איינציקן בעל־עגלהשן פאַעמאָן — דער מאַרק איז געווען פּוסט, און נאָר אויף דער שוועל פון זײַן גרויסער כּל־בו־קלייט איז אין אַ שוואַרצן לוסטרי־נענעם סורדעט געשטאַנען עזריאל פּויזנער — דער אָרטיקער רײַכער קרעמער. ער האָט געהאַט אַ סאַמעט־פאַרגאַסן פּנים פון אַ צעוואַקסענעם לײַטיש אויסגעאיידלטן גלח און האָט אַלעמאָל געפּרוווט מיט אַ גרינג

הוסטל, צי די לונגען זיינען בא אים ריין. אַמאָל האָט ער געליטן אויף דער לונג — שוין לאַנג איז דאָס געווען. איצט איז ער שוין אינגאַנצן געווען פאַרגאָסן מיט געלע גאָגל־מאָגלס און מיט אייער, און דאָס פּנים זיינס איז שוין אויך אַזעלכס — ס'האָט געשמעקט מיט געלן אייער־קיכל, מיט פּוטער־געבעקס און מיט שוויס. פּלוצים האָט חיים־משה דער־זען, אַז ער איז ניט אַליין, אָט דער רייכער קרעמער — גאָר נאָענט הינ־טער זיינע פּלייצעס שטייט די טאָכטער זיינע, די יונגע און שיינע חוה פּויזנער; זי שמייכלט; זי שפּאַרט אונטער איר פּנים באַם פּאָטער אויפן אַקסל און קוקט אינאיינעם מיט אים אויף חיים־משהן, קוקט מיט אַזאַ מינע, גלייך זי וואָרנט:

— מיר נעמען אים אויף זיך, דעם „פּאַפּקאַ" אונזערן; מיר וועלן אים באַשיצן פון אַלע מענטשן, וואָס האַלטן פון אים ניט און רעדן אויף אים שלעכטס...

פּלוצים האָט חיים־משה ווי מיטאַמאָל אויפגעוואַכט און האָט צע־טראָגענערהייט פאַרקערעוועט לינקס צום בעריזשינעצער וועג. היינטיקער טאָג איז בא אים פון אָנהייב אָן געווען אַ צעדרייטער — היינט גאַנץ פרי איז אַ ראַקיטנער שמיִיסער־יונג — אַ בעל־עגלה געקומען אין וואַלד אַריין האָלץ קויפן; ער האָט נאָך געטראָפן יצחק־בערן מיט חיים־משהן בא טיי טרינקען. ער האָט געוואָלט יצחק־בער זאָל אים אָפּלאָזן די פור האָלץ ביליק, און האָט זיי דערציילט, ווי אַזוי ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דער ערשטער דערזען מלכן אויפן וואָקזאַל. אין אַ פינצטער ווינקל איז דאָס געווען, בשעת דער געקומענער באַנאַכטיקער צוג האָט שוין באַ־דאַרפט אָוועקגיין, און אויף דעם פּלאַטפּאָרם זיינען די לאָמטערנעס גע־ווען אויסגעלאָשן. דער בעל־עגלה האָט אַרומגעשנאָרעט מיט דער פּאָכנ־דיקער בייטש אין האַנט און האָט געגישטערט מיט די פּלוידערדיקע בעל־עגלה־אויגן אין אַלע ווינקעלעך — ער האָט געזוכט פאַרשווינען, און פאַרשווינען זיינען ניט געווען. פּלוצים האָט ער דאָרט דערזען דעם פרעמדן בלאָנדן יונגנמאַן. ער איז געשטאַנען טיף אַריינגערוקט אינעם ווינקל צווישן פּאָסט־קאַסטן און הילצערנעם גאַניק, וואָס איז באַוואַקסן מיט ווילדן ווייַנשטאָק, און געדאַכט האָט זיך אַז ער שעמט זיך און שלאָגט זיך מיט דער דעה — ער וויל אָוועקפאָרן ווייטער מיטן צוג.

דער בעל־עגלה האָט בא אים געפרעגט:

— איז אפשר קיין ראַקיטנע, אַ?.. פּאַני!
קיין ענטפער איז ניט געווען.

דער בעל־עגלה האָט אָפּגעוואַרט און האָט זיך גענומען קראַצן פון הינטן, אין האַלדז און נאַקן:

— וואָס־זשע שווייגט איר?... אַ? פּאַני!

VI

אַרויף צום בערעזשינעצער וועג איז געשטאַנען אַ האַלבע ראָד פון גלייכע יונגע טאָפּאָלן און האָט געמאַכט יום־טובדיק דאָס גראָז, וואָס אויפן עקסטן לײדיקן גרויסן פּלאַץ. אין דער מיט פון דער ראָד איז געשטאַנען עוזר ליובערס נײַ אויסגעבויט גביריש הויז; ס׳האָט זיך געמינערט אַקעגן דער הייסער פרימאָרגן זון און האָט געוואַרט.

אַז אַ פרעמדער מענטש וועט קומען, וועט עס זיך לאָזן באַטראַכטן פון אַלע זייטן, און דער פרעמדער וועט זאָגן: — אַ שיין הויז; אין אַ קליין שטעטל איז פשוט זעלטן אַזאַ שיין און טשיקאַווע הויז.

זייער הויך זײַנען געווען די געזימסן אונטערן ווײַסן דאַך; שטאַרק גרויס — די געגלאָזטע וואָקזאַל־פענצטער. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, ווען מ׳האָט די פענצטער אַרײַנגעשטעלט, איז מען אַלע שבת־באַטאָג געגאַנגען פון שטאָט אויף דעם קוקן; — בעלי־מלאכות זײַנען דאָ געשטאַנען אין שבתדיקע קאַפּאָטעס און האָבן איינער באַם צווייטן געפרעגט:

— נו? ווי געפעלן זיי אײַך עפּעס — עוזר ליובערס פענצטער?

איצט זײַנען שוין אַלע אין שטאָט געווען צו דעם געוווינט, און דאָס הויז האָט נאָך אַלץ געוואַרט, מען זאָל עס קומען באַטראַכטן.

פון צופיל זון אין דרויסן און פון פּאַרנט, אינעם הויכן גלעזערנעם וועסטיבול, האָט די לופט אין די גוואַלדיק גרויסע חדרים זיך געדוכט, ווי אום בין השמשות, טונקל און האָט אַ ביסל געשווינדלט אין די אויגן. ס׳איז דאָרט געווען קיל און אַזוי פריש, גלײַך מ׳האָט נאָר וואָס פון נאָך פּסח די צווייענדיקע פאַרקלעפּטע פענצטער געעפנט און דאָס ערשטע מאָל דערהערט, אַז אַף די גאַנצע ביימער שוויטשערן פייגעלעך. ערגעץ ווײַט אין אַ זײַטיק חדר האָט פון גאַנץ פרי אָן געשטעפּט אויף אַ מאַשין דאָס געדונגענע מיידל, די נייטאָרן, און דאָ באַם לאַנגן טיש, וואָס אין

גרויסן עס־צימער, דעם פּעלד, האָט חנקע ליובער נאָך אַלץ געהאַט צו טאָן מיטן איבערבײַסן פון איר געגריזלטן זיבן־יאָריקן ברודערל:

— נו, גיכער, מאָטיק, איינס און צוויי און דרײַ.

באַם וואָרט „דרײַ" האָט מאָטיק באַדאַרפט עפענען דאָס מויל אײַנ־שלינגען דעם לעפל. ער איז מיטן פּנים געווען זייער ענלעך צו די פיל פּאָרטרעטן פון דער יונג געשטאָרבענער בעל־הביתטע, וואָס האָבן אַראָפּ־געקוקט פון אַלע ווענט מיט בלויע פאַררויכלטע בוימל־אויגן און האָבן דערמאָנט, אַז „זי איז געווען אַ זעלטענער מענטש", און אַז די גאַנצע שטאָט האָט נאָך איר געקלאָגט. די אויגן זײַנען געווען אומעטיקע, טיפע דורך זייער מאַמעדיקער איבערגעגעבנקייט. און אונטער זייער בליק האָט איצט מאָטיק באַדאַרפט אויסטרינקען זײַן גלאָז קאַקאַאָ און ניט אָנגיסן אפילו קיין איין טראָפּן אויפן נײַעם בלויען טישטוך. מאָטיק אָבער האָט פריער געוואָלט טרינקען ניט אַנדערש, ווי פון דער שאָל. דערנאָך האָט ער שוין דווקא מסכים געווען צו טרינקען פון דער גלאָז, דערבײַ זאָל ער שטיין אויף די קניען און זאָל דערווײַזן, אַז ער קאָן טרינקען אָן הענט — לחלוטין אָן הענט.

— נו, איצט וועט שוין מאָטיק געוויס פאַרגיסן דעם סערוועט.

ענערגיש, ווי אַ מאַמע, טוט חנקע אַ רוק אָפּ פון אים די גלאָז. זי איז דעם פרימאָרגן אַ ביסל אויפגערעגט און געדענקט, אַז פון הינטן באַ דער טאַליע איז באַ איר אויף איין אָרט נאָך געבליבן אויפגעשפּיליעט דאָס קאַפּטל, און ס'זעט זיך דאָרטן אַרויס אַ שמאָלער ווײַסער פּאַסיק. פּלוצים בלײַבט זי זיצן ווי פאַרשטיינערט און הערט זיך אײַן, ווי דאָס ברוגזע ווײַבל די דינסט עפנט עמעצן אין וועסטיבול די גרויסע און שווערע פּאַראַד־טיר און זאָגט דאָרטן עמעצן, אַז דער בעל־הבית, עוזר ליובער, איז נישטאָ אין דער היים.

— שאַ! — זאָגט חנקע אין גרויס אײַנהערעניש צו מאָטיקן און דערבײַ צוויי מאָל אַ פּינטל מיט די אויגן.

ס'איז געווען אַ מעשה:

צוריק מיט אַ שטיק צײַט איז פון אָט דעם הויז אַרויסגעפלויגן מיט אַ קנאַק דער יונגער און שיינער סטודענט בריל — אַ דרײַ־און־צוואַנציק־יאָריקער געראָטענער בחור, וועמען עוזר ליובער האָט פריער מיט אַ פּאָר יאָר אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין הויז פאַר אַ לערער, און וואָס אין שטאָט

האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער וועט סוף־כּל־סוף נעמען חנקען. אַרויסגעפלויגן איז ער איבער אַ מיאוסער מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט אים און מיט לאַהקע דער שוואַרצער — דער גייטאָרן, וואָס שטעפּט איצט גאַנצע וואָכן אויף דער מאַשין באַ עוזר ליובער אין הויז. און איצט, זאָגט מען, האָט ער זיך שוין ווידער אומגעקערט אַהער קיין ראַקיטנע, אַט דער סטודענט בריל — ער וווינט אין עק שטאָט באַ אַ גוי אין אַ שטיבל און גרייט זיך דאָרט צו זײַנע לעצטע עקזאַמענעס מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך מיט יעדן נײַ אויסגעחזרטן גראָבן בוך צעטרעט ער אַלע מיאוסע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך וועגן אים אַרום אין שטאָט.

איז אָט: זינט אַהער, קיין ראַקיטנע, האָט זיך אומגעקערט דער סטודענט בריל, האָט חנקע באַקומען. אַ סך אויפרעגונג באַ זיך אונטער דער ברוסט און בלײַבט זיצן ווי פאַרשטאַרבן איטלעכס מאָל, וואָס עמעצער טוט פון דרויסן אַ קלונג אין דער גרויסער און שווערער פאַראַדטיר.

אין וועסטיבול אָבער איז שוין צוריק שטיל, הייסט עס, אַז קיינער איז ניט געקומען. חנקע שטאָפּט שוין ווידער מאָטיקן די גלאָז קאַקאַאָ אין מויל אַרײַן.

— קיינמאָל, זאָגט זי, קיינמאָל נעמט זי אים שוין מער מיט זיך ניט מיט צו עטל קאַדיס. מאָטיק מעג זיך עס פאַרשרײַבן אויפן שטערן.

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום דערהערן זיך דאָך פון וועסטיבול אַ פּאָר שטילע מאַנסבילשע טריט, און חנקע מוז אַ רגע פאַרגעסן אָן מאָטיקן און זיך אָפּשטעלן אַקעגן דער פיגור, וואָס טוט אַ שווינדל אין טיר. נעכטן באַטאָג איז דאָ, אַקעגן איר, אין עס־צימער געזעסן עטל קאַדיס און האָט דערציילט, אַז מען רופט זי אַרויס מיט אַ דעפּעש צום זיידן אירן, וואָס איז שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן. זי האָט געזאָגט, אַז נאָכן שליסל פון מלכס שטיבל וועט שוין חיים־משה מוזן אַרײַנקומען אַהער צו די ליוּבערס אין הויז. און איצט איז ער טאַקע אַהער אַרײַנגעקומען, חיים־משה. איצט געדענקט שוין חנקע לחלוטין ניט, אַז פון הינטן באַ דער טאַליע זעט זיך איר אַרויס אַ שמאָלער ווײַסער פּאַסיק פונעם ליף. און נאָכדעם זיצן זיי שוין איינס אַקעגן אַנדערן באַם טיש, און חנקע טוט אויף אים צום ערשטן מאָל גאָר פון דער נאָענט אַ קוק; סך הכּל איין מאָל טוט זי אויף אים גאָר פון דער נאָענט אַ קוק, נאָר בשעת מעשה טוען זיך באַ

איר צוויי מאָל אַ הייב די לאַנגע טונקעלע וויעס און לאָזן זיך באַלד צוריק אַראָפּ: — זי האָט געמיינט, אַז ער איז אַביסל שענער, חיים־משה — אַביסל שענער, ווי ער זעט אויס איצט, זיצנדיק אַקעגן איר דאָס ערשטע מאָל באַם טיש.

דער שמועס האָט זיך צום אָנהייב ניט געקלעפּט.

חנקע האָט דערציילט, ווי אַזוי עטל קאָדים איז נעכטן אומיסטן געקומען, כדי צו לאָזן דאָ דעם שליסל, און ווי אַזוי עטל האָט זיך פאַרגעסן און האָט סוף־כל־סוף טאַקע דעם שליסל דאָ ניט געלאָזט.

— אָפּטמאָל, האָט זי אַ שמייכל געטאָן, ס׳קען זיך מיט זיי אַזוי טרעפן: מען קומט איינע צו דער אַנדערער, מען פאַרזיצט זיך, און מען פאַרגעסט, צוליב וואָס מען איז געקומען.

נאָר בשעת זי האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע אויגן, וואָס באַהאַלטן עפּעס אויס, בשעת זיי קוקן איר אין פּנים אַרײַן, האָט זיך איר פּלוצים דאַכטן גענומען, אַז דאָס אַלץ ווייסט ער שוין פון לאַנג — זי האָט עס אים שוין איינמאָל דערציילט. זי איז געבליבן זיצן ווי פאַרשעמט. זי האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע וויעס און האָט מער ניט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. דער קליינער געגרייזלטער מאָטיק איז דערווײַל געקומען צו לויפן פון די אַרומיקע חדרים און האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט זיך דאָרט אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ פינגער. האָט אים חנקע באַטראַכט, אָט דעם פינגער, און האָט אים גלײַך געגעבן אַ רפואה:

— זאָל ער אַרויפלייגן ביידע הענטלעך אויפן האַרצן און זאָל אַ קוק טאָן אַרויף צום באַלקן און נאָכדעם זאָל ער אַ קלאַפּ טאָן דרײַ מאָל מיטן פיסל.

נאָך אָט דער סגולה האָט מאָטיק נאָכאַמאָל באַטראַכט זײַן פינגער און האָט אַליין מודה געווען, אַז ער טוט אים שוין ניט וויי. לעבעדיק און צופרידן איז ער אַוועקגעלאָפן צוריק צום ווײַטן חדר, פון וואַנען עס הערט זיך דאָס לאַנגע שטעפּן פון דער מאַשין, און זײַן פריילעכע טו־טופּעריי האָט פרײַ אָפּגעהילכט איבער אַ גאַנצער רײַ גרויסע יום־טובדיק צוגעקליבענע חדרים, אין וועלכע ס׳איז קיינער ניטאָ. נאָר אָט האָט זיך חיים־משה פאַרקוקט אויף איינעם פון די פיל פּאָרטרעטן פון דער יונג געשטאָרבענער בעל־הביתטע, וואָס קוקן אַראָפּ פון אַלע ווענט מיט בלויע

פּאַרוויכלטע בוימל־אויגן. חנקע קען זיך שוין מער ניט איַינהאַלטן און קען שוין ניט, ניט באַמערקן, אַז פּונקט אויף אָט דעם זעלבן פּאָרטרעט האָט זיך פּאַרקוקט מלך, בשעת ער איז צום ערשטן מאָל געזעסן דאָ, בא זיי אין הויז. דער שמועס הייבט זיך שוין אָן קלעפּן. חנקע האָט שוין דערציילט, ווי אַזוי קיינער האָט זיך דאָ אין שטאָט צוריק מיט אַנדער־האַלבן יאָר אויף מלכן ניט געריכט; קיינעם איז ניט איַינגעפאַלן, אַז אין עק שטאָט אינעם רויטן ניַי אויסגערעמאָנטירטן שטיבל וועט ער עפּענען אַן אַפּטייק־מאַגאַזין.

מעגלעך, אַז דעם אינוועטאַר מיט די מעדיקאַמענטן האָט מען אים אַהין געבראַכט צו פּירן באַנאַכט. נאָר איינמאָל אין דער פּרי זיַינען זיי דאָרטן אין עק שטאָט די גאַס אַדורכגעגאַנגען — זי און עטל קאַדיס, און האָבן דאָרטן דערזען דעם אַפּטייק־מאַגאַזין אַ פּאַרטיקן, אַ גרייטן, מיט דער ניַי אַרויסגעהאַנגענער שילד, מיטן רויטן פּאָרהענגל, וואָס אויף דער האַלב־גלעזערנער טיר און אַפילו מיטן גלעקל, וואָס אינעווייניק. עטל קאַדיס האָט דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט פּאַרלאָזן אירע ניט דערענדיקטע אויסלענדערשע קורסן און האָט זיך אומגעקערט אַהער צו איר מוטער אַהיים — זי האָט אויך ניט געוווּסט, צו וועמען דער ניַיער אַפּטייק־מאַגאַזין געהער, און איז צוזאַמען מיט איר, חנקען, אַהין אויפצוקאַווען אַריַינגעקומען. זיי האָבן זיך דאָרטן געקויפט ניַיע צאָן־בערשטעלעך, צו שטיקלעך זייף און נאָך עפּעס קלייניקייטן. נאָר זיי איז שוין דעמאָלט געפעלן געוואָרן מלך. ער איז געווען אַ וווּקסיקער, כמעט אַ לאַנגער; ער האָט געהאַט קורצע בלאָנדע האָר ,און די מאַנזשעטן אויף זיַינע הענט זיינען געווען קיַילעכיקע און מאָדנע האַרטע: אַז ער האָט זיך געטאָן אַ ריר, האָבן זיי געקלאַפּט הילכיק, ממש ווי ביינערנע. ער איז געשטאַנען פון יענער זיַיט הויכער געפּאַלירטער סטויקע און האָט געלייענט עפּעס אַ ניַיעם גראָבן בוך, און איטלעכס מאָל, וואָס זיי, די מיידלעך, האָבן בא אים געפרעגט דעם פּריַיז אויף עפּעס אַ ניַיעם מין סחורה, האָט ער גע־מוזט אַרויסקוקן פונעם בוך, פונאַנדערלייגן די חשבונות, וואָס זיַינען אים צוזאַמען מיט דער סחורה אָנגעקומען, און אַריַינקוקן, וויפיל דער געפּאָדערטער מין קאָסט.

אַזוי פיל און אַזוי פיל, האָט ער געזאָגט, קאָן איך דערפאַר נעמען.

— אפשר עפּעס ווינציקער? — האָבן זיי איבערגעפרעגט, חנקע

ליובער און עטל קאַדיס, און האָבן דערבײַ ניט אויפגעהערט אויף אים צו קוקן.

דעמאָלט האָט ער פֿונסנײַ גענומען פֿונאַנדערלייגן די חשבונות און פֿונסנײַ אין זיי אַרײַנקוקן.

— יאָ, האָט ער געזאָגט, מעגלעך, אַז מען קען דערפֿאַר נעמען עפּעס ווינציקער.

ער האָט געהאַט אַ שטיל ברוסט־קול, אַן אָנגעשפּאַלטנס אַ ביסל און אַן אַנדערס, ווי בײַ אַלע מענטשן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז יאָרנלאַנג האָט זיך עס אויסבאַהאַלטן, אָט דאָס קול, נאָר איצט האָט עס איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל באַשלאָסן:

— סע וועט רעדן!

זי, חנקע, האָט נאָכדעם די ערשטע אָנגעהויבן וועגן אים צו רעדן:

— ער דאַרף זײַן אַן אינטערעסאַנטער, האָט זי געזאָגט, — זייער אַן אינטערעסאַנטער.

נאָר עטל קאַדיס האָט שוין דעמאָלט מערסטן געשוויגן; זי האָט שוין זעלטן געענטפֿערט אַפֿילו אױף די פֿראַגן, מיט וועלכע מען פֿלעגט זיך צו איר ווענדן. אינגיכן האָט זי זיך טאַקע פֿאַרשפּאַרט, עטל, און האָט אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים אין איר צימער, וואָס בײַ איר מוטער אינדערהיים.

חנקע האָט געשיט, געשיט. וואָס מער זי האָט דערציילט, אַלץ אומעטיקער און פֿאַרשלאָפֿענער האָבן געקוקט אירע היפּשע בלווילעך־גרויע אויגן. זי האָט גערעדט אָן אַ מינדסטער אָנשטרענגונג, אָן אַ פּויזע אַפֿילו, און דערפֿאַר האָט זיך געדאַכט, אַז אינעווייניק אין זיך איז זי גלאַט, מאָדנע גלאַט: די ווערטער האָבן דאָרטן ניט בײַ וואָס זיך צו פֿאַרהאַלטן. און חיים־משה האָט זי נאָך אַלץ פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און איז אַלץ געזעסן אַקעגן איר אין אַזאַ משונהדיקער פּאָזע, גלײַך אָט־אָט־אָט טוט ער זיך מיטאַמאָל אַ גליטש אַראָפּ פֿונעם בענקל און בלײַבט זיצן מיט אַלע פֿיר אויפֿן סאַמעט־גלאַטן קאָבריץ, וואָס אונטערן טיש. איבער אָט דעם ווייכן סאַמעט־גלאַטן קאָבריץ האָט ער געפֿילט, אַז די אָפּצאַסן פֿון זײַנע זומערדיקע שיך זײַנען שטאַרק ־רין; זיי באַשטייען כּמעט פֿון איין־איינציקן בלעטל. און אין דערזעלבער צײַט האָט ער געדענקט, אַז פֿון פֿאַרנט, אינעם הויכן גלעזערנעם וועסטיבול, איז אײַנגעמויערט אַן אומגעוויינלעך

גרויסער געשליפענער שפּיגל; פריער אביסל, ווען ער איז דעם וועסטי־בול דורכגעגאַנגען, האָט אים דאָרטן אָט דער גרויסער שפּיגל אָפּגעשיל־דערט פון איינער אַ זײַט, און אין די אויגן האָט אים אַ שווינדל געטאָן זײַן אייגענע מידע פיגור: אַ קליינע און מאָדנע דאָ אינעם רײַכן הויכן הויז, אַ פרעמדע פיגור. ער האָט ניט אויפגעהערט מידערהייט צו קוקן אויף חנקען.

— נו, און מלך?.. האָט ער פלוצים און מאָדנע שטיל בא חנקען אַ פרעג געטאָן: אפשר קאָן ער בא איר וויסן, פון וואָס איז געשטאָרבן מלך?...

נאָר חנקע איז גאָר מיט אמאָל שטאַרק בלאַס געוואָרן און האָט אים דערויף גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט זיך פלוצים אויפגעהויבן פון אָרט.

— אָך, יאָ, האָט זי געזאָגט, דער שליסל פון מלכס שטיבל. חיים־משה קען געוויס וועלן צוגיין צו עטל קאדים אהיים נאָכן שליסל...

VII

אויף מלכן האָט זיך דאָ קיינער די ערשטע צײַט ניט אומגעקוקט: דאָס איז געווען אַ פאַקט. אין ראַקיטנע איז יעדערער געווען פאַרנומען מיט זײַן ארבעט. אין אַלבאָם בא חנקע ליובער איז געווען פאַרצייכנט, אַז דאָס לעבן איז אַ ים — אַ ים פון ליבע אויסגעטאָקטע קליינינקייטן און פון פרייליכער פאַרהוילענער דאָרשט. עמעצער פון אירע באַקאַנטע האָט עס איר פאַרצייכנט צום טאָג פון איר געבוירן:

— יעדער מענטש, האָט ער איר פאַרצייכנט, וואַרפט זײַן נעץ אין ים אַרײַן, און יעדערן שיקט זײַן מזל עפּעס צו, יעדערער האָט פאַר זיך אַ טרייסט.

איז אָט. אַמאָל קאָן דאָך טרעפן:

נאָך לאַנגע יאָרן שלעפּט אַ מענטש זײַן נעץ פון ים אַרויס און זעט, אַז זי איז פּוסט — זײַן מזל האָט אים גאָרנישט ניט צוגעשיקט. — מילא, זאָגט דער מענטש צו זיך, וועט שוין זײַן אַזוי... וועל איך שוין ווי ס'ניט איז דורכקומען אָן אַ טרייסט, אָן אַ פרייד בא זיך אין האַרץ.

ער פֿאָרט אוועק אהער קיין ראַקיטנע, ווו קיינער קאָן אים ניט, און עפֿנט דאָ אַ קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין.

— יאָ, ענטפֿערט ער איטלעכן קונה, וואָס דינגט זיך מיט אים פֿאַר אַ וואָסער ניט איז מין סחורה: מעגלעך, אַז מען קאָן דערפֿאַר נעמען עפּעס ווינציקער.

ער איז בכלל אַ בנעימותדיקער, אַ שטילער און האָט אויף קיינעם ניט קיין האַס. אין די שטילע זומערדיקע פֿאַרנאַכטן זעט מען אים אין דרויסן לעבן דער טיר פֿון זײַן מאַגאַזין. ער שטייט איינער אַליין און קוקט מיט גוטע אויגן, ווי די גאַס לעבט אויף אין בין השמשות. ווײַט, ווײַט אויף די טרעפּלעך פֿון עזריאל פּויזנערס כל־בו־קלייט, וואָס מיט די אײַזערנע טירן, בײַטן זיך די פֿיגורן. און דאָ צו אים קומט קיינער ניט, אַחוץ חײַקע דער דינסט פֿון אײַנפֿאָר־הויז, וואָס טראָגט אים עסן. זי האָט ליב אַלעמען צו באַרעדן, חײַקע די דינסט, און אײַלן אײַלט זי קיינמאָל ניט. בײַטאָג, אַז זי ברענגט אים עסן, איז זי אויסגעפּוצט אין די הויכע ענג־געשפּילעטע קאַמאַשן; זי דרייט זיך פֿריילעך אַרום איבערן מאַגאַזין און דערפֿרעגט זיך:

— נו, וואָס הערט זיך? איר האָט שוין, ווער ס'זאָל אײַך ראַמען די צימערן?

און פֿאַרנאַכט קומט זי נאָכאַמאָל: זי הײלט זיך באַ אים דעם גראָבן פֿינגער, וואָס רײַסט איר שוין אַ היפּשע צייט. און נאָכדעם שטייט זי מיט אים אין דרויסן באַ דער טיר, פּלוידערט אָן אַ ברעג וועגן אַלע שטאָט־נײַעס, און ער שטייט באַ דער וואַנט, ווי באַ אַ הרובע, און שמייכלט מיט זײַן שטענדיקן שעמעוודיקן שמייכל:

— אַזוי?! שמייכלט ער מיט וווּנדער און פֿאַראינטערעסירט זיך אַלץ מער און מער.

ער ווייסט שוין אַ סך נײַעס פֿון שטאָט.

— פֿרעגער, דער פֿאַרוואַלטער פֿון תּלמוד־תּורה, דערציילט חײַקע, איז אַ גרויסער עזותניק, אַ ליץ און אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק.

פֿרעגער שיכורט אָפֿט באַ זיינוויל פּאָטשטער אין אַ זײַטיקן חדר אינאיינעם מיט זאַלקערן, דעם בעריזשינעצער אַגענט פֿון זינגערס ניי־מאַשינעס, און אינאיינעם מיט שאָולקע שנײַדער, מיט שאָולקע הפקר־יונג, וואָס מאָנט אײַן זאַלקערן די חובות באַ די היגע שנײַדער. און אַז חוה

פּויזנער, דעם רײַכן קרעמער עזריאל קרעמערס געבילדעט מיידל, האָט געוואָרפן אויף אים אַן אומחן, האָט ער, אויפצולהכעס אַלע היגע גע־הייבענע לײַט, אָנגעהויבן צושטיין צו איר, חײַקען, און זאָגט, אַז זי געפעלט אים, און אַז ער וועט זי נעמען. חײַקע אַליין זאָגט, אַז אין אַט דעם פרעגערן האָט זי פונקט אַזאַ אמונה, ווי אינעם צלם.

— אַז פּרעגער, זאָגט זי, רעדט, און דער הונט בילט, איז אַלץ איינס.

— אַזוי?! פרעגט מלך מיט וווּנדער און זעט אויס פאַראינטערע־סירט.

ער ווייסט שוין אויך, אַז דאָ אין ראַקיטנע איז פאַראַן איינע אַ מיידל, אַ קורסיסטן, וואָס האָט זיך פאַרשפּאַרט אין איר צימער, בײַ איר מוטער אין דער היים, און שווײַגט — שוין דעם צווייטן חודש שווײַגט זי.

— אַזוי?! פרעגט ער איבער פאַראינטערעסירט, און ווי אַזוי רופט מען זי?

— עטל, רופט מען זי, עטל קאַדיס.

— עטל קאַדיס?

— יאָ, וואָס איז דען?

— אַזוי... גאָרנישט, עפּעס ווי אַ באַקאַנטער נאָמען...

נאָר מעגלעך, אַז אים איז ניט גאָר אָנגענעם, וואָס מענטשן זעען אים אַלע טאָג אין דרויסן לעבן זײַן אַפּטייק־מאַגאַזין אינאיינעם מיט חײַקע דער דינסט. ראַקיטנע קוקט מיט אויגן; ראַקיטנע זעט אַלץ, וואָס טוט זיך אַפילו דאָ, ווען אינדרויסן איז שטאַרק טונקל און די גאַסן זײַנען פול מיט פרייליכן געדרויש, און אין די סימקעס רוישן שנעקן, שפּילן לעבן די הײַזער און וואַרפן אין דער הויך דעם שטוב.

ער הייבט אָן אַלע פאַרנאַכט פאַרשליסן זײַן מאַגאַזין אויף אַ שעה און אויף צוויי און לאָזט זיך ערגעץ אַוועק. ניט ער גייט, נאָר ער גנבעט זיך, ער רוקט זיך איינער אַליין, ווי מיט אַ זײַט אַרויס דער שטאָט.

זינקט אַ שטאָט טיף אין בין השמשות, רוישט און צינדט ביז שפּעט אין אָוונט קיין לאָמפּ ניט אָן, און אינעם ברייטן זײַט־געסל, וואָס אין איינעם פון אירע שטילע עקן שטייט אַן אָפּגעקומען הויז מיט דרויסנ־

דיקע אַלטע ניט געפּאַרבטע לאָדנס, און אַ מיידל אַ קורסיסטקע דער־שוויַיגט דאָרט אַליין איר נשאר יוגנט. ווּעמען גייט עס אָן? די ערשטע צייַט האָט מען זיך דערמיט אינטערעסירט. איטלעכס מאָל, וואָס אין שטאָט אַריַין איז געקומען אַ פרעמדער גאַסט, האָט מען אים אַרומגע־פירט איבער ראַקיטנע; מ׳האָט אים באַוויזן דעם פעלז, וואָס באַם טיַיך, און די שול און דעם בית עולם, וואָס ליגט אויף צווי בערג; מען האָט אים אויך צוגעפירט צום וויַיטן און ברייטן זיַיט־געסל און מ׳האָט אים דערציילט:

— איר זעט אָט דאָס הויז, מיטן קרומען דאַך און מיט די אַלטע ניט געפאַרבטע לאָדנס? אַ מיידל אַ קורסיסטן שוויַיגט דאָ שוין דעם צווייטן חודש.

נאָר איצט איז מען שוין דערצו געוווינט. דערצו איז נאָך גראָד צו יענער צייַט געשען אין שטאָט נאָך אַ נייַס: באַ עוזר ליובער אינעם רייַכן הויז, האָט אויסגעבראָכן דער באַוווּסטער סקאַנדאַל. שבת צונאַכטס איז מען דאָרט געזעסן באַ אַ ליכט אויפן באַלקאָן, וואָס גייט אַרויס מיט אַ האַלבער ראָד פון יונגע טאָפּאָלן צום עקסטן ליידיקן גרינעם פּלאַץ; מ׳האָט געטרונקען טיי און אויפגענומען געסט, און פּלוצים האָט מען דערהערט אַ יאושדיקן קוויטש פון הינטערן הויז און פון הינטערן סאָד, וואָס קוקט צו די בערעזשינעצער פעלדער. אַז מען האָט זיך אַהין גע־לאָזט לויפן, האָט מען געפונען לאהקע די שוואַרצע זיצנדיק אויף דער ערד.

אוי גוואַלד! האָט זי געשריגן און האָט געריסן אויף זיך דאָס קאָפּטל, ער איז פון מיר אַנטלאָפן... נאָרוואָס איז ער פון מיר אַנט־לאָפן.

זי האָט געהאַט אַ קורצן אָטעם און האָט ניט געקאָנט רעדן. נאָר דער סטרוזש, וואָס האָט זיך אַהין געלאָזט לויפן פון דער אַנדערער זיַיט, האָט געפּאַקט דעם אוועקגעלאָפענעם — ער האָט אָפּגעריסן דעם יונגן סטודענט ברילן אַ גאַנצע לאַץ פון זיַין נייַעם גרויען סטודענטישן רעקל.

פון דעמאָלט אָן באַקומט חנקע אַ סך אויפרעגונג באַ זיך אונטער דער ברוסט — זי האָט מורא צו באַגעגענען זיך מיטן סטודענט בריל, וואָס איז שוין כמעט געווען איר חתן, און אַז זי גייט פאַרנאַכט געוואָר

ווערן צו עטל קאַדיש, פירט זי מיט זיך האַרט באַ דער האַנט דעם ברודערל אירן, דעם געגריַיזלטן מאָטיקן. ער איז נאָך אפילו זייער אַ קליינער מאָטיק, אָבער פונדעסטוועגן, אַ שטיקל שמירה איז ער דאָך... איטלעכס מאָל, וואָס זי קומט אַריַין אין בריַיטן, אין שטילן זיַיט־געסל, טוט איר פּשוט אַ קלאַפּ אין האַרץ פון שרעק: עפּעס אַ לאַנגער מאַנספּאַרשוין, אַ הויכער ווי אַ שאָטן, שאַרט זיך דאָרט אַלע בין השמשות אַרום געסל. ווער זאָל דאָס זיַין? אַז חנקע דערנענט זיך, דרייט זיך די פיגור אַוועק און בליַיבט ניט. אַז חנקע דערגרייכט איינמאָל שפּעט פאַרנאַכט דאָס זיַיטיקע געסל, באַגעגנט זי זיך מיט דער לאַנגער פיגור אַזוי נאָענט לעבן עטלס טיר, אַז זי ווערט אַזש בלאַס און דערקאָנט זי: דער לאַנגער יונ־גערמאַן פונעם נייעם אַפּטייק־מאַגאַזין.

אוי!... גיט זיך חנקע אַ וואָרף און טוט אַ שטילן היכץ פון שרעק. נאָר די פיגור האָט שוין באַקומען אַ מאָדנע וואַקסענע צורה, זי טוט אַ אידיאָטישן שמייכל, זי הויקערט זיך שולדיק איַין און בלאָנדזשעט שטיל אַוועק פון געסל.

דער סוף איז געווען אַזעלכער: אין אָנהויב איינעם אָן אָוונט איז מלך אַריַינגעקומען אינעם אָפּגעקומענעם הויז, וואָס מיט דרויסנדיקע ניט געפאַרבטע לאָדנס. די פרי־געבליבענע אלמנה קאַדיש איז ניט געווען אין דער היים. עטל איז געלעגן איינע אַליין באַ זיך אין צימער און האָט קיין לאָמפּ ניט אָנגעצונדן: סיַי־ווי־סיַי האָט זי דאָך געשוויגן; פּלוצים טוט מען אַ קלאַפּ אין טיר. עטל שוויַיגט. זי זעט: די טיר עפנט זיך און ס׳גליטשט זיך אַריַין אינגעווייניק אַ לאַנגער שעמעוודיקער שאָטן, מלכס שאָטן. ער שטייט אַ וויַילע באַ דער שוועל ווי דערשראָקן און האָט ניט וואָס צו זאָגן. ער זעצט זיך סוף־כל־סוף צו אקעגן אויף דער קאַנאַפּע און זיצט אָפּ אַזוי אַ מינוט צען.

— אַזוי, ברומט ער אַ פּאָר מאָל אַרויס. ער שאָקלט מיט די ליפּן, נאָר דערפון קומט גאָרנישט ניט אַרויס.

ער הייבט זיך אויף אַוועקצוגיין, נאָר פאַר דער טיר בליַיבט ער שטיין מיט אַ שולדיקן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. און פּלוצים, ווי אומגע־ריכט לאָזט ער אַרויס אַזאַ משונהדיקן אָנגעשפּאַלטענעם קלאַנג, גליַיך ס׳הייבט פּלוצים אָן צו רעדן ניט קיין מענטש, נאָר אַ טיש אָדער אַ בענקל:

— האָט קיין פּאַראיבל ניט, זאָגט ער און קוקט ניט אין די אויגן, מיר האָט זיך די גאַנצע צײַט געדוכט, אַז איך האָב אײַך עפּעס צו זאָגן.

אַז ער עפנט די טיר, גיט ער צו:

— שיער, שיער האָב איך אײַך געהאַט צו זאָגן...

און ער פאַרשווינדט.

עטל האַלט די גאַנצע צײַט אונטערהויבן דעם קאָפּ און קוקט מיט גרויסע פאַרחידושטע אויגן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען: וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?

אויף מאָרגן האָט זי, צום ערשטן מאָל נאָך דרײַ חדשים שווײַגן, זיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען צו אים אין אַפּטייק־מאַגאַזין נאָך אַ פּירוש.

איז אַט. פון דעמאָלט אָן האָט מען אין ראַקיטנע זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט מלכן; מ'האָט געוואָלט וויסן, וואָס וועט זײַן דער סוף.

— מלך וועט אַמאָל ווערן אַ חתן פאַר עטל קאַדיס, צי ניין?

מ'האָט אים אָפט געזען גיין צו עטלען אַהיים. די פרי־געבליבענע אַלמנה איז דעמאָלט אַרײַנגעקומען צו עזריאל פויזנערן אין קלייט זיך אָפּרעכענען פאַר די עטלעכע טויזנט רובל, וואָס זי באַהאַלט בײַ אים אויס פון איר רײַכן שטאַרק־קמצנישן שווער. ס'איז געווען פונקט פאַרן גרויסן ראַקיטנער יריד, ווען פויזנערס רײַכע קלייט איז פול געפּאַקט מיט פריש אָנגעקומענע סחורות. קיין מזומן געלט האָט איר ער דעמאָלט ניט געקאָנט געבן, ער האָט איר נאָר געקאָנט איבערשרײַבן די אַלטע קוויטלעך אויף נײַע. דערפאַר אָבער האָט ער איר אָפּגעגעבן פיל מער כבוד, ווי אָן אַנדערש מאָל; ער איז מיט גרויס דרך־ארץ געזעסן אקעגן איר אין קלייט בײַם טישל און האָט אַ פּאָר מאָל אַ פּרוּוו געטאָן מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בײַ אים ריין.

— כ'האָב געהערט רעדן, האָט ער בײַ איר געפרעגט, מע זאָגט, אײַער טאָכטער נעמט זייער אַ פײַנעם חתן?

דערויף האָט אים די אַלמנה קאַדיס געענטפערט פאַרשטעלט מיט אַ פרומען זיפץ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ לײַטישער מחותנתטע:

— וואָס קלערט איר, האָט זי געזאָגט: אַז גאָט וויל, קאָן ער אוודאי העלפן.

נאָר פאַרוואָס האָט מלך צו יענער צײַט אויסגעזען נאָך מער דער־שלאָגן, ווי תמיד? פאַרוואָס האָט פונקט דאַן אויסגעפּוצטערהייט אָנגע־הויבן צו אים אַרײַנגיין די גראָטעסקע חוה פּויזנער?

VIII

דאָס אַלץ איז חיים־משה עטלעכע טעג נאָך זײַן קומען געוואָר־געװאָרן בײַ דער נײַנצניאָריקער, לײַטיש אויפגעצויגענער חנקע ליובער און מער האָט ער פון איר גאָרנישט ניט געקאָנט וויסן. אַז ער האָט זיך נאָכ־דעם אין אָנהייב אָוונט אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַרײַן, איז ער גע־ווען אַביסל מיד און צעטראָגן. ער איז געזעסן מיט יצחק־בער אין דער באַלויכטענער האַלבער זײַט און האָט געשמייכלט.

— די ספּערן, האָט ער געזאָגט, זײַנען שוין אפשר גאָרניט אַזוי פאַרנעפּלט: זיי הייבן אָן קלערער צו ווערן.

און נאָכדעם איז ער ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט אַנטשלאָפן געוואָרן. ער איז געלעגן אָנגעטאָן אין דער פינצטער בײַ זיך אין צימער און האָט עפּעס אַ פּאָר מאָל צו זיך אַליין אַ רעד געטאָן. יצחק־בער האָט בײַ אים פון קעגנאיבער דער וואַנט אַ פרעג געטאָן:

— זאָגסט עפּעס, חיים־משה?...

— ניין, האָט ער געענטפערט, גאָרניט.

און אין אַ רגע אַרום האָט ער דאָך צוגעגעבן:

— מלך, זאָג איך, האָט ער אַריבערגעשריען דורך דעם דינעם ווענטל, שטענדיק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן; שיער, שיער האָט ער עפּעס געהאַט דער וועלט צו זאָגן.

ער איז שלעכט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט און אויף מאָרגן באַטאָג איז ער דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעקומען אין מלכס קליינעם געשלאָסענעם אַפּטייק־מאַגאַזין. דאָרטן האָט געשמעקט מיט שאַרפער קאַרבאָל, מיט שימלדיקן גוטאַפּערטש און מיט נאָך עפּעס אַ ריח, וואָס בלײַבט אין יעדער שטוב, פון וואַנען מע האָט ניט לאַנג אַרויסגעטראָגן אַ טויטן. ס׳איז דאָרטן ניט געווען אויף וואָס צו קוקן. נאָר אינעם צווייטן קלענערן חדר, אינעם חדרל, וווּ מלך האָט געטאָגט און גענעכטיקט, האָט ער גע־טראָפן אַ גאָלדן שטראַלכל, וואָס שפּילט מיט שטויב אויף אַ שוואַרץ

באצויגענעם טישל, א גאָלדן שטראַלכל, וואָס דערגרייכט אַהין ערשט שפּעט נאָך האַלבן טאָג און דערמאָנט אָן נידעריקער פּאַרנאַכטיקער זון, א טשערעפּענעם דאַך, וואָס שימערט שיין, ווי גינגאָלד פון דער ווײַטן, און אָן מלכן אַליין, דעם לאַנגן שעמעוודיקן מלכן, וואָס איז דאָ איצט שוין נישטאָ. אויפן זעלבן טישל לעבן שטראַלכל איז געלעגן א קליין אַפּטייק־פּודעלע, א לײדיקס און א פאַרגעלטס פון אינעווייניק, און לעבן דעם האָט זיך געוואַלגערט דאָס קליינע דעקל. וואָס איז דאָס געווען פאַר א פּודעלע? חנקע ליובער איז אויך געווען מיט חיים־משהן דאָרטן אין מלכס שטיבל. זי איז געשטאַנען גאָר נאָענט לעבן חיים־משהס אַקסל, און אוממעגלעך איז געווען צו וויסן, אויף וואָס האָט זי דאָס די גאַנצע צײַט געקוקט: אויפן שטראַלכל, צי אויפן פּודעלע.

— מלך, האָט זי פּלוצים א זאָג געטאָן און האָט זיך פאַרטראַכט, ער איז שוין אפשר צו פרי געשטאָרבן, מלך.

דעמאָלט האָט זיך חיים־משה מיטאַמאָל צו איר אויסגעדרייט און האָט אויף איר געטאָן אַזא פאַרוווּנדערטן קוק, גלײַך ער וואָלט זי אָקאָרשט איצט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען.

— אָך יאָ, האָט ער פאַרוווּנדערט נאָך איר איבערגעחזרט, ער איז שוין אפשר צו פרי געשטאָרבן, מלך...

ער האָט זיך דעמאָלט מיט גרויס אינטערעס געפּאַרקעט אין איינעם א שופלאָד, ווו א סך פּאַפּירן זײַנען געווען אַרומגעלייגט אַרום מלכס גרויסן טײַסטער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין טײַסטער ליגט מלכס א צוואה, ניט אַנדערש. נאָר אַז ער האָט דעם טײַסטער געעפנט, האָט ער דאָרטן געפונען ניט מער, ווי א קליין אָפּגעבראָכן שטיקל פישביין פון א מיידלשן ליף און א היפּשן רוסישן בריוו, וואָס איז געווען געשריבן מיט א מיידלשער האַנט און האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— דער טײַוול איז פאַרפירעריש און קלוג... דער טײַוול איז אפשר מער אומגליקלעך, ווי קלוג.

ס'איז געווען קלאָר: איינע א מיידל האָט אָפּגעבראָכן אָט דאָס שטיקל פישביין פון איר ליף און האָט עס אינאיינעם מיטן בריוו צוגע־שיקט מלכן א מתנה. אָבער נאָך מער משונה איז געווען, וואָס דער לאַנ־גער, תמיד שעמעוודיקער מלך האָט געהאַלטן דאָס שטיקל פישביין אָפּ־

געהיט בא זיך אין טײַסטער. חיים־משה האָט דעמאָלט באַוויזן חנקען דעם בריוו און האָט געפרעגט:

— ס'איז ניט עטל קאַדיסעס האַנטשריפט?

נאָר פאַרוואָס איז חנקע פּלוצים געוואָרן אַזוי רויט? זי האָט גע־ענטפערט, אַז ניין:

— עטלס האַנטשריפט, האָט זי געזאָגט, איז לחלוטין אַן אַנדערע.

און באַלד האָט זי אַוועקגעדרייט דאָס פּנים אין אַ זײַט, זי האָט בשום אופן ניט דערלאָזט, מען זאָל איר אַ קוק טאָן אין די אויגן אַרײַן.

ווען חיים־משה האָט זי נאָכדעם באַגלייט אַהיים, האָט זי נאָך אַלץ געהאַט אַ סך אויפרעגונג בא זיך אונטער דער ברוסט. זי האָט געקוקט אַראָפּ צו די טריט, וואָס זי מאַכט, און האָט געשוויגן. פּלוצים האָט זי בא חיים־משהן אַ פרעג געטאָן:

— איר קאָנט חוה פּויזנער?

חיים־משה האָט אויף איר מיט גרויס וווּנדער אַ קוק געגעבן:

— חוה פּויזנער?

ער האָט עפּעס געכאַפּט בא איר אין פּנים און האָט גלײַך צוגעגעבן:

— כ'האָב זי אַ פּאָר מאָל געזען.

ער האָט זיך פאַראינטערעסירט; ער האָט שוין לאַנג געוואָלט פרעגן:

— וואָס פאַר אַ מענטש איז זי?

— וואָס פאַר אַ מענטש?

חנקע האָט נאָך אַלץ געקוקט אַראָפּ צו אירע טריט און האָט געענט־פערט, אַז ס'איז שווער צו זאָגן:

אַדרבא. זי, חנקע, וואָלט אַ בעלן געווען, אַז חיים־משה זאָל זיך מיט חוה פּויזנער נענטער באַקאַנען און זאָל אַליין זאָגן, וואָס פאַר אַ מענטש איז זי. דאָ אין ראַקיטנע איז זי, אַזוי צו זאָגן, דער שפּיגל — אַלעמען געפעלט זי. אַפילו מלך האָט אין איר אויך עפּעס געפונען, ער פלעגט שמייכלען איטלעכס מאָל, וואָס זי פלעגט דורכגיין פאַרבײַ זײַן מאַגאַזין און זיך טאָן צו אים אַ נייג. ער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַן אינטערעסאַנטע, זייער אַן אינטערעסאַנטע. איינמאָל האָט אים עטל דער־ציילט, ווי אַזוי קינדוויַיז, בשעת זי מיט חוהן האָבן געלערנט אין שטאָט־שול, פלעגט איר חוה איבערקערן דעם טינטער אויפן העפט, כדי דער לערער זאָל איר שטעלן אַ צוויי. נאָר מלך האָט געשמייכלט. ער האָט גע־

פונען, אַז אויך די מעשה מיטן טינטער איז אינטערעסאַנט. אָפטמאָל פלעגט ער זיצן מיט חוהן אויף די טרעפּלעך פון איר פאָטערס קלייט — חוה האָט דאָרט ליב געהאַט צו זיצן אַלע פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי מען שליסט צו די קלייט. ער איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען מיט חוהן אַליין. תמיד פלעגן זיך דאָרט לעבן חוהן געפינען נאָך צוויי צי דרײַ יונגעלײַט, און חוה האָט פון זיי געלאַכט. זי האָט געזאָגט: אַז יידישע יונגעלײַט גייען קיינמאָל ניט צו קיין מיידל אַליין. תמיד, האָט זי געזאָגט, גייען זיי אין צווייען, צי אין דרײַען, און אַז זיי קויפן זיך נײַע קאָלאָשן, האָט זי געזאָגט, לייגן זיי אַהין אַרײַן צוגעשניטענע שטיקלעך פּאַפּיר, כּדי זיי זאָלן זיך ניט פאַרנעצן. אָפטמאָל פלעגט חוה אָוועקפאָרן אין קרײַז־שטאָט און זיך דאָרטן אָפּזאַמען אַ וואָך צי צוויי. אַז מ'איז דעמאָלט דורכגעגאַנגען פאַרנאַכט אין מאַרק, האָט מען געזען, ווי די טרעפּלעך בײַ דער געשלאָסענער קלייט זײַנען פּוסט. נאָר איינמאָל איז חוה אויף אַ לענגערער צײַט אָוועקגעפאָרן קײַן קרים, און מלך פלעגט דאַן אַלע טאָג גיין אויף דער פּאָסט. איינמאָל האָט אים זי, חנקע, דאָרטן אין עק שטאָט לעבן דער פּאָסט באַגעגנט; ער איז געגאַנגען אָן אַ היטל און איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אינעם בריוו, וואָס ער האָט נאָרוואָס באַקומען.

— מלך, האָט זי, חנקע, בײַ אים געפרעגט, וווּ איז אײַער היטל?

דעמאָלט איז מלך געוואָרן שטאַרק רויט און האָט שעמעוודיק גענומען שמייכלען.

— אָך יאָ, האָט ער געזאָגט, כ'האָב אַפּנים פאַרגעסן, מײַן היטל אין פּאָסט.

— איז אָט...

חיים־משה האָט איר פלוצים איבערגעשלאָגן:

— זײַט איר זיך משער, אַז דעם בריוו האָט מלך דעמאָלט באַקומען פון חוה פויזנער?

חנקע איז ווידער מיטאַמאָל געוואָרן רויט.

— וואַרט, האָט זי געפרעגט, איך האָב דען געזאָגט?...

דעמאָלט האָט חיים־משה אויסגענוצט איר פאַרלוירנקייט און האָט בײַ איר פלוצים אַ פרעג געטאָן:

— נו, און וואָס האָט מלך איינגענומען פאַרן טויט? דאָס ווייסט מען נישט?

און דערויף האָט זיך איינגנטלעך דער שמועס איבערגעריסן. הנקע איז געוואָרן בלאַס און האָט מער ניט געקאָנט רעדן, און חיים־משה האָט זיך געפילט שולדיק, גלייך ער האָט זי נאָר וואָס מיט עפּעס שטאַרק באַליידיקט.

IX

גייענדיק איינער אַליין צוריק אין וואַלד אַריין, האָט ער אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מלכן, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין גענומען פירן מיט אים אין געדאַנק אַ שמועס: — ער, חיים־משה און מלך, דאָס זיינען, אין תוך גענומען, איין מענטש; ער, חיים־משה, איז אָפּגעזונדערט און שטרענג, וויל ער ניט מוחל זיין קיינעם, וויל ער אָנשמעקן אין לעבן מער, ווי אין דעם איז פאַראַן, ער מוז סוף כל סוף אין זיך גובר זיין זיין אייגענעם ווייך שמייכלדיקן מלכן, וואָס האָט אויף יעדערן אַ זכות און קומט אַריין אין יעדער שטוב און לאָזט דאָרטן איבער זיין ברכה. נאָר אָט איז אַ פאַקט: מלך האָט דוקא איצט נאָכן טויט באַקומען מער וואָג — מלך מיט זיין שעמעוודיקן ווייך שמייכלדיקן פּנים...

פלוצים האָט בא אים עפּעס אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק. דער מוח איז גלייך שיכור געוואָרן, און אין זיינע אייגענע אויגן איז מיט אַמאָל פאַרגרעסערט געוואָרן דער ווערט פון דעם וואָס ער טראַכט:

— וואָס איז אַזוינס אַ מענטש, מלך?

— גאָרנישט, חיים־משה, אַ פּרווו אָדער אַ צייטווייליקער צופאַל.

— נו, און אַ מענטשנס ליידן?

— פונעם זעלבן מין, חיים־משה.

— און ווער איז אייביק?

— אייביק בין איך, דער געשטאָרבענער מלך.

— האָסט נאָכן טויט באַקומען מער זיכערקייט, מלך...

ער האָט פאַרגיכערט די טריט.

ער איז געקומען אין וואַלד אַריין, אָפּגעזוכט אין יצחק־בערס האַלבער זייט טינט און פעדער און האָט זיך בא זיך אין צימער גענומען

פאַרצייכענען אַלץ, וואָס ער האָט פאַר די לעצטע מינוטן פאַרטראַכט בא זיך אין מוח.

ער האָט פלינק געטראַכט און פלינק געשריבן. אָבער, וואָס מער ער האָט געשריבן, אַלץ מער איז געפאַלן בא אים די שטימונג מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס, וואָס ער טוט, איז וויכטיק. ער האָט איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע און איז אַרויס אומצופרידן. די באַגייסטערונג מיט זײַן גאַנצער פאַרטראַכטער זאַך איז פאַרשוווּנדן. נאָר אויב אַזוי, איז די גאַנצע מעשה מיט זײַן אַראָפּקומען אַהער קיין ראַקיטנע איבעריק און נאַריש... ער האָט מיט יאוש אַוועקגעשפּאַנט איבערן צימער: וואָס איז אַזוינס באמת געווען מלך? אַ בנעימותדיק קליינשטעטלדיק געטעלע; ער האָט ווייך געמאַכט די הערצער בא קליינשטעטלדיקע מיידלעך, און חוה פויזנער האָט אים דערפאַר אָנגעצונדן אַ לעמפּל אויפן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט; אים, חיים־משהן, וועט זי קיין לעמפּל ניט אָנצינדן...

די גאַנצע נאַכט נאָכדעם איז בא אים געווען אַ צעדרייטע, אַן אויפגערעגטע, און דער מוח איז אים געווען פול מיט פּלוידער. ער האָט געדענקט חוה פויזנער, דעם עזותדיק קלוגן בליק פון אירע היפּשע, כמעט בולטע אויגן, דעם גאַנצן געשטאַלט פון איר גלײַכער בויגיקער פיגור, מיט איר ברווז און מיטן שטיקל פישביין, וואָס בא מלכן אין טײַסטער. פאַרוואָס שמייכלט זי תמיד, בעת זי זעט אים, חיים־משהן, דורכגיין? פאַרוואָס קוקט זי אויף אים תמיד פון דער ווײַטנס מיט אַזא עזותדיקן שמייכל אין די אויגן, גלײַך זי איז גרייט צו זאָגן:

— ער איז דאָך אַראָפּגעקומען אַהער נאָר צוליב מיר, אָט־דער חבר מלכס, חיים־משה, ער האָט דאָך מער ניט געהאַט צוליב קיינעם אַהער אַראָפּצוקומען, פאַרוואָס זשע גייט ער צו מיר גלײַך נישט צו און זאָגט ניט אויס דעם אמת?...

פּלוצלים האָט ער זיך דערמאָנט אינעם עקסטן לידיק גרינעם שטאָטפּלאַץ און אין חנקע ליובער, וואָס איז דאָרטן אַוועקגעגאַנגען פון אים באַליידיקט און בלאַס מיט אַ סך אויפרעגונג אונטער דער ברוסט. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט שטאַרק זינדיק און שלעכט און האָט זיך גענומען דרייען פון איין זײַט אויף דער צווייטער:

— טפו! האָב דיר אַבציק שוואַרצע יאָר!

און אין דער זעלבער צײַט האָט ער געדענקט, אַז מיט אָט דער קללה

פלעגט זיך שעלטן זײַן טאַטע, אַז ס'איז אַ קאַריקאַטור, אָט דאָס, וואָס ער שעלט זיך פּונקט ווי זײַן טאַטע, און אַז אַפילו אָט דער לעצטער גע־דאַנק זײַנער איז שוין אויך ניט נײַ, און ער האָט אים שוין פיל מאָל געטראַכט:

— די גרעסטע קאַריקאַטור, האָט ער געטראַכט, אַז אַ מענטש איז ענלעך צום טאַטן.

מיטן ט אָ ג ־ ל י כ ט האָט ער גענומען אײַנדרימלען מיט אַ טיפער איבערצײַגונג, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אויף זײַן לעבן געטראַכט, טויג אויף כּפּרות, אַז ער, חיים־משה, איז אַ פּוסטע כּלי און אַז בכלל דרייט ער זיך אַרום אַלע זײַנע יאָרן ליידיק, און אָט צוליב וואָס, אַ שטיי־גער, איז ער איצט אַראָפּגעקומען אַהער קיין ראַקיטנע? דעם ענין, וואָס ער האָט דאָ אָפּצוטאָן, האָט ער גרינגער ווי אַלץ געקאָנט אויספירן דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, וווּ ער האָט געלעבט. און אין תוך... אין תוך איז קיינעם קיין נפקא מינה ניט, אויב דאָ אין ראַקיטנע אין עק בית־עולם וועט אין איין שורה מיט מלכס קבר צוקומען נאָך איינער, אַ נײַער... ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. אַקעגן אים איז געזעסן מלך מיטן שטיקל פישביין אין האַנט און האָט געשמייכלט מיט אַזאַ מינע, גלײַך ער וויל זאָגן:

— דאָס איז אַלץ, חיים־משה, אַלץ וואָס איך האָב גענומען פון דער געליבטער פרוי.

און פּלוצים איז מלך פאַרשוווּנדן. און דאָ אַרום אים, חיים־משהן, איז שוין גאָר געווען חוה פּויזנער; זי איז געווען ניט איינע, נאָר עטלע־כע. זי איז געווען עטלעכע חוה פּויזנערס, וואָס כאַפּן שטאַרק דעם אָנ־בליק איינע פון דער צווייטער און אַלע האָבן זיי געזונגען מיט דינע האַרציקע ברוסט־שטימען, און צו אַלעמען האָט צוגלײַך געצויגן דאָס האַרץ.

ער איז אָפּגעשלאָפן ניט מער ווי אַ שעה דרײַ. פונדעסטוועגן איז ער נאָכדעם אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי אַ צופרידענער און פאַרגיטיקטער, אַזאַ גרינגער, גלײַך פאַר דער נאַכט האָט ער מיטאַמאָל אָנגעוואָרן אַ גאַנצע האַלב פון זײַן וואָג. פּלוצים האָט אים שטאַרק אַ צי געטאָן צו די ניט־דערשריבענע שורות, וואָס זײַנען פון נעכטן געבליבן אויפן טיש, און דאָס האַרץ האָט געגעבן וועגן זיי אַ קלאַפּ מיט פרייד:

— און ווער איז אייביק?

— אייביק בין איך, דער געשטאָרבענער מלך...

ער האָט זיך אָפּגעוואַשן בא זיך אין צימער אַקעגן שפּיגל און האָט באַמערקט די מאָגער־געוואָרענע באַקן, וואָס אויף זײַן אויסגעצויגענעם געזיכט. די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פײַערלעך אַזעלכע, מיט בענקשאַפט צו די ניט דערשריבענע שורות, וואָס בא אים אַפן טיש. איצט איז אין אים אַלץ געווען פאַרטיק: אין אָט דעם שטילן זומערדיקן טאָג מיטן הויכן בלויען הימל, וואָס ציט זיך רויִק איבער אים, איז חוה פוּיזנער שוין מער ניט געווען איינע אַליין; זי איז געווען אַ סך, אַ סך, און אַלע האָבן זיי געהאַט קליינע געטעלעך אַזעלכע און האָבן זיי געדריקט צום האַרצן, יעדערע — איר אייגן קליין געטעלע, אַלע באַטאָג האָבן זיי אויסגעצויגן זייערע געטעלעך און זיי געלייגט שלאָפן:

— באַי, באַי, האָבן זיי געוויגט זייערע געטעלעך און האָבן דערבײַ געזונגען מיט דינע און האַרציקע ברוסטן־שטימען.

זיי זײַנען געשלאָפן, אָט די געטעלעך, נאָר איינס פון זיי האָט געהאַט אַ שעמעוודיקן שמייכל אויפן בלאַסן קלאָרן געזיכט: מלכס שעמעוודיקן שמייכל...

אַרום דרײַ אַזייגער באַטאָג איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זײַן צימער מיט אַזאַ היים פאַררויטלט פּנים, אַז ער האָט זיך פונסנײַ געמוזט אָפּוואַשן מיט קאַלטן וואַסער. ער איז געווען אויפגעלייגט און צופרידן. ער האָט זיך געווערטלט אין דער צווייטער האַלבער זײַט מיט דער קראַנקער יצחק־בעריכע, ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ נײַעם אָנצוג און האָט זיך איינער אַליין אַוועקגעלאָזן אין שטאָט.

ער איז געגאַנגען מיטן שמאָלן שטעגעלע, וואָס באַהאַלט זיך אין גרינעם וואַקסנדיקן גראָז און האָט געזען פון ווײַטנס גאַנץ ראַקיטנער שיפּוע. די צוויי קלויסטער־שפּיצן מיט דער שול־יאַרמלקע האָבן געשטעקט העכער די דעכער, העכער אַלע שטאָטישע געשטאַלטן און האָבן געשפּילט מיט פאַררויכלטער זון פון זומערדיקן האַלבן טאָג. און אַלץ, וואָס דאָרטן איז געווען, האָט איצט אויסגעזען פון דער ווייטנס, ווי דער חלום פון זײַנע קינדער־יאָרן; ער האָט ניט אויפגעהערט אַהין צו קוקן, און די שעמעוודיקע שאָטנס פון די קינדער־יאָרן האָבן ניט אויפגעהערט צו פלאָנטערן זיך אַרום זײַן נשמה. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי ער איז אַמאָל דאָ,

אין אָט דער שטאָט געווען שטאַרק רעליגיעז. דאָס האָרץ האָט דערבײַ געטאָן זייער אַ שנעלן קלאַפּ, און אין דער זעלבער צײַט איז שוין דער מוח געווען פאַרשיכורט פונעם געדאַנק, וואָס טוט פּלוצים אין אים אַ בליץ.

— דער עלטסטער ליגנער, דער קינדערשער סידור זײַנער, וואַל־גערט זיך דאָ ערגעץ אויף אַ בית־מדרש־בוידעם צווישן אַלטע פאַרשטויב־טע שמות.

און ער האָט ווי נקמה געהאַט אין אָט דעם אַלטן גרויסן ליגנער.

אין שטאָט האָט ער זיך דעמאָלט געפילט גרינגער, ווי אַלעמאָל. איטלעכס מאָל, וואָס ייִדן האָבן אים דאָרטן געפרעגט, וואָס טוט ער עפּעס דאָ אין ראַקיטנע, האָט ער קוים קוים אונטערגעשמייכלט און האָט געענטפערט, אַז גאָרנישט:

— ער איז געקומען אַהער זיך אַ ביסל אַרומשלאָיען.

און אַליין האָט ער דערבײַ גוטמוטיק אַרײַנגעקוקט די ייִדן אין די פּנימער; ער האָט געהאַט הנאה, וואָס ער ענטפערט זיי מיט אַזאַ טאָן, ווי זיי איז ניחא. ער האָט ניט אויפגעהערט צו געדענקען די גרינגע טאָג־פאָלן, וואָס מאַכן יום־טובדיק דאָס גראָז לעבן עוזר ליובערס שטוב. ס'האָט געצויגן אַהין צו חנקען, צום גוטן וואָרט, מיט וועלכן ער דאַרף זי איי־בערבעטן, נאָר אַליין איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען, געשמועסט מיט די ייִדן וועגן דעם אַלטן קבצנישן טייל שטאָט און האָט געזען, ווי די טרעפּ־לעך לעבן עזריאל פּויזנערס גרויסער קליט זײַנען ליידיק: אפּנים חוה פּויזנער איז נאָך אַלץ געווען אין קרײַזשטאָט. פּלוצים האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט באַרג־אַראָפּ צום אַלטן קבצנישן טייל שטאָט און צו די נידעריקע ניט ברוקירטע געסלעך, וווּ ער איז אַמאָל אויסגעוואַקסן. ער האָט באַנײַס קוים קוים שמייכלדיק גענומען בא די ייִדן זיך נאָכפרעגן:

— וואָס־זשע הערט זיך עפּעס דאָרטן, אין די נידעריקע געסלעך?

און געענטפערט האָט מען אים, אַז גאָרניט:

— וואָס זאָל זיך דאָרטן הערן?

— קויטיקע געשעפטן.

— קבצנים ווי אַמאָל.

אין די אונטערשטע ניט־ברוקירטע געסלעך איז, ווי תמיד אין דער צײַט, געווען שטאַרק לעבעדיק און רעשדיק, קינדער האָבן געשפּילט אין

אַלע שמאָלע דורכגענג, און די שעה איז שוין געווען ניט קיין פריע; די זון האָט געהאַלטן בא זעצן זיך; דער שטויב, וואָס יעדער דורכלויפנדיקע פור האָט געלאָזט נאָך זיך באַרג־אַראָפּ אין דער לופט, האָט אויסגעזען אַ גאָלדענער, אַן אַמאָליקער, אויגעלעך און פּנימלעך האָבן אין אים געבלאַנדזשעט ווי אין אַ קרענקלעך זוגנג, און נאָך זיי האָט געבלאָנדזשעט נאָך עפּעס; אַ חלום פון די חומש־יאָרן. פון ערגעץ אַ שטוב האָט זיך געלאָזט הערן אַ לאַנגאַניק שטעפּן פון אַ מאַשין; אַ מאַמע אַ שלאָק האָט דאָרטן איצט צו זון־זעצן געהאַלטן אין איין עסן איר איבערגעוואַקסן מיידל די ברויט־געבערן, אַלמאַי זי האָט גענומען אַ ניי־מאַשין אויף אויסצאָלן:

— אַז איך האָב געזאָגט, האָב איך: איך דאַרף אים אויף כּפּרות, זאַלקערן דעם אַגענט, און וויל בא אים ניט נעמען קיין מאַשין.

נאָר אָט איז אַ שטוב אַ צווייטע און אַ דריטע. אין אַן אָפענער טיר באַווייַזט זיך אַ באָרוועס ווייַבל; זי גיט אַ שטעק אַרויס דעם קאָפּ און כאַפּט אים באַלד אַרייַן צוריק:

— אוי, איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן, חיים־משה גייט!... און באַלד האָבן זיך אין טיר אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ, אַ צווייטער און אַ דריטער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ אין די אַלט־שטאָטישע הינטער־געסלעך, ווו ער איז אַמאָל אויסגעוואַקסן, דערמאָנט מען אָפּט זייַן נאָמען; מען געדענקט אים נאָך פון די קינדער־יאָרן. מען וויל נאָר ווייסן: איז ער נאָך אַזאַ ווילער, ווי אַמאָל, חיים־משה? אייניקע ווייַבלעך קערן אים נאָך דאָ דערצו אָן קרובות. מ'האָט געשמייכלט, בשעת מען האָט אים געפירט צו זיך אין די קליינע אָרעם אויסגעמעבלטע צימערן, און אויך ער האָט געשמייכלט, בשעת ער איז זיי אַהין נאָכגעגאַנגען:

— גאָרניט, האָט ער געשמייכלט, וואָס זאָל זיך הערן? מען לעבט.

און אַלע האָבן זיך געקלאָגט אויף כמעט איינעם און דעמזעלבן: פריער מיט עטלעכע יאָר, ווען די טאָרף־פאַבריק אונטער ראַקיטנע האָט געאַרבעט, האָט מען דאָרטן עפּעס געהאַט, און איצט איז אודאי ערגער: מען מוז שטוקעווען.

און אַלע האָבן געוואָלט, אַז חיים־משה זאָל צו זיי אַרייַנקומען, אַז ער זאָל בא יעדערער פון זיי אין שטוב אַ ביסל זיצן.

אויף איינער אַן אַלטער אַקעגנדיקער שטוב ווײַזט דאָרטן חיים־משה אַליין אָן מיטן פינגער:

— אָט איז זי!...

דער לאַנגער טשערעפּענער דאַך איז געלעגן אויף אָט דער שטוב אויסגעקרימט, ווי דער רוקן פון אַ קאַץ, בעת זי ציט זיך, און איז איינגאַנצן געווען פאַרגאָסן מיט דער שײַן פון פאַרגייענדיקער זון. די שטוב האָט ניט געהאַט קיין גאַניק. איר פאַרנטיקע טיר איז געווען צעפּראַלט אָפן און צוגעבונדן צו דער וואַנט מיט אַ שטריקל, כּדי זי זאָל זיך ניט פאַרמאַכן. דער פּידאַשעק איז געווען אָפּגעוואָלעט, און אויף דער הויכער שוועל איז דאָרטן געשטאַנען אַ לאַנגער יונגערמאַן מיט אַן אויסגעצויגן און לאַנג פּנים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלט צעריסן שטובּ־רעקל; ער האָט געהאַלטן אַ קליין וויג־קינד אויף די הענט, דאָס צווייטע קינד, אַ יִנגעלע פון אַ יאָר דרײַ, האָט אים געשטופּט דאָס קעפּל צווישן די לאַנג־טאַטעדיקע פיס, און אַליין אין די גרויסע שוואַרצע אויגן און אינעם גאַנצן מאַטן אומעטיקלעכן געזיכט האָט ער געהאַט עפּעס פון די יוצאי מצרים און פון דער זון, וואָס פאַרגייט. — דאָס איז געווען פישל ריכטמאַן. אַמאָל אין די יונגע יאָרן איז ער אויך געווען אַן עקסטערן, און איצט פאָרט ער צוויי מאָל אין וואָך צום וואָקזאַל און האַנדלט, ווי דער שווער זײַנער, מיט זעק. דאָס איז ער אַמאָל געווען חיים־משהס אַ חדר־חבר, דאָ אין ראַקיטנע; דאָס איז ער דער ערשטער געפאָרן אינאיינעם מיט חיים־משהן פון וואָקזאַל.

— חיים־משה! — האָט ער צו אים געשריגן פון דער אָפענער טיר מיט אַ צופיל אויסגעצויגן קול, ווי אַ יִדענע, — און ווען וועסטו שוין אַרײַנגיין צו מיר, חיים־משה?

— טאַקע באַלד, האָט חיים־משה אים געענטפערט פון קעגנאיבער דער גאַס, טאַקע די מינוט, פישל.

גאָר אויפן וועג אַהין האָט אים איבערגענומען גאָר איינע אַ באַיאָרטע קרובה זײַנע. צוליב זײַן כּבוד האָט זי זיך נאַרוואָס אויסגעשלייערט אינעם ברוינעם נאָך ניט געניצטן זײַדענעם טיכל, און איצט האָט די גאַנצע גאַס געקוקט, ווי זי דערנעענטערט זיך צו אים מיט אַזעלכע בעריעש ווײַבלעכע טריטעלעך, גלײַך זי וועט אים אָננעמען פאַר דער

האַנט און וועט זיך דאָ אײַנמיטן גאַס אַוועקלאָזן מיט אים אין אַ קונציקן מחותנת־טאַנץ.

— וואָס־זשע דען? האָט זי געזאָגט, זי ווייסט דען ניט אַז חיים־משה איז שוין היינט פון די גרויסע, גאָר גאָר פון די גרויסע?

און אַרום־אַרום איז מען געשטאַנען אין די אָפענע טירן און מען האָט געקוקט, ווי דער גוטער יאָר האָט זי נאָך ניט גענומען, אָט די קליינינטשקע פּעסי זאַליוואַנסקי; זי קאָן נאָך שיין רעדן מיט אַ מענטשן; ניט אומזיסט איז איר מאַן עליו השלום אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ חשוב, אַ בורר און אַ כלה־אָנקוקער בײַ אַלע נײַ־שטעטיקע גבירים, וואָס אין אויבערשטן ברוקירטן טייל ראַקיטנע.

— זע נאָר, האָט זי זיך געוווּנדערט, אָט דאָ אײַנדרויסן וועט זי מיט אים שטיין?

און זי האָט אים גלײַך גענומען פירן צו זיך אינעם קליינעם שטיבעלע, וווּ די ציכטיקע פּאָדלאָגע איז נאָך געווען אָפּגעשמירט מיט פעטן עלי־נעפּט, און וווּ אין איינעם אַ ווינקל איז נאָך געשטאַנען דער שרײַבטיש פון איר געשטאָרבענעם מאַן, דעם חשוב און דעם בורר בײַ גבירים. חיים־משה איז דאָרטן מיט איר געזעסן און האָט געקוקט, ווי דער ברייטער שרײַב־טיש מיט אַלע זײַנע טיכטיקע שרײַב־מכשירים פאַרנעמט דאָרטן דאָס בכבודיקסטע אָרט. אַמאָל האָט ער געגעבן פּרנסה דאָ אין שטוב אָט דער טיש, און איצט האָט ער אויסגעזען ווי אַ יורד, אַ פּוסטע כלי.

פּעסל האָט עפּעס דערציילט וועגן זיך און וועגן איר אַלמנהשאַפט, און חיים־משה האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אָט דעם טיש. פּעסל האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אַז ווער האָט מיך איצט אין זינען? האָט זי געזאָגט, אַז קיינער האַלט ניט אונטער אין אָט דער שלעכטער צײַט.

און פון אָט די לעצטע ווערטער אירע איז חיים־משה געוואָרן ווי צעטראָגן; ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

— אמת, האָט ער פאַרוווּנדערט איבערגעחזרט, ס׳איז אַ שלעכטע צײַט; קיינער האָט יענעם ניט אין זינען.

און פּלוצים האָט ער דערזען, ווי זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, פּעסל זאַליוואַנסקי, זי בלײַבט אַזוי אַקעגן אים שטיין און וואַרט.

X

אין געסל האָט מען דערציילט, אַז חיים־משה האָט איר דעמאָלט אָפּגעגעבן גרויס כבוד: ער האָט איר געגעבן גאַנצע הונדערט רובל. פּעסל אַליין האָט איבערגעגעבן, ווי אַזוי חיים־משה איז מיט איר געזעסן באַם שרײַב־טיש און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר הויזגעזינד: ווו איז אַהינגעקומען איר יונגע שיינע טאָכטער, וואָס האָט אַמאָל חתונה גע־האָט פאַר אַ רײַכן יונגנמאַן, זי האָט זיך געגעט? ער האָט דערמאַנט אַלע קלייניקייטן פון אַמאָל, ער האָט בא איר געפרעגט:

— איז וואָס־זשע וועט זײַן ווײַטער, אַ, פּעסל?

— וואָס זאָל זײַן? האָט געענטפערט פּעסל, איך, חיים־משה, בין שוין ניט קיין יונגע, כ'בין שוין פאַרזאָרגט. און דו דאַרפסט חתונה האָבן, חיים־משה.

— חתונה האָבן? — האָט זיך געוווּנדערט חיים־משה.

און ביידע האָבן פרײַנטלעך געלאַכט, זי און חיים־משה.

ווען די קלאַנגען וועגן דעם האָבן דערגרייכט צו עזריאל פויזנערן אין דער גרויסער קלייט, האָט מען דאָרטן פאַרפירט וועגן דעם אַ שמועס. מ'האָט באַוווּנדערט חיים־משהס גוט האַרץ. עזריאל פויזנער אַליין האָט דעמאָלט אויפגעהערט אַ ווײַלע איבערצושרײַבן פון איין בוך אין צווייטן.

— אַזוי? האָט ער זיך געחידושט, גאַנצע הונדערט רובל?

און נאָכדעם האָט ער מיט גרויס ישוב־הדעת איבערגעלייגט דאָס היפּשע שטיקל וואַטע פון איין אויער אין אַנדערן; ער האָט גענומען זוכן צווישן די חשבונות איינעם אַ טעות און האָט בשעת מעשה צוגע־געבן:

— נו, זייער פײַן.

ער האָט בכלל ליב געהאַט די ווערטער „זייער פײַן". און אַלע האָבן געפונען, אַז זיי פּאַסטן פאַר אים, דעם בכבודיקן פאַרמעגלעכן קרעמער, וועמען אַלמנות און דינסט־מיידלעך פאַרגלויבן אויף אַ פשוטן קליינעם קוויטל זייער ציטערדיק פאַרמעגן. דער עיקר איז געווען זײַן שיינע הנהגה מיט מענטשן, דער סבר־פּנים־יפות און די לײַטישע אויפפירונג מיט די יונגעלײַט, וואָס קומען אַרײַן צו זײַן שיינער גראָטענער טאָכטער, דאָס מאָל איז בא אים אין קלייט געזעסן דער מאַדאַם בראָמבערגס פרעמד־

שטאָטיקער קרוב, אַ רײַכער יונגער בחור, אַ סטודענט, וואָס האָט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר זיך באַקאַנט מיט זײַן טאָכטער ערגעץ ווו אין קרים און האָט פון דעמאָלט אָן געגומען נאָכשלעפּן זיך נאָך איר אַהער קיין ראַקיטנע. ער איז געווען אַ בנעימותדיקער און אַ שטילער. אויפן שטעקל און אויפן זילבערנעם פּאַרט־ציגאַר האָט ער געהאַט אַ סך גילדענע מאָנאָגראַמעס, וואָס האָבן דערמאָנט, אַז אַ סך מענטשן האָבן אים ליב און שענקען אים מתנות, און אַליין האָט ער ליב געהאַט סקולפּטור. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט מלכם פּנים און האָט אים גענומען אויסקנעטן. די סטאַטוע איז אַרויס אַ מיניאַטור־קליינע, אַ חנעוודיקע, אַ באַשײַנטע מיט מלכס שטילן שעמעוודיקן שמייכל. נאָר חוה פּויזנער איז שוין דעמאָלט געווען ערגעץ וווּהין אַוועקגעפּאָרן פון דער היים. זי האָט אים געלאָזט איינעם אַליין אין ראַקיטנע, און ער האָט ניט געוווּסט, וואָס מיט דער סטאַטועטע צו טאָן, ער האָט זי סוף־כל־סוף אַוועקגעשענקט חנקע ליובער צום טאָג פון איר געבוירן, און אַליין האָט ער נאָך נאָכדעם אַרומגעבלאָנקעט עטלעכע טעג דאָ אין ראַקיטנע און איז סוף־כל־סוף אַוועקגעפּאָרן צוריק אין דער גרויסער שטאָט, פון וואַנען ער שטאַמט. איצט איז ער ווידער אַהער אַראָפּגעקומען. ער האָט ניט געטראָפן חוה פּויזנער אין דער היים, איז ער געקומען זיצן צו איר פאָטער אין קלייט, ער מיט די פיל גילדענע מאָנאָגראַמעס אויפן שטעקן און אויפן זילבערנעם פּאַרט־ציגאַר, וואָס דערמאַנען, אַז אַ סך מענטשן האָבן אים ליב.

— איז וואָס־זשע הערט זיך? האָט באַ אים פּויזנער מיט בטוחישער לײַטישקייט געפרעגט, — שוין מן הסתם חתונה געהאַט, אַ?

— ניין נאָך, האָט דער סטודענט מיט אַ שולדיקן שמייכל געענטפערט און האָט זיך פאַרשעמט, דווקא ניין...

— אַזוי גאָר?

עזריאל פּויזנער האָט געפּרוּווט מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען באַ אים ריין, און האָט זיך געחידושט. נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרכאַפּט און האָט מיט דעמזעלבן ווונדער צוגעגעבן.

— אַזוי? נו, זייער פײַן.

און דאָס אַלץ איז געווען געזאָגט געוואָרן פון הוילער לײַטישקייט וועגן, כדי דעם צווייטן ניט צו פאַרשעמען.

אייגנטלעך אָבער האָט זיך פּויזנער אין יענעם הייסן זומערטאָג ניט איבעריק רויִק געפילט און האָט צו אָפט געוואָרפן בליקן אין מאַרק אַרײַן. אַ ביסל שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו דער שוועל פון דער אָפענער קלייט און ווידער אַמאָל, ווי אינדערפרי, גענומען קוקן, צי ס׳פאָרן ניט די וואָקזאַל־בעלי־עגלות פונעם צווייטן צוג. די זאַך איז באַשטאַנען דער־רין, וואָס חוה פּויזנער, די געראָטענע טאָכטער זײַנע, איז געוועזן אַוועק־געפאָרן אין קרײַז־שטאָט, ווו זי האָט זיך נאָכאַמאָל באַדאַרפט באַגעגענען מיט יונגן בערעזשינעצער דעסלערן. סוף־כל־סוף האָט באַדאַרפט קלאָר ווערן, צי איז ער פאַר איר אַ פּאָר, צי ניין. נאָר אָט איז שוין אַריבער אַ וואָך און צוויי, און זי האָט זיך נאָך אַלץ פון קרײַז־שטאָט ניט אומ־געקערט. צי האָט עס ניט געקאָנט הייסן, אַז די פראַגע איז פאַר איר דאָרטן זייער אַ האַרבע? עזריאל פּויזנער וואַרט מיט אומגעדולד, אַז זי זאָל אָנקומען מיט יעדן צוג. אַלעמאָל גייט ער צו צו דער אָפענער טיר פון קלייט, שטעלט צו אַ פלאַכע האַנט צום שטערן, כדי צו פאַרשטעלן די זון, און קוקט זיך אײַן: אַ בעל־עגלהשער פעטאַן שוואַרצט זיך אין דער ווײַטער טיף פון גאַס. גלעקלעך קלינגען, אַ היטל־פּודל זיצט פאָרנט מיטן פורמאַן אויף דער קעלניע, נאָר דער פאַעטאָן פאַרקרעוועט אין אַ זײַט־געסל; אַ פרעמדער מיידלשער וואָל טוט אַ שווינדל דורך פאַרבײַ די אויגן. דערצו נאָך זיצט דאָ אין דער טיף פון דער קלייט־קילקייט אָט־דער פרעמד־שטאָטישער סטודענט, דער מאַדאַם בראָמבערגס רײַכער קרוב, רויכערט פּאַפּיראָסן און זאָגט ניט אויס, אויף וועמען ער וואַרט. איט־לעכס מאָל, וואָס צו אים, עזריאל פּויזנערן, אין קלייט קומט אַרײַן זײַן פרוי, שטערט זיי אָט דער סטודענט זיך דורכצורעדן, עזריאל פּויזנערס פרוי שטייט מיט אַ שוואַרצן גאַרעסענעם שאַרף אויפן קאָפּ בײַ דער שוועל פון קלייט, זי שטייט אויסגעפּוצט, זי זעט נאָך אויס גענוג יונג און שיין און קוקט צוזאַמען מיט איר מאַן אין דער טיף פון גאַס.

— נו, וואָס? פרעגט זי בײַ אים.

עזריאל פּויזנער ענטפערט ניט. ער קוקט אין גאַס און טראַכט; זײַן פּנים איז אַ ביסל פאַרקנייטשט.

— דו! זאָגט ער פּלוצים צום עלטערן קלייט־משרת, וואָס שטייט די גאַנצע צײַט אין גרויסן שטילשווײַגנדיקן דרך־ארץ קעגנאיבער דער סטויקע, דו, ווי אַזוי רופט מען דיך?

— יוסף, ענטפערט דער עלטערער קלייט־משרת.

— יאָ, יוסל. אהערצו גיי. שטיי דאָ בא דער קאָנטאָרקע, יוסל.

און אַליין פאַרשפּילעט ער אויף זיך די שוואַרצע לוסטרינענע קאַ־פּאָטע און לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּלעך. ער גייט פויל, ווי איינער, וואָס האָט אינמיטן הייסן וואָכעדיקן העלן טאָג באַשלאָסן צו באַזוכן אַ באַקאַנטן אַן אָבל. ער גלעט אָן אויפהער די באָרד צום האַלדז צו, און אַז ער באַגעגנט מענטשן, קוקט ער אויף זיי פון דער זײַט מיט צוזאַמענגעצויגענע קורצזיכטיקע אויגן און דערקאָנט ניט קיינעם, גלײַך ער געפינט זיך אין אַ פרעמדער שטאָט. אַזוי פּעלט ער אויס דעם מאַרק. ער גייט אים אַרום פון דער לינקער זײַט און לאָזט זיך אַראָפּ באַרג־אַראָפּ צו דער אַלטער נידעריקער שטאָט און צו די ווײַטסטע אָרעמע געסלעך.

דאָרטן אין דער טיפער נידעריק, אויפן פּלאַץ, וואָס פאַרן אונ־טערשטן שלעכט ברוקירטן מאַרק, גרייט מען זיך צום גרויסן יאַר־יריד, וואָס אין דער צווייטער נאָך־שבועותדיקער וואָך. ביידלעך ווערן אויפ־געשטעלט שורותווײַז און צעוואָרפן, האַמערס קלאַפּן, שאַלאַשן ווערן פאַרטיק, פורן לאָדן זיך אויס לעבן אויפגעשלאָגענע געצעלטן. און דער טאָג איז הייס און נודנע, ווי דאָס לעבן פון אָט דער גאַנצער אַלטער שטאָט, ווי דאָס לעבן פונעם שלימזל דעם מלמד, וואָס קנעלט נאָך דאָ ערגעץ־ווו אין אַן עק געסל. ס'הערט זיך פון דאָרטן, ווי ער חזרט מיט זײַנע אָפּגעריסענע חדר־קינדער די אַלטע נאָך־פּסחדיק נודנע פּרשה חומש:

ואם — און אויב, בבית — אין שטוב, ישוב — וועט זיך אומ־קערן, ופרח — און וועט בליען, הנגע — די פּלאָג. ואם — און אויב...

קלאַפּט דער האַמער, וואַקסן די געצעלטן, חזרט דער מלמד. און אַ קליינער פאַרבלאָנדזשעטער חדר־ייִנגל פאַרגעסט שוין אויף לאַנג ווו ער געפינט זיך, שטייט אָפּ גאַנצע שעהן דאָ לעבן די נײַ־אויפגעשטעלטע ביידלעך און קוקט מיט וווּנדער־אויגן: עפּעס פרעמד־שטעטיקע ווײַבלעך פּאָרקען זיך אין דער ביידל־קיל דאָרט אינעווייניק בא די סחורות; האָ־רעפּאַשנע ווײַבלעך און רירעוודיקע אַזלכע מיט פלינק־ווײַבערישע הענט. זיי עסן אָן טעלער פון די געבראַכטע טעפּלעך און שמייכלען צו צו די

יונגעלײַט, וואָס מען קאָן ניט וויסן, צי זײַנען זיי זייערע העלפער, צי זייערע געליבטע.

עזריאל פויזנער איז שוין דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דעם גאַנצן אַלטן מאַרק און שאַרט זיך פון איין הינטער־געסל אין צווייטן. מיידלעך קוקן אויף אים פאַרחידושט, זיי האָבן אים נאָך קיינמאָל דאָ אין די הינטער־געסלעך ניט געזען. ס'איז ניט נאָך זײַן כבוד נאָך, ער זאָל דאָ גיין, און נאָך אין מיטן דער וואָך. בא איינער אַ מיידעלע פרעגט ער וועגן עפּעס, ער שטעלט זיך אָפּ. דאָ מיידעלע ווײַזט אים אָן אויף איינער אַ שטוב אין מיטן געסל, אויף זײַנוול פּאַטשטערס האַלב־אַכסניהדיקער שטוב.

— אַט דאָ, זאָגט דאָס מיידעלע ווײַנט ער; מ'גייט אויף דער הינ־טער־טיר.

נאָר בא זײַנוול פּאַטשטער ווײַנט דאָך איצט קיינער ניט, אַחוץ פרעגערן, דעם פאַרוואַלטער פון תלמוד־תורה, וואָס איז אַמאָל געווען פאַרליבט אין חוה פויזנער און וואָס איצט, זאָגט מען, שטייט ער צו צו חײַקע דער דינסט פון אײַנפאָר־הויז און זאָגט, אַז ער וועט זי נעמען.

— אויף צו להכעיס שונאים, זאָגט ער, וועט ער זי נעמען.

בא זײַנוול פּאַטשטער אינעם לאַנגן אַכסניהדיקן אונטער־הויז קלאַפּט מען אין אַ שטויסל. זײַנוולס ווײַב, די קליינע דאַר־גופיקע עקרה, זיצט דאָרטן מיט אַלע פיר אויף דער ערד, זי זיצט אין דער קיל, לעבן דער קיך־טיר, ווײַט פונעם פּימשנאַסן פערדישן מיסט, וואָס טריקנט קיינמאָל ניט אויס לעבן אָפענעם הויז־טויער; זי שטויסט צימערינג צוליבן שבועותדיק געבעקס. און אַביסל ווײַטער, אין איינעם פון די קליינע און קילע זײַטיקע חדרימלעך ליגט פרעגער בא זיך אויפן האַרטן באַנק־בעטל. ער ליגט אינעם ברייטן בלוי־זײַדענעם שטוב־העמדל און אין די ווייכע געשטריקטע שטעק־שיך און רוט אָפּ פון נאָך זײַן שווערער טאָג־טעגלעכער לערער־אַרבעט אין תלמוד־תורה. ער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט אהיים. ער האָט אָן מידקייט געאַרבעט מיט דרײַ פול־איבערגעפולטע קלאַסן כסדר. הײַנטיקן טאָג האָט ער באַוויזן וווּנדער: ער האָט דערוויזן דעם צווייטן לערער, ווי אַזוי מען קאָן אין די לעצטע הייסע טעג פאַר די זומערדיקע וואַקאַציעס מיט אַמאָל לעבעדיק מאַכן אַלע קלאַסן. ער האָט נאָך חוץ דעם צום לעצטן מאָל געפּרעפּעטירט און געגרייט די קינדער־אַרטיסטן צום יערלעכן אָוונט, וואָס דאַרף געגעבן ווערן לטובת דער

תלמוד־תורה. איצט איז ער צופרידן־מיד און פילט אונטער זיך זײַן קראַפט; אַ גאַנצע געגנט איז מקנא ראַקיטנע אויף דער תלמוד־תורה, וואָס ער האָט דאָ אַוועקגעשטעלט; אַ גאַנצע געגנט געדענקט אַ מעשה:

צוריק מיט אַ יאָר פינף איז קיין ראַקיטנע אַראָפּגעקומען ער, פּרע־גער, אַ באַרימטער עזותניק, אַ שאַרפער קאָפּ, אַ צולהכעיס־יונג און אַ ווילדער אַפּיקורס; ער האָט שוין אפשר אַליין אַרויסגעלאָזט וועגן זיך אַ קלאַנג, אַז ער האָט צופיל ליב דעם ביטערן טראָפּן. יעדנפאַלס האָט אים קיינער קיינמאָל ניט געזען שיכור. ער האָט זיך באַלד צעקריגט מיט אַלע חשובסטע ראַקיטנער בעלי־בתים און זיי גלײַך געגעבן צו וויסן, אַז זיי זײַנען בא אים בלאָטע. ער האָט מיט דרײַ מיטלסטע פינגער געגעבן אַ דריק צו די פענסנע צו דער נאָז און האָט זיי געזאָגט:

— איר זענט בא מיר ערגער פון שאולקע הפקר־יונג, פון שאולקע שנײַדער, מיט וועלכן איך כאַפּ אָפּט אַ שנאַפּס בא זײַנוול פּאָטשטער אין אַ זײַטיק חדר.

ער האָט באַלד פּאַראינטערעסירט ראַקיטנע. אין אים האָט זיך פאַר־ליבט עזריאל פּויזנערס זעכצניאָריק גרעאָטן מיידל, חוה.

אַלעמאָל האָט דעמאָלט חוה פּויזנער פונסניי צוגעזאָגט טאַטע־מאַ־מע, אַז זי וועט זיך מער מיט אים ניט באַגעגענען, און אַלע פרײַטאָג־צונאַכטס איז זי דאָך געלאָפן צו די בראַמבערגס אין הויז און האָט דאָרט געוואַרט, אפשר וועט ער קומען.

— אמת? האָט זי בא דער מאַדאַם בראַמבערג געפרעגט, ער האָט אַן אומגעווייינלעכן שטערן...

דאָס איז געווען פריער, מיט גאַנצע פינף יאָר צוריק.

איצט אָבער נעמט זי בא אים שטיקווײַז די נשמה, אָט די אויסגע־וואַקסענע, שענער געוואָרענער חוה פּויזנער, און קיין עק וועט ער בא איר קיינמאָל ניט דערגיין. איר אויפצולהכעיס שטייט ער איצט צו צו חײַקע דער דינסט און זאָגט אַלעמען, אַז ער וועט זי נעמען, נאָר חוה פּויזנער אַרט דאָס ניט. פרעגער געדענקט, אַז זי געפינט זיך שוין די צווייטע וואָך אין קרייז־שטאָט און אַז אָן איר איז ראַקיטנע פּוסט מיט אַלע אירע שיינע זומערדיקע טעג; ער קוקט אויף דער סטעליע און וויל וויסן:

— וואָס וויל פון אים האָבן חוה פּויזנער?

— סוף־כל־סוף וועט זי אים פאַרמאַטערן.

פּלוצים, אַ שטילער קלאַפּ אין טיר און נאָך אַ מער שטילער אַרײַנ־קומען פון אַ מיושבדיקן פאַרמעגלעכן טאַטן, וואָס האָט אַ גלחים אויס־געאײדלטע צורה און זעט אויס אַ ביסל פאַרענדערט, גלײַך ער פילט, אַז ער איז אין אַ וואָכעדיקן טאָג געקומען גוט־יום־טוב בעטן.

פון גרויס אומגעריכטקייט פאַרגעסט פרעגער, אַז זײַן פענסנע ליגט אויף דער שוואַרצער צעראַטע אויפן טיש און טוט אַ דריק די מיטלסטע דרײַ פינגער צו דער הוילער נאָז, נאָר סוף־כּל־סוף טוט ער די פענסנע אָן און רוקט זיך צו נענטער צום טיש.

— זיצט, כ׳בעט אײַך. — אַזוי זאָגט ער צו עזריאל פּויזנער און קוקט ניט צו אים.

און ביידע זיצן אַ ווײַלע איינער קעגן אַנדערן און שווײַגן.

— כ׳בין אײַך שוין לאַנג שולדיק אַ וויזיט, — אַזוי זאָגט עזריאל פּויזנער און טוט דערבײַ אַ שמייכל און בויגט אַ ביסל אײַן זײַנע גלחיש ברייטע פּלייצעס.

ביידע קוקן נאָך אַלץ נישט איינער צום צווייטן.

אַ פּויזע.

איצט, געקומען צו זיך, ווייסט ערשט ניט פרעגער באַנײַס אַ קאָן, וואָס קאָן באַטײַטן אָט דער געהויבענער וויזיט. צווישן אים מיט אָט דעם מיוחסדיק רײַכן און באַוווּסטן קרעמער, דעם פאָטער פון זײַן געליבטן מיידל, זײַנען איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערגעהאַקט געוועזן אַלע וועגן. די לעצטע צײַט האָט ער אויפגעהערט אַרײַנצוקומען צו אים אין הויז. איינ־מאָל אום ווינטער, חנוכּה־צײַט איז דאָס געווען, איז פרעגער צוגעגאַנגען תּחילת אָוונט צו עזריאל פּויזנערס נײַעם הויז, אַ ביסל נידעריקער פונעם אײַנגעבראָכענעם האַלב־קײַלעכיקן מאַרק, און האָט דאָרטן געטראָפן וואַרטן פאַר דער פּאַראַד־טיר אַן אויסגעפּוצטע פּאָר פערד מיט אַן אויס־געפּוצטן שליטן. צי איז דאָס ניט געווען דעם יונגן דעסלערס אויסגע־פּוצטער פּוילישער שפּאַן? אין דרויסן האָט געשאָטן אַ שניי פון אָנהייב אָוונט, דער פורמאַן אויפן שליטן האָט זיך געהויקערט און געדרימלט, און אינעווייניק אינעם קליינעם באַלויכטענעם קאָרידאָר, וווּהין פרעגער איז אַרײַנגעקומען, איז איינע אַליין געשטאַנען פּויזנערס פרוי און מיט גרויס ליבשאַפט געגלעט דעם שפּאָגל־נײַעם מאַרדערנעם טולופּ, וואָס איז גע־האַנגען אויף דער שאַראַגע; צי איז דאָס ניט געווען דעם יונגן בערי־

זשינעצער דעסלערס שפּאָגל־נײַער מאַרדערנער טולופּ? זי האָט זיך אויפן אַרײַנגעקומענעם פּרעגערן אפילו ניט אומגעקוקט.

— הערט, — האָט געזאָגט פּרעגער און האָט דערבײַ פּאַמעלעך אויסגעווישט די פאַרהויכטע פּענסנע, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון נאָז, — בא אײַער מאַן איז, דאַכט זיך, אויך פאַראַן אַן אמתער מאַרדערנער טולופּ?

— יאָ, האָט, ניט אומקוקנדיק זיך, געענטפערט פּויזנערס פרוי, אָבער מײַן מאַנס טולופּ איז שוין אַזױ אַלטער, אַז אָפּגעטראָגענער.

זי האָט ניט אויפגעהערט צו גלעטן דעסלערס טולופּ. דעמאָלט איז פּרעגער אַוועקגעגאַנגען און האָט אַלעמען אין שטאָט דערציילט וועגן דעם וואָרט, וואָס ער האָט דאָרטן דער פרוי פּויזנער געזאָגט:

— איר מיט אײַער מאַן, האָט ער איר פאַרן אַוועקגיין געזאָגט, איר מיט אײַער מאַן זענט אפשר אויך אַמאָל געווען נײַ; מן הסתם, זענט איר אַמאָל געווען ענלעך צו מענטשן, נאָר איצט זענט איר שוין אָפּגע־טראָגן... שטאַרק אָפּגעטראָגן און אַלט.

און פון דעמאָלט אָן האָט ער מער ניט אַריבערגעטראָטן פּויזנערס שוועל. זעקס חדשים צײַט איז ער דאָרטן אין שטוב ניט געווען און האָט זיך סוף־כל־סוף דערוואָרט אויף אָט דעם געהויבענעם וויזיט, דאָ בא זײַנוול פּאָטשטער אינעם זײַטיקן חדר, נאָר פאַרוואָס פילט זיך אַזוי שטאַרק, אַז פּויזנער איז געקומען צו אים ניט מער, ווי אויף געציילטע מינוטן? ער זיצט, ווי אויף שפּילקעס זיצט ער.

— פון אײַך, פּרעגערן, זאָגט ער, האָב איך שטענדיק געהאַלטן. וואָס, וואָס, אַ גוטן קאָפּ האָט איר, און מײַן טאָכטער, גלויב איך, זענט איר אַן אמתער גוטער פרײַנט, אפשר דער בעסטער גוטער פרײַנט. אַז ניט, וואָלט איך איצט צו אײַך ניט געקומען.

פּרעגער שפּרינגט שוין שיער ניט אונטער.

— איז וואָס־זשע? פרעגט ער, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

נאָר פּויזנער טוט דערויף ניט מער ווי אַ קליינעם שאָקל מיטן פּנים.

— עט, זאָגט ער, און וואַרט אָפּ.

ער שמייכלט צו:

— איר זענט שוין גאָר ניט, זאָגט ער, אַזוי יונג, ווי אומגעדולדיק...

— דאָס וויל ער געבן צו וויסן, אַז אַחוץ דעם, וואָס ער איז לחלוטין ניט פּאַסיק פאַר זײַן טאָכטער, איז ער נאָך עלטער, אַ סך עלטער פון איר.

— אין שטאָט, זאָגט ער, רעדט מען צופיל וועגן אײַך און וועגן מײַן טאָכטער. מסתמא ווייסט איר עס גלײַך מיט מיר; שוין עטלעכע יאָר, זינט מען הערט ניט אויף וועגן דעם צו רעדן. מסתמא ווייסט איר אויך, אַז צו מײַן טאָכטער האָט די לעצטע צײַט אָנגעהויבן צו פאָרן דער יונגער בעריזשינעצער דעסלער, דער אינזשעניער דעסלער. און איר זענט דאָך מײַן טאָכטער אַן אמתער גוטער פרײַנט, אין דעם גלויב איך... און אַן אָרנטלעכער מענטש זענט איר...

נאָר פרעגער קאָן שוין מער ניט וואַרטן.

— איז וואָס־זשע ווילט איר? — פרעגט ער, און הייבט זיך מיט אַמאָל אויף פון אָרט, — וואָס דאַרף איך פון אײַערטוועגן טאָן?

נאָר פויזנער איז רויק. ער שמייכלט צו:

— כדי אין שטאָט זאָל מען אויפהערן צו רעדן וועגן אײַך און וועגן מײַן טאָכטער, בעט איך אײַך, אין מײַן נאָמען און אין נאָמען פון מײַן ווײַב און פון מײַן טאָכטער, איר זאָלט אויף אַ חדשים פינף־זעקס אַוועקפאָרן פון ראַקיטנע.

— אין נאָמען פון אײַער ווײַב און פון אײַער טאָכטער?...

נאָר וואָס אַזוינס איז פּלוצים געשען מיט פרעגערן? וואָס האָט אים מיטאַמאָל אַזוי אָפּגעבריט? ער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער. ער האָט נעגעבן אַ שטײַפן דריק צו די פענסנע צו דער נאָז און געשווינד גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק איבערן חדר. אָקאָרשט אין אַ ווײַלע אַרום, ווען פויזנער איז שוין פון זײַן צימער געווען אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך פּלוצים אָן עפּעס דערמאָנט. ער איז געשווינד אַרויס אין אונטערהויז צום אָפענעם טויער און האָט פון דאָרטן גענומען נאָכשרײַען פויזנערן אויף אַ קול:

— הערט, איר זענט אַן אומגעווײנלעך איידעלער מאַן, איר מיט אײַער ווײַב און מיט אײַער טאָכטער, אַן אומגעווײנלעך איידעלער מאַן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט פרעגער אָפּגעפּראַוועט אַ פריילעך שנעפּסל בײַ זיך אין צימער. פרעגער אַליין האָט שוין דעמאָלט אַפילו דאָס פאַרהענגל ניט אַראָפּגעלאָזן און דאָס אָפענע פענצטער ניט צוגעשלאָסן. אַזוי גלײַכגילטיק איז ער געווען צו אַלץ, וואָס גאַנץ ראַקיטנע

וועט וועגן אים זאָגן. דער עיקר איז בא אים געווען, ס'זאָל זײַן פֿריילעך.

— איר זיצט אויף אַ געהויבן אָרט, האָט ער געשריגן צו שאולקע שנײַדער, צו שאולקע הפקר־יונג, וואָס מאַנט אײַן זאַלקער דעם אַגענטס חובות בא די אָרטיקע שנײַדער, — צוריק מיט אַ פּאָר טעג איז דאָ אויף אײַער אָרט געזעסן עזריאל פּויזנער אַליין.

און אַלע אַרום טיש האָבן דערפֿון פֿריילעך געלאַכט, כאָטש קיינער האָט אויף קלאָר ניט פֿאַרשטאַנען, אין וואָס סע באַשטייט דער אויפּטו. זאַלקער, דער בעריזשינעצער אַגענט פֿון זינגערס ניי־מאַשינען, האָט גע־לאָזט פֿרײַ זײַן קליין יינגלש רירעוודיק גוף. ער האָט פֿריילעך געריבן די הענטלעך איינס אָן צווייטן און האָט ניט אויפֿגעהערט צו שמייכלען צו זיך אין די יונג־גרויע וואָנצעס, גלײַך ער האָט דאָ אומגעריכט גע־טראָפֿן אויף אַן אומגעווײנלעך אָנגעלייגטן ברית. נאָר נאָכן פֿערטן גלעזל האָט ער באַקומען אַ סך פֿלעקן אויפֿן שייגעצדיקן רויטן פּנימל און אויפֿן פֿעסטן, נאָך מער רויטן קאַרק, און האָט זיך ברייטלעך אָפּגעוואָרפֿן צום ווענטל פֿון שטול.

— ווי איך בין אַ ייִד, פֿרעגער, האָט ער געזאָגט, קומט צו מיר פֿאַר אַ שותּף, לאָמיך קרענקען, אויב איר וועט ניט פֿאַרדינען פֿינף מאָל אַזוי פֿיל, ווי לעבן די בעל־הבתישע שרצים אין תּלמוד־תּורה.

דערויף האָט פֿרעגער געענטפֿערט מיט אָנגיסן אַלעמען נײַע פֿולע גלעזלעך:

— לחיים, האָט ער געזאָגט, זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער געהויבע־נע און לײַטישע בעלי־בתּים.

און ביידע זײַנען דערפֿון אַרויס פֿון די כּלים, סײַ זאַלקער דער אַגענט און סײַ שאולקע שנײַדער. אָט דער ראַקיטנער הפקר־יונג מיט דער ציגײַנערש־שוואַרצער טשופּרינקע אויפֿן קורצן שטערן און מיט די היפּשע פּלוידערדיקע אויגן איז קוים אײַנגעזעסן פֿון פֿרייד. ער איז צו מיטן פֿולן גלעזל אין האַנט צו זײַנוול פּאַטשטער, וואָס קוקט די גאַנצע צײַט אַרײַן דורך דער אָפֿענער טיר פֿון קאָרידאָר, און האָט זיך גענומען שווערן, אַז אין פֿרעגערן האָבן אַלע פֿראָסטע מענטשן אַ טאַטן דאָ אין ראַקיטנע.

— אַן אמתן גוטן ברודער, ווי איך בין אַ ייִד... און עפּעס קאַפּ, אַ? פֿאַרשטייט אין די קליינע אותיעלעך...

דעמאָלט האָט זײַנוול פּאַטשטער אַ הויב געטאָן די באָרד, זיך פֿאַר־

צווּגן מיטן פּאַפּיראָס און אַרויסגעלאָזט דעם רויך הויך צום באַלקן. ער איז געווען אַ רויטלעכער גבר אַ ייִד. נאָר אין דער יוגנט האָט ער גע־מסרט דרײַ ייִדן, איבערגעטראָגן אויף זיך אַ פינף־יאָריקן חרם און איז געוואָרן ווי אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער שטאָט. פון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן אַ שטײַפער שווײַגער; געשמייכלט צו זיך אין דער רויטער באָרד, וואָס הייבט אָן גרוי ווערן, און מער גאָר; געשטאַנען גאַנצע לאַנגע זומער־טעג אָנגעשפּאַרט אינעם גרויסן טויער פון זײַן אכסניהדיקן אונ־טערהויז, געפּיפּקעט פונעם לאַנגן הילצערנעם ציגאַר־שפּיץ, געוואַרט אויף זײַנע צען פערד און בודקעס, וואָס צעפירן דעפּעשן אין דער אַרומיקער געגנט, און געדענקט, אַז ער האָט אַמאָל געמסרט דרײַ ייִדן. פון פרעגערן, זײַן קוואַרטיראַנט, האַלט ער פון תמיד אָן, אַ וועלט האַלט ער פון אים. נאָר ער שווײַגט; ער ווייסט ניט, ווי אַזוי וועגן דעם צו רעדן. פּלוצים דרייט ער זיך אַוועק פון קאָרידאָר צו זיך אין די חדרים, קערט זיך אום פון דאָרטן מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט אין די שבתדיקע לײַכטער און שטעלט זיי אַוועק לעבן פרעגערן אויפן טיש. צי מיינט ער מיט דעם די שמחה דאָ אין חדר צו פאַרגרעסערן? צי אפשר וויל ער נאָר, מען זאָל דאָ אים, זײַנוויל פּאַטשטערן, באַמערקן?

— זײַנוויל, שרײַט זאַלקער דער אַגענט, אַ קרענק אין דײַנע ביינער, סעק זיך אַנידער און טרינק.

— וואַרט, שרײַט אויס פרעגער אינעם צעכראַסטעטן בלוי־זײַדענעם העמדל מיטן פולן קעלישיק אין האַנט.

ער וויל שטייענדיק האַלטן אַ קליינע רעדע וועגן דעם פּינטעלע מענטש, ווו איז דאָס געבליבן? ניט מער, ווי אינעם פּשוטן גוטן ברודער, אינעם אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינעס, אין שאולקע הפקר־יונג און אין זײַנוויל מסר. נאָר זאַלקער שלאָגט אים איבער די רייד. ער געפינט פּלוצים אונ־טערן טיש אַן איבעריקן פוס אין אַ לאַקירטן שטיוול און וויל וויסן, וועמענס איז ער: זײַנער, צי שאולקע שנײַדערס. דער פוס אינעם שטיוול, לאָזט זיך אויס, איז שאולקעס, נאָר זאַלקער לאָזט אים ניט אָפּ; ער וויל, אַז שאולקע זאָל די מינגוט זינגען „כבקרת"; ער קייכט פון געלעכטער. אַ ייִדענע אין געסל קראַצט זיך מיטן אַרויסגעשלעפּטן זאָקן־שפּיזל אין קאָפּ און הערט, ווי שאולקע זינגט און רײַסט זיך איבער, און אַ פּאָר ייִנגלעך קוקן אַרײַן דורכן אָפענעם פענצטער: זיי שטייען אויף די שפּיץ באָרוועסע

פיס און האַלטן זיך אָן מיט די הענטלעך אָן דער שאַלעוואַניע. וואָס קומט דאָרטן פאָר אין חדר? ס'איז דאָרטן אָנגעגרויכערט און היים, ס'ברענען אויפן טיש צווישן פולע און לײדיקע פלעשער צוויי ליכט, און שאולקע שנײַדער שלאָגט זיך מיט בײדע פויסטן אין האַרץ און וויינט, אַלמאַי זאַלקער האָט אים ניט ליב:

— ווי איך בין אַ ייִד, וויינט ער, ער מיינט, אַז איך דין בײַ אים פאַר געלט, מיינט ער, און איך האָב אים ליב... אָט זאָל איך ניט פאַר־מאָגן, וואָס אָט דער קעלישיק בראָנפן באַטרעפט. און אײַך, פּאַני פּרע־גער, די נשמה, ווי איך בין אַ ייִד. אָט פּרוווט, זאָגט אַ וואָרט...

נאָך אָט דעם געוויינלעכן חברשן טרונק בײַ זײַנוול פּאָטשטער אין זײַטיקן חדר איז פּרעגער בײַ אַ וואָך צײַט אַרומגעגאַנגען מיט אַ קאַליע געוואָרענעם האַלדז און האָט גערעדט הייזעריק, ווי אַ שטיק האָלץ, ווי נאָך אַ הולקע אויף אַ לאַנגער גוט־ייִדישער חתונה. אין דרויסן האָט דעמאָלט גערעגנט. בײַ דרײַ מעת־לעת כסדר איז די שטאָט געשטאַנען פאַרקילט, פינצטער און פּיטש־נאַס. מ'איז געגאַנגען אין גאַס מיט פאַר־קאַשערטע הויזן און קאַלאָשן; מ'האָט געטראָטן מיט די פיס אין בלאָטע, פול אָפּגעריסענע גרינע בלעטער. און אַז דער רעגן האָט אויפגעהערט, זײַנען ווי אויף שטענדיק הענגען געבליבן די פּײַכטע שוואַרצע וואָלקנס די קילקײַט מיטן ווינט. ער האָט געפּײַניקט דעכער און שטאַרק צעשאָקלטעביימער, אָט דער ווינט. ער האָט געטריבן וואָלקנס און האָט פאַרפינצ־טערט מיט זיי די לופט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער הייסער זומער איז אין זײַן אָנהייב אַוועק אויף אייביק; ער וועט מער קיינמאָל ניט קומען צוריק.

אין יענע קילע טעג האָט דער פאַרוואַלטער פּרעגער פאַרענדיקט זײַן לערן־סעזאָן אין תלמוד־תורה און אַליין האָט ער שוין ווידער געהאַלטן אין איין צושטיין צו חייקע דער דינסט פון אײַנפאָר־הויז און אין איין זאָגן, אַז זי געפעלט אים, און אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבן, אַף צו־להכעס גאַנץ ראַקיטנע חתונה האָבן.

די רירעוודיקע חייקע מיט די פּאָר האָרעפּאַשנע בעריעשע הענט איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען אויסגעפּוצט, ווי אַ כלה־מיידל, און די בעל־הביתטע, אַ קראַנקע ייִדענע, אַן עגונה, האָט זיך געהאַלטן אין איין קלאָגן, אַז די מויד האָט דאָס געגאַר.

— זי האָט שוין אויפגעהערט אפילו ראָמען אין די צימערן, די מויד.

נאָר חייקען איז דאָס ווינציק אָנגעגאַנגען. זי אַליין האָט געזאָגט, אַז אין פרעגערן האָט זי אַזאַ אמונה, פּונקט ווי אינעם צלם:

— אַז פרעגער האָט זי געזאָגט, רעדט, און דער הונט אין דרויסן בילט, איז ביי מיר אַלץ איינס.

פונדעסטוועגן האָט זי זיך אַלע פאַרנאַכט אויסגעפוצט און איז אַלע־מאָל געלאָפן אַ קוק טון, צי פרעגער וואַרט ניט אויף איר באַם פאַרקאַן אונטערן טויער. פרעגער האָט דאָרטן אין דער פינצטער געקאָנט אָפּשטיין מיט איר גאַנצע שעהן, ווי אַ פאַרעבאָק מיט אַ שיקסע, גלעטן איר די הענט און איר איינרעדן, אַז נאָך דער חתונה וועלן זיי אַ גאַנצן זומער אָפּוווינען אין עקסטן עק שטאָט אויף דער זון באַ אַ גוי אין אַ שטיבל, און חייקע וועט דאָרט האָבן אירע הינדעלעך און וועט זיי שיטן פּראָסע.

— נו, האָט ער באַ איר געפרעגט, ווי געפעלט עס איר, חייקען?

דערויף האָט אים חייקע געענטפערט מיט אַ פריינטלעכן קוק, מיט אַ רייצנדיקן שמייכעלע און מיט אַ פּייערל אין די יצר־הרע־אייגעלעך.

— פרעגער, האָט זי דאָרטן אים געענטפערט, דער רוח זאָל אייך וויסן, פרעגער...

XI

חוה פויזנער האָט זיך אומגעקערט פון קריי־שטאָט פּונקט פריי־טיק, ערב־שבועות, און אויף איר פּנים איז גאָרנישט ניט געווען קענטיק; מען האָט ניט געקאָנט וויסן, צי זי וועט סוף־כּל־סוף חתונה האָבן פאַר דעם־לערן, צי ניין.

פאַרנאַכט איז זי, ווי איר שטייגער, געזעסן אויף די טרעפּלעך פון דער געשלאָסענער קלייט, און אינאיינעם מיט איר איז דאָרטן געזעסן אַנשל צודיק, אַ דרייסיקיאָריקער ווּקסיקער בחור, אַן אָרטיקער פּקח, וואָס האָט שוין איינמאָל געדרוקט מאמרים אין אַ העברעאישן זשורנאַל און האָט זיך ניט לאַנג אומגעקערט פון פּאַלעסטינע. געזעסן איז דאָרטן אויך דער רייכער און שטילער סטודענט, דער מאַדאַם בראָמבערגס פרעמד־שטאָטיקער קרוב. אַך יאָ, אַט דער רייכער און שטילער סטודענט, אים איז, אַפּנים, געווען אַלצאיינס, צי חוה פויזנער וועט חתונה האָבן פאַר

דעסלערן, צי ניין. דער עיקר איז געווען, ער זאָל דאָ לעבן איר קאָנען רויִק זיצן און רויִק רויכערן די פּאַפּיראָסן פון זײַן שיינעם זילבערנעם פּאָרט־ציגאַר. ער האָט זיך דאָ מיט פאַרגעניגן באַקאַנט מיט חוה פויזנערס אַלע נאָענטע און איז יעדן פון זיי געווען אַ האַרציקער גוטער פרײַנט. דער עיקר איז געווען, אַז חוה זאָל מער ניט אוועקפאָרן און אים מער ניט לאָזן זיך אַרומדרייען דאָ איינעם אַליין. וואָס איז שייך צו געדרוקטע מאמרים, האָט ער אַמאָל געשריבן אין דער גרויסער רוסישער קאָמערצי־שער צײַטונג, וואָס זײַן רײַכער פאָטער האָט אין דער גרויסער און ווײַטער שטאָט סובסידירט. אַ שאָד נאָר, וואָס אַנשל צודיקס מאמרים זײַנען גע־שריבן אויף העברעאיש, אויף אַ שפּראַך, וועלכער דער סטודענט פאַר־שטייט ניט.

— נאָר אפשר געפינען זיך בא צודיקן אייניקע איבערגעזעצטע זאַכן, ער וועט זיי מיט פאַרגעניגן דורכלייענען.

זײַן באַציִונג צו גאַנץ ראַקיטנע איז געווען, ווי צו אַ שטאָט, וואָס באַשטייט בלויז פון איין משפּחה; אַלע אײַנוווינער קערן זיך אָן קרובים. און אָט איז ער, דער פרעמדער און רײַכער סטודענט, אַן אָפּגעריסענער אבר פון עפּעס אַ גרויסער ווײַטער שטאָט: ער האָט זיך צו ראַקיטנע צו־געשאַרט און איז שוין געוואָרן אַן אַלגעמיינער קרוב, אַלעמנס אַ פרײַנטל. אַלע רופן אים בא זײַן פּשוטן נאָמען.

— באָרי, זאָגט מען, אָט איז דורכגעגאַנגען באָרי.

אַז חוה פויזנער איז ניט געווען אין דער היים, אָדער זי איז גע־שלאָפן שפּעט אויפן טאָג, איז ער געגאַנגען זיצן צו חנקע ליובער אַהיים און האָט דאָרטן לאַנג געקוקט אויף מלכם מיניאַטור־קליינער סטאַטועטע.

— אַ שאָד, האָט ער געזאָגט, פון אָט דער סטאַטועטע וואָלט אפשר נאָך עפּעס געווען געקאָנט אַרויס.

אים האָט באַנג געטאָן, וואָס מלך איז אַזוי יונג געשטאָרבן, און גערעדט האָט ער וועגן דעם אָפט, אָפט, גערעדט האָט ער וועגן דעם אויך איצט, זיצנדיק מיט חוה פויזנער און מיט צודיקן אויף די טרעפּלעך.

חוה פויזנער אָבער איז געווען פאַרטראַכט. זיצנדיק אויף די טרעפּ־לעך האָט זי אַרומגענומען מיטביידע הענט די קני, אַזוי, זי זאָל קאָנען אָנשפּאַרן אויף זיי דעם קאָפּ, און האָט באַוווּנדערט ראַקיטנע:

— ווען מען רעכנט צו די אַלטע שטאָט צו דער נײַער, פאַרמאָגט

ראַקיטנע בא ניין טויזנט אייִנגווינער, פונדעסטוועגן האָט זי ביז איצט נאָך נישט ארויסגעגעבן קיין איין אינטערעסאַנטן מענטשן.

זי האָט דערביי געהאַלטן אין איין שמייכלען און אין איין קוקן אויף אַנשל צודיקס וואַלוועלן פּאָווער. מעגלעך, אַז זי האָט עס געזאָגט נאָר אים אויף צעפּוקעניש. זי האָט ניט געהאַלטן פון יידישע יונגע־לייט. נאָר צודיק איז געווען בא זיך צו געדולדיק, אַז דאָס זאָל אים נעמען. ער האָט אַ פּאָר יאָר געלערנט אין ביירוט. חוץ דעם, האָט ער אין פּאַלעס־טינע פּערזענלעך געקאָנט ברענערן און נאָך אייניקע אַנגעזעענע מענטשן. אַלעמען האָבן דאָרטן פּאַראינטערעסירט זיינע מאמרים, נאָר ניט דאָ איז געווען דער אָרט וועגן דעם צו רעדן. אויב ער איז אָפּט געגאַנגען צו חוה פויזנער אהיים און איז אָפּט געזעסן מיט איר דאָ לעבן דער געשלאָסענער קלייט אַף די טרעפּלעך, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אַ שיין מיידל; חוה פויזנער האָט עם סוף־כל־סוף באַדאַרפט פאַרשטיין אַן לשון, פשוט פונעם קרומען שמייכל, וואָס בא אים אויף די ליפּן:

— „טאַק", האָט געזאָגט אַנשל צודיק, און דער שמייכל אַף זיינע ליפּן איז נאָך געוואָרן אַ ביסל קרומער.

דער שמועס אָבער האָט זיך שוין ווידער געהאַט געדרייט אַרום דעם געשטאָרבענעם מלכן און אַרום חיים־משהן.

— וואָס טוט ער דאָ, חיים־משה?

— פאַרוואָס האָט אים מלך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און אַזוי אָפּט וועגן אים גערעדט?

— פאַרוואָס פילט זיך, אַז חיים־משה מיט מלכן זיינען געווען מאָד־נע נאָענטע, ווי איין מענטש: עפּעס ברידער און ניט ברידער?

— מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך בכלל, חיים־משה?

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער מאַדאַם בראָמבערגס קרוב, דער סטודענט, ווייסט שוין עפּעס אויך וועגן חיים־משהן; חיים־משהן קאָן ער פון דער גרויסער שטאָט וווּ עס האָט געענדיקט דער אָרטיקער דאָקטער גראַביי; חיים־משה איז אַ כעמיקער, אַן אינזשיניער.

— פאַרוואָס גראָד אַ כעמיקער? ס'איז שווער צו זאָגן. ער האָט בכלל אַן אומגעוויינלעך גוטן קאָפּ און קען אויסגעצייכנט מאַטעמאַטיק, אַזוי זאָגט דער דאָקטער גראַביי; ער איז אַן אָפּגעלאָזענער, אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין געווען ביז איצט געווען באַרימט. נאָר וואָס

ס'איז שייך צו זײַנע פּאַרדינסטן, גיט ער, דאַכט זיך, אוראָקן פון מאַטע־מאַטיק און האָט אָפּגעדרוקט סך הכל צוויי ביכער, וואָס סטודענטן נוצן פאַר די עקזאַמענעס, און איז לחלוטין ניט רײַך.

דער סטודענט געפינט אויך, אַז די הונדערט רובל, וואָס ער האָט ניט לאַנג געגעבן פּעסל זאַליוואַנסקי, זײַנען פאַר אים אַ צו גרויסע נתינה. ער קאָן רעדן וועלטלעך, אָט דער סטודענט, און איז, ווײַזט אויס, בטבע ניט קיין שלעכטער.

— יעדנפאַלס, זאָגט ער, איז הונדערט רובל לחלוטין ניט לויט זײַן באַשטאַנד.

און אַלע הערן עס מיט אינטערעס. מען שווײַגט אַ ווײַלע און מען רעדט ווידער.

— וואָס וואָלט געווען, אַשטייגער, ווען מלך לעבט און קומט איצט צו אַהער צו די טרעפּלעך?

און אַלעמען וווּנדערט, וואָס אָט די פראַגע גיט אויף דוקא זי, חוה פּויזנער, צי הייסט עס ניט, אַז צווישן איר און מלכן איז ווירקלעך אַמאָל עפּעס פאָרגעקומען? צי הייסט עס ניט, אַז ווען מלך לעבט איצט און גייט אַהער צו, וואָלט זי געבעטן צודיקן מיטן סטודענט אַוועקגיין און וואָלט מיט אים געבליבן דאָ זיצן ביז אַ שפּעטער שעה נאָך אַ האַלבער נאַכט?

בא חוה פּויזנער איז די שטימונג פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אויפ־גערעגט און פריילעך אויפגערייצט.

אַלע פאַרנאַכט איז זי געזעסן לעבן דער געשלאָסענער קלייט אויף די טרעפּלעך, און וואָס מער טונקעלער דער פאַרנאַכט איז געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיך געלויכטן און געגלאַנצט אירע היפּשע, כמעט בולטע אויגן. איר גאַנצער אויסזען איז געווען אַזאַ, גלײַך זי האָט אַלע יאָרן געוואַרט אויף איינעם אַ מאָדנע אָנגעלייגטן גאַסט. און אָט איז שוין שבועות; ס'איז פאַרנאַכט: די גאַס איז צוגעקערט, זי איז אָנגעטאָן, און דער גאַסט איז נאָך אַלץ נישטאָ...

זי האָט מער דעסלערס נאָמען ניט דערמאָנט.

דערצו נאָך האָט זי געהאַלטן אין איין אַרומגיין מיט וויזיטן. זי איז געקומען צום דאָקטער גראַבײַ און האָט זיך פאַר אים געקלאָגט אויפן קלינגען, וואָס זי הערט שעהן־לאַנג אין לינקן אויער. דאָס איז געווען אַרום פינף אַ זייגער באַטאָג. דער מיטלווּקסיקער ציגײַנערש שוואַרצער דאָקטער

האָט זיך נאָר־וואָס מידערהייט געהאַט אומגעקערט פונעם זעמסקי שפּי־טאָל, וווּ ער אַרבעט טאָג־טעגלעך פון אין דער פרי אָן, און בא אים אין ווייס־געקאַלכטן הייפל איז געווען שטאַרק היים פון זון, וואָס פאַר־גיסט עס אַ גאַנצן טאָג, און פון דאָקטערשער טרוקנקייט. זי האָט דאָרטן דעם דאָקטער גלייך באַוויזן דעם קליינעם געטאָקטן אויער אירן, ער איז געווען שטאַרק רויט און האָט געברענט, ווי אַ העליש פייער; ער האָט פונקט געשמעקט, ווי אירע האָר, ווי אירע קליידער. נאָר דער דאָקטער גראַביי האָט איר אין אויער אַפילו קיין קוק ניט געוואָלט טאָן און האָט געזאָגט, אַז ס'איז נאָרנישט; דאָס לאָזן איר גריסן אַלע זיידעס, גוטע יידן, פון איר מוטערס צד, און מער גאָר:

— ס'איז נעבעכטיקע טעג.

בא אַט דעם באַליבטן און שטאַרק־אָנגענומענעם ראַקיטנער דאָקטער איז אַלץ געווען נעבעכטיקע טעג, אַפילו דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַן אָנגעזעענער פּאַרטיי־רעדנער ערגעצוווּ אין דער גרויסער שטאָט, וווּ ער האָט געענדיקט, און איצט דערמאָנט דאָרטן קיינער ניט זיין נאָמען: אַפילו דאָס, וואָס אים האָט צוריק מיט אַ היפּש שטיקל צייט אוועקגע־וואָרפן זיין אומגעוויינלעך שיינע פרוי, די גערימטע פּאַרשוין, און האָט אים דאָ אין ווייס־געקאַלכטן, מיט זון פאַרגאָסענעם הייפל געלאָזט איי־נעם אַליין מיטן קליינעם געראָטענעם מיידעלע און מיט דער אויסגעמוטש־טירטער גוישער דינסט.

— ס'איז נעבעכטיקע טעג, האָט געזאָגט דער דאָקטער גראַביי.

דערביי האָבן געשמייכלט זיינע יונגלעכע גרויע אויגן, און די פיל קנייטשן אַרום זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אין אַזאַ מינע, גלייך זיי ווילן וועגן זיך זאָגן:

— קלוג ווי טויזנט רוחות אייער דאָקטער גראַביי, אַ? האָט נאָר אויף אונדז ניט קיין רחמנות.

און כדי קיינער זאָל אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן; כדי חוה פויזנער זאָל ניט טראַכטן, אַז אויפן פערציקסטן יאָר פון זיין דאָקטערשן לעבן נויטיקט ער זיך שטאַרק אין שלאָפן באַטאָג, האָט ער זיך אָנגע־טאָן כוח און איז חוה פויזנער נעגאַנגען באַגלייטן. ער האָט בעריעש גע־וויגט זיין שווערלעכן און מידן קערפּער אויף די קורצע און פעסטע רע־סאָרנדיקע פיסלעך און האָט געהויבן מיט חסד די שליאַפּע אַלעמאָל, וואָס

אים האָבן זיך געגריסט זײַנע אַרטיקע פּאַציענטן־חסידים. ער האָט זיי ווי ניט באַמערקט, אַז די חסידים זײַנע, נאָר דאָך געענטפערט אויף זייער גרוסן. אין די אויגן האָט ער געטראָגן אַ טרויעריש־מידקייט, אַ לאַנגאָנענדיקע און פאַרנעפּלטע, ווי דאָס גאַנצע מזלדיקע לעבן פון אים, דעם באַליבטן און אויף דער גאַנצער געגנט באַוווּסטן דאָקטער. און אַז ער האָט אינמיטן וועג באַגעגנט חיים־משהן, האָט ער זיך מיט אים אָפּגעשטעלט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס חוה פּויזנער איז מיט אים ניט געווען באַקאַנט:

— אָט איז נאָך איינער — האָט ער אַ טײַטל געטאָן אויף חיים־משהן מיטן פינגער און האָט אַ שמייכל געגעבן מיט אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זײַנע לענגלעכע גרויע אויגן; גלײַך אויך פאַר אים, חיים־משהן, פילט ער זיך פון אַמאָל פאַר עפּעס שולדיק און וויל, ער זאָל אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן.

— באַקאַנט זיך — האָט ער באַלד צוגעגעבן; ער האָט צעטראָגע־נערהייט פאַרלייגט די הענט אַרונטער, אונטערן ווײַסן זומערדיקן רעקל און האָט גלײַך גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער, דער דאָקטער גראַביי, האָט אַמאָל פינף יאָר נאָכאַנאַנד נאָכן ענדיקן דעם אוניווערזיטעט דעם סטודענטישן סורדעט מיטן סטודענטישן הוט ניט אויסגעטאָן און האָט געהאַלטן איין גלענצנדיקע רעדע נאָך דער צווייטער. זײַן פּאַרטיי איז דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט געווען די שטאַרקסטע. געדענקט ער, ווי הײַנט, איינעם אַ טאָג.

„דער גרויסער דיסקוסיאָנס־טאָג” האָט מען אים גערופן.

דאָס איז געווען אום יום־כפּור, אַ פאַרשפּעטיקטער זומער־טאָג, וואָס בריט, ווי אום תמוז. גרויסשטעטיקע שולן זײַנען איבערגעפּולט און די שול־הויפן נאָך מער. אינעווייניק שרײַען טאַטעס דעם אַלטן „ונתנה תוקף”, און אין די פול־געפּאַקטע הויפן דיסקוטירט יונגוואַרג. אים, דעם דאָקטער גראַביי, פירט מען דעמאָלט אַרום פון איין שול־הויף אין צווייטן, מען טוט אים גלײַך אַ הויב אויף די הענט, און ער רעדט. ער טראַכט שוין לחלוטין ניט וועגן אינהאַלט, אַזוי פיל מאָל האָט ער שוין זײַן רעדע איבערגעחזרט און זיך איבערצייגט, אַז זי קלעפּט זיך און ווירקט. און אומעטום, אין יעדן שול־הויף, באַגעגנט ער זיך דעמאָלט מיט די אויגן פון אָט־דעם (דער דאָקטער גראַביי האָט נאָכאַמאָל אַ טײַטל געטאָן אויף

חיים־משהן און ווידער אַ שמייכל געטאָן מיט אַלע קנייטשן אַרום די אויגן): איז אָט נאָך דעמאָלט האָט ער, דער דאָקטער, איינמאָל פאַר אַלע־מאָל באַשלאָסן:

„ער דאַרף זײַן ניט קיין נאַר, אָט־דער רויטלעכער יאַט".

וואָס האָט געוואָלט דער דאָקטער? צי האָט ער געמיינט פּשוט חיים־משהן פאַר חוהן אין די אויגן אַ חניפה טאָן? צי אפשר איז דאָס שוין געווען ניט מער, ווי איינער פון זײַנע מאַנירן: אַ מאַניר אויף צוצוציען דאָ אין ראַקיטנע חסידים צו זיך, דעם געלונגענעם דאָקטער גראַביי, און פאַרגעסן מאַכן אַלעמען אָן דער מידקייט, וואָס ער טראָגט שוין מיט זיך, און אָנעם ווײַב, דער פאַרשוין, וואָס האָט אים, ניט קוקנדיק אויף אַלע זײַנע מעלות, אַוועקגעוואָרפן...

חיים־משה האָט זיך געפילט שלעכט. ער האָט ניט געוווסט פון וואָס צו זאָגן. ער איז נאָר וואָס געקומען פון וואַלד, ווו ער האָט געהאַט אַ גע־לונגענעם טאָג, אַ געלונגענעם און אַ צעטראָגענעם אַ ביסל, ער האָט גע־שריבן. און איצט האָט ער פלוצים צום ערשטן מאָל דערזען חוה פויזנער אַזוי נאָענט לעבן זיך. ס'איז געשען אַ נס: אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער געטראַכט וועגן איר און וועגן מלכן און איצט באַם אָנקומען אין שטאָט אַרײַן האָט ער זי גלײַך דערזען. איר שטאַלטנע בויגיקע פיגור איז, ווי תמיד, געשטאַנען אויף די הויכע שיך־קאָרקעס אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי אויף שטאָלצעס, נאָר די אויגן אירע זײַנען שוין גאָרניט געווען אַזעלכע בולטע, ווי דאָס האָט זיך פון ווײַטנס געדאַכט; זיי זײַנען נאָר געווען גרויס און איבערגעשפּיצט קלוג ערגעץ ווײַט אין דער טיפסטער מיידל־טיף זייערער, און איטלעכס מאָל, וואָס זיי האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט ער געמוזט אָפּווענדן זײַן פּנים אין אַ זײַט, אַזוי שטאַרק האָבן זיי אים דערמאָנט אָן זיך, חיים־משהן, אינעם ערשטן טאָג פון זײַן קומען קיין ראַקיטנע, אינעם געשטאָרבענעם מלכן, און אַפילו אינעם לעמפּל, וואָס זי האָט מלכן אָנגעצונדן אויפן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט.

— מלך איז אַמאָל געשטאַנען נאָענט צו אַרבעטער?

— האַ?

חיים־משה האָט זיך מיטאַמאָל ווי אויפגעכאַפּט. און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען, אַז דאָקטער גראַביי איז פאַרטראַכט, אַז אַלע דרײַ שפּאַנען זיי אין איין שורה אַראָפּ גאַס צום מאַרק, און אַז

די ווערטער „מלך איז אַמאָל געווען נאָענט צו אַרבעטער״ האָט בא אים געפּרעגט חוה פּויזנער; זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ כיון, אַפּנים, מיט אַ ווילן אים צו פאַרווונדערן און אים בשעת מעשה אַ פּאַרש טאָן מיט די אויגן.

— יאָ, האָט ער איר מאָדנע וואָכעדיק געענטפערט און האָט זיך צו איר ניט אומגעקערט — מלך איז דערפאַר געווען צוויי יאָר פאַרשיקט.

— נו, און נאָכדעם? נאָכדעם האָט ער זיך באַזעצט אין ראַקיטנע?

— נאָכדעם? איצט האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, נאָכדעם איז מלכן געווען אַ בזיון, וואָס ער איז שיער, שיער ניט געוואָרן אַ גרויסער מענטש.

און פּלוצים האָט ער דערפילט אַן אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, מיט דעם, וואָס ער ענטפערט צופיל וואָכעדיק און צופיל קלוג, אַן אומצופרידנקייט, וואָס זײַן געפיל צו איר, חוה פּויזנער, איז שוין אַזאַ לאַנגגאָנעדיקס און אויסגעשטאַנענס, אַ געזירשנטס פון מלכן און אַן איבערגעחזרטס וויפיל מאָל אין חלום. ער האָט דערזען, ווי ס׳קומט אונטער דער מאַדאַם בראָמבערגס קרוב, דער סטודענט, האָט ער זיך וואָכעדיק געזעגנט און האָט זיך אומגעקערט אַן אומצופרידענער צוריק מיט דער גאַס צו מלכן אין שטיבל; וואָס טוט ער אייגנטלעך דאָ אין ראַקיטנע?

ער וויל דאָ פאַרענדיקן זײַן אָנגעהויבענע זאַך, און מער גאָר. ער וויל דאָ אָפּווינען אַ פּאָר חדשים בא יצחק־בערן אין וואַלד און אויספּרווון, צי ער איז פעיִק אָפּצוטאָן איינעם אַן ענין... ער וועט אים שוין גאָר אינגיכן אויספּרווון, אָט דעם ענין... נאָר אָט האָבן פון מלכס מוטער דער אַלמנה אָנגעהויבן אָנקומען זייער אומרויִקע בריוו; מען רײַסט דאָרטן פון איר די הויט אין דער לײַ און שפּאָר־קאַסע, ווו זי האָט פאַר מלכן די עטלעכע רובל געליען, און אויף אים, חיים־משהן, ליגט שוין אויך אין דעם זין אַ שטיקל חוב; ער מוז פריער איבערשרײַבן אַלץ, וואָס אין אַפּטייק־מאַגאַזין איז געבליבן, און ציען זיך אַ קונה אויפן אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן, איידער ער ענדיקט זײַן זאַך.

ער האָט געאַרבעט רעגלמעסיק אַלע באַטאָג אַקעגן אַ פּאָר שעה בא מלכן אין קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין, געעפנט דאָרטן ניט מער, ווי איינעם אַ פאַרטיקן לאַדן און געסאַרטעוועט די סחורות.

אָפטמאָל האָט ער זיך דאָרטן אויף אַ היפּשער ווײַלע געקאָנט פאַר־

געסן און זיך מיט גרויס אינטערעס נעמען גראַבלען אינעם צווייטן קלענערן חדרל צווישן די פּאַפּירן בא מלכן אין שופלאָד; געלייענט איין בריוו נאָכן צווייטן, געגישמערט, געזוכט און ווידער געלייענט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חוה פּויזנער האָט איין צײַט געשריבן מלכן בריוו פון אומעטום, ווו זי איז געפאָרן. מלך איז דעמאָלט אין זײַן גראַד געווען אַ קליינער קיסר. נאָר חוה פּויזנער האָט דאָך אין יעדער בריוו אירן פּאָרדרייט איר חתימה אַזוי, אַז קיין בן־אָדם זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז זי האָט זיי געשריבן; גלײַך זי וואָלט ניט גלויבן איר אייגענער אי־בערגעגעבנקייט צו אים און וואָלט מורא האָבן, אַז אָט די בריוו זאָלן איר שפּעטער ניט שאַדן. נאָר אויב אַזוי, איז מלכס גאַנצע חתן־ווייבקייט בנוגע צו דער ניט איבעריק שיינער און שווײַגנדיקער עטל קאַדים שוין געווען ניט מער ווי אַ קונץ, אָדער אַ חוב־זאַך? ווי אַזוי האָט מען באַ־דאַרפט דערויף קוקן?

איצט איז געווען קלאָר, פאַרוואָס חנקע ליובער האָט זיך אַזוי באַ־ליידיקט דאַן, ווען ער, חיים־משה, האָט איר באַוויזן דעם בריוו מיטן אָפּגעבראָכענעם שטיקל פּישביין און האָט בא איר געפרעגט:

— קלערט איר, הייסט עס, אַז דעם בריוו האָט אָנגעשריבן חוה פּויזנער?

— וואַרט, האָט זי בלאַס ווערנדיק איבערגעפרעגט, איך האָב דען געזאָגט?

אָט די גבירישע, לײַטיש אויפגעצויגענע חנקע האָט געקאָנט בלאַס ווערן און זיך שטאַרק באַליידיקן נאָר דערפאַר, וואָס מען איז זי חושד, אַז זי איז פעיִק צו רעדן איבעריקס; אַז זי קאָן אויסגעבן אַ צווייטנס אויס־באַהאַלטענע סודות... ס'האָט מיטאַמאָל אַ ציִ געטאָן צו איר דאָס האַרץ; ס'האָט זיך געוואָלט איבערבעטן זי, פאַרפירן מיט איר, ווי פריער, אַ לאַנ־גען רויִקן שמועס און אַרויסבאַקומען נאָך אייניקע קלייניקייטן, אייניקע איינצלהייטן וועגן מלכן און וועגן עטל קאַדים. נאָר ווען ער איז געקומען צו איר אַהין אין עוזר ליובערס רײַכן הויז, האָט ער זי ניט געטראָפן אין דער היים; זי איז געווען אַוועקגעפאָרן מיטן קליינעם מאָטיקן אין דער אייגענער רויטער, פיר־גאָרנדיקער בײַטל־מיל, וואָס געפינט זיך אַנדער־האַלבן וויאָרסט פון שטאָט און גרייט זיך איצט אויסאַרבעטן עלעקטריע פאַר גאַנץ ראַקיטנע. עוזר ליובער אַליין האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין

קיעוו, פון וואַנען ער האָט צוליב דער עלעקטריע איבערגעפּעקלט איין מאַשין נאָך דער צווייטער, און אין הויז איז קיינער, אחוץ די דינסטן, ניט געווען. בא חנקען אין צימער, אויפן ווייסן פּוקס, וואָס לעבן בעט, האָבן זיך געוואַלגערט דעם קליינעם מאָטיקס אַ פּאָר שפּילכלעך, און אויפן פאַרפּוצטן טישל איז געלעגן ניט מער ווי דער אַלבאָם, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען, אַז דאָס לעבן איז אַ ים:

— אַ ים פון ליבע אויסגעטאָקטע קליינקייטן און פון פריילעכער פאַרהוילענער דאָרשט.

חיים־משה האָט אים דאָרטן פונסניי אַ בלעטער געטאָן, אָט דעם אַלבאָם. ער איז דאָרטן געשטאַנען אַ ביסל און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין מלכס קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין.

נאָכדעם איז געקומען נאָך איינער אַ טאָג, אַ נייער, אַ וואָכעדיקער און אַ הייסער.

אַ לופּטל אַ באַטאַגעדיקס שאָקלט דאָן פּאַמעלעך אין עק גאַס מיט די יונגע ביימלעך, וואָס זיינען אַרומגעגריזעט פון בהמות און פון ציגן, און הייזער דרימלען אַזוי אין גרויס היץ, אָדער אפשר באַהאַלטן זיי אין זיך אַ קיל מיט אַ פּאָר פּרויען, וואָס דרעליוועט ווייםפּערלעך. אין שטאָט קומט ניט אָן קיין פור.

אַ וואָלקן, אַלעמאָל אַ נייער, לויפט נאָר געשווינד איבערן בלויען הימל, לויפט אויך אַ שאָטן אין דער נידער, יאָגט איבער גאָרער לענג פון גאַס און איבערן קיילעכדיקן מאַרק; יום־טובדיק גאָלד אַנטלויפט און וואָכעדיקער שאָטן יאָגט איבער. און אויך אַזוי איז שוין דאָרטן בא עמעצן אין האַרץ: יום־טובדיק גאָלד אַנטלויפט און וואָכעדיקער שאָטן יאָגט איבער. אַ שכנה אין עק גאַס אַרבעט אַ זאָק לעבן די טרעפּלעך פון איר שטוב און וואַרפט אַלעמאָל אַ בליק לינקס צו מלכס קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין; שוין עטלעכע טעג זינט זי באַמערקט, אַז דער אַפּטייק־מאַגאַזין איז אַלע באַטאָג אָפן. זי קומט סוף־כל־סוף אַהין אַריין און דערזעט חיים־משהן. ער שטייט איינער אַליין אין אַ נייעם אַנצוג צווישן די הויכע געשפּיגלטע אַפּטייק־שאַפעס, וואָס קוקן פון הינטערן שטוב גרויזאַם און פאַרטראַכט, ווי אַ שבעה־זיצער. ער וועגט מעדיקאַמענטן, שרייבט אין אַ ביכעלע און פאַרפּאַקט איין פּעקל נאָכן צווייטן.

— זע נאָר, וווּנדערט זיך די ייִדענע, און איך האָב געמיינט, אַז דאָ איז עמעצער פאַראַן.

חיים־משה שטייט אין די ווײַסע אַרבל און טוט אויף דער ייִדענע ניט מער ווי אַ קוק: אַזוי פאַרנומען איז ער און באַשעפטיקט. נאָר אַז די ייִדענע גייט אַוועק, געדויערט סך־הכל אַ קליינע ווײַלע, ס'טוט ווידער אַ קלונג דאָס שאַרפע אַפּטייק־גלעקל, און ס'שטעלט זיך אַרײַן חוה פּויזנער. איר גלײַכע פיגור שטייט, ווי תמיד, אַ ביסל אָנגעבויגן אויף די הויכע שיך־קאָרקעס. נאָר אַליין איז זי אָנגעטאָן אין אַ ווײַס גאַרעסן קאָפּטל און אין אַ שאַרף אויפן קאָפּ; מער אײַנפאַך, האָט זי, דאַכט זיך, אָנטאָן זיך ניט געקאָנט. אַזוי קומט מען פאַרברענגען צו אַ מענטשן אַ אייגענעם, אַ נאָענטן.

— איך וועל אײַך ניט שטערן? — פרעגט זי באַלד באַם אַרײַנקומען, באַ דער טיר.

און איר בליק איז, ווי שטענדיק, אַ שמייכלדיקער, אַן עזותדיק קלוגער און פאַרוווּנדערטער. פון צעטומלטקייט הערט חיים־משה לחלוטין זיך ניט אײַן אין אירע לעצטע ווערטער, קוקט אויף איר פאַרוווּנדערט און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן. אַז ער קומט סוף־כל־סוף צו זיך, זיצט זי שוין אויפן בענקל, וואָס ער האָט צוליב איר מיט זײַן נאָז־טיכל אָפּגעווישט פון שטויב. און ער שטייט נאָך אַלץ אַקעגן איר גרייט צו דינען. ער איז פאַרוווּנדערט און האַלט זײַן פאַרשטויבט טיכל אין האַנט.

וואַרפט אַוועק אײַער טיכל, זאָגט זי און שמייכלט.

דאָס איז איר געוויינלעך קול. אירע אויגן קוקן אויף אים נאָך אַלץ שפּאָטיש און עזותדיק קלוג; זי הייסט, ער זאָל אַוועקוואַרפן זײַן טיכל.

דעמאָלט באַמערקט ערשט חיים־משה אַז ער האַלט ווירקלעך די גאַנצע צײַט אַ פאַרשטויבט טיכל אין האַנט. ער פילט זיך שולדיק און פאָלגט זי.

— אַך יאָ, זאָגט ער.

און ער וואַרפט אַוועק זײַן טיכל. צום אָנהויב דאַכט זיך, אַז איר גאַנצער וויזיט איז אַ פאַרשײַטער פּרווו, און ניט מער: אַ לצנותדיקער אויפטו. הייסן הייסט עס אַזוי:

איצט אין מיטן לאַנגן און הייסן זומערטאָג וועט זי שאַפן אַן אינטריגע.

נאָר חיים־משה קוקט אויף איר און באַמערקט: אירע אויגן פֿאַלן פּלוצים אַרײַן אין אַ פֿאַרטראַכטקייט און באַקומען מיטאַמאָל אַ סך טיפֿן. זי קוקט זיך אַרום דאָ בא מלבן אין מאַגאַזין, ווי אין אַן אַלטער היים.

— גלײַך איך האָב דאָ אַמאָל עפּעס געקויפֿט...

אַזוי זאָגט זי, בשעת זי הויבט זיך אויף פֿונעם בענקל און פּרוּווט אַ שפּאַציר טאָן אין טיף פֿון צימער.

דעמאָלט שלאָגט חיים־משה איר פּלוצים איבער די רייד.

— גלײַך איר האָט דאָ אַמאָל עפּעס געקויפֿט, זאָגט ער, און האָט פֿאַרגעסן אָפּצוצאָלן.

— יאָ, טאַקע, חזרט איבער חוה פֿויזנער מיט אַזאַ פֿאַרוווּנדערט פּנים, גלײַך זי גלויבט ניט, אַז ער, חיים־משה, האָט עס געזאָגט, גלײַך איך האָב דאָ אַמאָל עפּעס געקויפֿט און האָב פֿאַרגעסן אָפּצוצאָלן.

זי זעצט זיך צו צוריק אויפֿן בענקל און זיצט אַזוי אַ ווײַלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איר איז, אַפּנים, מיטאַמאָל געוואָרן דאָ שווער, שטאַרק שווער, און חיים־משה קוקט אויף איר און שווײַגט. איצט געדענקט ער אירע בריוו, וואָס ליגן בא מלבן אין שופֿלאָד. קיינמאָל האָט ער זיי נאָך ניט געדענקט אַזוי קלאָר, ווי איצט, בשעת ער קוקט אויף איר; איבער־געבונדענע ליגן זיי דאָרטן, אויסגעציילטע.

— איר בלײַבט דאָ, אין מאַגאַזין?

אַזוי פֿרעגט חוה פֿויזנער, און דער קאָפּ איז בא איר נאָך אַלץ אַראָפּגעלאָזן און די אויגן קוקן נאָך אַלץ פֿאַרטראַכט ערגעץ־וווּהין אונ־טער דער סטויקע אַרונטער.

— אָך, ניין.

חיים־משה האָט שוין דאָ איצט מער ניט, וואָס צו טאָן. ער איז גרייט צו גיין, מיט אַלע כבודן גרייט. ער פֿאַרשליסט אויף גיך די קאַנ־טאָרקע און דעם דרויסנדיקן שלאָס בא דער טיר און באַגלייט זי אַראָפּ צו דער מיט פֿון שטאָט. ער גייט מיט אַזאַ אויסזען, גלײַך ער האַלט זיך אין דער מעלה; איצטיקס מאָל מוז ער בײַשטיין דעם נסיון פֿון דאַמען־ערע. אין אָנהויב מאַרק שנײַדט זיי איבער דעם וועג די אָרטיקע קאָמיסיע, וואָס גיט אַכטונג אויף ריינקייט. בראש פֿון דער קאָמיסיע גייט דער שטאָט־דאָקטער גראַביי. ער גייט, ווי זײַן שטייגער איז, פֿויל און שווער, און זײַן פּנים איז אויסגעמאַטערט, צי פֿון ניט שלאָפֿן באַטאָג, צי פֿון

יִידישע צרות. ער איז פֿאַרטראַגן. נאָר דערזעענדיק חוה פֿויזנער מיט חיים־משהן, גיט ער זיך העפּלעך אַ נויג. זײַנע היפּשע גרויע אויגן טוען זיך פּלוצים אַזאַ דערשרעק, גלײַך מען האָט אים נאָר־וואָס אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, און באַלד טוען זיי זיך צוריק אַ צינד אָן און שמייכלען שוין מיט אַלע פֿיל קנײטשן, וואָס אַרום זיי.

— קלוג ווי טויזנט רוחות, שמייכלען זיי וועגן זיך אַליין, איך פֿאַר־שטיי אַלץ און גיב אײַך מײַן ברכה.

אַז ער גייט אָפּ אַ ביסל, קוקט ער זיך נאָכאַמאָל אום און טוט ווי־דער אַ שמייכל, נאָר ס'ענטפֿערט אים ניט קיינער, ניט חוה פֿויזנער און ניט חיים־משה. זיי זײַנען שוין נאָענט צו עזריאל פֿויזנערס נײַעם הויז. זיי שטעלן זיך אָפּ לעבן גרויסן גאַניק, וואָס גייט אַרויס, ווי אַן אָפֿענע וועראַנדע צום אײַנגעבראָכענעם מאַרק, און ס'דאַכט זיך, אַז עמעצער פֿון זיי וועט באַלד אָנהויבן רעדן. זיי וואַרטן אויף עפּעס.

שטייען זיי אַזוי אַ ווײַלע און וואַרטן, נאָר קיינער הויבט ניט אָן צו רעדן. אַ פֿאַרבײַגייענדיק יִינגעלע פֿאַרהאַלט זיך גאָר נאָענט לעבן זיי, באַטראַכט זיי מיט שטמעוודיקייט אין די אייגעלעך, מיט אַ שמייכעלע אינעם אײַנגעבויגענעם געשטאַלטל, און זיי באַמערקן עס ניט.

— איך האָף, אַז איר וועט נאָך אַרײַנקומען צו אונדז. אַזוי זאָגט חוה פֿויזנער, און אירע אויגן קוקן שוין ווידער צו אים אַרויף האַלב־שמייכלענדיק, שעמעוודיק קלוג: געכשרטע אויגן.

— יאָ, ענטפֿערט צעטראָגענערהייט חיים־משה, געווים.

און אַ ווײַלע שטייט ער נאָך פֿאַרטראַכט אויפֿן אָרט; קוקט איר נאָך, ווי זי גייט אַרײַן אין הויז און געדענקט די זאַך, וואָס ער שרײַבט דאָרטן בײַ יצחק־בערן אין וואַלד; פֿאַרוואָס איז שטענדיק, ווען ער קוקט אויף איר, ווילט זיך אים וואָס גיכער ענדיקן די זאַך? ער מוז איצט קומען צוריק אין וואַלד אַרײַן און זיך נעמען פֿאַר דער זאַך.

XII

מילאַ, האָט חוה פֿויזנער ניט געהאַט מער, וואָס צו פֿאַרלייקענען, און האָט געשוויגן. אירע קאַרטן זײַנען געווען אָפֿן. גאַנץ ראַקיטנע האָט געוווּסט, אַז איר פֿרעגער שטייט איצט אָפּ גאַנצע אָוונטן לעבן פֿאַרקן,

הינטערן אײַנפאָר־הויז, וואָס לעבן מאַרק, שטייט ער און גלעט דאָרט הייקע די דינסט פאַר דער האַנט. אַ שטיקל צײַט האָט זי ליב געהאַט מלכן. דאָס איז געשען פּונקט דאַן, ווען גאַנץ ראַקיטנע האָט געוואַרט, וואָס דאָ וועט אַרויסקומען.

— מלך, האָט מען געזאָגט, האָט בא זיך געפּועלט חתונה האָבן מיט עטל קאַדיס, און אַז חוה פּויזנער שיקט אים אַ צעטעלע, ער זאָל קומען, קומט ער צו איר, אַ? ער קומט.

דעמאָלט איז חוה פּויזנער בכיון אַוועקגעפאָרן פון דער היים אויף אַ לענגערער צײַט, כדי זי זאָל קאָנען שרײַבן מלכן שיינע בריוו. און נאָכדעם האָט געטראָפן דער נס; דעסלער הייסט דער נס; דעסלער פון די טאָרף־זומפּן און פונעם גרויסן בעריזשינעצער בראָווער, אַן אינזשעניער, זאָגט מען, איז ער; ער איז רײַך, שטאַרק רײַך. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אים, חיים־משה? וואָס גייט עס אים אָן?

ער האָט פאַרגיכערט די טריט:

— אַ מענטש, וואָס איז געקומען קײַן ראַקיטנע אויסצופירן אַ גרויסן ענין, דאַרף גיין מיט גיכע טריט.

ער איז געקומען אינמיטן הייסן העלן טאָג צוריק אין וואַלד אַרײַן, צוריק צו זיך אין צימער און האָט דאָרטן גאָרנישט געקאָנט טאָן:

— טפו, צו אַלדי שוואַרצע יאָר. ראַקיטנע נעמט צו אָן אַ שיער צײַט, און מער גאָר.

די פענצטער זײַנען געווען אָפן. די זון האָט דורך זיי שטאַרק גע־באַקן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט די קורצע רויטע פאָרהענגלעך און האָט זיך אין די ווײַסע אַרבל צוגעלייגט אויפן בעט. נאָר די אַראָפּגעלאָזענע פאָר־הענגלעך האָבן ניט געהאָלפן. די פּוסטקייט פונעם לאַנגן הייסן זומער־טאָג האָט זיך אַהער געלאָזט פילן; פון דער זון, וואָס באַקט דעם וואַלד, האָט זי זיך אַהער געלאָזט פילן און פון דער אויסגעוועבטער וואָכעדי־קייט, וואָס ציט זיך אַהער מיט אַלע ווענעלעך און שטעגעלעך פון ראַ־קיטנע דער שטאָט:

— ס'אַרא פּוסטע וואָכעדיקע שטאָט! און ווי אַזוי האָסטו דאָ גע־לעבט, מלך?

אָט שטייט ער, חיים־משה, דאָרטן, בא דער גרעבליע, אין סאַמע אָנהויב שטייט ער, אַזוי שטעלט ער זיך פאָר, און קוקט, ווי ווײַט, ווײַט

אין דער גאַס, אין איר טיפן הינטערגרונט יאָגן זיך אירע וואָכעדיקע שאָטנס נאָך איר וואָכעדיק גאָלד. און די שטאָט אַליין איז אויסגעוועבט, אַלט, אויסגעהוילט און טויט. מאַמעס שטאָפּן אייער אין די קינדער און שוויצן צו; אַ טאַטע אַ קרעמער, אַ לוסטרינענער טאַטע, שטייט אויף דער שוועל פון דער גרויסער קלייט און גערענקט, וויפיל פּאָר פּוישטן ליגן באַ אים אויפן בוידעם צוגעגרייט אויפן ווינטער. ער פּרוווט אַלעמאָל, צי די לונגען זיינען באַ אים ריין און לייגט איבער די שטיקלעך וואַטע פון איין אויער אין צווייטן. און מלך האָט אָפּט געקענט אָפּזיצן אַ היפּשע צייט לעבן אָט דעם רייכן קרעמער אויף די טרעפּלעך און פירן מיט אים אַ שמועס. אַזוי דערציילט יצחק־בער.

— וואָס־זשע מיינט איר, שמייכלט דאָרטן איינמאָל צו אים שע־מעוודיק מלך, צוויי יאָר פּאַרשיקט זיין קאָן טאַקע אַמאָל אויך זיין אַ שטיקל ענין. אַמאָל קאָן מען דערפון האָבן אַ שטיקל נחת־רוח.

נאָר דער קרעמער גלויבט ניט אין אַזאַ מין נחת־רוח.

— עט! אַזוי זאָגט ער און קראַצט זיך פּאַמעלעך אין דער באָרד. ער גערענקט נאָך אַליץ די פיל צוגעגרייטע פּוישטן, וואָס באַ אים אויפן בוי־דעם. ער גענעצט. נאָר מלך הערט ניט אויף צו שמייכלען...

— פונדעסטוועגן, זאָגט ער שטילינקערהייט, פונדעסטוועגן מוז מען מודה זיין, אַז באַ אייניקע מענטשן איז ניט דער גאַנצער עיקר פּרנסה.

נאָר עזריאל פּויזנער וויל ניט מודה זיין.

— עט! זאָגט ער און געגעצט ווידער, ס'איז חלומות, אינגאַנצן חלומות.

דעמאָלט קומט פּלוצים אונטער דער פּאַרוואַלטער פּרעגער און כאַפּט גלייך, אין וואָס עס גייט דער שמועס. ער האָט פון תמיד אָן ניט ליב אָט דעם לוסטרינענעם טאַטן. ער טוט עזותדיק אַ דריק צו די פּענסנע צו דער נאָז און זאָגט:

— איז אפשר, זאָגט ער, וועט ר' עזריאל פּויזנער כאָטש אין עפּעס מודה זיין? אפשר וועט ער, לפּחות, מודה זיין, אַז עמעצער אויף דער וועלט... אַז עוזר ליובער, למשל, פּאַרמאָגט מער געלט פון אים?

אין דעם איז פּרעגער היציק. ער איז זיכער: ער האָט אים געפּאַקט, אָט דעם קרעמער; אין עפּעס וועט ער אים פּאָרט מוזן מודה זיין. ער קוקט ווי דער קרעמער לייגט באַנייעם איבער די שטיקלעך וואַטע פון איין

אויער אין צווייטן און קנייטשט מיט די אַקסלען. אין עפּעס וועט ער פּאַרט מוזן מודה זײַן. נאָר עזריאל פּויזנער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און בלײַבט ווידער קאַלט, אינגאַנצן קאַלט.

—עט! זאָגט ער, באַ עוזר ליובער האָט קיינער ניט געציילט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איז אָט...

חיים־משה האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן מלכס פּנים:

איז וואָס־זשע בין איך מיט דעם אויסן, מלך?

— אז גאָרנישט, חיים־משה, אַז אַ קרעמער האָט ליב צו ציילן.

— און דו שמייכלסט אַליין, מלך?

— יאָ, חיים־משה, ווײַל אויך דו... אויך דו האַלטסט אין איין ציילן. און ניט ווי אַ קרעמער ציילסטו, נאָר ווי אַ טײַוול.

— ווי אַ טײַוול?!

אך יאָ. מאָדנע, ווי קלאָר דער שעמעוודיקער מלך זעט עס איצט אַלץ פון דאָרטן, פון יענער וועלט... וואָס אַרט, אייגנטלעך, דעם טײַוול, אויב גאָט און איוב נאַרן זיך איינער אָנעם צווייטן? דער עיקר איז, וואָס גאָט האָט איובן געבענטשט... שמחה, באַ אים אין הויז; אַלע וואָך קומען זיך צונויף די קינדער, און דער טײַוול גייט אַרום און אַרום דעם הויז, ווו ס'קומט פאַר די שמחה, און ציילט און ציילט; אַ פרעמד־וועלטיקער גײַסט אָן לײַדנשאַפט, אָן אייגענעם באַגער ציילט פרעמדע אומגליקן און פרעמדע גליקן.

— אָבער אַ טעות, מלך, אַ גראָבער טעות.

ער, חיים־משה, איז נאָך צופיל געבונדן מיטן הויז, ווו ס'קומט פאָר די שמחה, און טראָגט אויף זיך אחריות... דעם שטומען פּראָטעסט... ער וויל מער ניט זײַן דאָ אין ראַקיטנע, קערט ער זיך אום צוריק אַהין אין דער גרויסער שטאָט. ער שטייט דאָרטן אויף אין איינעם אַ זומער־דיקן פרימאָרגן, באַגלײַך מיט אַלע גרויס־שטעטיקע לײַט שטייט ער דאָרטן אויף, און לאָזט זיך אַוועק אין גאַס. ער האָט ליב די גאַס אין איר פרי־מאָרגן; ער האָט ליב די זון, וואָס באַקט דעם שטיין, און דעם קילן שאָטן, וואָס אין דער זײַט. פאַרשיידענע גליקלעכע און אומגליקלעכע מענטשן איילן אין פאַרשיידענע זײַטן, און אויך ער, חיים־משה, איילט מיט זיי, ער איז איינער פון זיי. אין מיטן בריק איז געפאַלן אַ פערד און גוססט, און

מענטשן דערשיסן עס דאָ אויפן אָרט, מענטשן זײַנען גרויס־שטעטיקע און באַשעפטיקט; זיי האָבן קיין צײַט ניט צו וואַרטן, ביז דאָס פערד וועט אַליין אויסגיין, און דערשיסן עס מיט זיכערקייט, אַז זיי טוען רעכט... נעכטיקע טעג, זיי קוקן זיך ניט אום צו אים, חיים־משהן, זיי פרעגן בא אים ניט, צי ער גיט דערויף זײַן הסכמה...

— — — — — — — — — — — — — — —

אויפן טראָטואַר, מלך, גייט אַרום אַן אַלטער קבצן, אַ בלינדער, און טאַפּט מיטן שטעקן דעם שטיין.

— כ׳בין אַלט נײַנציק יאָר, חזרט דער אַלטער, איך בין אַלט נײַנציק יאָר, גיט מיר אַ נדבה.

און אַרום ווימלט די גאַס, מענטשן גייען אַפּ און אויף, און אויך ער, חיים־משה, גייט מיט זיי; ער איז איינער פון זיי. איינע אַ פרוי, זעט ער, האָט זיך אָפּגעשטעלט קויפן ברויט; זי דינגט זיך פאַרן ברויט; זי צע־צאָלט זיך. נאָר, אַז זי קוקט זיך אום, דערזעט זי, אַז לעבן איר איז ניט געבליבן איר קליין פיר־יאָריק קינד. די שרעק פון גאָר דער וועלט איז בא איר אויפן פנים.

— אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, פּלעסקעט זי אויס מיט די הענט, נישטאָ מײַן קינד!

אַביסל ווײַטער שטייט מען אַרום אַ האַלב־נאַקעטער פרוי. זי האָט אַ צעריסן לײַב: אַ משוגענע, אַפּנים; זי רײַסט זיך פאַר די פונאַנדערגע־לאָזטע האָר און קלאַפּט מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ; זי דערציילט וועגן אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן:

— אַלע יאָרן, דערציילט זי, האָט זי בא זיך אין דער היים געוואַרט אויף גאָט; זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט קומען — נאַרישקייטן, ער האָט געמוזט קומען. און הײַנט אין דער פרי איז ער צו איר געקומען און האָט זי ניט געטראָפן אין דער היים: זי איז אויף אַ רגעלע אַוועק־געגאַנגען פון דער היים.

און אויפן טראָטואַר, מלך, אין דער זײַט גייט נאָך אַלץ אַרום דער אַלטער קבצן דער בלינדער און טאַפּט מיטן שטעקן דעם שטיין. ער הערט נישט גאָרנישט און זעט נישט גאָרנישט, מלך; ער געדענקט נאָר זיך און זײַנע נײַנציק יאָר און די נדבה, וואָס אים קומט פאַר זיי:

— כ'בין אַלט נײַנציק יאָר, חזרט דער אַלטער, איך בין אַלט נײַנציק יאָר, גיט מיר אַ נדבה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס־זשע איז דערפֿון געדרונגען, מלך?
— אַז גאָרנישט, חיים־משה, אַז דעם אַלטן מוז מען מאַכן זעענדיק.
— אָבער ער איז אַלט נײַנציק יאָר, מלך, ער איז אויפֿגעהאָדעוועט אויף נדבות...
— און וואָס קלערסטו טאָן?
— כ'האָב אַ מיטל, מלך, אַ זיכער מיטל... וואַרט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווּהין זשע איז דאָס פּלוצים מגולגל געוואָרן, ער, חיים־משה? אין אַ פֿרעמדער שטאָט איז ער מגולגל געוואָרן. ער קען ניט די גאַס. ער קען ניט די הײַזער. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פֿרעמדער פֿאַראַדנער טיר, ער האָט אָנגעקלונגען און זיך געשטעלט וואַרטן. קיינער האָט אים ניט געעפֿנט. ער האָט אַליין אַ שלעפּ געטאָן די טיר, זי איז אָפֿן. ער איז אַרײַנגעקומען אין פֿאָדער־צימער און האָט דערזען הענגען אַ פּאָר רעק. — גוט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, רמזים אויף מענטשן. נאָר די מענטשן אַליין זײַנען נישטאָ. ער וואַרט אַ ביסל און קומט אַרײַן אין עס־צימער. נאָר אויך דאָרטן איז קיינער נישטאָ. אָפּגעטרונקענע גלעזער טיי אויפֿן טיש ,און אַ סאַמאָוואַר אין דער זײַט; דו טוסט אים אַ טאַפּ, ער איז נאָך וואַרעם; אַן אָפֿענער בוך ליגט אויפֿן טיש: עמעצער האָט, אַפּנים, אין אים נאָר וואָס געלייענט. נאָר וואָס געזוכט מיט די אויגן צווישן די שורות. טירן זײַנען אָפֿן דורכוויס אין די אַרומיקע צימערן, נאָר אויך דאָרטן איז קיינער נישטאָ. ער רופֿט, נאָר קיינער ענטפֿערט ניט. ער וויל אַוועקגיין, נאָר ער קען ניט; ער האָט מורא, טאָמער... טאָמער קומט אַרײַן דער גנב...

— איז אָט, מלך, וואָס־זשע דאַרף איך, נאָך דײַן מיינונג, טאָן?
— היטן, חיים־משה, היטן, ביז וואַנען ס'וועט קומען דער בעל־הבית.
— נו, און דו, מלך? וואַרט... ווי אַזוי ביסטו אַוועק?

אַך יאָ, מאָדנע: ווי אַלע דאָ אין ראַקיטנע מײַדן אויס דעם שמועס וועגן מלכס אַוועקגיין, וועגן מלכס טויט. בײַ יעדערן איז פֿאַראַן אַ חשד,

אַז מלך איז געשטאָרבן נישט פון זײַן האָרץ־פּעלער אַליין, נאָר קיינער ווייל דאָ וועגן דעם גיט רעדן. חנקע ליובער ווערט בלאַס איטלעכס מאָל, וואָס ער, חיים־משה, פירט פּאַרפירן מיט איר וועגן דעם אַ שמועס, און יצחק־בער דער לאַנגער לאָזט אַראָפּ די ברעמען, קנײטשט מיט די אַקסלען און שווערט זיך, אַז ער ווייסט ניט: זאָל אים שוין אַזוי וויסן בייז.

— וואָס זאָל איך דיר דערויף זאָגן, פרעגט ער, איך ווייס? ער האָט אוודאי געהאַט בײַ זיך אין אַפּטייק־מאַגאַזין אַלע גוטע זיבן זאַכן...

נאָר אָט האָט מען אויך נאָך אים, חיים־משהן, דאָ אין ראַקיטנע אָנגע־הויבן נאָכשפּירן. דער חשד איז געוואָרן ברייטער... נעכטן באַטאָג גייט ער איינער אַליין איבער דער גאַס. די גאַס איז פּוסט, און אַקעגן גייען דרײַ דאַמען. אַלע דרײַ קוקן אויף אים פון דער ווייטנס; אַלע דרײַ מאַכן אַזעלכע אָנשטעלן, גלײַך זיי קאָנען בײַ זיך בשום אופן ניט באַשליסן, צי זאָלן זיי אים אָפּשטעלן, צי ניין. איינע פון זיי, די מיטלסטע, די גע־פּאַקטע, איז די מאַדאַם בראָמבערג. זי טראָגט פּענסנע און קוקט דורך איר האָפּערדיק, ווײַל זי האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען: אַלע דאָ אין שטאָט טוען איר נאָך. אַלע ווייסן, אַז זי איז אַ מוסטער פאַר דער שטאָט. זי האָט אַזאַ צונויפגעשנורעוועט פּיסקעלע, גלײַך זי האָט נאָר־וואָס אַרויסגעזאָגט אַ חכמה און וואָרט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זי קאָ־מען אויסקושן. די צווייטע דאַמע איז אַן אומבאַקאַנטע, אַ נידעריקע, אַ שוואַרצע מיט אַ נײַגעריק אײַנגעפאַלן נעזל, און די דריטע, די ייִנגסטע, איז אויסגעצויגן לאַנג און דאַר, ווי נאָך אַ טיפוס. דאָס איז די פרײַע צוהערערן אסתר פיך, וואָס איז צוריק מיט עטלעכע טעג אַראָפּגעקומען אַהער אויף די זומערדיקע וואַקאַציעס. זי איז מיד, פון אַ סך לערנען אין דער גרויסער שטאָט. זי איז אָנגעטאָן אין אַ לײַוונט ווײַסן אַנצוג מיט לאַנגע שלעכט־געפּרעסטע פּראָשוועס; זי האַלט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און שמעקט פונעם קליינעם געלן בלימל, וואָס זי האַלט אין האַנט, זי שמעקט פונעם בלימל אַזוי נאָענט, אַז אויפן שפּיץ נאָז בלײַבט בײַ איר אַ געלער פלעק. איר קליין אויסגעמאַטערט פּנימל איז פאַרצויגן מיט אַ געפּודערט אָפּגעברענט הײַטל, נאָר די קליינע אייגעלעך גלאַנצן מיט אַ הונגעריק פּײַערל, און אין איר איינגאַנצן צאַפּלט נאָך איינס אַ מאָדנע לעבעדיק אָדערל און לאָזט זי ניט רוען; דאָס אַרבעט זי מער פון אַלע, מען זאָל אים, חיים־משהן, אָפּשטעלן. די דאַמען לאָזן אים דורך נאָר

נאָענט לעבן זיך און קוקן אויף אים, נאָר אַז ער גייט אַפּ עטלעכע טריט, רופן זיי אים דאָך צוריק, ס׳טרעט אַרויס מיט אַ קליין שמייכעלע די מאַדאַם בראָמבערג און בעט, ער זאָל קיין פאַריבל נישט האָבן.

— די זאַך, זאָגט זי, באַשטייט דערין, וואָס זיי אַלע דרײַ, אָט די, וואָס חיים־משה זעט דאָ פאַר זיך, האָבן אויף זיך גענומען דעם אָוונט, וואָס דאַרף אינגיכן געגעבן ווערן לטובת דער תלמוד־תורה. ווילן זיי אים, חיים־משהן, בעטן: ערשטנס, פאַרשטייט מען, ער זאָל אויפן אָוונט זײַן, און צווייטנס — צווייטנס ווילן זיי, אַז חיים־משה זאָל זיך באַטייליקן אין דער פּראָגראַם.

— אין דער פּראָגראַם.

חיים־משה זאָגט זיי, אַז צום באַדויערן, האָט ער ניט מיט וואָס צו באַטייליקן זיך. חוץ דעם, וועט ער צום אָוונט געווים שוין דאָ אין ראַקיטנע ניט זײַן... ער וועט שוין געווים האָבן אַוועקגעפאָרן.

— נאָר אויב אַזוי, זאָגט די מאַדאַם בראָמבערג און וויל זיך אַנטשולדיקן, אויב אַזוי פאַלט דאָך אַפּ די גאַנצע זאַך...

נאָר דאָ שלאָגט איר איבער די רייד די פרײַע צוהערערן אסתר פיך. זי גלויבט ניט, אַז חיים־משה זאָל צו יענער צײַט שוין האָבן אַוועקגעפאָרן פון ראַקיטנע. זי שטייט די גאַנצע צײַט אין איין שורה מיט דער מאַדאַם בראָמבערג און שמעקט איר געל בלימל. אירע אויגן קוקן אויף חיים־משהן אָן אויפהער פון אונטן אַרויף; מיט אַ שמייכעלע און מיט נײַגעריקייט קוקן זיי אויף אים און הערן אים ניט אויף צו פאָרשן.

— איר קלערט דען בכלל אַוועקפאָרן פון ראַקיטנע? פרעגט זי בא אים.

און אין אַ רגע אַרום, ווידער מיטן זעלבן שמייכל אין די אויגן, מיט אַ רמזל פון אַ קלוגיטשקער, וואָס ווייסט כלומרשט זײַן סוד.

— איר זײַט דען פון אָנהויב אָן ניט געקומען קיין ראַקיטנע מיט דער דעה, אַז איר זאָלט דאָ פאַרבלײַבן?.. אַז איר זאָלט מער קיינמאָל פון דאַנען ניט אַוועקפאָרן?,,

— איך? פרעגט חיים־משה, פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

זיי לאָזן זיך גיין אַראָפּ מיט דער גאַס. אין איין שורה מיט אים גייט די פרײַע צוהערערן אסתר פיך, און די איבעריקע צוויי דאַמען גייען נאָך פון הינטן.

— מלך, זאָגט אסתר פּיך, מלך האָט אויך פון אָנהויב געזאָגט, אַז ער פאָרט פון דאַנען אוועק...

זי זאָגט עס, ווי גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריַין. און חיים־משה באַמערקט, אַז שפּאַנען שפּאַנט זי גיך, גיך, און בשעת זיי גייען, קוקט זי אַראָפּ צו דער ערד. דערבײַ האָט זי אַ טבע אײַנצובויגן זיך אין צווייען, ווי אַ דינע זאַנג. ער געזעגנט זיך און קערט זיך אום אין וואַלד אַריַין. ער שטרענגט זיך אָן און וויל זיך דערמאָנען, צי ער האָט זיך ניט ווען עס איז פאַר עמעצן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן דעם אַלעמען, אויף וואָס די פרײַע צוהערערן אסתר פּיך האָט געוואָרפן אַ רמז. ניין. אַלץ, וואָס ער האָט ווען ס׳איז וועגן דעם געטראַכט, איז געווען פאַרנעפּלט, פאַרנעפּלט אַפילו פאַר אים, חיים־משהן אַליין. די פרײַע צוהערערן אסתר פּיך האָט גערעדט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריַין. נאָר אויב אַזוי, וועט ער, חיים־משה, שוין מוזן זײַן אויפן אָוונט לטובת דער תלמוד־תורה. אסתר פּיך וועט דאָרטן אויך זײַן, און דעסלער און חוה פויזנער... און אויך ער, חיים־משה, ער וועט דאָרטן מוזן זײַן.

XIII

אסתר פּיך איז ביז שפּעט אין אָוונט זיך פאַרזעסן בײַ חנקע ליובער אין דער היים. אַרײַנגעקומען אויף אַ רגע, אויף איבעררעדן מכוח די סערוועטן און טישטעכער, וואָס חנקע האָט צו געבן אויפן אָוונט אין תלמוד־תורה, און פאַרזעסן זיך מיט גלײַכגילטיקייט צו היים, צו שלאָף, צו אייגענעם פאַנפּעוודיק דינעם קולכל. איר אויסזען איז געווען אַ טרויי־מעריש לאַנגווײַליקער, אַ האַלב אויפגערעגטער, האַלב דרימלענדיקער, איר איינציקער ווײַסער אנצוג, וואָס מיט די לאַנגע שלעבט געפּרעסטע פּראַש־וועס, האָט אויסגעזען פאַריתומט, ווי זי, די פרײַע צוהערערן, אסתר פּיך אַליין. זי האָט שוין ניט געהאַט קיינעם דאָ אין שטאָט, אַחוץ אַן עלטערן ברודער, אַ האָליץ־הענדלער. אירע פאָטער און מוטער זײַנען שוין לאַנג געשטאָרבן, און קיינער האָט ניט געוווסט, צי מיט איר שוועגערן לעבט זי בשלום, צי ניין. זי האָט גערעדט מכוח דעם, וואָס ראַקיטנע צאַנקט:

— ניט מען שטאַרבט, ניט מען לעבט אין ראַקיטנע, נאָר מען גוססט.

חנקע האָט זיך צוליב איר אויף גיך באַפרײַט פון דער קיבנעם חשבונות. זי האָט געלייגט מאָטיקן שלאָפן און האָט זיך אויף די שפּיץ פינגער אומגעקערט פון זײַן פינצטערן חדר צוריק אין גרויסן עס־צימער. אַרום גרויסן ברענענדיקן הענג־לאָמפּ האָבן די הויכע ווענט גענומען אויסזען באַנאַכטיק און שטאַרק שפּעט, און די פרײַע צוהערערן איז דאָ נאָך אַלץ געזעסן און נאָך אַלץ גערעדט. ווער איז זי אַזוינס געווען, אָט די פרײַע צוהערערן? זי האָט דאָ אין שטאָט ניט געהאַט איר גלײַכן. מעגלעך, אַז אַ פרײַע צוהערערן איז זי געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס אַלע דאָ אין ראַקיטנע זײַנען געווען קורסיסטנס. איצט האָט זי, נאָך פינף יאָר לערנען, זיך אומגעקערט אַהער כמעט אַ געענדיקטע, כמעט אַ יוריסט. זי קוקט דאָ אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, און איר איינציקער נאָענטער פרײַנט איז דאָ דער דאָקטער גראַביי. זי האָט גערעדט מכוח דעם, וואָס פון זומער צו זומער קומט זי אַהער אַראָפּ אויף וואַקאַציע־צײַט און טרעפט דאָ אַלץ מער לאַנגווײַליקייטן, מער פּוסטקייט.

— און אָט איז שוין געשטאָרבן מלך אויך, אויף זײַן אַפּטייק־מאַגאַזין הענגט אַ שלעסל...

אירע אויגן האָבן זיך געשמאָלט אין צוויי קליינע שלעפעריקע אַנשפּעלטיקלעך. דער קליינער מאָגערער קערפּער אינעם גראַמען ווײַסן אַנצוג האָט זיך געשפּאַרט אויפן גליטשיקן זאָנטיק, און דאָס מויל האָט גערעדט און גערעדט, אַזוי אַז, קוקנדיק אויף דעם, האָט זיך געדאַכט, אַז רעדן רעדט עס פון זיך אַליין, אָט דאָס מויל; ס'הענגט ניט אָפּ ניט פונעם מוח און ניט פונעם גאַנצן שלעפעריקן קערפּער; ס'איז אַ באַשעפעניש אַליין פאַר זיך און עס רעדט. איז אָט: אָקאָרשט נעכטן באַטאָג איז די פרײַע צוהערערן אינאיינעם מיט חיים־משהן אַרײַנגעקומען אין מלכס אויפגעשלאָסענעם אַפּטייק־מאַגאַזין; זי האָט דאָרטן דערזען אין צווייטן קלענערן צימער דאָס אָפענע פאַרגעלטע אַפּטייק־פּודעלע, וואָס ליגט אויפן פאַרשטויבטן טישל, און האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז אַלע דאָ אין ראַקיטנע זײַנען פערד, פּשוטע פערד:

— מלך איז דאָ געגאַנגען צום טויט מיט קליינע זיכערע טריט, און קיינער האָט עס נישט באַמערקט, אַזוי האָט זי, די פרײַע צוהערערן, דאָרטן געזאָגט צו חיים־משהן, דער סם, וואָס מלך האָט אויסגעקליבן, איז געווים געווען אַ גרינגער, אַ גאַנץ געוויינלעכער, און אײַנגענומען

האָט ער אים אין משך פֿון אַ וואָך צײַט אַלע טאָג צו ביסעלעך, ס'אַרא גרויל! איינגענומען סם אין משך פֿון אַ וואָך צײַט אַלע טאָג צו ביסעלעך...

— געשיקט זיך? האָט זיך געוווּנדערט חיים־משה, איר מיינט עס באמת?

— וואָס זשע דען? האָט אים דערויף געענטפֿערט זי, די פֿרײַע צוהער־רערן, איך טרײַב מיט אײַך קאַטאָוועס?

אַליין דער דאָקטער, דער דאָקטער גראַבוי, איז אָקאָרשט איצט איך, דער פֿרײַער צוהערערן, מודה:

— ער הייבט זיך אָן דערמאָנען, זאָגט ער, בעת מ'האָט מלכן באַלד נאָכן טויט אַראָפּגעהויבן פֿונעם בעט, האָט ער דערזען אונטערן קישן אַ קליין קײַלעכיק אַפּטייק־פּודעלע, אַ ליידיקס און אָפֿנס, און לעבן דעם האָט זיך געוואַלגערט דאָס קליינע דעקעלע. דאָס פּודעלע איז אינעווייניק געווען געל, ווי פֿון יאָדאָפֿאָרם, אַזוי זאָגט דער דאָקטער, נאָר אים איז דעמאָלט גאָרנישט ניט אײַנגעפֿאַלן.

די גאַנצע צײַט, וואָס מלך איז געלעגן צו בעט מיטן פּאַניר אײַז אויפֿן האַרצן, פֿלעגט ער, דער דאָקטער, צו אים אַלע באַטאָג אַרײַנקומען און פֿאַרברענגען מיט אים אַ שעה אַנדערטהאַלבן אָדער צוויי. פֿאַרן אוועק־גיין האָט ער אַלעמאָל געבעטן מלכן זיך אויפֿזעצן און האָט בײַ אים אויסגעהערט דאָס האַרץ.

— נעכטיקע טעג, האָט ער דעמאָלט צו מלכן געזאָגט: ס'איז גאָרנישט; דאָס האַרץ וועט מוזן אויסהאַלטן.

— יאָ, געוויס, האָט דערויף מלך געשמייכלט, מן הסתם, וועט דאָס האַרץ מוזן אויסהאַלטן.

און דאָס איז געווען דאַן, ווען דעם סם האָט ער אײַנגענומען מיט אַ רגע פֿריער, אָדער מיט אַ רגע שפּעטער נאָכן דאָקטערס אוועקגיין. ער האָט געפֿירט אַלעמען פֿאַר דער נאָז, מלך...

ווי זשע זײַנען דעמאָלט געווען מלכס גוטע פֿרײַנט?

די פֿרײַע צוהערערן שפּעט אָפּ פֿון אַלע גוטע פֿרײַנט מלכס. אַז זי לאַכט, הערט זיך, ווי גיסטיק ס'קלינגט איר דין פֿאָנפֿעוודיק קולכל. אין אירע אייגעלעך צינדט זיך אָן אַ פֿײַערל.

— עטל קאַדים, זאָגט זי, האָט, דאַכט זיך, געהאַט, פֿאַרוואָס צו זײַן מלכן געטרײַ, פֿונדעסטוועגן האָט זי אים אַפֿילו איינמאָל דעם קישן ניט

איבערגעשלאָגן און האָט ניט געוווּסט, וואָס באַ אים צוקאָפּנס טוט זיך, ס'איז אַן אַקט...

— און חוה פּויזנער האָט זיך פאַרקריגט מיט מלכן פּונקט ערב זײַן קרענק. זי האָט ניט פאַרגונען, אַזוי זאָגט מען אין ראַקיטנע... זי האָט ניט געוואָלט הערן, ווי מען שטויסט צימערינג באַ עטל קאַדים אינדערהיים און ווי מען גרייט זיך דאָרטן צו דער חתונה, איז זי אַוועקגעפאָרן אין קרײַז־שטאָט, זיך זען מיט דעסלערן. נו, מילא... אָבער פאַרוואָס האָט זי זיך נאָכדעם אומגעקערט און האָט אים אָנגעצונדן דאָס לעמפּל אָפן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט?

בכלל מוז די פרײַע צוהערערן מודה זײַן, אַז זי פאַרשטייט ניט אַ סך זאַכן. אָט איז, למשל, איצט אַהער אַראָפּגעקומען אָט דער חבר מלכס, חיים־משה, און דרייט זיך דאָ אַרום. ער גייט דאָ, זאָגט מען, אַרײַן אין די זעלבע הײַזער, וווּהין ס'פּלעגט אַרײַנגיין מלך: ער באַגעגנט זיך מיט די זעלביקע מענטשן... חנהקע קאָן איר ניט קלאָר מאַכן:

— וואָס טוט ער דאָ?

באַ אסתר פיך איז, הייסט עס, געווען אַ חשד, אַז חיים־משהן געפעלט דאָ שוין צופיל אַלץ, וואָס מלך האָט דאָ געטאָן... חנהקען איז צוו מאָל אַריבערגעגאַנגען אַ גרויל איבערן לײַב, נאָר זי האָט געשוויגן. צום אָנהייב איז איר געווען איינגענעם, זי איז געווען די ייִנגסטע פון אַלע מיידלעך דאָ אין שטאָט, קיינמאָל האָט זי נאָך ניט גערעדט מיט איר אַזוי ערנסט, ווי איצט, די פרײַע צוהערערן אסתר פיך. דערנאָך האָט חנהקע ביסלעכ־ווײַז טיף אין זיך אָנגעהויבן ווען, אַז די פרײַע צוהערערן זאָל אַוועקגיין. וואָס מער זי איז געזעסן, אַלץ מער האָט זי געוואָלט, זי זאָל אַוועקגיין. זי האָט אַליין פאַרשלאָסן נאָך אסתר פיך די פּאַראַד־טיר און האָט זיך נאָכדעם אויסגעטאָן באַ זיך אין צימער מיט אַן אומצופרידן געפיל בנוגע צו זיך אַליין, צו דער פרײַער צוהערערנס שפּעטן זיצן און צו אַלץ, וואָס זי האָט דאָ גערעדט. וואָס האָט זי אייגנטלעך געוואָלט, אָט די פרײַע צוהערערן אסתר פיך? זי איז שוין געווען ניט קיין יונגע, לחלוטין ניט קיין יונגע, זי איז געווען עלטער פון אַלע מיידלעך דאָ אין שטאָט. דער איינציקער פּאַסיקער מענטש, מיט וועמען זי האָט זיך דאָ אין ראַקיטנע געקאָנט צונויפגיין, איז געווען דער העברעער אַנשל צודיק; אָט דער, וואָס איז שוין איינמאָל געווען אין פּאַלעסטינע און וואָס מען האָט שוין גע־

דרוקט אייניקע זײַנע העברעיִשע מאמרים. די גאַנצע שטאָט האָט געוואָלט, ס'זאָל זײַן א שידוך. נאָר מיט אַנשל צודיק האָט זי זיך דאָ אין ראַקיטנע פֿון שטענדיק אָן געקריגט. תמיד, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי געמוזט מיט עפּעס באַליידיקן אײנער דעם אַנדערן, אַרײַנקומען אין כעס און זידלען אַזוי שטאַרק איינער דעם צווייטן, אַז זײַטיקע מענטשן זאָלן זיי דאַרטן פֿאַנאַנדערנעמען.

אין אַ פּאָר נעכט אַרום האָט זיך חנהקען געחלומט, אַז אַהער קיין ראַקיטנע איז ווידעראַמאָל אַראָפּגעקומען מלכּס שוועסטער, די פֿרעמד־שטעטלדיקע פּראָוויזאָרן, אַז עטל קאַדיס האָט זיך כּלומרשט אויך אַהער אומגעקערט, און אַז אַלע דרײַ, מלכּס שוועסטער, עטל קאַדיס און זי, חנהקע, גייען זיי נאָך נאָך אַ גרויסער לויה. זיי קלערן ניט וועגן דער לויה און ווייסן ניט, וועמענס זי איז. און אינדרויסן איז מאָדנע, ס'איז פֿאַרנאַכט; אַז זיי קומען אַפֿן בית־עולם, זעען זיי, ווי מען נעמט גראָבן אַ גרוב אין עק בית־עולם, לעבן קאַרשן־בוים, אין איין שורה מיט מלכּס קבר נעמט מען גראָבן די גרוב, מען איז מקבר דעם זשורנאַליסט, וואָס ווױנט אין קרים מיט דער אַנטלאָפֿענער דאָקטערשע גראַביי, נאָר אַז מען לאָזט אים אַראָפּ אין גרוב און מען דעקט אויף זײַן פּנים, זעט מען, אַז ס'איז ניט ער, ס'איז היים־משהס פּנים...

חנהקע האָט זיך פּלוצים, אינמיטן חלום, אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט און האָט מעכאַניש, מיט פֿאַרשלאָפֿענע פֿינגער און פֿאַרשלאָפֿענע גלידער, גענומען איבערפֿלעכטן אַף זיך דעם צאָפּ; תּמיד ווען זי איז געווען אומרויִק, האָט זי מעכאַניש איבערגעפֿלאָכטן אויף זיך דעם צאָפּ.

חנהקע האָט קיינמאָל ניט איבערגערעדט אירע חלומות. זי האָט אין זיי ניט געגלויבט, נאָר מיט די חלומות אַליין איז זי געווען אינעווייניק געבונדן; אַ האַלב יאָר, איידער איר מוטער איז געשטאָרבן, האָט זי זי געזען אין חלום אַ טויטע, און מיט אַ חודש פֿריער, איידער זייער טראָגענדיקע גויִשע וועשערן האָט געבוירן, האָט זיך איר געחלומט די וועשערן מיט אַ קליין מיידעלע אויף די הענט, אַ קליין מיידעלע מיט בלויע אויגן און מיט ליכטיקע האָר, פּונקט אַזאַ, ווי זי האָט נאָכדעם געהאַט.

חנהקע האָט איבערגעלעבט אַ שרעקלעך אויפֿגערעגטן צעדרייטן

פּרימאָרגן און האָט מיט צופיל מאַמעדיקער בייזקייט אָנגעשריגן אויף מאָטיקן:

— מאָטיק, זייַ אייַן!

— מאָטיק, לאָז מיך צורו, איך בעט דיך.

איטלעכס מאָל, וואָס פון דער פּאַראַד־טיר האָט זיך דערהערט אַ קלונג, האָט זי באַקומען אַ בלאַס פּנים און האָט זיך אַהין אייַנגעהערט מיט אַזאַ פאַרשטאַרבן האַרץ, גלייַך דאָס גייט מען איר אָנזאָגן, אַז איר חלום איז מקוים געוואָרן. זי האָט זיך געפילט שטאַרק מיד, און דער קאָפּ האָט איר אַ ביסל ווי געטאָן. דערצו נאָך האָט זיך דער טאָג אַליין אויסגעגעבן זייער אַ הייסער, אַ נודנער טאָג און אַ מאָדנע לאַנגער. אין אַזאַ טאָג, האָט זיך געדאַכט, קאָן געשען אַלץ.

בייַטאָג האָט חנהקע אָנגעטאָן יום־טובדיק זיך און מאָטיקן און האָט געקומען אויף עמעצן וואַרטן. נאָר צו זיי אין הויז איז קיינער ניט געקומען. און אַלץ אַרום האָט נאָך פון בייַנאַכט אָן אויסגעזען מאָדנע. דער הייסער זומער־טאָג איז דאָך געווען אַ פּשוטער, אַ וואָכעדיקער, און ערגעץ ווו לעבן דער קיך האָט מען נאָך אַלץ געהאַקט מיטן שווערן האַקמעסער, געהאַקט אייַלנדיק, ווי אום ערב־שבת. חנהקע האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז די הייסע זון האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייַט. פון די הייזער האָבן מיט גרויס פוילקייט גענומען אַראָפּקריכן די קורצע שאָטנס. דעמאָלט האָט חנהקע גענומען מיט זיך מאָטיקן און איז אויסגעפּוצטערהייט אַוועקגעגאַנגען מיט אים אַראָפּ מיט דער לאַנגער גאַס, צו־גאַסט צו דער יונגער מאַדאַם בראָמבערג. פון איר האָט, ווי תמיד, געשמעקט מיט פולן פריש־אויסגעזייפטן פּנים און מיטן ריח פון נייַעם לייקענעם בייטעלע, נאָר איינס אָן אויג האָט בא איר אונטערגעציטערט, און דער קאָפּ האָט נאָך אַלץ פון באַנאַכט אַ ביסל ווי געטאָן, ס׳האָט איר געשאָסן אין אַ שלייף.

נאָר בא דער מאַדאַם בראָמבערג אין דער היים האָט קיינער ניט דערמאָנט ניט דעם וואַלד, ניט יצחק־בערן, ניט חיים־משהן. הייסט עס, אַז דאָרטן איז מיט חיים־משהן גאָרנישט ניט געשען. בא דער מאַדאַם בראָמבערג איז, ווי תמיד אין שטאַרק־הייסע זומער־טעג, געווען היימלעך, קיל און גוט, ווייַל די בעל־הביתטע איז געווען אַ גרויסע בריה און ווייַל אויף דרייַ טרעפּלעך און הינטער אַ שווערער פּאָרטיערע האָט מען זיך

אויפגעהויבן אין קליינעם עס־צימער. געזעסן זײַנען דאָרטן די מאַדאַם בראָמבערג, די פּראָוויזאָרן ליפּשיץ און די נײַע ראַבינערשע מיטן אײַנ־געפאַלענעם נעזל און מיט די אָפענע קלעפּיק־קלוגע מינט־שוואַרצע אײ־געלעך, געזעסן כמעט אַלע מיט האַנט־אַרבעט אין שויס, מיט אַן אויסזען פון מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך דאָ אויס אין דער קיל פון שטאַרק הייסן דרויסן, און גערעדט האָט מען וועגן דעם, וואָס פאַרבײַ ראַקיטנע דאַרף אינגיכן אָנהייבן דורכגיין אַ קוריער־צוג, און וועגן דעם, וואָס אין די גרויסע שטעט האָט מען שוין ווידער אָנגעהויבן טראָגן פּשוטע קלייד־לעך, גלאַטע אַזעלכע און שמאָלע:

מען פלאָנטערט קוים מיט די פיס.

חנהקע איז דאָרטן אָפּגעזעסן ביז נאָך באַטאָגעדיקן טײ, אָפּגעזעסן מיט שווערקײַט, מיט אָנשטענגדיקער לאַנגווײַליקייט, דרך ארץ צו דער בעל־הביתטע, וואָס איז געווען איר געשטאָרבענער מוטערס נאָענטסטער פרײַנט. און אַוועקגעגאַנגען איז זי סוף כל סוף פון דאַנען מיט דער זעל־בער אומצופרידנקייט, מיט דער זעלבער אויפרעגונג, מיט וועלכע זי איז אַהער געקומען; אַרויסגעגאַנגען אינאיינעם מיט מאָטיקן אין דרויסן און ווידער אַמאָל דערזען דעם ברענענדיק־הייסן זון אויסגאַס, דעם לאַנגן תמוזדיקן טאָג. ער איז געווען פײַנלעך און אומענדלעך, אָט דער טאָג. זײַנע קורצע שאָטנס האָבן זיך קוים גערוקט, קוים געקראָכן און די אינע־ווייניקסטע אומרויִקייט אויך. אויפן טראָטואַר אין שאָטן זײַנען אויס־געפּוצט, ווי אום יום־טוב, אַרומגעגאַנגען ביידע משרתים פון בראָמבערגס סקלאַד פון ערד־מאַשינעס, זיך ליידיקגייעריש געווערטלט און ליידיק־גייעריש געראַנגלט, און אין די צוויי קלויסטערס, וואָס אין ביידע עקן שטאָט אונטער די בערג, האָבן שוין ווידער נאָך לאַנגער באַטאָגעדיקער רו גענומען קלינגען די גלאָקן; אָפּגעוואַרט אַזוי איינער דעם צווייטן, אָפּ־געוואַרט שטיפעריש און יונג און ווידעראַמאָל גענומען פאַריאָגן, פאַר־קלינגען איינער דעם צווייטן, ס'איז געווען אַ מיט־זומערדיקער גויִשער חגא־טאָג, אַ חגא־טאָג, וואָס געהייליקט ווערט ער אין די זאַטע רויִקע דער־פער אַרום, און וואָס דאָס שטעטל דאָ נאָגט אים טײלווײַז אויס און איז אים האַלב מחלל; ס'האָבן זיך ליידיקגייעריש געלאַנגווײַליקט אין מאַרק אַ פּאָר פאַרגעסענע גויִשע פורן, זיך געלאַנגווײַליקט מיט בענקשאַפט צו די אַוועקגעשאָקלטע האַלב־שיכורע בעל־הבתים־פויערים; ס'איז געווען

פוסט אין שטאָט, און פון ווײַט, פונעם שיפּועדיקן באַרג, וואָס אַקעגן, האָט זיך אַהער אַרויסגעבליט דער גרויסער וואַלד מיט זײַן אָנהייב גע־דיכטעניש, אַ שנור־גלײַכער בלויער וואַלד, וואָס קייטלט באַרג און הימל און טריפט איצט אין דער גרויסער היץ מיט בלויער פאַררויכלטקייט אַרום זיך און אַרום זײַנע טיפן, און אַזוי נאָענט איז איצט אַהין, אַזוי נאָענט און אַזוי ווײַט. דאַרטן געפינט זיך איצט חיים־משה... פּלוצים איז חנהקע געוואָרן שטאַרק רויט, קוקנדיק אַהין צו אָט דעם וואַלד; זי האָט מאַמעדיק אָפּגעהאַלטן מאָטיקן, ער זאָל ניט לויפן אַפריער, און אַליין איז זי געוואָרן שטאַרק רויט, און די ברוסט האָט זיך אָנגעהויבן הייבן און ווערן פול מיט הארץ — דאָס ערשטע מאָל איז איר איצט אַרויפגע־קומען אַ געדאַנק, נעמען מאָטיקן און אַרויפגיין מיט אים אַהין אויפן באַרג צו חיים־משהן; דאָס ערשטע מאָל האָט אַהין צו אים אַזאַ שטאַרקן צי געטאָן, און זי איז געוואָרן רויט, שטאַרק רויט, אייגנטלעך, איז ער איר געווען אַ פרעמדער, אָט דער חיים־משה. סך הכל אַ מאָל דרײַ איז ער גע־ווען בא זיי אין הויז און מער איז ער שוין ניט געקומען, ער האָט אויפ־געהערט צו גיין. חנהקע האָט אָפּגעהאַלטן מאָטיקן מיט כעס אין קול:

— מאָטיק, לויף ניט, איך בעט דיך.

און שווער איז געווען צו וויסן, אויף וועמען איז זי אויפגעטראָגן; אויף זיך פאַרן געפיל, וואָס ציט אַהין אין וואַלד, צי אויף מאָטיקן, וואָס פאַרלויפט אַפריער און פּלאָנטערט זיך יעדערן פאַר די פיס.

אין עק מאַרק אין אַלכסון האָט חנהקע דערזען די יצחק־בעריכע. זי איז געזעסן איינע אַליין אויף דער זון אויף אַ ווײַס־געפאַרבטער בריענדי־קער באַנק, וואָס אַקעגן אַ קלייט פון געפעס.

חנהקע האָט זיך לעבן איר אָפּגעשטעלט:

— פרעג איך אײַך: אין אַזאַ היץ!...

די קרענקלעך געלע יצחק־בעריכע איז געזעסן אויפן בענקל אויסגע־פוצט ווי אום שבת באַטאָג; זי האָט פון גרויס היץ צעבונדן אויף זיך דאָס זײַדענע קאָפּ־טיכל און האָט געפאָכט מיט ביידע עקן אויפן שוויציקן פנים.

— אוי, איז הייס, האָט זי זיך געקלאָגט מיט אַ מינע פון פאַר חלשות, מען קאָן אויסגיין... און חנהקע, חנהקע איז נאָך אַ קינד, אײַנגאַנצן אַ

קינד, אויב זי פרעגט, נאָך וואָס יצחק־בער דערלאָזט, זי זאָל זיך קראַנ־קערהייט אין אַזאַ היץ שלעפּן אין שטאָט אַרײַן.

די זאַך באַשטייט דערין, וואָס יצחק־בער האָט זיך פון פרומקייט אָפּגעשאָקלט:

— שוין אינגאַנצן אָפּגעשאָקלט, טאָג און וואָכן, אין שטיב דאָרטן, צווישן די פּילשטשיקעס, און אין גאָט גלויבט ער ניט... ווייס איך, וואָס... ער גלויבט ניט.

נאָך יענע וואָך האָט ער געהאַט יאָרצײַט, יצחק־בער, און פאַרגעסן, גאָרניט געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן זיך ניט אָפּגעוואַשן אַפילו.

איז נו, מילא, יצחק־בער ווי ער וויל זיך, נאָר זי, די יצחק־בעריכע, זי האָט מורא פאַר גאָט; זי איז קראַנק... האָט זי איצט אָט דאָס גענומען מיט זיך, אַ פונט ליכט, און איז געקומען אין שטאָט אַרײַן. ליכט פון אַ יאָרצײַט זײַנען אָסור ווי אַ חרם. אָט דאָס זיצט זי דאָ אויפן בענקל ניט ווײַט פון דער שול און וואַרט: די שול איז נאָך פאַרשלאָסן. ס'וועט קו־מען דער שמש, וועט זי אים די ליכט אָפּגעבן. און יצחק־בער? יצחק־בער ווייסט דערפון אַפילו ניט, יצחק־בער איז נאָך גאַנץ פרי אַוועקגעפאָרן ערגעץ מיטן וואַלד־פערד און־וועגל.

חנהקע איז רויט געוואָרן.

און חיים־משה?

זי האָט זיך פאַרלוירן. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט האָט זי געפרעגט אויף חיים־משהן. זי האָט ניט געוווּסט, וואָס וועט וועגן איר מיינען די יצחק־בעריכע. נאָר די יצחק־בעריכע האָט גאָרנישט געמיינט.

— ווער? אָט דער רוח? האָט זי זיך געוווּנדערט.

זי האָט אָנגערופן חיים־משהן „רוח", ווײַל קיין מענטש אין דער וועלט איז ניט אימשטאַנד צו לעבן אַזוי, ווי ער לעבט. זי אַליין האָט באַלד נאָך פּסח געהייסן יצחק־בערן אָנשרײַבן חיים־משהן, ער זאָל קומען. זי האָט געמיינט: ער וועט דאָ אַרויפנעמען אויף זיך אַ ביסל לײַב. נו, איז דאָך עס אָבער אַ רוח, ניט קיין מענטש, אַ ניט עסט ער? צי ער טרינקט? אַ ניט שלאָפט ער?... ער איז צעיאָצט, ער טומלט, און גענוג.

אַנומלטן איז געקומען צו פאָרן אין וואַלד אַרײַן יצחק־בערס שוועס־טער מיט איר מיידעלע. שוין ניט קיין יונגע, אָט דאָס מיידעלע אירס, אַ יאָר אַכט־צען אוודאי, רעדן רעדט עס שעפּעליאַווע און אַליין איז עס געבליבן

ביים קינדערשן שכל; זיצט גאַנצע טעג אינדרויסן ביי דער שטוב אויף דער ערד און שפּילט אין טשעריק. ציילט און ציילט און שפּילט נאָכאַמאָל און ציילט נאָכאַמאָל. האָט ער געקענט אַזוי אָפּזיצן אַקעגן איר גאַנצע שעהן, חיים־משה, און קוקן, ווי זי שפּילט.

— איז וויפל האָסטו שוין געמאַכט? פרעגט ער אַזוי ביים מיידעלע.

— שוין טוידנט, ענטפערט דאָס מיידעלע, אַ תך, אַ תך מאָל טוידנט.

— און איצט, וואָס וועסטו טאָן?

— איך וועל מאַכן נאָך טוידנט.

— יאָ, יאָ, זאָגט ער, און קוקט איר אין פּנים אַריין, מאַך נאָכאַמאָל טויזנט.

ער גייט אַוועק צו זיך און פאַרשפּאַרט זיך. ער טוט דאָרטן, אַפּנים, עפּעס. ווער ווייס אים? תמיד שמייכלט ער. אַז מען פרעגט אים, וואָס ער טוט, שמייכלט ער און ענטפערט ניט, און אונטער די אויגן איז אים שוין בלוי, ער איז הויט און ביין. באַנאַכט רעדט מען שעהן לאַנג בא אים אין צימער. זי, די יצחק־בעריכע, כאַפּט זיך אויף אינמיטן דער נאַכט און הערט, ווי מען רעדט דאָרטן.

— חיים־משה, קלאַפּט זי אים סוף־כל־סוף אָן אין ווענטל, ווער רעדט עס דאָרטן ביי דיר, חיים־משה?

— ס'איז גאָרניט, שרייט ער צו איר פון יענער זייט ווענטל און איז פריילעך.

ער לאַכט.

— ס'איז שדים, שרייט ער צו איר, שדים טאַנצן אַרום מיר ביי מיר אין צימער.

— זי, די יצחק־בעריכע, מוז זיך פאַר חנהקען מודה זיין: זי איז שוין ניט צופרידן, וואָס ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, חיים־משה. זי האָט מורא פאַר אַזעלכע ווערטער. ווען חיים־משה זאָל זיך איצט וועלן באַזעצן ערגעץ אַנדערש, וואָלט זי אים געזאָגט אַ גרויסן דאַנק... נאָר פאַרוואָס איז חנהקע אַזוי בלאַס?... וואָס איילט זי אַזוי, חנהקע? זי גייט שוין אַהיים? און דער שמש פון דער שול איז נאָך אַלץ נישטאָ. זעט נאָר, איך בעט אייך: די זון איז שוין נאָר אויפן דאַך, און די שול איז נאָך אַלץ געשלאָסן. ווען קומט שוין אַ מאָל דער שמש? נאָר חנהקע גייט שוין טאַ־קע? אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג.

חנהקע איז געווען ניט אַזוי דערשראָקן, ווי בלאַס. פאַרוואָס האָט זי פּלוצים דערפילט אין חיים־משהן אַזאַ אייגענעם,אַזאַ נאָענטן, נאָענטן, גלײַך ער וואָלט געווען אירער אַן עלטערער געראָטענער ברודער. נאָך אַ סך, אַ סך אַ נאָענטערער, ווי איר אייגענער עלטערער ברודער; ער איז אַ סך, אַ סך יאָרן ניט געווען אינדערהיים, ער האַלט ניט פון דער היים, און איצט איז ער אַראָפּגעקומען. נאָר פאַרוואָס האָט זיך געטראָפן, אַז פאַרפאָרן איז ער ניט גלײַך צו זיך, צו זיי אין הויז, נאָר אין וואַלד אַרײַן, צו דער יצחק־בעריכע, וואָס וואָלט געווען צופרידן, ווען ער קלײַבט זיך פון איר אַרויס, פאַרוואָס זאָל זיך דאָ אין ראַקיטנע ניט געפינען עמעצער, וואָס זאָל אים דאָס זאָגן? זי האָט אין זײַטיקן הינטערגעסל דערזען פונוויַטנס דעם דאָקטער גראַבי און האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט: אפשר וואָלט עס אים געזאָגט דער דאָקטער גראַבי? ער קאָן דאָך חיים־משהן נאָך פון דער גרויסער שטאָט. אפשר וואָלט זי אים געבעטן...

נאָר דער דאָקטער גראַבי איז דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פאַרבײַ איר און האָט זי ניט באַמערקט. זײַן פריש געגאָלט פּנים, וואָס מיט די גראָבע און לויכטיקע פריצישע וואָנצעס, איז געווען שוואַרץ אָפּגעברענט און פאַרשוויצט. צעטראָגן און אויסגעמאַטערט־מיד פון ניט שלאָפן בײַטאָג, האָט ער געוויגט זײַן פעסטן קערפער אויף די קורצע און פעסטע רעסאָרנדיקע פיסלעך און איז איצט בײַ זון־זעצן אַרומגעגאַנגען אין די הינטערגעסלעך מיט פאַרנאַכטיק שפּעטע וויזיטן צו זײַנע חולאים. צעטראָגענערהייט האָט ער געטראָפן אין אַ פרעמדער שטוב, ניט אַהין, וווּהין מען האָט אים גערופן. אַ פאַרפּוצט מיידל האָט אים פון דאָרטן אַרויסבאַגלייט מיט גרויס דרך ארץ און האָט אים שמייכלדיק אָנגעוויזן:

— אָט אַהין... אין יענער שטוב האָט מען געוויס דעם דאָקטער געבעטן.

און ער האָט דעם מיידל שוין אַפילו קיין דאַנק ניט געזאָגט; ער האָט דערזען חנהקען מיט מאָטיקן דורכגיין, האָט ער פּלוצים אויפגעוואַכט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זײַנע פאַרדרימלטע אויגן, און האָט אַ מאַך געטאָן צו חנהקען מיט דער האַנט:

— אָט אַהין, אין יענעם הויז, האָט ער געזאָגט, ס'איז אַלצאיינס... נעכטיקע טעג...

XIV

דער דאָקטער גראַביי איז אַרומגעגאַנגען מיט דער קאָמיסיע, וואָס גיט אַכטונג אויף ריינקייט.

ער האָט שלעכט באַזוכט זיינע חולאים, אָפּגעכאַפּט זיין אַרבעט אין שפּיטאָל און פּריציש שטום געטראָגן דעם עול פונעם אַראָפּגעקומענעם אינספּעקטאָר, דעם דאַרן שטרענגען גוי, וואָס טראָגט בלויע ברילן און איז אין כעס, משוגענערווייז אין כעס. ייִדן האָבן דאַן גנביש אונטערגעקוקט פון יעדן שמאָלן סיטקעלע; ס׳איז געווען כדאי צו וויסן:

— ווערמען פון זיינע באַקאַנטע וועט דער דאָקטער לאָזן מאַכן אַן אַקט?

נאָר דער דאָקטער האָט געהאַט אַ מיד פאַרשטיינערט פּנים, געהאַלטן די הענט אַרונטערגעלייגט אונטערן ווייסן זומערדיקן רעקל און נאָכגעגאַנגען דעם אינספּעקטאָר מיט אַן אויסזען, גלייך ער, דער דאָקטער, וואָס שטייט העכער פון אים, מישט זיך בכיון ניט און האַלט שטאַט; ער לאָזט אָט דעם שלעכטן וואַריאַט, דעם גוי, מאַכן אַקטן, וועמען ער וויל.

דריי טעג בסדר איז דער דאָקטער גראַביי געווען, אַזוי צו זאָגן, פאַרקנעכט, שלעפּערדיק און עפּעס, ווי ניט מיט אַלעמען. און אויפן פערטן טאָג נאָך וואַרעמעס, ווען די קאָמיסיע איז אַוועקגעפאָרן, איז ער באַפרייט געזעסן לעבן אַלטן מילשטיין, דעם טיש, וואָס אין שאָטן פון עזריאל פּויזנערס גרויסער קלייט. איצט איז שוין דאָ ווידער מער קיין עלטערס פון אים ניט געווען. ער האָט געשוויצט, געטרונקען די פלעשלעך לימאָנאַד, וואָס דער עלטערער קלייט-משרת עפנט פאַר אים מיט אַזאַ דרך ארץ, גלייך ער איז אַ חשובער קונה, אַ גלח. ער האָט שעלמיש געשמייכלט און האָט גערעדט מכוח דעם, וואָס אַלץ איז גאַרנישט, בלאָטע שבבלאָטע:

— גלויבט זשע מיר, ר׳ עזריאל פּויזנער, נעכטיקע טעג!

די הויפּט זאַך באַשטייט דערין, וואָס די לופט איז פול מיט זייגער... וויפיל מענטשן, אַזוי פיל זייגער, און יעדער פאַר זיך; יעדערער — אַ גרויסער, גרעסער יעדנפאַלס פונעם צווייטן... און אָט איז נאָך איינער, אַ?

דאָס האָט ער דערזען דעם לאַנגן אַנשל צודיק צוגיין, האָט ער צו

אים אַ שמייכל געטאָן מיט די פולע פּריצישע וואָנצעס, מיט די אויגן און מיט די פיל קלוגע קנייטשן אַרום זיי און האָט אים געגעבן די האַנט. ער האָט אים געבעטן זיצן דאָ אַקעגן אים אויף דער באַנק און האָט אים שעלמיש אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל.

— אויך אַ זינגער! וואָס? נישט אַזוי?...

אַנשל צודיק האָט נאָר וואָס פאַרן אַרויסגיין פון דער היים געהאַט באַטראַכט אויף זיך אַקעגן שפּיגל זײַן ווײַסן קראַגן און האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז ניט מסוכן, אַז מען קוקט זיך ניט צו גאָר נאָענט, זעט מען ניט, אַז דער קראַגן איז אַ גומענער. איצט איז ער געווען רויִק און האָט, ווי זײַן טבע איז דאָ אין גלות, געקוקט סקעפּטיש אויף דער וועלט און אויך אויפן דאָקטער גראַביי. ס'איז איצט געווען שטאַרק מאָדנע אויף אים צו קוקן, אויף אָט דעם דאָקטער. די גאַנצע שטאָט איז געווען פול מיט קלאַנגען וועגן דעם, וואָס זײַן אַנטלאָפענע פרוי, די זעלטענע פאַר־שוין, געפינט זיך איצט אין דער נאָענטער קרײַז־שטאָט אין האָטעל, אַז צוזאַמען מיט איר געפינט זיך איצט דאָרטן דער גרויס־שטאָטישער זשור־נאַליסט, וואָס וווינט מיט איר די גאַנצע צײַט אין קרים, און אַז זי גרייט זיך אַראָפּצוקומען אַהער אַ קוק טאָן אויפן קינד. יעדן טאָג האָט זי גע־קאָנט אַהער אַראָפּקומען, די גאַנצע שטאָט האָט אים געהאַט אין מויל. און ער איז דאָ געזעסן מיט אַזאַ אויסזען, גלײַך אים איז אַלצאיינס, וואָס מען רעדט וועגן אים, ער האָט גערעדט מכוח דעם, וואָס די לופט איז פול מיט זינגער, און אַלץ איז בלאָטע.

— נעכטיקע טעג.

דרעסלער, דרעסלער פון בעריזשינעץ, למשל, פאָרט אָפּט אין קרײַז־שטאָט; ער האָט דאָרטן, זאָגט מען, געשעפט. ער שטייט אויפן וואָקזאַל בײַ דער בילעט־קאַסע, אינעם האַרטן ברוינעם הוט און אין די לייקענע הענטשקעס שטייט ער דאָרטן, און פאַר אים שטייען נאָך דרײַ, צי פיר מענטשן. אַלע דאַרפן בילעטן אין קרײַז־שטאָט. יעדערער זאָגט דאָרטן צום קאַסיר: — מיר אויך אַ בילעט אין קרײַז־שטאָט. — נאָר אַז ס'קומט צו דרעסלערן, טוט ער אַ שטילן הוסט און זאָגט: — און מיר אַ בילעט אין קרייז־שטאָט, ווײַל ער האַלט, אַז ער איז ניט גלײַך מיט אַלעמען, ניין, בשום אופן, פון אים הייבט זיך אָן אַ נײַע צאָל; ניט „ער פאָרט אויך", נאָר „ער" פאָרט, און אַנדערע „פאָרן אויך". אים, דעם דאָקטער, איז שוין

אפילו אַ חידוש, ווי דערלאָזט עס דעסלער, אַז די ערע זאָל זיך אָנהייבן ציילן ניט פון אים, נאָר פון קריסטוסן. בע, בע,בע... .

דער דאָקטער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט פריציש און גרינג און האָט געגעבן אַ קלאַפ צו מיט דער האַנט אויפן קאַלטן לימאָנאַד, וואָס אין גלעזל.

נאָר אָט ברענגט מען אַנומלטן צו אים, דעם דאָקטער, אין שפיטאָל נאָך איינעם אַ זיגער... דאָס איז אַ געלבלעך דאַר און בלאַס עקסטערן יינגל פון אַ נאָענט שטעטל.

— ער האָט שוין שטודירט אין אָדעס און שלאָפט ניט ביינאַכט, אַזוי דערציילט די מוטער זיינע. יאָ, יאָ, זאָגט זי, איר מעגט אים גלויבן.

נאָר דאָס יינגל אַליין שווייגט און קוקט זיך אַרום גרויסמוטיק, ניט אויפן דאָקטער קוקט ער, נאָר אויף די ווענט־בילדער, אויף די ביכער אין שראַנק. אויסריידן דאָ אַ וואָרט רעכנט ער נידעריקער פון זיין כבוד. ער גלויבט ניט אין מעדיצין, אַזוי ווייזט זיך נאָכדעם אַרויס:

— מיט וואָס, פרעגט ער ביים דאָקטער, קאָנט איר היילן אָפּגע־שוואַכטע ליבע? איר האָט ניט מיט וואָס זי צו היילן.

— ער האַלט בכלל ניט פון וויסנשאַפט. אַלע געזעצן, זאָגט ער, רירן אים קוים אין פּיאַטע.

— איר קענט, זאָגט ער, באַשטראָפן אַ מענטשן, וואָס צעברעכט מיר אַ ריפּ אָדער אַ ביין. אָבער מיט וואָס וועט איר אים באַשטראָפן, אויב ער צעברעכט מיר אַ געדאַנק אָדער אַ געפיל? איר האָט אפילו קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ס'קומט אים באַשטראָפן.

ער טיילט זיך אויס פון אַלע. ער זאָגט „איך" און „איר". קלאָר, ס'איז אַ „זיגער". נאָר דעם דאָקטער אינטערעסירט דאַן איין זאַך:

— הערט, פרעגט ער ביים עקסטערן יינגל, צי ווייסט איר ניט וועגן איינעם אַן אינזשעניער דעסלער? וועגן דעסלער פון בעריזשינעץ?

— וועגן וועמען?

— אַך, ניין, דער עקסטערן־יינגל האָט קיינמאָל וועגן אים ניט גע־הערט.

דער דאָקטער האָט זיך ווידער פריציש און גרינג פונאַנדערגעלאַכט, זיך פונאַנדערגעלאַכט פון דעם, וואָס איין „זיגער" אָנערקענט ניט דעם

צווייטן, און האָט חבריש אַרויפֿגעלייגט די האַנט צו אַנשל צודיק אויפֿן אַקסל:

— נאָר אָט איז ער, דער דאָקטער גראַביי אַליין, אויך, אַזוי צו זאָגן, אַ „געוועזענער זיגער"...

ער האָט איצט געוואָלט ריידן, דער דאָקטער, טרינקען לימאָנאַד דאָ אין שאָטן פֿון עזריאל פֿויזנערס קלייט און ריידן, ריידן אָן אַ ברעג. ער האָט ניט געהאַט, וווהין צו איילן. ווען ער קומט איצט אַהיים, וואָלט ער געפֿונען זײַן קליין דאָקטערש טרוקן הויפֿל פֿאַרגאָסן מיט זון און אינע־ווייניק אין די צימערן וואָלט ער קיינעם ניט געטראָפֿן, אַחוץ דער יונ־גער אויסגעמושטירטער גויע, דער דינסט, און אַחוץ זײַן איינציק זעקס־יאָריק מיידעלע, וואָס די אַנטלאָפֿענע פֿרוי האָט אים דאָ געלאָזן. ס'איז ניט לאַנג געווען קראַנק מיט דיפֿטעריט, אָט דאָס מיידעלע, און האָלט איצט אין געזונט ווערן; עס זיצט אין ווײַסן אָפּעראַציע־צימער אויף דער הילצערנער סאָפֿקע, מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשירט העלדזל זיצט עס דאָרטן און שפּילט זיך מיט דעם אַלטן פֿידל, וואָס די דינסט האָט אַראָפּגע־בראַכט פֿון בוידעם, דאָס איז דעם דאָקטער גראַביים פֿידל. דעם ערשטן זומער, ווען ער איז קיין ראַקיטנע אַראָפּגעקומען, האָט ער נאָך געשפּילט גאַנצע שטיקער פֿון מענדלסאָנס קאָנצערט. שטאָט־לײַט האָבן דעמאָלט געקאָנט אָפּשטיין גאַנצע זומער־אָוונטן אונטער זײַנע אָפֿענע פֿענצטער, הערן און שמועסן מכוח דעם, וואָס ער שפּילט גוט, דער דאָקטער:

— ווי גאָר די גרויסע שפּילער שפּילט ער.

און איצט איז אָט דער פֿידל געווען אָן אַ גריף און סך הכל מיט איינער אַ מיטלסטער סטרונע, אָן אויסגעצויגענער אַזאַ און אַ פֿאַרדאַר־טער. אַז מען האָט זי אַ פּיק געטאָן, האָט זי כּמעט ניט אַרויסגעגעבן קיין שום קלאַנג. דאָס איז געווען דעם דאָקטער גראַביים אָפּגעשפּילטער פֿידל.

אַנשל צודיק האָט זיך געפֿילט לעפּיש דערפֿון, וואָס דער דאָקטער האַלט אַ לענגערע ווײַלע די האַנט אויף זײַן אַקסל; ער האָט פֿויל אונ־טערגעשמייכלט און האָט געקוקט אויפֿן דאָקטער סקעפּטיש.

— אַ שטילער וואָרעם, אָט דער כּלומרשט העפֿלעכער דאָקטער, וואָס רעדט שטענדיק וועגן עולמות. אין אַ קאָפּיקע פֿונדעסטוועגן גלויבט ער... מען זאָגט: ער האַלט אויסגעבאַהאַלטן דרײַסיק טויזנט ערגעץ אין קרײַז־שטאָט אין אַ באַנק.

און דער דאָקטער האָט אַלץ גערעדט וועגן דעם, וואָס ער האָט

אמאָל נאָכן ענדיקן אוניווערזיטעט פיר יאָר נאָכאנאנד דעם סטודענטישן סורדעט ניט אויסגעטאָן. זײַן פּאַרטיי האָט אים דעמאָלט ארומגעשיקט פון שטאָט צו שטאָט, און ער האָט אָפּגעהאַלטן איין גלענצנדיקע רעדע נאָך דער צווייטער. און אומעטום, וווּהין ער קומט, טרעפט ער אַ גרויסן זאַל איבערגעפּולט מיט מענטשן, ער קען קיינעם ניט, נאָר אַלע קאָנען אים, דעם דאָקטער גראַביי.

קומט ער איינמאָל זומער בײַטאָג אין אַ גרויסער שטאָט און אין זעלבן אָוונט רעדט ער. דער זאַל איז מער געפּאַקט, ווי תמיד. אַ סך יונג־געלײַט, מיידלעך, און איינע אַ מיידל באַגלייט אים נאָכדעם ארויס פון זאַל. אַ שלאַנקע שיינע מיידל און העכער פון אים, דעם דאָקטער גראַביי, העכער מיט אַ גאַנצן קאָפּ. זיי גייען ביידע אראָפּ פון דריטן גאָרן מיט די טרעפּ. און ארום איז פינצטער. די עלעקטרע אויסגעלאָשן. זיי ריידן פריי־לעך. פּלוצים טוט זיך אַ דריי ער, דער דאָקטער, נעמט ארום דאָס מיידל און טוט זי אַ קוש...

נאָר פאַרוואָס פאַרכאַפּט זיך פּלוצים דער דאָקטער און שטעלט זיך אָפּ? צי איז אָט דאָס מיידל ניט געוואָרן נאָכדעם זײַן פרוי, אָט די, וואָס איז פון אים פאַר צוויי יאָרן אַנטלאָפן און וויל איצט פון קרײַז־שטאָט אַראָפּקומען אַ קוק טאָן אויפן קינד?... יעדנפאַלס איז זי אויך זייער אַ שלאַנקע, אַ שיינע און איז אַ סך העכער פון אים, דעם פּריציש פּולבלעכן דאָקטער גראַביי, העכער מיט אַ גאַנצן קאָפּ. דער דאָקטער רעדט מער ניט. ער האַלט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש און קוקט פאַר זיך אין מאַרק אַרײַן. אַנשל צודיק קוקט אויך. און פּלוצים דערזעען זיי, ווי גאָר נאָענט פון דער קלייטס זײַט טוט זיך אַ שלייך ארויס חנהקע ליובער אין איר ווײַסן היטעלע און אין איר ווײַסן זומערדיקן קלייד. זי טראָגט עפּעס אַ שווערע זאַך אײַנגעוויקלט אין אַ שאַרף און וויל, אַפּנים, אַז קיינער זאָל ניט זען, אַז די זאַך איז איר שווער צו טראָגן. דערזעענדיק דעם דאָקטער מיט אַנשל צודיק, בײַם טיש זיצן, טוט זי זיך ווי אַ כאַפּ צוריק און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט דער שווערער זאַך. נאָר באַלד שטאַרקט זי זיך, זי טוט אַ שוואַכן שמייכל צו די, וואָס זיצן לעבן דער קלייט בײַם טיש, און לאָזט זיך אַוועק ווײַטער מיט דער מיטלסטער לאַנגער גאַס און מיטן וועג, וואָס פירט ארויס פון שטאָט.

טעג זײַנען אַלץ געשטאַנען טרוקענע, בריענדיקע, זון האָט גיהנומט.
חנהקע איז אין משך פון אָט־די טעג צוויי מאָל געווען אין וואַלד, צוויי מאָל געטראָגן אַהין אײַנגעוויקלט אין שאַרף מלכּס סטאַטועטע. און ביידע מאָל ניט געטראָפן חיים־משהן אין דער היים, אויף זײַן טיר איז געהאַנגען אַ שלעסל, און ביידע מאָל זיך שיער ניט געעקט פון היץ. איר יונג פּולבלעך פּנים איז געווען ביז צעגליִען אָנגעפּײַערט און רויט, און לעבן די שלייפן און הינטער דער אויבערשטער ליפּ זײַנען איר אַרויסגעטראָטן פיל פּיצעלעך קליינע טראָפּנס שווייס. זי האָט זיך געפּאָכעט און האָט גערעדט מיט דער יצחק־בעריכע וועגן יצחק־בערן, וועגן איר קרענק און וועגן פאַרשיידענע שטוב־זאַכן. זי איז געווען דאַנקבאַר דער יצחק־בעריכע, וואָס זי פרעגט זיך ניט נאָך, צוליב וואָס זי, חנהקע, איז געקומען אין וואַלד אַרײַן.

— פאַרוואָס זאָל זיך די יצחק־בעריע ניט קורירן, ווי עס געהער צו זײַן? פאַרוואָס זאָל זי מיינען, אַז ס'איז מער ניטאָ קיין רפואות, אחוץ טרוקענע באַנקעס און סינאַפּיזמעס?

און אַרום און אַרום האָט געשמעקט מיט ערדענעם שטיבל, מיט לייִמענער פּאָדלאָגע און מיט טאַטערשע קרײַטעכצער, מיט פרישן גרינעם אָטשערעט, וואָס וואַלגערט זיך לעבן בעט און אונטער די פיס און זעט אויס מאָדנע, דערפאַר, וואָס אין דרויסן איז שמאַרק היים און אויף די פענצטער זײַנען דורכויס אַראָפּגעלאָזן די קורצע רויטע פאָרהענגלעך.

סוף־כּל־סוף־ האָט חנהקע באַשלאָסן איבערצולאָזן חיים־משהן אַ צעטעלע:

— זי האָט אים געבראַכט מלכּס קליינע סטאַטועטע; זי קלערט, אַז די סטאַטועטע געהער געוויס גיכער צו אים, חיים־משהן, איידער צו איר. ער איז דאָך פאָרט געווען נעענטער ווי אַלע מיט מלכּן. זי איז זיכער, אַז דער מאַדאַם בראָמבערגס קרוב, דער סטודענט, וועט אויך אָקעגן דעם גאָרנישט ניט האָבן. זי האָט די סטאַטועטע געוואָלט צוטראָגן אים, חיים־משהן, צום טאָג פון זײַן געבוירן, נאָר זי ווייסט ניט, ווען ער יאָרט זיך, קיינער דאָ אין ראַקיטנע ווייסט ניט, ווען ער יאָרט זיך.

זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט איר צעטל און האָט זיך דערשראָקן, זיך דערשראָקן פאַרן געדאַנק, וואָס זי שרײַבט אים, חיים־משהן, אַ צעטעלע. חוץ דעם, האָט זיך איר איר האַנטשריפט געדאַכט שרעקלעך. קיינמאָל אין לעבן האָט זי ניט באַמערקט, אַז זי האָט אַזאַ מיאוסע העט־

לעבע האַנטשריפט, ווי זי באַמערקט עס איצט. זי האָט דאָס צעטעלע צעריסן און האָט געלאָזט די סטאַטועטע ביַי דער יצחק־בעריכע. זי איז באַנייַס שטאַרק בלאַס געוואָרן, באַקומען אַ סך אויפרעגונג אונטער דער ברוסט און געבעטן די יצחק־בעריכע איבערגעבן חיים־משהן, אַז זי בעט אים אַריַינקומען צו זיי אין הויז, פון אָנהייב דער נייַער וואָך בעט זי אים צו זיי אַריַינקומען.

XV

אין אָנהייב נייַע וואָך האָט אַראָפּ באַרג, אויף דער אַלטער שטאָט, גענומען ליאַרעמען דער גרויסער זומערדיקער יאָר־יאַריד; ער האָט געדויערט גאַנצע דריַי טעג, זונטיק איז געווען דער ערשטער טאָג פון אָט דעם יריד.

דאָס איז געווען אַ פריילעכער טאָג אויף דער אַלטער שטאָט פון ראַקיטנע.

די שניט־קרעמער, וואָס אין אונטערשטן שלעכט־ברוקירטן מאַרק, האָבן אַרויסגעהאַנגען רויטע יום־טובדיקע פאַטשיילעס אויף די טירן און האָבן פאַרפלייצט די געגנט מיט אַלערליי ליַיוונטן און מיט וואָלוועלע שלעכט־שמעקעוודיקע ציצן; זיי האָבן שניַידיק, פון פרימאָרגן אָן, געוואָרפן זייער גליקלעכן טומל אַקעגן שפּאָגל־נייַער זון, אַקעגן בריענדיקן אָטעם פון יונגן הייסן זומער, און אַקעגן וויַיטן שהחינו־בלויען הימל. און פון אַרום און אַרום, פון דערפער, וואָס ליגן באַגראָבן אין טיפע פאַרטויבטע טאָלן, פון שטעגעלעך, וואָס פאַלן שעמעוודיק אַראָפּ פון גרינע באַאַרבעטע בערג, האָבן פאַרשוויצטע פוסגייער און פורן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין ציען.

אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי האָבן די איבערגעפולטע געסלעך, וואָס אין טאָל, שוין אָפּגעוואָרפן פון זיך אַ לאַנגאָנענדיקן טויזנט־מיַילעדיקן געמורמל, אַן אויסגעמישטן מיט עפּעס אַן אייביקן הבל־הבלים, מיט קלאַפּנדיקן פּיסק פון באַריידעוודיקער גויע און מיט פּוילע בלאָנדזשענדיקע טענער פון אַן אייביק פּאָנפעדיקער האַרמאָשקע. איבערן ריח פון פרישן צוגעטריקנטן גראָז האָבן דאַרטן אָן אויפהער געניסט די אויסגערוטע דאָרפישע פערד, געהויבן די קעפּ אין דער לופט און פריילעך געהירזשעט ערגעץ אַרויף צום הויכן בלויען הימל. און אין דער זעלבער ציַיט איז דער רייַכער און ציכטיקער טייל שטאָט, יענער, וואָס אין דער הויך, נאָך אַלץ געבליבן רויִק, טיף אַריַינגעטאָן אין דער נגידישער

שטילקייט פון זײַן לאַנגער און פוסטער זומערדיקער וואָך. אַ פּאַרהאַנג אַף אַן אָפענעם פענצטער האָט געוואָרט, אַז אַ מינדסט ווינטל זאָל אים קומען אַ ריר טאָן, און אַ קבצן אַ פאַרנודעטער האָט דאָרטן געליטן פון גרויס היץ, אַרומגעשפּאַנט פון הויז צו הויז און געפּרוּווט אַ שלעפּ טאָן איין געשלאָסענע פּאַראַד־טיר נאָך דער צווייטער.

אויף דער לאַנגער מיטלסטער גאַס זעט מען קיין מענטשן ניט. זי איז זוניק און פוסט. אין אָנהייב בעריזשינעצער וועג, לעבן די יונגע גרויע טאָפּאָלן, איז אויך פוסט. אַף עוזר ליובערס אָפענע וואָקזאַל־פענצטער הענגען די לאַנגע בכבודיקע פּאָרהאַנגען, און אויך דאָרטן איז נישטאָ קיין מינדסט ווינטל, וואָס זאָל זיי אַ ריר טאָן. אינעווייניק אין הויז איז קיל און פריש; עוזר ליובער איז נאָך אַלץ נישטאָ אין דער היים, און דער קליינער מאָטיק טוט אין טויט אַרײַן, מען זאָל אים פירן אַראָפּ אַ באַרג אַפן יריד; ער זיצט אַפן פּאַרקעט און קלאַפּט מיט די פיס; ער וויינט אַפן קול, און חנקע דרייט זיך לעבן אים און איז אויפגערעגט.

גאַנץ פרי, ווען אַלע אין הויז זײַנען נאָך געשלאָפן, האָט עמעצער געטאָן אַ שאַרפן קלונג מיטן גלעקל פון פּאַראַד־טיר. דאָס האָט געקאָנט אַ קלונג טאָן איינער פון די שקצימלעך, וואָס פּאַשעט זײַנע גענדז אַפן עקסטן לידיק גרינעם פּלאַץ; אַ קלונג טאָן האָט דאָך אָבער געקאָנט אויך עמעצער אַנדערש; אַרויס דער שטאָט אַפן שיפּועדיקן באַרג איז דאָ דער וואַלד; אין וואַלד וווינט חיים־משה, און די יצחק־בעריכבע האָט אים דאָרטן געקאָנט איבערגעבן... אַלצדינג, וואָס זי, חנהקע, האָט געבעטן, האָט אים דאָרטן די יצחק־בעריכבע געקאָנט איבערגעבן. חנהקע וואַרט, נאָר קיינער קומט ניט.

בײַטאָג, ווען די בריענדיקע זון רוקט זיך אָפּ אַ ביסל אין אַ זײַט, מוז חנהקע צוליב טאָן מאָטיקן און זיך מיט אים אַראָפּלאָזן אַראָפּ אַ באַרג אַף דער אַלטער שטאָט צום יריד. מאָטיק שינדט פּאַסן, מען זאָל מיט אים גיין גיכער, און חנקה פאַרקרימט אַ ביסל איר פּנים און האַלט אים אָפּ מיט געוואַלט, ווי אַ מאַמע:

— וווּהין לויפט ער?.. אָט איז מען שוין שיער ניט איבערגעפאָרן אָט־דעם מזיק.

דערבײַ שפּילעט זיך איר אָפּ איינע אַ נײַע לײַקענע הענטשקע, און פון דער האַנט פאַלט איר אַרויס דער לויכטיקער אויפגעשטעלטער זאָנטיק און בלײַבט ליגן אַף דער ערד. די קעכן אַ פּעסטע געשטופּלטע ייִדענע, וואָס קומט אָן פון מאַרק פאַרשוויצט מיט אַ שווערן קלימעק אַפן בויך, הייבט חנהקען אויף דעם זאָנטיק און געפינט, אַז אָט דער קליינער

מאָטיק איז גאָר קיין קינד נישט; ס'איז נאָר עפּעס אַן אָנשיקעניש, אַ שטיק קוועקזילבער איז עס:

— ער וואָלט געקראָכן פערד אונטער די בײַכער, אָט דער מאָטיק.

אין אָנהייב יריד צווישן די ערשטע צוויי שורות אויסגערוטע פערד, וואָס שטייען באָרג־אַראָפּ מיט די קײַענדיקע מײַלער צו די אויסגעשפּאַנטע וואָגנס, פּאָכען מיט ווײדלען און מיסטיקן אַהער צום וועג־צו, באַגעגענען זיי זיך מיט דער מאַדאַם בראָמבערגס שוואַרץ־אַטלעסענעם פּאַלטאָ און מיט דער קורץ־פּיסיקער און קורץ־נעזלדיקער ראַבינערשע, וואָס איז דאָ אין שטאָט נאָך אַ נײַע. די פרוי בראָמבערג פירט זי תמיד אַרום אונטער דער האַנט; די פרוי בראָמבערג רעדט, און זי קוקט מיט די קלעפּיק־אָפענע שוואַרצע אייגעלעך און שווײַגט. ביידע זעען זיי איצט אויס אַזוי יום־טובדיק, גלײַך זיי קערן זיך אום פון אַ באַדעקנס. איבערהויפּט די פרוי בראָמבערג, זי טראָגט איצט איר גאָלדענע פּענסנע, און אַז זי זאָגט אָפּ אַ חכמה, שנורעוועט זי צונויף דאָס פּיסקעלע און וואַרט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל קומען זי אויסקושן: זי געדענקט תמיד, אַז זי איז אַ מוסטער. צוריק מיט אַ יאָר פערצן האָט זי די ערשטע דאָ אין געגנט חתונה געהאַט פאַר איר שוועסטערקינד „פּאַ ליובווי”, און איצט ווייסן עס אַלע אין געגנט; אַלע אין געגנט מאַכן איר נאָך... איצט גייט זי פונעם יריד; זי האָט געהאַפּט קריגן עפּעס רעכטס צווישן די אַרויסגעפירטע ציצן, זי האָט געמיינט קויפן אַ מתנה איר דינסט.

דרײַ אויפגעשטעלטע פרויען־זאַנטיקעס שטייען אַ ווײַלע, ווי אַ סגל, דאָ אױף דער זון צווישן די מיסטיקנדיקע פערד, און די מאַדאַם בראָמבערג האַלט דערווײַל אין איין שלעפּן דעם ברוגזן מאָטיקן פאַרן אַראָפּגעלאָזטן בערדל. זי פאַרבײַסט אַזש מיט די ליפּן:

— פאַרוואָס איז ער תמיד אַזאַ שלעכטער, אָט דער מאָטיק? אַזאַ שלעכטער...

אַלע פאַנקעווען אים, אָט דעם מאָטיקן; אַלע ווייסן, אַז זײַן עלטערער ברודער בומע איז אַן אומלײַט, אַ ניט געלערנטער און אַן אויסוווּרף. ער האָט איינמאָל צוגעפּאַקט אַ היפּשע סומע געלט אין דער היים און איז אַנטלאָפן; ער איז געווען פאַרמישט אינעם סטודענט ברילס מיאוסע מעשים מיט לאַהקע דער שוואַרצער נייטאָרן, און איצט באַ דרײַ־און־צוואַנציק יאָר האָט מען אים קוים באַשטאַט ערגעץ אין אויסלאַנד אין אַ טעכנישער מיטלשול און מען פאַנקעוועט מאָטיקן, מען געדענקט, אַז די געראָטענע מאַמע איז אים צו יונג געשטאָרבן.

מען שטייט אַביסל און מען שמועסט מכוח דער אַנטלאָפענער דאָק־

טערשע גראַביי, וואָס געפֿינט זיך איצט אין קרייַז־שטאָט. צו וועמען, אַ שטייגער, וועט זי איצט אין ראַקיטנע פֿאַרפֿאָרן? געווים צו דער מאַדאַם בראָמבערג אַהיים.

מען שטייט נאָך אַביסל, מען קוקט זיך אין די אויגן, ווי פֿאַרליבטע, און מען שווייַגט. בײַ חנהקען ברענט שוין אַ גאַנצע האַלבע זייַט פֿון פּנים. זי ווייסט ניט, וואָס וויל פֿון איר אָט די קורץ־נעזלדיקע ראַבינערשע, וואָס קער זיך אָן גאָר נאָענטע קרובים מיטן יונגן סטודענט בריל. די ראַבינערשע עסט זי ממש מיט די אויגן.

— ווען מאָטיק, זאָגט חנהקע, איז אַ געטרייַ ברודערל, וואָלט ער זיך באַלד אומגעקערט אַהיים; ער וואָלט זי איצט מער ניט אַרומגעשלעפּט.

נאָר מאָטיק פֿבינקעט אונטער און שלעפּט זי דווקא אַראָפּ, דווקא אין סאַמע טיפֿער געדיכטעניש פֿונעם מאַרק־יריד, ווו מאַסן גויים רייַבן זיך איינער אָן אַנדערן און באַלעגערן די ביידלעך פֿון זעלצער־וואַסער. די היץ איז דאָרטן גרויס; עס שמעקט מיט מענטשן־שווייס, מיט פֿוילן גערייכערטן פֿישל און מיט נייַעם פּעטן שטיוול. אַז די מענטשן־כוואַליע נעמט זיי דאָרטן נאָר אַרייַן, שלעפּט זי זיי שוין אָן אויפֿהער מיט זיך. מען שטויסט זיי פֿון הינטן. חנהקען שטויסט עמעצער די גאַנצע צייַט פֿון הינטן אינעם עלנבויגן פֿון דער האַנט, און וועלכער זי האַלט דעם אויפֿגעשטעלטן זאָנטיק. זי וויל אַ קוק טאָן, ווער ס'שטויסט זי, נאָר זי קאָן זיך ניט אַ דריי טאָן, זי איז אָנגעטאָן אין גאָרסעט. פּלוצים וואַרפֿט זי די ענגע מענטשן־כוואַליע אַרויס אין אַ צווייטן מאַרק, אַ פֿרייַערן און אַ גרעסערן. ער רינגלט אַרום דעם גויאישן בית־עולם און ציט זיך נאָכדעם אַוועק אין ווייַטן פֿעלד אַרייַן. דאָ איז די לופֿט פֿול מיט פּאָכערייַ פֿון ווײדל און מיט גערוך פֿון פֿריש פֿערדיש קויט. אַ ים פֿון דישלעם שטעקן אין דער הויך, ווי אַ וועלדל, און מאָטיק רייַסט זיך צום יונגן לאָשיקל, וואָס הירזשעט מיט שרעק, פֿאַרליוינדיק אַף אַ רגע די אַוועק־געלאָפֿענע שקאַפּע־מאַמע. דאָ פֿאַרקויפֿט מען פֿערד, און דער טומל איז גרויס. מען לויפֿט אַדורך מיט די פֿערד פֿאַר די סוחרים, און קיין איין סוחר לאָזט זיך ניט נאַרן. און אַביסל ווייַטער אין אַ זייַט באַווייַזט מען צוויי גרויסע גלאַנציק שוואַרצע פֿערד דעם יונגן בעריזשינעצער דעסלערן. צוויי שטאַרקע און ספּרימנע פֿערד, וואָס האָבן קייַלעכיקע שטייף־אייַנ־געבויגענע העלדזער מיט גוואַלטיקער גבורה אין די מוסקלען. מיט יעדן פֿון זיי פֿאַרקעט זיך אַ באַזונדערער מענטש און האַלט זיי קוים אייַן, און דעסלער קוקט אַף זיי רויִק קאַלט. ער קוקט זיך ניט אום צו די פֿאַרשוויצטע ליווראַנטן, וואָס חנפֿענען אים. ער איז אויסגעפּוצט אין זייַן נייַעם

שוואַרצן פּאַלטאָ מיט נײַע לײַקענע הענטשקעס, מיט נײַע לאַקירענע שיך און מיטן באַזילבערטן אַנטיק־שטעקעלע אין האַנט, און אפן קאָפּ טראָגט ער אַ נײַעם האַרטן און ברוינעם הוט, כאָטש די גאַנצע וועלט טראָגט שוין פון לאַנג שוואַרצע היט און ווייכע — אים געפעלן אויך צו להכעיס דער וועלט דווקא האַרטע היט און ברוינע — אַלעמאָל קויפט ער זיך אַ נײַעם ברוינעם און האַרטן הוט. זײַן געגאָלט און קורץ בערדל, וואָס אונטערן דינעם האַרט־געשלאָסענעם און געגאָלטן מויל, איז אָפּגעהאַקט און שאַרף. שאַרף איז אויך דאָס טיפע שטרענגע פײַערל, וואָס אין זײַנע קליינע שוואַרצע אויגן. די פאַרשוויצטע מעקלער פּאָרקן זיך אַרום אים, מען חנפעט אים, נאָר ער ענטפערט קיינעם ניט קיין וואָרט. אים וועט קיינער ניט נאַרן, ער קוקט רויִק צו די פערד. איצט טוט ער עפּעס אַ זאָג צו יאַנען, דעם יונגן אויסגעדינטן גוי, וועמען ער האָט אַראָפּגעבראַכט מיט זיך פון זײַנע מקומות. מען זאָגט: ער איז אין אים שטאַרק פאַר־גלויבט, אין אָט דעם יאַנען. און יאַן הערט אים מיט גרויס אָפּשײַ. ער ענטפערט אים תמיד ניט מער ווי „ניקאַק ניעט", „טאַק טאָטשנאָ" און אַזוי געשווינד, גלײַך מען טוט אין אים אַ דריק עפּעס אַ פאַרהוילן קנעפּל. ער איז אויסגעפּראַוועט און קאָן זיך חתמענען, אָט דער יאַן. ער טרעט צו צו באַטראַכטן די פערד און קוקט זיי צווערשט אַרײַן אין די מײַלער; ער ציילט בא זיי די יונגע ציין און זוכט עפּעס בא זיי צווישן די אויערן, ער הייבט אויף בא יעדן פון זיי אַ פאָרנטיקן פוס און באַקוקט אויף גיך די קלאָען, ער פירט איבער מיט דער האַנט איבער זייערע גלאַטע רוקנס פונעם האַלז ביז די ווײדלען און ענדיקט אַלעמאָל מיט אַ שלעפּ, מיט אַזאַ שטאַרקן שלעפּ פאַרן ווײדל, אַז דאָס גאַנצע פערד טוט ווי אַ וואַקלענדיקן ציטער. און דאָס אַלץ טוט ער אָפּ אין אַזאַ אײַלעניש, מיט אַזאַ פאַרגעניגן, אַז עס פאַרכאַפּט בא אים דער אָטעם. ער בלײַבט שטיין צוריק אין איין שורה מיט דעסלערן און קוקט נאָך אַלץ מיט חשק. ער האָט ניט וואָס צו זאָגן: די פערד געפעלן אים. דעמאָלט מאַכט דעסלער אַ קליינע אָנשטרענגונג אַף צו טאָן אַ שמייכל, נאָר קיין שמייכל קומט ניט אַרויס. זײַן לענגלעך טונקל־ברוין פּנים בלײַבט פאַרהאַרטעוועט, ווי געווען. ער טוט עפּעס אַ זאָג צו די ליוועראַנטן. ער נעמט אַרויס דעם טייסטער און ציילט אויס די ליוועראַנטן געלט, נײַ געלט און שמעקנדיקס; תמיד איז בא דעסלערן זײַן געלט נײַ און שמעקט מיט פּאַרפומען. ער קויפט אויס מיט אָט דעם געלט אַלע שענסטע זאַכן אין געגנט, און איצט, זאָגט מען, ווערט ער אײַנגיכן אַ חתן פאַר חוה פויזנער; זי איז

אויך די שענסטע מיידל אין ראַקיטנע, די שענסטע מיידל אין דער גאַנצער געגנט.

נאָר מאָטיקן האָט שוין דערווײַל עמעצער אָנגעטראָטן אַף אַ פּיסל; ער וויינט. חנהקע בייגט זיך אָן, כּדי צו נעמען אים אַף די הענט. פּלוצים אָבער פֿאָרט אָן אַ פֿור מיט אַ סך אונטערגעבונדענע פֿערד; ס׳רוקט זיך אָן אַ געשריי מיט אַ שרעק. אַ שווידער טוט אַ יאָג איבערן גאַנצן לײַב, מען שטויסט איינער דעם צווייטן. עמעצער נעמט אָן חנהקען אינאיינעם מיט מאָטיקן און רוקט זיי אָפּ אָן אַ זײַט. און מיט אַמאָל, צווישן דעם טומל און מיש־מאַש, טוט גאָר נאָענט אַ שווינדל אַ האַלבע זײַט פֿון חיים־משהס פּנים מיט איינעם פֿון זײַנע אַקסלען. ס׳טוט אַ נאָג אין האַרץ. צי דאָס האָט ער זיי אָפּגערוקט אין אַ זײַט? בכלל, צי איז ער דאָ געשטאַנען די גאַנצע צײַט און האָט געקוקט, ווי דער יונגער דעסלער פֿון בעריזשינעץ קויפֿט זיך נײַע פֿערד? אַך, ניין. חיים־משה שמייכלט: דאָס איז ער געווען, זאָגט ער, באַ איר, חנהקען, אין דער היים. ער האָט זי שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט זען.

XVI

אין יענעם זעלבן זונטיק איז קיין ראַקיטנע אַפֿן יריד מיט זײַן אייגענעם אויסגעפּוצטן פֿערד־און־וועגל אַרויסגעפֿאָרן דער בעריזשינעצער אַגענט פֿון זינגערס ניי־מאַשינעס זאַלקער.

אַרויסגעפֿאָרן איז ער גאַנץ פֿרי, ווען די זון האָט נאָך ניט שטאַרק געבראָטן, און די הויכע גראָבנס אין ביידע זײַטן וועג האָבן נאָך אָפּגעוואָרפֿן דעם נשאר פֿון טונקל־פֿײַכטע כּיאור־שאָטנס. דאָס פֿערד האָט פֿריילעך אונטערגעשפּרונגען, דאָס געלע אָפּגעטאָקטע רעסאָרן־בריטשקעלע האָט געפֿינקלט מיט באַשלאָגענעם מעש, מיט פֿילפֿאַרביקע קוטאַסן, וואָס אין דער יאַמשאַווער בײַטש און אין די העל־געלע לייצעס; די קײַלעכיקע גלעקעלעך האָבן פֿאַרקלונגען די קורצע לויפֿנדיקע וויאָרסטן, און זאַלקער אַליין מיט זײַן קליינעם יינגלש רירעוודיקן גופֿל, מיטן שייגעצדיק־רויטן פּנימל און מיט די ענגע לאַקירענע שטיוול, איז געזעסן אין בריטשקעלע, ווי פֿאַרשלאָפֿן. ער האָט פֿון רגע צו רגע געדרימלט, זיך פֿון רגע צו רגע אויפֿגעכאַפּט מיט שרעקיקן וווּנדער, מיט פֿאַרשלאָפֿענעם התפּעלות, וואָס ס׳איז פֿאַראַן אַ זונטיק גאַנץ פֿרי אַף דער וועלט און וואָס אין מויל איז אים זויער און קלעפּיק; זויער פֿון די נעכטיקע שבתדיקע ביסלעך בראָנפֿן, פֿון דער אייגענער בייזקייט און פֿונעם אייגענעם לאַנגן צעקראַ־

כּענעם ווײַב, וואָס דאָרטן אין בעריזשינעץ אין דער שטילער פּאַרוואָרפּע־נער היים. איצט, פּאָרנדיק אַזוי אײנער אַליין און דרימלענדיק אַף האַלב, אַף דרײַ פערטל, האָט זיך די גאַנצע צײַט געדענקט, ווי אַזוי אָט דאָס ווײַב זײַנם רעדט תּמיד צעקראָכן און בייז; עלטער איז זי פון אים סך הכּל אַף אַ קלייניקייט, אַף אַ פּאָר יאָר, נאָר פאַרמאָגן פאַרמאָגט זי שוין ניט קיין איין אייגענעם צאָן אין מויל. אַז זי לייגט זיך שלאָפן, נעמט זי אַרויס די צוויי קאַסטנס פרעמדע ציין פון מויל, ווייקט זיי אײַן אין אַ גלאָז וואַסער און שטעלט זיי אַנידער אַפן נאַכט־שאַפקעלע צווישן ביידע בעטן; און נאָכדעם שלאָפט זי שוין אַזוי אַ גאַנצע נאַכט; אַ גאַנצע נאַכט אָן איין צאָן אין מויל.

טפו!

זאַלקער האָט צום לעצטן מאָל אויסגעשפּיגן פון נאָך די נעכטיקע שבתדיקע ביסלעך בראָנפן, פון נאָך דער נעכטיקער בייזקייט און האָט מיט באַשלאָסנקייט פאַרקערעוועט לינקס מיט דער בערע, וואָס ציט זיך אונטער ראַקיטנער באַרג פאַרבײַ די ריטניצער זומפּן. לעבן זוניק־זילבער־נעם ריטניצער טײַכל האָט ער דערזען די גויאישע פור, וואָס האָט מיט אַמאָל געגעבן אַ יאָג אַרויס פונעם קליינעם זײַטיקן כוטאָר און וואָס איז געשווינד אַוועק באַרג־אַראָפּ מיטן ראַקיטנער וועג אַפן יריד. ער האָט געפּרוּווט אַ ווּנק טאָן צו דער אויסגעפּוצטער שיקסע, וואָס איז געזעסן דאָרטן אַפן וואָגן מיט די פּלייצעס צו טאַטע גוי, וואָס טרײַבט די פערד; דערבײַ האָט ער אויף גיך אָפּגעשפּילעט זײַן רויט געליאַמעוועט פאָר־כאַלאַטל. ער האָט געשווינד אַראָפּגענומען דעם קאַפּטור פון קאָפּ און האָט באַוויזן דער שיקסע אַ שייגעצדיק־רויט פּנימל מיט אַ קונציק אונטערגעשוירן בערדל, אַ שטעכעדיקס און אַ יונג־גרוילעכס, און מיט אַ גלאַנציקן לאַקירענעם דאַשיק באַם היטל. ער האָט צוגעמאַכט איינס פון זײַנע גרינע עזותדיקע אייגעלעך, פּאַר וועלכע ס'ציטערן אַלע שנײַדער אין געגנט, און מיטן צווייטן אייגעלע, דעם אָפּענעם, האָט ער געטאָן צו דער שיקסע אַזאַ מין ווּנק, וואָס האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן. נאָר די שיקסע איז געבליבן קאַלט, גלײַך ניט זי מיינט מען. זי האָט פויל אויס־געשנײַצט די נאָז אין דער גאַנצער האַנט אַרײַן און האָט נאָכדעם לאַנג די האַנט געווישט אין הילצערנעם זײַטל פון וואָגן. דעמלט האָט זאַלקער דער אַגענט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן לאַהקע דער שוואַרצער נייטאָרן פון ראַקיטנע, וואָס האָט פאַר פּסח גענומען באַ אים אַ ניי־מאַשין אַף אויס־צאָלן, און זיך מיטאַמאָל דערפילט יִינגלש און פריילעך; מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ער האָט פײַנט זײַן צעקראָכענע ווײַב, אַז צוליב איר,

לאַהקע דער שוואַרצער, איז ער היינט אום זונטיק אויפֿגעשטאַנען בײַ זיך אין דער היים אַזאַ גרויסן גאַנץ פֿרי און פֿאַרשלאָפֿענערהייט דאָרטן גענומען באַטראַכטן זײַן בריטשקעלע, צוליב איר פֿאָרט ער איצט קיין ראַקיטנע אויפֿן יריד, און זען, ער וועט זי באַלד זען... פֿריילעך און רירעוודיק האָט ער צעשמיסן זײַן פֿערד, איבערגעיאָגט די גויאישע פֿור, וואָס איז גיך געבליבן ווײַט פֿון הינטן, און איז געשווינד אַוועק באַרג־אַראָפּ. באַלד האָט ער גענומען אויספֿעלן פֿאַרשיידענע שווער־באַלאָדענע פֿורן אויף רעכטס און אויף לינקס; ער האָט דערגרייכט די הילצערנע ראַקיטנער גרעבליע, וואָס איז שוין באַגאָסן מיט שטאַרק הייסער זון און איז באַלאַגערט מיט די פֿיל שווערע שוואַרצע פֿורן, וואָס ציִען צום יריד.

הימל האָט געבלויט. באַזונטע ערד האָט ווי פֿריסיק געבריט אין די פּיאַטעס, און באָרוועסע שיקסע־פֿיס האָבן אַף איר געטראָטן, געטראָטן.

זאַלקער האָט געגעבן אַ שטאַרקן צי די באַפּוצטע העל־געלע לייצעס און פֿלוצים אָפּגעשטעלט זײַן פֿערד און וועגל.

— דו, אַהערצו גיי!

אין אָנהייב יריד צווישן די ערשטע גלחישע פֿורן, וואָס שטייען האַלב אויסגעשפּאַנט לעבן די קלייטן, האָט ער דערזען שאולקע שנײַדער; שאולקע הפֿקר־יונג, וואָס מאָנט אים איין די חובֿות בײַ די ראַקיטנער שנײַדער, און האָט אים צו זיך גערופֿן:

— הער נאָר, דו!

שאולקע האָט זיך אָבער ניט אײַנגעהערט. פֿאַרמוחט, מיט אַ פֿאַררוקט היטל צום נאַקן און מיט אַ קורצן ברויגעם שטערן, וואָס שוויצט אונטערן אַרויסגערוקטן ציגײַנעריש־שוואַרצן טשופּיק, איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין אַ וואָגן, געקײַט אַ שטרוי און געקוקט פֿאַר זיך מיט פֿאַרטראַכטע ממזריש ספּריטנע אויגן. אָפֿן רוף איז ער סוף־כּל־סוף צוגעגאַנגען פֿאַרטראַכט, ווי ניט ווילנדיק. נאָר זאַלקער האָט שוין אין זײַן זײַט ניט געקוקט. טועָנדיק אַ פּאָך מיט דער יאַמשאַווער בײַטש ערגעץ אין אַ זײַט, האָט ער באַקומען אַ פֿאַרשטיינערט פּנים און גענומען קוקן ערגעץ ווײַט איבערן פֿערדס אויערן. פֿון נאָכן לאַנגן אָפּגעשוויגענעם פֿרימאָרגן, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט פֿאַרנדיק, האָט איצט זײַן קול אָפּגעקלונגען אַביסל געלעגערט, הייזעריקלעך און בייז.

— מיכל קראַוועץ האָט אײַנגעצאָלט?

— אַ?

שאולקע האָט פֿויל אַרויפֿגעשטעלט אַ פֿוס אָפֿן נידעריקן אַרויפֿקריך

פון וועגעלע און האָט אַלץ אויסגעזען פּאַרמוחט. ער האָט אַלץ געקייַט די שטרוי.

— איַינגעצאָלט, האָט ער פויל געענטפערט, וואָס זשע?

— און יוסל קירזשנער?

— געסילוקט.

— דער אַמעריקאַנער שנייַדער?

— שוין לאַנג, נאָך שבת־צונאַכטס.

— וואַרט, די בוטווינעוועקער גלחטע?

— יאָ, נאָרוואָס.

— נו, און לאהקע די שווארצע?

שאולקע האָט פּאַרמאַכט איין אויג און מיטן צווייטן, דעם שמייכלענדיקן, האָט ער אַ קוק געטאָן צו זאַלקערן חבריש און בעטלעריש.

— אָט דאָס ווארט איך אויף איר... זי האָט צוגעזאָגט... אָט באַלד. ווי איך בין אַ ייִד, פּאַני זאַלקער!...

נאָר בא זאַלקערן האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן דאָס שייגעצדיק רויט פּנימל. די גרויע עזותדיקע אייגעלעך האָבן פּלוצים געגעבן אַ גלאָץ אַף שאולקען און זייַנען אַזוי אַף אַ ווייַלע אין זייער בייזקייַט פּאַרגליווערט געוואָרן:

— וועסט מאַכן מיט דער שוואַרצער קונצן נאָכדעם, אַז זי וועט איַינצאָלן... דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר, פּערד איינער!

און ניט אויסרעדנדיק מער אַ וואָרט, ניט אומקוקנדיק זיך צו שאולקן אַפילו, האָט ער אַוועקגעשמיסן ווייַטער מיט דער טיפער געדיכטעניש פון יריד. ער האָט פּאַרבייַפּאַרנדיק אַרייַנגעשריגן אַ פּאָר ווערטער אין איינעם אַ באַקאַנטן בײדל, וווּ מען פּאַרקויפט גויאישע קאַרעלן און האָט, אויסמיידנדיק דעם יריד, אַוועקגעשמיסן אַרויס שטאָט מיט זון און מיט וועג, וואָס פירט אין וואַלד אַרייַן. ער האָט דאָרטן בא יצחק־בערן אין וואַלד־שטיבל ניט געטראָפן קיינעם, אַחוץ דער קראַנקער יצחק־בעריכע, וואָס ליגט אין בעט, און האָט איר איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַ קונה אָפּן אינוועטאַר מיט די מעדיקאַמענטן, וואָס בא מלכן אין אַפּטייק־מאַגאַזין.

— איז אָט: ווי הייסט ער, אָט דער יונגער מאַן, וואָס וויל פּאַרקויפן די מעדיקאַמענטן? חיים־משה הייסט ער? נו, גוט, טאָ זאָל ער זיך מטריח זייַן צו אים, זאַלקערן, ער שטייט אייַן אַף דער אַלטער שטאָט, בא זייַנוויל מוסר, בא זייַנוויל פּאָטשטער שטייט ער אייַן. מען קאָן אים דאָרטן טרעפן אַ גאַנצן בייַטאָג.

באַ זײַנװל פּאַטשמטער אינעם לאַנגן אכסניהדיקן אונטערהױז באַם טױער שמעקט מיט נאַסן פערדישן גלעגער און מיט בהמהשן הױף. אונטערן לעבערדיקן דאַך גװאַדזשעט אַ קײַלעכיק יאָר אונטער די פּיס. ס'איז דאָרטן תמיד פּאַרנע און היים, פליגן װידמענען זיך אַף זונען־פלעקן צװישן אומרײנע ערטער, און דער האַרבער ריח פאַרגײט דאָרטן תמיד ביז צום ניסן, ביז דערװאָרגן צו װערן. איצט פּילט זיך נאָך אַהער דער װײַט צעשפּרײטער יריד. פון ערגעץ גאָר נאָענט קלינגט מען מיט לאַנגע שטאָלענע שנײַד־מעסערס; ס'הירזשען פרײלעך פערד.

גאָר אַנדערש איז אַביסל טיפער אין הױז לעבן דער שװאַרץ־אָפּגע־סמאַלעטער קיך־טיר און לעבן דער דײזשע. דאָרטן איז די גריבלדיקע ערד רײן־פּאַרקערט און בעל־הבתיש באַגאָסן פון אַ טשײַניק. דער שטױב שמעקט דעריבער מיט פריש־אױסגעקערטן בית־מדרש; די לופט איז קעלערדיק קיל און שטיל און רופט אַרױס אַ חשק צו דרימלען, זיצן אַזױ רױק, גאָרנישט ניט טאָן און דרימלען.

באַ דער קאַמער, לעבן אַ פאַרשפּרײט טישל, זיצט אַ היפּשער ברײטבײנערדיקער פּאַרשױן אין אַ ברײטער גרינװאָלענער בלוזע. ער מאַכט צורעכט דעם קלאַװיש־טײל פון אַ גרױסער פאַנאַנדערגעשרױפּטער האַרמאָניע. אַ נאָז האָט ער אַ ברײט־אײַנגעפאַלענע, פאַרריסן צו די אױגן צו מיט היפּשע און שװאַרצע צװײ פּיראַמידן־לעכער, ליפּן — אַנטבלױז־טע, פולע, װאָס שאָקלען זיך אינערט, אײדער דאָס מױל הײבט אָן רײדן, און אַ באָרד — עטלעכע געצײלטע אָן־קאָלירענע האָר, װאָס זײַנען באַ אים, אַפּנים געצערטלט, און טײַער, שטאַרק טײַער. טוענדיק זײַן אַרבעט, װאַרפט ער בליקן צו דעם גרױסן אָפענעם טױער, צו די זונען־פלעקן, װאָס אפן פּיטשנאַסן פערדישן מיסט. ער זעט, װי זאַלקער דער אַגענט פּאַרפאָרט אין הױז אַרײַן. ברײטלעך װי אַ פּריץ, פאַרפאָרט ער. דער הינקענדיקער שײגעץ, דער סטרוזש, שפּאַנט אים אױס דאָס פערד, און זאַלקער אַלײן שװײַגט.. ער ציט בײזלעך אַראָפּ פון זיך זײַן פאַרשטױבט פּאָר־כאַלאַטל און זעצט זיך צו אַפן שטאַפּל פון לײטער, װאָס פירט אַפן בוידעם. ער זיצט אַזױ ברײטלעך און באַטראַכט אַף זיך די ענגע און קונציקע לאַקירטע שטיװל; ער װיל איצט אױך צו להכעיס ניט טראַכטן ניט װעגן שאולקען און ניט װעגן לאַהקע דער שװאַרצער. שפּעטער, בײַטאָג, װעט ער זי זען, נאָר דערװײַל װיל ער ניט.

אָט שרײַט ער בײזלעך אָן אַפן קרומען שײגעץ, װאָס איז זיך נוהג ניט װי ס'געהער צו זײַן מיט די צװײ שפּאָגל־נײַע נײ־מאַשינעס, װאָס ער נעמט אַראָפּ פון בריטשקע.

— דו! ווי דו גייסט דאָרטן! פּאַמעלעך! מיט אויגן קוק...

און פּלוצים האָט זיך פון דער קאַמער־זײַט דערהערט אַ געכפּלטער הוסט פון אַ מענטשן, וואָס פאַרלאַנגט, מען זאָל אים באַוויליקן:

— קכע! קכע!

זאַלקער האָט זיך אַהין אומגעקוקט. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז און מיט די קײַלעכיקע ברייט־צעשטעלטע אויגן, וואָס אין אירע ביידע זײַטן. אויגן, וואָס שטאַמען, אַפּנים, ניט פון דער היגער וועלט און זאָגן דאָ, אַף דער היגער וועלט, גאָרנישט; זיי זײַנען שטומע.

— יעס, יעס, האָבן אַרויסגעשאָקלט די פולע אָנטבלויזטע ליפּן, זינגער עט קאָמפּאַ... אויך אַ שטיקל סחורה, קאָן מען זאָגן, אַ? „פּערווי קלאַס איסקלאַטשיטיעלנאַ!"

זאַלקער האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן אַף אים און אַף זײַן גרינע בלוזע. ווער איז ער, אַשטייגער, געווען, אָט דער פּאַרשוין? אַן אורח בײַ זײַנוול פּאָטשטער, אַ דורכגייער אַ ווײַטער, אַ יריד־מענטש; פאָרט אַרום פון יריד צו יריד און מאַכט צורעכט פרעמדע קאַליע האַרמאָשקעס. און קיין היים האָט ער, מן הסתם, ניט און קיין טאַטן אויך ניט, אַז מען וויל זיך פאָרשטעלן, ס'אַר אַ טאַטן ער האָט געהאַט, קאָן מען ניט.

— טצע!

זאַלקער האָט אויסגעשפּיגן קונציק פון צווישן צונויפגעדריקטע ציין. ער איז דאָך נאָך אַלץ געווען בייז. ער האָט זיך דערפרעגט, צי דער פאַרוואַלטער פּרעגער איז דאָ אין דער היים, און איז אַוועקגעגאַנגען צו אים אין צימער.

פּרעגער האָט שוין געהאַט פונאַנדערגעלאָזט די תּלמוד־תּורה אַף זומער. אין אַ טאָג צען אַרום שטעלט ער דעם ספּעקטאַקל מיט די קינדער; ס'גייט דער אָוונט לטובֿת דער תּלמוד־תּורה. און נאָכדעם: פרײַ. גאַנצע אַכט וואָכן פרײַ און גוט אַפן האַרצן; גוט, וואָס פאַר זײַן עזות האָבן אים ראַקיטנער ייִדן פײַנט, ניט ווייניקער, ווי ער זיי. גוט, וואָס חייקע די דינסט גייט שוין אַרום גאַנצע טעג אויסגעפּוצט, ווי אַ כּלה. גוטע פרײַנט זאָגן איר, אַז זי איז משוגע:

— פּרעגער וועט דיך אין אַ יאָר אַרום אַוועקוואַרפן, דו נאַר איינע.

און זי ענטפערט זיי, ווי אַן עקשן, אַ הוילער עקשן:

— איין יאָר מיט פּרעגערן, זאָגט זי, איז בעסער ווי אַ גאַנץ לעבן אָן אים.

— מאָלאָדיעץ, חייקע! פּרעגער פילט, אַז זי איז ווערט צו זײַן זײַן כלה. ער איז פרײַ און צופרידן.

און אָט איז אַ הייסער שבתדיקער פרימאָרגן, אַ טאָג אַ הייליקער, אַ שטאָט אַ שבתדיקע, אַ זון, וואָס בריט, און ווײַסע טשאַלנט־אויוונס זײַנען דורכווים באַקלעפּט מיט שוואַרצע פליגן, מיט אַן אַ שיעור שוואַרצע פליגן.

ווייל איז די הײַזער, וואָס האָבן שבת פון גאַנץ פרי אָן אַן אייגן שטיקל שאָטן ארום די אָפענע פענצטער. ס'הערט זיך פון זיי ניט מער, ווי מיידלעך ריידן. שבתדיק אַזוי ריידן זיי, בנעימות און מיט בושה, גלײַך דעם דרויסן קאָן פאַרדריסן, אַלמאַי זיי גייען אין אונטערשטע ווײַסע קליידלעך בא טיי טרינקען. און מאַנסבילן פעלן, מאַנסבילן זײַנען אין שול.

פּרעגער גייט אָפן פוסטן ברוק. שבתדיק לאַנגווײַליק, שבתדיק באַגאָסן מיט זון ציען זיך אין דער לינקער זײַט די געשלאָסענע קלייטן. ס'קומט ניט אָן קיין פור. פּרעגער באַגעגנט ניט קיין איין מאַנסביל. אים דערמאָנט עס זײַן ערשטן זומער דאָ אין ראָקיטנע. ער איז צופרידן. ער טראָגט אַ האַנט־טוך אין האַנט און גייט זיך באָדן. נאָר אַז ער גייט דורך אין עק שטאָט פאַרבײַ די פאַנאַנדערגעעפנטע שול־פענצטער, וואָס אַף אַ בערגל, אַקעגן נידעריקן שמאָל־באַגרינטן טײַך, דערהערט ער דעם שבתדיקן נוסח פון „ברוך שאמר”. ס'אַר אַן אַלטער אײַנגעגעסענער נוסח! ער לייקנט אַלע נײַסן, וואָס זײַנען אויפגעטאָן אַף דער וועלט. און פּרעגערן פאַרדריסט פלוצים, אַלמאַי דער נוסח איז אַזאַ אײַנגעשפּאַרטער; אַלמאַי איז ער, פּרעגער, ניט קיין רוּיבעֶרער. אויף צו להכעיס אַלע פײַנע מזרח־ייִדן, וואָס קוקן אים נאָך פון די אָפענע שול־פענצטער, וואָלט ער איצט פאַר־רויבערט אַ פּאַפּיראָס. ער באָדט זיך נאָכדעם אין שמאָלן טײַכל בכיון אַף אַזאַ אָרט, אַז מען זאָל אים ארויסזען פון די אָפענע שול־פענצטער. זאָלן זיי דאָרטן זען, ווי ער זייפט זיך און פּלושקעט זיך לאַנג, לאַנג, ביז ער ווערט מיד. אין די אויגן בלענדט דאָס שמאָלע טײַכל, זונט און שטראַלט, אין די אויערן מורמלט, גלײַך זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט וואַסער, און פּרעגער ווישט זיך, ווישט און ווישט. ער טוט זיך אָן. ער הערט, ווו מען האַלט אין שול.

— אור חדש על ציון תאיר.

און פלוצים דערזעט ער, ווי אָפן צווייטן ברעג, קעגנאיבער דעם שמאָל־באַגרינטן טײַכל שימערט עפּעס אַף דער זון. אַ גרין זײַדן קאַפּטל רוקט זיך דאָרטן אונטער אַ העל־רויטן זײַדענעם זאָנטיק. ווער זאָל דאָס זײַן? אים טוט פלוצים אַ טיאָך אין האַרצן:

— ס'איז ניט חוה פּויזנער?... ניין, ס'איז ניט זי.

און אין אַ רגע אַרום נאָך אַ גרויסער טיאָך: — יאָ, ס'איז זי. דאָס שטעגעלע דאָרטן אַפֿן צווייטן ברעג טײַכל באַהאַלט זיך אין הויכן גראָז. אירע פּיס ווערן דאָרטן פֿאַרפֿאַלן, מען זעט זיי ניט גיין, און דער רויט־זײַדענער זאַנטיק מיטן גרינעם קאָפּטל שוועבן, שוועבן; כדי אויסצומיידן די שול, איז זי, אפֿנים, אַרומגעגאַנגען דעם טײַך מיט די גוישע סעדלעך און איז אָנגעקומען מיטן צווייטן ברעג; זי גייט זיך באָדן. אָט דערגרייכט זי דאָרט דעם אָנהייב פֿון יונגן געדיכטן וועלדל און פֿאַרשווינדט אונטער אַ בוים. זי קומט אַרויס פֿון דאָרטן אין אַ לאַנגן ווײַסן העמד און וואַרפֿט זיך אַרײַן אין טײַך אַרײַן. זי שווימט; זי קאָן שווימען. ס'איז באַ איר אַ ירושה־זאַך. איר פֿאָטער שווימט אויך איבער אַמאָל אין אַ פּריַיטיק פֿאַרנאַכט דעם גאַנצן טײַך אין דער לענג, און ייִנגלעך, מיט וועלכע ער האָט קיינמאָל קיין וואָרט ניט גערעדט, שטייען דעמאָלט באַם ברעג און קוקן. איר שטאַלטנער קערפּער אינעם ווײַסןברייטן העמד ליגט אינגאַנצן פֿון אויבן אַף דעם וואַסער, די האָר זײַנען צוזאַמענגענומען הויך אַפֿן קאָפּ, כדי זיי זאָלן זיך ניט פֿאַרנעצן, די שיינע שלאַנקע הענט צעברעכן שטראַלן מיט יעדן שטרעק, און דאָס פּנים דאַכט זיך, שמייכלט. נאָר וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין? אין שול האַלט מען ערשט „אל אדון", הייסט עס, אַז ער, פֿרעגער, האָט אַ טעות געהאַט. אים האָט זיך פֿריער גע־דאַכט, אַז ער הערט קלאָר דעם נוסח פֿון „אור חדש על ציון תאיר"... נאָר אויב אַזוי, איז נאָך פֿרי, ער קאָן נאָך אַ ביסל אַוועקגיין מיטן ברעג טײַך אין יונגן וועלדל. וויפֿל יאָר איז, אַז ער, פֿרעגער, איז אַראָפּגעקו־מען אַהער קיין ראַקיטנע? אַ יאָר זעקס. דעמאָלט זײַנען נאָך דאָ אין יונגן וועלדל געווען צעוואָרפֿן אַ סך אַלטע הויכע ביימער, און איצט האָט מען זיי שוין אַלע אויסגעהאַקט. געבליבן זײַנען פֿון זיי ניט מער ווי וואָרצלען, יעדערער מיט זײַן פֿאַרעלטערט־געלן אָפּשניט. זיי זײַנען צעוואָרפֿן איבערן גאָרן וועלדל און זעען אויס, ווי בענקעלעך. פֿרעגער זעצט זיך צו אַף איינעם פֿון זיי. ער שאַרט לעבן זיך מיטן שטעקל, נאָר פֿונעם מוח גייט אים ניט אַרויס דער שטאַלטנער קערפּער אינעם ברייטן ווײַסן העמד, וואָס שלענגלט זיך מיט הנאה פֿון אויבן אַפֿן וואַסער. ער האָט זי שוין לאַנג ניט געזען אַזוי נאָענט, ווי הײַנט, חוה פּויזנער. און דאָס האַרץ זאָגט דערפֿאַר אַזוי, זאָגט און זאָגט, ווי צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען זי פֿלעגט אָפֿט בײַטאָג אַרויסקומען צו אים אַהער אינעם דאָזיקן וועלדל. איצט איז ער פֿאַר איר אַזאַ ווײַטער, ווײַטער. זי ענטפֿערט ניט אַף זײַנע

בריוו, ער ווייסט ניט, צי זי האָט אים איצט געזען אקעגן, אפן צווייטן ברעג טײַך, צי ניין.

נאָר אָט טיאָפּקען טריט הינטער אים אפן שטעגעלע. דאָס איז זי, חוה פּויזנער; דאָס זײַנען אירע טריט. זי קערט זיך אום דאָ ארום אהיים; זי וועט דאָ דורכגיין גאָר נאָענט. נאָר פאַרוואָס טופּעט זי אזוי שטארק מיט די פיס? צי וויל זי ניט, אז ער, פרעגער, זאָל זיך צו איר אומקוקן? ניין. זי זעט אים. זי טוט זיך אפילו קיין נייג ניט. א שפּאָטיק קנייטשעלע באַגראָבט זיך נאָר אין לינקען ווינקל לעבן אירע ליפּן, אירע היפּשע, כמעט בולטע אויגן טוען אף אים א קוק מיט ווונדער, גלײַך זיי וואָלטן ניט גלויבן, אז דאָס איז ער, ער לעבט נאָך? ער איז נאָך אלץ דאָ אין ראַקיטנע? און מער גאָרניט, גאָרניט. זי איז שוין פאַרבײַ, און קוקט זיך אפילו איין מאָל צוריק נישט אום. זי דערווײַטערט זיך און פאַרשווינדט. נאָר אָט... צי ווייסט זי, אז חייקע, חייקע די דינסט פון אײַנפאָר־הויז גייט ארום גאַנצע טעג אויסגעפּוצט, ווי א כלה, און אז אין אײַנפאָר־הויז טוט זי שוין גאָרנישט; זי האָט געהייסן איר בעל־הביתטע זיך צוזוכן וואָס גיכער אַן אנדער דינסט...

— — — — — — — — — — — — — — —

איז אָט פון יענעם שבת אָן האָט פרעגער באַמערקט, ווי חייקע די דינסט הייבט אָן ווערן צו אים אלץ מער און מער אָפּגעקילט. פרעגער האָט גענומען ארבעטן אף אלע כלים מיט אימפּעט און גרוים פּאָמפּע. ער האָט צוגעזאָגט חייקען, אז אף דער חתונה וועט ער אראָפּברענגען די בעריזשינעצער כלי־זמר. מען וועט גיין איבער דער שטאָט מיט א מארש. צו דער חופּה וועלן, אחוץ די פידלען, שפּילן צוויי קליינע טרויבעלעך, א פלייט, א קלאַרנעט מיט א טראָמבאָן; מען וועט קלאַפּן אין דער גרויסער פּויק; פאַר די כלי־זמר וועלן לויפן באָרוועסע ייִנגעלעך מיט שיקסעלעך, און זאַלקער דער אגענט וועט פון מיטן עולם צינדן פײַערווערק און וועט ווארפן אין דער לופט אזעלכע שוועבעלעך, וואָס ברענען לאַנג. חייקע מעג זיך שוין אף זאַלקערן פאַרלאָזן, ער קאָן קריגן אלץ. אָבער אויך דאָס האָט אף חייקען ווייניק געווירקט. זי איז שוין ווידער געווען אָנגעטאָן אין די צעריסענע שיך אף די באָרוועסע פיס און צוריק גע־ארבעט אין אײַנפאָר־הויז, ווי אַן אייזל. זי האָט מודה געווען פרעגערן, אז ער איז איר אײַנגעבאַקן אין הארצן. זי וועט אים אייביק ניט פאַר־געסן. נאָר וואָס זאָל זי טאָן, אז זי וועט זיך נאָכדעם באַווײַנען אף אירע יאָר.

— אלע לײַטישע מענטשן? אדרבא...

פּרעגער האָט געוואָלט וויסן בא חייקען, ווער זײַנען די לײַטישע מענטשן. נאָך זײַן מיינונג זײַנען אין ראַקיטנע בכלל קיין לײַטישע מענטשן נישטאָ. אדרבא, זאָל זיי חייקע אָנרופן בא די נעמען. נאָר חייקע איז שוין צוריק געגאַנגען אין די צעריסענע שיך אַף די באָרוועסע פיס און איז געווען עקשן, הווילער עקשן. זי האָט קיינעם ניט געוואָלט אָנרופן.

דערצו נאָך האָט דעמאָלט צו חייקען הינטערן אײַנפאָר־הויז אײַנפאָר־הויז אָלע פאַרנאַכט אָנגעהויבן קומען דער עלטערער משרת פון פּויזנערס קלייט, יוסף, אַ געזונטער פיר־און־צוואַנציק־יאָריקער בחור, אַ רירעוודיקער, מיט קרומלעכע אויגן און מיט נײַע גלאַנציקע שטיוול, וואָס האָבן געהאַט אויף אויבן ווײַסע, גענייטע שטעך. אַז פּרעגער האָט אים איינמאָל פאַר־נאַכט דאָרטן הינטערן אײַנפאָר־הויז געטראָפן וואַרטן און אים געפרעגט, וואָס טוט ער דאָ, האָט אים יוסל גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף אים אין אַלכסון מיט די קרומלעכע אויגן. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן אַ שטרוי און האָט גלײַך געגומען אָפּטרעטן. ער איז אַריבערגעקראָכן איבערן פּלויט פון עם נאָענטן פאַרוואַק־סענעם גױישן גאָרטן און איז דאָרטן פאַרשוווּנדן.

דעמאָלט איז פּרעגערן גלײַך אײַנגעפאַלן דער חשד:

— איז אָט, ווער די לײַטישע מענטשן זײַנען!...

ער האָט געפּאַקט צו זיך אַהיים דעם קליינעם לייזערן, דעם צוועלף־יאָריקן לעבעדיקן און תמיד שמייכלענדיקן פּעמפּיק, וואָס מ׳האָט צוגע־נומען פון דער תלמוד־תורה צו פּויזנערן אין קלייט און מען האָט אים דאָרטן אָנגעטאָן אַ פאַרטוך. אין די פרײַע בײַטאָגעדיקע שעהן איז אָט דער לייזער געשטאַנען אין פאַרטוך מיט אַרונטערגענומענע הענט אַף דער שוועל פון פּויזנערס גרויסער קלייט, געשטאַנען מיט דרך ארץ צום בעל־הבית, וואָס שרײַבט דעמאָלט איבער פון איין בוך אין צווייטן, און מיט אַ שמייכל צו אָלע דורכגייער, וואָס קאָנען אים, דעם פּעמפּיק, און וויסן, אַז ער איז אַ דורכגעטריבענער, אַ קלוגער.

פּרעגער האָט אָפּגעהאַלטן אָט דעם לייזערן בא זיך אין צימער אַ גאַנצן שבתדיקן בײַטאָג און איז בא אים געוואָר געוואָרן אַ סך וויכטיקע זאַכן:

חוה פּויזנער, איז ער געוואָר געוואָרן, האָט די לעצטע צײַט אָנגע־הויבן זיך זאָרגן פאַרן פאָטערס געזונט. זי איז אים מיטאָמאָל געוואָרן אַזוי געטרײַ, גלײַך מער האָט זי שוין קיינעם ניט אַף דער גאָרער וועלט. בײַטאָג, ווען ער לייגט זיך שלאָפן, קומט זי אים פאַרבײַטן אין קלייט

אַריַין. זי זיצט מיט אַ בוך לעבן דער קאַסע, זי קוקט אַריַין, נאָר לייענען לייענט זי קנאַפּ. זי פאַרטראַכט זיך. זי פאַרקוקט זיך אַזוי אַף יוסלען, דעם עלטערן משרת, און זאָגט, אַז ער איז אַ גאַנץ פיַינער בחור. אַ שיינער, זאָגט זי, איז ער, נאָר אַ נאַר, אַ גרויסער נאַר:

— פאַרוואָס, למשל, זאָל ער זיך ניט שדכענען צו חייקען פון איַינפאָר־הויז? פאַרוואָס זאָל ער ניט חתונה האָבן?

יוסל ווערט רויט, ווי אַן אינדיק, און ווייסט ניט וווּהין צו קוקן מיט די קרומלעכע אויגן. ער קוקט דערפאַר צו אים, לייזערן, וואָס שטייט אַף דער שוועל.

— דו! שריַיט ער צו אים, וואָס קרימסטו די אָפּצאָסן?

נאָר לייזער קרימט ניט די אָפּצאָסן; ער שטעלט נאָר אַרויס יוסלען די צונג. סוף־כל־סוף זאָגט יוסל אַרויס זיַין מיינונג:

— חייקע, זאָגט ער, איז אַ דינסט.

נאָר חוה פויזנער געפינט, אַז ס'איז ניט ריכטיק.

— אויף חייקען קאָן מען בשום אופן ניט זאָגן, אַז זי איז אַ דינסט. חייקע ציט זיך אויף בא איטע־לאהן אין איַינפאָר־הויז פון קינדוויַיז אָן. איטע־לאה איז אַ קראַנקע און האָט קיין קינדער ניט. איר מאַן, וואָס אין אַמעריקע, האָט זי שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן. ער האָט דאָרטן אַן אַנדער וויַיב. איטע־לאה אַליין זאָגט, אַז אויב חייקע וועט זיך האַלטן אין דער מעלה, אויב זי וועט חתונה האָבן פאַר אַ פיַינעם יונגנמאַן, וועט זי איר איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר לאָזן דעם איַינפאָר־הויז מיט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט...

אַך, איז אָט וואָס? אים, פרעגערן, רעכנט ניט חוה פויזנער פאַרן פיַינעם יונגנמאַן. זי האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן, חוה פויזנער, און שפּילט אַ ליבע מיט איר טאַטן, דעם רײַכן קרעמער. זי איז געוואָרן מיושבדיק, און בעסער, אַ סך בעסער, ווי זי איז געווען. זי טוט, זאָגט מען, אַ סך טובות אָרעמע ייִדן בא דעסלערן און פילט זיך פאַר אַלץ פאַרענטפערלעך; זי וויל פשוט אַ טובה טאָן חייקע דער דינסט און איר קלאָר מאַכן, אַז זי וועט זיך נאָכדעם באַוויינען, זי וועט אַריַינפאַלן אין שלעכטע הענט.

און אפשר... אפשר טוט עס שוין חוה פויזנער ניט גאָר פון הוילער גוטסקייט, אפשר פאַרדריסט זי נאָך אַביסל, וואָס חייקע וועט האָבן אים, פרעגערן?.. זי קען עס ניט איבערטראָגן... נאָר אויב אַזוי, טיַיטשט זיך עס גאָר אַנדערש. צי הייסט עס ניט, אַז ער, פרעגער, האָט נאָך אַ האָפע־נונג? אין איינעם אַ פאַרנאַכט קאָן חוה פויזנער שטילערהייט אַריַינקומען

צו אים, אָהער צו זײַנוול פּאָטשטער אין זײַן צימער, און זיך דאָ אַנטשולדיקן, ווי אַמאָל, זיך נעמען שלאָגן על־חטא...

אין יענעם שבתדיקן בײַטאָג דריקט פּרעגער אינטענסיווער, ווי אַלעמאָל, די פֿענסנע צו דער נאָז. ער דרייט זיך אַרום בא זיך אין צימער און טראַכט. סוף־כּל־סוף שרײַבט ער חוה פֿויזנער אַ בריוו:

— ער ווייסט פֿון אַ סך מעלות אירע. ניט לאַנג האָט ער געזען, ווי זי קאָן שווימען... נאָר פֿון איר לעצטער מעלה האָט ער ניט געוווּסט; ער האָט ניט געוווּסט, אַז זי קאָן קאַליע מאַכן שידוכים.

ער ווייסט, אַז אויך אָט דער בריוו זײַנער וועט בלײַבן אָן אַן ענטפֿער, נאָר ער וואַרפֿט אים דאָך אַרײַן אין פּאָסט־קאַסטן. ער דערוואַרט זיך קוים ביז פֿאַרנאַכט און גייט אַוועק צו חייקען הינטערן אײַנפֿאָר־הויז.

— נו, וואָס הערט זיך? חייקע האָט זיך שוין באַטראַכט? זי האָט זיך אַרויסגעשלאָגן דאָס משוגעת פֿון קאָפּ? וואָס, ניין? זי איז נאָך אַלץ עקשן? זי אַרבעט נאָך אַלץ אין אײַנפֿאָר־הויז, ווי אַן אייזל? פֿאַרוואָס זשע שווײַגט זי? פֿאַרוואָס זאָל זי ניט זאָגן קלאָר און אָפֿן, אַז ער, פּרעגער, געפֿעלט איר מער ניט? פֿריער איז ער איר געפֿעלן, און איצטער ניט. נאָר אויב אַזוי, איז נאָך אפֿשר ניט אַלץ פֿאַרפֿאַלן. ער קאָן אָפּ זיך נעמען ווערן לײַטישער. ער וועט זיך דאָ אין ראַקיטנע מער ניט מיט קיינעם נישט קריגן. ער האָט ניט קיין עלטערן, ער האָט נאָר אַ שטיף־מאַמע ערגעץ אויף דער וועלט, וועט ער איר אָנשרײַבן, זי זאָל קומען, זאָל זי פֿירן צו דער חופּה. זאָל מען וויסן, אַז אויך ער שטאַמט ניט ערגעץ פֿון הינטער אַ פּלויט... נאָר פֿאַרוואָס שטייען בא חייקען טרערן אין די אויגן? זי קאָן ניט לײַדן, ווי ער רעדט? וועט ער מער ניט ריידן, ער בעט נאָר, זי זאָל אים איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל ענטפֿערן: יאָ אָדער ניין. נאָר חייקע וויל געבן דעם ענטפֿער ערשט דינסטיק נאָכן יריד... איז מילא, וועט ער וואַרטן, וועט ער וואַרטן ביז דינסטיק נאָכן יריד.

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אויף דער אַלטער שטאָט און האָט באַנײַס גענומען אַרומשפּאַצירן בא זיך אין צימער, באַנײַס אַ קאָן גע־דריקט מיט די מיטלסטע פֿינגער די פֿענסנע צו דער נאָז:

— ווי אַזוי דאַרף מען אויסטײַטשן חייקעס וואַרטן ביז נאָכן יריד? צי הייסט עס ניט, אַז זי האָפֿט פֿאַר אָט דער צײַט זיך נאָכאַמאָל זען מיט חוה פֿויזנער און נאָכאַמאָל פֿרעגן בא איר אַן עצה? נאָר אויב אַזוי, וועט איר חייקע דערציילן אַלץ, וואָס ער, פּרעגער, האָט איר הײַנט גע־זאָגט, אפֿילו די מעשה מיט זײַן שטיפֿמאַמע וועט זי איר דערציילן; דערנאָך איז זי חייקע...

באַ פֿרעגערן קלאַפּט פֿון גרויס אויפֿרעגונג אין האַרץ. ער וואַרט, ער לעבט אין האַלב־שיכּורן טשאַד. די קלאָרע היים־זומערדיקע טעג זײַנען איצט זײַנע אייגענע; זייער נאָמען איז — חוה פֿויזנער. זיי זײַנען העל־בלוי און פֿול מיט איר געדעכעניש. סוף־כּל־סוף דערוואַרט ער זיך:

אין איינעם אַ בײַטאָג ברענגט מען אים אַרײַן אַ קליין בריוועלע פֿון פּאָסט און מען בריט אים אָפּ; דאָס בריוועלע שמעקט מיט חוה פֿויזנערס האַנטשריפֿט און באַשטייט סך הכּל פֿון צוויי ווערטער:

— „עטאָ ראַזוואַט” *)

אַ־! איז אָט וואָס: חוה פֿויזנער נעמט אָן אַף איר אייגענעם חשבון אַלע גוטע ווערטער, וואָס אַ פֿײַנער מאַנסביל זאָגט חייקע דער דינסט, ווען קיינער הערט ניט, הינטערן אײַנפֿאָר־הויז. חוה פֿויזנער ווייסט, אַז זי איז מיידל נומער איינס. זאָל מען אַ קוק טאָן באַ איר אין צימער אַף איר ווײַסן בעט און אַף אַלע קלייניקייטן אַרום, וועט מען גלײַך מודה זײַן, אַז די פֿרוי, דאָס איז זי, חוה פֿויזנער; אַלע איבעריקע זײַנען נאָכגעמאַכטע, פֿאַלשע אַסיגנאַציעס. נאָר אויב אַזוי, איז גוט. זײַן פֿאַרבינדונג מיט חוה פֿויזנער איז נאָך אַלץ ניט איבערגעריסן. הוראַ! זאָל לעבן די פֿאַרבינדונג מיט חוה פֿויזנער אַפֿילו דאַן, ווען ציען צײט זי זיך ניט מער, ווי דורך איין חייקען דער דינסט.

זונטיק יריד. אַרום צוויי אַזייגער בײַטאָג, ווען אַף דער אַלטער שטאָט אַרום זײַנוול פּאָטשטערס אכסניהדיק לאַנגן הויז האָט זיך גענומען שטאַרקן מיטן קלונג פֿון די לאַנגע שטאָלענע שנײַד־מעסערס, וואָס מען פֿאַרקויפֿט דאָ ניט ווײַט לעבן דער שטוב, דאָס פֿרײלעכע הירזשען פֿון די פֿערד, האָט מען באַ פֿרעגערן אין צימער זיך געזעצט צום מיטלסטן פֿאַרשפּרייטן טישל.

זײַנוול פּאָטשטער האָט געהאַט געלע קאָרענע „סטאַרקע” פֿאַרפּראַוועט מיט מאַראַנץ־שאָלעכץ און מיט וואָרצלען. ווען זאַלקער מיט פֿרעגערן האָבן אויסגעטרונקען פֿון אָט דער „סטאַרקע” די ערשטע צוויי קעלישיקלעך, האָבן זיי גלײַך אַ קוק געטאָן איינער דעם צווייטן אין פּנים אַרײַן און האָבן ביידע מודה געווען, אַז דער שנאַפּס איז אַ גלאַטער, ווי אַ בוימל. אין מויל פֿילט מען אים, ווי געוויינלעכע לעבלעכע וואַסער, נאָר אַז ער קומט אַראָפּ אינעווייניק, טוט ער גלײַך אַ בריי; ער צינדט אָן.

— איז וואָס זשע קלערט איר?

— איבערחזרן? אַ?

*) דאָס איז העפּקיירעס.

— אוודאי.

מען האָט פאַרביסן מיט קאַלטע זויערע אוגערקעס, געביסן זיי גאַנ־צערהייט אַזוי, אַז די זאַפט איז גערונען איבער די פריש־געגאָלטע אונטערמײַלער, און האָט געגעסן און האָט געקילט. מען איז געווען רויִק. נאָר נאָכן פּערטן גלעזל האָט דאָך אַ מאָדנע פרייד אַ ברויז געטאָן איבערן גאַנצן קערפּער און געגעבן אַ שלאָג גלײַך אין קאָפּ אַרײַן. ס'האָט זיך מיטאַמאָל פאַרשטאַרקט דער קלאַנג פון די שנײַד־מערעס, דאָס הירזשען פון די פערד; די גויעס מיט די גויים האָבן אָנגעהויבן ריידן העכער, דרייסטער, און דער גאַנצער פרייִלעכער יאַר־יריד, דער טומל איצט מיטן הייסן העלן זומערטאָג האָט מיטאַמאָל געגעבן אַ טרעט צו צו דער שטוב מיט די אָפענע פענצטער און האָט זי אַרומגענומען. אַלץ איז געוואָרן נאָענט, מיט די הענט צו דערלאַנגען, און אפילו זי, חוה פּויזנער. פרעגער האָט זי דערפילט אַזוי נאָענט, גלײַך זי שפּרײַזט אַרום לעבן זײַן צימער אונטער דער שטוב. און אין האַרצן האָט געגעבן אַ כוואַליע פון נײַער יונגער פרייד:

— וואַרט! ווּ זשע איז נאָך עולם?

— ווּ איז דער גלגול?

— ווער? דער וואָס מאַכט צורעכט קאַטערינקעס?

— זײַגוול! ברענגט אים אַהער!

ער האָט ווירקלעך איצט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ גלגול, אָט דער, וואָס מאַכט צורעכט האַרמאָניעס. ער איז אַרײַנגעקומען אַהער אין צימער מיט אַ גרויסער האַרמאָניע אונטער דער האַנט. אַז מען האָט אים דאָ געבעטן זיצן, האָט ער זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן נישט אַפן גאַנצן בענקל, נאָר אַף אַ שפּיץ. מיט זײַנע דאַרע לאַנגע פינגער האָט ער אַ טאַפּ געטאָן דעם עק פון די אײנציקע שיטערע האָר, וואָס שטעקן אונטער זײַן מויל און זײַנען בא אים, אַפּנים, שטאַרק טײַער. דערבײַ האָבן זײַנע שטומע אויגן קוים קוים אונטערגעשמייכלט און געקוקט אַזוי מאָדנע, גלײַך ער גלויבט ניט, אַז אים האָט מען טאַקע באמת אַהער גערופן; בא אים איז רעכט, אַז אין אַ רגע אַרום זאָל מען אים הייסן נעמען דעם וועג.

— פון וואַנען זײַט איר, פעטער?

— פון אומעטום.

— און מעד טרינקט איר?

— כע... כע...

— טאָ גיסט אים אָן, זאַלקער; ער וועט אונדז שפּילן.

— היידא, פאַני!

דער גלגול האָט זיך פֿאַרדרייטלט באַלד נאָכן צווייטן גלעזל און האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿוס איבער אַ פֿוס: אָנגעשפּאַרט אָן שפּיציקער קני די גרויסע האַרמאָניע, וואָס איז באַשלאָגן מיט פֿיל ציכטיק־אויסגעריבענע מעשענע טשוועקלעך, און זיך גידעריק, גידעריק איבער איר איבערגעבויגן. ער האָט זי געגעבן אַ שלעפּ פֿאַר די אויערן און גלײַכצײַטיק אַ דריי מיטן קאָפּ אין ביידע זײַטן, גלײַך ער ווייסט נאָך ניט, מיט וואָסער אָן אויער זאָל ער זיך אָנהייבן צוהערן: מיטן רעכטן, צי מיטן לינקן. און מיט אַמאָל איז דאָס חדר פֿול געוואָרן מיט אומרויִקע קלאַנגען, וואָס פֿאַרלויפֿן טאַנצנדיק איינער פֿאַרן צווייטן, שטעלן זיך הינטערפֿיסלעך און קוליען זיך, קוליען זיך, ווי די קליינע פֿריילעך שפּעטנדיקע קאָמעדיאַנטלעך.

— וואָס שפּילט איר? שאָפּענען, פּעטער?

— יעס, יעס. ס׳טרעפֿט צווישן איין יריד און צווייטן, כע... כע... מען מוז גיין איבער די דערפֿער, מען שפּילט אין די פּריצישע הויפֿן...

און ווידער קלאַנגען, קלאַנגען. ער האָט געאָטעמט שווער, ניט ווינציקער, ווי דער היפּשער פֿיל־געקנייטשטער אינסטרומענט. ער האָט געקײַכט און געפּאָנפּעט אינאיינעם מיט די קלאַנגען. און אַלע זײַנען געווען נתפּעל. קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי אין טיר האָט זיך צוויי מאָל באַוויזן שאולקע שנײַדער, איינמאָל אַ פֿאַרוווּנדערטער, מיט אויגן, וואָס גאַפֿן און גלויבן ניט, אַז דאָס, וואָס זיי זעען, קומט ווירקלעך פֿאָר. און דאָס צווייטע מאָל אַן אונטערטעניקער און נישטיקער, מיט מתנות אין די פֿול־געשטאָפּטע טאַשן, מיט אַ מינע פֿון אַ געכאַפּטן גנב, וואָס חנפֿעט זיך און וויל, מען זאָל אים באַוויליקן, פֿאַרגעסן זײַן שולד.

— הערט זשע אויס, פּאַני זאַלקער!

דאָס שפּילן האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן.

— אַוועק פֿון די אויגן, ממזר!

— גוט, וועל איך נאָר אַנידערשטעלן אַפֿן טיש אָט דאָס אָ.

און ער האָט, ווי אַ קונצנמאַכער, גענומען שלעפּן פֿון אַלע טאַשן פֿאַרחתמעטע פֿלעשלעך פֿון פֿאַרשיידענער גרייס. אין יעדערן פֿון די פֿלעשלעך האָט זיך געבויטעט אַ שווער געטראַנק. ס׳אַרא טיפֿע טאַשן אָט דער שאולקע שנײַדער האָט געהאַט! אויפֿן טיש זײַנען שוין געשטאַנען בײַ אַ האַלב טוץ פֿולע פֿלעשלעך, און די טאַשן זײַנען נאָך אַלץ ניט געווען אויסגעליידיקט. דאָס האָט ער, אַפּנים, געוואָלט זיך פֿאַרגיטיקן.

— פּאַני פּרעגער, האָט ער זיך בײַם פֿאַרשוויצטן פֿאַרוואָלטער געבעטן, זאָגט אים איר, איך בעט אײַך, וואָס האָט ער פֿאַראיבל?

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אים איז עפּעס איינגעפאַלן:

— אַט זאָל ער זאָגן איין וואָרט, האָט ער אַ ווונק געטאָן אויף זאַל־קערן, זאָל ער נאָר אַ פּיפּס טאָן, ברענג איך אים באַלד ט׳אהער די שוואַר־צע. ווי איך בין אַ ייִד, כ׳ברענג זי אים ט׳אהער... נו? וואָס? זאָל איך גיין?.

פּלוצים האָט זיך אין צימער מיט אַן אומרויִקן פּנים באַוויזן דער לאַנגער זיינוויל און האָט מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן אַזאַ צייכן, גלייך ס׳איז עפּעס געשען.

— וואָס איז?

ס׳איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. זאַלקער האָט באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן אַ פּאָר פּלעשלעך פונעם טישל און זיי אַראָפּשטעלן אונטערן בענקל. אַלע־מענס אויגן האָבן זיך אָנגעקלעפּט אָן דער טיר, און אויף דער שוועל הינטער דעם הויכן זיינוולס פּלייצעס איז שוין געשטאַנען אַ העל־בערדל־דיקער יונגערמאַן אין אַ גרוי יעגער־רעקל מיט טונקעלע בלישטשנדיק פאַרוואונדערטע אויגן. די אויגן האָבן געשמייכלט צוזאַמען מיטן בלאַסן פּנים און באַוואונדערט, אַפּנים, דאָס בילד. דאָס איז געווען דער יונגערמאַן, וואָס וווינט ביי יצחק־בערן אין וואַלד און וואָס אין שטאָט רופט מען אים חיים־משה, מלכס חבר חיים־משה. ער האָט געפרעגט אויף זאַלקערן דעם אַגענט, ער האָט געוואָלט מיט אים זיך דורכריידן וועגן דעם קונה אויפן אינווענטאַר און אויף די מעדיקאַמענטן, וואָס ביי מלכן אין מאַגאַזין.

XVII

אויפן יריד לעבן טומלדיקן פערדישן מאַרק, ניט וויַיט פון גוייִשן צווינטער, ווו חיים־משה מיט חנהקען האָבן זיך פריער אַ ביסל באַגעגנט, איז געווען אוממעגלעך איינצושטיין; מען האָט געשטויסן פון אַלע זייַטן. חיים־משה האָט אָפּגעפירט חנהקען אַביסל אָן אַ זייַט און זיך אָפּגעשטעלט מיט איר ריידן:

— נו?

און פּלוצים דערזען עפּעס אין אירע בלווילעבע פאַרשמאַכטע אויגן; פּלוצים באַנומען מיט ברוסט און האַרץ די אויפגעציטערטע אומרויִקייט,

וואָס זיי באַהאַלטן אוים אין זייער שטומער טיף, בשעת זיי האַלטן צו אים אַזוי אין איין שטומען אַרויפקוקן:

— וואָס קומט פּאַר? חנהקע...

און נאָך:

— איר זײַט צוויי מאָל געווען אין וואַלד?

נאָר ווידער קיין ענטפער ניט באַקומען, אַחוץ דעם שטומען אונ־טערטעניקן קוקן.

— וואַרט.

פון הינטן איז באַנײַם אָנגעפאָרן אַ פור מיט אַ סך אונטערגעבונדענע פערד, האָט ער חנהקען נאָך טיפער אָן אַ זײַט אָפּגעפירט, ער האָט זי גענומען אונטער דער האַנט, האָט זי אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפער און האָט אויפגעוואַכט:

— ווו איז מאָטיק?

— אָט איז ער.

מאָטיקן האָט מען דאָ אויפן אָרט געמוזט קויפן אַ קײַלעכיקן היל־צערנעם לעפל, אַ רויטיק גלאַנציקן, מיט גאָלד געקעסטעלטן, איינעם פון די פיל לעפל, וואָס אַ באָרוועסער, פאַרשוואַרצטער גוי האָט געהאַלטן לעבן זיך צעשאָטן אויף דער ערד אויף אַ זאַק. דערנאָך האָט מאָטיק זיך ווידעראַמאָל צעוויינט אויף אַ קול, ער האָט דערזען טראָכימען, זייער פורמאַן, וואָס קערט זיך אום מיט אַ נאָס אָפּגעוואַשענער געלער בריטשקע און מיט אָפּגעבאָדענע פערד ערגעץ פון אַרויס שטאָט, פונעם טײַך. מאָ־טיקן האָט מען געמוזט אָפּשיקן מיט טראָכימען אַהיים, און אַליין זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען ווײַטער, מיט אַ נײַעם זײַטיקן מאַרק. לעמער האָבן דאָרטן אויף דער הייסער זון געמעקעט געבונדענערהייט, בעת מען האָט זיך אויף זיי אָנגעלעגט און געשוירן זייער וואָל. פון ערגעץ ווײַטער האָבן חזירים געגרילצט מיט אַזעלכע קולות, גלײַך מען איז זיי דורס, מען קײַלט זיי אויפן אָרט. און אַקעגן איז שוין מער קיין יריד ניט געווען; אַקעגן האָבן פרײַע גרויע פעלדער אַרויסגעפירט זייערע ברייטע שטויביקע וועגן ווײַט אין וועלט אַרײַן, און אַ פור, אַ זוניק פריילעכע, אַ וואָגלענדיקע און צעבײַטשלטע, האָט שוין אויף איינעם פון אָט־די וועגן געהאַט געטראָגן איר שמײַדיקן אַוועקלויף. די ערשטע פור, וואָס ווידערשפעניקט און אַנטלויפט פון ירידעוודיקער שטאָט און פון סאַמע טומלדיקן מיטן פון הייסן ברענענדיקן בײַטאָג.

— און מיר, ווי אַט־די פור...

חנהקע האָט ווידעראַמאָל, ווי אין ציטער, אויפגעוואַכט. ווער האָט עס געקאָנט זאָגן אָט די ווערטער: חיים־משה? נאָר אפשר האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, אַז זי הערט זיי. יעדנפאַלס האָט חיים־משה איצט ניט געהאַט קיין אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָרוואָס עפּעס געזאָגט, ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט, שטאַרק פאַרטראַכט.

זיי זײַנען געגאַנגען מיט אַ גרויליקן שמיטהדיקן הפקר־פעלד, געגאַנגען גלאַט אַזוי, אָן אַ ציל. און נאָכדעם זײַנען זיי מיט אָט דעם פעלד צוגעקומען ביז אַ גרין צעשאָקלטער זאַנגענבייט און ביז דעם שטילן באַהאַלטענעם וועג, וואָס צווישן אָט די זאַנגען, אַ שמאָלן וועג, וואָס פירט צו אַ ווײַטן עק וואַלד אָקעגן, צו יענעם ווײַטן עק וואַלד, וואָס מען האָט אים שוין צוריק מיט אַ יאָר אַכט אינגאַנצן אויסגעהאַקט און איצט איז דאָרט זוניק, יונגע ביימלעך איבער גאָרן וואַלד צעשפּרייט, און פאַרהאַקטער טויער היט זיי דאָרטן, און קיינער, קיינער דאַרף אַהין נישט פאָרן.

זײַ האָבן אָפּגערוט. זיי זײַנען געזעסן אויפן פריש־באַגרינטן הויכן גראָבן לעבן אָט דעם יונגן וועלדל און געהערט, ווי קריכוואָרג גרילצט אינעם גראָז.

— חיים־משה...

און מער האָט זי ניט געקאָנט ריידן. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, מיט גוטן אַזוי האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן. נאָר בשעת זי האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע אויגן, וואָס באַהאַלטן עפּעס אויס ערגעץ אין דער טיף פון זייערע קלוגע גוטמוטיקע פֿײַערלעך, האָט זיך איר פּלוצים געגומען דאַכטן, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי וויל אים זאָגן, ווייסט ער שוין פון לאַנג. זי איז שוין איינמאָל געזעסן דאָ מיט אים אויפן גראָבן, זי האָט אים שוין איינמאָל געזאָגט. נאָר אויב אַזוי, וועט זי אים זאָגן נאָר איין וואָרט:

— איר איז גוט... פון אַלץ איז איר איצט אין אָט דער רגע גוט, אפילו פון דעם, וואָס מאָטיק האָט קיין מאַמע ניט... ווי מאָדנע דאָס איז!.. זי האָט אים נאָר געוואָלט זאָגן, אַז זי פאָדערט פון אים גאָרניט. זי וויינט... ניין, ס׳איז גאָרנישט... ס׳איז גאָרנישט אָט דאָס, וואָס זי וויינט. זי האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן מלכן... נאָר אָט...

זי האָט געטראָגן אַ ים מיט פרייד אונטער דער ברוסט און אין די אויגן.

דעם גאַנצן וועג, וואָס חיים־משה האָט זי באַגלייט צוריק אַהיים, האָט זי ניט געקאָנט ריידן. זי האָט ניט געפרעגט, ווען זי וועט זיך נאָכאַמאָל זען מיט חיים־משהן. דער עיקר איז געווען, וואָס חוץ קליינעם מאַטיקן איז איר איצט אינגאַנצן היימיש זומער צוגעקומען אַ נײַ און גרויס לעבן. איר איז, אָפּנים, געווען גוט, שטאַרק גוט.

אַז חיים־משה האָט זיך נאָכדעם אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַרײַן, האָט ער זי געדענקט אינאיינעם מיט אָט דעם נײַעם צוגעקומענעם לעבן אירן, זי געדענקט נאָכדעם, ווען ער איז שוין נאָכאַמאָל געווען אויף דער אַלטער שטאָט און האָט אָפּגעזוכט זאַלקערן דעם אַגענט בײַ פרעגערן אין צימער; וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען ער קערט זיך איצט אום צו חנהקען אַהיים און זאָגט איר דאָרטן אויס אַלץ און הייבט אָן ריידן מיט איר אָפן, ווי מיט מלכן? וואָס וואָלט געווען, ווען דאָרטן, בײַ עוזר ליובערן אין הויז, טוט פּלוצים אַ קלונג דאָס פּאַראַד־גלעקל, און חנהקע דערזעט, אַז אַרײַנגעקומען איז נאָכאַמאָל ער, חיים־משה? נאָר אַליין איז ער שוין געשטאַנען אויף דער אַלטער שטאָט, אין נידעריק געבויטן אַכסניה־הויז אויף דער שוועל פון פרעגער דעם פּאַרוואַלטערס שיכור ווערנדיקן צימער און האָט געזען פאַר זיך לײדיקע און פולע פלעשלעך פון פאַרשיידענער גרייס. פלעשער־העלדזלעך שטעקן דאָ און דאָרטן אָן אַ סדר, ווי אין אַ טומלדיקן ווײַנשענק, און צווישן זיי שאָקלען זיך די פאַרדרויטלטע און בלאַסע פּנימער פון די, וואָס טרינקען. איינער האַלט אַ גרויסע האַרמאָניע אויפן שויס, אַ צווייטער, אַ רירעוודיק פּעסטער מיט ענגע לאַקירענע שטיוול, שרײַט אָן אויפן לאַנגן, דעם שנײַדער־יונג, וואָס שטייט מיט שולדיקע פּלוידער־אויגן בײַ דער טיר; ער קלאַפּט מיטן צעבליופּעטן קעלישיק אָן טיש:

— איז געגאַנגען און געבראַכט זי די מינוט! דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר, הונט איינער?

און יענער קראַצט זיך פויל אין נאַקן און פאַרשווינדט.

חיים־משה האָט געפרעגט:

—און וווּ איז דאָ זאַלקער? זאַלקער פון בעריזשינעץ?

האָט זיך פון בענקל אויפגעהויבן דערזעלבער קליינינקער מיט די ענגע לאַקירענע שטיוול, וואָס האָט נאָר־וואָס געקלאַפּט מיטן קעלישיק אָן טיש.

— איך. וועגן אינוועטאַר מיט די מעדיקאַמענטן אפשר?

— יאָ, יאָ.

— איז אַט פרעגער: דאָס מעקלעריַי אויף שנאַפּס, ווי איך בין אַ ייִד, ביז איין פּרוטה. שרעקט זיך ניט, פּאַני, זיצט... מיר זיַינען מענטשן, פּשוטע. איר וועט פּאַרזוכן אַ קאַפּעלע?

און מען האָט אים גלײַך אָנגעגאָסן עמעצענס אַ קעלישיק, וועלכן מען האָט פריער אַפילו ניט אויסגעשווענקט און זיך גענומען קלאַפּן מיט אים אין גלעזל.

— לחיים!

— פאַר איַיער געזונט.

— זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער פּיַינע און לײַטישע בעלי־בתים.

— טרינקט!

דער גלגול מיט דער צעפּלעטשטער נאָז האָט גלײַך באַמערקט, אַז דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרן ניט צו אים. ער האָט שטיל געגעבן אַ הוסט, אַ טאַפּ געטאָן מיט די לאַנגע פינגער די שיטערע האָר אונטערן מויל און האָט זיך אָפּגערוקט מיטן בענקל אַ ביסל וויַיטער פון טיש. ער האָט דערפילט, אַז ער גייט אָפּ אויפן צווייטן פּלאַן. פּלוצים האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַלע טענער פון דער האַרמאָניעס געעפנטע קלאַווישן און האָט זיך אָפּגעהאַקט. דאָס האָט ער אַרויסגעלאָזן פונעם אינסטרומענט די לופט און איז אַזוי געבליבן זיצן.

— איר זיַיט דאָך עפּעס אַ רעוואָלוציאָנער, אַ?

— אַ רעוואָלוציאָנער?

חיַים־משה האָט געמוזט אָפּטרינקען פון גלעזל; ער האָט זיך אומגעקוקט אויף פרעגערן.

— ניין. ער ווייסט ניט. אפשר אַמאָל געווען...

— וואָס זשע? איר שעמט זיך, פּאַני?

דאָס האָט זאַלקער אויסגעצויגן די פיס מיט די ענגע לאַקירענע שטיוול אונטערן טישל, זיי אויסגעצויגן אינגאַנצן אויף זייער גאַרער לענג און זיך ברייט פונאַנדערגעוואָרפן אויפן אָנלען פון בענקל.

— כע, כע!

— ביַי אים, זאַלקערן, איז אויך פאַראַן אַ ייִנגערער בראַטאַק, אַ רעוואָלוציאָנער. דרייט זיך אַרום די גאַנצע ציַיט ערגעץ צווישן בערסאָן און

ניקאָלאַיעוו. אַ כוואַט אַ בחור. באַגעגנט ער זיך מיט אים איינמאָל אין אָדעס, מיט אָט דעם בראַטאָק זײַנעם. פּשוט אויף דער גאַס באַגעגנט ער אים און זאָגט צו אים אַזוי:

— וואָס זשע הערט זיך עפּעס, יונה? זאָגט ער צו אים.

— וואָס זאָל זיך הערן, ענטפערט יונה, ס'וועט זײַן גוט.

— ניין, ניט דאָס מיין איך, זאָגט ער צו יונהן, ס'איז דאָך שוין אַ פּאָר יאָר אינגאַנצן שטיל בײַ אײַך.

— האָב קיין יסורים ניט, ענטפערט יונה.

— טאָ זע זשע, זאָגט ער צו יונה'ן, זע זשע, ס'זאָל די גבירים נאָכאַמאָל אַ קיל טאָן אין פּופּיק. כע־כע־כע!

ער האָט זיך ווידער צעלייגט אויפן בענקל, אַזוי אַז זײַנע פיס אונטערן טיש האָבן זיך געגעבן אַ הייב־אויף אין דער לופט, און האָט זיך פריילעך פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול. נאָר פרעגער האָט שוין אפילו ניט געפילט די פּאָר פליגן, וואָס בײַ אים אויפן גלאַנציקן פליך און אויפן הויכע שטערן. ער איז געווען ערנסט:

— וואַרט...

די אויגן זײַנען בײַ אים געווען אָנגעגאָסן, די צונג אַ ביסל געלעגערט, נאָר דער מוח האָט שנעל געאַרבעט. ער האָט געוואָלט ריידן... דריקן די פענסנע צו דער נאָז און ריידן.

— ער וויל, ראשית־כל, טרינקען לחיים פאַר חיים־משהן. ער גלויבט ניט קיין געלערנטע, זיי טראָגן צוויי פּאָר ברילן דעמאָלט, ווען זיי קאָנען זיך באַגיין מיט איין פּאָר; זיי זײַנען מטהר אַ שרץ מיט ק"ן טעמים. נאָר אַ שרץ בלײַבט אַ שרץ. חיים־משה, אָבער, טראָגט בכלל ניט קיין ברילן; ער, פרעגער, האָט עס שוין איינמאָל געזאָגט בײַ בראָמבערגן אין הויז. אַזוי דאַכט זיך אים. און דערפאַר וויל ער אויסטרינקען פאַר אים. לחיים! מלך איז אויך געווען אַזעלכער. ער האָט זיך געפירט גלײַך מיט אַלעמען. צוליב שלום, מסתמא. ווען ער, פרעגער, איז נאָכגעגאַנגען נאָך מלכס לויה, האָט ער אַ טראַכט געגעבן: געשיקט זיך, אַז אָט דער מענטש האָט קיינמאָל אין זײַן לעבן קיינעם ניט געוואָלט אָנשפּײַען אין פּנים אַרײַן? נאָר אויב יאָ, איז ער, פרעגער, ניט מחויב זיך פאַר אים צו שפּײַען. איז אַקעגן וואָס זשע זאָגט ער עס?... אַקעגן דעם, וואָס ער, פרעגער, האַלט ניט פון שלום; ער איז איין צד, און גאַנץ ראַקיטנע אַ צווייטער צד. אָט זאָל זאָגן זאַלקער. ער, פרעגער, איז אַ רעוואָלוציאָנער, כאָטש ער האַלט אַ ביסל פון פאַלעס־

טינע. ניט דערפֿאַר, וואָס ער איז, חלילה, אַ ציוניסט, נאָר פּשוט, ווײַל אין פּאַלעסטינע, גלויבט ער, קאָנען ניט אויסוואַקסן אַזעלכע טאַטעס, ווי עזריאל פּויזנער. דאָס איז אַ ײַדענער קרעמער. און ער, פּרעגער, זאָגט: דאַלאָי דאָס ײַדנס פֿון די קרעמער! נאָר עזריאל פּויזנער וויל ניט אַראָפּ־ציען פֿון זיך דאָס ײַדנס און פּראָוועט אַלע פּרײַטיק צונאַכטס טישן. ער פֿאַרבעט איינמאָל אים, פּרעגערן, צו אַ דעם טיש און בעט אים דאָרטן זייער איידל, ער זאָל אויפֿהערן זיך באַגעגענען מיט זײַן טאָכטער. מחמת, זאָגט ער, זי איז נאָך אַ יונג קינד, און איר אַנטווישט זי אין אייניקע אידעאַלן. אין וועלכע אידעאַלן?! אַזוי שרײַט ער דאָן אויס צו עזריאל פּויזנער, איר האָט איר דען עפּעס געגעבן, אַחוץ קנאַבל און ברויט?

— מאָלאָדיעץ! אָט אַזוי, האָט פֿריילעך איבערגעשלאָגן זאַלקער. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון האַלבן דרימל, אַ צי געטאָן פּרעגערן פֿאַרן אַרבל און גענומען קלאַפּן זיך מיט אים אין די גלעזלעך:

— אין פּאָמיליצע אים, דעם ממזר!

ער האָט זיך געוואָלט קושן.

נאָר פּרעגער האָט זיך צו אים ניט אומגעקוקט. ער האָט זיך אין דער צעכראַסטעטער בלוזע אויפֿגעהויבן פֿון בענקל און ער האָט אויסגעלאָזן:

— דערום זאָג איך: לחיים! זאָלן ברענען אַלע ײַדענע קרעמער!... זאָלן... נאָר פֿאַרוואָס וויל שוין אַוועקגיין חיים־משה?... פֿאַרוואָס אײַלט ער אַזוי?... וואָס זשע, זײַנע שיפֿן אויפֿן ים וועלן אונטערגיין?

— אַך יאָ, חיים־משה געפֿינט, אַז אין אַ געוויסער מאָס איז פּרעגער טאַקע גערעכט, זײַנע שיפֿן אויפֿן ים וועלן ניט אונטערגיין...

ער קאָן דאָ נאָך אַ ביסל זיצן. ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אַז מלך וואָלט מיט פּרעגערן געווים ניט מסכים געווען. מלך וואָלט געזאָגט: מען דאַרף אַראָפּציען פֿונעם ײַדנס דעם קרעמער. נאָר דאָס זײַנען קלייני־קייטן... דער עיקר איז, וואָס דאָ אין צימער איז הייס, שטאַרק הייס, אַ הויכע אַטמאָספֿער... זי ווירקט. זאָל אים, חיים־משהן, ערלויבט זײַן, זיך נאָר איבערצווזעצן אַהין, נעענטער צום אָפֿענעם פֿענצטער, ער האָט אויך אייניקע טענות קעגן ראַקיטנע, אויך ער איז ניט מיט אַלץ צופֿרידן. ווי שטאַרק הערט זיך אַהער פֿון אַלע זײַטן דאָס ווימעלען פֿונעם יריד! אָט למשל: ווען ער מיט פּרעגערן לייגן זיך אַנידער אין איינעם אַ פֿרימאָרגן און שטאַרבן אַוועק, וואָלט מען זיי דאָ געלייגט אין עק בית־עולם בײַם פּאַרקן. אין ראַקיטנע האָט מען אַזאַ טבע: מען לייגט יונגעלײַט אין עק

בית־עולם בײַם פּאַרקן. פּאַרוואָס, למשל, האָט מען דאָרטן געלייגט מלכן? ער, חיים־משה, הייבט עס ניט אָן צו פאַרשטיין. ער פרעגט זיך נאָך, נאָר דעם אמת קאָן ער בײַ קיינעם ניט דערגיין... און מעגלעך, פונדעסטוועגן... מעגלעך, אַז פון ראַקיטנע זאָל בלײַבן ניט מער, ווי דער בית־עולם, און אויפן בית־עולם איז מלך דער עיקר. ער וואָלט דאָרטן באַדאַרפט פאַר־נעמען דעם אויבנאָן, דעם ערשטן פּלאַץ. איז אַט: לחיים!... זאָל פרעגער מוחל זײַן, וואָס ער האָט זיך אַ ביסל פאַררעדט אין אַ זײַט... ער האָט לחלוטין ניט געמיינט מיט דעם, ווי פרעגער זאָגט, זיך אָנטאָן אין ברילן, ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן זײַנעם אַ באַקאַנטן היסטאָריקער, וואָס איז איינמאָל אַרויפגעקומען אויף אַ בית־עולם און האָט זיך דאָרטן געזעצט שרײַבן די געשיכטע פון דער נאָענטער שטאָט. פאַר געשיכטע, מוז ער צוגעבן זײַנען שטענדיק די טויטע לעבעדיק און די לעבעדיקע — טויט. נאָר אייגנטלעך האָט ער, חיים־משה, איצט געוואָלט עפּעס פרעגן בײַ אים, פרעגערן. ער האָט געוואָלט וויסן, ווער איז אַזוינס אָט די חוה פויזנער, וואָס גאַנץ ראַקיטנע האָט זי אין מויל? אים אינטערעסירט עס איבער געווייסע טעמים.

— ווער? חוה פויזנער? פרעגער קאָן עס אים זאָגן מיט גרויס פאַר־גענינגן. דאָס איז אַ מענטש, וואָס וואָלט אַ בעלן זײַן גלײַכצײַטיק פליען און גיין האַרט בײַ דער ערד. דאָס איז פערזענלעך זײַנע, פרעגערס, אַ צרה. נאָר אַז ער וויל, איז דאָס ניט נאָר זײַן צרה, דאָס איז אַ צרה פון דער גאַנצער וועלט. זי איז געראָטן אין איר טאַטן. אַמאָל האָט זי אים שטאַרק פײַנט געהאַט, דעם טאַטן. און איצט טוט זי אַלץ, וואָס ער הייסט. זי איז אין אים פאַרליבט... זי צעקלאַפּט אַליין אַלע פרימאָרגן פון זײַנט־וועגן די אייער, זי באַזאַלצט זי אים און טרעט פון אים ניט אָפּ, ביז וואַנען ער זופּט זיי אינגאַנצן ניט אויס... זי האָט כלומרשט חרטה אויף אַלע אירע מיידלשע זינד, נאָר אַז מען וועט דאַרפן, וועט זי אָנהייבן זינדיקן באַנײַס אַ קאָן, נאָך מיט מער אימפּעט. נאָר וואַרט, זאַלקער!... ווּהין? טו נאָר אַ קוק, ווער קלאַפּט דאָרטן פון יענער זײַט טיר?

אינעם צווייטן פּוסטן אַכסניהדיקן חדר פון יענער זײַט טיר, האָט זיך שוין עטלעכע מינוט צײַט געפונען שאולקע, שאולקע שנײַדער מיט לאַהקע דער שוואַרצער. לאַהקע די שוואַרצע איז געווען אײַנגעהילט אין איר מוטערס לאַנגן וואַרעמען שאַל און האָט געזאָדן. אָט דער וועריִמדי־קער שנײַדער־יונג האָט זי אָפּגענאַרט; ער האָט זי גערופן אויסטענהן

זיך בײַם אַגענט, פאַרוואָס זי האָט ניט אײַנגעצאָלט פאַר איר מאַשין דאָס וואָכנגעלט אין דער צײַט, און האָט זי אַרײַנגעפירט אין אָט דעם ליידיקן אבסניהדיקן צימער, ווו ס'איז נישט געשטאַנען גאָרנישט, אחוץ אַ בעט מיט אַן אומריינעם מאַטראַץ. לאַהקע האָט באַלד בײַם אַרײַנקומען געוואָלט פאַרקערעווען און אַוועקגיין צוריק אַהיים. נאָר שאָולקע האָט איר אויף דער שוועל פאַרצוימט דעם וועג.

— וווהין?

— לאָז!

— האָב צײַט!

לאַהקע די שוואַרצע האָט מער צום שנײַדער־יונג קיין וואָרט ניט געוואָלט אויסריידן. זי האָט אַריבערגענומען די שאַל איבערן קאָפּ, אַזוי אַז פרײַ געבליבן זײַנען בײַ איר מער ניט ווי די נאָז, דאָס מויל און די אויגן, און האָט מיט שטײַפע כעסדיקע טריט גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער. דער עיקר איז בײַ איר איצט געווען ניט צו לאָזן אים אויף זיך קוקן. נאָר דער שנײַדער־יונג איז געבליבן רויק. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַרומגעווישט דעם שוויים פון אונטער דער טשופּרינקע און האָט גענומען פאַרדרייען אַ ציגאַר:

— אָ דו! סטערוועס איינע, אַנטלויפן?... נאָר דו, גאָר אַנטלויפן? און פון ברילן, פונעם סטודענטיק פון דײַנעם, ביסטו אויך אַזוי גיך אַנטלאָפן?...

דעמאָלט האָט לאַהקע נאָכמער זידן אָנגעהויבן; זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלײַך צו דער זײַטיקער טיר פונעם צווייטן חדר, פון וואַנען ס'הערט זיך ריידן, און האָט גענומען אין איר מיט אַלע כוחות קלאַפּן. נאָר שאָולקע האָט ניט דערלאָזט. טועגדיק אַ וואָרף אָפּ פון זיך דאָס היטל מיטן ציגאַר, וואָס ער האָט גענומען דרייען, האָט ער זיך גלײַך אַ יאָג געטאָן אויף איר און האָט זי אַ כאַפּ געגעבן פון הינטן אַרום דער טאַליע:

— קום אַוועק, זאָג איך דיר!

— איכל ניט גיין..

— קום, זאָג איך!...

לאַהקע האָט ניט געפאָלגט. דעמאָלט האָט זיך בײַם שנײַדער־יונג מיטאַמאָל דאָס פּנים מיט די אויגן מיט רויטן אָנגעגאָסן. ער האָט זי געגעבן אַ שלעפּ אָפּ פון טיר, צוגעדריקט זי צום בויך און צו דער ברוסט און זי אונטערגעהויבן. ער האָט זי אַזוי גענומען טראָגן צוריקוועגס צום בעט

מיטן ברודיקן מאַטראַץ. נאָר אויפן וועג האָט זי זיך געגעבן צו אים אַ דריי איבער אויג צו אויג און מויל צו מויל. דעמאָלט האָט ער זי אַ הייב געטאָן העכער; ער האָט זי אַנידערגעוואָרפן מיט די פּלייצעס אויפן בעט און אָנגעלייגט זיך אויף איר מיט זײַן גאַנצער וואָג. אירע הענט זײַנען געווען שטײַף און בויגיק, ווי רעסאָרן. ער האָט נאָכמער אָנגעלייגט זיך אויף זיי. בײַ אים האָט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם:

— אַ! זע נאָר אַ מאָרדעטשקע, אַ פּײַכטע! און שמעקט אַזוי אַ? דעם סטודענטיק ברילם שמעקעכצן?

זײַנע אויגן האָבן געקוקט, ווי געשווינד זי דרייט אַהין און צוריק מיטן פּנים. זי לאָזט ניט, ער זאָל פּאַקן מיט די ליפּן איר מויל. זי טוט זיך אַ וואָרף אונטער און גראַבט אײַן די ציין טיף אין זײַן לינקן אַקסל. און פּלוצים הייבט זיך אָן עפּענען פֿון הינטן דאָס טירל צו פֿרעגערן אין חדר...

חיים־משה איז שוין דאָרטן אין צימער ניט געווען. ער האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן זאַלקערן אַלע חשבונות פֿונעם אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד. דער גלגול מיט די שיטערע האָר אונטערן מויל איז שוין ווידער געזעסן איבערגעבויגן איבער דער צעצויגענער האַרמאָניע און האָט געפּאָכעט און געכאָרכלט צוזאַמען מיט אַלע קורץ־אָטעמדיקע און לאַנג־אויסגעצויגענע טענער. פֿרע־גער איז געלעגן אויפֿן האַרטן סאָפּקעלע מיט בײדע עלנבויגן אונטערן קאָפּ און האָט פֿאַרטראַכטערהייט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פֿון דעם, וואָס ס'איז הײַנט פֿאָרגעקומען; אים איז הײַנט, נאָך לאַנגן פֿאַרשווײַגן, אויס־געקומען נאָכאַמאָל צו ריידן וועגן חוה פֿויזנער. ער האָט זיך געפֿילט אינגאַנצן אויפֿגערודערט און מיד. און אין צימער אַרײַן האָט זיך שוין פֿון דרויסן געפֿילט דער נאָענטער פֿאַרנאַכט, די זון, וואָס האַלט בײַ זעצן זיך, און דער ערשטער יריד־טאָג, וואָס האָט שוין אָפּגעלאָרעמט און האַלט בײַ גוססן. פֿורן צעפֿאָרן זיך שוין, מן הסתם, מיט די וועגן אין אַלע עקן שטאָט, לויפֿן אַזוי, אײַלן, און חזירים קוויטשען, ליגן אַזוי געבונדענערהייט אין די אָוועקלויפֿנדיקע וועגן און קוויטשען; ערגעץ קלאַפּט מען אין אַ בובען: אַ גויִשע כאַסלערע דאָרטן, צי גלאַט אַזוי, שקצים זײַנען שיכור, שיקסעס טאַנצן. זאַלקער, וואָס איז אײנער אַליין געבליבן זיצן בײַם טישל מיט די פּיל ליידיקע און האַלב־פֿולע פֿלעשער, האָט גענומען האַלב־

שיכורערהייט רופן צו זיך פון צווייטן צימער שאָולקען מיט לאהקע דער שווארצער. דעמאָלט האָט זיך פרעגער אויפגעהויבן פון סאָפקעלע, זיך אָנגעטאָן און איז מיט זײַן האַלב־ניכטערן האַלב־אויפגערעגטן צושטאַנד אוועקגעגאַנגען בלאָנקען אָן שום ציל איבערן יריד. דער הײַנטיקער יריד־טאָג איז פאַר אים פון אַלע יאָר געווען אַ מאָדנער. אין הײַנטיקן יריד־טאָג האָט ער געקאָנט גיין איבער פאַרשיידענע מערק און זען, ווי זײַנע תלמידים, זײַנע תלמוד־תורה־ייִנגלעך, שטייען דאָ און דאָרטן אונטער די ביידלעך און העלפן לייזן די פאַרשוויצטע קרעמער, טאַטעס. זיי האָבן אים ליב, אָט די קינדער זײַנע.

— המורה, שרײַען זיי צו אים פון אַלע זײַטן פון הינטער די בייד־לעך, און זײַנען גליקלעך, און זיי לאַכן.

און פאַרנאַכט, אַז ער גייט דורך די ליידיק־געוואָרענע מערק, זעט ער זיי ווידעראַמאָל, אָט די קינדער־תלמידים זײַנע. זיי האַלטן דעמאָלט אין איין שאַרן צווישן פאַרשיידנפאַרביקן פאַפיר און צעבראָכענע קעסטעלעך, וואָס בלײַבן נאָך די שטעלן: אין איין שאַרן און זוכן, אין איין שאַרן און זוכן.

XVIII

ס'איז געווען דינסטיק פאַרנאַכט, ווען די לעצטע יריד־פורן זײַנען זיך צעפאָרן, ווען אין די פוסט־ווערנדיקע מערק בייגן זיך קינדער, שאַרן און זוכן צווישן צעבראָכענע קעסטעלעך און פילפאַרביקן פאַפיר.

אין שטאָט דרייט זיך דאַן אַרום אַ שפּאָגל־נײַער בלאַסקענדיקער פאַעטאָן, אַ טיפער, אַ בכבודיק שווערער, אויף גומענע רעדער, מיט ווייכע רעסאָרן און מיט אַ הויכן און ווייכן בלוי קאַרטענעם אָנשפּאַר, וואָס באַשטייט פון געהעפּטע פיר עקיגע קישעלעך, שטאַרקע פערד מיט פרייִלעך געבוויגענע העלדזער לויפן מיט אים יונג איבער די גאַסן, קלאַפּן טופּען, רעסאָרן וויגן זיך און ברומען; שנעל רירעוודיקע רעדער־שפּיצן דרייען דעם פאַרבלײַליופנדיקן בלאַסק פון פאַרגייענדיקער זון, און דער פורמאַן איז יאַן, דעסלער בעריזשינעצערס יאַן. ער טראָגט אַ געקנייטשט סיראַטן היטל מיט מעשענע קנעפּ אינעם לאַנגן בורנעס און די בײַטש האַלט ער ווי גאָר די גרויסע פורמאַנעס.

ס'איז בכלל אַ ביסל קשה: צוליב וואָס אשטייגער דרייט ער זיך אַרום גאַנצע שעהן איבער ראַקיטנע?

נאָר אויף מאָרגן פאַרנאַכט באַוויַיזט ער זיך דאָ ווידער; ווידער יאָגט ער פריילעך אַרום, אַהין און צוריק, איבער די גאַסן. צי הייסט עס ניט, אַז פּאַר אָט־די שטאַרקע שוואַרצע פּערד איז אַ פּאָר טאָן פון בעריזשינעץ קיין ראַקיטנע גאָרנישט ניט ווערט? צי אפשר איז אָט דער שפּאָגל נייער שפּאַן מיט עפּעס נייַס צוגעבונדן געוואָרן צו ראַקיטנע? שטאָט איז נייגעריק, זי וויל וויסן.

איצט זיצן אויפן פּאַטאָן דעסלער מיט חוה פּויזנער. דעסלער אין זייַן האַרטן ברוינעם הוט מיטן קאָפּ אַ ביסל אין אַ זייַט, און חוה פּויזנער אין אַ ווייַס דעקאָלטירט באַטיסטן קלייד מיט הוילן קאָפּ, מיט אַנטפּלעקטן שמייכלענדיקן פּנים אַקעגן פליענדיקער לופט און מיט גלאַט־געקעמטע, קוים געגרייַזלטע האָר, וואָס הייבן זיך און ציטערן אויף ביַי יעדער קילן בלאָז פון שוואַכן ווינט.

ווייַבער קוקן אויף איר פון יעדער געעפנטער טיר; ווייַבער שמועסן, אַז זי איז שוין רעכט שיין, אָט־די חוה פּויזנער:

— אַ מלכותדיקע צורה.

— און בכלל...

— וואָס זשע דען?

— מען האָט דען פריער ניט געוווסט, אַז ס'איז קינדערשע זאַכן: זי האָט זיך כלומרשט דאָ אַרומגעשלעפּט מיט פּרעגערן; זי האָט זיך סוף־כל־סוף באַטראַכט און איז געקומען צום שכל.

און געוועזן איז גראָד טונקלדיק. אַ האַלב פאַרכמאַרעטער שעמעוודי־קער דרויסן.

קורצע פאַרדומפּענע קנאַלן הערן זיך צו בין־השמשות צו פון לינקן וויַיט פאַרשוואַרצטן הימל ווינקל. אָפּגעריסענע און וויַיטע קנאַלן, אַזוי אַז מען קאָן ניט וויסן, צי דאָס דונערט, צי דאָס לערנט מען זיך שיסן ערגעץ אינעם זומערדיקן לאַגער, וויַיט אַרום בעריזשינעץ. זומערדיקער גליוועך: מען ווייסט ניט, אָדער ס'וועט גיין אַ רעגן, אָדער ניין. ס'שמעקט מיט פייַכטע גראָזן, און דער בלאַסקענדיקער פּאַטאָן האַלט זיך אַלץ אין איין אַרומיאָגן, טראָגט זייַן שטילן רעסאָרנדיקן מורמל באַרג־אַראָפּ, אויף דער אַלטער שטאָט. וואָס האָבן דאָרטן דעסלער מיט חוה פּויזנער צו טאָן? זיי באַליידיקן דאָרטן ניט קיין איין קליין און נישטיק הינטערגעסל און

אַפילו דאָס געסל, ווו ס׳געפינט זיך זײַנוול פּאַטשטעטערס אכסניהדיק לאַנג אונטער־הויז און ווו ס׳וווינט פּרעגער, דער פּאַרוואַלטער פּרעגער. ווען זיי פּאָרן עס אַדורך, אַט דאָס געסל, האַלט חוה פּויזנער פּונקט אין מיטן דערציילן עפּעס דעסלערן, פּונקט אין מיטן לאַכן אויפן קול. און אויך דעסלער שמייכלט. ער טוט איר אויף אַזוי פיל צוליב און הייבט אָן מיט חסד צו שמייכלען.

איז אָט. אין יענעם זעלבן פאַרנאַכט שיקט מען עס רופן עזריאל פּויזנערן פון קלייט אַ היים. מען זאָגט אים, אַז זײַן פרוי רופט אים:

— זי דאַרף אים עפּעס זאָגן.

פּויל אַזוי גיט מען עס אים איבער און פויל לאָזט ער זיך אַהיים גיין; טרעפט די פרוי איינע אַליין אין עס־צימער אין אַ מאָדנע אײַלנדיק בעל־הבתעווען איצט צו פאַרנאַכט צו און בלײַבט שטיין אַ ביסל אָן אַ זײַט, בלײַבט מיט קאַלטער וואכנדיקייט אין די אַקסלען, מיט געלאַסענעם וואַרטן און קורצזיכטיקן בליק און מיט פּאַמעלעכער האַנט, וואָס גלעט די באָרד, ווי זײַן טבע איז, אַרונטער צום האַלדז צו:

— נו?

— גאָרניט. וואָס זאָל זײַן?

און ווינקען ווינקט זי אַהין, צום ווײַטלעכן צימער, ווו ס׳געפינען זיך איצט חוה מיט דעסלערן.

— איז זי פריער אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען, חוה, און האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף עפּעס צוגרייטן: הײַנט אין אָוונט, זאָגט זי, וועט זײַן דאָס קנס־מאָל.

— אַזוי?...

און ווידער געבליבן אַזוי שטיין מיט וואָכעדיקייט אין קול און אין קורצזיכטיקן בליק, געגלעט פּאַמעלעך און פויל די באָרד אַרונטער צום האַלדז צו. נאָר פּלוצים דערזען, ווי די פרוי נעמט אויף גיך פאַרשפּרייטן אַ נײַ געפּרעסטן, ווײַסן סערוועט אויפן צערוקטן טיש, און מלמדיש אָנגענומען דעם סערוועט פאַר די געבליבענע פרײַע צוויי עקן, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער געהאָלפן דער פרוי פאַרשפּרייטן דעם טיש מיט אַ ווײַסן סערוועט, ווי אויף צו להכעיס איז די דינסט ניט געווען אין דער היים, זי איז נאָך בײַטאָג אויסגעפּוצטערהייט אַוועקגעגאַנגען צו אירע קרובים אויף דער אַלטער שטאָט. מען האָט אַוועקגעשיקט דעם קליינעם לייזערן זי זוכן.

עזריאל פּויזנער איז אַרײַנגעקומען אין שלאָף־צימער. ער האָט אַרויס־

געדרוקט די שבתדיקע שיך פון אונטערן בעט, זיך צוגעזעצט און גענומען אויף זיי פאַרטראַכט קוקן, נאָר געטראַכט האָט ער ניט וועגן זיי, נאָר וועגן זיך, וועגן דעסלערן און וועגן שידוך, וואָס ער מאַכט.

— ער איז רײַך, דעסלער, שטאַרק רײַך... דעם שידוך טוט דעסלער מיט חוהן, און מער ניט מיט קיינעם.

אויב ער, עזריאל פויזנער מיט דער פרוי, וועלן זיך איצט נעמען שטאַרק אויספּוצן, וועט עס הייסן, אַז זיי זײַנען פון דער הינטערגאַס, אויפגעקומענע זײַנען זיי, „קליינינקע"...

אַז די פרוי איז אַרײַנגעקומען זיך איבערטאָן, האָט זי אים נאָך געטראָפן אַזוי זיצן.

— כ'מיין, מען דאַרף גאָרנישט, האָט ער אויסבאַהאַלטן, ווי פון אונטער דער נאָז, צו דער פרוי אַ זאָג געטאָן. מ'מעג זײַן אַזוי...

— אַ? האָט די פרוי אין וואַרטעניש איבערגעפרעגט.

און געבליבן איז, אַז מען וועט זיך ניט איבערטאָן, מען בלײַבט אין דעם, וואָס מען טראָגט.

מען האָט זיך אומגעקערט צוריק אין עס־צימער און געהאָלפן דער פריש־געקומענער דינסט דעם גרויסן לאָמפּ אָנצינדן. נאָר אין עק עס־צימער בײַם אַרײַנגאַנג איז שוין געשטאַנען דער שמש פון דער נאָענטער שול. אַ קליין יידל אַ קאַרליק, וואָס איז אין דער וואָכן אַ קירזשנער און האָט דערפאַר תמיד טינט־שוואַרצע הענט. אָט דער שטײַפער רירעוודיקער קאַרליק האָט שוין ערגעץ אָנגעשמעקט וועגן דער שמחה, אָנגעשמעקט געשווינד, ווי אַ קברות־מאַן שמעקט אָן אַ מת. ער איז געקומען מיט אַ גרייט צעטל פון אַלע פויזנערס גוטע פרײַנט. נאָר עזריאל פויזנער האָט אים אינגאַנצן דאָס צעטל אויסגעמעקט און האָט אים געהייסן רופן ניט מער, ווי דעם חזן, דעם רב און נאָך איינעם עפּעס אַן אַלטן אָרעמען קרוב זײַנעם, וואָס וווינט אויף דער אַלטער שטאָט. ער האָט נאָכדעם צוריקגערופן דעם שמש נאָכאַמאָל און האָט בײַ אים געפרעגט, צי אויף אַ קנס־מאָל מוז מען רופן דעם שוחט אויך. ער איז, אַפּנים, דאָך געווען אַ ביסל צעטראָגן, עזריאל פויזנער. פּונקט איצט, אינעם דאָזיקן מאָמענט, האָט ער פאַרגעסן, צי ס'איז אַ מוז־זאַך און צי אויף אַ קנס־מאָל מוז מען רופן דעם שוחט אויך.

אויפן ווײַס־געשפּרייטן טיש צווישן אַ פּאָר בלומען מיט הויכע גלעזערנע כּיבוד־קלאַשן, האָבן געברענט ליכט, העלע לוסטיקע ליכט; געשטאַנען אַזוי אין זילבערנע רערן־לײַכטער און געציטערט צנועהדיק מיט פולע יום־טובדיקע פלעמלעך.

און אַרום־און־אַרום איז געווען וואַך, גרויער וואַכעדיקער אָוונט נאָך לאַנגן יאָר־יריד.

עזריאל פויזנער, אין וואַכעדיקן לוסטרינענעם סורדעט, האָט ניט פּאַר־מאָגט קיין איין איינציק וואָרט, מיט וועלכן ער וואָלט זיך איצט קאָנען ווענדן צום אינזשעניער דעסלער; געזעסן אויבנאָן, ווי מיט גוואַלד גע־שפּיליעט אויף זיך די קנעפּלעך, און אַז עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מחותן!

האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רופט מען ניט אים, נאָר עמעצן אַ צווייטן, אַ סך אַן עלטערן און בכבודיקערן, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן, לאַנג אַוועק און פאַרשוווּנדן פון דער וועלט.

חוה פויזנער איז אויך געווען אָנגעטאָן אינעם זעלבן גלאַטן ווײַס־באַטיסטענעם קלייד, אין וועלכן זי איז אַ גאַנצן פאַרנאַכט אַרומגעפאָרן מיט דעסלערן איבער דער שטאָט; זי איז ווי אַ פאַרגעסענע געזעסן בײַ דער זײַט, ווײַט פונעם טיש אויפן קליינעם קורצן סאָפעלע און האָט געהאַט אַזאַ גלײַכגילטיק אויסזען, גלײַך אָט דאָס קנס־מאָל לעבט זי איבער דאָס צענטע מאָל אין משך פון איר לעבן; ס'איז נמאס, און זי וויל, ס'זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן.

דערפאַר, וואָס דעסלער אינעם נײַעם וויזיט־רעקל און מיטן ווײַסן טיף אויסגעשניטענעם האַרץ, איז געזעסן בײַם טיש אָן אַ היטל און האָט גערעדט רוסיש, האָבן זיך דער רב, דער שוחט און דער חזן געהאַלטן אין הערט, געזעסן אין איין שורה און אין אַלץ, ווי מאַלפּעס, נאָכגעטאָן איינער דעם צווייטן. זיי האָבן דערפאַר אויסגעזען, ווי סטאַטיסטן אין געלײַענע קאַפּאָטעס מיט צוגעקלעפּטע בערד. זיי האָבן געמאַכט איבעריקע לעפּישע באַוועגונגען און ניט געוווּסט וואָס צו נעמען צו דער טיי. סוף־כּל־סוף האָבן זיי זיך אָן שום זײַטיקער איניציאַטיוו איבערגעזעצט צום קליינעם ווײַס־פאַרשפּרייטן טישל און בײַ דער שײַן פונעם איין־און־איינציקן ליכט אַלע אינאיינעם גע־נומען שרײַבן די תנאים, גלײַך אויף אָט דער אַרבעט איז קאַרג איינער. און נאָר דער אָרעמער קרוב פויזנערס, דער גרײַז־גרויער ייִד פון דער אַלטער שטאָט, איז, ווי פריער, רויִק געבליבן זיצן אין עק טיש. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נײַעם סאַמעטענעם קאַשקעט, מיט אַ גאַרטל אויף דער אַלטער אַטלעסנער קאַפּאָטע, און זײַן פּנים מיט דער היפּשער גרויער זקנה

האָט זיך געדאַכט, ווי פריש פון מרחץ. ער האָט צוגערוקט צו זיך איינעם אַ דרײַיערנדיקן לײַכטער און זיך ערנסט אָנגעבויגן איבער זײַן אַלטן היפּשן ספר׳ל און געהאַלטן אין איין ערנסטן זאָגן, אין איין זיסן וואַרטן, צי אויף עולם־הבא, צי אויף די געשמאַקע מאכלים, וואָס ער וועט הײַנט אין אָוונט עסן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ רוף פונעם קליינעם זײַטיקן טישל, ווו מען שרײַבט די תנאים.

— מחותן!

האָט עזריאל פּויזנער געמוזט אַהין צוגיין, געמוזט הייסן אויסשטרײַכן אַלץ, וואָס געהויבענע מחותנים שטעלן אין די תנאים אַרײַן, און אַז ס׳איז געקומען צום אָרט, ווו מען דאַרף אַרײַנשרײַבן דעם חתן, האָט קיינער ניט געוווּסט, ווי אַזוי זײַן פאָטער הייסט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער וווינט אין דער ווײַטער גרויסער שטאָט, ער איז דער רײַכסטער בעל־טאַקסע אויף גאָר דער וועלט, נאָר ווי אַזוי מען רופט אים בײַם נאָמען, האָט קיינער קיינמאָל ניט געהערט; מען האָט געמוזט אַלע ווערן רויט און צוקוקן, ווי דער שמש גייט צו צו דעסלערן און פרעגט עס בײַ אים, בײַם חתן אַליין. פּלוצים האָט מען שטילערהייט גענומען הוה פּויזנער אַרויסרופן פון עס־צימער אין קאָרידאָר אַרײַן און פון דאָרטן ווײַטער, אין קיך אַרײַן. זי האָט זיך דאָרטן אָפּגעזאַמט אַ פּאָר געציילטע מינוטן, נאָר זי איז נאָכדעם אַרײַנגעקומען צוריק, האָט בײַ איר פון גרויס כעס געברענט דאָס פּנים, אין איינעם אַ מויל־ווינקל האָט בײַ איר עטלעכע מאָל אַ ציטער געטאָן די אונטערשטע ליפּ. איר איז פון קיך נאָכגעגאַנגען די מוטער און האָט בײַ איר עפּעס געפרעגט, נאָר זי האָט ניט געקאָנט ריידן.

— „קאַק נאַכאַלנאַ אי גרובאַ״, האָט זי געזאָגט.

זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש איז פעיִק אויף אַזעלכע מיאוסע גראָבע טריט.

נאָכדעם האָט מען געשמועסט אין שטאָט:

אָרום איינס אַזייגער בײַנאַכט נאָך תנאים־לייענען און נאָך טעלער־ברעכן איז מיטאַמאָל געוואָרן פריילעך בײַ פּויזנערן אין הויז. געקומען זײַנען אַהין אָפּגעבן מזל־טוב די מאַדאַם בראָמבערג מיט דער נײַער ראַבינערשע און מיט נאָך איייניקע נאָענטע מענטשן: מען האָט דאָרטן כלומרשט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט. און פריער אַ ביסל איז אַהין אויף דער הינטער־טיר כלומרשט אַרײַנגעקומען איינער אַ מענטש, ער איז אַרײַנגעקומען אויף דער קיך און האָט זיך דערפרעגט בײַ דער דינסט:

— ס׳איז ריכטיק? ס׳קומען טאַקע פאַר תנאים ביַי חוה פויזנער מיט דעסלערן?

קיינער האָט ניט געוואָלט אָנרופן אָט־דעם מענטשן ביַים נאָמען, און אַלע זיַינען דאָך אויף מאָרגן נאָכן קנס־מאָל מיט גרויס אינטערעס געלאָפן צו דער טיר אַ קוק טאָן אויפן דורכגייענדיקן פאַרוואָלטער פרעגער. דאָס האָט געקאָנט זיַין פשוט דערפאַר, וואָס אַלע דאָ אין שטאָט זיַינען אים געווען שונאים. מיט דריַי פערטל שטאָט איז ער געווען צעקריגט. פרעגער אַליין אָבער איז געווען רויִק און קאַלט. אָך, יאָ, ווען ער זאָל געווען וועלן דער־לאָזן, ס׳זאָל אים אָנגיין כאָטש אַ האַלב פון דעם, וואָס ראַקיטנע ווינשט אים, וואָלט שוין לאַנג געווען געבליבן פון אים ניט מער, ווי אַ ביסל אַש און שטויב. ער האָט נאָר מיט אַמאָל אָנגעוואָרן זיַין גאַנצן אימפעט בנוגע צו חייקע דער דינסט. ער איז מער ניט געגאַנגען צו איר הינטערן איַינפאָר־הויז. אים האָט ניט געאַרט, ס׳זאָל דאָרטן מיט איר גאַנצע פאַרנאַכטן אָפשטיין יוסל דער קלייט־משרת. אדרבא, אויף דעם דאָזיקן געביט האָט ער איר געוווּנטשן אַלדאָס גוטס, אָט דער חייקען.

אַליין האָט ער זיך צומאָרגנס נאָכן קנס־מאָל ווי אַ געזעצטער באַיאָר־טער מענטש, באַוויזן אין שטאָט אין זיַין וואָרעמען ברוינעם בורנעס. נאָר אויך דאָס האָט געקאָנט זיַין פשוט דערפאַר, וואָס אין שטוב איז אים זיך שווער געזעסן, און אין דרויסן איז מיט אַמאָל געוואָרן ווינטיק און עסעריק קיל, גליַיך דער זומער האָט זיך שוין איינגאַנצן געפעלט און ס׳גייט אַ ביטערע ציַיט, ס׳גייט ווינטער אויף דער וועלט. פרעגער האָט דעם גאַנצן ביַיטאָג פאַרבראַכט ביַי בראָמבערגן אין הויז און האָט דאָרטן גערעדט, אַ סך גערעדט. דערנאָך האָט ער זיך באַגעגנט אין גאַס מיט חיים־משהן און האָט מיט אים באַניַיס פאַרפירט אַ שמועס:

— צי דאַכט זיך ניט אויס חיים־משהן, אַז די שטאָט האָט אַ גאַנצע נאַכט געהוליעט ערגעץ אויף אַ שמחה און איז נאָכדעם געשלאָפן שפּעט אויפן טאָג? ער, פרעגער, האָט איצט יעדנפאַלס אַזאַ באַגריף. ווו ער באַ־געגנט ניט מענטשן, גענעצן זיי; צענומען גרויסע מיַילער און גענעצן... נאָר אָט, ווי געפעלט עס חיים־משהן? היַינטיקע נאַכט איז ווירקלעך אין שטאָט עפּעס פאָרגעקומען; היַינט ביַינאַכט איז חוה פויזנער אָפיציעל אַ כלה געוואָרן פאַר דעסלערן פון בעריזשינעץ... פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ, היַינטיקע נאַכט האָט דער רוח חתונה געהאַט מיטן טיַיוול.

פרעגער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַזאַ הנאה און מיט אַזעלכע פונאַנדערגעטרייסלטע אַקסלען, אַז די פענסנע האָט

זיך אים כמעט איינגאַנצן פֿון דער נאָז אַראָפּגערוקט, און ער האָט זי געמוזט אונטערכאַפּן מיט ביידע הענט.

— ניין, ער זאָגט עס ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

ער האָט זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין אין איין שורה מיט חיים־משהן אַביסל אַראָפּ מיט דער גאַס צום ברייטן האַלב־קײַלעכיקן מאַרק צו:

— דער עיקר איז, וואָס אַט־דער דעסלער איז טאַקע ווירקלעך אַ טײַוול, ער האָט זייער ווייניק ענלעכקייט צו אַ מענטשן, כאָטש ער איז אַן אינזשעניער; ער שפּײַט קײַלעכיק.

צוריק מיט אַ יאָר פֿיר, ווען ער איז אַהער אַראָפּגעקומען און האָט געקראָגן אַ חלק אין די ריטניצער טאָרף־זומפּן, האָט ער אָנגעטאָן לאַנגע שטיוול און האָט צוויי וואָכן צײַט אַרומגעשפּאַנט איבער די זומפּן; ער מיט יאַנען, דעם געטרײַען גוי, וואָס ער האָט מיט זיך אַראָפּגעבראַכט. און באַזעצט האָט ער זיך נאָכדעם אין בעריזשינעץ ניט בײַ אַ ייִדן, נאָר בײַ אַ גוי, בײַם וועג־מײַסטערס אלמנה אין אַ האַלבער זײַט־שטיבל, און האָט דאָרטן אַ גאַנצן אָנהויב ווינטער אַרומגעשפּאַנט אינעם לאַנגן גראַמען כאַלאַט און אין די ווייכע שטוב־טופֿלעס.

— יאַן! האָט ער גערופֿן זײַן געטרײַען גוי דורכן פֿענצטער, יאַן!

און אַז יאַן איז אַרײַנגעקומען, האָט ער אים געהייסן אַ קוק טאָן אויפֿן זייגער.

— דו וועסט אַרײַנקומען צו מיר פּונקט אין זיבן־און־פֿערציק מינוט אַרום, פֿאַרשטאַנען?

— „טאַק טאָטשנאָ‟, האָט געענטפֿערט יאַן.

און ער איז אַרײַנגעקומען פּונקט אין זיבן־און־פֿערציק מינוט אַרום, געזעסן אין דרויסן אויף דער פּריזבע מיטן סאָלדאַטן־זייגער אין האַנט און אַכטונג געגעבן, ער זאָל ניט פֿאַרשפּעטיקן אויף קיין סעקונדע.

דאָס האָט דעסלער אויסגעמושטירט זײַן גוי, יאַנען. אַז ער פֿאָרט אין קרײַז־שטאָט, דעסלער, פֿאַרגעסט ער ניט ברענגען פֿון דאָרטן אַ פּאָר שפּײַ־טעפּלעך. ער שטעלט אַוועק די שפּײַ־טעפּלעך אין קאָרידאָר צווישן זײַן האַלב און צווישן דער האַלב, וווּ ס׳וווינט דעם וועג־מײַסטערס אלמנה, און לערנט די גויע אַ גאַנצן ווינטער, אַז זי מיט די קינדער דאַרפֿן שפּײַען ניט אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, נאָר אין די טעפּלעך, פּונקט אין די טעפּלעך. דערנאָך קומט דער זומער, און בײַ אים אין בעריזשינעץ ווערט פֿאַרטיק זײַן נײַער גרויסער בראָווער. אַלע פֿרימאָרגן גייט ער אַהין אויסגעפּוצט אין זײַן נײַעם פּאַלטאָ, אין די הענטשקעס און אינעם האַרטן ברוינעם הוט, ווי אויף אַ ברית. און אַז אַ ייִד, אַ מעקלער, גייט אים דעמאָלט נאָך מיט אַ פּראָבע

גערשטן אין האַנט, קוקט ער זיך ניט אום און ענטפערט ניט קיין וואָרט. ער פאַרקרימט נאָר אַביסל דאָס מויל און שפּאַנט אַוועק גיכער.

הייסן הייסט עס:

— אין קאַנטאָר בין איך פאַר אײַך אַ סוחר און אין גאַס קיין מחותן ניט.

ער זאָגט עלטערע ייִדן: דו.

און אין בראַוועך דאָרטן בײַ אים, בעת ער קומט אַרײַן, אַ בית עולם: שטאַרק שטיל. זאָלקער דער אַגענט איז דאָרטן איינמאָל געווען, דערציילט ער, אַז פּלעשער ציטערן. און די שליסלען פאַרגלויבט ער דאָרטן נאָר יאַגען דעם גוי, און מער קיינעם.

קומט ער איינמאָל אין אַ הייסן זומערדיקן בײַטאָג אַהין צו זיך אין קאַנטאָר, דעסלער, און טרעפט דאָרטן דעם בוכהאַלטער, פּרויקע נעבעם, בעת ער זיצט איבער די ביכער אָנעם רעקל, אין די ווײַסע אַרבל זיצט ער, און אַרום שטייען עטלעכע קונים און וואַרטן, ער גיט זיי אַרויס חשבונות. דעסלער זאָגט דעם בוכהאַלטער גאָרנישט. ער גייט אַרײַן גלײַך אין זײַן באַזונדער צימער. נאָר אַביסל שפּעטער שיקט ער דעם בוכהאַלטער אַרײַנרופן און זאָגט אים, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג.

— איר הערט, וואָס מען רעדט צו אײַך? זאָגט ער, נעמט אײַך דעם וועג!

ער שרײַבט באַלד אָן אַ בריוו און שיקט אַוועק יאַגען אין קרייז־שטאָט נאָך אַן אַנדער בוכהאַלטער. דער בוכהאַלטער שטייט. ער וויל וויסן פאַר־וואָס? ער וויל עפּעס זאָגן.

נאָר דעסלער וויל ניט הערן.

— קיינע טענות.

בײַ אים אין קאַנטאָר, הייסט עס, איז ניט קיין בית־מדרש, וווּ מען שפּרייט זיך פונאַנדער אין די ווײַסע אַרבל.

דער בוכהאַלטער האַלט אויס דאָ אין ראַקיטנע אַ מוטער אַן אַלמנה, אירע קלענערע ייִנגלעך לערנען אַלע בײַ אים, פרעגערן, אין תלמוד־תורה, גייט זי אַרום צו אַלע אָנגעזעענע מענטשן און וויינט:

— אַז ווי און ווינד איז מיר, מײַן פּרויקע איז דאָך שוין פרײַ... ער גייט שוין ווידער אַרום מיטן בײַטשל...

נאָר קיינער קאָן איר מיט גאָרניט העלפן: דעסלער האַלט ניט פון קיינעם. דעמאָלט נעמט אויף זיך די זאַך חוה פּויזנער. זי געפינט זיך פּונקט אין אַזאַ צײַט, ווען זי איז געוואָרן לײַטיש און טוט טובות אַ סך אָרעמע מענטשן. זי דינגט דעם שענסטן פּאַעטאָן אין ראַקיטנע און פאָרט אַוועק

גלײַך צו דעסלערן אין בראָווער; זי פֿאַרברענגט מיט אים אַ שעה צײַט אין קאָנטאָר און פֿועלט בײַ אים. זי מאַכט אים שמייכלדיק:

— גוט, ער נעמט אים צוריק צו, דעם בוכהאַלטער.

איז אָט:

דעמאָלט איז עס געשען בײַ חוה פֿויזנער און בײַ דעסלערן. פֿון יענער גוטער זאַך אָן האָבן זיי אָנגעהויבן, אַזוי צו זאָגן, מיטפֿילן איינער דעם צווייטן.

נאָר וואָס איז אַזוינס מיט חיים־משהן? ער זעט אויס צעטראָגן. ער הערט כמעט ניט, וואָס מען רעדט צו אים. ער שטייט אינמיטן גאַס אין איין שורה מיט פֿרעגערן און האַלט אין איין קוקן אַראָפּ צום אײַנגעבראָכע־נעם האַלב־קײַלעכיקן מאַרק צו און צו פֿויזנערס גרויסער קלייט. דאָרטן אינעם שמאָלן געסעלע, וואָס לעבן אָט דער קלייט, באַווײַזט זיך אַ פֿיגור פֿון אַ מיידל, אָנגעטאָן אין ווײַסן מיט אַ זאָנטיק אין האַנט. צוויי מאָל באַווײַזט זיך דאָרטן די פֿיגור. ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס איז חנהקע ליובערס פֿיגור. זי קוקט זיך אַהער אײַן, זי לאָזט זיך אַהער גיין, נאָר זי באַקומט איבער עפּעס חרטה און קערט זיך אום צוריק. ס׳דאַכט זיך, אַז פּונקט אַהין קוקט צעטראָגענערהייט חיים־משה. נאָר ניין. ער וואַרט, אַז פֿון בעריזשינעץ זאָלן אָנקומען די צוויי פֿורן, וואָס זאַלקער דער אַגענט דאַרף צושיקן נאָכן אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן פֿון מלכס מאַגאַזין.

— אַ מאָדנע זאַך, זאָגט ער, די פֿורן האָבן נאָך באַדאַרפֿט קומען נעכטן.

און פּלוצים דערמאָנט ער זיך אָן עפּעס און אַנטשולדיקט זיך פֿאַר פֿרעגערן, ער מוז באַלד זיך אומקערן צוריק אין מלכס אַפּטייק־מאַגאַזין. ער האָט דאָרטן עפּעס פֿאַרגעסן.

נאָר פֿרעגער האָט איצט ניט וועלן צו אײַלן. ער איז גרייט באַגלייטן חיים־משהן אין אַפּטייק־מאַגאַזין.

דאָרטן אין מאַגאַזין איז שוין אַלץ פֿאַרפּאַקט, אָפּגערוקט פֿון די ווענט און גרייט צוליב די פֿורן, וואָס דאַרפֿן קומען פֿון בעריזשינעץ. די שפּיגל־שאַפֿעס זײַנען אַרומגעוויקלט מיט רעדנעס און אין מיטן צימער ליגן אָנגעוואַלגערט איינס אויפֿן אַנדערן אַ סך פֿאַרפּאַקטע קאַסטנס. איצט געדענקט פֿרעגער די מיאַטע־בלעטלעך. ער פֿלעגט זיי נעמען בײַ מלכן נאָך יעדער שנאַפּס, כדי דער בראָנפֿן זאָל זיך ניט פֿילן.

— זעלטענע בלעטלעך...

נאָר חיים־משה ענטפֿערט ניט גאָרנישט. ער איז פֿאַרנומען מיט אויס־לײדיקן איינעם אַ שופֿלאָד פֿון מלכס טיש און פֿאַרפּאַקן דאָס אַלץ אין אַ

באַזונדער קעסטל. חיים־משה נישטערט דאָרטן געשווינד צווישן די פּאַפּירן און זוכט עפּעס. ס׳פליען פון שופלאָד אין קעסטל אַריַין גאַנצע הויפנס בריוו, אַ גרויסער טײַסטער מיט אַ פּאָר טאַש־ביכעלעך. אין די אויגן טוט סוף־כל־סוף אַ שווינדל אַ קליין נישטיק פּעקעלע, וואָס חיים־משה וואַרפט עס געשווינד אַראָפּ צו זיך אין די הויזן־טאַש. איצט איז שוין אַלץ פאַרטיק. חיים־משה פאַרקלאַפּט דאָס קעסטל מיט מלכס בריוו און בעט פרעגערן דערמאָנען דעם אַגענט זאַלקערן:

— דאָס איז אַ באַזונדער קעסטל, ס׳געהער ניט צום אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן.

פרעגער האָט זיך נאָכדעם אָפּגעוואַלגערט אַקעגן אַ פּאָר מעת־לעת בײַ זיך אין צימער אויפן האַרטן סאָפּקעלע און האָט געוואַרט אויף אַ נס:

— זאָל כאָטש עמעצער ווער קומען צו אים אַהער אין זײַן חדר.

נאָר קיינער איז צו אים אַהער ניט געקומען, אַחוץ שאָולקע שנײַדער, וואָס האָט געמיינט דאָ טרעפן זאַלקער דעם אַגענט. סוף־כל־סוף איז שאָולקע אויך געוועזן בײַ אים אַ גאַסט. ער האָט גענומען פּרובן מיט אים זײַנוולס „סטאַרקע", אַזוי פּאַמעלעך, ניט ערנסט, נאָר דאָך אַרײַנגעצויגן געוואָרן צו ביסלעך. ער האָט אַזוי פאַרבראַכט אינאיינעם מיט שאָולקען אַ קאָרגן מעת־לעת.

און נאָכדעם איז פרעגערן, ווי געוויינלעך נאָך אַ לענגערן טרונק, געוועזן מיאוס דאָס לעבן דאָ אין ראַקיטנע. ס׳האָט זיך געוואָלט אַוועק ערגעץ אין דער וועלט אַרײַן. ער איז ווידער געלעגן בײַ זיך אויפן האַרטן סאָפּקעלע און האָט געטראַכט וועגן זיך, וועגן חוה פּויזנער און וועגן פאַרשיידענע מיטלען, מיט וועלכע מענטשן מאַכן אַמאָל אַ סוף צו אַן אומאַנגענעמענער לאַגע. ניט וועגן זיך האָט ער געטראַכט, נאָר וועגן אַנדערע מענטשן.

אויפן זינען זײַנען אים אַרויפגעקומען אַ האַנטוך, אַ פּשוטער לאַנגער האַנטוך, וואָס הענגט אויף אַ קריוק אינמיטן סטעליע, און אַ פּעקעלע, אַ קליין פּעקעלע, וואָס האָט אויף זיך אַן עטיקעטל מיט אַ שוואַרצן שאַרבן און מיט צוויי איבערגעצלמטע מענטשן־ביינער. ווּ האָט ער, פרעגער, ניט לאַנג געזען אַזאַ מין פּעקעלע?

ער האָט אָנגעשטרענגט אינגאַנצן דעם זכרון און האָט זיך דערמאָנען ניט געקאָנט.

סוף־כל־סוף איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען דער אַגענט זאַלקער. מען האָט אים באַדאַרפט איבערגעבן וועגן באַזונדערן קעסטל, וואָס שטייט בײַ מלכן אין קליינעם צימער און געהער ניט צום אינווענטאַר מיט די

מעדיקאַמענטן. און פּלוצים האָט זיך פּרעגער דערמאָנט אָנעם פּעקעלע, וואָס חיים־משה האָט דאָרטן אויף גיך אויסגעטיילט, זיך דערמאָנט, נאָר געבליבן אַזוי פאַרווונדערט און ניט געגלויבט.

XIX

חיים־משה האָט אומגעקערט חוה פּויזנער אייניקע פון אירע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי מלכן. אַזוי האָט מען איבערגעגעבן אינעם נאָמען פון אסתר פיך.

— נו, יאָ, האָט חיים־משה כלומרשט געזאָגט, וואָס וועלן זיך אָט די זאַכן וואַלגערן ביי יצחק־בערן אין וואַלד? ער, חיים־משה, האָט זיי ניט וווּהין צו נעמען.

דערנאָך האָט מען חיים־משהן אַ גאַנצן ביי־טאָג געזען אויף אַ סך ערטער אין שטאָט, און אַן אויסזען איז ביי אים געווען אַזאַ, גלייך ער פּאַקט די טשעמאָדאַנעס און גרייט זיך אין וועג אַריין; ער איילט און וויל פאַרטיק ווערן וואָס גיכער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויך אויף דער אַלטער שטאָט און איז דאָרטן געווען ביי פישל ריכטמאַן אין שטוב, ביי יענעם זעלבן פישל ריכטמאַן, וואָס האָט דאָ אַמאָל אין איינעם מיט אים אין איין חדר געלערנט, און האָט נאָכדעם אויך געפּרווּט זיין אַן עקסטערן, און איצט האַנדלט ער, ווי דער שווער זיינער, מיט אַלטע זעק.

— וואָס־זשע הערט זיך עפּעס, חיים־משה? אַזוי האָט ביי אים געפרעגט פישל ריכטמאַן. ער איז געזעסן ביי זיך אין דער אַלטער געירשנטער שטוב מיט אַ קליין קינד אויף די הענט און האָט געוואַרט אויפן ווייב, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען צו־גאַסט אויף דער נייער שטאָט.

— איז וואָס, חיים־משה, האָסטו עפּעס מתקן געווען אין ראַקיטנע?

דערויף האָט אים חיים־משה געענטפערט, אַז גאָרניט.

— וואָס־זשע מיינסטו, פישל? האָט ער אים געענטפערט, כ'האָב דאָ טאַקע גאָרנישט מתקן געווען.

און ער איז דערפון, אַפּנים, געוואָרן אביסל אומרויק; ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב. ער האָט אויסגעהערט ביי פישלען אַ סך נייעסן פון שטאָט, דערנאָך האָט ער ווידער אַמאָל גענומען איילן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַריין, צוריק צו זיך אין צימער:

— דער עיקר איז אומרו, מלך.

און נאָך:

— ביסט גרייט, מלך?

— כ'בין גרייט, חיים־משה.

— טאָ קום, מלך, קום צו דין וחשבון.

— — — — — — — — — — — — — — —

— אויב אַפילו יצחק־בער, אויב יצחק־בער איז עפּעס אויסן געווען מיט זײַן שטומען ערנסט, איז יעדנפאַלס ניט נאָכצוטאָן דיר, מלך, נאָר פאַרקערט, טאָן דעם היפּוך. ער האָט זיך דאָך נאָך אין די יונגע יאָרן צעקריגט מיט גאָט.

— איז צוליב וואָס נוצט די ווייכקייט בנוגע צו אַ וועלט, וואָס מען אָנערקענט זי ניט? צוליב וואָס שמייכלסטו, מלך?

נאָר אַקעגן, אויפן ניט געפּאַרבטן קאַמאָד, שטייט מלכס קליינע סטאַטועטע און שמייכלט אַלץ מיט איר שטענדיקן שעמעוודיקן שמייכל.

חיים־משה זעט זי פון אַקעגן, פון בעט, און ווערט אומרויִק:

— וויפיל פאַנאַטיזם! וויפיל עקשנות אין אָט־דער גוטסקייט מלכס!...

און דו האָסט דאָך אויך ניט אָנערקענט די וועלט, מלך; פאַרוואָס זשע ביסטו אַזוי שטיל אַוועקגעגאַנגען?

אדרבא:

— אַוועקגיין דאַרף מען מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון טיר, און זאָל אַ ציטער טאָן די שטוב, זאָלן זיך אויפכאַפּן די קליינע קינדער.

נאָר יצחק־בער איז אַפּגעשטאַנען און אַלט. ער ווייסט ניט, ווי אַזוי אַ קלאַפּ צו טאָן מיט דער טיר, און טראָגט שטומערהייט דעם יאָך פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך נאָך אין די יונגע יאָרן צעקריגט מיט גאָט.

אַלע פאַרנאַכט, נאָך חשבונות מיט פּילשטשיקעס, נאָך קריגערייַ מיט פרומער יִדענע־ווײַב און מיטן צווייטן יִינגערן וואַלד־נאַמן, ווען ער איז חושד אין גנבה און פאַרגלויבט אים ניט די קאַסע, קומט ער אַהער צו אים, חיים־משהן, אין צימער, יצחק־בער, קומט מיט פאַרלייגטע הענט אין די אַרבל און מיט גרויס אומעט פון אַן אָבל, וואָס האָט באַגראָבן זײַן גאָט. ער זאָגט דאָ גאָרנישט. ער שפּאַרט זיך נאָר אָן מיט די פּלייצעס אָן וואַנט און שטייט דאָ אַפּ אַזוי שעהן־לאַנג אין דער פינצטער מיט טיפן אַנגסט, מיט שטומען מאָנען, אַז ער, חיים־בער, זאָל „נתגלה ווערן"...

הייסן, הייסט עס אַזוי:

— איך, יצחק־בער, האָב אָנגעהויבן, און דו, חיים־משה, מוזט ענדיקן; אויף דיר ליגט דער חוב.

נאָר וואָס קאָן דען ער, חיים־משה, טאָן?

פּרעגער דער פאַרוואַלטער זאָגט, אַז ער איז זיך ניט מחויב צו שפּײַען פאַר מלכן.

— זאָל יעדער, זאָגט ער, שפּײַען פאַר זיך אַליין.

— אַך יאָ, מאָדנע:

— ער אָנערקענט ניט קיינעם, אָט דער פּרעגער.

פּרעגער שפּײַט איינער אַליין פאַר זיך. ער נעמט אַרײַן צו זיך אין צימער זאַלקער דעם אַגענט מיט שאולקע שנײַדער און טרינקט מיט זיי לחיים:

— זאָלן פּלאַצן אַלע געהויבענע און פײַנע לײַט!

און איצט גייט ער אַרום אין שטאָט, פּרעגער, און דערציילט אַלעמען, אַז צו אים אין צימער איז אָנומעלטן געקומען ער, חיים־משה:

— ער האָט בײַ מיר פאַרבראַכט, זאָגט ער, אַ גאַנצן בײַטאָג.

אַזוי ניט איבער פישל ריכטמאַן.

מען פרעגט בײַ אים:

— פּרעגער, ווי איז אײַער מיינונג וועגן חיים־משהן?

דעמאָלט טוט ער ערנסט מיט די מימלסטע דרײַ פינגער אַ דריק צו די פּענסנע צו דער נאָז און זאָגט, אַז דע עיקר איז, וואָס אויך ער, חיים־משה, איז אַן אומצופרידענער.

— פון אומצופרידענע, זאָגט ער, וועט געהאָלפן ווערן די וועלט.

נאָר אין דעם איז אַנשל צודיק שוין בשום אופן מיט אים ניט מסכים; ער איז איינער פון די, וואָס שטייען אינמיטן מאַרק אַרום פּרעגערן און הערן, ווי ער רעדט שטותים.

— נו, און אַז זאַלקער דער אַגענט, זאָגט ער, איז ניט צופרידן מיט זײַן ווײַב, און אַז שאולקע שנײַדער וויל לאַהקע די שוואַרצע און קאָן זי ניט דערגרייכן, וועט אויך דערפון געהאָלפן ווערן די וועלט?

ער איז אַ סקעפּטיקער, אַנשל צודיק, און שוין אַ פּאָר יאָר געווען אין פּאַלעסטינע; ער גלויבט בכלל ניט, אַז דאָ אין גלות זאָל עפּעס אויפגעטאָן ווערן.

אַזוי האָט אים, חיים־משהן, דערציילט פישל ריכטמאַן וועגן אַנשל צודיק. דערנאָך איז פון דער נײַער שטאָט צוריקגעקומען פישלס ווײַב און איז געווען צופרידן, וואָס חיים־משה פאַרברענגט בײַ איר אין שטוב.

— זע נאָר, האָט ער געזאָגט, טאַקע אַ געהויבענער גאַסט.

זי האָט צוגענומען בײַ פישלען דאָס קליינע זויג־קינד, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אויף די הענט, און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דעם אַקעגן זיי בײַם טיש. זי האָט נאָר געוואָלט פאַרשפּרייטן דעם קאָלירטן סערוועט אויפן הוילן טיש, און אַז חיים־משה זאָל ניט אַוועקגיין פון טיי; זי וועט שטעלן דעם סאַמאָוואַר.

— אַז שוין יאָ אַזאַ גאַסט, האָט זי געזאָגט, טאָ זאָל כאָטש זײַן אין שטוב יום־טוב.

און זי האָט איינס און צוויי אים געמאַכט, אַט דעם יום־טוב. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז שוין גאָרניט אַזאַ פּראָסטע, אַט די פּרוי פּישלס. ניט אומזיסט האָט זי פון אַלע יונגעלײַט דאָ אין ראַקיטנע אויסגעקליבן דווקא פּישלען, וואָס איז אַמאָל אויך געווען אַן עקסטערן. מיטן פּנים איז זי אַביסל עלטער פון פּישלען, נאָר אַליין האָט זי אין זיך אַן אָדער פון אַ מענטשן, וואָס שטרעבט צו אַ העכערער מדרגה. זי איז בטבע געווען אַ שטילע. איר גאַנצע אָרטיקע אָפּגעקומענע משפּחה איז געווען אַ שטילע, נאָר זי ווייסט פון אַלע זאַכן, וואָס טוען זיך אָפּ אין שטאָט. זי רעדט בכלל פּאַמעלעך. זי רעדט ווי אַ רביצין, וואָס האָט פײַנט יענעם צו באַריידן. נאָר יעדער זאַך איז שוין, נאָך איר מיינונג, גאָרנישט אַזוי פּראָסט.

— יעדער זאַך, זאָגט זי, האָט אויף זיך אַן אויבערשלאַק און אַן אונטערשלאַק, און אינמיטן איז נאָך אויך עפּעס פאַראַן.

— ווי, ווי? פרעגט איבער חיים־משה, און בײַ אים צינדן זיך אָן צוויי שמייכלדיקע פײַערלעך אין די אויגן.

— וואָס־זשע? זאָגט זי, בײַ אײַך איז עס אַ נײַעס?

נאָך איר מיינונג, האָט חוה פּויזנער שוין גאָרניט אַזוי גרינג דערגרייכט דעסלערן.

— ער איז איר אָנגעקומען, זאָגט זי, מיט די גרינגע ווערים.

זי בײַט איבער דאָס קינד פון איין ברוסט צו דער צווייטער און גיט צו:

— וואָרעם רירן אַזאַ מין אײַז, ווי דעסלערן, נאָכדעם ווי מען האָט אַליין שוין געהאַט זיבן אַנדערע, איז שוין אויך ניט גאָר פון די גרינגע מלאכות.

— און עוזר ליובער, זאָגט זי, עוזר ליובער בלײַבט לחלוטין ניט אומזיסט גאַנצע דרײַ חדשים אין קיעוו.

ס'אַ סברא, אַז ער האָט שוין שכל צו לעבן דאָרטן מיט עמעצן, און דווקא ניט מיט קיין ייִדישע... דווקא מיט אַ גויע. וואָס הערט ער די שטאָט? אַז ער מאַכט פּאָרט גליקלעכע געשעפטן אין דער מיל. מען וועט געוואָר ווערן וועגן דער גויע? וועט ער געבן נאָך אַ טויזנטער אויף שטאָט זאַכן.

— און חנהקע ליובער? גאָר אַן אַנדער זאַך איז חנהקע. זי איז ווי צוויי טראָפּן געראָטן אין דער מוטער אירער; זי, פּישלס ווײַבל, האָט זיך אָנגעקערט מיט איר ווײַטע קרובים און האָט זי שוין איינמאָל גוט געקאָנט.

— אַזוינס, זאָגט זי, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

אַך יאָ, אָט די חנהקע, וואָס איז געראָטן אין איר מוטער, און וווינט אַליין מיט מאַטיקן דאָרטן, אינעם גרויסן הויכן הויז, און קיינער ווייסט

ניט, צי זי ווייסט, וואָס איר פֿאָטער טוט דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט, צי ניין; ס'איז געווים כדאַי געווען צו זיצן דאָ נאָך אַ ביסל און אויסהערן וועגן איר פֿישל ריכטמאַנס פּרוי. נאָר חיים־משה האָט שוין, אַפּנים, מער קיין צײַט ניט געהאַט דאָ צו זײַן; ער האָט געאײַלט, זיך געזעגנט און געאײַלט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט חיים־משה דאָך באַגעגנט זיך מיט חנהקען לעבן די יונגע גלײַכע טאָפּאָלן, וואָס אויפֿן עקסטן לײדיק גרינעם פּלאַץ. דאָס איז געווען אין אַ הייסער שעה בײַטאָג, ווען אויף דער גאַס איז שטיל און פּוסט. גאַס איז געוווינט צו מיידלעך, וואָס זײַען דאָן אין דער היים אין דער קיל.

בײַ חיים־משהן האָבן זיך אָנגעצונדן די שמייכלדיקע פֿײַערלעך אין ביידע אויגן. נאָר בײַ חנהקען איז מיט אַמאָל פֿאַרשטאָרבן געוואָרן דאָס האַרץ. די ערשטע ווײַלע האָט זי לחלוטין ניט געקאָנט ריידן.

— איר פֿאָרט אוועק, האָט זי סוף־כּל־סוף אַרויסגערעדט. מיר האָט געזאָגט אסתר פֿיך.

— אסתר פֿיך?

— יאָ. איצט, האָט אסתר פֿיך געזאָגט, איז שוין באַשטימט, אַז חיים־משה פֿאָרט אוועק.

— וואָרט...

אים האָט ווירקלעך אַנומלטן באַגעגנט אסתר פֿיך.

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער רײַזע? האָט זי בײַ אים געפֿרעגט.

— וואָס זאָל זיך הערן? האָט ער איר געענטפֿערט, — מסתמא וועל איך סוף־כּל־סוף אוועקפֿאָרן.

מער האָט ער איר בכלל גאָרנישט ניט געזאָגט.

דעמאָלט געשעט עפּעס מיט חנהקען. אַפּנים, ס'ווערגט זי אין האַלדז, זי הייבט פּאַמעלעך אויף די לאַנגע וויעס און טוט אויף חיים־משהן אַ קוק. איצט גלויבט זי אים, אַז מער האָט ער אסתר פֿיך גאָרנישט ניט געזאָגט. זיי לאָזן זיך ביידע גיין אַרויף מיטן גרינעם פּלאַץ, מיט די יונגע טאָפּאָלן, וואָס פֿירן נעענטער צו ליובערס הויז. נאָר חנהקען איז נאָך אַלץ שווער צו ריידן.

— מעגלעך, זאָגט זי, אַז זיי וואָלטן זיך איצט באַלד באַדאַרפֿט צעשיידן, זי און חיים־משה.

— חנהקע אײַלט ערגעץ?

— ניין. גלאַט אַזוי...

אַ פּויזע.

חנהקע קוקט ניט צו אים. זי זאָגט:

— אויב זי און ער זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער היים, כּדי צו גיין אין פֿאַרשיידענע זײַטן, וואָלטן זיי אפֿשר אַזוי באַדאַרפֿט טאָן אויך ווײַטער... זי אײַלט ניט אין ערגעץ. זי קלערט נאָר, אַז אַזוי וואָלט געווען גלײַכער, זי וואָלט איצט צוגעגאַנגען אָט דאָ ניט ווײַט, סך הכּל צוויי גאַסן, און וואָלט זיך דערפֿרעגט, צי עטל קאַדיס קומט ניט די טעג אַהיים. דערנאָך וואָלט זי זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, דעמאָלט וואָלט מיט איר גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען. נאָר אָט... האָט זי חיים־משה איצט אָנגענומען פֿאַר דער האַנט, און זי פֿילט, אַז מיט איר קומט פֿאָר... ניין, ס'איז ניט קיין נאַרעשקייטן, ווײַט ניט קיין נאַרעשקייטן. זי פֿאַרגעסט אינגאַנצן אָן מאָטיקן.

— די ערשטע צײַט האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז זי דאַרף גאָרנישט פֿון אים, חיים־משהן, זי דאַרף אים אַפֿילו ניט זען. זאָל ער נאָר זײַן אין וואַלד. און זאָלן קלינגען צו זיי אין פֿאַראַד־טיר פֿאַרשיידענע מענטשן, זי וועט דאָך קלערן, אַז דאָס איז ער. דערנאָך האָט זיך איר שטאַרק פֿאַרוואָלט אים זען. דאָס איז געווען איינמאָל, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿויזנערס קליט און האָט דערזען, ווי ער, חיים־משה, מיט פֿרעגערן שטייען פֿון ווײַטנס. פֿאַרוואָס איז דאָרטן חיים־משה אַזוי לאַנג געשטאַנען פֿון ווײַטנס?... מסתּמא איז בײַ איר, חנהקען, דאַן געווען אַ נאַריש אויסזען. זי האָט זיך אַלעמאָל געלאָזט גיין צו אים און האָט זיך אַלעמאָל אומגעקערט צוריק... זי שעמט זיך עס דערציילן: זי האָט קיינמאָל ניט געקלערט, אַז זי קאָן עפּעס אָנשרײַבן, נאָר די טעג האָט זי דאָך עפּעס אָנגעשריבן. ס'איז געווים נאַריש; זי האָט עס נעכטע בײַטאָג צעריסן, נאָר געטאָן האָט זי עס נאָר דערפֿאַר, וואָס איר האָט זיך שטאַרק פֿאַרוואָלט אים זען... זי האָט פֿון תּמיד מורא פֿאַר שטאַרק ווען. אפֿשר איז זי רעליגיעז, ווי איר מוטער איז געווען. זי ווייסט ניט. דאָס איז געווען, ווען איר מוטער איז געשטאָרבן, און מאָטיק איז געבליבן אַ קליינינקער. דערצו נאָך האָט דעמאָלט איר עלטערער ברודער צוגענומען פֿון דער קאַסע אַביסל געלט און איז אַנטלאָפֿן; דעמאָלט האָט זי, חנהקע, דערפֿילט, אַז אויב זי וויל עפּעס שטאַרק, איז עס אַ פֿאַרברעך. זי, חנהקע, טאָר עס קיינמאָל ניט דערלאָזן... נאָר אָט, פֿאַרוואָס טראַכט זי כּסדר, אַז אים, חיים־משהן, איז ערגער פֿון איר... תּמיד זיצט זי און טראַכט, אַז אים איז אַ סך, אַ סך ערגער. זי ווייסט ניט, ווי וואָלט, אַ שטייגער, אים, חיים־משהן, געווען גוט. דערצו נאָך קומט צו איר אָפּט אָט די פֿרײַע צוהערערן אסתּר פֿיך און רעדט און רעדט: „אָט וועט איר זען, זאָגט זי, הלוואַי איך זאָל ליגן זאָגן..."

— אַך ניין.

חיים־משה באַמערקט, אַפּנים, אַז חנהקען איז שוין ווידער אַמאָל שווער צו ריידן, און וויל איר מאַכן גרינגער, ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז גאָרנישט ניט ווערט:

— אים איז לחלוטין ניט ערגער. אדרבא, ציַיטנווײַז לײַדט ער דערפֿון, וואָס אים איז בעסער, פֿיל בעסער, למשל, ווי יצחק־בערן. חנהקע קען יצחק־בערן? נאָר איצט האָט ער גראָד אין איינעם אַ זומער נאָכאַמאָל אַ פּרווו געטאָן אויף זיך דאַקיטנע, די שטאָט, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, און איצט האָט ער שוין פֿאַרקויפֿט דעם אינוועטנאַר מיט די מעדיקאַמענטן זאַלקער דעם אַגענט און וואַרט, ער זאָל צושיקן דאָס געלט פֿאַר מלכּס מוטער און זאָל צונעמען די זאַכן. ער גייט אַלע טאָג אין שטאָט אַרײַן, נאָר זאַלקער שיקט ניט צו די פֿורן. איצט איז ער געגאַנגען צו חנהקען אַהיים און האָט זי שטאַרק געוואָלט זען; ער טראַכט וועגן איר אָפֿט דאָרטן אין וואַלד, ער טראַכט וועגן איר אויך איצט, בעת ער האַלט זי אַזוי פֿאַר דער האַנט און קוקט איר אַרײַן אין פּנים אַרײַן. וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען מלך לעבט, און ער מיט חנהקען וואָלטן איצט צו אים אַרײַנגיין? חנהקען וואָלט זיך ניט ווערן איצט זען מלכן?... נאָר פֿאַרוואָס ווערט חנהקע בלאַס?... פֿאַרוואָס דאַכט זיך אים, חיים־משהן, אַז אָט, אָט וועט חנהקע פֿאַרמאַכן די אויגן און וועט אָנהייבן שעפּטשען, בעטן פֿאַר עמעצן גאָט מיט די ליפּן? אָך ניין, אויב דאָס שרעקט זי, וועט ער מער אַזוי ניט ריידן, ער וועט זי נאָר צופֿירן ביז זייער הויז און וועט זיך אומקערן צוריק אין וואַלד אַרײַן. ער האָט דאָרטן נאָך עפּעס צו טאָן, ער מוז דאָרטן עפּעס פֿאַרענדיקן.

און ער האָט זיך אומרויִקערהייט אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַרײַן, צוריק צו זיך אין צימער; ער האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אָפּגעהיט בײַ זיך אין מוח דעם געדאַנק:

— אָך יאָ, אָט דער מלך...

ער האָט זיך גלײַך צוגעזעצט צו די ניט דערשריבענע בלעטלעך, וואָס בײַ אים אויפֿן טיש.

— — — — — — — — — — — — — — —

— אייגנטלעך איז בענקשאַפֿט גאָרנישט ניט ווערט, מלך, בענקען בענקט מען נאָך געשטאָרבענע.

— זיי ווערן באַנײַס געבוירן, חיים־משה.

נאָר אין צימער איז שוין געווען האַלב־טונקל און פֿאַרנאַכטיק טויט. שטומער וואַלד־אָוונט האָט פֿון דרויסן בלאַס פֿאַרקלעפּט די אָפֿענע פֿענצטער. בלויע בלינדקייט האָט פֿאַמעלעך געמעקט דעם שמייכל פֿון מלכּס קליינער סטאַטועטע, און ווידער האָט מען אים, חיים־משהן, דאָ געשטערט פֿאַרענדיקן

זײַן זאַך. פריער האָט זיך געהערט, ווי אין נאָענטן קאָרידאָר האָט שטיל
אַ סקריפּ געטאָן די טיר, אַ סקריפּ געטאָן נאָכטיק אַזוי, שלעפּעריק און
זיך שטילערהייט פאַררינגלט. און נאָכדעם האָט פּאַמעלעך גענומען סקריפּען
און עפענען זיך די טיר, וואָס פירט צו אים, חיים־משהן, אין צימער, און
עמעצער האָט אָנגעהויבן אַהער גיין.

— ווער איז דאָרטן, אַ?

— ס'איז קיינער נישט, ס'איז איך, יצחק־בער, חיים־משה.

XX

סוף־כל־סוף זײַנען פון בעריזשינעץ געקומען זאַלקער דעם אַגענטס צוויי
פורן און האָבן פאַרנומען דעם אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן פון מלכס
אַפּטייק־מאַגאַזין.

אַ גאַנצן פרימאָרגן זײַנען די פורן געשטאַנען אין דרויסן לעבן מאַ־
גאַזין און האָבן זיך באַלאָדן, זיך געפּאַקט פויל, אָן חשק. די האַלב־אויסגע־
שפּאַנטע פערד האָבן היימלעך געבראָמטשעט דעם האָבריק פון די נידעריקע
זעק, פרעמדע פערד, וואָס פאַרגעסן אַ רגע, אַז זיי קייען, שטעלן אָן די אויגן
און קוקן און דערקאָנען נישט די שטאָט.

סוף־כל־סוף האָבן זיך די פורן גערירט פון אָרט. אַרום צוויי אַזייגער
בײַטאָג האָבן זיי אַוועקגעסקריפּעט אַראָפּ־שטאָט מיט דער מיטלסטער לאַנגער
גאַס, הויך באַלאָדן מיט שראַנקען, שאַפּקעלעך און קאַסטנס. פון אויבן,
מלכס צוגעבונדן בעט, און נאָך העכער, אַ פּאָר איבערגעקערטע בענקלעך,
וואָס שטעקן מיט די פיסלעך צום הימל און שאָקלען זיך אַראָפּ, אַראָפּ צום
באַגרינטן בעריזשינעצער וועג.

איצט איז שוין אין שטיבל גאָרנישט ניט געבליבן, אַחוץ הוילע קויִ־
טיקע ווענט און אַחוץ פּאַפּירן, אַ סך צעריסענע פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך
געוואַלגערט דורכויס אויף די פּאָדלאָגעס אונטער די פיס. פון דרויסן אויף
דער טיר איז שוין מער ניט געהאַנגען דאָס שלעסל, און חיים־משהן האָט
מען שוין נאָר זעלטן געזען אין גאַס.

נאָכדעם האָט זיך פּלוצים אײַליק גענומען אָנרוקן דער טאָג מיטן אָוונט
לטובת דער תלמוד תורה. און אַלע זײַנען מיט אַמאָל געוואָרן אומגעדולדיק
און צעיאָצט, ווי אום ערב אַ גרויסאַרטיקער שטאָט־חתונה, ווי אום ערב
חתן־מאָל, אויף וועלכן גאַנץ ראַקיטנע זײַנען מחותנים, אַלע גרייטן זיך
צו טאַנץ.

אין יענעם טאָג האָט מען זיך פריער, ווי תמיד, אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיטאָגם.

מאַמעס האָבן פוז פרימאָרגן אָן געצוואָגן די קינדער; טאַטעס האָבן געמסחרט פּויל. אַז שום זיכערקייט און אָן גלויבן, ווי אויף קאַטאָוועס; ווינ־טיקע הייסע זונען־לופט האָט געבריט און געדינט, בעריעש פּאַרטריבן די שווימענדיקע שטיקער כמארע, דעם חשד פון רעגן, צום עקס־ווייַטן הימל־ווינקל, און אויפן ראָג פון זייַט־געסל, גאָר נאָענט הינטער בראָמבערגס ראָז־געפּאַרבטע הייפלעך, איז שוין געשטאַנען אויסגעפּוצט, אויסגעווייַסט און אויסגעשטעלט דער גרויסער אָפּגעדונגענער מאַגאַזין, ווו דער אָוונט וועט פּאָרקומען. חנהקע ליובער און אסתר פיך זייַנען דאָרטן געבליבן די לעצטע; זיי האָבן אויף גיך פאַרשפּרייט די טישן און זייַנען אַוועק אַהיים זיך איבערטאָן.

מען האָט געשמועסט, אַז די מאַדאַם בראָמבערג האָט אָפּגערעדט מיט צוויי קאָמפּאַניעס כלי־זמר, מיט דער אָרטיקער און מיט דער בעריזשינעצער, אַז אחוצן ספּעקטאַקל, אחוצן געזאַנג מיט דער דעקלאַמאַציע פון די תּלמוד־תּורה־קינדער, וועלן פאָרקומען נאָך צוויי נומערן: אַנשל צודיק וועט נאָכמאַכן אַ פרומען בעל־דרשנס אַ רעדע און איינער אַ גימנאַזיסט פון אַ נאָענט שטעטל וועט קומען אויפן אָוונט איינינעם מיט זייַן שוועסטער דער קורסיסטן און איינינעם מיט איר רייַכן חתן, וואָס וועט זיך לאָזן קאָסטן אַ סך געלט. דער גימנאַזיסט וועט שפּילן אויפן פידל און וועט אין דער זעלבער צייַט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן אויף דער פּיאַנע. מיט אַמאָל איז גע־וואָרן ארום דרייַ אַזייגער בייַטאָג, און איבער דער שטאָט האָט זיך פאַר־שפּרייט די ידיעה, אַז עוזר ליובער איז געקומען. מען איז געוואָרן אַנטציקט: עוזר ליובער האָט דאָך פון תמיד אָן אַרייַנגעטראָגן אויף אָט דעם אָוונט מער הכנסה, איידער אַלע איבעריקע. דאָס איז געווען זייַן חזקה.

מען האָט געשמועסט:

— נו, ווי געפעלט אייַך, עוזר ליובער?

— זע נאָר, ער האָט דאָך טאַקע אין זינען געהאַט אָנצולויפן פונקט צום אָוונט.

מען האָט גענומען אייַלן מיטן איבערטאָן זיך. און פּלוצים, ווי אומגע־ריכט האָבן אויפן ראָג לעבן בראָמבערגס הייפל אַ זעץ געגעבן ביידע קאָמ־פּאַניעס כלי־זמר מיט אַמאָל, אַ קלאַפּ געטאָן דעם ערשטן מאַרש מיט ביידע קליינע און גרויסע פּויקן, מיט אַלע מעשענע טרובעס און מיט אַלע פליטן און פידלען. מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טירן קוקן: אַ פאַרשטאַרקטער היציקער ווינט האָט מיט אַמאָל געגעבן אַ פּאַטש איבערן גאַנצן שטויב,

וואָס אויף דער לאַנגער מיטלסטער גאַס, געגעבן אים אַ הייב אויף אין דער לופט, איינגעהילט אין אים די טענער און האָט אוועקגעיאָגט אַראָפּ אַראָפּ, צום ווייטן ווינקל, וווהין ער האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן געטריבן די שוואַרצע שווימענדיקע שטיקער וואָלקן. און פון אַקעגן, פון יענעם עק־שטאָט, וואָס גרינט אוועק צו גויאישע הײַזער צו, האָבן זיך שוין אַהער געטראָגן גאַנצע הערטן באַרוועסע שקצימלעך און פילפאַרביקע שיקסעס; אַ באָרוועסע ניאַנקע האָט אַהין אוועקגעטענצלט מיט היפּנדיקע טריט, מיט אַ צעטרייסלט וויג־קינד אויף די הענט, און מיט דאָרשט צו פרייד, צו קלאַנג פון מעשענע געשרייען און פון הילכיק קלינגענדיקע טאַצן. און כלי־זמרישע כלים האָבן נאָך אַלץ אַהין געבעטן און גערופן, נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אונטערטרײַבן די, וואָס קעמען זיך איבער בײַ זיך אין דער חיים. אַ פּאָר נאַקעטע אַקסלען האָבן אויף אַ רגע אַ שווינדל געטאָן אין אַ געעפנטער טיר, אַ פּאָר נאַקעטע אַקסלען פון אַ פרוי, וואָס טוט זיך איבער; אַ נאַקעטע יונג־מיידלשע האַנט האָט זיך דאָרטן אויסגעצויגן אַ קניפּ צו טאָן דאָס קליינע ברודערל, וואָס זאָגט זיך איצט אָפּ פון צו פאָלגן אַ גאַנג. און די מיטלסטע גאַס איז שוין געוועז רויק און איינגאַנצן פּוסט; מען האָט דאָרטן קיינעם ניט געזען. מיט אַ געפּודערט פּנים און מיט צופיל פּעטע פרישע געקעמטע האָר האָט דאָרטן נאָר אַדורכגעײַלט די נײַע קורץ־געזלדיקע ראַבינערשע. זי האָט אויפן אָוונט אָנגעפירט דעם בופעט און האָט באַדאַרפט קומען אַהין די ערשטע.

עולם האָט זיך אויפגעקליבן אין מאַגאַזאַן, שוואַרצע און ווײַסע פלעקן האָבן געבלאָנדזשעט אין זײַן צוגעגרייטן קיל, נאָר אין מאַגאַזאַן איז נאָך אַלץ געוועזן גראַם: ער איז געוועזן גרויס, שטאַרק גרויס.

נאָענט בײַ דער טיר, לעבן די כלי־זמר האָבן אַ פּאָר מיידלעך־חברטעס געפּרוּווט זיך אַ דריי טאָן דעם וואַלץ, וואָס די כלי־זמר שפּילן גלאַט אַזוי פאַר זיך. נאָר ניט אַרויסגערופן קיין שום אינטערעס בײַ די אַרומיקע, ניט אויסגענומען, און מיט אַמאָל איבערגעריסן, אויפגעהערט, זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען חרטהדיק, מיט שולדיק שמייכלענדיקע פּנימער. אין אַ שוואַרצן שוואַרצן אַנצוג און מיט אַ צופיל ווײַסן געפּרעסטן קראַגן, אַ גראַמלעכן, ווי אַ געלעגענער, האָט דורכגעבלאָנקט דער פּאַרוואַלטער פּרעגער און גענומען נישטערן און זוכן, אויפקלייבן די תלמוד־תורה־ייִנגלעך און זיי שפּאַרן אין ווײַטן ווינקל הינטערן אַראָפּגעלאָזטן סצענע־פּאָרהאַנג. זיך געיאָגט צעדול־טערהייט, האַלב הייזעריק און האָט געשריען. באַלד האָט דער עולם אָנגע־הויבן זיך אַרײַנשפּאַרן און וואַקסן. די לופט אין זאַל איז געוואָרן טונקל.

מען האָט גערעדט אַלע אײנאײנעם, און אין דרויסן איז עמעצער געקראָכן אויפן דאַך. מען האָט געשיקט אַראָפּשלעפּן פֿון דאָרטן דאָס פּריילעך צע־הוליעטע שייגעצל, וואָס קריכט משוגענערווײַז אויפן דאַך, נאָר אַרויס־שפּאַרן זיך אין דרויסן איז געווען כמעט ווי אוממעגלעך, אַזוי פֿיל עולם האָט דאָרטן שוין געשטעקט, זיך געפּרעסט און געשטופּט בײַם טויער. פֿון הינטן אין סאַמע עק פֿון אָט דעם עולם איז געשטאַנען די האַלב־קראַנקע יצחק־בערעכע, געפּרוּווט אַ פּאָר מאָל זיך דורכשלײַכן, נאָר אַלעמאָל אָפּגע־שטויסן געוואָרן און געבליבן אומבאַהאָלפֿן און ווײַט פֿון הינטן.

— זעט נאָר, איך בעט אײַך, האָט זי זיך געקלאָגט, ס'איז דאָך גאָר ערד־טרעטעניש, ממש ערד־טרעטעניש.

זי איז געווען אָנגעטאָן שבתדיק מיטן נײַעם זײַדענעם קאָפּ־טיכל און האָט געהאַלטן אײַנגעקניפּט אין עק נאָז־טיכל דאָס ביסעלע געלט, וואָס זי וויל געבן צו לייזן לטובת די אָרעמע תלמוד־תורה־יינגלעך. איר איז דאָ סוף־כל־סוף געקומען צו הילף שאולקע שנײַדער, שאולקע שנײַדער, וואָס העלפֿט דאָ איבערטראָגן די טישן און אויסשטעלן די בענק.

— לאָזט דורך! האָט ער געשריען, ס'איז די יצחק־בערעכע.

ער האָט זי אָנגענומען, ווי אַ קליין קינד, פֿאַר דער האַנט און זי גענומען נאָך זיך שלעפּן, שלעפּן און שטופּן זיך, טרעטן אויף פֿיל באָרוועסע שיקסע־פֿיס. און פּלוצים האָבן די כלי־זמר אין מאַגאַזין גענומען שפּילן אַן אײַלנדיקן „וויוואַט“. און פֿון אָנהויב איז מען געווען פֿאַרוווּנדערט; מען האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז לכבוד דער אַרײַנגעקומענער מאַדאַם בראָמ־בערג, וואָס האָט אַלע יאָר דעם גרעסטן חלק אין אָט דעם אָוונט. דער דאָקטער גראַבײ אַליין האָט איר געזאָגט, אַז ער הייסט שפּילן פֿון אירעטוועגן אָט דעם „וויוואַט“, און אַלע האָבן איר גענומען פּליעסקען, מען האָט זיך געזעצט צו די לאַנגע ווײַס געשפּרייטע טישן, וואָס פֿאַרבײַ די ווענט, און מען האָט גענומען טרינקען טיי.

חנהקע ליובער איז נאָך אַלץ געשטאַנען קעגנאיבער דעם בופֿעט לעבן דער נײַער ראַבינערשע. געשטאַנען אינעם ווײַס געשטיקטן האַלב־טיולענעם קלייד און אין די לאַנגע ווײַסע הענטשקעס אָן די פֿינגער און האָט זיך געשטאַרקט. דער פֿאָטער אירער איז פּלוצים געקומען פֿון וועג מיט צען מינוט פֿריער, איידער זי האָט באַדאַרפֿט אַהער אַוועקגיין; מאָטיק — איז דאָרטן געבליבן מיט אים אַליין. זי האָט שטייענדיק דאָ, קעגנאיבער דעם בופֿעט, געמוזט האַלטן קאָפּ און געדענקען, וויפֿיל מען דאַרף לייזן פֿאַר יעדער מאכל, וואָס צווישן די בלומען. און פּלוצים האָט זי אין מיטן זאָל דערזען חיים־משהן אין זײַן גרויען וואָכעדיקן יעגער־רעקל. אַזוי איז ער

אהער אַרײַנגעקומען: צעטראָגן, און אומגעריכט, און פּשוט אין זײַן גרויען וואָכעדיקן רעקל, ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זײַטן, ער האָט געזוכט עמעצן מיט די אויגן.

— חנהקע, חנהקע! לאָזט דורך!

זי האָט געמוזט דורכלאָזן צווישן זיך און בופעט דער מאַדאַם בראָמ־בערגס גרויסן אויפגעזאָדערטן וואַקזאַל־סאַמאָוואַר, וואָס צוויי מענטשן האָבן אים געטראָגן. זי האָט אָפּגעטראָטן אַביסל אין אַ זײַט, נאָר דאָרטן אין דער טיף לעבן חיים־משהן איז שוין געשטאַנען חוה פּויזנער אין איר גלאַטן דעקאָלטירטן שוואַרצן קלייד און אויף די שטאַרק הויכע שיך־קאָר־קעס. אויף אַ רגע האָט ער זיך פֿון דאָרטן באַגעגנט מיט חנהקעס אויגן. דעמאָלט האָט זיך חנהקע אויף אַ רגע אָנגעבויגן צו אַ יונגער מוטער מיט אַ קליין מיידעלע, וואָס פּאַרדרייט די יאָר און האַלט אין איין קלײַבן צווישן די זיסע זאַכן אויפן בופעט. חנהקע האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז דער גאָרסעט איז אויף איר ענג, שטאַרק ענג, איר האָט פּאַרקלעמט בײַם האַרץ:

— וואָס ווילסטו, מיידעלע?

און אַז זי האָט זיך צוריק אויסגעגלײַכט, האָט זי שוין דערזען חוה פּויזנער זיצן מיט חיים־משהן אויפן רויטן סאַמעטענעם סאָפקעלע, וואָס אין ווינקל עק. ער האָט אַלץ געוואָרפן בליקן אַהער צום בופעט צו, חיים־משה, נאָר ער האָט געשמייכלט, געהערט, וואָס חוה פּויזנער דערציילט אים, און האָט געשמייכלט.

אַלע האָבן דאָ געוואָלט כבוד, ווי אויף אַ חתונה.

אסתר פּיך האָט זיך באַלד צעקריגט מיט אַ פּאָר ווײַבער, וואָס זײַנען אַליין געקומען מיט די גלעזער צום סאַמאָוואַר זיך אָנגיסן טיי. אסתר פּיך האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן זײַן אַזוי גוט און אַנידערשטעלן די גלעזער, זיך אַנידערזעצן אויף זייערע ערטער און וואַרטן, מען וועט זיי דערלאַנגען. נאָר די ווײַבער האָבן געענטפערט, אַז זיי זײַנען שוין גענוג געזעסן און האָבן שוין גענוג געוואַרט, זיי האָבן באַצאָלט פּאַרן אַרײַנגאַנג גלײַך מיט אַלעמען; זיי האָבן ניט געקלערט, אַז דאָ גיט מען כיבוד נאָר אייגענע, באַקאַנטע. דערויף האָט זיי אסתר פּיך געענטפערט, אַז זיי זײַנען ביידע „נאַכאַלקעס", זיי קענען נעמען זייער געלט צוריק און זיך גיין געזונטערהייט. די ווײַבער האָבן זיך באַליידיקט און האָבן געמאַכט אַ גוואַלד, נאָר אסתר פּיך האָט געשריגן, אַז קיין טיי וועט זי שוין ניט געבן, זיי זאָלן אַפילו צעשפּרונגען ווערן. ס'האָבן זיך געמוזט אַרײַנמישן זײַטיקע און זיי אײַנגעשטילט. די כלי־זמר האָבן דערפאַר אויפגעהערט צו שפּילן, און אַלעמען איז מיט אַמאָל

געוואָרן לאַנגווײַליק און ניט גוט. אַלע האָבן מיט אַמאָל באַקומען אַזאַ געפּיל, גלײַך מיט זייער קומען אהער זײַנען זיי אויסן געווען ניט קיין שיינע כוונות. דערנאָך האָבן די כלי־זמר נאָכאַמאָל אָנגעהויבן שפּילן, און מיידלעך האָבן נאָכאַמאָל אָנגעהויבן טאַנצן. געפּרוווט מיט אַ כוונה צו פאַרגעסן אָן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, נאָר פאַרגעסן ניט געקאָנט.

אויבנאָן, ווי מחותנים בײַם אָנגעזעענעם ווײַס געשפּרייטן טיש, זײַנען געזעסן צוויי גבירים פון שטאָט, עוזר ליובער און ז׳ער יונגער בראָמבערג. ביידע אין שוואַרצע סורדוטן, ביידע שווערלעכע, בכבודיקע, מיט אַזעלכע ריין אויסגעזייפטע האַלדז־און־נאַקנס, גלײַך זיי האַלטן זיך תמיד אין דער היים אין איין צוואָגן, נאָר ביידע אָרטיקע שטאַרק־האָנערדיקע, און דערפאַר וואָכעדיק קאַלטע, גלײַכגילטיקע צו דעם, וואָס מען האָט זיי דאָ אָנידערגע־זעצט איינעם אקעגן אַנדערן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווילן אויף צו להכעיס איינער מיטן צווייטן ניט ריידן. דער יונגער בראָמבערג האָט דאָך פון הוילער לײַטישקייט וועגן געגעבן אַזאַ קנייטש מיט די קורצזיכטיקע אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, וואָס האָט ער געזאָגט אויף אַט דעם אָוונט פאַראַיאָרן. ער האָט זיך סוף־כל־סוף אַ שאָקל געטאָן.

— וואָס אמת איז אמת, האָט ער געזאָגט, דער פאַרוואַלטער פרעגער האָט פאָרט געמאַכט אַ לײַט פון דער תלמוד־תורה.

נאָר עוזר ליובער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קליינעם חכם. אים איז ניט אָנגעגאַנגען, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט זיך דערפאַר צו אים ניט אומגעקוקט און האָט ווי פריער געקלאַפּט מיט די פינגער אויפן טיש, ווי אין אַ פאָרטעפּיאַן. ער איז געווען באַוועגלעכער און לעבעדיקער פון אַלע טאַטעס. פון אים האָט געשמעקט מיט שטאַרקן אָדעקאָלאָן, מיט טײַער שטיקל זייף, און אין גאַנצן מיט זײַן פריש צעקעמטן רויטלעכן בערדל, וואָס קומט אָן אָקאָרשט הײַנט פון וועג, האָט ער דערמאָנט אָן דער גויקע, מיט וועלכער ער וווינט. די גילדענע פענסנע האָט געריסן האָפערדיק אויף זײַן גראָבלעכער נאָז, און אַליין האָט ער געהאַט אַזאַ פריילעך אויסזען, גלײַך ער איז תמיד גרייט צו זאָגן:

— אַ חיות, בנאמנות, אויסצעוואַקסן אין אַ קורצער צײַט מיט אַ גרויסער און רויטער דרײַ־גאָרנדיקער מיל, מיט אַן אייגן טשיקאַווע הויז און מיט אַ נאָמען און מיט אַן אַרויסגעשטעלטער פּײַג איבער דער גאַנצער געגנט.

אויף אַ רגע איז דאָ דורכגעגאַנגען דער דאָקטער גראַביי, געוואָלט, אַפּנים, זיך פאַרהאַלטן לעבן חוה פּויזנער מיט חיים־משהן און עפּעס זאָגן. נאָר באַלד אַוועק צוריק צום בופעט און געהייסן דאָרטן פאַרמאַכן דאָס

פענסטער, וואָס מען האָט שוין ווידער געעפנט פונקט אנטקעגן דער טיר. סוף־כל־סוף זײַנען דאָ איצט געווען אַלע זײַנע פּאַציענטן; אויב עמעצער פון זיי וועט כאַפּן אַ צוג־לופט, וועט עס סײַ־ווי־סײַ אויסגיין צו זײַן קאָפּ.

— אײַ, איר דאַרטן! האָט ער געשריגן, פאַרמאַכט, וואָס שטייט איר?

און אַז ער האָט זיך אַהער אומגעקערט, האָט מען שוין געקלונגען צום דריטן מאָל. אַלע האָבן זיך אויף גיך אויסגעזעצט אויף די בענקלעך, און די סצענע האָט זיך געעפנט, ס'האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ וואַלד: קינדער האָבן געבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. די ערשטע צוויי קינדער האָבן אָפּגערעדט, אַז זיי לאָזן זיך אין צוויי פאַרשיידענע זײַטן זוכן דעם וועג. פּלוצים האָבן אַלע די, וואָס זיצן אויף די בענקלעך, אין דער טונקלקייט גענומען דרייען די קעפּ צום גרויסן טויער פון אַרײַנגאַנג; אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן שעפּטשען, אַז דעסלער איז געקומען:

— דעסלער פון בעריזשינעץ.

די מאַדאַם בראָמבערג איז אים געגאַנגען באַגעגענען. די קינדער אויף דער סצענע האָבן זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן. דער ספּעקטאַקל האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. און נאָכדעם האָט מען שוין אין די רײַען גערעדט די גאַנצע צײַט, וואָס דער ספּעקטאַקל איז געגאַנגען. קיינער האָט ניט געהאַלטן פון דעסלערן, און אַלע האָבן זיך דאָך געהויבן פון די ערטער, כדי צו זען אים אין פּנים. און נאָכדעם האָבן זיך שוין אין אַ ווײַטן ווינקל אין עק געהאַלטן אין איין סודען דער גימנאַזיסט פון נאָענטן שטעטל, זײַן שוועסטער די קורסיסטקע און איר חתן, וואָס האָט זיך דאָ געזאָלט לאָזן קאָסטן אַ סך געלט. אַלע זײַנען זיי געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, אַלמאַי מען האָט זיי דאָ אָפּגעגעבן ווינציק כבוד, און האָבן איצט, אינמיטן ספּעקטאַקל געוואָלט אוועקפאָרן אַהיים. מען האָט צו זיי אונטערגעשיקט חנהקען, וואָס האָט פאַר זיי שיער ניט געוויינט:

— מען וועט זיי אָפּגעבן אַן אָרט אָט בײַ יענעם באַזונדערן טיש. מען פאַרזיכערט זיי, אַז זיי וועלן זיך דאַרטן פילן גוט.

און פּלוצים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיט חנהקען, מיט חנהקען אַליין איז דאַרטן עפּעס געשען.

מען איז געגאַנגען צו איר הינטערן בופעט אינעם פאַרהאַנגענעם האַלב־פינצטערן ווינקל, ווו די טישן זײַנען געווען פול מיט אָנגעשניטענע גע־בעקסן און מיט געפּעס. געגאַנגען איז אַהין אויך עוזר ליובער. מען האָט איר דאַרטן געגעבן אַ זופּ טאָן וואַסער און מען איז געוואָר געוואָרן, אַז ס'איז איר גאָרניט, חנהקען, זי זאָגט זיך אָפּ פון צו גיין מיטן פאָטער אַהיים, זי וויל דאָ בלײַבן אויף ווײַטער. דעמאָלט האָט מען זיך אומגעקערט

צוריק אין מאַגאַזאַן און מען האָט דערזען, אַז דער ספּעקטאַקל האָט זיך שוין געענדיקט, מען רוקט אָפּ אַלע טישן אין אַ זײַט צו די ווענט, און שאַולקע שנײַדער באַגיסט די ערד פֿון מאַגאַזאַן פֿון אַ טשײַניק, כּדי דער שטויב זאָל זיך אָפּזעצן. מען שטעלט שוין ווידער נײַגעריק אין אַ גרויסער קײַלעכיקער ראָד און מען וואַרט אַלץ עפּעס נײַעס.

מען האָט געהייסן שפּילן די כּלי־זמר.

אַרום איינס אַזייגער בײַנאַכט איז עמעצער אַנטדרימלט געוואָרן אין עק מאַגאַזאַן אויף אַ בענקל. אַנטדרימלט געוואָרן זיצנדיק און אָפּגעדרימלט אַזוי אַ ווײַלע מיט אַ צעשאָקלטן קאָפּ, וואָס באַמבלט זיך פֿאַרלוירענערהייט אַראָפּ און אַרויף, נאָר פּלוצים געגעבן אַן אומגעריכט צעשראָקענעם בליק מיט די שווערלעכע פֿאַרשלאָפֿענע אויגן אַקעגן זיך און האָט דאָס אָרט ניט דערקאָנט, אַזוי פֿאַרענדערט און טיף נאַכטיק האָט אויסגעזען אַלץ אין מאַגאַזאַן: ס׳האָבן זיך געזעצט אַלע דרײַ הענגענדיקע בליץ־לאָמפּן און זיך געוויקלט צי אין נעפּל, צי אין שטויב. אויף דער פּויק איז שוין לאַנג, אַפּנים, געהאַט אַנדרימלט געוואָרן די טאַץ, און געקלאַפּט האָט זי דערפֿאַר איינטאָניק, פֿויל און פֿון זיך, ווי אין חלום. די כּלי־זמר האָבן געשפּילט דרימלדיק און מיד, און דער עולם אין דער גרויסער בלײַענער ראָד האָט נאָך אַלץ, ווי פֿאַרשיכּורטע, ווי אויפֿצעפּוקעניש עמעצן אַ שטאַרקן און גרויסן, זיך געריגלט אין אַ פֿאַרשוויצטער שווינדלענדיקער אײַלעניש, גע־היפּעט און געטופּעט דעם מאָדנע לאַנגן טאַנץ, זיך אָפּגעשטעלט אַלע ווײַלע מיט אַ שטאַרקן אָפּגעהאַקטן קלאַפּ פֿון פּויק, געלאָזט אַן אָטעם טאָן די כּלי־זמר און זיך ווידער אַמאָל גענומען דרייען און אויפֿהייבן דעם שטויב.

דעסלער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעבן דער מאַדאַם בראָמבערג זײַן שמעקנדיק געלט אין קאָנווערט און איז פֿאַר פֿרי אוועקגעפֿאָרן אַהיים. עוזר ליובער מיט בראָמבערגן האָט מען שוין דאָ אויך מער ניט געזען, און יונגוואַרג איז דערפֿאַר געוואָרן פֿרײַ און לוסטיק. דער גימנאַזיסט אין מיטן דער טאַנצנדיקער ראָד האָט באַוויזן, ווי אַזוי צוויי מענטשן קאָנען זיך אָנהאַל־טן איינער אָן צווייטן און גיך דרייען זיך אַזוי משוגענערווײַז, אַז דער קאָפּ זאָל זיך שווער פֿאַרדרייען און זיי זאָלן נאָך אַלץ שמייכלען, אָפּאָטעמען מיטן לעצטן אָטעם און שמייכלען און ווידער אַמאָל זיך נעמען דרייען, זיך הילן אין גאַנצע וואָלקנס שטויב.

— אוי, ס׳שטיקט...

— גייט אַרויס פֿון דאַנען.

אסתר פּיק האָט געהאַט קראַנקע לונגען. דער דאָקטער גראַביי האָט זי עטלעכע מאָל אַוועקגעשיקט צו דער אָפּענער טיר, נאָר זי איז געווען אַביסל אויסגעטרונקען און האָט געוואָלט זײַן דווקא דאָ, ווו ס׳זיצן דער דאָקטער מיט חיים־משהן.

— ניין. זי וועט זײַן דאָ. זי וועט דאָך ניט לאָזן, אַז דער דאָקטער מיט חיים־משהן זאָלן אַוועקגיין, איידער ס׳ווערט טאָג. פאַר־אַ־יאָרן אויף אָט דעם אָוונט איז געווען מלך, און אויך אים האָט מען דעמאָלט ניט געלאָזן אַוועקגיין, איידער ס׳וועט אָנהויבן טאָגן, זי און נאָך אַ נײַער, אַ מענטש האָבן אים דעמאָלט ניט געלאָזן. איצט איז אָט־דער מענטש אָפּגעגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, אויפן צווייטן פּלאַן... איר קוקט אים איצט אָן, אָט דעם מענטשן?... כי, כי, כי...

און זי האָט גענומען ווינקען אויף חוה פּויזנער, וואָס זיצט ווי פאַר־גאַפּט איינע אַליין אין עק מאַגאַזין אויפן קורצן סאַמעטענעם סאָפעקלע.

אין יענעם אָוונט האָט פּרעגער דער פּאַרוואַלטער באַוויזן פון ס׳נײַ צו באַליידיקן חוה פּויזנער און זי אָנרירן מיט אַ פּאָר ווערטער, אַזוי, אַז זי זאָל ווערן שטאַרק אויפגעבראַכט און רויט און זאָל זיך נאָכדעם קיין אָרט ניט געפינען אַ גאַנצן אָוונט. פון אָנהויב האָט זי געפּרוווט ריידן פאַרן דאָקטער אויף אָט די אַלע ייִדישע יונגעלײַט, וואָס טאַנצן.

— קוקט, ווי זיי שפּרינגען, האָט זי געזאָגט צום דאָקטער, ס׳אַרא מיאוסע באַוועגונגען; קוקט, ווי זיי זײַנען אַלע העסלעך.

אַלץ אין זיי איז, נאָך איר מיינונג, געווען עקלדיק. זי, חוה פּויזנער, האָט בכלל אין משך פון איר לעבן אַזוי זעלטן וועגן זיי געטראַכט.

— איינמאָל זײַנען צוויי פון זיי אַרײַנגעקומען צו איר אַ היים. זי איז נאָך דעמאָלט געלעגן אין בעט, נאָר זי איז געווען גרייט זיי גלײַך אַרײַנ־צולאָזן צו זיך אין צימער, אויף אַזוי פיל האָט זי זיי ניט גערעכנט פאַר מאַנסבילן.

חוה פּויזנער האָט אויך געפּרוווט זיצן אַ ביסל מיט חיים־משהן און אים פאַראינטערעסירן.

— יצחק־בער דאַרף זײַן, נאָך איר מיינונג, אַן אינטערעסאַנטער מענטש, אַן אָפּגעשלאָסענער, ער גלויבט זייער ווייניק מענטשן.

נאָר חיים־משה האָט נאָר געהערט און מער גאָר, געהערט און גע־שמייכלט, גלײַך אויך ער איז עפּעס ווי אָנגעשטויסן אויף איר, אויך ער גלויבט איר ניט.

סוף־כל־סוף איז חוה פּויזנער געבליבן זיצן איינע אַליין אויפן קורצן סאַמעטענעם סאָפעקלע און גענומען וואַרטן ס׳זאָל טאָג ווערן.

— געשיקט זיך, אַז דאָ וועט זיך ניט געפינען קיינער, וואָס זאָל זי איצט באַגלייטן אַ היים!?

זי האָט געקוקט, ווי דער עולם טאַנצט און הויבט אַרום זיך דעם שטויב, און געפילט, אַז דאָרטן אין ווינקל, קעגנאיבער די פאָרהאַנגען, ווו ס'שטייען די טישן מיטן געפעס און מיטן געבעקס, האַלט זיך עפּעס אין איין טאָן, מען האָט זי דאָרטן אין מויל.

אַך, יאָ. דאָרטן הינטערן פאָרהאַנג אינעם האַלב־פינצטערן ווינקל האָט זיך די גאַנצע צייַט עפּעס געטאָן.

שאולקע שנייַדער האָט דאָרטן באַקומען זייַן לוין דערפאַר, וואָס ער האָט געהאָלפן אויפן אָוונט באַדינען; ער האָט געזופט פון אַלע ניט אויס־געליידיקטע פלעשער. געטרונקען האָבן דאָרטן, חוץ אים, פרעגער, אַנשל צודיק און אויך אסתר פיך. אסתר פיך האָט דאָרטן ווי אַ מאַנסביל גע־פרווט אַרייַנגיסן אין זיך עטלעכע פּשוטע ביסלעך בראָנפן און האָט געהאַלטן אין איין לאַכן אויף איר דינעם פאַנפעניקן קולכל. פרעגער האָט דאָרטן געפרווט אַלעמען אייַנשטילן; ער האָט גערעדט אויף אַלע לייַטישע און געהויבענע ראַקיטנער בעלי־בתים. נאָר דער אויסגעטרונקענער אַנשל צודיק האָט ניט געוואָלט הערן און איז געבליבן שטאַרק אויפגעראַמט און צופרידן. ער האָט געקוואָלן פון זיך, אַנשל צודיק אַליין, פון דעם וואָס ער אַליין טרינקט, און פון דעם, וואָס ער אַליין פאַר זיך רעדט אויף חוח פוויזנער.

— אַ קרעפּס! האָט ער געשריגן, אויפן ערן־וואָרט, אַ קרעפּס!

און ער האָט אַלץ געטייַט מיטן פינגער אַהין צום סאַמעטענעם סאָפ־קעלע, ווו ס'זיצט חוה פוויזנער.

שיכורערהייט, מיטן גלעזל אין האַנט, איז ער אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו עמעצן פון די אַרומיקע, צוגעגאַנגען מיט אַזאַ מינע, גלייַך ער האָט מורא, אַז יענער וועט אים נעמען קיצלען, און גענומען עפּעס שעפּטשען אויפן אויער. אים איז אַרויף אויפן זינען אַ גלענצנדער אייַנפאַל:

אַ קרעפּס האָט אַ שטיקל צייַט, ווען ס'פאַלן אים אַראָפּ פון די קלעמערס די האָרנבײנדלעך, ער האָט זיך דעמאָלט ניט מיט וואָס צו קנייַפּן, ער פאַרקלייבט זיך דאַן אין אַ ווינקעלע, ווי אַ סטאַטעק, און וואַרט איבער די שלעכטע צייַט. איז אָט:

— פונקט ווי חוה פוויזנער איצטער...

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער געדאַנק איז אַ גלענצנדער. נאָר קיינער האָט אים ניט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף. שיכורערהייט איז ער נאָכאַמאָל

מיט אָט דער המצאה צוגעשטאַנען צו חיים־משהן; ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז שוין איינמאָל צו אים צוגעשטאַנען.

— טוט אויף איר אַ קוק, האָט ער אַנגעקוואָלן.

נאָר חיים־משה האָט ווידעראַמאָל גלײַכגילטיק אויסגעהערט. ער האָט בכלל אויסגעזען גלײַכגילטיק צו אַלץ, וואָס דאָ אויפן אָוונט קומט פאָר. ער האָט אַלץ געמאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, גלײַך ער זוכט עמעצן מיט די אויגן. נאָר סוף־כּל־סוף איז ער אַרויסגעגאַנגען צום אָפענעם טויער פון מאַגאַזין און זיך געשטעלט וואַרטן, ס'זאָל טאָג ווערן. פון הינטן, הינטער די פּלייצעס האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט די פּויק. ס'האָבן זיך נאָך אַלץ געזעצט די לאָמפּן, און פאַר די אויגן האָט זיך געבלאַנקט דער אינעווייניק־סטער ציכטיקער פּאַסאַד פון בראָמבערגס אַרומגעפּוצטן ראָז־געפאַרבטן הויז. ערד־מאַשינעס האָבן זיך דאָרטן געשוואַרצט, געגרינט אין לאַנגע, לאַנגע שורות, און שפּײַכלערס האָבן געדרימלט אין דער זײַט, פולע שפּײַכלערס, זיבערע אַזעלכע און באַשטאַטע, באַשטאַטע. מאָדנע, ווי פעסט ער האָט זיך דאָ אײַנגעפונדעוועט, אָט דער פּאַמעלעכער, קורצזיכטיקער און פולבלעכער בראָמבערג. נאָר אָט: וואָס פאַר אַ נאַרעשקייטן עס קומען איצט אַרויף אים, חיים־משהן, אויפן זינען... וואָס גייט עס אים אָן? ס'איז אפשר גלײַכער, וואָס ער איז סוף־כּל־סוף ניט צוגעגאַנגען צו חנהקע ליובער. און די נאַכט, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט? ער האָט פון אָנהייב אָן אַזוי געטראַכט: „תמיד שלאָפט מען ניט אַ נאַכט, איידער מען פירט אויס אַ געוויסן ענין". נאָר אָט אַקעגן הויבט שוין אָן גרוי ווערן און טאָגן, דער פײַכטער סוף פון נאַכט. ס'איז דאָ מער גישט געבליבן וואָס צו טאָן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין מאַגאַזין אַרײַן, צו די הענגענדיקע לאָמפּן, וואָס זעצן זיך נאָך אַלץ אין נעפּל; אייגנטלעך דאַרף ער, חיים־משה, זיך מיט קיינעם דאָ ניט געזעגענען. ער מעג גיין.

ער איז געגאַנגען איינער אַליין מיט דער סוף־נאַכטיקער גרויקייט אַרום דער שטאָט, געשפּאַנט שמײַדיק מיטן טויאיק־פּײַכטן שטויב אויפן וועג און האָט נאָך אַלץ אין זינען געהאַט דעם פריערדיקן געדאַנק:

תמיד שלאָפט מען ניט אַ נאַכט, איידער מען פירט אויס אַ געוויסן ענין.

צוריק מיט אַ יאָר האָט אויף אָט דעם אָוונט פּונקט אַזאַ נאַכט פאַר־בראַכט מלך. נאָר מלך איז אין דער פרי אַוועק פון דאָרטן רויק, מיט זײַן שטענדיק שעמעוודיקן שמייכל, מלך האָט געטאָן אַנדערש. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ נאַכט פריער, איידער ער איז שטיל אַוועקגעגאַנגען.

ער איז געווען אויסגעהאַלטן ביזן סוף, מלך, און האָט געשמייכלט. אויב שטומער, נאָר „שטומער פּראָטעסט״, איז קיינעם ניט פאַרווונדערן. אָך יאָ, ער, חיים־משה, האָט שוין, דאַכט זיך, איינמאָל וועגן דעם געטראַכט:

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי שטיל אַוועק, מלך?

— דו ווייסט, חיים־משה.

— כדי ניט אויפצעוועקן קליינע קינדער?

— יאָ, חיים־משה, זאָלן דרימלען קינדער; זאָלן דרימלען קינדער מיט בלאַסע בעקלעך.

— אָבער ס׳איז דאָך הוילער שד, מלך, הוילער שד, אין גוטסקייט און אין שעמעוודיקן שמייכל...

ער איז אַריבערגעקראָכן דעם וואַלד־טויער און האָט געטראָפן די טיר פון יצחק־בערס דרימלדיקן שטיבל, ווי אין שטילער וואַרטעניש, ניט פאַררינגלט פון אינעווייניק. אָך מאָדנע... מאָדנע, ווי אָט דער יצחק־בער האָט זיך תמיד פאַר אים, חיים־משהן, געזאָרגט. דאָס האָט ער, אפנים נעכטן אין אָוונט אין זינען געהאַט דאָ אַרומצוגיין און פאַרמאַכן צו דרויסן די לאָדנס פון זיינעם, חיים־משהס, צימער; ער האָט אין זינען געהאַט ניט צו פאַרריגלען פון אינעווייניק די טיר, כדי ער, חיים־משה, זאָל ניט דאַרפן קלאַפּן.

ער איז שטיל אַריינגעקומען צו זיך אין צימער און האָט פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר, און ערשט נאָכדעם באַמערקט, אַז ער האָט אין דרויסן פאַרגעסן עפענען די לאָדנס פון זיינע פענצטער. נאָר אומקערן זיך און עפענען איז געווען איבעריק. דער גרויער אָנהייב־טאָג האָט שוין סיי־ווי אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַלטן און האָט געלויכטן. ער האָט זיך צוגע־לייגט אויפן בעט און איז אַזוי אָפּגעלעגן לאַנג, לאַנג, מיט אָפענע אויגן אַקעגן דער סטעליע.

וואָס איז איצט געבליבן צו טאָן?

זיך שלעפּן פאַר די האָר און אויפרייסן, ווי ס׳פאָדערט יצחק־בער, „נתגלה״ ווערן און טאָן דעם שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר, אָדער נאָכגעבן דעם געפיל, וואָס האָט היינט אַ גאַנצע, אַ גאַנצע נאַכט צו איר, צו חנהקען, געצויגן, נעמען מיט זיך חנהקען אַהין צוריק אין דער גרויסער שטאָט, און זאָל זי זיצן דאַרטן ביי אים הינטערן פאַרהאַנג, זאָל זי הערן, ווי ער קנעלט מיט היפּשע יינגלעך און מיט מיידלעך מיטן אַלטן ניגון פון פּרק...

„אי טאַק טשעמו ראַווניאַיעטסיאַ. $(2+b)^2$״

און נאָך אַן אויסוועג איז פאַראַן, נאָך אַ מיטל:

— אָך יאָ, מאָדנע, ער געדענקט עס נעוויס...

איינמאָל, שאַרנדיק בײַ מלכן אין שופלאָד צווישן זײַנע פּאַפּירן, האָט ער געפונען אַ קליין פּעקעלע מיט אַ שוואַרצן מענטשן־שאַרבן אויפן עטיקעטל און מיט צוויי איבערגעצלמטע ביינער. ער האָט עס דעמאָלט אַראָפּגעלאָזן צו זיך אין הויזן־טאַש, נאָר ער געדענקט ניט, וווהין ער האָט עס נאָכדעם אַהינגעטאָן.

ער קאָן זיך בשום אופן ניט דערמאָנען, וווהין ער האָט עס דעמאָלט אַוועקגעלעגט.

ער איז מיט אַמאָל געוואָרן אומרויִק. ער האָט אויף גיך אַרויסגערוקט פון הינטערן קאָמאָד זײַנע צוויי טשעמאָדאַנעס און האָט געשווינד גענומען אין זיי זוכן. ער איז אַזוי געשטאַנען אויף די קני לעבן די טשעמאָדאַנעס און האָט געהאַלטן אין איין נישטערן אין זיי און זוכן. און פּלוצים האָט ער מיט אַמאָל אויפגעהערט; ער האָט אָנגעשטעלט אַן אויער צו דער שײַן פון איינעם אַ לאָדן־שפּאַלט און האָט זיך גענומען אײַנהערן:

מען האָט געקלאַפּט אינעם לאָדן, שטיל אַזוי און ניט זיכער האָט מען אין לאָדן געקלאַפּט, אָפּגעהיפּערט אַלע מאָל אַ נײַע וואַרטנדיקע ווײַלע און ווידער אַמאָל געגעבן עטלעכע שטילע, ניט זיכערע קלעפּ. פּאַמעלעך און אויף די שפּיץ פינגער, גלײַך ער קאָן עמעצן אויפוועקן, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט עס געעפנט אין דרויסן אַרויס. דאָס פענצטער, אין איינעם מיטן לאָדן; ס'איז שוין געווען אינגאַנצן טאָג, ממש טאָג. ערגעץ ווײַט, פאַרשטעלט מיט די ווײַטסטע און העכסטע בוימער־שפּיצן פון וואַלד, איז אויפגעגאַנגען די זון, און אַקעגן, לעבן דעם פײַכטן קאַלטן ביישטידל פון פענצטער איז מיט אַ בלאַס און צעשראָקן פּנים געשטאַנען אַ פרוי. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געהעפט־ווײַסן האַלב־טיולענעם קלייד מיט ווײַסע און לאַנגע הענטשקעס אָן פינגער. אירע אויגן האָבן אויף אים געקוקט גלײַך פון אַקעגן, ווי פאַרגליווערטע האָבן זיי אויף אים געקוקט, ווי גלעזערנע, וואָס קאָנען ניט ריידן. ער האָט זי דערקאָנט.

— אַך, חנהקע...

פאַרטייטשונג פון העברעיִזמען

אָדון, אדונית (אָדוין, אדויניס) — האר, הארנטע.
איה״ש (אים יִרצע האשעם) — אז גאָט וועט וועלן.
אלמאי (אַלעמאי) — פארוואָס.
אלאָ (עלאָ, עלע) — נאָר.
אלכסון (אַלאַכסען) — דיאַגאָנאַל.
בדיעבד (בידיִעוועד) — פאַקטיש.
בוררת (בוירערעס) — פאַרמיטלונג.
בושה (בושע) — שעמעוודיקייט, שאַנד.
בשר־חוץ (באָסאָר־כוין) — פלייש פון דער פרעמד.
גדלות (גאַדלעס) — גרויסקייט, גרויסהאַלטעריי.
גר, גרים (גער, גיירים) — פרעמדער, פרעמדע.
געערבט (עאָרעווט) — גאַראַנטירט.
גלוח (גאָלואַך) — א געגאָלטער.
דהיינו (דעהאינע) — צום ביישפיל.
הנהגה (האַנהאָגע) — פירערכץ.
העוויות (האַוואַיעס) — מינעס, באַוועגונגען.
הרור (הירור) — גערדאַנק, נאָכטראַכטן.
הקדש (העקדעש) אנשטאַלט פאַר אָרעמע און קראַנקע.
הרחבה (האַרכאָווע) — ברייטקייט.
ותרן (וואַטרן) — א מענטש מיט א לייכטער האַנט, נישט קיין קאַרגער.
חשון (כעשוון) — 2טער חודש אפן יִידישן קאַלענדאַר, וואָס פאַלט אוים
אין אייראָפּעיִשן האַרבסט.
חקירה (כקירע) — נאָכטראַכטעניש.
חוט־השדרה (כוט־האַשעדרע) — רוקנביין.
טפח (טעפאַך) — די מאָס פון א פויסט. מערצאָל — טפאָכים.
יד־אחת (יאַד־אַכאַס) — איין האַנט געייניקט.
כורעים (קוירים) — פאַלן — פאַלן צו די פיס.
כל־בו (קאָלבוי) — פון אַלץ.
ירא־שמים (יערייִ־שאָמאַיִם) — א גאָטפאָרכטיקער.
ליקוי־חמה (ליקע־כאַמע) — זון־פאַרטונקלונג.
להבדיל (לעהאַוודל) — נישט צו פאַרגלייכן.

מזג־טוב (מעזעג־טאָוו) — גוטער כאַראַקטער.
מושלם (מושלעם) — א ווױלקענער.
מחלל (מעכאַלעל) — זײַן — פֿאַרשוועכן.
מחר־טוב (מאָכאָר־טױוו) — גוטער מאָרגן.
מגזם (מעגאַזעם) זײַן — איבערטרײַבן.
מומחה (מומכע) — קענער.
מקצר (מעקאַצער) זײַן — פֿאַרקירצן.
מתנצל (מיסנאַצל) זײַן — אײַנאָרדענען.
משרת (מעשאָרעס) — א באַדינער, אָנגעשטעלטער.
נשאר (נישער) — געבליבן, דאָס געבליבענע.
נפקא מנה (נאַפקע־מינע) — אונטערשייד.
נאמן (נעעמען) — פֿאַרטרױונגס־מענטש.
נתינה (נעסינע) — גאָב.
סומך (סױמעך) זײַן — זיך פֿאַרלאָזן.
עגמת נפש (אַגמעס־נעפעש) — האַרצקלעמעניש.
עול (אָל) —יאָך.
עמודל (אָמעדל) — שטענדערל.
עלית נשמה (אַליאַס־נעשאָמע) — פֿלעמל — ליכט לעקאָוועד א טױטן.
ערב (אָרעוו) — גאַראַנטירט.
פרא־אדם (פֿערע־אָדאָם) — ווילדער מענטש.
פקח (פּיקייאַך) — קלוגער.
פני (פּנײ) — באַשעווע לײַט.
פלגש (פּילעגעש) — קעפּסווײַב.
קמצן (קאַמצן) — קאַרגער.
רמז (רעמעז) — אָנדײַט..
ריש אלפים ((רייש אַלאָפים) — צוויי הונדערט טויזנט.
רעש (ראַש) — טומל.
תמיד (טאָמיד) — שטענדיק

אינהאַלט:

דער טויבער — 11

אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט — 37

יוסף שור — 85

דרויב — 143

דער לעצטער ראש השנה — 157

יורדים — 169

אָפּגאַנג — 181

פאַרטייטשונגען פון העברעיִזמען — 347

Este libro
se terminó de imprimir
el día 28 de noviembre de 1961,
en los
Talleres Gráficos OPTIMUS S.R.L.,
Valentín Gómez 2755,
Buenos Aires